STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01752

# MEDRESH RABA ESTER ; MEDRESH RABA RUT

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mrs. Julius Zulver*
*in memory of*
*Doris & Selma Zulver*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מדרש רבה

# אסתר

תרגום יידיש

שינויי נוסחאות

ביאורים ומבוא מאת | דערקלערונגען און אריינפיר פון

שמשון דונסקי

מאָנטרעאל תשכ"ב

# MIDRASH RABBAH

# ESTHER

with

YIDDISH TRANSLATION

TEXT EMENDATIONS

EXPLANATORY NOTES AND INTRODUCTION

by

S. DUNSKY

שער בלאַט געצייכנט פון

מנחם דונסקי

ארויסגעגעבן פון

ש. דונסקי מדרש פאָנד

מיט דער מיטהילף פונעם

קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

Copyright 1962 by S. Dunsky

Printed in Canada by

THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.

Montreal, Canada

27

מיין געטרייען פריינט און לעבנס חבר,
אסתרן,

**א מתנה.**

# אַרײַנפיר

## א

**מגילת אסתר איז דורך די לעצטע צוויי טויזנט יאָר פון אונדזער** געשיכטע געווען די סאַמע פּאָפּולערסטע פון אַלע חמש מגילות. אירע אײַנמאָליקע פּערזאָנען און געשעענישן זײַנען, צוליב דער אָפּטער אומבאַהאָלפנקייט פון אונדזער פאָלק אין גלות, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איבערצײַטלעכער סימבאָליק. וואו נאָר עס האָט זיך באַוויזן אַ רשע, וואָס האָט געזוכט צו רודפן אָדער פאַרטיליקן יידן, איז ער ספּאָנטאַן באַטיטלט געוואָרן מיטן נאָמען המן, און אַ הערשער וואָס פלעגט זיך לאָזן אָנרעדן פון אַזאַ מין המן, פלעגט באַצייכנט ווערן מיט נאָמען אחשורוש, וואָס איז געוואָרן אידענטיש מיט מלך טיפש. און אַזוי זײַנען אויך די נעמען מרדכי און אסתר געוואָרן סימבאָלן פאַר יענע יידן „אין די הויכע פענצטער", די שתדלנים, וואָס פלעגן זיך באַמיען צו ראַטעווען זייער פאָלק אין אַן עת צרה. און ווען אַזאַ עת צרה איז אָנגעקומען, פלעגט דערדאָזיקער ספר אָנצינדן די הערצער פון אונדזער פאָלק מיט אַ ליכט פון נייעם מוט און פון נייער האָפנונג אויף אַן ענלעכן נס און אויף אַן ענלעכער נקמה ווי די וואָס יידן האָבן דערלעבט אין זייערע שונאים אין דער צייט פון אחשורושן.

איז ניט קיין וואונדער, וואָס דער פאַרנעם פון די פאַרצייטיקע אגדות אַרום מגילת אסתר, אין תלמוד און אין די פאַרשיידענע מדרשים, איז — מיטן אויסנאַם פון ספר בראשית — לאַוו ערך גרעסער איידער אַרום וועלכן אַנדער ספר פון תנ"ך [1].

די וויכטיקסטע און גרעסטע, און גלייכצייטיק זייער פּאָפּולערע זאַמלונג פון אגדות און דרשות אַרום מגילת אסתר איז אונדזער מדרש אסתר רבה [2].

## ב

אין אַלע עלטערע אויסגאַבעס, אײַנגעשלאָסן אַזאַ שפּעטע אויסגאַבע ווי די לעמבערגער פון 1859, איז דער מדרש אײַנגעטיילט אין זעקס פּרשיות. פון פּרשה ו און ווייטער איז מער קיין אײַנטיילונג ניטאָ. אין די נייע אויסגאַבעס, ווי די ווילנער און וואַרשעווער, איז די פּרשה ו אײַנגעטיילט אין גאַנצע פינף פּרשיות, מסתמא פאַר דער באַקוועמלעכקייט פונעם לערנער,

[1] מגילת אסתר פאַרנעמט ניט מער ווי איינס פּראָצענט פונעם תנ"ך, בעת די אגדות אַרום דעם ספר פאַרנעמען אין לוי גינצבורגס זאַמלונג „לעגענדעס פון די יידן" (ענגליש, אגדות ארום תנכישע העלדן און געשעענישן) גאַנצע פינף פּראָצענט פונעם אַלגעמיינעם מאַטעריאַל. [2] ווערט אויך אָנגערופן הגדת מגילה און מדרש מגילת אסתר (אַזוי אין די ערשטע אויסגאַבן; און ביים סוף — סליק ליה מדרש אחשורוש, געענדיקט דער מדרש אחשורוש; אויך אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע איז דער נאָמען מדרש מגילת אסתר). — וועגן מדרש בכלל, מדרש הלכה און מדרש אגדה, מדרש שבעל פה און מדרש שבכתב — זע אַרײַנפיר צו אונדזער אויסגאַבע פון איכה רבה מיט יידישער איבערזעצונג, מאָנטרעאל, תשט"ז.

האָבנדיק דערביי אין זינען, וואַרשיינלעך, אַז די צאָל פּרשיות זאָל שטימען מיט דער צאָל פּרקים פון אסתר. לויט דערדאָזיקער איינטיילונג, ביי וועלכער מיר האַלטן זיך אין אונדזער אויסגאַבע, הייבן זיך אָן זעקס פּרשיות מיטן ערשטן פּסוק פון אַ באַשטימטן פּרק פון דער מגילה (א — א, א; ה — ב, א; ז — ג, א; ח — ד, א; ט — ה, א; י— ו, א); דריי פּרשיות הייבן זיך אָן ביי באַשטימטע פּרשיות סתומות (ג — א, ט; ד — א, יג; ו — ב, ה); און נאָר פּרשה ב הייבט זיך אָן מיט אַ געוויינלעכן פּסוק (א, ד). פאַר די פּרשיות א, ב, ג, ה און ו געפינט זיך איינע אָדער מערערע פּתיחתאס[3]. די גרעסטע צאָל פּתיחתאס געפינען זיך פאַר פּרשה א, און זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַן אַלגעמיינעם אַריינפיר צום מדרש.

די דירעקטע פאַרבינדונג פונעם מדרש מיט די פּסוקים פון דער מגילה איז פון פאַרשיידענע מדרגות. בעת אויף די פּרקים א — ג זיינען די דרשות זייער אויספירלעך און ברייט[4], ווערט וואָס ווייטער די פאַרבינדונג מיט די פּסוקים אַלץ אומפּינקטלעכער און מאָגערער, ביז עס רעדוצירט זיך לסוף צו איינצלנע און צופעליקע פּסוקים, און מיטן פּרק ח פּסוק טו ענדיקט זיך די פאַרבינדונג פולשטענדיק, און ס'מאַכט דעם איינדרוק פון אַ ניט פאַר־ ענדיקטער אַרבעט. דערפאַר אָבער איז די צווייטע, קלענערע העלפט פון מדרש, באַזונדערס פון ז, י, און ווייטער, זייער רייך אין דראַמאַטיש־דער־ ציילערישע מאָמענטן. זיינען מאַנכע פאָרשער געקומען צום שלוס, אַז לפּחות יענער טייל פונעם מדרש שטאַמט אָפּ פון גאָר אַ שפּעטערער צייט[5]. זיי שטיצן זיך באַזונדערס אויף די מעשות וועגן מרדכיס חלום[6], מרדכיס און אסתרס תּפילות[7], און אסתרס דערשיינען פאַרן מלך[8], וואָס קוקן אויס ווי גענומען כמעט וואָרט פאַר וואָרט פון יוסיפון, און ס'איז געווען אָנגענומען, אַז דער יוסיפון שטאַמט פונעם צענטן יאָרהונדערט[9].

איז אָבער ערשטנס מעגלעך, אַז דער צוזאַמענשטעלער פונעם מדרש און דער מחבר פון יוסיפון האָבן געהאַט פאַר זיך די זעלבע אַלטע מקורות, פון וועלכע ביידע האָבן געשעפּט זייערע מאַטעריאַלן[10]. והשנית, אויב מיר זאָלן אָננעמען מיט אַנדערע פאָרשער, וואָס האָבן שטאַרקע באַווייזן

---

[3] אַ פּתיחתא פון פּתח, עפענען, איז אַן אַריינפיר דרשה, מיט וועלכער דער בעל דרשן האָט געזוכט צוצופירן זיינע צוהערער צו דער דרשה אויפן טעקסט גופא (זע באַמערקונג 1 צו פּתיחתא א פון אונדזער אויבן דערמאָנטער אויסגאַבע פון איכה רבה). לויט חנוך אַלבעק אין זיינע הוספות צו הדרשות בישראל פון צונץ (ז' 129) איז די היינטיקע פּרשה ז אויך אַמאָל געווען אַ באַזונדערע פּרשה, ווייל די ערשטע סימנים פון דערדאָזיקער פּרשה (א—ו) טראָגן דעם כאַראַקטער פון פּתיחתאס. [4] די ערשטע פיר פּרשיות דעקן נאָר פּרק א, און די פּרשיות ה—ו דעקן פּרק ב. [5] זע צונץ, הדרשות בישראל, ז' 128. [6] ח, ה. [7] ח, ז. [8] ט, א.

[9] זע צונץ דאָרט, ז' 69, וואו ער גיט אפילו אָן גענוי דאָס יאָר פון דער פאַרפאַסונג: 940.

[10] דער ערשטער מקור פאַר דידאָזיקע עלעמענטן זיינען די הוספות צו מגילת אסתר אין תרגום השבעים (זע כהנא, הספרים החיצונים, א, זייט תקמג און ווייטער). און א. יעלינעק, אין בית המדרש ה, ברענגט אַן אַלטן אַראַמישן טעקסט פונעם חלום מיט די תפילות, צוזאַמען מיט אַ העברעאישער איבערזעצונג, און דער טעקסט איז זייער ענלעך צום אַנטשפּרעכנדיקן טעקסט פון אונדזער מדרש און פון יוסיפון (הומינר, ירושלים, תשט"ז, זייט כו און ווייטער),

אויף דעם, אַז דער יוסיפון איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פיל פריער [11], פֿאַלט בכלל אַוועק דער באַזיס פֿאַר שפּעטיקייט. מעגן מיר אָננעמען מיט א. ה. ווייס [12], אַז ס'איז ניטאָ קיין סיבה צו פֿאַררעכענען אסתר רבה צווישן די גאָר שפּעטע מדרשים, און ס'לאָזט זיך מאַכן די השערה, אַז אונדזער מדרש שטאַמט אָפּ פון ניט פיל שפּעטער ווי די שליסונג פון די עלטערע מדרשים, ווי בראשית רבה, איכה רבה און ויקרא רבה, פון וועלכע ער שעפּט, אויסערן ירושלמי, פיל פון זיינע מאַטעריאַלן, — דאָס הייסט פון זעקסטן אָדער שפּעטסטנס זיבעטן יאָרהונדערט.

ס'איז אָבער כדאי צו באַמערקן, אַז די גאַנצע שקלא וטריא וועגן דער פריקייט אָדער שפּעטקייט פונעם מדרש איז נוגע נאָר דעם צוזאַמענשטעל, די לעצטע רעדאַקציע. בנוגע דעם אינהאַלט גופא איז קלאָר, אַז דער ווייט גרעסטער טייל זיינער שטאַמט אָפּ פון גאָר אַלטע צייטן. דאָס קאָן מען זען פון די נעמען פון די חכמים, וואָס זייערע מאמרים ווערן געבראַכט, — מערסטנס פון די ערשטע דורות אמוראים, און אַ היבש ביסל מאמרים שטאַמען פון תנאים.

אויב אָבער די פֿאַרשיידנקייט פון צוזאמענשטעל איז אונדז ניט מחייב אָנצונעמען, אַז דער צווייטער, קלענערער טייל פונעם מדרש, פון פרשה ז' און ווייטער, שטאַמט אָפּ פון אַ פיל שפּעטערער צייט, איז אָבער קלאָר באַוויזן געוואָרן פון אַזאַ ערנסטן פֿאָרשער ווי חנוך אַלבעק [13], אַז אונדזער מדרש ווי ער איז היינט איז ווען עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון צוויי באַזונדערע טיילן, און אַז יעדערער פון די צוויי איז פריער געווען אַ טייל פון אַ באַזונדער זאַמלונג פון דרשות אויף מגילת אסתר.

בנוגע צום לאַנד וואו דער מדרש איז געשאַפן געוואָרן איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דאָס איז ארץ ישראל. אַט ווערט אין איין אָרט [14] ציטירט די גריכישע תנ"ך איבערזעצונג פון עקילס, וואָס איז געווען פרעמד די חכמים פון בבל. און אַט גיט דער בעל המדרש איבער, אַז די דרשה אויפן וואָרט ויהי האָבן די חכמים געבראַכט פון בבל [15]. אויך דער אויסדרוק רבנן דתמן

---

פון וואָס ס'איז צו זען, אַז אין פֿאַלק זיינען אומגעגאַנגען פֿאַרשיידענע ווערסיעס פון דידאַקטישע מעשיות. [11] לויט טריבער — אין פערטן יאָרהונדערט (זע ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדיע, זוכוואָרט יוסיפון); לויט דער מיינונג פון א. נוימאַן (Landmarks and Goals, ז' 21) איז דער יוסיפון פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿאַר דער שליסונג פון תלמוד בבלי, און אפילו פֿאַרן ירושלמי. און ש. ז. צייטלין, וואָס האָט צוערשט געהאַלטן, אַז דער יוסיפון שטאַמט אָפּ פון פינפטן, שפּעטסטנס אָנהייב זעקסטן יאָרהונדערט (יוסיפוס וועגן ישו, ענגליש, ז' 53), נעמט אָן אין אַ שפּעטערדיקער אַרבעט וועגן די איסיים (ספר הדואר, תשי"ז, ז' 48), אַז דער יוסיפון איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אַזוי פרי ווי סוף צווייטן אָדער אָנהייב דריטן יאָרהונדערט. [12] דור דור ודורשיו ג, 274, באמ. 2. און אין ליכט פונעם אויבנגעבראַכטן וועגן דער צייט פון דער פֿאַרפֿאַסונג פון יוסיפון פֿאַלט אויך אַוועק די באַמערקונג פון ווייס, אַז יענע בשות־פותדיקע עלעמענטן זיינען מעגלעך שפּעטערדיקע הוספות. [13] זע זיינע צוגאָבן צום ספר הדרשות פון צונץ, זייטן 129—130, און די באַמערקונגען 34—38 אויף זייטן 405—406. [14] ב. ז. [15] פתיחתא יא. און כאָטש די דרשה איז וואַרשיינלעך גענומען געוואָרן פון בראשית רבה (מב, ג), איז אָבער קלאָר, אַז וואָלט דער מדרש צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין

אמרין [16], אָדער תמן אמרין [17], ווייזט, אַז ארץ ישראל איז דאָס געבוירנאָרט פונעם ספר, ווייל יענע מאמרים געפינען זיך גראָד אין תלמוד בבלי [18], ניט אין ירושלמי. אויך איז דאָס דערמאָנען די רוימישע ימים טובים קאַלענדאַ און סאַטורנאַליאַ [19], און די מאַסע רוימישע און גריכישע ווערטער בכלל, אַ באַוויז, אַז דער מדרש איז אַן ארץ ישראלדיקע שאַפונג. אַ סימן אויף דעם איז אויך דער אויסדרוק צְלָב [20] פאַר הענגען [21], וואָס איז אַן ארץ ישראלדיקע שפּראַך ירושה פון די צייטן פון דער געצנדינעריש־רוימישער הערשאַפט אין לאַנד, — אַן אויסדרוק, וואָס געפינט זיך נאָר אין ירושלמי און אין די ארץ ישראלדיקע מדרשים, און איז ניט בנמצא אין תלמוד בבלי [22]. אויך דער אויסדרוק קְנִיגִין [23], געפעכט צווישן פאַרמשפּטע מענטשן און ווילדע חיות, שטאַמט פון דער רוימישער ספערע, און ניט פון בבל.

## ג

אסתר רבה פאַרמאָגט אַלע גרונט כאַראַקטער שטריכן, וואָס זיינען אייגן דער גאַנצער מדרש ליטעראַטור, ווי דער אגדה בכלל. דעם בעל המדרש איז וויכטיק ניט אַזוי די איינמאַליקע געשעעניש, אָדער די איינמאַליק געלעבטע פּערזענלעכקייט, ווי דאָס סימבאָלישע וואָס אין זיי, דאָס איבערצייטלעכע, דער מוסר השכל פאַר דורות. זיין געשיכטס פילאָסאָפיע ביים אויפקלערן די סיבות פון די געשעענישן, די שייכותדיקע סעקווענץ פון די פּאַסירונגען, איז אַ רייך רעליגיעז־עטישע. בעת אַ היינטיקער היסטאָריקער וואָלט געזוכט די סיבות פון דערשיינונגען אין דעם הינטערגרונט פון די געשעענישן, אין דער ספערע פון די היסטאָרישע פּאַסירונגען פון דער נאָענטער פאַרגאַנ־גענהייט, זוכט זיי דער בעל המדרש אין דער ספערע פון עטיק, פון מאָראַ־לישער אויפפירונג. און צוליב דער איבערצייטלעכקייט פון זיין צוגאַנג צו די געשעענישן איז דעם בעל דרשן ניט קיין חילוק, צי די אָנגעגעבענע סיבה פאַר אַ פּאַסירונג איז אַ נאָענטע און דירעקטע, אָדער זי געפינט זיך אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. קיין שום מענטשלעכער אַקט, צום גוטן אָדער צום שלעכטן, גייט ניט פאַרלאָרן. ערגעץ וואו פירט זיך אַ חשבון צדק, און ווען עס איז מוז קומען די צייט אויף אויסצוטיילן גערעכטיקייט, באַלוינונג פאַר מעשים טובים און שטראָף פאַר מעשים רעים, מידה כנגד מידה. בנימין, דער שטאַם פאָטער פון מרדכין, האָט גורם געווען, אַז זיינע ברידער זאָלן פון גרויס צער איבערן געפונענעם בעכער צערייסן זייערע קליידער; איז עס אָפּגעצאָלט געוואָרן זיין אור־אור־אייניקל מרדכין אין אחשורושס טעג [24]. און דאָס גרויסע און ביטערע געשריי וואָס האָט זיך

---

[16] די רבנן פון דאָרטן בבל, וואָלט דערדאָזיקער אויסדרוק זיכער אַרויסגעלאָזט געוואָרן. [17] דאָרטן זאָגט מען, — י, ד (זע דאָרט באַמערקונג 3); י, יג (זע זאָגן, — ח, ג; ט, ב. [18] דער מאמר פון ח. ג — אין מגילה טו, א; סוטה כ, ב; נידה עא, א. דאָרט באַמערקונג 9). פון ט, ב — אין חולין, קלט, ב. פון י, ד — אין מגילה טז, א. פון י, יג — אין מגילה יא, א; עבודה זרה ב, ב; קידושין עב, א. [19] ז, א. [20] פון צלוב, צליבה, — אַ קרייץ. [21] ב, יד; ג, יד און נאָך. [22] אויסער, נאַטירלעך, אין ציטאַטן פון דער ארץ ישראלדיקער

אַרויסגעריסן פון מרדכיס האַלדז, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון המנס גזרה, איז געווען אַ געצאָלטס פאַרן גרויסן און ביטערן געשריי וואָס יעקב האָט גורם געווען עשון, ווען ער האָט פון אים די בכורה אַרויסגענאַרט[25]. און אַזוי ווערט פעסטגעשטעלט דורכן בעל אגדה דער גרויסער עטישער פּרינציפּ, אַז דער מענטש טראָגט אַ היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מעשים, און ניט נאָר פאַר זיין צייט, נייערט אויך פאַר די סאַמע ווייטסטע דורות.

אויך ושתיס טויט, וואָס האָט אין פלוג, לויט דער מגילה, ניט געהאַט קיין באַרעכטיקטע סיבה, איז לויטן בעל המדרש געווען אַ פאַרדינטע שטראָף, דערפאַר וואָס זי האָט ניט געלאָזט אחשורושן געבן קיין דערלויבעניש צו פאַרענדיקן בויען דעם בית המקדש[26]. און אוודאי איז די גזרה אויף די יידן ניט געווען סתם קיין צופאַל, נייערט אַ דירעקטע שטראָף פאַר לאָזן זיך אָנרעדן און הנאה האָבן פון אחשורושס סעודה, וואָס איז געווען געבונדן מיט זנות, און זיכער אויך מיט עבודה זרה[27].

און אַזוי ווי צום שלעכטן, אַזוי אויך צום גוטן. מרודך בלאדן האָט געמאַכט דריי טריט, כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם אייבערשטן; האָט ער זוכה געווען, אַז פון אים זאָלן אַרויסקומען דריי וועלט הערשער[28]. און ווייל כורש האָט דערלויבט אַרויפצוגיין צו גאָטס הויז, האָט אים גאָט צוגעגעבן נאָך אַ מדינה צו זיין הערשאַפט[29]. ווייל העכער פון אַלץ איז דער אמת, און דער אייבערשטער באַרויבט ניט קיינעם פון זיין פאַרדינטן שכר.

צוליב דעמדאָזיקן רעליגיעז־עטישן בליק אויף דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס איז אין גרונט אַ טרייע פאָרזעצונג פון נבואה, איז נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך די נייגונג צו מעלאָדראַמאַטיזירונג, דאָס כסדרדיקע קעגנשטעלן דעם צדיק מיטן רשע ווי צוויי עקסטרעמען[30]. דאָך שטערט עס ניט דעם בעל המדרש צו זען דאָס ביסל ליכט וואָס רייסט זיך אַמאָל אַרויס דורך דער חשכות פון רשעות. אַזוי ווייסט דער בעל המדרש צו דערציילן וועגן באַשטימטע מעלות פון אחשורושן[31], וואָס שטעלט זיך צוזרשט גאַנץ שטאַרק קעגן המנס רשעותדיקע פּלענער[32].

אַ צווייטער הויפּט מאָמענט נאָכן רעליגיעז עטישן, און ניט ווייניקער וויכטיק פונעם ערשטן, איז אהבת ישראל. כאָטש דעם בעל דרשן איז קלאָר, אַז יידישע צרות זיינען אַ שטראָף אויף זייערע זינד, מינערט עס אָבער ניט אויף אַ האָר פון זיין ליבשאַפט צו זיין פאָלק. אין זיין גרויסער אהבת ישראל געפינט ער אין זיך אפילו געגוג מוט זיך שאַרף־סאַרקאַסטיש אויסצוטענהן מיטן ריבונו של עולם, הלמאי ער האָט געשטאַרקט די הענט פון די רשעים און זיי איבערגעענטפערט זיין אויסדערוויילט פאָלק צו טאָן מיט אים ווי זייער האַרץ גלוסט. און דער פסוק דעם יתום ביסטו געווען אַ העלפער

משנה און ברייתא. [23] ג, יד; זע דאָרט באַמערקונג 6. [24] ח, א. [25] דאָרט. [26] ה, ב. [27] ז, יז. [28] ג, א. [29] א, ה. [30] זע, א שטייגער פתיחתא ו און פרשה ו, ב.

ווערט ביטערלעך אַזוי געטייטשט: „צוויי יתומים וואָס זיינען אים (עשון) נאָכגעבליבן, דאָס זיינען רעמוס און ראָמולוס, האָסטו געגעבן דער וועלפיכע רשות זיי אָנצוזויגן, און שפּעטער האָבן זיי גענומען און אויפגעבויט צוויי ביידלעך אין רוים", — דער אָנהייב פון יענער שטאָט, וואָס האָט שפּעטער חרוב געמאַכט דעם בית המקדש [33]. און אַן אַנדער פּסוק, ממתים — פון מענטשן, פון דיין האַנט, גאָט, ווערט אַזוי געטייטשט: „ווי העלדיש דאַרפן זיי זיין, אַז זיי האָבן באַקומען זייערס פון דיין האַנט, גאָט. און ווער איז עס? דאָס איז דער דור פון די גזרות שמד: ממתים מידך — געטייט דורך דיין האַנט; מחלד — די וואָס זייער לייב איז פאַרשימלט געוואָרן אויף קידוש השם; ווער זיינען זיי? ר' שמעון בן יוחאי און ר' אלעזר זיין זון". [34]

זייער טרעפלעך און ביז גאָר פּאַטעטיש ווערט, מיט דער הילף פונעם משל מיטן פוקס וואָס האָט געפונען אַ פּאַסטקע איבערן קוואַל, אַרויסגע־בראַכט דער גאַנצער טראַגיזם פון דער יידישער דילעמאַ אין יאָרן פון גזרות שמד: „פאָלג איך זיי (די געצנדינער), אַזוי ווער איך באַשטראָפט (פון גאָט); פאָלג איך זיי ניט, אַזוי הרגענען זיי מיך" [34*].

פאַרן בעל המדרש איז ישראל דער עיקר פון דעם באַשאַף. אפילו די געבאָטן פון דער תורה האָבן קיין ווערט ניט, אויב חלילה, ישראל זאָל פון דער וועלט גיין. און ווען מרדכי וויל ניט פאַסטן, ווייל ס'איז דאָך פּסח, שיקט אסתר אים זאָגן: „אויב ניט קיין יידן, אויף וואָס דאַרף מען דעם פּסח?" [35] ווייל ווייסן ווייסט דער בעל המדרש, אַז מיט אַלע זיינע שאָטנדיקע זייטן איז נאָך אַלץ דאָס פאָלק ישראל אַ צדיק לגבי דער אַרומיקער געצנדינערישער וועלט. „ר' איבו זאָגט: זיי מעגן זיין די כפּרה פאַר ישראל! ווען יידן עסן און טרינקען און לאָזן זיך וואוילגיין, בענטשן זיי און לויבן און אַכפּערן הקדוש ברוך הוא; אָבער אַז די אומות העולם עסן און טרינקען, פאַרנעמען זיי זיך מיט פאַרשייטקייט" [36]. איז טראָץ אַלע טענות צו ישראל איז דער דרשן זיכער, אַז גאָט וועט זיין פאָלק סוף־כל־סוף ניט פאַרלאָזן, און מיט אַלע מיטלען זוכט ער איינצופלאַנצן דידאָזיקע זיכערקייט אין זיינע צוהערערס. אויף אדריאַנוסעס באַמערקונג: „ווי גרויס איז דאָס שעפעלע, וואָס קאָן שטיין צווישן זיבעציק וועלף", ענטפערט ר' יהושע: „גרויס איז דער פּאַסטוך וואָס ראַטעוועט עס און צעברעכט זיי פאַר זיי" [37]. און טאָמער קומט די ישועה ניט אַזוי שנעל און ניט פאַר אַמאָל, טאָר מען אויך ניט פאַרצווייפלען, דען ווי דאָס אויפגיין פונעם מאָרגנשטערן, „אַזוי איז עס מיט דער גדולה פון ישראל, — צוערשט אַ ביסעלע; וואָס ווייטער ווערט זי גרעסער און האַלט זיך אין איין פאַרמערן" [38]. און דערדאָזיקער פּאַסטוך פון ישראל „דרימלט ניט און שלאָפט ניט", און אויפן פּסוק נדדה שנת המלך, ס'האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פונעם מלך, זאָגט דער בעל

---

[31] א, טו. [32] ז, יג. [33] ג, ה. [34] ג, ז. [34*] ז, ו. [35] ח, ז. [36] ג, יג. [37] י, יא.

המדרש[39]: „נדדה שנת מלכו של עולם״, ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פונעם מלך פון דער וועלט, — כביכול אַליין קאָן ניט רוען, ווען יידן זיינען אין אַ צרה. נאָך מער: אפילו ווען דער כביכול מוז זיך צוהערן צום קטיגור און גיט אַרויס די גזירה פון כליה, חלילה, חתמעט ער זי לכתחילה ניט מיט בלוט, נייערט מיט ליים, כדי צו לאָזן די מעגלעכקייט זי מבטל צו זיין[40].

די העכסטע מדרגה פון אהבת ישראל קומט צום אויסדרוק אויף אַ וואונדערלעכן, בילדעריש פּאַטעטישן אופן אין דער שילדערונג ווי די אויבערשטע וועלטן רעאַגירן אויף המנס גזירה: די תורה, די מלאָכים, די זון און די לבנה, אליהו הנביא מיט די אָבות און משה רבנו — אַלץ און אַלע ווערן אויפגערודערט און אויפגעשטורעמט, ווי מיטן אונטערגאַנג פון ישראל, חלילה, וואָלט די גאַנצע וועלט אונטערגעגאַנגען[41]. דאָ וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן די ענלעכקייט מיט דער שילדערונג אין פּתיחתא כד פון איכה רבה[42], וואו די אייבערשטע וועלטן ווערן אויף אַן ענלעכן אופן אויפגערודערט און אויפגעשטורעמט איבערן חורבן פון בית המקדש און איבערן גלות פון ישראל. ווי גרויס אָבער די ענלעכקייט איז, אַזוי איז אויך גרויס דער אונטערשייד. בעת אין איכה רבה קומט הויפּטזעכלעך צום אויסדרוק דער פּאַטאָס פון טרויער, פון יאוש, קומט דאָ דער עיקר צום אויסדרוק דער פּאַטאָס פון דראַנג צו גאולה, צו רעטונג. דאָרט ווערן די אָבות און משה אַרויסגערופן פון די קברים, כדי דער כביכול זאָל האָבן ווער עס זאָל מיטוויינען מיט אים, און ערשט זיי הייבן אָן צו פאָדערן רחמנות אויף זייערע קינדער; אָבער אין אונדזער מדרש ווערן זיי לכתחילה אַרויסגערופן כדי צו ראַטעווען ישראל פון בייזן גזר. אַזוי איז אויך דער גורם צו כביכולס חרטה און צו זיין צוזאָג צו ראַטעווען ישראל פאַרשיידן: בעת דאָרטן ווערט דער צוזאָג פון אַ ווייטער גאולה געגעבן אין זכות פון דער מוטער רחל, קומט דאָ די שנעלע ישועה אין זכות פון די תינוקות של בית רבן, די קליינע קינדער פון חדר, וועמעס געוויין דער כביכול אַליין האָט מער ניט געקאָנט ביישטיין, „און ער איז אויפגעשטאַנען פון דעם שטול פון דין און האָט זיך געזעצט אויפן שטול פון רחמים״ און צעריסן דעם גזר דין[43].

ד

אָבער ניט דער גאַנצער מדרש איז געשריבן אין זעלבן געהויבענעם טאָן און מיטן זעלבן פּאַטאָס. היבשע טיילן פונעם ספר זיינען געשריבן אין לייכטן טאָן, אָפט מיט גאָר פיינעם הומאָר. אחשורוש, אַ שטייגער, ווערט באַצייכנט ווי דער יעניקער, וואָס האָט געהרגעט זיין ווייב צוליב זיין פריינט און זיין פריינט — צוליב זיין ווייב[44]. ווען אחשורוש ווידער פרעגט זיינע פאַרבעטענע יידישע געסט צי קען זייער גאָט זיי מאַכן לעתיד לבוא

---

[38] י, יד. [39] י, א. [40] ז, יח. [41] דאָרט. [42] זע אונדזער איכה רבה אויסגאַבע,

אַ רייכערע סעודה ווי זיינע, ענטפערן זיי אים: „אויב אַזאַ סעודה ווי די וועט ער אונדז מאַכן, וועלן מיר אים זאָגן: מיר האָבן זי שוין געגעסן אויף אחשורושס טיש״ [45]. און ווען ושתי ווידערשפּעניקט דעם מלכס באַפעל אַריינצוקומען פאַר אים אַ נאַקעטע, שיקט זי אים זאָגן: „שטאַלמייסטער ביסטו געווען אין מיין פאָטערס הויז, און ביסט געוואוינט געווען אַריינצוברענגען נאַקעטע זונות פאַר דיר; און איצט, אַז דו ביסט אַריין אין מלכות, ביסטו ניט אַוועק פון דיינע קרומקייטן״ [46]. צי אַשטייגער די דריי דערקלערונגען, פאַרוואָס ממוכן־המן איז אין כעס געווען אויף ושתין: ווייל זי פלעגט אים שלאָגן מיט אירע שטעק־שיך אויף ביידע זייטן פנים; ווייל זי האָט ניט פאַרבעטן זיין וייב צו דער סעודה וואָס זי האָט געמאַכט פאַר די ווייבער; און ווייל ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס ער האָט געוואָלט חתונה מאַכן פאַר מלכות [47]. אָדער די מעשה מיטן שיכור, וואָס קיין מיטל האָט ניט געהאָלפן אָפּצוטאָן פון אים זיין שיכרות, און אפילו אויפן בית עולם האָט ער זיינס געפונען [48].

און אַזוי קומט דערדאָזיקער פיינער הומאָר צום אויסדרוק אין נאָך אַ סך ערטער: אין דער מעשה פונעם לייב מיטן פוקס [49]; אין דער פאַבל מיטן פויגל וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן אַ סוף צום ים [50]; אין דעם ענטפער וואָס הקדוש ברוך הוא גיט המנען אויף זיין מסירה וועגן דער גרויסער צאָל יידישע ימים טובים („רשע! דו וואַרפסט אַ בייז אויג אויף זייערע ימים טובים? אָט וועל איך דיך וואַרפן פאַר זיי, און אויף דיין מפּלה וועלן זיי זיך מוסיף זיין נאָך אַ יום־טוב״) [51]; אין דער מעשה, ווי המן האָט זיך צוגעמאָסטן צום בוים צו זען, אויב ער וועט זיין גוט פאַר מרדכין, און אַ בת־קול האָט זיך אָפּגערופן: „דער בוים פּאַסט דיר, דער בוים איז אָנגעגרייט פאַר דיר פון ששת ימי בראשית״ [52]; און אין דער באַמערקונג וועגן המנס פיר פּראָפעסיעס וואָס ער האָט זיך איינגעאייגנט ביים דורכפירן דעם מלכס באַפעל אָנצוטאָן כבוד מרדכין: ער האָט אים געדינט ווי אַ בעדער, אַ שערער, אַן אָנטרייבער און אַן אויסשרייער [53].

אַ מייסטערווערק פון פיינעם הומאָר איז המנס מסירה און זיין בריוו. דער בעל אגדה האָט זיך דאָ קינסטלעריש אַריינגעלעבט אין דער מענטאַליטעט און איבעם געמיט פונעם ארכי שונא ישראל, און האָט אויף אַ הומאָריסטישן אופן אַרויסגעבראַכט המנס געצנדינערישן איינשטעל, אַז אַזוי ווי אויף דער ערדישער וועלט איז ניטאָ קיין כוח וואָס זאָל זיין אייביק, נייערט אויף אַלץ קומט אַ צייט, און איין שטאַרקער מוז סוף כל סוף אָפּטרעטן פאַר אַ צווייטן וואָס איז שטאַרקער פון אים, אַזוי איז עס אויך אין דער וועלט פון די געטער, — אויך זיי זיינען אונטערגעוואָרפן דעם אומפאַרמיידלעכן פאַטום, דעם גורל. און דעריבער, זאָגט המן, דאַרף מען מער ניט

---

ז׳ 63 און ווייטער. [43] ט, ד. [44] פתיחתא ט. [45] ב, ה. [46] ג, יד. [47] ד, ו.

מורא האָבן פאַרן יידישן גאָט, דען „דער גאָט, וואָס האָט דערטרונקען פרעהן אין ים און געטאָן צו ישראל די ניסים און גבורות וואָס איר האָט געהערט, איז שוין אַלט, און ער קאָן גאָרניט ניט טאָן״ [54].

היינט המנס אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע. אין אַזעלכע רשעים און פאַרדאַרבערס, ווי פרעה, עמלק, נבוכדנאצר, זעט ער לויטער גוטס און נאַאיווע אומשולדיקייט („קומט און זעט, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון יענעם אָרימען פרעהן!״); בעת אין די גדולי ישראל, ווי משה, יהושע, שמואל, דוד, שלמה, זעט ער בלויז רשעות און פאַרדאָרבנקייט און כישוף, און אַ דראַנג חרוב צו מאַכן די וועלט („— — — איז אויפגעקומען זיין זון שלמה און האָט אויפגעבויט פאַר די יידן עפּעס אַ הויז און עס אַ נאָמען געגעבן בית המקדש, און איך ווייס ניט, וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַט אינע־ווייניק: ווען זיי פלעגן גיין אויף מלחמה, פלעגן זיי אַריינגיין אַהין און דאָרט כישוף טאָן, און ווען זיי פלעגן אַרויסגיין פון דאָרט, פלעגן זיי הרגענען און חרוב מאַכן די וועלט״ [55]).

אין די תנכישע ספרים איז דער הויפּט יסוד דער פּאַטאָס; דער עלעמענט פון הומאָר איז זייער אָרים אין זיי. און יענע שטעלן פון תנ״ך, וואָס רופן יאָ אַרויס אַ שמייכל, געהערן גיכער צום עלעמענט פון סאַרקאַזם, פון אָפּלאַכן, חוזק מאַכן, אָבער ניט פון הומאָר [56]. די בעלי אגדה, וואָס זיינען געוויינלעך געגאַנגען אין די פוסטריט פון נבואה, האָבן אָבער געלעבט אין צייטן פון רדיפות און גזירות און האָבן גוט געקענט די שטימונגען פון זייערע צוהערערס. האָבן זיי זיך דעריבער דערלויבט אַריינצוברענגען אין מיטן פון זייער פּאַטאָס אמתן, נאַטירלעכן הומאָר, וואָס האָט אַרויס־גערופן ביים צוהערער און ביים לערנער אַ באַפרייענדיק געלעכטער, אַ געלעכטער וואָס מאַכט לייכטער באַטריבטע געמיטער און לייטערט אויס פאַרכמורעטע הערצער.

דער עסטעטיש־קינסטלערישער דראַנג פון די בעלי המדרש קומט אָפט צום אויסדרוק אַ דאַנק אַ באַזונדערן כאַראַקטער שטריך פון די תנ״ך ספרים, — זייער קורצקייט. די פּרעציזקייט און בצמצומדיקייט פונעם תנכישן טעקסט, וואָס גיט איבער נאָר דעם סיפור המעשה, האָט געלאָזט פאַר די בעלי אגדה ברייטע מעגלעכקייטן פאַר פרייען שפּיל פון דער שאַפערישער פאַנטאַזיע, און מיט זייער קינסטלערישן חוש האָבן זיי באַוויזן צו אַקטואַליזירן נייע דראַמאַטישע סיטואַציעס, אַריינצוברענגען לעבעדיקע דיאַלאָגן און זיך צו פאַרטיפן אין פסיכאָלאָגישע באַטראַכטונגען. מיט דעם האָבן זיי צוגעגעבן נייעם קאָליר צו די געשעענישן פון דער מגילה און פאַראינטריגירנדיקע כאַראַקטער שטריכן צו אירע העלדן.

---

[48] ה, א. [49] ז, ג. [50] ז, י. [51] ז, יב. [52] ט, ב. [53] י, ז. [54] ז, יד. [55] ז, טו.
[56] זע, אַ שטייגער, מלכים א, יח, כז; ישעיה מד, יב—כ; תהלים קטו, ד—ז.

אוודאי איז ניט דאָס קינסטלערישע געווען זייער ציל. זייער הויפּט אויפגאַבע איז געווען צו הייבן די שטימונג פון פאָלק, פאַרשטאַרקן אין אים דעם גלויבן אין זיין אויסדערוויילטקייט, פאַרפלאַנצן אין אים דעם ביטחון אין דעם אייבערשטנס השגחה און די אמונה אין דער קומענדיקער גאולה, און גלייכצייטיק איינפלאַנצן אים אין האַרצן אַ ליבשאַפט און אַ דראַנג צו תורה, צו מידות טובות און צו מעשים טובים.

דרך אגב אָבער, אַליין אפשר ניט וויסנדיק פון דעם, האָבן פיל פון זיי געגעבן אויסדרוק צו זייערע עסטעטיש קינסטלערישע דראַנגען צו פאָרם און געשטאַלטונג. און דאָס האָט געווירקט, אַז זייערע רייד זאָלן געפינען אַ טיף עמאָציאָנעלן אָפּקלאַנג אין יידישע הערצער און וואַרים באַלייכטן יידישע געמיטער דורך דורות און תקופות.

## ה

די מערסטע באַמערקונגען וואָס געפינען זיך צום סוף פונעם אַריינפיר צו אונדזער איכה רבה אויסגאַבע (מאָנטרעאַל, תשט״ז, זייט טז) זיינען גילטיק אויך פאַר דער איצטיקער אויסגאַבע, און מיר געפינען ניט פאַר נויטיק זיי דאָ איבערצוחזרן. עס איז אָבער יאָ כדאי דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף אַ פּאָר מאָמענטן, וואָס זיינען אין יענער אויסגאַבע אָדער אינגאַנצן ניט אָנגעמערקט געוואָרן, אָדער ניט גענוג אָקצענטירט געוואָרן.

א. וועגן די שינויי נוסחאות. אין משך פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן זיינען די מדרשים איבערגעשריבן געוואָרן דורך פאַרשיידענע קאָפּירערס, און איבער דעם זיינען די טעקסטן אין פיל ערטער שטאַרק פאַרגרייזט געוואָרן. אַמאָל איז עס געקומען פון דעם, וואָס דער אָריגינאַל מאַנוסקריפּט איז אין אַ צאָל ערטער געווען ניט קלאָר, אָפּגעמעקט אָדער צעריבן און צעריסן, און אַמאָל — פון דעם וואָס דער איבערשרייבער האָט ניט גענוי פאַרשטאַנען דעם טעקסט, אָדער סתם אַ טעות געמאַכט ביים איבערשרייבן. דיזעלבע זאַך איז פאָרגעקומען מיט די גמרא ספרים. בעת אָבער מיטן אויספאַרריכטן די גרייזן אין דער גמרא האָבן זיך פאַרנומען די גדולי התורה אין פאַרשיידענע צייטן, אָנהייבנדיק פון די רבנן סבוראי און די גאונים אין בבל, דורך רבנו גרשום און רשי אינעם עלפטן יאָרהונדערט, ביז ר׳ שלמה לוריא (מהרש״ל) אינעם זעכצנטן יאָרהונדערט און ביזן ווילנער גאון אינעם אַכצענטן, זיינען די מדרש ספרים פאַרוואָרלאָזט געוואָרן. די סיבה דערפון איז, וואָס די גמרא איז געווען דער באַזיס פון דער הלכה, פונעם דין, פונעם שטייגער, און אָפטמאָל איז דער פסק הלכה געווען אָפּהענגיק אָן דער ריכטיקייט פונעם טעקסטועלן גמרא נוסח, בעת די מדרש ליטעראַטור האָט קיין דירעקטע שייכות צו דער הלכה ניט געהאַט (זע ירושלמי, הוריות ג, א: — — — זה בעל אגדה, שאינו לא אוסר ולא מתיר, לא מטמא ולא מטהר — דאָס איז דער בעל אגדה, וואָס ניט ער

אַסרט און ניט ער איז מתיר, ניט ער איז מטמא און ניט ער איז מטהר), און ממילא האָט מען זיך מיט די מדרשים אַזוי פיל ניט אָפּגעגעבן. ערשט זינט די מדרשים האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אין דרוק, האָבן זיך טייל מפרשים אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט אויסרייניקן די פאַרגרייזונגען פון די טעקסטן. אַזוי באַמיט זיך דער מתנות כהונה אינעם זעכצנטן יאָרהונדערט, דער רש״ש און דער רד״ל, באַזונדערס דער לעצטער, אינעם נײַנצנטן יאָר־הונדערט, ווי אויך אַנדערע מפרשים, אַ שטייגער דער יפה ענף, דער ידי משה, אָדער דער עץ יוסף, אַרײַנצוברענגען אין זייערע פירושים פאַרשיידענע תיקונים און טעקסט אויסבעסערונגען, און מיר האָבן זיך אין אונדזער אַרבעט מיט די דאָזיקע תיקונים באַנוצט, וואו נאָר מיר האָבן, נאָך אַ גרינטלעכער נאָכפאָרשונג פון די מקורות, איינגעזען זייער ריכטיקייט. אין אַ סך ערטער אָבער האָבן די מפרשים נאָך אַלץ איבערגעלאָזט פאַרגרייזונגען אין די טעקסטן, זיך באַמיענדיק אויפצוקלערן דידאָזיקע שטעלן מיט געמאַטערטע תירוצים און איינטייטשונגען, אָדער דורכלאָזנדיק זיי אינגאַנצן אָן דערקלערונגען.

מיר האָבן אין אַזעלכע פאַלן דורכגעפירט גרינטלעכע נאָכפאָרשונגען אין די פאַרשיידענע פאַראַלעלע מקורות, און אויפן באַזיס פון דעם אַרײַנ־געבראַכט אַ צאָל תיקונים און הגהות, וואָס מאַכן די טעקסטן קלאָרער און פאַרשטענדלעכער. דערביי ווערן די אויסבעסערונגען, ווי אין די פריערדיקע פאַלן, באַגלייט מיט באַמערקונגען און נאָטיצן, וואָס ווייזן אָן סיי אויף דער נויטווענדיקייט פון די עמענדירונגען, סיי אויף וואָסער באַזיס דידאָזיקע עמענדירונגען זיינען געמאַכט געוואָרן. אין יעדן פאַל פון אַזאַ אויסבעסערונג ווערט דער אַלטער נוסח געגעבן אין האַלב קיילעכיקע קלאַמערן און דער נייער אין פירעקיקע קלאַמערן, כדי צו געבן דעם לייענער און לערנער די מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די נוסחאות און צו באַשטימען פאַר זיך, וועלכער איז דער ריכטיקער.

ב. וועגן דער שפּראַך פון דער איבערזעצונג. פון אַלע מאָדערנע שפּראַכן איז יידיש אַממערסטן מסוגל איבערצוגעבן דעם קאָלאָריט און דעם ריטם פונעם מדרש לשון און סטיל. הונדערטער יאָרן האָט דער גרעסטער און אין זיין צייט שעפערישסטער טייל פונעם יידישן פאָלק, דאָס אַזוי אכזריותדיק אומגעבראַכטע אַשכנזישע יידנטום, געלערנט און געטייטשט הלכה און אגדה, גמרא און מדרש, סיי אין די חדרים און ישיבות, סיי בין מנחה למעריב און שבת און יום טוב אין בית המדרש — אויף יידיש. אַ גרויסע צאָל מוסר ספרים,וואָס געהערן פאַקטיש צו דער אגדה ליטעראַטור, ווי דער חובות הלבבות, דער מנורת המאור, דער קב הישר, דער שבט מוסר, זיינען געדרוקט געוואָרן מיט יידישע איבערזעצונגען, אָדער זיינען, ווי דער נחלת צבי, דער אביר יעקב, לכתחילה געשריבן געוואָרן אין יידיש, שוין ניט צו רעדן פון אַזאַ ספר ווי דער צאינה וראינה, וואָס איז מער

מדרש ווי טייטש חומש. אויסער דעם איז אין יענע דורות אויף זייער אַן אינטענסיוון אופן פאַרגעזעצט געוואָרן אויף יידיש די אגדה שבעל־פה דורך די אומצאָליקע מגידים און דרשנים, וואָס האָבן אויסגעאיבט אַ גוואַלדיקן איינפלוס אויף די יידישע פאָלקס מאַסן. דאָס אַלץ האָט געווירקט, אַז יידיש זאָל איינזאַפּן אין זיך דעם גייסט און גוסט פון דעם מדרש לשון, מיט אַלע זיינע קנייטשן און ניואַנסן, און זאָל דורכדעם ווערן דער נאַטירלעכסטער מעדיום אויף איבערצוגעבן זיינע אינהאַלטן, אַזוי גוט ווי זיין טאָן און ריטם.

דידאַזיקע שפּראַך אָבער, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין טייטש חומש און אין די פאַרשיידענע מוסר ספרים, איז היינט צו טאָג היבשלעך אַרכאַאיש און פאַרעלטערט, און קלינגט פרעמד און עקזאָטיש דעם לייענער וואָס איז געוואוינט אויף דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור און פרעסע. דאָס יידישע לשון האָט זיך דורך די לעצטע דורות אַזוי אַנטוויקלט, זיך אַזוי צעוואַקסן און באַרייכערט, אַז צו איגנאָרירן דידאַזיקע עשירות וואָלט געמיינט בידים פאַראָרימען דאָס לשון און באַרויבן די איבערזעצונג פון אַ גוואַלדיקער שפע פון אויסדרוקס מעגלעכקייטן און ניואַנסן.

פון דער אַנדערער זייט אָבער איז אויך קלאָר, אַז איבערזעצן דעם מדרש אויפן היינטצייטיקן יידיש וואָלט געמיינט ביז אין אַ גרויסער מאָס אָפּפרעמדן די איבערזעצונג פונעם אָריגינעלן טעקסט און אַוועקשטעלן אַ מחיצה צווישן זיי, ווי ס'איז דער פאַל מיט די איבערזעצונגען אויף ענגליש און דייטש, וואָס זיינען קאָרעקט און גוט געמאַכט, אָבער זיי פאַרמאָגן ניט דעם עכטן מדרש ריטם, זיין קאָלאָריט און זיין אינטימן שפּראַך נוסח, צוליבן פשוטן טעם, וואָס יענע לשונות האָבן ניט, ניט שריפטלעך און ניט מינדלעך, קיין דורותדיקע מדרש טראַדיציע, ווי יידיש פאַרמאָגט עס.

מיר האָבן זיך דעריבער באַמיט צו שאַפן אַ סינטעז פון אָט די צוויי מדרגות אין דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן לשון, אין וועלכן די אַרכאַאישקייט פונעם אַמאָליקן יידיש פון חדר און ישיבה און בית המדרש, און פון די מוסר ספרים און טייטש חומש, ווערט געלייטערט און געבראַכט נעענטער צום היינטיקן יידישן לייענער דורך דעם פילטער פון דעם מאָדערנעם יידישן לשון; און פון דער צווייטער זייט ווערט די מאָדערנישקייט פונעם היינט־צייטיקן יידיש פאַרווייכט און פאַרפאָלקסטימלעכט דורכן פילטער פונעם אַלטן יידיש נוסח.

**ויהי רצון, אַז די באַמיאונגען מיינע זאָלן באַווייליקט ווערן און זיי זאָלן צוטראָגן זייער חלק אין דער ווידערדערנעענטערונג פונעם היינטצייטיקן יידן צו די אַמאָליקע אומאויסשעפּלעך רייכע קולטור אוצרות פון אונדזער אַלט־יונגן שעפערישן פאָלק ישראל.**

שמשון דונסקי

# די פּתיחתא פון אסתר רבה

## א

ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון אחשורושן.

**רב האָט אָנגעהייבן** [1] **[זיין דרשה אויף מגילת אסתר מיטן פסוק]** (דברים כח, סו) והיו חייך — און דיין לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן.

[2] **די רבנן און ר' ברכיה [דרשנען דעם פסוק. די רבנן]** [3] **זאָגן:** און דיין לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן, **דאָס איז דער וואָס** קויפט ווייץ אויף אַ יאָר [4]; (דאָרט) ופחדת — און דו וועסט זיך שרעקן טאָג און נאַכט, **דאָס איז דער וואָס קויפט ווייץ פונעם** קליינמאַרק [5]; (דאָרט) ולא תאמין — און דו וועסט ניט גלויבן אין דיין לעבן, **דאָס איז דער וואָס קויפט פונעם ברויט קרעמער** [6]. **און ר' ברכיה האָט געזאָגט:** און דיין לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן, **דאָס איז דער וואָס קויפט ווייץ אויף דריי יאָר;** און דו וועסט זיך שרעקן טאָג און נאַכט, **דאָס איז דער וואָס קויפט ווייץ אויף אַ יאָר;** און דו וועסט ניט גלויבן אין דיין לעבן, **דאָס איז דער וואָס קויפט ווייץ פונעם קליינמאַרק. האָבן די רבנן געפרעגט ר' ברכיהן: וואָס איז מיט דעם וואָס קויפט פונעם ברויט קרעמער? האָט ער געזאָגט צו זיי: די תורה רעדט ניט וועגן מתים** [7]. **אַן אַנדער פשט:** און דיין לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן, **דאָס איז דער וואָס געפינט זיך אין דער תפיסה פון קיסריה** [8]; און דו וועסט זיך שרעקן טאָג און נאַכט, **דאָס איז דער וואָס גייט אַרויס געמשפּט צו ווערן;** און דו וועסט ניט גלויבן אין דיין לעבן, **דאָס איז דער וואָס גייט אַרויס געקרייציקט צו ווערן.**

**רב באַשיידט דעם פסוק אויף [די יידן אין דער צייט פון] המנען:** און דיין לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן, **זינט דאָס אַראָפּנעמען דעם זיגלרינג** [9]; און דו וועסט זיך שרעקן טאָג און נאַכט, **אין דער צייט ווען די בריוו האָבן זיך אומגעטראָגן** [10]; און דו וועסט ניט גלויבן אין דיין לעבן, **[ווען מען האָט אָנגעזאָגט די שונאי ישראל]** להיות עתידים — אַז זיי זאָלן זיין גרייט אויף דעמדאָזיקן טאָג (אסתר ג, יד).

## ב

(דברים כח, סז) בבקר — אין פרימאָרגן וועסטו זאָגן: הלוואי קומט שוין אָוונט! — **אין דעם פרימאָרגן פון בבל וועסטו זאָגן: „הלוואי קומט**

---

א. [1] **איידער די דרשנים פלעגן אָנהייבן זייער דרשה אויף אַ באַשטימטן טעקסט,**

# פתיחתא דאסתר רבה

א

ויהי בימי אחשורוש.

**רב פתח** (דברים כ״ח): והיו חייך תלואים לך מנגד.

רבנן ור׳ ברכיה. [רבנן] אמרי: והיו חייך תלואים לך, **זה שהוא לוקח חטים לשנה**; (שם) ופחדת לילה ויומם, **זה שהוא לוקח חטין מן הסידקי**; ולא תאמין בחייך, **זה שהוא לוקח לו מן הפלטר. ור׳ ברכיה אמר**: והיו חייך תלואים לך, **זה שהוא לוקח לו חטים לשלש שנים**; ופחדת לילה ויומם, **זה שהוא לוקח לו חטים לשנה**; ולא תאמין בחייך, **זה שהוא לוקח לו חטים מן הסידקי**. מתיבין רבנן לר׳ ברכיה: **והלוקח מן הפלטר מהו? אמר להם: לא דברה תורה במתים. דבר אחר**: והיו חייך תלואים לך מנגד, **זה שהוא נתון בדיוטי של קיסרין**; ופחדת לילה ויומם, **זה שהוא יוצא לידון**; ולא תאמין בחייך, **זה שהוא יוצא להצלב.**

**רב פתר קריא בהמן**: והיו חייך תלואים לך מנגד, **מעת (לעת מ)הסרת טבעת**; ופחדת לילה ויומם, **בשעה שהכתבים פורחין**; ולא תאמין בחייך, — להיות עתידים ליום הזה.

ב

(שם) בבקר תאמר: מי יתן ערב, — **בבקרה של בבל תאמר: „מי יתן ערבה!״ בבקרה של מדי תאמר: „מי יתן ערבה!״**

---

פלעגן זיי זיך אָפּט נוהג זיין צו געבן אַן אַריינפיר (פּתיחתא, עפענונג), געבויט מערסטנס אויף פּסוקים פון נביאים אָדער כתובים, וואָס פלעגט זיך געווינלעך ענדיקן מיטן ערשטן פּסוק פונעם געגעבענעם טעקסט (זע אונדזער איכה רבה אויסגאַבע מיט יידישער איבער־זעצונג, מאָנטרעאל תשט״ז, פּתיחתא א, באַמ. 1). [2] דאָס ווייטערדיקע ווערט געבראַכט דרך אגב. רבס דרשה ווערט פאַרגעזעצט נאָך דעם. [3] צוגעגעבן לויטן רד״ל, וואָס שטיצט זיך אויפן אות אמת, און אַזוי דאַרף עס זיין לויטן ווייטערדיקן גאַנג פונעם מאמר. [4] אַז איינער דאַרף זיין ווייץ קויפן, אַנשטאָט צו שניידן עס פון זיין אייגן פעלד, איז זיין לעבן קיין לעבן ניט. [5] ווייל ער האָט ניט ביד צו קויפן אויף אַ לענגערער צייט. [6] נאָר אויף אַ פּאָר טעג. [7] דאָס לעבן פון אַזאַ איינעם איז אינגאַנצן קיין לעבן ניט. [8] און וואַרט אויף זיין משפּט. קיסריה — דאָס זיץ אָרט פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרן אין ארץ ישראל פאַר און נאָכן צווייטן חורבן. [9] ווען אחשורוש האָט

שוין איר אָונט!״ [1] אין דעם פרימאָרגן פון מדי וועסטו זאָגן: „הלוואי קומט שוין איר אָונט!״ אין דעם פרימאָרגן פון יוון [2] וועסטו זאָגן: „הלוואי קומט שוין איר אָונט!״ אין דעם פרימאָרגן פון אדום [3] וועסטו זאָגן: „הלוואי קומט שוין איר אָונט!״ אַן אַנדער פּשט: אין פרימאָרגן וועסטו זאָגן: הלוואי קומט שוין דער אָונט, — אין דעם פרימאָרגן פון בבל וועסטו זאָגן: „הלוואי קומט שוין דער אָונט פון מדי!״ [4] און אין דעם פרימאָרגן פון מדי וועסטו זאָגן: „הלוואי קומט שוין דער אָונט פון יוון!״ און אין דעם פרימאָרגן פון יוון וועסטו זאָגן: „הלוואי זאָל שוין קומען דער אָונט פון אדום!״ פאַרוואָס? (דאָרט) מפחד לבבך — צוליב דער שרעק פון דיין האַרצן וואָס דו וועסט זיך שרעקן און צוליב דער זעאונג פון דיינע אויגן וואָס דו וועסט זען.

ג

(דאָרט פּסוק סח) והשיבך ה׳ מצרים באניות — און גאָט וועט דיך אומקערן קיין מצרים אויף שיפן, — ר׳ יצחק האָט געזאָגט: באניות — [לייען] בעניות, צוליב דער אָרימקייט אין מעשים טובים. און פאַרוואָס קיין מצרים? דען עס איז נמאס און שלעכט דעם קנעכט, ווען ער קערט זיך אום צו זיין ערשטן בעל הבית[1]. ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: אין דריי ערטער האָט הקדוש־ברוך־הוא אָנגעזאָגט ישראל, אַז זיי זאָלן זיך ניט אומקערן קיין מצרים. דאָס ערשטע מאָל — ווי דער פּסוק זאָגט (שמות יד, יג): כי אשר — דען אַזוי ווי איר האָט היינט געזען די מצרים, [וועט איר זיי שוין מער ניט זען אויף אייביק]. דאָס צווייטע מאָל שטייט געשריבן (דברים יז, טז): וה׳ — און גאָט האָט אייך געזאָגט: איר זאָלט זיך ניט אומ־קערן מער אויף דעמדאָזיקן וועג. און דאָס איז דאָס דריטע מאָל, ווי עס שטייט געשריבן: והשיבך — און גאָט וועט דיך אומקערן קיין מצרים אויף שיפן, [אויף דעם וועג וואָס איך האָב דיר געזאָגט: דו וועסט אים מער ניט זען].

אין די אַלע דריי אָנזאָגן האָבן זיי געלייקנט[2], און פאַר אַלע דריי זיינען זיי געשלאָגן געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל אין די טעג פון סנחריבן, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה לא, א): הוי, — ווי, די וואָס נידערן קיין מצרים נאָך הילף; וואָס שטייט נאָכדעם? (דאָרט, פּסוק ג): ומצרים — און מצרים איז מענטש, אָבער ניט קיין גאָט — — — [און אַלע אײנאײנעם וועלן זיי אומקומען]. דאָס צווייטע מאָל אין די טעג פון יוחנן בן קרח, ווי דער פּסוק זאָגט (ירמיה מב, טז): והיתה — און עס וועט זיין, אַז די שווערד וואָס איר האָט מורא פאַר איר [וועט אייך דערגרייכן דאָרטן אין לאַנד מצרים]. און דאָס דריטע מאָל אין די טעג פון טראַכינוס[3], זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן. זיין ווייב האָט געבוירן אַ קינד אין דער נאַכט פון תשעה באב, און אַלע יידן זיינען געווען אין טרויער. אום חנוכה איז דאָס קינד אַנטשטילט געוואָרן. האָבן יידן געזאָגט: „זאָלן מיר צינדן [חנוכה ליכט], צי זאָלן מיר ניט צינדן?״ [לסוף] האָבן זיי געזאָגט: „מיר וועלן

**בבקרה של יון תאמר:** „מי יתן ערבה!" **בבקרה של אדום תאמר:** „מי יתן ערבה!" **דבר אחר:** בבקר תאמר: מי יתן ערב, — **בבקרה של בבל תאמר:** „מי יתן ערבה של מדי!" **ובבקרה של מדי תאמר:** „מי יתן ערבה של יון!" **ובבקרה של יון תאמר:** „מי יתן ערבה של אדום!" **למה?** מפחד לבבך אשר תפחד וממראה עיניך אשר תראה.

## ג

(שם) והשיבך ה' מצרים באניות. — **אמר ר' יצחק:** באניות — בעניות **ממעשים טובים. ולמה למצרים? שכיעור ורע יש לעבד כשהוא חוזר לרבו הראשון. אמר ר' שמעון בר יוחאי: בשלשה מקומות הקב"ה מזהיר לישראל, שלא יחזרו למצרים. הראשון — שנאמר** (שמות י"ד): כי אשר ראיתם את מצרים, וגו'. **והשני — כתיב** (דברים י"ז): וה' אמר לכם: לא תוסיפון לשוב בדרך הזה. **והדין שלישי, דכתיב:** והשיבך ה' מצרים באניות.

**בשלשתן כפרו ובשלשתן לקו. הראשונה בימי סנחריב, שנאמר** (ישעיה ל"א): הוי היורדים מצרים לעזרה; **מה כתיב בתריה?** ומצרים אדם ולא אל. **שנית בימי יוחנן בן קרח, שנאמר** (ירמיה מ"ב): והיתה החרב אשר אתם יראים ממנה, וגו'. **והשלישית בימי טרכינוס שחיק עצמות. ילדה אשתו בליל תשעה באב, והיו כל ישראל אבלים. נשתתק הולד בחנוכה. אמרו ישראל:** „נדליק, או לא נדליק?" **אמרו:** „נדליק, וכל מה דבעי לימטי

---

איבערגעגעבן המנען זיין זיגלרינג, געבנדיק אים מיט דעם די מאַכט צו טאָן מיט די יידן וואָס ער וויל. (אין די געדרוקטע טעקסטן לייענט זיך „מעת לעת מהסרת טבעת" — אין דעם מעת לעת וואָס נאָכן אַראָפּנעמען דעם רינג — עפּעס וואָס איז אינגאַנצן ניט קלאָר. דאָ איז דער טעקסט קאָרעגירט געוואָרן לויטן מתנות כהונה.) [10] די בריוו וואָס המן האָט אַרויסגעשיקט אין געאייל צו פאַרטיליקן די יידן (אסתר ג, יב—טו).

ב. [1] אין דער צייט פון בבלס פולן אויפבלי וועלן יידן בעטן אויף איר אונטערגאַנג, כדי זיי זאָלן זיך קענען באַפרייען פון איר גלות. [2] די סעלעווקידישע סיריע. [3] רוים. [4] לויט דעם פּשט מיינט אָוונט דער אויפקום פון אַ מלוכה (דער אָוונט ווערט גערעכנט ווי דער אָנהייב פונעם מאָרגנדיקן טאָג), און עס מיינט, אַז אין דער צייט פון בבלס פולער קראַפט וועלן יידן בעטן אויפן אויפקום פון מדי, האָפנדיק, אַז אונטער איר הערשאַפט וועט זיין בעסער.

ג. [1] און די שטראָף פון ישראל איז דעריבער זייער אַ שווערע. [2] דריי מאָל ניט אויסגעפאָלגט. [3] טראַיאַנוס קיסר. לויטן תלמוד (ירושלמי סוכה, ה, א; בבלי סוכה, נא, ב) איז עס פאָרגעקומען אין אַלעקסאַנדריע של מצרים, און דער ירושלמי פאַרענדיקט: „דעמאָלט איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דער האָרן פון ישראל, און ער וועט זיך מער ניט אומקערן אויף זיין אָרט, ביז משיח וועט קומען". און ס'איז באַקאַנט אין דער געשיכטע, אַז אין יאָר 116 האָבן טראַיאַנוסעס לעגיאָנען חרוב געמאַכט די גרויסע יידישע קהילה אין אַלעקסאַנדריע, נאָכדעם ווי די יידן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן רוים. אונדזער

צינדן, און וואָס עס וויל קומען אויף אונדז, זאָל קומען". האָבן זיי געצונדן. איז מען אַוועק און מע האָט אָנגערעדט לשון הרע פאַר טראַכינוסעס ווייב: „דידאָזיקע יידן, ווען דו האָסט געבוירן, האָבן זיי געטרויערט; און אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן, האָבן זיי ליכט געצונדן". האָט זי געשיקט און געשריבן צו איר מאַן: „איידער דו באַזוויגנסט די באַרבאַרן, קום און באַצווינג דידאָזיקע יידן, ווייל זיי האָבןווידערשפּעניקט אין דיר". איז ער אַרויף אויף אַ שיף און האָט אויסגערעכנט צו קומען אין צען טעג, אָבער דער ווינט האָט אים געבראַכט אין פינף טעג. איז ער געקומען און האָט זיי געפונען לערנענדיק דעמדאָזיקן פּסוק (דברים כח, מט): ישא ה' — גאָט וועט אָנטראָגן אויף דיר אַ פֿאָלק פון דערווייטן, פון עק ערד, אַזוי ווי אַן אָדלער קומט צו שוועבן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך בין עס דער אָדלער, דען אויסגערעכנט האָב איך צו קומען אין צען טעג, אָבער דער ווינט האָט מיך געבראַכט אין פינף טעג". האָבן זיינע לעגיאָנען זיי אַרומגערינגלט און זיי אויסגעהרגעט.

(דברים כח, סח): ואין קונה — און עס וועט ניט זיין קיין קויפער, — פאַרוואָס וועט ניט זיין קיין קויפער? רב האָט געזאָגט: [דער פּסוק מיינט, אַז די תוכחה וועט קומען] איבער דעם, וואָס איר האָט זיך ניט איינגעאייגנט די ווערטער פונעם בונד (דאָרט, פּסוק סט)[4]; דען קיינער פון אייך קויפט ניט די ווערטער פון די פינף ספרים פון דער תורה, דער באַטרעף פון קונה[5]. ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: איבער דעם וואָס איך בין אומגעגאַנגען איבער אַלע אומות פון דער וועלט, און ס'איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל אויפנעמען די ווערטער פון דער תורה אַזוי ווי איר[6]. ר' שמעון בר יוחאי האָט געזאָגט: איר האָט אַ קנין[7] אויף די אומות העולם, ווי דער פּסוק זאָגט (ויקרא כה, מה): וגם — און אויך פון די קינדער פון די תושבים וואָס וואוינען מיט אייך, פון זיי קענט איר קויפן, אָבער די אומות העולם האָבן אויף אייך קיין קנין ניט. און פאַרוואָס האָט איר אַ קנין אויף די אומות העולם? איבער דעם וואָס איר האָט זיך איינגעאייגנט דידאָזיקע ווערטער פונעם בונד. און פאַרוואָס האָבן די אומות העולם ניט קיין קנין אויף אייך? דערפאַר ווייל זיי האָבן זיך ניט איינגעאייגנט דידאָזיקע ווערטער פון בונד[8]. ר' יוחנן האָט געזאָגט: איר האָט באַשיצערס, און וואָס זיינען זיי? דידאָזיקע ווערטער פונעם בונד. ר' יודא האָט געזאָגט: איר זענט קיניגלעך פאַרמעגן[9], — אַז איינער קויפט אַ קנעכט פון קיניגלעכן פאַרמעגן, שטעלט ער ניט איין זיין לעבן? דען אַזוי האָט אחשורוש געזאָגט צו זיין ווייב (אסתר ח, ז): הנה — אָט האָב איך אַוועקגעגעבן המנס הויז צו אסתרן, און ר' יודא בר' סימון האָט געזאָגט: ווייל ער האָט געלייגט זיין האַנט אויף קיניגלעך פאַרמעגן, איז עס אים אַזוי געשען.

ר' יצחק האָט געזאָגט: ס'איז געשען אין פרוצפּיה אַ מעשה מיט אַ פרוי, וואָס פלעגט אויסלייזן געפאַנגענע [יידן][10]. איז געקומען איין געפאַנגענע, און זי האָט זי אויסגעלייזט, אַ צווייטע, און זי האָט זי אויסגעלייזט.

עלן, ימטי״. אדליקו. אזלון ואמרון לישנא ביש לאשתו של טרכינוס: „אילין יהודאין, כד ילידת הוו מתאבלין; וכד מיית ולדא, אדליקו בוצינין״. שלחה וכתבה לבעלה: „עד דאת מכבש ברבריין, בא וכבוש אילין יהודאין דמרדו בך״. סליק לאילפא וחשב למיתי בעשרה יומין, ואייתיה רוחא בחמשה יומין. אתא ואשכחינון דהוו עסיקין בהדין פסוקא (דברים כ״ח): ישא ה׳ עליך גוי מרחוק, מקצה הארץ, כאשר ידאה הנשר. אמר להון: „אנא הוא נשרא, דחשיבית למיתי בעשרה יומין, ואייתיתני רוחא בחמשה יומין״. הקיפון לגיונותיו והרגן.

ואין קונה, — למה אין קונה? רב אמר: על ידי שלא הקניתם דברי הברית, שאין בכם מי קונה דברי חמשה ספרי תורה, מנין של קונה. אמר ר׳ שמואל בר נחמן: על ידי שחזרתי על כל האומות שבעולם, ואין מי קונה דברי תורה כיוצא בכם. אמר ר׳ שמעון בן יוחאי: אתם יש לכם קנין באומות העולם, שנאמר (ויקרא כ״ה): וגם מבני התושבים הגרים עמכם מהם תקנו. אבל לאומות העולם אין להם קנין בכם. ולמה יש לכם קנין באומות העולם? על ידי שהקניתם אלה דברי הברית. ולמה אומות העולם אין להן קנין בכם? על ידי שלא קנו אלה דברי הברית. אמר ר׳ יוחנן: אתם יש לכם פטרונות ומה הן? אלה דברי הברית. אמר ר׳ יודא: אתם, טמיקא אתם, — הלוקח לו עבד מן הטמיקא, שוב אינו מתחייב בנפשו? שכן אחשורוש אומר לאשתו: הנה בית המן נתתי לאסתר. ואמר ר׳ יודא בר׳ סימון: על דפשט ידיה בטמיקא, כן הוה ליה.

אמר ר׳ יצחק: מעשה בפרוצפיה באשה אחת, שהיתה

---

בעל המדרש זעט אין דעם אַ שטראָף פאַרן חטא פון באַזעצן זיך אין מצרים. [4] רב פאַרבינדט דעם סוף פון פסוק סח מיטן אָנהייב פון פסוק סט: ואין קונה אלה דברי הברית — ווייל קיינער קויפט ניט דידאָזיקע ווערטער פונעם בונד. [5] לויטן מתנות כהונה לייענט דאָ דער בעל המדרש צוויי מאָל די הא פון קונה: ואין קונה ה — און קיינער קויפט ניט די פינף (ספרים פון דער תורה). לויטן רד״ל דאַרף דער נוסח זיין אַזוי: שאין בכם מי קונה דברי חמשה ספרי תורה, מנין של הברית. ואין קונה, — אמר ר׳ שמואל בר נחמן — — — (דען קיינער פון אייך קויפט ניט די ווערטער פון די פינף ספרים פון דער תורה, דער באַטרעף פון הברית, — פון דער הא פון הברית, דער בונד, פונעם צווייטן פסוק), און די ווערטער ואין קונה געהערן שוין צו דער דרשה פון ר׳ שמואל בר נחמן. [6] לויט ר׳ שמואל בר נחמן, און אַזוי אויך ווייטער לויט ר׳ שמעון בן יוחאי, זיינען די ווערטער ואין קונה געזאָגט געוואָרן צום גוטן: קיינער וועט ניט האָבן קיין רעכט אייך צו קויפן פאַר קנעכט, ווייל קיינער פון די אומות האָט ניט געוואָלט אויפנעמען, קונה זיין, די תורה (מתנות כהונה). [7] אייגנטום רעכט. [8] אויך ר׳ שמעון בן יוחאי בויט זיין דרשה אויף דער נאָענטקייט פון די צוויי פסוקים סח און סט. [9] יידן זיינען

**וויבאַלד איר פאַרמעגן האָט זיך אויסגעלאָזט, און זי האָט מער ניט געקענט אויסלייזן, אַזוי האָבן די לעגיאָנען זי גלייך אַרומגערינגלט און דערהרגעט. און פאַרוואָס האָבן זיי עס געטאָן? כדי צו וואָרענען די פּענגערס אויף ווייטער** [11].

**ר׳ לוי און ר׳ יצחק** [**דערקלערן דעם פסוק** ואין קונה]. **ר׳ לוי זאָגט: ווער קויפט זיך עס איין אַ קנעכט** [12] **וואָס זאָל אויף מאָרגן געהרגעט ווערן? ווער נעמט זיך עס אַ פרוי, וואָס זאָל אויף מאָרגן געהרגעט ווערן** [13]**? ר׳ יצחק זאָגט: פאַר קנעכט און דינסטן וועט איר ניט געקויפט ווערן, איר וועט אָבער געקויפט ווערן** (דאָרט ז׳ ג) אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען. **דען אַזוי זאָגט אסתר צו אחשורושן:** „ואלו — און ווען מיר וואָלטן פאַר קנעכט און פאַר דינסטן פאַרקויפט געוואָרן, [וואָלט איך געשוויגן]; **דען אַזוי האָט אונדז משה רבנו אָנגעשריבן אין דער תורה** (דברים כח, סח): והתמכרתם — און איר וועט זיך דאָרט וועלן פאַרקויפן צו אייערע שונאים פאַר קנעכט און פאַר דינסטן, און עס וועט ניט זיין קיין קויפער. [**האָט ער אפשר געמיינט, אַז אויף**] אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען [**וועט מען אונדז יאָ קויפן**]״? [14] **וויבאַלד זיי האָבן דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן שרייען:** „ווי!״ [**און דאָס מיינט דער**] ויהי: ווי, וואָס איז געווען אין די טעג פון אחשורושן! [15]

ד

**שמואל האָט אָנגעהויבן** [**מיטן פסוק**] (ויקרא כו, מד): ואף גם זאת — אָבער אַפילו נאָך דעם אַלעמען, ווען זיי וועלן זיין אין דעם לאַנד פון זייערע שונאים, וועל איך זיי ניט פאַרמיאוסן און וועל זיי ניט פאַראומווערדיקן, זיי צו פאַרטיליקן, צו פאַרשטערן מיין בונד מיט זיי, דען איך בין גאָט זייער גאָט: איך וועל זיי ניט פאַרמיאוסן **אין בבל**, און איך וועל זיי ניט פאַראומווערדיקן **אין מדי**, זיי צו פאַרטיליקן **אין יוון** [1], צו פאַרשטערן מיין בונד מיט זיי **אין דער מלוכה פון רשעות** [2], דען איך בין גאָט זייער גאָט, **לעתיד לבוא** [3]. **ר׳ חייא האָט געלערנט:** איך וועל זיי ניט פאַרמיאוסן **אין די טעג פון אַספּאַסיאַנוסן**, און איך וועל זיי ניט פאַראומווערדיקן **אין די טעג פון טאַרקווינוסן** [4], זיי צו פאַרטיליקן **אין די טעג פון המנען**, צו פאַרשטערן מיין בונד מיט זיי **אין די טעג פון די רוימער**, דען איך בין גאָט זייער גאָט **אין די טעג פון גוג און מגוג** [5].

ה

**ר׳ יהודה בר סימון האָט אָנגעהויבן** [**מיטן פסוק**] (עמוס ה, יט): כאשר ינוס — אַזוי ווי אַ מענטש אַנטלויפט פון אַ לייב [און עס באַגעגנט אים אַ בער, און ער קומט אַריין אין הויז און לייגט זיין האַנט אויף דער וואַנט, און עס בייסט אים איין אַ שלאַנג]. **ר׳ הונא און ר׳ אחא** [**האָבן געזאָגט**] **אין נאָמען פון ר׳ חמא בר׳ חנינא:** אַזוי ווי אַ מענטש אַנטלויפט פון אַ לייב, **דאָס איז בבל, לויטן פסוק** (דניאל ז, ד) קדמיתא — די ערשטע [1] ווי אַ לייב; און עס באַגעגנט אים אַ בער, **דאָס איז מדי, לויטן פסוק** (דאָרט,

## באַמערקטע גרייזן

### אסתר רבה:

זייט 84, שורה 7 איז איבעריק.

״ 87, שורה 5: אָנשטאָט מרדתי דאַרף זיין מרדת.

״ 98, שורה 8: ס׳דאַרף זיך לייענען: און ער האָט גטאָן א געפעליקייט דער שטאָט.

״ 104, סימן יד, שורה 5: אָנשטאָט זי דאַרף זיין זיי.

״ 142, סימן ז, שורה 3: נאָך ביי אייער לעבן דאַרף זיין אַן אויסרוף צייכן.

״ 164, שורה 5: אָנשטאָט און אָקס — אַן אָקס.

״ 220, שורה 4: אָנשטאָט קעגט — קעגן.

### רות רבה:

זייט 49, פעטיט, שורה 7: אָנשטאָט 62 דאַרף זיין 20.

״ 59, סימן י: די שורה ומתו שם דאַרף זיין נאָך דער שורה מכפר (קרינוס)...

״ 104, פעטיט, שורה 1: דאָס וואָרט די איז איבעריק.

״ 146, לעצטע שורה פון דער איבערזעצונג: אָנשטאָט און — אַ.

״ 147, סימן ו, שורה 2: אָנשטאָט ולא — ולאו.

פודה את השבויים. באתה שבויה אחת ופדאתה, שניה ופדאתה. וכיון שמטה ידה ולא היתה יכולה לפדות, מיד הקיפוה לגיונות והרגוה. וכל כך למה? כדי לזרז את השבאים הבאים.

ר׳ לוי ור׳ יצחק. ר׳ לוי אומר: מי לקח לו (חבר) [עבד], ולמחר הוא להריגה? מי לקח לו אשה, ולמחר היא להריגה? ר׳ יצחק אמר: לעבדים ולשפחות אי אתם נקנין, אבל אתם נקנין להשמיד להרוג ולאבד. שכן אסתר אומרת לאחשורוש: „ואלו לעבדים ולשפחות נמכרנו, וגו׳; שכן כתב לנו משה רבינו בתורה: והתמכרתם שם לאויביכם לעבדים ולשפחות ואין קונה. שמא להשמיד, להרוג ולאבד?״ כיון שראו, הכל התחילו צווחין: „ווי!״ ויהי — וי שהיה בימי אחשורוש.

### ד

שמואל פתח (ויקרא כ״ו): ואף גם זאת, בהיותם בארץ אויביהם, לא מאסתים ולא געלתים לכלותם, להפר בריתי אתכם, כי אני ה׳ אלהיהם: לא מאסתים בבבל, ולא געלתים במדי, לכלותם ביון, להפר בריתי אתם במלכות הרשעה, כי אני ה׳ אלהיהם לעתיד לבא. תני ר׳ חייא: לא מאסתים בימי אספסיאנוס, ולא געלתים בימי טרקווינוס, לכלותם בימי המן, להפר בריתי אתם בימי רומיים, כי אני ה׳ אלהיהם בימי גוג ומגוג.

### ה

ר׳ יודא בר׳ סימון פתח (עמוס ה׳): כאשר ינוס איש מפני הארי. ר׳ הונא ור׳ אחא בשם ר׳ חמא בר׳ חנינא: כאשר ינוס איש מפני הארי, זו בבל, על שם (דניאל ז׳) קדמיתא כאריה; ופגעו הדוב, זו מדי, על שם (שם): וארו חיוה אחרי, תנינה דמיה לדוב.

---

דאָס אייגנטום פון גאָט. [10] פון די הענט פון באַנדיטן. [11] ניט צו פאַנגען מער קיין יידן, ווייל ס׳איז ניטאָ מער קיין אויסלייזער; קומט אויס, אַז די קללה פון ואין קונה, און ס׳איז ניטאָ קיין קויפער, איז אין דער אמתן אַ ברכה (רש״ש). [12] עמענדירט לויטן רד״ל, און אַזוי איז עס לאָגישער. [13] לויט ר׳ לוין איז דער ואין קונה אַ קללה: קיינער פון די אומות העולם וועט ניט וועלן קויפן די יידן פאַר קנעכט, ווייל זיי זיינען פאַרמשפט אויף אומקום. [14] ווי המן האָט עס געטאָן. [15] דאָס וואָרט ויהי פונעם ערשטן פסוק פון אסתר ווערט דאָ געטייטשט ווי צוויי ווערטער: וי יהי, ווי איז געווען (זע אָנהייב פון פתיחתא יא).

ד. [1] אין דער סעלעווקידישער סיריע אונטער אַנטיוכוס הרשע. [2] רוים. [3] ווען משיח וועט קומען. [4] לויטן ערוך השלם איז עס אַ פאַרגרייזונג פון טראַיאַנוס. [5] די מלחמה פון גוג און מגוג, וואָס וועט פאָרקומען פאַרן לעצטן יום הדין (זע יחזקאל לח—לט).

פסוק ה) וארו — און אַט אַן אַנדער חיה, אַ צווייטע, געגליכן צו אַ בער. **(ר' יוחנן האָט געזאָגט** לדב **שטייט געשריבן** [2]**. דאָס איז די מיינונג פון ר' יוחנן, דען ר' יוחנן האָט געזאָגט** (ירמיה ה, ו): על כן — דעריבער האָט די געשלאָגן אַ לייב פון וואַלד, **דאָס איז** בבל; זאב — אַ וואָלף פון די מדבריות וועט זיי פאַרוויסטן, **דאָס איז מדי**; נמר — אַ טיגער איילט אויף זייערע שטעט, **דאָס איז יוון**; כל היוצא — איטלעכער וואָס גייט אַרויס פון זיי וועט פאַרצוקט ווערן, **דאָס איז אדום)** [3]. ובא — און ער קומט אַריין אין הויז, **דאָס איז** יוון [4]**, דען דאָן איז נאָך דער בית המקדש געשטאַנען;** ונשכו — און עס בייסט אים איין אַ שלאַנג, **דאָס איז אדום** [5]**, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה מו, כב): קולה — איר קול גייט ווי פון אַ שלאַנג. **און אַזוי זאָגט דער פסוק** (שיר השירים ה, ב): פתחי לי — עפן מיר, מיין שוועסטער, **דאָס איז ישראל אין בבל**; רעיתי — מיין געליבטע, **דאָס איז ישראל אין מדי**; יונתי — מיין טויב, **דאָס איז אין יוון**; תמתי — מיין אומשולדיקע, **דאָס איז אין אדום.** [מיין טויב מיינט ישראל אונטער יוון,] **ווייל דורך אַלע טעג [פון דער הערשאַפט] פון יוון איז דער בית המקדש געשטאַנען, און יידן פלעגן דאָרט מקריב זיין טורטלטויבן און יונגע טויבן אויפן מזבח.**

**ר' פנחס און ר' לוי באַשיידן אין נאָמען פון ר' חמא בר חנינא: עס שטייט געשריבן** (תהלים יח, ז) בצר לי — ווען ס'איז מיר ענג רוף איך צו גאָט, **דאָס איז אין בבל**; ואל אלהי — און צו מיין גאָט טו איך שרייען, **דאָס איז אין מדי**; ישמע — ער וועט הערן פון טעמפּל מיין קול, **דאָס איז אין יוון. דען ר' הונא האָט אין זיין אייגענעם נאָמען** [6] **געזאָגט**: מיין טויב, **דאָס איז אין מלכות יוון, ווייל דורך אַלע טעג [פון דער הערשאַפט] פון יוון איז דער טעמפּל געשטאַנען, און יידן פלעגן מקריב זיין טורטלטויבן און יונגע טויבן אויפן מזבח. אַזוי אַז** — ישמע — ער וועט הערן פון זיין טעמפּל מיין קול: ושועתי — און מיין געשריי פאַר אים וועט קומען אין זיינע אויערן, **דאָס איז אין מלכות אדום.**

**אַן אַנדער פשט**: כאשר ינוס — אַזוי ווי אַ מענטש אַנטלויפט פון אַ לייב, **דאָס איז נבוכדנצר**; און עס באַגעגנט אים אַ בער, **דאָס איז בלשצר**; און ער קומט אַריין אין הויז און לייגט זיין האַנט אויף דער וואַנט, און עס בייסט אים איין אַ שלאַנג, **דאָס איז המן, וואָס האָט געשיפּעט אויפן פאָלק ווי אַ שלאַנג. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (עזרא ד, ח): רחום בעל טעם — רחום דער עצה געבער און שימשי, דער שרייבער, **דאָס איז המנס זון**, כתבו — האָבן געשריבן אַ בריוו אויף ירושלים צום מלך ארתחשסתא, אַזוי צו זאָגן. **און וואָס איז געשריבן אין אים?** (דאָרט פסוק יג) כען — אַצינד זאָל באַוואוסט זיין דעם מלך, אַז אויב די דאָזיקע שטאָט וועט געבויט ווערן און די מויערן וועלן פאַרענדיקט ווערן, וועלן זיי קיין מנדה, בלו און הלך ניט געבן [7]. (מנדה **איז לאַנדמאַס** [8], בלו **איז קאָפּשטייער און** הלך **איז אַרבעט פאַרן מלך)**; ואפתם — און די הכנסה פונעם מלך וועט ליידן, —

(ר׳ יוחנן אמר: לדב כתיב. דא היא דעתיה דר׳ יוחנן, דאמר ר׳ יוחנן: (ירמיה ה׳) על כן הכם אריה מיער, זו בבל; (שם) זאב ערבות ישדדם, זו מדי; נמר שוקד על עריהם, זו יון; (שם) כל היוצא מהנה יטרף, זו אדום.) ובא הבית, זה יון, שהיה הבית קיים; ונשכו הנחש, זו אדום, שנאמר (ירמיה מ״ו): קולה כנחש ילך. וכן הוא אומר (שיר השירים ה׳): פתחי לי אחותי, זו בבל; רעיתי, זו מדי; יונתי, ביון; תמתי, באדום. שכל ימי יון היה בית המקדש קיים, והיו ישראל מקריבין בו תורים ובני יונה על גבי המזבח.

ר׳ פנחס ור׳ לוי בשם ר׳ חמא בר חנינא פתרין: כתיב (תהלים י״ח): בצר לי אקרא ה׳, בבבל; ואל אלהי אשוע, במדי; ישמע מהיכלו קולי, ביון. דאמר ר׳ הונא לגרמיה: יונתי, במלכות יון, שכל ימי יון היה ההיכל קיים, והיו ישראל מקריבין תורים ובני יונה על גבי המזבח. הוי: ישמע מהיכלו קולי: ושועתי לפניו תבא באזניו במלכות אדום.

דבר אחר: כאשר ינוס איש מפני הארי, זה נבוכדנצר; ופגעו הדוב, זה בלשצר; ובא הבית וסמך ידו על הקיר ונשכו הנחש, זה המן, שהיה נושף עמא כנחש. הדא הוא דכתיב (עזרא ד׳): רחום בעל טעם ושמשי ספרא, זה בנו של המן, כתבו אגרא חדא על ירושלם לארתחששתא מלכא, כנמא. ומה כתיב ביה? כען ידיע להוי למלכא, די הן קריתא דך תתבנא ושוריא ישתכללון, מנדה בלו והלך לא ינתנון (מנדה זו מדת הארץ, בלו זו פרוגינון, והלך זו אנגריא); ואפתם מלכים תהנזק. — ר׳ הונא ור׳ פנחס אמרין: אפילו דברים שהמלכות מתפתה בהם, כגון בי־תיאטראות ובי־קרקסאות, היא מזקת. כיון ששלח,

---

ר׳ הונא און ר׳ פנחס זאָגן: אפילו אין זאַכן וואָס מלכות לאָזט זיך פון זיי הנאה טאָן [9], ווי שפּיל הייזער און צירקוס הייזער, וועט זי [10] שאָדן ברענגען.

---

ה. [1] פון די פיר חיות וואָס דניאל האָט געזען אין חלום. [2] אָן אַ וו, און מע קען עס לייענען מיט אַ צירה (דיב, אויף אַראַמעאיש אַ וואָלף, זע תרגום אויף ירמיה ה, ו): ר׳ יוחנן באַצייכנט מדי מיטן נאָמען וואָלף. [3] דאָ קערט זיך אום דער בעל המדרש צו דער דרשה פון ר׳ הונא און ר׳ אחא, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן מיט ר׳ יוחננס ווערטער. [4] סיריע אונטער אַנטיוכוס הרשע. [5] רוים. [6] ניט ווי די פריערדיקע דרשה, וואָס ער האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חמא בר׳ חנינא. [7] אין די געדרוקטע טעקסטן ווערט דאָ ציטירט פסוק כא פון יענעם קאַפּיטל: כען — אַצינד גיט אַ באַפעל צו פאַרווערן דידאָזיקע מענטשן, און דידאָזיקע שטאָט זאָל ניט געבויט ווערן, וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין אַהער. מיר האָבן דאָ געביטן דעם פסוק לויט דער קאָרעקציע פונעם רש״ש. [8] דער שטייער וואָס ווערט געצאָלט פון לאַנד לויט דער מאָס. [9] מתפתה־ואפתם. [10] די

ווי באַלד ער [11] האָט געשיקט [דעם בריוו], אַזוי האָט ער [12] זיך צוגעהערט און האָט פאַרווערט די אַרבעט אויפן בית המקדש. און ווי באַלד זיי [13] האָבן דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן שרייען: „ווי!” ויהי — ווי איז געווען אין די טעג פון אחשורושן!

ו

ר׳ יצחק האָט אָנגעהייבן [מיטן פסוק] (משלי כט, ב): ברבות צדיקים — אַז עס מערן זיך צדיקים, טוט זיך דאָס פאָלק פרייען; אָבער אַז דער רשע געוועלטיקט, טוט דאָס פאָלק זיפצן. ווען די צדיקים באַקומען גרויסקייט איז אַ פרייד און אַ שמחה אויף דער וועלט, איז וואַ וואַ [1] אויף דער וועלט: (מלכים א, א, א) והמלך — און דער מלך דוד, — וואַ, וואָס דוד איז מלך; (דאָרט יא, א) והמלך — און דער מלך שלמה, — וואַ, וואָס שלמה איז מלך; (דאָרט טו, כב) והמלך — און דער מלך אסא, — וואַ, וואָס אָסאָ איז מלך. דאָס איז וועגן די מלכים פון ישראל; פון וואַנעט איז געדרונגען [דאָס זעלבע] ביי די מלכים פון די אומות העולם? ווי דער פסוק זאָגט (עזרא א, ז): והמלך — און דער מלך כורש, — וואַ, וואָס כורש איז מלך. אָבער ווען די רשעים באַקומען גרויסקייט, איז ווי און אָך און גרימצאָרן אויף דער וועלט: (מלכים א, טז, כט) וימלך — און אחאָב דער זון פון עמרין האָט געקיניגט, — ווי, וואָס אַחאָב דער זון פון עמרין האָט געקיניגט; (מלכים ב, טו, ל) וימלך — און עס האָט געקיניגט הושע בן אלה, — ווי, וואָס הושע דער זון פון אלהן האָט געקיניגט; (ירמיהו לז, א) וימלך — און צדקיהו דער זון פון יאשיהון איז געוואָרן מלך, — ווי, וואָס צדקיהו דער זון פון יאשיהון איז געוואָרן מלך. ביי די מלכים פון די אומות העולם, — ווי דער פסוק זאָגט: ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון אחשורושן, — ווי, וואָס אחשורוש איז געווען מלך.

ז

ר׳ לוי האָט אָנגעהויבן [מיטן פסוק] (במדבר לג, נה): ואם לא תורישו — און אויב איר וועט ניט פאַרטרייבן די איינוואוינער פון לאַנד פון פאַר אייך, וועלן די וואָס איר וועט איבערלאָזן פון זיי זיין [פאַר דערנער אין] אייערע אויגן און פאַר שטעכערס אין אייערע זייטן. דער פסוק] רעדט וועגן שאולן, ווען שמואל האָט אים געזאָגט (שמואל א, טו, ג): עתה לך — אַצינד גיי און שלאָג עמלקן. [ביים צוריקקומען] האָט ער אים געזאָגט: „ביסט אַוועק אַ צדיק און האָסט געבראַכט אַ רשע, און האָסט רחמנות געהאַט אויף אים”. ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק ט): ויחמל שאול — און שאול און דאָס פאָלק האָבן געשוינט אגגן. און אָט וועט אַן אויסוואוקס אַרויסקומען פון

---

שטאָט ירושלים. [11] שימשי דער שרייבער. [12] ארתחששתא, וואָס איז אידענטיש, לויטן בעל המדרש, מיט אחשורושן (זע ווייטער, א, ג). [13] די יידן.

ו. [1] וה — פרייד אויסרוף (זע איכה רבה א, לא); די וו און די הא פון והמלך ווערט גענומען ווי אַ באַזונדער וואָרט, וה, און אַזוי ווערט די וו און די יוד פון ויהי, אָדער פון וימלך, געלייענט באַזונדער ווי וי, ווי.

ז. [1] וואָס איז לויט דער מסורה אַרויסגעקומען פון אגגן (המן האגגי).

**שמע וביטל מלאכת בית המקדש. וכיון שראו כך, התחילו הכל צווחין:** „ווי!" ויהי בימי אחשורוש.

ו

**ר' יצחק פתח** (משלי כ"ט): ברבות צדיקים ישמח העם, ובמשול רשעים יאנח עם. **בשעה שהצדיקים נוטלין גדולה, חדוה ושמחה בעולם, וה-וה בעולם:** (מלכים א', א') והמלך דוד, — **וה, שמלך דוד:** (מלכים א' י"א) והמלך שלמה — **וה, שמלך שלמה;** (שם ט"ו) והמלך אסא, — **וה, שמלך אסא. אלו במלכי ישראל; במלכי אומות העולם מנין? שנאמר** (עזרא א'): והמלך כורש, — **וה, שמלך כורש. ובשעה שהרשעים נוטלין גדולה, ווי ואנחה וחרון אף בעולם:** (מלכים א, ט"ז) וימלוך אחאב בן עמרי, — **ווי, שמלך אחאב בן עמרי;** (שם ב', ט"ו) וימלך הושע בן אלה, — **ווי, שמלך הושע בן אלה;** (ירמיה ל"ז) וימלוך מלך צדקיהו בן יאשיהו, — **ווי, שמלך צדקיהו בן יאשיהו. במלכי אומות העולם, שנאמר:** ויהי בימי אחשורוש, ווי, **שמלך אחשורוש.**

ז

**ר' לוי פתח** (במדבר ל"ג): ואם לא תורישו את יושבי הארץ מפניכם, והיה אשר תותירו מהם — — —. **מדבר בשאול, בשעה שאמר לו שמואל** (שמואל א' ט"ו): עתה לך והכית את עמלק. **אמר ליה: „אזלת זכאה ואיתית חייבא וחסת עילוי", שנאמר** (שם): ויחמול שאול והעם על אגג, **„והא צמחא קיימא מיניה, שהוא עושה לכם דברים קשים,** לשכים בעיניכם ולצנינים בצדיכם". **ואיזה זה? זה המן, שאמר** להשמיד, להרוג ולאבד. **וכיון שראו הכל כן, התחילו צווחין „ווי!"** ויהי בימי אחשורוש.

ח

**ר' חנינא בר אדא פתח** (קוהלת י'): דברי פי חכם חן, **זה כורש, שנאמר** (עזרא א'): כה אמר כורש מלך פרס: כל ממלכות הארץ

---

אים, וואָס וועט אייך אָנטאָן בייזע זאַכן, ווי דערנער אין אייערע אויגן און שטעכערס אין אייערע זייטן. און ווער איז עס? **דאָס איז המן**[1], **וואָס האָט** באַפוילן אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען. **און ווי באַלד זיי האָבן אַלע דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען: וויי!"** ויהי — ווי איז געווען אין די טעג פון אחשורושן.

ח

**ר' חנינא בר אדא האָט אָנגעהייבן [מיטן פסוק]** (קוהלת י, יב): דברי — די רייד פונעם חכמס מויל האָבן חן, **דאָס איז כורש, ווי דער פסוק**

**זאָגט** (עזרא א, ב): כה אמר כורש — אַזוי האָט געזאָגט **כורש דער מלך פון פרס**: אַלע מלוכות פון דער ערד האָט מיר געגעבן גאָט פון די הימלען, און ער האָט מיר געבאָטן אים צו בויען אַ הויז אין ירושלים וואָס אין יהודה; (קוהלת, דאָרט) ושפחות — און די ליפּן פון דעם נאַר פאַרדאַרבן אים, **דען ער האָט געזאָגט**(עזרא א, ג): הוא האלהים — דאָס איז דער גאָט וואָס אין ירושלים [1]. (קוהלת י, יג) תחלת — דער אָנהייב רייד פון זיין מויל איז נאַרישקייט, — **וואָס איז די נאַרישקייט?** (עזרא, דאָרט) מי בכם — ווער פון אייך פון זיין גאַנצן פאָלק [2], זאָל זיין גאָט זיין מיט אים [3]; (קוהלת, דאָרט) ואחרית — און דער סוף פון זיינע רייד איז בייזע ווילדקייט, **דען ער האָט גוזר געווען און געזאָגט: „דער וואָס איז אַריבער דעם פּרת איז אַריבער, אָבער דער וואָס איז נאָך ניט אַריבער, זאָל ניט אַריבערגיין"** [4].

אַן אַנדער פּשט: תחלת — דער אָנהייב רייד [פון זיין מויל איז נאַריש־קייט], **דאָס איז אחשורוש, ווי דער פּסוק זאָגט** (עזרא ד, ו): ובמלכות — און אין דער מלוכה פון אחשורוש, אין אָנהייב פון זיין קיניגן, האָבן זיי געשריבן פיינטשאַפט [אויף די איינוואוינער פון יהודה און ירושלים]. ואחרית — און דער סוף פון זייערע רייד איז בייזע ווילדקייט, **דען ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט פאַרווערט די אַרבעט אויפן בית המקדש** [5]. **ווי באַלד זיי האָבן אַלע דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען: „ווי!"** ויהי — ווי איז געווען אין די טעג פון אחשורוש!

## ט

ר' יהודה בר' סימון האָט אָנגעהייבן [מיטן פּסוק] (איוב לד, ל): ממלך — כדי עס זאָל ניט קיניגן אַ פאַלשער מענטש — — — **ר' יוחנן און ריש לקיש** [באַשיידן דעם פּסוק]. **ר' יוחנן האָט געזאָגט: ווען אַ מלך איז פאַלש און ער הערשט איבער מענטשן, איז עס ממוקשי עם**, — איבער די שטרויכ־לונגען פון פאָלק, איבער דער האַרטנעקיקייט [1] **און די זינד פון די מענטשן, וואָס טוען ניט דעם ווילן פון דעם באַשעפער פון דער וועלט. ר' שמעון בן** לקיש **זאָגט: ליבערשט וואָלטן מענטשן זיך געלאָזט וואַקסן פליגלען און פליען אין דער לופטן** [2], **אָבער זיך ניט איבערגעבן און פאַרשקלאַפט ווערן אונטער דער האַנט פון אַ מלך אַ פאַלשן מענטשן. אַן אַנדער פּשט**: ממלך אדם חנף — כדי עס זאָל ניט קיניגן אַ מענטש אַ חנף, **דאָס איז אחשורוש, וואָס איז געווען אַ חנף, דען ער האָט געהרגעט זיין ווייב צוליב זיין פריינט, און אַן אַנדער מאָל האָט ער געהרגעט זיין פריינט צוליב זיין ווייב** [3].

**אבא אוריין פון ציידן האָט געזאָגט פינף זאַכן אין נאָמען פון רבן גמליאלן: אַז עס מערן זיך פאַלשע ריכטער, מערן זיך פאַלשע עדות; אַז עס מערן זיך מוסרים, מערט זיך דאָס אויסרויבן געלט פון מענטשן; אַז עס מערן זיך עזות פּנימער, ווערט אָפּגעטאָן דער גלאַנץ, די פּראַכט און דער כבוד פון מענטשן; [אַז דער קלענערער זאָגט צום גרעסערן: „איך בין גרעסער פון דיר", ווערן אונטערגעהאַקט די יאָרן פון מענטשן;]** [4] **אַז די באַליבטע זין דערצערענען זייער פאָטער אין הימל מיט זייערע מעשים,**

נתן לי ה׳ אלהי השמים, והוא פקד עלי לבנות לו בית בירושלים אשר ביהודה. (קוהלת שם): ושפתות כסיל תבלענו, **שאמר** (שם): הוא האלהים אשר בירושלים. (שם) תחלת דברי פיהו סכלות, — **מה הסכלות?** (עזרא א׳) מי בכם בכל עמו, יהי אלהיו עמו; (קוהלת י׳) ואחרית פיהו הוללות רעה, **די גזר ואמר: „די עבר פרת עבר; ודי לא עבר, לא יעבור״.**

**דבר אחר:** תחלת דברי, וגו׳, זה אחשורוש, **שנאמר** (עזרא ד׳): ובמלכות אחשורוש, בתחלת מלכותו, כתבו שטנה, וגו׳; ואחרית פיהו, וגו׳, **שעלה וביטל מלאכת בית המקדש. כיון שראו הכל כן, התחילו צווחין:** „ווי!״ ויהי בימי אחשורוש.

## ט

**ר׳ יודא בר׳ סימון פתח** (איוב ל״ד): ממלך אדם חנף, וגו׳, — **ר׳ יוחנן וריש לקיש. ר׳ יוחנן אמר: בשעה שהמלך חנף ומושל על הבריות,** ממוקשי עם, — **מן קשיותיהן וחוביהן דברייתא, די לא עבדין רעותיה דברייא דעלמא. ר׳ שמעון בן לקיש אומר: נוח להן לבריות להגדיל להן כנפים ולפרוח באוויר, ואל ימסרו וישתעבדו תחת יד מלך חנף. דבר אחר:** ממלך אדם חנף, **זה אחשורוש, שהיה חנף, שהרג את אשתו מפני אוהבו, ופעם אחרת הרג את אוהבו מפני אשתו.**

**אבא אוריין איש צידן אמר חמשה דברים משם רבן גמליאל: מן דסגו דייני שיקרא, סגון סהדי שיקרא; מן דסגון דלטוריא, סגין ממונהון דברייתא מתבזזה; מדסגו אפייא חציפתא, איתנסיב הודא והדרא ויקרא מן ברייתא; [מן דאמר זעירא לרבא: „אנא רב ממך״, אתקטיעו שניהון דבני אנשא;] מן דאכעסון בניא**

---

ח. [1] כורש, וואָס האָט אַזוי גוט גערעדט צום אָנהייב, האָט קאַליע געמאַכט צום סוף: איז דען גאָט נאָר אין ירושלים, און ניט אומעטום? [2] וואָס וויל אַרויפגיין קיין ירושלים. [3] ווי גאָט וואָלט געווען נאָר דער גאָט פון די יידן. [4] אין שיר השירים רבה (ה, ה) דערציילט זיך, אַז ווען כורש האָט געמערקט, אַז דורכן אויסוואַנדערן פון די יידן האָבן אָנגעהויבן אויסצופעלן אין זיין מדינה גאָלדשמידן און זילבערשמידן, האָט ער באַפוילן מער ניט אַרויסצולאָזן קיין יידן פון לאַנד. [5] לויט אַ ווייטערדיקן מדרש איז אחשורוש אידענטיש מיט ארתחששתא (א, ג; זע אויך א, א, באַמערקונג 7).

ט. [1] קשיותיהן — ממוקשי. [2] אָנשפּיל אויפן וואָרט ממוקשי, פון די שטרויכלונגען, פאַסטקעס: אַוועקפליען ווי אַ פויגל, וואָס ראַטעוועט זיך פון אַ פאַסטקע. [3] צוערשט האָט ער געהרגעט ושתין אויף דער עצה פון ממוכן — המן (זע תרגום אויף אסתר א, טז), און שפּעטער האָט ער געהרגעט המנען צופרידנצושטעלן אסתרן. [4] דאָס פערטע ווערט דאָ צוגעגעבן לויט מדרש אבא גוריון (ש. בובער, ווילנע 1886), אַנדערש וואָלטן דאָ געווען גאָר פיר זאַכן, ניט פינף; אַזוי איז אויך דער נוסח אין ילקוט (איוב תתקכ) און אַזוי זיינען אויך גורס דער מתנות כהונה און דער רד״ל (אגב וואָלט מען דאָ אויך מסתמא

שטעלט ער אויף איבער זיי אַ מלך אַ פאַלשן מענטשן, אַז ער זאָל פון זיי געצאָלט נעמען; און ווער איז עס? דאָס איז אחשורוש. און ווי באַלד זיי האָבן אַלע דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי אָנגעהייבן שרייען: „ווי!" ויהי — ווי איז געווען אין די טעג פון אחשורושן.

י

ר׳ ברכיה האָט אָנגעהייבן [מיטן פסוק] (ישעיה מא, ד): מי פעל — ווער האָט עס געמאַכט און געטאָן? דער וואָס האָט גערופן די דורות פון אָנהייב. גלייך ביים אָנהייב פון דער וועלט באַשאַפונג האָט הקדוש־ברוך־הוא אָנגעברייט פאַר איטלעכן וואָס אים פּאַסט[1]: אדם איז געווען דער ערשטער פון אַלע [מענטשלעכע] באַשעפענישן, קין — דער ערשטער פון די טויט־שלעגערס, הבל — דער ערשטער פון די טויטגעשלאָגענע, נוח — דער ערשטער פון די געראַטעוועטע, אברהם — דער ערשטער פון די געמלטע, יצחק — דער ערשטער פון די וואָס גייען צו דער עקדה, יעקב — דער ערשטער פון די תמימים, יהודה — דער ערשטער פון די שבטים[2], יוסף — דער ערשטער פון די פרומע, אהרן — דער ערשטער פון די כהנים, משה — דער ערשטער פון די נביאים, יהושע — דער ערשטער פון די באַצווינגערס, עתניאל — דער ערשטער פון די צעטיילערס[3], שמואל — פון די זאַלבערס, שאול — פון די געזאַלבטע, דוד — דער ערשטער פון די שפּילערס, שלמה — דער ערשטער פון די בויערס, נבוכדנצר — דער ערשטער פון די צע־שטערערס, אחשורוש — דער ערשטער פון די פאַרקויפערס[4], המן — דער ערשטער פון די קויפערס. און ווי באַלד זיי האָבן אַלע דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי אָנגעהייבן שרייען: „ווי!" ויהי — ווי איז געווען אין די טעג פון אחשורושן!

יא

ר׳ תנחומא און ר׳ ברכיה און ר׳ חייא רבה אין נאָמען פון ר׳ אליעזרן האָבן באַשיידט [דעם ויהי]: דעמדאָזיקן דרש האָבן מיר מיטגעבראַכט פון גלות[1]: אומעטום וואו דער פסוק זאָגט ויהי, און עס איז געווען, איז עס ניט אַנדערש, נייערט אַ צרה. און ר׳ שמואל בר נחמן אין נאָמען פון ר׳ יונתן האָט באַשיידט: דערדאָזיקער דרש איז געקומען צו אונדז: אומעטום וואו דער פסוק זאָגט: ויהי בימי — און עס איז געווען אין די טעג פון, איז עס ניט אַנדערש, נייערט אַ צרה. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט[2]: און פינף זיינען זיי: —

[א] (בראשית יד, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון אמרפלן. און וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען? (דאָרט פסוק ב) עשו — זיי האָבן געמאַכט אַ מלחמה. [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלכס אַ פריינט, וואָס האָט געוואוינט אין אַ שטאָט, און צוליב אים פלעגט דער מלך זיך אָפּגעבן מיט דער שטאָט. און ווי באַלד באַרבאַרן זיינען געקומען און אים באַפאַלן, האָבן זיי[3] געזאָגט: „ווי, דער מלך גיט זיך מער ניט אָפּ מיט דער שטאָט ווי ער פלעגט טאָן". אַזוי, — אברהם אבינו איז געווען דער פריינט פון הקדוש

חביביא עובדיהון קדם אבוהון דבשמיא, אקים עליהון מלכא חנפא, ויתפרע מינהון; ואי זה? זה אחשורוש. וכיון שראו הכל כן, התחילו צווחין: „ווי!״ ויהי בימי אחשורוש.

י

ר׳ברכיה פתח (ישעיה מ״א): מי פעל ועשה? קורא הדורות מראש, וגו׳. מתחילת בריתו של עולם התקין הקב״ה לכל אחד ואחד מה שראוי לו: אדם ראש ליצורים, קין ראש להורגים, הבל ראש לנהרגים, נח ראש לנמלטים, אברהם ראש למולים, יצחק ראש לנעקדים, יעקב ראש לתמימים, יהודה ראש לשבטים, יוסף ראש לחסידים, אהרן ראש לכהנים, משה ראש לנביאים, יהושע ראש לכובשים, עתניאל ראש למחלקים, שמואל — למושחים, שאול — לנמשחים, דוד ראש למנגנים, שלמה ראש לבונים, נבוכדנצר ראש למחריבים, אחשורוש ראש למוכרים, המן ראש לקונים. וכיון שראו הכל כן, התחילו צווחין „ווי!״ ויהי בימי אחשורוש.

יא

ר׳ תנחומא ור׳ ברכיה ור׳ חייא רבה בשם ר׳ אליעזר פתרין: המדרש הזה עלה בידינו מן הגולה: כל מקום שנאמר ויהי, אינו אלא צרה. ור׳ שמואל בר נחמן בשם ר׳ יונתן פתר: מדרש זה עלה בידינו: כל מקום שנאמר ויהי בימי, אינו אלא צרה. אמר ר׳ שמואל בר נחמן: וחמשה הן: —

[א]· (בראשית יד) ויהי בימי אמרפל. ומה צרה היתה שם? עשו מלחמה, וגו׳. לאוהבו של מלך, שהיה שרוי במדינה, ובשבילו המלך נזקק למדינה. וכיון שבאו ברברין ונזדווגו לו, אמרו: „ווי, שאין המלך נזקק למדינה כמות שהיה עושה״. כך אברהם אבינו אוהבו של הקב״ה (בראשית י״ב): ונברכו בך כל משפחות

---

געדאַרפט לייענען אַנשטאַט אבא אוריון — אבא גוריון, נאָך וועמען יענער גאַנצער מדרש רופט זיך צוליב דעם וואָס דאָס זיינען די אָנהייב־ווערטער זיינע).

י. [1] ער האָט אויסגעקליבן דעם פּאַסיקן פּראָטאָטיפּ פאַר יעדן מין כאַראַקטער.
[2] זייענדיק אין מדבר, פלעגט דער שבט יהודה גיין פאָראויס פון אַלע שבטים (במדבר ב, ג), און נאָכן אויפשטעלן דעם משכן האָט יהודה מקריב געווען דעם ערשטן קרבן (דאָרט ז, יב). [3] לויט שיר השירים רבה (ד, ז) האָט עתניאל געהאַט דריי נעמען: יהודה, עתניאל, יעבץ, און מיט דעם וואָס עס שטייט אין שופטים א, ב: יהודה זאָל אַרויפגיין (דער ערשטער מלחמה צו האַלטן און איינצוטיילן דאָס איינגענומענע לאַנד) מיינט מען עתניאלן. [4] וואָס האָט פאַרקויפט אַ גאַנץ פאָלק אויף אומצוברענגען.

יא. [1] פון בבל, — ר׳ חייא האָט אָפּגעשטאַמט פון בבל (דידאָזיקע פתיחתא געפינט זיך אויך, מיט באַשטימטע שינויים אין רות רבה, פתיחתא ז, און אין אַנדערע מדרשים).

ברוך הוא (בראשית יב, ג): ונברכו בך — און עס וועלן זיך בענטשן מיט דיר אַלע משפחות פון דער ערד, און מיט דיינע קינדער, און פון וועגן אים פלעגט הקדוש ברוך הוא זיך אָפּגעבן מיט דער גאַנצער וועלט זיינער. און ווייטער שטייט געשריבן (דאָרט יד, ז): וישובו — און זיי האָבן זיך אומגעקערט און זיינען געקומען קיין עין משפט, דאָס איז קדש, — זיי האָבן ניט אַנדערש געוואָלט, נייערט צו באַפאַלן דאָס אויג פון דער וועלט; דאָס אויג וואָס האָט איינגעפירט דעם מידת הדין אויף דער וועלט האָבן זיי געוואָלט בלינד מאַכן[4]. היא קדש — דאָס איז קדש, — ר׳ אחא האָט געזאָגט: דער כתיב איז הוא[5], דען ער האָט געהייליקט דעם נאָמען פון הקדוש ברוך הוא און איז אַריין אינעם פייערדיקן קאַלכאויון[6]. ווי באַלד אַלע האָבן געזען, אַז אַלע מלכים זיינען געקומען און אים באַפאַלן, אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען: „ווײ!״ ויהי — ווײ איז געווען אין די טעג פון אמרפלן.

[ב] (רות א, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג, ווען עס האָבן געמשפט די שופטים. און וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען? ויהי — און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד. [ס׳איז געגליכן] צו אַ שטאָט וואָס איז געווען שולדיק צינזן דעם מלך, און דער מלך האָט געשיקט אַ צינז מאָנער עס אויפצומאָנען. וואָס האָבן די שטאָט מענטשן געטאָן? זיי האָבן אים אויפ־געהאַנגען און אים געשלאָגן און עס אויפגעמאָנט [פאַר זיך].דאַן האָבן זיי געזאָגט: „ווײ, ווען דער מלך וועט זיך דערוויסן פון דידאָזיקע זאַכן! וואָס דעם מלכס שליח האָט געוואָלט טאָן מיט אונדז, האָבן מיר געטאָן מיט אים״. אַזוי, אַז איינער פון ישראל האָט געטאָן זאַכן ניט ווי ס׳געהער צו זיין, פלעגט מען אים פירן צום שופט, און וואָס דער שופט האָט געוואָלט טאָן דעם געמשפטן, האָט דער געמשפּטער געטאָן דעם שופט. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „איר זענט מבזה אייערע שופטים, [איך שווער ביי] אייער לעבן, אַז איך וועל אָנברענגען אויף אייך עפּעס וואָס איר וועט ניט קענען ביישטיין״. און וואָס איז עס? דאָס איז דער הונגער, ווי דער פסוק זאָגט: ויהי — ווײ איז געווען אין די טעג, ווען מע האָט געמשפט די שופטים[7], און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד.

[ג] (ישעיה ז, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון אָחזן. און וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען? ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ט, יא): ארם מקדם — ארם פון פאָרנט און פלשתים פון הינטן, [און זיי עסן ישראל מיטן פולן מויל. ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס האָט איבערגעגעבן זיין זון צו אַ דערציִער, און דער דערציִער האָט אים פיינט געהאַט. האָט ער געזאָגט: „אויב איך וועל אים הרגענען, וועט מיר קומען דער טויט פונעם מלך. נייערט איך וועל אַוועקנעמען זיין אַם פון אים, וועט ער פון זיך אַליין שטאַרבן״. אַזוי האָט אָחז געזאָגט: „אויב קיין ציגעלעך זיינען ניטאָ, וועלן קיין בעק ניט זיין; אויב קיין בעק זיינען ניטאָ, וועט קיין שאָף[8] ניט זיין; אויב קיין שאָף איז ניטאָ, וועט קיין פאַסטוך ניט זיין; אויב קיין פאַסטוך איז

האדמה ובזרעך, ובשבילו היה הקדוש ברוך הוא נזקק לכל עולמו. הה״ד (שם י״ד): וישובו ויבאו אל עין משפט, היא קדש, — לא בקשו להזדווג אלא לגלגל עינו של עולם; עין שעשתה מידת הדין בעולם, בקשו לסמותה. היא קדש, — דאמר ר׳ אחא: הוא כתיב, הוא שקידש שמו של הקב״ה וירד לכבשן האש. כיון שראו הכל, שבאו כל המלכים ונזדווגו לו, התחילו צווחין: „ווי!״ ויהי בימי אמרפל.

[ב] (רות א׳) ויהי בימי שפט השופטים. ומה צרה היתה שם? ויהי רעב בארץ. למדינה שהיתה חייבת ליפס של מלך, ושלח המלך גבאי טמיון לגבותה. מה עשו בני המדינה? תלו אותו והכו אותו וגבו אותה. אמרו: „ווי לכשירגיש המלך בדברים הללו! מה ששלוחו של מלך מבקש לעשות לנו, עשינו לו״. כך כשהיה אחד מישראל עושה דברים שלא כראוי, מוליכין אותו אל הדיין, ומה שהדיין מבקש לעשות לנשפט, היה הנשפט עושה לדיין. א״ל הקב״ה: „אתם מבזים את שופטיכם, — חייכם, שאני מביא עליכם דבר, שאין אתם יכולין לעמוד בו״. ואיזה זה? זה הרעב, שנאמר: ויהי בימי שפט השופטים, ויהי רעב בארץ.

[ג] (ישעיה ז׳) ויהי בימי אחז. ומה צרה היתה שם? דכתיב (ישעיה ט׳): ארם מקדם ופלשתים מאחור. למלך שמסר בנו לפדגוג, והיה הפדגוג שונא אותו. אמר: „אם אני הורגו, אני מתחייב מיתה למלך; אלא הריני מושך מינקתו ממנו, והוא מת מאליו״. כך אמר אחז: „אם אין גדיים, אין תיישים; אם אין תיישים, אין צאן; אם אין צאן, אין רועה; אם אין רועה, אין העולם מתקיים״. כך היה אחז סבור ואומר: „אם אין קטנים, אין גדולים; אם אין גדולים, אין תלמידים; אם אין תלמידים, אין

---

ניטאָ, האָט די וועלט קיין קיום ניט״. אַזוי האָט אָחז געטראַכט און געזאָגט: „אויב קיין קליינע זיינען ניטאָ, וועלן קיין גרויסע ניט זיין; אויב קיין גרויסע זיינען ניטאָ, וועלן קיין תלמידים ניט זיין; אויב קיין תלמידים זיינען ניטאָ, וועלן קיין חכמים ניט זיין; אויב קיין חכמים זיינען ניטאָ,

---

[2] אין זיין אייגענעם נאָמען. [3] די מענטשן פון דער שטאָט. [4] עין משפט — דאָס אויג פון משפט, אברהם, וואָס האָט איינגעפירט גערעכטן משפט אויף דער וועלט, — אים האָבן זיי געוואָלט אומברענגען. [5] אָנשטאָט היא, זי, ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין, און ווי עס ווערט פאַקטיש געלייענט (דער קרי), שטייט געשריבן (כתיב) הוא, ער, ווערט עס דעריבער געטייטשט אויף אַברהמען. [6] ווען נמרוד האָט אים געוואָלט צווינגען צו עבודה זרה (בראשית רבה לח, יג). [7] אַזוי לויטן דרש. [8] צאָן, שאָף, ווערט אָפט

וועלן קיין זקנים ניט זיין; אויב קיין זקנים זיינען ניטאָ, וועט קיין תורה ניט זיין; אויב קיין תורה איז ניטאָ, וועלן קיין שולן און בתי מדרשים ניט זיין; אויב קיין שולן און בתי מדרשים וועלן ניט זיין, וועט הקדוש ברוך הוא ניט לאָזן רוען זיין שכינה אויף דער וועלט״. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען און פאַרשלאָסן אַלע שולן און בתי מדרשים, כדי מע זאָל קיין תורה ניט לערנען. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ח, טז): צור תעודה — פאַרבינד דעם אָנזאָג, פאַרזיגל די תורה צווישן מיינע לערנערס [9]. ר׳ הונא האָט אין נאָמען פון ר׳ אֶלעזרן געזאָגט: פאַרוואָס איז זיין נאָמען געווען אָחז? ווייל ער האָט פאַרכאַפּט [10] די שולן און די בתי מדרשים. ר׳ יעקב בר אבא אין נאָמען פון ר׳ אַחאן האָט עס אַרויסגעלערנט פון אָט דעם פסוק, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט, פסוק יז): וחכיתי — און איך וועל וואַרטן אויף גאָט, וואָס פאַרבאָרגט זיין פנים פון יעקבס הויז, און איך וועל האָפן אויף אים. קיינמאָל האָט נאָך ישראל ניט געהאַט אַזאַ שווערע שעה ווי יענע, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לא, יח) ואנכי — און איך, פאַרבאָרגן וועל איך פאַרבאָרגן מיין פנים אין יענעם טאָג פאַר אַלדאָס בייז וואָס ער האָט געטאָן — — —. אָבער פון דערזעלבער שעה האָב איך געהאָפט צו אים, דען אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק כא): כי לא תשכח — ווארום זי [11] וועט ניט פאַרגעסן ווערן פון דעם מויל פון זיינע קינדער. טאָ וואָס קאָנסטו אויפטאָן [12]: ישעיה ח, יח) הנה אנכי — אָט בין איך און די קינדער וואָס גאָט האָט מיר געגעבן ווי סימנים און צייכנס אין ישראל. זיינען זיי דען געווען זיינע קינדער? זיי זיינען דאָך ניט מער געווען ווי זיינע תלמידים! נייערט פון דאַנען [איז געדרונגען], אַז אַ מענטשנס אַ תלמיד ווערט אָנגערופן זיין זון. און ווי אַלע האָבן געזען, אַז ער האָט פאַרכאַפּט די שולן און די בתי מדרשים, אַזוי האָבן זיי אָנגעהייבן זאָגן: „ווי!״ ויהי — ווי איז געווען אין די טעג פון אחזן!

[ד] (ירמיה א, ג) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון יהויקים דעם זון פון יאשיהון. וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען? (דאָרט ד, כג) ראיתי — איך האָב געזען די ערד, און זי איז וויסט און לער — — —. [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך וואָס האָט געשיקט בריוו פון שטאָט צו שטאָט, און אין איטלעכער שטאָט וואו דעם מלכס בריוו פלעגן אָנקומען פלעגט מען זיי אַרומנעמען און קושן, זיך שטעלן אויף די פיס און אויפדעקן די קעפּ, און זיי לייענען מיט מורא, מיט אימה, מיט ציטערניש און פלאַ־טערניש; אָבער אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין דעם מלכס שטאָט, האָט מען זיי געלייענט און צעריסן און פאַרברענט. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט לו, כג): ויהי — און עס איז געווען, ווי יהודי האָט אָפּגעלייענט דריי אָדער פיר עמודים — — —אַ דריי־פיר פסוקים, און ווי נאָר זיי זיינען צוגעקומען צום פינפטן פסוק [13]: היו צריה — אירע פיינט זיינען געוואָרן דער קאָפּ, אַזוי באַלד האָט ער עס אָפּגעשניטן מיטן שרייבערס מעסער און

**חכמים; אם אין חכמים, אין זקנים; אם אין זקנים, אין תורה; אם אין תורה, אין בתי כנסיות ובתי מדרשות; אם אין בתי כנסיות ומדרשות, אין הקב״ה משרה שכינתו בעולם״. מה עשה? עמד ונעל כל בתי כנסיות ומדרשות שלא להתעסק בתורה. הה״ד** (שם ח׳): צור תעודה, חתום תורה בלמודי. **ר׳ הונא בשם ר׳ אלעזר אמר: למה נקרא שמו אחז? שאחז בתי כנסיות ומדרשות. ר׳ יעקב בר אבא בשם ר׳ אחא שמע לה מן הדין קרא, דכתיב** (שם): וחכיתי לה׳ המסתיר פניו מבית יעקב וקויתי לו. **אין לך שעה שהיתה קשה לישראל כאותה שעה, שנאמר** (דברים ל״א): ואנכי הסתר אסתיר את פני ביום ההוא על כל הרעה אשר עשה, **וגו׳. ומאותה שעה קויתי לו, דכתיב:** כי לא תשכח מפי זרעו. **ומה את מועיל?** (ישעיה ח׳) הנה אנכי והילדים אשר נתן לי ה׳ לאותות ולמופתים בישראל. **וכי ילדיו היו? והלא לא היו אלא תלמידיו! אלא מכאן, שתלמידו של אדם נקרא בנו. וכיון שראו הכל, שאחז בתי כנסיות ובתי מדרשות, התחילו אומרים: ווי!״** ויהי בימי אחז.

[ד] (ירמיהו א׳, ג) ויהי בימי יהויקים בן יאשיהו. **מה צרה היתה שם?** (ירמיה ד׳) ראיתי את הארץ והנה תהו ובהו, **וגו׳. למלך ששלח כתבים ממדינה למדינה, ובכל מדינה ומדינה שהיו מגיעים כתביו של מלך היו מחבקים ומנשקים אותם, עומדים על רגליהם ופורעים ראשיהם וקורין אותן ביראה, באימה, ברתת ובזיעה. וכיון שהגיעו למדינתו של מלך קראום וקרעום ושרפום. הה״ד** (שם ל״ו): ויהי כקרוא יהודי שלש דלתות וארבעה, **וגו׳, — כתלתא או כארבעה פסוקים, וכיון שהגיעו לפסוק החמישי** (איכה א, ה) — היו צריה לראש, **מיד יקרעה** בתער הספר והשלך אל האש אשר אל האח, **וגו׳. וכיון שראו הכל כך, התחילו צווחין: ״ווי!״** ויהי בימי יהויקים.

---

אַריינגעוואָרפן אין פייער וואָס אין פייערטאָפּ — — —. **און ווי זיי האָבן עס אַלע געזען, אַזוי האָבן זיי אָנגעהייבן שרייען: ״ווי!״** ויהי — ווי איז געווען אין די טעג פון יהויקימען!

---

[9] געטייטשט לויטן דרש. **געניצט סיי פאַר שעפּסן, סיי פאַר ציגן** (זע ויקרא ג, פסוקים ו, ז און יא). [10] אחז — כאַפּן (זע שיר השירים ב, טו). [11] **די תורה.** [12] **וואָס קאָן אָחז אויפטאָן קעגן גאָטס אָנזאָג?** [13] פון איכה א, **וואָס יהודי האָט, לויט דער מסורה,**

[ה] אסתר א, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון אחשורוש. וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען ? (דאָרט ג, יג) להשמיד — אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען. [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך וואָס איז אַריין אין ווייננאָרטן, און עס זיינען אים באַפאַלן דריי שונאים. דער ערשטער האָט אָנגעהייבן אַרומרייסן די לויזע טרויבן, דער צווייטער האָט אָנגעהייבן שניידן די ענגלען, און דער דריטער האָט אָנגעהייבן אויסרייסן די וויינ־שטאָקן. אַזוי האָט דער רשע פרעה אָנגעהייבן אַרומרייסן די לויזע טרויבן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות א, כב): ויצו פרעה — און פרעה האָט באַפוילן זיין גאַנץ פאָלק אַזוי צו זאָגן: איטלעכער זון וואָס ווערט געבאָרן [14], [זאָלט איר אים אין טייך אַריינוואַרפן]. — נבוכדנצר, די ביינער זאָלן אים צעריבן ווערן, האָט אָנגעהייבן שניידן די ענגלען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (מלכים ב, כד, טז): החרש והמסגר — די מייסטערס און די שלאָסערס טויזנט. (ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ יהודהן האָט געזאָגט: די מייסטערס טויזנט און די שלאָסערס טויזנט; און די רבנן זאָגן: די מייסטערס און די שלאָסערס [צוזאַמען] טויזנט.) ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: דאָס זיינען די תלמידי חכמים. און ר׳ שמואל דער זון פון ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דאָס זיינען די ראַטגעבערס. — המן הרשע, צעריבן און אָפּגעמעקט זאָל ער ווערן, האָט אָנגעהייבן אויסרייסן די וויינשטאָקן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: להשמיד — אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענ־גען — ער האָט געזוכט די יידן עוקר מן השורש זיין [15], ער האָט געוואָלט מע זאָל אָפּקויפן [די הון] מיט אַלע אייער [16]. און ווי באַלד זיי האָבן דאָס אַלץ געזען, אַזוי האָבן זיי אָנגעהייבן אַלע שרייען: „ווײַ!״ ויהי — ווײַ איז געווען אין די טעג פון אחשורוש.

ר׳ שמעון בר אבא האָט אין נאָמען פון ר׳ יונתן געזאָגט: וואו נאָר עס שטייט ויהי, באַטייט עס אָדער אַ צרה, אָדער אַ שמחה. אויב אַ צרה, איז נאָך אַזאַ צרה ניט געווען; אויב אַ שמחה, איז נאָך אַזאַ שמחה ניט געווען. איז געקומען ר׳ שמואל בר נחמן און האָט געמאַכט אַן איינטיילונג: אומעטום וואו עס שטייט ויהי, און עס איז געווען, באַטייט עס אַ צרה; און וואו עס שטייט והיה, און עס וועט זיין, איז עס אַ שמחה.

האָט מען אים געפרעגט: אָט שטייט דאָך (בראשית א, ג): ויאמר — און גאָט האָט געזאָגט: זאָל זיין ליכט! ויהי — און עס איז געוואָרן ליכט? [17] האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען די וועלט האָט ניט זוכה געווען זיך צו באַנוצן מיט דעמדאָזיקן ליכט, וואָרום ר׳ יודא דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: אינעם ליכט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דעם ערשטן טאָג האָט אַ מענטש געקענט קוקן און זען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. אָבער באַלד ווי הקדוש־ברוך־הוא האָט פאַראויסגעזען דעם דור פון אנושן [18] און דעם דור המבול און דעם דור הפלגה [19], אַז זיי זיינען אָנגעברייט צו זינדיקן פאַר אים, אַזוי האָט ער גענומען און עס פאַרבאָרגן פון זיי; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (איוב לח, טו): וימנע — און עס

[ה] ויהי בימי אחשורוש. **מה צרה היתה שם?** להשמיד להרוג ולאבד. למלך שנכנס בכרם, ונזדווגו לו **שלשה שונאים. הראשון התחיל מקטף בעוללות, השני התחיל מזנב באשכלות, והשלישי התחיל עוקר בגפנים. כך פרעה הרשע התחיל מקטף בעוללות; הדא הוא דכתיב** (שמות א׳): ויצו פרעה לכל עמו לאמר: כל הבן הילוד, וגו׳. — **נבוכדנצר שחיק עצמות התחיל מזנב באשכלות; הה״ד** (מלכים ב׳, כ״ד): החרש והמסגר אלף. **(ר׳ ברכיה בשם ר׳ יהודה: החרש אלף והמסגר אלף; ורבנן אמרי: החרש והמסגר אלף). ר׳ יודא בר׳ סימון אמר: אלו תלמידי חכמים. ור׳ שמואל בר ר׳ יצחק אמר: אלו הבליוטין. — המן הרשע שחיק מחיק התחיל עוקר בגפנים; הה״ד**: להשמיד להרוג ולאבד, — **בקש לקעקע ביצתן של ישראל, בעא דיזבון בכל (ביתא) [ביעתא]. וכיון שראו הכל כן, התחילו צווחין: „וי!״** ויהי בימי אחשורוש.

**ר׳ שמעון בר אבא בשם ר׳ יונתן אמר: כל מקום שנאמר** ויהי **משמש צרה ושמחה. אם צרה, אין צרה כיוצא בה; אם שמחה, אין שמחה כיוצא בה. אתא ר׳ שמואל בר נחמן ועבדה פלגא: כל מקום שנאמר** ויהי **משמש צרה, וכל מקום שנאמר** והיה — **שמחה.**

**איתיבון: והא כתיב**: ויאמר אלהים: יהי אור! ויהי אור? **אמר לון: אף היא אינה שמחה, שלא זכה העולם להשתמש לאותה אורה, [ד]אמר ר׳ יודא בר׳ סימון: אורה שנבראת ביום הראשון היה אדם צופה ומביט בה מסוף העולם ועד סופו; וכיון שצפה הקב״ה בדור אנוש ובדור המבול ובדור הפלגה, שהן עתידין לחטוא לפניו, עמד וגנזה מהם; הה״ד** (איוב ל״ח): וימנע מרשעים אורם. **והיכן גנזה? בגן עדן; הה״ד** (תהלים צ״ז): אור זרוע לצדיק, ולישרי לב שמחה.

---

וועט פאַרמיטן ווערן פון די רשעים זייער ליכט. **און וואו האָט ער עס פאַר־באָרגן? אין גן עדן, ווי אין פסוק שטייט** (תהילים צז, יא): אור זרוע — אַ ליכט איז פאַרזייט פאַרן צדיק, און פאַר די מיטן רעכטפאַרטיקן האַרץ — אַ פרייד.

---

**געלייענט פאַרן מלך.** [14] **פיצלעך קינדער** — עוללים; **לויזע, איינציקע ווייַנטרויבן** — עוללות. [15] **ווערטערלעך: צעשטערן זייער איי (זייער זאָמען; אומברענגען די קינדער ביי דער מאַמען אין בויך).** [16] **פאָלקס ווערטל: אָפּקויפן אַלץ מיט אַנאַנדער,** —

**האָט מען אים געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** ויהי ערב — און עס איז געוואָרן אָוונט און עס איז געוואָרן פרימאָרגן, איין טאָג? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דעם ערשטן טאָג איז אָנגעברייט אויף פאַרלענדט צו ווערן; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (ישעיה נא, ו): כי שמים — דען די הימלען וועלן ווי רויך צעקראַכן ווערן און די ערד וועט ווי אַ בגד צעפוילט ווערן.

**האָט מען אים געפרעגט: אָט שטייט דאָך געשריבן:** [ויהי — — — און עס איז געווען — — —] אַ צווייטער טאָג, אַ דריטער טאָג, **ביזן זעקסטן טאָג? האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין די ששת ימי בראשית נויטיקט זיך אין באַאַרבעטונג, ווייל זייער באַשאַפונג איז ניט שלמותדיק; אַ שטייגער דער ווייץ, וואָס דאַרף ערשט געמאָלן ווערן, און דער זענעפט און דער לובין, וואָס דאַרפן ערשט פאַרזיסט ווערן.**

**האָט מען אים געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** (בראשית לט, ב): ויהי ה׳ — און גאָט איז געווען מיט יוספן? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען דורך דעם איז יענע בעריכע אויפגערייצט געוואָרן** [20].

**האָט מען אים געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** (ויקרא ט, א): ויהי — און עס איז געווען אויפן אַכטן טאָג האָט משה גערופן אהרונען און זיינע זין? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז ניט געווען גוט, דען אין יענעם טאָג זיינען געשטאָרבן נדב און אביהוא, און גאַנץ ישראל האָט געוויינט אויף זיי, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט י, ו): ואחיכם — און אייערע ברידער, דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, זאָלן וויינען אויף דער פאַרברענונג.

**האָט מען אים געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** (במדבר ז, א): ויהי — און עס איז געווען אין דעם טאָג ווען משה האָט פאַרענדיקט אויפצושטעלן דעם משכן? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען ער איז [שפּעטער] באַהאַלטן געוואָרן אינעם בנין פון דער וועלט** [21].

**האָט מען אים געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** (יהושע ו, כז): ויהי ה׳ — און גאָט איז געווען מיט יהושען? **האָט ער געזאָגט צו זיי: ס׳איז ניט קיין שמחה, דען יענעם טאָג איז געהרגעט געוואָרן יאיר, וואָס איז געווען אַזוי וויכטיק ווי די מערהייט פון סנהדרין** [22]; **דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (דאָרט ז׳ ה): ויכו — און די מענטשן פון עי האָבן געשלאָגן פון זיי אַזוי ווי זעקס און דרייסיק מאַן, — **עס שטייט דאָ ניט „שלשים וששה אנשים", „זעקס און דרייסיק מענער", נייערט כשלשים וששה איש — אַזוי ווי זעקס און דרייסיק מאַן, דאָס איז יאיר, וואָס האָט געהאַט די ווערט ווי די מערהייט פון סנהדרין; און וואָס שטייט דאָרט געשריבן?** ויקרע יהושע — און יהושע האָט צעריסן זיינע קליידער [23].

**האָט מען אים געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** (שמואל א, יח, יד): ויהי דוד — און דוד האָט אין אַלע זיינע וועגן באַגליקט? **האָט ער געזאָגט צו זיי:**

**איתיבון:** ויהי ערב ויהי בקר, יום אחד? **אמר לון: „אף הדא אינה שמחה, שכל מה שנברא ביום הראשון הן עתידין להבלות; הה״ד** (ישעיה נ״א): כי שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד תבלה.

**איתיבון: והכתיב:** יום שני, יום שלישי, **עד** יום הששי? **אמר לון: אף הדא אינה שמחה, שכל מה שנברא בששת ימי בראשית צריכין עשייה, שאינן נעשין עשייה שלימה; כגון החטים צריכים להטחן, והחרדל והתורמוסין צריכין להמתק.**

**איתיבון** (בראשית ל״ט): ויהי ה׳ את יוסף? **אמר לון: אף הדא אינה שמחה, שמתוך כך נתגרתה אותה הדוב.**

**איתיבון** (ויקרא ט׳): ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו? **אמר לון: אף הדא אינו טוב, שבאותו היום מתו נדב ואביהוא, ובכו להם כל ישראל, שנאמר** (שם י׳): **ואחיכם** כל בית ישראל יבכו את השרפה.

**איתיבון** (במדבר ז׳): ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן? **אמר לון: אף הדא אינה שמחה, שנגנז (בו בנינו) [בבנינו] של עולם.**

**איתיבון** (יהושע ו׳): ויהי ה׳ את יהושע? **אמר לון: אינה שמחה, שבו ביום נהרג יאיר, שהיה שקול כרובה של סנהדרין; הה״ד** (שם ז׳): ויכו מהם אנשי העי כשלשים וששה איש, — **„שלשה וששה אנשים״ אין כתיב כאן, אלא** כשלשים וששה איש, **זה יאיר ששקול כרובה של סנהדרין; מה כתיב שם?** ויקרע יהושע שמלותיו.

**איתיבון** (שמואל א׳ י״ח): ויהי דוד בכל דרכיו משכיל? **אמר לון: אינה שמחה, שמתוך כך כתיב** (שם): ויהי שאול עוין את דוד.

---

**דאָס איז ניט קיין שמחה, דען דורכדעם [איז אַרויסגעקומען וואָס עס]** שטייט געשריבן (דאָרט, פסוק ט): ויהי שאול — און שאול האָט געקוקט קרום אויף דודן.

---

אומברענגען און ניט איבערלאָזן קיין שריד ופליט. טעקסט עמענדירט לויט ויקרא רבה יא, ז, און לויט רות רבה, פתיחתא ז. [17] און ווייטער שטייטוירא אלהים — און גאָט האָט געזען דאָס ליכט, אַז ס׳איז גוט, **איז דאָך שוין פאַראַן אַ** ויהי **צום גוטן.** [18] **ווען** מע האָט אָנגעהויבן דינען צו געצן (זע אונקלוס און רשי אויף בראשית ד, כו). [19] **„דור** פון צעטיילונג״, ווען דער מענטשלעכער מין איז צעטיילט געוואָרן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן און פעלקער (בראשית י, כה; יא, א־ט). [20] **פוטיפרס ווייב, און יוסף איז** דורכדעם אַריינגעפאַלן אין תפיסה. [21] לויט מלכים א, ח, ד, **איז דער אוהל מועד (משכן)**

**האָט מען אים געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** (דברי הימים א, יז, א): ויהי — און עס איז געווען ווען דוד האָט זיך באַזעצט אין זיין הויז? **האָט ער געזאָגט צו זיי: דאָס איז ניט קיין שמחה, דען אין יענעם טאָג איז געקומען נתן הנביא און האָט אים געזאָגט** (דאָרט, פסוק ד): לא אתה — ניט דו וועסט מיר בויען דאָס הויז[24].

**האָבן זיי געזאָגט צו אים: מיר האָבן געזאָגט אונדזערס; זאָג דו דיינס[25]. האָט ער געזאָגט צו זיי: עס שטייט געשריבן** (יואל ד, יח): והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועלן די בערג טריפן מיט זאַפט; (זכריה יד, ח) והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועלן אַרויסקומען לעבעדיקע וואַסערן פון ירושלים; (ישעיה ז, כא) והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג אַז אַ מאַן וועט אויסהאָדעווען אַ יונגע רינד און צוויי שאָף, [איז פון פיל מילך וואָס זיי וועלן געבן, וועט ער עסן פוטער]; (מיכה ה, ו) והיה — און עס וועט זיין דער איבערבלייב פון יעקב צווישן די פעלקער [ווי טוי פון גאָט, ווי שפריי רעגן אויף גראָז]: (ישעיה כז, יג) והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועט געבלאָזן ווערן מיט אַ גרויסן שופר; (תהילים א, ג) והיה — און ער וועט זיין ווי אַ בוים געפלאַנצט ביי באַכן וואַסער.

**האָט מען אים געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** (ירמיה לח, כח): והיה — און עס איז געווען, ווען ירושלים איז באַצוואונגען געוואָרן? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז ניט קיין צרה, נייערט אַ שמחה, דען אין יענעם טאָג איז געבוירן געוואָרן מנחם[26], און די יידן האָבן באַקומען אַ קבלה אויף זייערע זינד[27]; דען ר' שמואל האָט געזאָגט: אַ פולע[28] קבלה האָבן די יידן באַקומען פאַר זייערע זינד בשעת דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (איכה ד, כב): תם עונך — אויסגעלאָזט האָט זיך דיין פאַרברעכן, טאָכטער פון ציון.

יב

רב און שמואל **[פלעגן אָנהייבן זייער דרשה אויף אסתר מיט די ווייטערדיקע פסוקים]. רב האָט געזאָגט: אַלץ וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט, האָט ער וועגן אים געזאָגט[1]. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה יד, כב): והכרתי — און איך וועל פאַרשניידן צו בבל אַ נאָמען און אַן איבערבלייב, און אַ קינד און אַ קינדס קינד, — אַ נאָמען, **דאָס איז נבוכדנצר**, און אַן איבערבלייב, **דאָס איז אויל מרודך**, און אַ קינד, **דאָס איז בלשצר**, און אַ קינדס קינד, **דאָס איז ושתי. אַן אַנדער פשט**: אַ נאָמען, **דאָס איז זייער שריפט[2]**, און אַן איבערבלייב, **דאָס איז לשון, און** אַ קינד און אַ קינדס קינד, **דאָס איז אַ זון און אַן אייניקל[3]. און שמואל האָט געזאָגט: אַלץ וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט, האָט ער וועגן אים געזאָגט[4]. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (ירמיה מט, לח): ושמתי — און איך וועל שטעלן מיין טראָנשטול אין עילם, און איך וועל אומברענגען פון דאָרטן קיניג און האַרן, — קיניג, **דאָס איז ושתי** און האַרן, **דאָס זיינען די זיבן האַרן פון פרס און מדי.**

**איתיבון** (דברי הימים א׳ י״ז): ויהי כאשר ישב דוד בביתו? **אמר לון: אינה שמחה, שבאותו היום בא נתן הנביא ואמר לו** (שם): לא אתה תבנה לי הבית.

**אמרין ליה: אמרינן דילן; אמור את דילך. אמר להם: כתיב** (יואל ד׳): והיה ביום ההוא יטפו ההרים עסים; (זכריה י״ד) והיה ביום ההוא יצאו מים חיים מירושלים; (ישעיה ז׳) והיה ביום ההוא יחיה איש עגלת בקר ושתי צאן; (מיכה ה׳) והיה שארית יעקב בגוים; (ישעיה כ״ז) והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול; (תהלים א׳) והיה כעץ שתול על פלגי מים.

**איתיבון ליה:** (ירמיה ל״ח) והיה כאשר נלכדה ירושלים? **אמר לון: אף ההיא אינה צרה, אלא שמחה, שבו ביום נולד מנחם ונטלו ישראל אפוכי על עונותיהן; דאמר רבי שמואל: אפוכי** (גדולה) [שלימה] **נטלו ישראל על עונותיהן בשעה שחרב בית המקדש; הדא הוא דכתיב** (איכה ד׳): תם עונך, בת ציון.

יב

**רב ושמואל. רב אמר: כל מה שאמר הקב״ה, בו אמר. הה״ד** (ישעיה י״ד): והכרתי לבבל שם ושאר ונין ונכד — שם **זה נבוכדנצר, ושאר זה אויל מרודך, ונין זה בלשצר. ונכד זה ושתי. דבר אחר:** שם **זה הכתב שלהן, ושאר זה לשון, ונין ונכד —בר ובר בר. ושמואל אמר: כל מה שאמר הקב״ה, בו אמר. הדא הוא דכתיב** (ירמיה מ״ט): ושמתי כסאי בעילם והכרתי משם מלך ושרים, — מלך זו ושתי, ושרים **אלו שבעת שרי פרס ומדי.**

---

אַריינגעבראַכט געוואָרן אין בית המקדש (דעם „בנין פון דער וועלט״), אים דאָרט צו באַהאַלטן (זע סוטה ט, א), אַזוי אַז דער משכן איז גלייך ניט געווען אויסגערעכנט אויף דער אייביקייט. — די ענדערונג אין טעקסט איז געמאַכט געוואָרן לויט בראשית רבה מב, ג, און לויט ויקרא רבה יא, ז. [22] וואָס איז באַשטאַנען פון 71 חברים. [23] און אַזוי האָט זיך אויך יענער ויהי אויסגעלאָזט מיט אַ צרה. [24] דעם בית המקדש. [25] אַז וואו עס שטייט והיה, און עס וועט זיין, איז עס צום גוטן. [26] משיח (זע איכה רבה א, נא). [27] זע איכה רבה ד, כה, וואו עס זאָגט זיך, אַז מגילת איכה איז אַ באַשטעטיקונג, אַז יידן האָבן געקראָגן באַצאָלט פאַר זייערע זינד (זע אונדזער אויסגאַבע פון איכה רבה, דאָרט באַמערקונג 2). [28] עמענדירט לויט איכה רבה.

יב. [1] וועגן אחשורושן: די שטראָף וואָס דער אייבערשטער האָט פאָראויסגעזאָגט אויף בבל איז ענדגילטיק דורכגעפירט געוואָרן דורך אחשורושן, וועלכער האָט געלאָזט הרגענען ושתין, וואָס איז געווען, לויט אַ מדרש (זע ילקוט שמעוני אסתר, א, תתרמט), בלשצרס אַ טאָכטער, נבוכדנצרס אַן אור אייניקל (לויטן מתנות כהונה באַציִען זיך רבס ווערטער אויף נבוכדנצרן). [2] און זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַ שריפט פון אַן אַנדער אומה (זע רשי, מגילה י, ב). [3] אויל מרודך און בלשצר. [4] ווי אויבן, און דער

ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט (דברים כח, לו): יולך ה׳ — גאָט וועט אַוועקפירן דיך און דיין מלך, — ווען זאָגן: קיין בבל, — האָבן זיי דען ניט אָפּגעשטאַמט פון בבל? [5] אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק (דאָרט) צו אַ פאָלק, וואָס דו און דיינע עלטערן האָבן ניט געקענט? נייערט דאָס איז מדי. דאָס איז [וואָס עס שטייט געשריבן] ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון [אחשורוש] [6].

**ר׳ שמואל בר נחמני אמר** (דברים כ״ח): יולך ה׳ אותך ואת מלכך, — **אם תאמר לבבל, והלא מבבל היו, אם כן למה נאמר**: אל גוי אשר לא ידעת אתה ואבותיך? **אלא זו מדי. הוי** ויהי בימי.

---

**אונטערשייד צווישן רבן און שמואלן איז נאָר דאָס וואָס זיי דרשנען אַרויס דאָס זעלבע פון פאַרשיידענע פסוקים. [5] איז דאָך אברהם אבינו פון בבל געקומען. [6] דאָס מיינט, אַז די קללה פון דער תוכחה איז געקומען אין איר פולקייט ערשט אין די טעג פון אחשורושן, דעם מלך פון פרס און מדי.**

# פרשה א

## א

(א, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון [אחשורושן]. ר׳ יהושע בן קרחה האָט געזאָגט: [מע האָט אים גערופן אחשורוש,] ווייל ער האָט פאַרשווארצט[1] יידן דאָס פנים ווי דער דעק פון אַ טאָפּ. און ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ווייל ער האָט איינגעדארט[2] יידן דעם קאָפּ דורך פאַסטן תעניתים. ר׳ לוי האָט געזאָגט: ווייל ער האָט זיי אָנגעטרונקען מיט גיפט און ווערמוט[3]. און ר׳ יודא דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: ווייל ער האָט געוואָלט די יידן עוקר מן השורש זיין[4]. און ר׳ תחליפא בר בר חנה האָט געזאָגט: ווייל ער איז געווען דער ברודער פונעם קאָפּ, דער ברודער פון נבוכדנצרן[5]. אָבער איז ער דען געווען זיין ברודער? איז דאָך דער געווען פון די כשדים[6] און דער — פון מדי! נייערט דער האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון [בויען] דעם בית המקדש[7], און יענער האָט אים חרוב געמאַכט, דעריבער האָט זיי דער פסוק פאַרגליכן מיטאַנאַנד. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (משלי יח, ט): גם מתרפה — אויך דער וואָס איז אָפּגעלאָזט אין זיין אַרבעט איז אַ ברודער צו אַ מאַן אַ צעשטערער, — אויך דער וואָס איז אָפּגעלאָזט אין זיין אַרבעט, דאָס איז אחשורוש, וואָס האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון בית המקדש; איז אַ ברודער צו אַ מאַן אַ צעשטערער, דאָס איז נבוכדנצר, וואָס האָט צעשטערט דעם בית המקדש.

אחשורוש, הוא אחשורוש — אחשורוש, דאָס איז דער אחשורוש, — [זאָגן וועגן דעם] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה. איינער האָט געזאָגט: אחשורוש, וואָס האָט געהרגעט זיין ווייב צוליב זיין פריינט[8], דאָס איז דער [זעלבער] אחשורוש, וואָס האָט [שפּעטער] געהרגעט זיין פריינט צוליב זיין ווייב. און ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: אחשורוש, וואָס האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון דעם בית המקדש, דאָס איז דער [זעלבער] אחשורוש, וואָס האָט גוזר געווען, ער זאָל אויפגעבויט ווערן.

אָבער האָט ער דען גוזר געווען? האָט דען ניט דריוש[9] גוזר געווען? נייערט — אין פסוק שטייט (עזרא ו, ג): בשנת חדא — אין ערשטן יאָר

---

א. [1] אחשורוש — השחיר. [2] אחשורוש — הכחיש ראש. לויטן רד״ל וואָלט מען דאָ געדאַרפט לייענען החיש ראש, ער האָט זיי געמאַכט קאָפּ ווייטאָג, — דאָס וואָרטשפּיל וואָלט געווען גאַנצער. [3] השקה רוש. [4] דאָ ליגט אַ באַהאַלטן וואָרטשפּיל: חש לשרש, ער האָט געאיילט אויסצואוואָרצלען (רד״ל). — ווערטערלעכע איבערזעצונג: צעשטערן זייער איי (זייער זאָמען). [5] דניאל זאָגט צו נבוכדנצרן (דניאל ב, לח): אנת הוא — דו ביסט עס דער קאָפּ פון גאָלד. [6] פון בבל. [7] אחשורוש ווערט ווייטער

# פרשה א

## א

(א, א) ויהי בימי. אמר ר׳ יהושע בן קרחה: **שהשחיר פניהם של ישראל כשולי קדירה.** ור׳ ברכיה אמר: **שהכחיש ראשן של ישראל בצום ותעניות.** ר׳ לוי אמר: **שהשקה אותן רוש ולענה.** ור׳ יודא בר׳ סימון אמר: **שבקש לקעקע ביצתן של ישראל.** **ור׳ תחליפא בר בר חנה אמר: שהיה אחיו של ראש, אחיו של נבוכדנצר. וכי אחיו היה? והלא זה כשדי וזה מדיי! אלא זה ביטל מלאכת בית המקדש וזה החריבו, לפיכך השווה אותם הכתוב כאחד. הה״ד** (משלי י״ח): גם מתרפה במלאכתו אח הוא לבעל משחית, — גם מתרפה במלאכתו, **זה אחשורוש, שביטל מלאכת בית המקדש;** אח הוא לבעל משחית, **זה נבוכדנצר, שהשחית בית המקדש.**

**(דבר אחר:)** אחשורוש, [הוא אחשורוש], **— ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. חד אמר:** אחשורוש, **שהרג אשתו מפני אוהבו;** הוא אחשורוש, **שהרג אוהבו מפני אשתו. ור׳ נחמיה אמר:** אחשורוש, **שביטל מלאכת בית המקדש;** הוא אחשורוש, **שגזר עליו שיבנה.**

**וכי הוא גזר? והלא** (כורש) [דריוש] **גזר? אלא כתיב** (עזרא ו׳): בשנת חדא לכורש מלכא. **באותה שעה נכנסו כל**

---

(א, ג) **אידענטיפיצירט מיטן קיניג ארתחששתא** (משמעות אויפן פאָלגנדיקן באַזיס: אין עזרא ד, ו, ווערט דערציילט וועגן אַ מסירה וואָס די שונאים פון יהודה און בנימין האָבן געשיקט צו אחשורושן, ניט אָנגעבנדיק דעם אינהאַלט פון דער מסירה, און גלייך אין פסוק ז און ווייטער ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון אַ מסירה בריוו, וואָס דיזעלבע האָבן געשיקט צו ארתחששתא, און וואָס האָט געפירט צו דעם, אַז דאָס בויען דעם בית המקדש זאָל אָפּגעשטעלט ווערן; ווערן דעריבער די ביידע מסירות פאַרשטאַנען ווי איינע און דיזעלבע, און ממילא ווערן ביידע קיניגן אידענטיפיצירט ווי איינער). [8] גע־הרגעט ושתין אויף דער עצה פון ממוכנען, וואָס ווערט אידענטיפיצירט מיט המנען. די דרשה איז געבויט אויף דער איבערחזרונג פונעם נאָמען, וואָס איז אין פלוג איבעריק. (דעם אויסדרוק דבר אחר, אַן אַנדער פשט, וואָס געפינט זיך אין אַלע געדרוקטע אויסגאַבן צום אָנהויב פונעם דרש, האָבן מיר אַרויסגעלאָזן, מחמת אין תוך איז עס אינגאַנצן אַ נייער דרש: אויבן ווערט געדרשנט דער נאָמען אחשורוש, און דאָ — דער אויסדרוק הוא אחשורוש. מעגלעך, אַז דער אויסדרוק דבר אחר איז דאָ אַריין מיט אַ טעות אַנשטאָט אין אָנהייב פון סימן ב, וואו ער פּאַסט זיך יאָ: דאָרט ווערט געבראַכט אַן אַנדער דרש אויפן אויסדרוק הוא.) [9] עמענדירט לויט עזרא ו, און אַזוי איז אויך גורס דער רד״ל.

פון דעם מלך כורש [האָט דער מלך כורש געגעבן אַ באַפעל — — — דאָס הויז זאָל געבויט ווערן] [10]. אין יענער צייט זיינען אַריין צו אים [11] אַלע זיינע ראַטגעבערס און האָבן אים געזאָגט: „דיין פאָטער [12] האָט גוזר געווען, אַז עס זאָל ניט געבויט ווערן, און דו ביסט גוזר, אַז עס זאָל יאָ געבויט ווערן, — קען דען איין מלך מבטל זיין די באַפעלן פון אַן אַנדער מלך [13]?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „ברענגט מיר די באַפעלן וואָס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן [קיין אחמתא]". גלייך האָבן זיי אים געבראַכט. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (עזרא ו, ב): והשתכח — און עס איז געפונען געוואָרן אין אחמתא, אין דער הויפּט שטאָט. און וואָס איז אין דעם געשריבן? (דאָרט, ד, כ"א) כען — אַצינד גיט אַ באַפעל אָפּצושטעלן [14] — — —. האָט ער געזאָגט צו זיי: „שטייט דען געשריבן אויף אייביק? עס שטייט ניט אַזוי, נייערט עד מני — ביז פון מיר וועט אַ באַפעל געגעבן ווערן. ווער קען מיר זאָגן, אַז ווען מיין פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט ער אים [סוף כל סוף] ניט געלאָזט בויען?" דעריבער שטעלט אים דער פסוק צוזאַמען מיט די נביאים; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ו, יד): ושבי — און די עלטסטע פון די יידן האָבן געבויט און מצליח געווען [לויט דער נבואה פון דעם נביא חגי און זכריה דעם זון פון עדו — — — און לויטן באַפעל פון כורשן, און דריושן, און ארתרשחשתא [15] דעם מלך פון פרס].

ב

(א, א) הוא — דאָס איז דער [אחשורוש], — פינף מאָל [איז דאָס וואָרט הוא, ער, פאַראַן] צום שלעכטן און פינף מאָל צום גוטן. פינף מאָל צום שלעכטן: בראשית י, ט): הוא היה — ער [1] איז געווען אַ מאַכטיקער יעגער: (דאָרט לו, מג) הוא — דאָס איז עשו, דער פאָטער פון אדום; (במדבר כו, ט) הוא — דאָס איז דתן און אבירם; (דברי הימים ב, כח, כב): הוא — דאָס איז דער מלך אחז; הוא — דאָס איז דער מלך אחשורוש. פינף מאָל צום גוטן: (דברי הימים א, א, כז) אברם, הוא — אברם, דאָס איז אברהם; (שמות ו, כו און כז) הוא — דאָס איז משה און אהרן; הוא — דאָס איז אהרן און משה; (שמואל א, יז, יד) ודוד הוא — און דוד איז געווען דער קלענסטער; (דברי הימים ב, לב, יב) הוא — דאָס איז [דאָך] דער יחזקיהו; (עזרא ז, ו) הוא עזרא — דערדאָזיקער עזרא איז אַרויפגעגאַנגען פון בבל. ר' ברכיה [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון די רבנן פון דאָרטן [2]: מיר האָבן איינעם, וואָס איז בעסער פון זיי אַלעמען (תהלים קה, ז): הוא ה' — ער איז גאָט אונדזער גאָט, אויף גאָר דער וועלט זיינען זיינע משפּטים, דען זיין מידת הרחמים איז אויף אייביק [3].

ג

(א, א) אחשורוש — ר' לוי און די רבנן [דרשנען דעם נאָמען]. ר' לוי האָט געזאָגט: אחשורוש איז דערזעלבער וואָס ארתחששתא; [און פאַרוואָס רופט מען אים] אחשורוש? ווייל איטלעכער וואָס דערמאָנט זיך

סנקליטין שלו אצלו; אמרו לו: „אביך גזר עליו שלא יבנה, ואת גוזר עליו שיבנה, — וכי יש מלך מבטל גזרות מלך?״ אמר להם: „הביאו לי קינסין הנעתקין.״ מיד הביאו לו. ההי״ד (שם): והשתכח באחמתא בבירתא. ומה כתיב ביה? (שם ד׳) כען שימו טעם לבטלה. אמר להם: „ומי כתיב לעולם? לא כתיב, אלא עד מני טעמא יתשם. מאן אמר לי, שאילו היה אבא קיים, לא היה בונה אותו?״ לפיכך הוא כוללו עם הנביאים; ההי״ד: ושבי יהודיא בנין ומצלחין, וגו׳.

ב

(א, א) הוא, — חמשה לרעה וחמשה לטובה. חמשה לרעה: (בראשית י׳) הוא היה גבור ציד; (שם ל״ו) הוא עשו אבי אדום; (במדבר כ״ו): הוא דתן ואבירם; (דה״ב כ״ח) הוא המלך אחז; הוא אחשורוש. חמשה לטובה: (דה״א א׳) אברם, הוא אברהם; (שמות ו׳) הוא משה ואהרן; הוא אהרן ומשה; (ש״א י״ז) ודוד הוא הקטן; (דה״ב ל״ב) הוא יחזקיהו; (עזרא ז׳) הוא עזרא עלה מבבל. ר׳ ברכיה בשם רבנן דתמן: אית לן חד, דטב מכולהון (תהלים ק״ה): הוא ה׳ אלהינו, בכל הארץ משפטיו, שמדת רחמיו לעולם.

ג

(א, א) אחשורוש, ר׳ לוי ורבנן. ר׳ לוי אמר: אחשורוש הוא ארתחששתא. (ורבנן אמרי) [ולמה נקרא שמו] אחשורוש? שכל

---

10 דאָס איז דער דאָקומענט פון כורשעס דערלויבניש צו בויען דעם בית המקדש, לויט וועלכן דריוש האָט דערלויבט צו באַנייען די אַרבעט, און דער בעל המדרש באַשרייבט, וואָס דעמאָלט איז פאָרגעקומען. 11 צו דריושן. 12 ארתחששתא — אחשורוש, וואָס איז לויטן מדרש געווען דריושעס פאָטער (ווייטער ח, ג). 13 די קיניגלעכע געזעצן פון פרס און מדי זיינען געווען אומפאַרענדערלעך (זע אסתר א, יט; ח, ח). 14 לויטן מדרש האָט מען צוזאַמען מיט כורשעס דערלויבניש אויך געלייענט פאַר דריושן ארתחששתא־אחשורושעס באַפעל אָפּצושטעלן די אַרבעט. 15 אחשורוש (זע אויבן, באַמערקונג 7), כאָטש דער פסוק גיט זיי ניט אין דער געהעריקער אָרדנונג. — און ווייל אחשורוש־ארתחששתא האָט אין זיין באַפעל געמאַכט די באַמערקונג ביז פון מיר וועט אַ באַפעל געגעבן ווערן, וואָס האָט שפּעטער דערמעגלעכט דריושן צו דערלויבן דאָס בויען דעם בית המקדש, ווערט עס פאַררעכנט, ווי ער אַליין וואָלט עס דערלויבט.

ב. 1 נמרוד הרשע. 2 פון בבל: ר׳ ברכיה אַליין איז געווען אַן ארץ ישראלדיקער, פונעם פערטן דור אמוראים. אין בראשית רבה (לז, ג) ברענגט ער דעמזעלבן מאמר אין נאָמען פון ר׳ חנין, עס זיינען אָבער געווען צוויי אמוראים מיטן זעלבן נאָמען, איינער אין בבל, אינעם צווייטן דור אמוראים, רבס אַ תלמיד, און אַ צווייטער אין ארץ ישראל, מיט אַ דור שפּעטער (זע די זוכווערטער ר׳ ברכיה און ר׳ חנין אין דער אנציקלופּדיה לחכמי התלמוד והגאונים פון דר׳ מרדכי מרגליות). — לויטן מתנות כהונה מיינט דאָרטן ארץ ישראל (אָבער זע אַריינפיר, א). 3 דער שם הויה באַצייכנט דעם מידת הרחמים. — דער געדאַנק פונעם מדרש איז, אַז דאָס וואָרט הוא קומט אין אַזעלכע פאַלן צו אַקצענטירן דעם כאַראַקטער פון דער באַטרעפנדיקער פּערזאָן, צום גוטן, אָדער צום שלעכטן.

**אַן אים קריגט אַ קאַפּוויטיק**[1]**. [און די רבנן זאָגן: ארתחששתא איז דערזעלבער וואָס אחשורוש; טאָ] פאַרוואָס רופט אים דער פּסוק ארתחששתא? ווייל ער פלעגט זיך אויפקאָכן און גלייך נאָכלאָזן**[2]**.**

אחשורוש, [דאָס איז דער אחשורוש], — **ר' יצחק און די רבנן. ר' יצחק האָט געזאָגט:** אחשורוש, **דער וואָס אַלע צרות זיינען געקומען אין זיינע טעג, ווי דער פּסוק זאָגט** (אסתר ד, ג): אבל גדול — אַ גרויסער טרויער ביי די יידן; הוא — דאָס איז דער אחשורוש, **וואָס אַלדאָס גוטס איז געקומען אין זיינע טעג, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט ח, יז): שמחה — ששון ושמחה ביי יידן, אַ סעודה און אַ יום טוב. **די רבנן זאָגן:** אחשורוש, **ביז אסתר איז ניט געקומען צו אים;** דאָס איז דער אחשורוש, **וואָס זינט אסתר איז געקומען צו אים האָט ער מער ניט בועל געווען קיין נידות**[3]**.**

## ד

(א, א) המולך — וואָס קיניגט, — **אָבער ביז איצט האָט ער ניט געקיניגט**[1]**.**

מהודו — פון הודו ביז כוש, — **אָבער איז ניט פון הודו ביז כוש אַ קלייניקייט?**[2] **נייערט, אַזוי ווי ער האָט געקיניגט** פון הודו ביז כוש, **אַזוי האָט ער געקיניגט איבער** הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. **און דעסטגלייכן** (מלכים א, ה, ד): כי הוא רודה — וואָרום ער[3] געוועלטיקט איבערן גאַנצן געגנט פון דער זייט טייך, פון תפסח און ביז עזה, **אָבער איז ניט פון תפסח ביז עזה אַ קלייניקייט? נייערט, אַזוי ווי ער האָט געוועלטיקט** פון תפסח ביז עזה, **אַזוי האָט ער געוועלטיקט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. און דעסטגלייכן** (תהלים סח, ל): מהיכלך — פון דיין טעמפּל אַרויף קיין ירושלים וועלן מלכים דיר ברענגען מתנות, — **אָבער איז דען ניט פונעם טעמפּל ביז ירושלים אַ קלייניקייט? נייערט, אַזוי ווי די קרבנות זיינען בנימצא צווישן טעמפּל און ירושלים, אַזוי וועלן זיין בנימצא וועגגייערס מיט געשאָנקען פאַרן מלך המשיח; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (דאָרט עב, יא): וישתחוו לו — און עס וועלן זיך בוקן צו אים אַלע מלכים. **ר' כהן דער ברודער פון ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט: אַזוי ווי די שכינה איז בנימצא צווישן דעם טעמפּל און ירושלים, אַזוי וועט די שכינה אָנפילן די וועלט פון איין עק צום צווייטן; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (דאָרט פּסוק יט): וימלא — און אָנגעפילט וועט ווערן מיט זיין כבוד די גאַנצע ערד, אמן ואמן!

## ה

(א, א) הונדערט און זיבן און צוואַנציק [מדינות]. **ר' אלעזר [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר' חנינאן: זיינען דען ניט פאַראַן צוויי הונדערט און צוויי און פופציק פּראָווינצן אויף דער וועלט?**[1] **איז דוד האָט געוועלטיקט איבער זיי אַלע; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (דברי הימים א, יד, יז): ויצא — און דודס נאָמען איז אַרויס אין אַלע לענדער. **שלמה האָט געוועלטיקט איבער זיי אַלע; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (מלכים א, ה, א): ושלמה — און שלמה האָט געוועלטיקט איבער אַלע מלוכות. **אחאב האָט**

מי שזוכרו חושש את ראשו. [ורבנן אמרי: ארתחששתא הוא אחשורוש; ו]למה קראו הכתוב ארתחששתא? שהיה מרתיח ותש.

אחשורוש, [הוא אחשורוש], — ר׳ יצחק ורבנין. ר׳ יצחק אמר: אחשורוש, שבאו כל הצרות בימיו, שנאמר: אבל גדול ליהודים; הוא אחשורוש, שבאו כל הטובות בימיו, שנאמר: שמחה וששון ליהודים, משתה ויום טוב. רבנן אמרי: אחשורוש, עד שלא נכנסה אסתר אצלו; הוא אחשורוש, משנכנסה אסתר אצלו לא היה בועל נידות.

ד

(א, א) המולך, ועדיין לא מלך. מהודו ועד כוש, — והלא מהודו ועד כוש דבר קל הוא? אלא כשם שמלך מהודו ועד כוש, כך מלך על שבע ועשרים ומאה מדינה. ודכוותיה (מלכים א׳, ה): כי הוא רודה בכל עבר הנהר, מתפסח ועד עזה, — והלא מתפסח ועד עזה דבר קל הוא? אלא כשם ששלט מתפסח ועד עזה, כך שלט מסוף העולם ועד סופו. ודכוותיה (תהלים ס״ח): מהיכלך על ירושלם לך יובילו מלכים שי, — והלא מהיכל לירושלם דבר קל הוא? אלא כשם שהקרבנות מצויים מהיכל לירושלם, כך דורכיאות עם דורניאות עתידות להיות מצויות למלך המשיח; הה״ד (שם ע״ב): וישתחוו לו כל המלכים. ר׳ כהן אחוה דר׳ חייא בר אבא אמר: כשם שהשכינה מצויה מהיכל לירושלם, כך תהיה השכינה ממלאה מסוף העולם ועד סופו; הה״ד (שם): וימלא כבודו את כל הארץ, אמן ואמן!

ה

(א, א) שבע ועשרים ומאה. ר׳ אלעזר בשם ר׳ חנינא: והלא מאתים וחמשים ושתים אפרכיות הן בעולם, ודוד שלט בכולן; הה״ד (ד״ה א׳, י״ד): ויצא שם דוד בכל הארצות. שלמה שלט בכולן; הה״ד (מלכים א׳ ה׳): ושלמה היה מושל בכל הממלכות,

---

ג. [1] חושש את ראשו — אחשורוש. [2] מרתיח ותש — ארתחששתא. לויט ר׳ לוין איז זיין נאָמען געווען ארתחששתא, און אחשורוש איז געווען זיין צונאָמען; און לויט די רבנן איז עס געווען פאַרקערט. — דער טעקסט איז עמענדירט געוואָרן לויטן רד״ל. [3] פריער האָט ער זיך אויפגעפירט אויף זיין פאַרדאַרבענעם שטייגער, אָבער אונטער איר איינפלוס, אָדער אין איר זכות פלעגט ער מער ניט באַשלאָפן קיין פרויען אין דער צייט פון זייער אָפּזונדערונג. — סיי לויט ר׳ יצחקן און סיי לויט די רבנן האָט זיך אחשורוש געביטן צום גוטן, און דאָס זאָל זיין דער זין פון פסוק: אחשורוש, דאָס איז דער אחשורוש, וואָס האָט זיך שפּעטער אינגאַנצן געביטן.

ד. [1] דער בעל המדרש מיינט, משמעות, צו זאָגן, אַז ביז דאַן איז זיין מלוכה ניט געווען זיכער אין זיינע הענט, און ער בויט די דרשה אויף דעם, וואָס דער פסוק באַנוצט

**געוועלטיקט איבער זיי אַלע; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט יח, י): חי ה׳ — ווי עס לעבט גאָט דיין גאָט, אויב עס איז דאָ אַ פאָלק אָדער אַ מלוכה — — — [און ער האָט באַשוואָרן דאָס פאָלק און די מלוכה, אויב מע האָט דיך ניט געפונען], — **קען דען אַ מענטש באַשווערן אין אַן אָרט וואו ער געוועלטיקט ניט? און נאָך [אַ ראיה] פון דעם** (דאָרט כ, טו): ויפקד — און ער האָט איבערגעציילט די יונגען פון די האַרן פון די לענדער, און זיי זיינען געווען צוויי הונדערט און צוויי דרייסיק. **און וואו זיינען די איבעריקע?** [2] **[זאָגן וועגן דעם] ר׳ לוי און די רבנן. ר׳ לוי האָט געזאָגט: זיי** [3] **זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער אין די טעג פון אליהו**[4]. **און די רבנן זאָגן: בן־הדד איז געקומען און האָט זיי אָוועקגענומען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט פסוק א): ובן הדד — און בן הדד דער מלך פון ארם האָט צונויפגעזאַמעלט זיין גאַנצן חיל, און צוויי און דרייסיק מלכים מיט אים, און פערד און רייטוועגן, און ער איז אַרויף און האָט באַלאַגערט שומרון און מלחמה געהאַלטן אויף איר. **[אָבער] מיר דאַרפן דאָך צוואַנציק, און דו זאָגסט צוויי און דרייסיק! נייערט, אַז ס׳איז געווען אַ פּראָווינץ, וואָס איז געווען שווער [צו באַהערשן], פלעגט ער נעמען פון איר צוויי [האַרן־קינדער] און פלעגט זיי מאַכן משכנות אין זיין האַנט.**

**ר׳ ברכיה און די רבנן [דערקלערן עס]. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: דאָס מיינט קינדער פון באַצווינגונג; [און די רבנן זאָגן:] קינדער פון ערבות. „קינדער פון באַצווינגונג״, ווייל זיי זיינען איינגעבראַכן געוואָרן מיט פייניקונג מכשירים**[5]**, און „קינדער פון ערבות״, ווייל זיי זיינען געווען אַן אויסבייט**[6] **פאַר זייערע עלטערן; און אַזוי זאָגט דער פסוק** (מלכים ב, יד, יד): ואת בני התערובות — און די קינדער פון ערבות, **וואָס זיינען געווען דער אויסבייט פאַר זייערע עלטערן.**

**נבוכדנצר האָט געוועלטיקט איבער זיי אַלע; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דניאל ב, לח): ובכל די דארין — און וואו נאָר עס וואוינען מענטשנקינדער, חיות פון פעלד און פייגל פון הימל [האָט ער געגעבן אין דיין האַנט]. **כורש האָט געוועלטיקט איבער זיי אַלע; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (עזרא א, ב): כל ממלכות — אַלע מלוכות פון דער ערד האָט מיר גאָט געגעבן. **דריוש האָט געוועלטיקט איבער זיי אַלע; דאָס איז ווי אין פסוק**

---

זיך מיטן לשון פון הוה, געגנוואַרט: המולך, און ניט אשר מלך, וואָס האָט געקיניגט.
[2] עס איז ניט קלאָר, וואָס פאַראַ פלעצער דער בעל המדרש מיינט מיט די צוויי נעמען. אין דער גמרא (מגילה יא, א) זיינען די מיינונגען וועגן דעם פאַרשיידן (זע יפה ענף).
[3] שלמה המלך.

ה. [1] משמעות, אַז די בעלי המדרש האָבן געהאַט אַזוי בקבלה. [2] אויב ער האָט געהערשט איבער צוויי הונדערט און צוויי און פופציק מדינות, האָט ער דאָך געדאַרפט האָבן אַזוי פיל יונגען פון די האַרן פון די מדינות (ווי משכנות, — זע ווייטער), טאָ וואו זיינען אַהינגעקומען די איבעריקע? [3] די אַנדערע צוואַנציק יונגען. [4] מלכים א, יז. [5] ארכוף — אוכייפי. [6] תמורות — אמוריי. — טעקסט עמענדירט לויטן רד״ל.

**וגו׳. אחאב שלט בכולן**; **ההי״ד** (שם י״ח): חי ה׳ אלהיך, אם יש גוי וממלכה, וגו׳. — **וכי אדם משביע במקום שאינו שולט? ועוד מן הדא** (שם כ׳): ויפקד את נערי שרי המדינות, ויהיו מאתים שנים ושלשים, וגו׳. **והשאר היכן הם? ר׳ לוי ורבנן. ר׳ לוי אמר: כלו ברעב בימי אליהו. ורבנן אמרי: בן הדד בא ולקחן**; **ההי״ד** (שם): ובן הדד מלך ארם קבץ את כל חילו, ושלשים ושנים מלכים אתו וסוס ורכב, ויעל ויצר על שומרון וילחם בה. **אנן בעיין עשרים, ותימר שלשים ושנים! אלא יש אפרכייא שהיתה קשה, והיה נוטל ממנה שנים, ועושה אותן עירבון תחת ידו.**

**ר׳ ברכיה ורבנן. ר׳ ברכיה אמר: בני אוכייפי**; [**ורבנן אמרי**:] **בני אמריי. (ורבנן אמרי) „בני אוכייפי״, שהיו מרוצצין בארכוף, ו„בני אמוריי״, שהיו תמורות של אבותיהן**; **וכן הוא אומר**(שם ב׳ י״ד): ואת בני התערובות, **שהיו מעורבותיהן של אבותיהן.**

**נבוכדנצר שלט בכולן**; **הדא הוא דכתיב** (דניאל ב׳): ובכל די דארין בני אנשא, חיות ברא ועוף שמיא, וגו׳. **כורש שלט בכולן**; **ההי״ד** (עזרא א׳): כל ממלכות הארץ נתן לי ה׳. **דריוש שלט בכולן**; **ההי״ד** (דניאל ו׳): באדין דריוש מלכא כתב לכל עממיא, וגו׳. **אחשורוש שלט בחציין. למה בחציין? ר׳ הונא בשם ר׳ אחא ורבנן. ר׳ הונא בשם ר׳ אחא: אמר לו הקדוש ברוך הוא: „אתה חלקת את מלכותי, שאמרת**: הוא האלהים אשר בירושלם; **חייך, שאני חולק את מלכותך״. ורבנן אמרי: אמר**

---

שטייט (דניאל ו, כו): באדין — דענסמאָל האָט דער מלך דריוש געשריבן צו אַלע פעלקער [, אומות און לשונות וואָס וואוינען אויף דער גאַנצער ערד]. **אחשורוש האָט געוועלטיקט איבער אַ העלפט פון זיי**[7]. **פאַרוואָס נאָר איבער אַ העלפט?** [ענטפערן אויף דעם] **ר׳ הונא אין נאָמען פון ר׳ אחאן און די רבנן. ר׳ הונא אין נאָמען פון ר׳ אחאן** [**זאָגט**]: **הקדוש ברוך הוא האָט אים**[8] **געזאָגט**: „**דו האָסט האַלבירט מיין קיניגרייך, דען דו האָסט געזאָגט** (עזרא א, ג): הוא — דאָס איז דער גאָט וואָס אין ירושלים[9]; [**שווער איך**] **ביי דיין לעבן, אַז איך וועל האַלבירן דיין קיניגרייך״**[10]. **און די רבנן**

---

[7] **איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק פון די צוויי הונדערט און צוויי און פופציק.**
[8] כורשן, אין סוף פון זיינע טעג (עץ יוסף). [9] ווי גאָט כביכול וואָלט געקיניגט נאָר אין ירושלים. [10] **און אחשורוש האָט שוין געירשנט נאָר אַ האַלבע מלוכה.** (אַזוי לויטן עץ יוסף; לויטן מהרז״ו **איז דער דרש געבויט אויף דער מיינונג, אַז אויך כורש**

זאָגן: הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט: „דו האָסט האַלבירט דעם בנין פון מיין הויז, דען דו האָסט געזאָגט (עזרא ו, ג): רומה — זיין הייך זעכציק איילן[11], זיין ברייט זעכציק איילן; ביי דיין לעבן, אַז איך וועל האַלבירן דיין קיניגרייך". טאָ זאָל דער פסוק זאָגן הונדערט און זעקס און צוואַנציק[12], פאַרוואָס זאָגט ער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות? נייערט אַזוי האָט אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „דו האָסט צוגעגעבן פון דיינעם אָן אַרויפגאַנג צו מיין הויז, דען דו האָסט געזאָגט (עזרא א, ג): מי בכם — ווער עס איז צווישן אייך פון זיין גאַנצן פאָלק, זאָל זיין גאָט זיין מיט אים, און זאָל ער אַרויפגיין; וועל איך [דיר] אויך צוגעבן אַ שטייגונג, אַ צוגאָב פון מיר". דען ער האָט אים צוגעגעבן אַ מדינה צום חשבון. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות.

ו

ר' לוי האָט אין נאָמען פון ר' שמואל בר נחמן געזאָגט: אין פסוק שטייט (דניאל ז, ט): ושער — און די האָר פון זיין קאָפּ איז ווי ריינע וואָל, דען קיין באַשעפעניש קאָן צו אים גאָרניט ניט האָבן[1]. ר' יודן [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר' איבון: אין פסוק שטייט (ישעיה סג, ג): פורה — אַ קעלטער האָב איך געטרעטן אַליין, און פון די פעלקער איז קיינער ניט געווען מיט מיר, — אָבער דאַרף דען הקדוש ברוך הוא אָנקומען צו דער הילף פון די פעלקער, וואָס ער זאָגט און פון די פעלקער איז קיינער ניט געווען מיט מיר? נייערט אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „ווען איך וועל נאָכקוקן די ביכער פון די פעלקער פון דער וועלט, און עס וועט זיי ניט געפונען ווערן קיין זכות פאַר מיר[2], אין יענער שעה וועל איך זיי צעטרעטן אין מיין כעס און זיי צעטראָמפּלען אין מיין צאָרן".

ר' פינחס און ר' חלקיה האָבן אין נאָמען פון ר' סימון געזאָגט: אין פסוק שטייט (זכריה יב, ט)): והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועל איך זוכן צו פאַרניכטן אַלע פעלקער [וואָס קומען אויף ירושלים], — „וועל איך זוכן"? ווער קען אים דען אָפּהאַלטן? נייערט אַזוי האָט הקדוש־ברוך־ הוא געזאָגט: „אַז איך וועל נאָכקוקן די ביכער פון די פעלקער פון דער וועלט, און עס וועט זיי ניט געפונען ווערן קיין זכות פאַר מיר, אין יענער שעה וועל איך זוכן[3] צו פאַרניכטן אַלע פעלקער". ר' סימון אין נאָמען פון ר' יוחנן [האָט געזאָגט]: אין פסוק שטייט (דברים לב, לה): לי נקם — איך האָב גרייט נקמה און באַצאָלונג פאַר דער צייט ווען זייער פוס וועט זיך אויסגליטשן, — אָבער איז עס דען אַ גבורה, ווען אַ מענטש זאָגט: „אַז די שונאי ישראל[4] וועלן זיך אויסגליטשן, וועל איך נעמען געצאָלט פון זיי"? נייערט אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „ווען עס וועלן אויפהערן פון צווישן זיי די געוויינלעכע[5] מצוות, און עס וועט זיי ניט געפונען ווערן קיין זכות פאַר מיר, אין יענער שעה האָב איך גרייט נקמה און באַצאָלונג. ר' ברכיה אין נאָמען פון ר' לוין און ר' הונא אין נאָמען פון ר' לוין, און ר' יודן אין נאָמען פון ר' לוין, — זיי דריי האָבן געזאָגט

**לו הקדוש ברוך הוא: "אתה חלקת בנין ביתי, שאמרת:** רומיה אמין שתין, פתיה אמין שתין; **חייך, שאני חולק מלכותך". ויימר מאה ועשרים ושש, — מה תלמוד לומר** שבע ועשרים ומאה מדינה? **אלא כך אמר לו הקדוש ברוך הוא: "אתה נתת עליה אחת לביתי משלך, שאמרת** (עזרא א׳): מי בכם מכל עמו, יהי אלהיו עמו ויעל; **אף אני נותן עליה, תוספת אחת משלי". שהוסיף לו מדינה אחת בחשבון. הה"ד:** שבע ועשרים ומאה מדינה.

ו

**ר׳ לוי בשם ר׳ שמואל בר נחמן אמר: כתיב** (דניאל ז׳): ושער ראשה כעמר נקא, **שאין לכל בריה אצלו כלום. ר׳ יודן בשם ר׳ איבו: כתיב** (ישעיה ס"ג): פורה דרכתי לבדי ומעמים אין איש אתי, וגו׳, — **וכי לסיוען של אומות הקב"ה צריך שאמר** ומעמים אין איש אתי? **אלא כך אמר הקב"ה: לכשאבקר פנקסותיהן של אומות העולם ולא תמצא להן זכות לפני, באותה שעה** (שם) אדרכם באפי וארמסם בחמתי.

**ר׳ פנחס ור׳ חלקיה בשם ר׳ סימון אמרי: כתיב** (זכריה י"ב): והיה ביום ההוא אבקש להשמיד את כל הגוים, וגו׳ — "אבקש"? **וכי מי מעכב? אלא כך אמר הקב"ה: "לכשאבקר פנקסותיהן של אומות העולם ולא תמצא להן זכות לפני, אותה שעה** אבקש להשמיד את כל הגויים". **ר׳ סימון בשם ר׳ יוחנן: כתיב** (דברים ל"ב): לי נקם ושלם לעת תמוט רגלם, — **וכי גבורה היא, שאדם אומר: "לכשיתמוטטו שונאיהם של ישראל, אני פורע מהם"? אלא כך אמר הקב"ה: "לכשיפסקו מצוות הרגילות שבינותם ולא תמצא להם זכות לפני, באותה שעה** לי נקם ושלם". **ר׳ ברכיה בשם ר׳ לוי ור׳ הונא בשם ר׳ לוי ור׳ יודן בשם ר׳ לוי, שלשתן**

---

און אחשורוש זיינען אידענטיש). [11] און לויט דברי הימים ב, ג, ד, איז די הייך פונעם ערשטן בית המקדש געווען הונדערט און צוואַנציק איילן. [12] די העלפט פון צוויי הונדערט און צוויי און פופציק.

ו [1] די ריינקייט פון די האָר סימבאָליזירט דאָ דעם אייבערשטנס ריינקייט לגבי זיינע באַשעפענישן, דען ער צאָלט יעדן לויט זיינע מעשים, ווי עס ווערט באַוויזן אויבן בנוגע כורשן (יפה ענף). [2] ואין איש ווערט דאָ פאַרשטאַנען: ניטאָ קיין רעכטער מענטש. [3] זוכן ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי נאָכזוכן זייערע מעשים. [4] אַן אייפעמיזם, אַ לשון נקיה, און געמיינט ווערן דאָ די יידן, וואָס וועגן זיי רעדט דער פסוק. [5] רגילות — רגלם. דער געדאַנק איז, אַז גאָט איז קיינעם ניט מקפח שכר, אפילו ניט פאַר דער קלענסטער זאַך, און ער געפינט אַ זכות אפילו אין די סאַמע רגילותדיקע מצוות, וואָס אַ מענטש

איין פסוק (תהלים כא, ט): תמצא ידך — זאָל דיין האַנט געפינען אַלע דיינע פיינט, זאָל דיין רעכטע האַנט געפינען דיינע שונאים, — זאָל דיין האַנט זיין גרייט צו נעמען געצאָלט פון דיינע פיינט, זאָל זיי דער מידת הדין געפינען, זאָל ער זיי אויסגעפינען ווי ווייניק זכיותן זיי האָבן געטאָן. דעריבער זאָגט דער פסוק: זאָל דיין רעכטע האַנט געפינען דיינע שונאים [6].

## ז

אַן אַנדער פשט [אויפן פסוק] שבע ועשרים — הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות [זאָגן] ר׳ יודא און ר׳ נחמיה. ר׳ יודא האָט געזאָגט: ער האָט איינגענומען זיבן, וואָס זיינען געווען שווער [איינצונעמען] ווי צוואַנציק; ער האָט איינגענומען צוואַנציק, וואָס זיינען געווען שווער ווי הונדערט. ר׳ נחמיה זאָגט: ער האָט גענומען חיילות פון זיבן און איינגע־נומען צוואַנציק; ער האָט גענומען חיילות פון צוואַנציק און איינגענומען הונדערט. ווי אַזוי האָט ער זיי איינגענומען? [זאָגן וועגן דעם] ר׳ יודא און ר׳ נחמיה. ר׳ יודא האָט געזאָגט: ווי אַ האַלבע קרוין [1]; נעמסט איין די דרויסנדיקע, ווערן די אינווייניקסטע איינגענומען פון זיך אַליין. ר׳ פינחס האָט געזאָגט: די וועלט איז געמאַכט ווי אַ קרוין [2]; און ר׳ אבון האָט געזאָגט: ווי דאָס מויל פון אַ קב [3]. און ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: ווי אַ וואַסער שטראָם, — נעמסט איין די דרויסנדיקע [4], ווערן די אינווייניקסטע איינגענומען פון זיך אַליין.

## ח

ר׳ עקיבא איז געזעסן און געדרשנט, און די תלמידים זיינען געווען שלעפעריק. האָט ער זיי געוואָלט אויפוועקן. האָט ער געזאָגט: פאַרוואָס האָט אסתר זוכה געווען צו קיניגן איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות? נייערט אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „זאָל קומען אסתר, די טאָכטער פון שרהן, וואָס האָט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואַנציק יאָר, און זאָל זי קיניגן איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות“.

## ט

ר׳ לוי האָט געזאָגט: אומעטום וואו דער פסוק זאָגט שדה, אַ פעלד, מיינט עס אַ שטאָט; עיר, אַ שטאָט, מיינט עס אַ כרך; מדינה — אַ פראָווינץ [1]. שדה, א פעלד, מיינט אַ שטאָט, — פון וואַנען [איז עס געדרונגען]? ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, ב, כו): ענתות לך — קיין ענתות גיי, צו דיין פעלד [2]. עיר, אַ שטאָט, מיינט אַ כרך, — פון וואַנען? ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל ט, ד): עבור בתוך העיר — גיי דורך אין מיטן דער שטאָט, אין מיטן ירושלים. מדינה מיינט אַ פראָווינץ, — פון וואַנען? ווי דער פסוק זאָגט: הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות.

---

טוט, און ערשט ווען אויך דאָס הערט אויף, ערשט דאַן באַשטראָפט ער. [6] לויטן מתנות כהונה מיינט עס צום גוטן: די רעכטע האַנט, דער סימבאָל פון מידת הרחמים, זוכט אויס פאַר יעדן זיינע זכיותן.

ז. [1] אַ האַלבער קרייז. [2] ווי אַ פולער קרייז, און אחשורוש האָט געהערשט איבער אַ האַלבן קרייז. [3] א תבואה מאָס, — דער מענטשלעכער ישוב איז אינעם קרייז, און

**אמרו פסוק אחד** (תהלים כ״א): תמצא ידך לכל אויביך, ימינך תמצא שונאיך, — **תהא ידך מצויה ליפרע מאויביך, תמצא להם מדת הדין, תמצא להם מיעוט זכיותיהן שעשו; לכך נאמר:** ימינך תמצא שונאיך.

ז

**דבר אחר:** שבע ועשרים ומאה מדינה, — **ר׳ יודא ור׳ נחמיה. ר׳ יודא אמר: כבש שבע, שהן קשות כעשרים; כבש עשרים, שהן קשות כמאה. ר׳ נחמיה אומר: נטל אוכלוסין משבע וכבש עשרים; נטל אוכלוסין מעשרים וכבש מאה. כיצד כבשן? ר׳ יודא ור׳ נחמיה. ר׳ יודא אמר: כחצי עטרה, שאת מכבש את החיצוניות, והפנימיות נכבשות מאליהן. אמר ר׳ פנחס: העולם הוא עשוי כעטרה; ור׳ אבון אמר: כאפי קבאי; ור׳ נחמיה אמר: כאמת המים, — אתה מכבש את החיצונות, והפנימיות נכבשות מאליהן.**

ח

**ר׳ עקיבא היה יושב ודורש, ונתנמנמו התלמידים. בעא לערערה יתהון. אמר: מה זכתה אסתר למלוך על שבע ועשרים ומאה מדינה? אלא כך אמר הקב״ה: „תבא אסתר בתה של שרה, שחיתה שבע ועשרים ומאה שנה, ותמלוך על שבע ועשרים ומאה מדינה״.**

ט

**אמר ר׳ לוי: כל מקום שנאמר** שדה, **הוא עיר;** עיר — **מדינה;** מדינה — **אפרכיה.** שדה **הוא עיר, מנין? שנאמר** (מלכים א׳, ב׳): ענתות לך, על שדך. עיר — **מדינה, מנין? שנאמר** (יחזקאל ט׳): עבור בתוך העיר, בתוך ירושלים. מדינה — **אפרכיה, מנין? שנאמר:** שבע ועשרים ומאה מדינה.

---

דער מיטן באַשטייט פון ימים און מדבריות (יפה ענף). די ווערטער פון ר׳ פינחסן און ר׳ אבון זיינען אַ דערקלערונג צו די ווערטער פון ר׳ יודא. [4] די יבשה ברעגן; לויט אים איז דער מענטשלעכער ישוב אויף דער ערד אין דער פאָרם פון אַ לאַנגן און שמאָלן פאַס, ווי אַ טייך (יפה ענף).

ט. [1] אינעם לשון פונעם מדרש איז מדינה, אָדער אין דער אַראַמישער פאָרם — מדינתא, געוויינלעך אַ שטאָט; שטימט עס ניט מיטן אויבנגעזאָגטן, אַז אחשורוש האָט געהערשט איבער אַ האַלבער וועלט. דערקלערט דעריבער דער בעל המדרש, אַז מיט די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות מיינט דער פסוק ניט קיין שטעט, נייערט פּראָווינצן. [2] לייענענדיק דאָס וואָרטשדך, דיין פעלד, אָן אַ יוד, אין יחיד, כאָטש אין אונדזערע תנ״ך טעקסטן איז דער נוסח שדיך, דיינע פעלדער, אין רבים. מעגלעך, אַז אַ מאָל איז געווען אַ נוסח אָן אַ יוד, ווי אין מדרש, ווייל אָט לייענט אויך דער רלב״ג (אין 13טן יאָרהונדערט) אין זיין פירוש דאָס וואָרט אָן אַ יוד (שדיך ווערט דאָ גענומען ווי אַ דערקלערונג צו ענתות,

י

(א, ב) בימים ההם — אין יענע טעג. דאָס איז איינס פון די ערטער, וואָס די מלאכי השרת האָבן געוואָרפן צעטלעך [1] פאַר הקדוש ברוך הוא. דען זיי האָבן געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! דער בית המקדש איז חרוב, און אַט דער רשע זיצט און מאַכט הוליאַנקעס!“ האָט ער געזאָגט צו זיי: „שטעלט טעג קעגן טעג“ [2] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (נחמיה יג, טו): בימים ההמה — אין יענע טעג האָב איך געזען אין יהודה, ווי מע טרעט קעלטערן אום שבת [3]. ר׳ חלבו האָט געזאָגט: ווינד און וויי [4] זיינען געווען יענע טעג. ר׳ ביבי האָט געזאָגט: ההם — וויי [5] צו יענע טעג; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל ל, ב): הילילו, הה — יאָמערט, וויי אויף דעם טאָג! ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אַ באַקלאָגונג אויף יענע טעג; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (מיכה ב, ד): ונהה — און מע וועט קלאָגן אַ קלאָג פון באַקלאָגונג [6].

יא

(א, ב) כשבת — ווען דער מלך איז געזעסן. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: די אומות העולם האָבן ניט קיין [רואיק] זיצן. האָט מען געפרעגט: אַט שטייט דאָך: ווען דער מלך איז געזעסן? האָט ער געזאָגט צו זיי: עס שטייט דאָ ניט: „בשבת“, ווען דער מלך איז געזעסן, נייערט כשבת — אַזוי ווי דער מלך איז געזעסן, — אַ זיצן, וואָס איז קיין זיצן ניט. אָבער דאָס זיצן פון ישראל איז אַ זיצן, ווי דער פסוק זאָגט (שופטים יא, כו): בשבת — ווען ישראל איז געזעסן אין חשבון און אירע טעכטערשטעט [1].

יב

(א, ב) על כסא מלכותו — אויף זיין מלוכה שטול. ר׳ כהן אין נאָמען פון ר׳ עזריהן: [עס שטייט ניט] על כסא מלכותו, [נייערט] מלכתו שטייט [1]: ער האָט זיך געוואָלט זעצן אויף שלמהס טראָן, אָבער מע האָט אים ניט געלאָזט. מע האָט אים געזאָגט: איטלעכער מלך וואָס איז ניט קיין וועלט הערשער קאָן אויף אים ניט זיצן. האָט ער גענומען און האָט זיך געמאַכט אַן אייגענעם טראָן זיין גלייכן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: על כסא מלכותו, — מלכתו שטייט געשריבן.

---

ווי ס׳וואָלט געשטאַנען קיין ענתות דיין שטאָט. — זע תרגום יונתן, וואָס זעצט אויך איבער על שדיך — לקירוך, צו דיין שטאָט).

י. [1] געקומען מיט טענות, און ניט וואַגנדיק צו עפענען אַ מויל האָבן זיי די טענות אָנגעשריבן. [2] דאָס הייסט: מידה כנגד מידה, ווי ווייטער. [3] איז דער בימים ההם פון אחשורושן די שטראָף פאַרן חילול שבת פון בימים ההמה פון נחמיה (וואָס האָט געלעבט אין די טעג פון ארתחששתא, וועמען דער מדרש אידענטיפיצירט מיט אחשורושן. — יפה ענף). [4] געדרשנט בימים ווי בייא ימים, ווייפולע טעג (מתנות כהונה). [5] געדרשנט ההם, ווי׳ צו זיי. [6] דער וואָרטשפּיל דאָ איז געמאַטערט. דער רד״ל שלאָגט פאָר אַרויסצולאָזן אײנגאַנצן דעם פסוק (וואָס איז לויט זיין מיינונג מיט אַ טעות אַריינגעשטעלט געוואָרן פון אַן איבערשרייבער), און אָנשטאָט נהיה פונעם טעקסט לייענען נהים, מיר וועלן ברומען, וואָס קלינגט נעענטער צו ההמה. — די אַלע דרשנים בויען אויף דער מיינונג, אַז אחשורושעס סעודה איז געווען דער אָנהייב פון די צרות (זע ווייטער, ז, יז).

יא. [1] און ישראל האָט דאַן דערשלאָגן און פאַרטריבן די עמונים, — אַ סימן, אַז

י

(א, ב) בימים ההם. **זה הוא אחד מן המקומות, שהיו מלאכי השרת מדדין פיתקין לפני הקב״ה. שהיו אומרים לפניו: „רבש״ע! בית המקדש חרב, ורשע זה יושב ועושה מרזיחין!״ אמר להם: „תנו ימים כנגד ימים״. הה״ד** (נחמיה י״ג): בימים ההמה ראיתי ביהודה דורכים גתות בשבת, וגו׳. **ר׳ חלבו אמר: אללא, ווי היו אותם הימים. א״ר ביבי:** ההם — **הה לאותם הימים; הדא מה דאת אמר** (יחזקאל ל׳): הילילו, הה ליום. **אמר ר׳ יצחק: נהיה לאותן הימין; הדא מה דאת אמר** (מיכה ב׳): ונהה נהי נהיה.

יא

(א, ב) כשבת המלך. **אמר ר׳ יצחק: אומות העולם אין להם ישיבה. איתיבון: והכתיב:** כשבת המלך? **אמר להם: „בשבת המלך״ אין כתיב כאן, אלא** כשבת המלך, — **ישיבה שאינה ישיבה. אבל ישיבתן של ישראל ישיבה, שנאמר** (שופטים י״א): בשבת ישראל בחשבון ובבנותיה.

יב

(א, ב) על כסא מלכותו. **רב כהן בשם ר׳ עזריה:** על כסא מלכותו — „מלכתו״ **כתיב: בא לישב על כסא שלמה, ולא הניחוהו אמרו לו: כל מלך שאינו קוזמוקרטור בעולם, אינו יושב עליו. עמד ועשה לו כסא משלו כדמותו. הה״ד:** על כסא מלכותו, — **על כסא מלכתו כתיב.**

**וכי איזה כסא היה?** (ד״ה ב׳, ט׳) ויעש המלך כסא שן גדול. **א״ר אחא: והכתיב** (מלכים ב׳ י׳): ולאחאב שבעים בנים בשומרון, **ואמר ר׳ הושעיא רבה: כשם שהיו לו שבעים בנים בשומרון, כך היו לו שבעים בנים ביזרעאל, וכל אחד ואחד היו לו שני**

---

**און וואָס פאַר אַ טראָן איז עס געווען?** [2] (דברי הימים ב, ט, יז) ויעש — און דער מלך האָט געמאַכט אַ גרויסן העלפאַנדביין טראָן. **האָט ר׳ אחא געזאָגט: אָבער** עס שטייט דאָך געשריבן (מלכים ב, י, א): ולאחאב — און אחאב האָט געהאַט זיבעציק זין אין שומרון, **און ר׳הושעיא רבה האָט געזאָגט: אַזוי ווי ער האָט געהאַט זיבעציק זין אין שומרון, אַזוי האָט ער געהאַט זיבעציק זין אין יזרעאל, און יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט צוויי פּאַלאַצן,**

---

**זייער זיצן דאָרט איז געווען פעסט און זיכער.**

יב. [1] אָן אַ וו, וואָס מע קען לייענען מלאכתו, וואָס ער האָט זיך אַליין געלאָזט **מאַכן (אין אונדזערע תנ״ך אויסגאַבן שטייט** מלכותו, **מיט אַ וו: אָבער ס׳איז מעגלעך,**

**איינער אויף די ווינטער טעג און איינער אויף די זומער טעג; דאָס איז** ווי אין פּסוק שטייט (עמוס ג, טו): והכיתי — און איך וועל שלאָגן דאָס ווינטערהויז צוזאַמען מיטן זומערהויז; **[און] ר׳ יודא דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: [איטלעכער האָט געהאַט] פיר, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט): ואבדו — און עס וועלן אונטערגיין די העלפאַנדביין הייזער[3]; **און די רבנן זאָגן: זעקס, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט): וספו — און עס וועלן פאַרלענדט ווערן גרויסע הייזער[4], זאָגט גאָט, — **און דאָ זאָגט ער: אַ גרויסן העל-**פאַנדביין טראָן! [5] **ר׳ הושעיא רבה זאָגט: ער איז געווען געמאַכט לויט די פּלענער[6] פון דער מרכבה[7] פון דעם וואָס האָט געזאָגט, און די וועלט איז געוואָרן, פון הקדוש ברוך הוא. און אַזוי זאָגט דער פּסוק** (דברי הימים ב, ט, יח): ושש מעלות — און זעקס טרעפּלעך האָט געהאַט דער טראָן, **זעקס — קעגן די זעקס הימלען. — אָבער זיינען זיי דען ניט זיבן? ר׳ אבון האָט געזאָגט: דאָרט וואו דער מלך רוט איז פאַרבאָרגן[8]. — זעקס — קעגן די זעקס ערדן:** ארץ (לאַנד), אדמה (ערד), ארקא (ערד), גיא (טאָל), ציה (טריקעניש), נשיה (פאַרגעסונג) [און] תבל (וועלט), — **אָבער עס שטייט** (תהלים ט, ט): והוא ישפט תבל — און ער וועט משפטן די וועלט מיט רעכטפאַרטיקייט[9]; **זעקס קעגן די זעקס סדרים פון דער משנה:** זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים און טהרות; **זעקס — קעגן די זעקס [באַשאַ-פונג] טעג פון בראשית; זעקס — קעגן די זעקס מוטערס: שרה, רבקה, רחל און לאה, בלהה, זלפה.**

**ר׳ הונא האָט געזאָגט: זעקס — קעגן די זעקס מצוות, וואָס דער מלך איז געוואָרנט און באַפוילן וועגן זיי, ווי אין פּסוק שטייט** (דברים יז, טז־יז): לא ירבה לו — ער זאָל זיך ניט מערן קיין ווייבער, ער זאָל זיך ניט מערן קיין פערד, און קיין זילבער און גאָלד זאָל ער זיך ניט מערן קיין סך; (דאָרט טז, יט): לא תטה — דו זאָלסט ניט פאַרדרייען קיין משפט, זאָלסט ניט דערקענען קיין פּנים און זאָלסט ניט נעמען קיין שוחד. **איז ער אַרויף אויף דעם ערשטן טרעפּל, פלעגט דער אויסשרייער אויסרופן[10] און זאָגן צו אים:** ער זאָל זיך ניט מערן קיין ווייבער; **אויפן צווייטן, פלעגט ער אויסרופן:** ער זאָל זיך ניט מערן קיין פערד; **אויפן דריטן, פלעגט ער אויסרופן:** און קיין זילבער און גאָלד זאָל ער זיך ניט מערן; **אויפן פערטן** — דו זאָלסט ניט פאַרדרייען קיין משפט; **אויפן פינפטן** — זאָלסט ניט דערקענען קיין פּנים; **אויפן זעקסטן** — זאָלסט ניט נעמען קיין שוחד[11]. **אַז ער האָט זיך געוואָלט זעצן, פלעגט ער אים זאָגן: „וויים פאַר וועמען דו זיצסט, — פאַר דעם וואָס האָט געזאָגט, און די וועלט איז געוואָרן".**

**מע האָט דערציילט:** גלייך ווי שלמה איז געשטאָרבן, אַזוי איז שישק דער מלך פון מצרים אַרויף [אויף ירושלים] און האָט אים אַוועקגענומען פון זיי. **ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: שישק איז דערזעלבער וואָס פרעה, און פאַרוואָס רופט מען אים שישק? ווייל ער איז געקומען אויף די**

**פלטירין, אחד לימות החורף ואחד לימות הקיץ; הה״ד** (עמוס ג׳): והכיתי בית החורף על בית הקיץ; **ר׳ יודא ברבי סימון אמר: ארבעה, שנאמר**: ואבדו בתי השן; **ורבנן אמרי: ששה, שנאמר**: וספו בתים רבים, נאם ה׳; — **וכאן הוא אומר**: כסא שן גדול! **ר׳ הושעיא רבה אומר**: שהיה עשוי (כטירכי) [כערכי] מרכבתו **של מי שאמר והיה העולם, הקב״ה. וכן הוא אומר**: ושש מעלות לכסא, **שש כנגד ששה רקיעים. — ולא שבעה הן? אמר ר׳ אבון: הן דמלכא שארי** (טיטיון) [טימיון]. **— שש — כנגד שש ארצות: ארץ, אדמה, ארקא, גיא, ציה, נשיה, תבל, וכתיב**: והוא ישפוט תבל בצדק. **שש — כנגד ששה סדרי משנה: זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים, וטהרות. שש — כנגד ששת ימי בראשית. שש — כנגד שש אמהות: שרה, רבקה, רחל ולאה, בלהה, זלפה.**

**א״ר הונא: שש — כנגד שש מצוות שהמלך הוא מוזהר עליהם ומצווה, דכתיב** (דברים י״ז): לא ירבה לו נשים, לא ירבה לו סוסים, וכסף וזהב לא ירבה לו מאד; (דברים ט״ז) לא תטה משפט, לא תכיר פנים ולא תקח שחד. **עלה במעלה ראשונה, הכרוז מכריז ואומר לו**: לא ירבה לו נשים; **בשנייה, מכריז**: לא ירבה לו סוסים; **בשלישית, מכריז**: וכסף וזהב לא ירבה לו; **ברביעית** — לא תטה משפט; **בחמישית** — לא תכיר פנים; **בששית** — לא תקח שחד. **בא לישב, אומר לו: „דע לפני מי אתה יושב, לפני מי שאמר והיה העולם״.**

**אמרו: כיון שמת שלמה, עלה שישק מלך מצרים ונטלו מהם. א״ר שמואל בר נחמן: הוא שישק הוא פרעה, ולמה נקרא שמו שישק? מפני שבא בשקיקות על ישראל ואמר:**

---

**אַז דער בעל המדרש האָט געהאַט פאַר זיך אַזאַ נוסח).** [2] **שלמהס.** [3] הייזער **איז ווייניקסטנס צוויי. און אַ** ווינטערהויז **און אַ** זומערהויז, **איז צוזאַמען פיר. — אַזוי ווי וועגן אחאבן ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך געבויט אַ הויז פון העלפאַנדביין** (מלכים א, כב, לט), **נעמט אָן דער בעל המדרש, אַז אויך פאַר זיינע זין האָט ער דאָסזעלבע געטאָן** (רד״ל). [4] גרויסע הייזער **— אין מערצאָל ניט ווייניקער ווי צוויי. און צוזאַמען מיט די פיר איז זעקס.** [5] **וואָס איז דער יחוס מיט שלמהס טראָן, אויב אחאב און זיינע זין האָבן זיך געבויט גאַנצע הייזער פון העלפאַנדביין!** [6] **טעקסט עמענדירט לויטן רד״ל.** [7] **רייטוואָגן, דאָ — דעם אייבערשטנס טראָן.** [8] **דעם זיבעטן הימל, וואו דער אייבערשטער רוט, קאָן מען ניט נאָכמאַכן** (טעקסט קאָרעגירט לויט יאסטראָוו. — אין במדבר רבה יב, יז, איז דער נוסח טמיקין, דעם מלכס אוצר, וואָס מיינט דאָסזעלבע וואָס טמיון). **— וועגן די זיבן הימלען און דער אויסטיילונג פונעם זיבעטן, וואָס איז דאָס רו אָרט פונעם אייבערשטן, זע** ויקרא רבה כט, יא. [9] **די זיבעטע ערד,** תבל, **איז אין שייכות מיט די אַנדערע ערדן ווי דער זיבעטער הימל לגבי די אַנדערע זעקס, און דעריבער האָט אויך זי ניט געקענט סימבאָליזירט ווערן אין שלמהס טראָן.** [10] **לויט**

יידן מיט גלוסטעניש[12] און האָט געזאָגט: „איך נעם אים פאַר מיין טאָכטערס כתובה“[13]. [שפּעטער] האָט ער מלחמה געהאַלטן מיט זרח דעם כושי, און יענער האָט אים צוגענומען פון אים. אסא האָט מלחמה געהאַלטן מיט זרח דעם כושי[14], איז ער אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט און ער האָט אים צוגענומען פון אים. מיר האָבן געלערנט: אָסאַ און אַלע [וויטערדיקע] מלכים פון יהודה זיינען געזעסן אויף אים. און אַז נבוכדנצר איז אַרויף און האָט חרוב געמאַכט ירושלים, אַזוי האָט ער אים פאַרשלעפּט קיין בבל, און פון בבל [האָט מען אים געבראַכט] קיין מדי, און פון מדי קיין יוון[15], און פון יוון קיין אדום[16]. ר׳ אלעזר דער זון פון ר׳ יוסי האָט געזאָגט: איך האָב געזען זיינע ברוכשטיקער אין רוים.

נבוכדנצר איז געזעסן אויף אים, כורש איז געזעסן אויף אים; אַז אחשורוש האָט זיך געוואָלט זעצן אויף אים, האָט מען אים ניט געלאָזט. מע האָט אים געזאָגט: „ווער עס איז ניט קיין וועלטהערשער קאָן אויף אים ניט זיצן“. האָט ער גענומען און זיך געמאַכט אַן אייגענעם זיין גלייכן[17]. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט: על כסא מלכותו — אויף זיין מלוכה טראָן, — מלכתו שטייט[18].

(מלכים א, י, יט)און אַ קאָפּ אַ קיילעכדיקער איז געווען איבערן טראָן פון הינטן — ר׳ אחא האָט געזאָגט: ווי דער אָנלען פון אַ בעט[19]. וידות — און הענטלעך פון ביידע זייטן — אַז ער איז אַרויף אויפן ערשטן טרעפּל, פלעגט אים דער לייב אויסשטרעקן אַ האַנט; און אויפן צווייטן פלעגט אים אַן אָדלער אויסשטרעקן אַ האַנט. ביז צום זיך־אָרט פלעגט מען אים אַזוי אויפנעמען. [און אַזוי זאָגט דער פסוק: וידות — און הענטלעך פון ביידע זייטן ביז צום זיך־אָרט, וואו ער איז געזעסן.[20]] און אויפן זיך־אָרט איז געווען אַ גאָלדענער סצעפּטער פון הינטן, און אויפן שפּיץ איז געווען אַ טויב מיט אַ גאָלדענער קרוין אין מויל, כדי דער מלך זאָל זיצן אויף זיין זיץ, און די גאָלדענע קרוין זאָל אים יאָ אָנרירן און ניט אָנרירן.

---

אַן אַנדער פשט: האָט אַ קול אויסגערופן, ווייל דער טראָן איז געווען אַ געטלעך ווערק (מהרז״ו). [11] אין טעקסט ווערט דאָ געבראַכט אַזאַ מאמר: וכן הוא אומר (מלכים א, י, יט): וידות מזה ומזה אל מקום השבת, בישיבתו (און אַזוי זאָגט דער פסוק: און הענטלעך פון ביידע זייטן ביז צום זיך אָרט, וואו ער איז געזעסן). אָבער די דערקלערונגען פון די מפרשים וועגן דעם זין פון דעם מאמר אין אָט דעם אָרט זיינען געמאַטערט.. אין איינקלאַנג מיטן נוסח אין פסיקתא דרב כהנא א, האָבן מיר אים געשטעלט ווייטער, פאַרן סוף פון דעם סימן. [12] שקיקות — שישק. [13] שלמה האָט חתונה געהאַט מיט פּרעהס טאָכטער (מלכים א, ג, א). [14] דברי הימים ב, יח, ח און ווייטער. [15] די סעלעווקידישע סיריע. [16] רוים. [17] געביטן לויטן נוסח אויבן (זע יפה ענף). דער אַלטער נוסח בדמים מיינט פאַר געלט. [18] זע אויבן באַמערקונג 1 צו דעם סימן. [19] עמענדירט לויט פסיקתא דרב כהנא א (דאָרט שטייט כהדא קתדרא דמשה, ווי דידאָזיקע לענשטול פון משהן, לויט שמות רבה מג, ד: קתדרא עשה לו, אַ לענשטול האָט מען אים (משהן) געמאַכט; מיר האַלטן אָבער אויף דעם נוסח דדרגיש, פון אַ בעט, אַ זיץ־בעט, בייטנדיק קדירתא, אַ טאָפּ, אויף קתידרא, אַן אָנלען, וואָס דאָס בעיקר אונטערשיידט אַ לענשטול פון אַ געוויינלעכער שטול). דער מתנות כהונה האַלט אויף דעם נוסח קדירתא, אַ טאָפּ, און די דערקלערונג איז: ווי דידאָזיקע קאָפּשטיק (אַ קיילעכדיקע אויסהוילונג) אינעם אָנלען פון אַ בעט, אויף אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ. — לויטן אינהאַלט וואָלט זיך דערדאָזיקער

„הריני נוטל אותו בכתובת בתי״. עשה מלחמה עם זרח הכושי, ונטלו ממנו. עשה אסא מלחמה עם זרח הכושי, ונפל בידו ונטלו ממנו. תאנא: אסא וכל מלכי יהודה ישבו עליו. וכיון שעלה נבוכדנצר והחריב את ירושלים, הגלה אותו לבבל, ומבבל למדי, וממדי ליון, ומיון לאדום. א״ר אלעזר בר׳ יוסי: אני ראיתי שבריו ברומי.

נבוכדנצר ישב עליו, כורש ישב עליו; אחשורוש בא לישב עליו, לא הניחוהו. אמרו ליה: מי שאינו עשוי קוזמוקרטור בעולם, אינו יושב עליו. עמד עשה משלו (בדמים) [בדמותו]; הה״ד: על כסא מלכותו — מלכתו כתיב.

(מלכים א׳ י׳) וראש עגול לכסא מאחריו, — א״ר אחא: כהדא (קדירתא) [קתידרא] דדרגיש. וידות מזה ומזה, — עלה במעלה הראשונה, והארי פושט לו יד; ובשניה נשר פושט לו יד. אל מקום השבת כך מקבלין אותו. [וכן הוא אומר: וידות מזה ומזה אל מקום השבת, בישיבתו.] ובמקום השבת שרביט הזהב מאחוריו, ויונה נתונה בראשו ועטרה של זהב בפיה, כדי שיהא המלך יושב בשבת, ועטרה של זהב נוגע ואינו נוגע.

יג

אמר ר׳ איבו: כתיב (תהלים כ״ב): כי לה׳ המלוכה ומושל בגוים, ותימר על כסא מלכותו! אלא לשעבר היתה מלוכה בישראל; כיון שחטאו, ניטלה מלכות מהם וניתנה לאומות העולם. הה״ד (יחזקאל ל׳): ומכרתי את הארץ ביד רעים, —

---

יג

ר׳ איבו האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (תהלים כב, כט) כי — ווארום ביי גאָט איז די מלוכה, און [נאָר] אַ הערשער איז דאָ ביי די פעלקער[1], — און דו זאָגסט (א, ב): אויף זיין מלוכה שטול![2] נייערט פאַרצייטן איז דאָס מלכות געווען ביי ישראל; וויבאַלד זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי איז דאָס מלכות אָפּגענומען געוואָרן פון זיי און געגעבן געוואָרן צו די פעלקער פון דער וועלט. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל ל, יב): ומכרתי — און

פאַראַגראַף געדאַרפט געפינען מיט צוויי פאַראַגראַפן פריער, פאַר אמרו: כיון, — — — מע דערציילט: גלייך ווי שלמה איז געשטאָרבן — — —. [20] די פראַזע האָבן מיר געבראַכט אַהער פון אויבן (זע באַמערקונג 11), און מיט „הענטלעך״ ווערן דאָ געמיינט די הענט פון די חיות.

יג. [1] אַזוי לויטן דרש. [2] ווי דער פסוק ווערט געטייטשט פונעם בעל המדרש הייסט עס, אַז ביי די פעלקער פון דער וועלט איז נאָר פאַראַן הערשאַפט, אָבער ניט קיין מלכות; אָבער אָט שטייט דאָך, אַז אחשורוש איז געזעסן אויף זיין מלוכה שטול!

איך וועל איבערענטפערן דאָס לאַנד אין דער האַנט פון שלעכטע. — און ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אין דער האַנט פון שלעכטע אַפּיטרופּסים[3]. אויף מאָרגן, ווען ישראל וועט תשובה טאָן, וועט הקדוש ברוך הוא עס אָוועקנעמען פון די געצנדינער און צוריקגעבן צו ישראל. ווען? (עובדיה כא) ועלו — ווען העלפער וועלן אַרויפגיין אויפן באַרג ציון.

## יד

(א, ב) אשר — וואָס אין שושן דער הויפּטשטאָט. ר׳ פּינחס אין נאָמען פון ר׳ חננאל האָט געזאָגט: הקדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט צו אים: „כורש האָט אויסגערעכנט [ביים בית המקדש] זיין שטאָט און זיין מדינה, דען ער האָט געזאָגט (עזרא א, ב): בירושלים — אין ירושלים וואָס אין יהודה; וועל איך אויך אויסרעכענען דעם נאָמען פון דיין שטאָט און דעם נאָמען פון דיין מדינה״, — [ווי דער פּסוק זאָגט]: וואָס אין שושן דער הויפּטשטאָט.

## טו

(א, ג) בשנת שלש — אויפן דריטן יאָר פון זיין קיניגן האָט ער געמאַכט אַ סעודה. ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: אויפן דריטן יאָר פון דער אַרבעט[1] אַרום דער טראַנשטול; וויבאַלד ער האָט געענדיקט די אַרבעט פון דער טראַנשטול, אַזוי גלייך האָט ער געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע זיינע האַרן און קנעכט. און ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: אויפן דריטן יאָר פון זיין אָפּשטעלן די אַרבעט אַרום דעם בית המקדש[2]; וויבאַלד עס זיינען אַריבער דריי יאָר נאָכן אָפּשטעלן די אַרבעט פונעם בית המקדש, אַזוי האָט ער געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע זיינע האַרן און קנעכט[3].

ר׳ שמואל בר אימי האָט געזאָגט: פיר גוטע מעלות האָט דער מענטש געהאַט: ער האָט דורכגעלאָזט דריי יאָר אָן אַ קרוין און אָן אַ טראַנשטול, און האָט געוואַרט פיר יאָר, ביז ער האָט זיך געפונען אַ פּאַסיקע ווייב[4], און ער פלעגט ניט טאָן קיין זאַך, ביז ער האָט זיך ניט מישב געווען[5]. ר׳ פּינחס האָט געזאָגט: און ווי נאָר אימיצער פלעגט אים אַ טובה טאָן, אַזוי פלעגט ער עס פאַרשרייבן; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (אסתר ו, ב): וימצא — און עס איז געפונען געוואָרן פאַרשריבן, וואָס מרדכי האָט דערציילט.

## טז

(א, ג) עשה — האָט ער געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע זיינע האַרן און קנעכט. — אנטונינוס האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר רבין. האָט ער[1] אים

---

[3] דאָס הייסט: די מלוכה איז אין די הענט פון די פעלקער נאָר צייטווייליק, ווי זיי וואָלטן נאָר געווען אַפּיטרופּסים איבער דעם.

טו. [1]למלאכתו — למלכו. [2] זע אויבן א, א. לויטן רד״ל טייטשט ר׳ נחמיה למלכו נאָך זיין באַראַטן זיך (להימלכו) אָפּצושטעלן די אַרבעט אַרום דעם בית המקדש. [3] לויט דער גמרא (מגילה יא, ב) האָט ער אויסגערעכנט, אַז ס׳איז אַריבער מער ווי 70 יאָר פון גלות, און אַזוי ווי די צייט פון גאולה (ירמיה כט, י) איז שוין אַריבער, וועט זי שוין קיינמאָל ניט קומען, און דעריבער האָט ער געמאַכט אַ שמחה. [4] אויפן דריטן יאָר איז געהרגעט געוואָרן ושתי, און ערשט אויפן זיבעטן יאָר האָט ער גענומען אסתרן (אסתר ב, טו). [5] אַזוי האָט ער געטאָן ביים הרגענען ושתין, און אַזוי, קוקט עס אויס, האָט ער אויך געטאָן ביים אויסקלייבן אַ נייע מלכה.

**אמר ר׳ יצחק: ביד אפוטרופסין רע״ם. למחר, כשישראל עושין תשובה, הקדוש ברוך הוא נוטלה מעובדי כוכבים ומחזירה להם לישראל. אימתי?** ועלו מושיעים בהר ציון.

יד

(א, ב) אשר בשושן הבירה. **ר׳ פנחס בשם ר׳ חננאל אמר: אמר לו הקדוש ברוך הוא: „כורש ייחס שם מדינתו ושם אפרכיא שלו, שאמר** (עזרא א׳): בירושלם אשר ביהודה; **אף אני אייחס שם מדינתך ושם אפרכיא שלך״,** — אשר בשושן הבירה.

טו

(א, ג) בשנת שלש למלכו עשה משתה. **ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. ר׳ יהודה אמר: בשנת שלש למלאכת הכסא; כיון שגמר מלאכת הכסא,** עשה משתה לכל שריו ועבדיו. **ור׳ נחמיה אמר: בשנת שלש לביטול מלאכת בית המקדש; כיון שגמר לביטול מלאכת בית המקדש שלש שנים,** עשה משתה לכל שריו ועבדיו.

**א״ר שמואל בר אימי: ארבעה דברים טובים היו באותו האיש: עשה שלש שנים בלא כתר ובלא כסא, והמתין ארבע שנים עד שמצא אשה ההוגנת לו, ולא היה עושה דבר עד שנמלך. א״ר פנחס: וכל מי שהיה עושה בו טובה, היה כותבה; הה״ד:** וימצא כתוב אשר הגיד מרדכי, **וכו׳.**

טז

(א, ג) עשה משתה לכל שריו ועבדיו. — **אנטונינוס עשה סעודה לרבי. אמר לו: „שמא לא יצאת ידי קנדלה פטים?״ אמר ליה: „מה הינון חשיבין עלוי?״ אמר ליה: „שמא יתנו שמן פקטים בקנדילים, ויקלקלו את הסעודה״. אמר ליה: „והדא מנא לך?״ אמר ליה: „מאחשורוש, דכתיב ביה:** עשה משתה לכל שריו ועבדיו״.

---

**געזאָגט: „האָסטו כאָטש געהאַט אין זינען [אַריינצוטאָן] אין לאָמפּ גוטן אייל?״**[2] **האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס איז עס מיר אַזוי וויכטיק?״**[3] **האָט ער אים געזאָגט: „טאָמער וועלן זיי**[4] **אַריינטאָן טוכלען אייל, און וועלן איבערפירן די סעודה״. האָט ער געזאָגט צו אים: „און פון וואַנען נעמסטו עס?״ האָט ער אים געזאָגט: „פון אחשורושן, דען עס שטייט געשריבן ביי אים:** עשה — ער האָט געמאַכט[5] אַ סעודה פאַר אַלע זיינע האַרן און קנעכט״.

## יז

(א, ג) חיל פרס — דעם חיל פון פרס און מדי. — מיר האָבן געלערנט אין נאָמען פון ר׳ נתנען וועגן דידאָזיקע צען מאָסן:

צען מאָס זנות איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין אַלעקסאַנדריע און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס עשירות איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין רוים און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס אָרימקייט איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין לוד און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס כישוף איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין מצרים און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס טיפּשות איז דאָ אויף דער וועלט, ניין ביי די ישמעאלים און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס קרעפּטיקייט איז דאָ אויף דער וועלט, ניין ביי די ישמעאלים און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס לייז איז דאָ אויף דער וועלט, ניין ביי די פּערסיער[1] און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס שטאָלטיקייט איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין מדי און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס מיאוסקייט איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין מזרח און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס כוח איז דאָ אויף דער וועלט, ניין ביי די כשדים און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס גבורה איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין יהודה און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס שיינקייט איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין ירושלים און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס חכמה איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין ארץ ישראל און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס תורה איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין ארץ ישראל און איינע איבער דער גאַנצער וועלט. צען מאָס פאַלשקייט איז דאָ אויף דער וועלט, ניין אין ירושלים און איינע אויף דער גאַנצער וועלט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ירמיה כג, טו): כי — דען פון די נביאים פון ירושלים איז אַרויס פאַלשקייט איבער דער גאַנצער ערד[2].

## יח

אַן אַנדער פּשט: חיל — דעם חיל פון פרס און מדי, — אַמאָל דערמאָנט דער פסוק מדי פאַר פרס, און אַ מאָל דערמאָנט ער פרס פאַר מדי: ווען דאָס מלכות איז פון מדי, איז פרס געווען טפלדיק[1] לגבי איר; ווען דאָס

טז. [1] רבי. [2] אין די פאַרשיידענע אויסגאַבן געפינט זיך דאָ אַ דערקלערונג פון אַן איבערשרייבער: פירוש — שמן עכור (דער טייטש, פון פטים, הייסט עס, איז אומריינער אייל). אָבער לויטן אינהאַלט און לויט די מפרשים וואָלט די באַמערקונג געדאַרפט זיין ווייטער, נאָכן וואָרט פקטים, טוכלע, שימלדיק. [3] אַז איך אַליין זאָל זיך אָפּגעבן מיט דעם. [4] די משרתים. [5] ער האָט אַליין אַכטונג געגעבן אויף אַלץ.

יז. [1] לויט אַ גמרא (קידושין עב, א) זיינען די פּערסיער געווען באַוואַקסן מיט האָר ווי די בערן (זע באַמערקונג 2). [2] דער רד״ל פּרואווט דערקלערן די שייכות פון דער דרשה מיטן געגעבענעם פסוק אויפן סמך פון דעם, וואָס אין קידושין מט, ב, איז די גירסא: ניין מאָס גבורה ביי די פּערסיער (ענלעך צו דעם איז אויך פאַראַן אַ מאמר אין אבות דר׳ נתן, כח, א: ניטאָ קיין גבורה ווי די גבורה פון פרס); איז אויב מיר זאָלן אויך דאָ אָננעמען יענע גירסא, וועט זיך די פּערסישע גבורה בינדן מיטן פסוק דער חיל פון פרס (חיל — כוח).

## יז

(א, ג) חיל פרס ומדי. — **תני בשם ר׳ נתן מעשרה מדות אלו: עשרה חלקים של זנות בעולם, תשעה באלכסנדריא ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של עשירות בעולם, תשעה ברומי ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של עניות בעולם, תשעה בלוד ואחד בכל העולם. עשרה חלקים כשפים בעולם, תשעה במצרים ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של טפשות בעולם, תשעה בישמעאלים ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של בריות בעולם, תשעה בישמעאלים ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של כנים בעולם, תשעה בפרסיים ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של נוי בעולם, תשעה במדי ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של כעירות בעולם, תשעה במזרח ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של כח בעולם, תשעה בכשדים ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של גבורה בעולם, תשעה ביהודה ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של יופי בעולם, תשעה בירושלים ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של חכמה בעולם, תשעה בארץ ישראל ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של תורה בעולם, תשעה בארץ ישראל, ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של חנופה בעולם, תשעה בירושלים ואחד בכל העולם; הה״ד** (ירמיה כ״ג): כי מאת נביאי ירושלם יצאה חנופה לכל הארץ.

## יח

**דבר אחר:** חיל פרס ומדי. — **פעמים שהוא מקדים מדי לפרס, ופעמים שהוא מקדים פרס למדי: כשהמלכות במדי, פרס טפילה לה; כשהמלכות בפרס, מדי טפילה לה.**

פרס, **למה קורין אותה פרס? שקיבלה את המלכות פרוסות, אחד בימי תרדה, אחד בימי אדרכיאן, ואחד לעתיד לבוא; הה״ד:** והיה זה שלום אשור, וגו׳.

---

מלכות איז געווען פון פרס, איז מדי געווען טפלדיק לגבי איר [2].

פרס, — פאַרוואָס רופט מען עס פרס? ווייל עס האָט באַקומען דאָס מלכות שטיקערווייז [3], איין מאָל אין די טעג פון תרדה [4], און איין מאָל אין די טעג פון אדארכיאן [5], און איין מאָל לעתיד לבוא [6]; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (מיכה ה, ד): והיה — און דאָס וועט זיין דער שלום: אַז אשור [וועט קומען אין אונדזער לאַנד] [7].

מדי, — פאַרוואָס רופט מען עס מדי? ווייל זיי האָבן מודה געווען צו הקדוש־ברוך־הוא[8]. ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: די מלכים פון מדי זיינען געווען אָרנטלעכע, און הקדוש־ברוך־הוא האָט צו זיי גאָרניט, נייערט וועגן דעם געצנדינסט וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי איבערגעגעבן.

## יט

(א, ג) הפרתמים — די אַדללייט. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: פרתמים, דאָס זיינען דעם מלכס צוויי לעגיאָנען, וואָס דער מלך ווערט ניט געריפן אויגוסטוס[1], ביז זיי רופן אים ניט אויס צוערשט. און וועלכע זיינען זיי? ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דיקומיאַני[2] און אויגוסטיאַני[3], — זיי האָבן עס אַן עצה געגעבן נבוכדנצרן[4], און ער איז אַרויף און האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש; האָט הקדוש ברוך הוא זיי עוקר מן השורש געווען און אויפגעשטעלט אַנדערע אויף זייער אָרט[5]. און ווער זיינען זיי? ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט אין נאָמען פון ר׳ אלעזרן געזאָגט: יכולני און בר קוריאַני[6]. און ר׳ הונא האָט געזאָגט: [די פרתמים] זיינען בני טעמיא און זיינע שני למלכס. און ר׳ יצחק האָט געזאָגט: בני טעמיא [מיינט] זיינע ראַטגעבערס; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (דניאל ב, יד): באדין — דעמאָלט האָט דניאל געענטפערט מיט עצה און מיט ראַט[7].

## כ

(א, ג) ושרי — און די הערן פון די מדינות, וואָס פאַר אים. — ר׳ אלעזר און ר׳ שמואל בר נחמן. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: ווי דאָס געריכטהויז אין גדר, וואו דער מלך זיצט צום משפט אויבנאָן, און דאָס גאַנצע פאָלק זיצט פאַר אים אויף דער ערד. און ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: ווי די גרויסע באַסיליקע[1], וואָס איז פול מיט מענטשן, וואו דער מלך זיצט אויף זיין לעגבעט און דאָס גאַנצע פאָלק איז אויסגעשפּרייט אויף זייערע פּנימער פאַר אים. דעריבער זאָגט דער פּסוק: און די הערן פון די מדינות, וואָס פאַר אים.

---

יח. [1] אומוויכטיק, פון אַ צווייטער מדרגה. [2] זע מגילה יב, א: רבא האָט געזאָגט: זיי האָבן אַ תנאי אויסגענומען צווישן זיך: „וועלן פון אונדז זיין די מלכים, וועלן פון אייך זיין די פּראָווינץ הערשער; אויב פון אייך וועלן זיין די מלכים, וועלן פון אונדז זיין די פּראָווינץ הערשער". [3] פּרוסות — פּרס: זיי האָבן ניט באַקומען די גאַנצע מלוכה פאַר אַ מאָל. [4] לויט יאַסטראָוו זאָל עס זיין אַ צונאָמען פאַר אחשורושן: תרדה (טראָדאָ) — אַ צעדרייטער. [5] אַ פּאַרטישער הערשער. [6] אין משיחס צייטן. [7] אשור איז לויט דעם מדרש אידענטיש מיט פּרס (זע אונדזער איכה רבה אויסגאַבע, א, מא, און דאָרט באַמערקונג 16), און דער בעל המדרש דריקט מיט דעם וואַרשיינלעך אויס פאַרשטעלטערהייט די האָפנונג, אַז פּרס וועט אין דער צוקונפט אויסשפּרייטן איר הערשאַפט איבער די שכנותדיקע פּראָווינצן פון ביזאַנטיע, צווישן זיי ארץ ישראל, און מיט דעם מקרב זיין די גאולה, דעם „לעתיד לבוא". [8] געטאָן גאָטס ווילן.

מדי, — **למה קורין אותה** מדי? **דמודייא להקב״ה. א״ר חייא בר אבא**: מלכי מדי תמימים היו, ואין להקדוש ברוך הוא עליהם, **אלא עבודת כוכבים שמסרו להם אבותיהם.**

## יט

(א, ג) הפרתמים. **ר׳ אלעזר אמר**: פרתמים, **אלו שני לגיונותיו של מלך, שאין המלך נקרא** אגוסטוס, **עד שקורין אותו הם תחלה. ואלו הן? אמר ר׳ יצחק**: דיקומיוני ואגוסטיאני. **הן הן שנתנו עצה לנבוכדנצר, ועלה והחריב בית המקדש; וקעקע הקב״ה את ביצתן והעמיד אחרים תחתיהם. ואלו הם? ר׳ יהודה בר׳ סימון בשם ר׳ אלעזר אמר**: יכולני ובר קוריאני. **ור׳ הונא אמר: בני טעמיא ובני סגניא דיליה. ור׳ יצחק אמר: בני טעמיא — בני עצתיא דיליה; היך מה דאת אמר** (דניאל ב׳): באדין דניאל התיב עטא וטעם, וגו׳.

## כ

(א, ג) ושרי המדינות לפניו — **ר׳ אלעזר ור׳ שמואל בר נחמן. ר׳ אלעזר אמר: להדא ארכיון דגדר, שהמלך יושב לדין מלמעלה, וכל העם יושבין לפניו על הארץ. ור׳ שמואל בר נחמן אמר: לבסילקי גדולה, שמליאה בני אדם; שהמלך יושב במסיבו, וכל העם שטוחין על פניהם לפניו. לכך נאמר**: ושרי המדינות לפניו.

---

יט. [1] **טיטול פון די רוימישע קיסרים. — דער בעל המדרש ווענדט דאָ אָן, ווי עס טרעפט אָפט אין דער אגדה, באַגריפן פון זיין צייט אויף אַ פריערדיקע עפּאָכע.** [2] **סאָלדאַטן פונעם צענטן רוימישן לעגיאָן.** [3] **פּרעטאָריאַנער לעגיאָן אין רוים, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו פּראָקלאַמירן אַ נייעם** קיסר. [4] **מעגלעך גערעדט פאַרשטעלט און געמיינט אספּסיאַנוסן, אָדער טיטוסן.** [5] **מעגלעך, אַז דאָס באַציט זיך אויף דער** פּרעטאָריאַנער וואַך, וואָס פלעגט אָפט באַשטימען און אַרונטערוואַרפן קיסרים, ביז **קאָנסטאַנטין דער גרויסער (אָנהויב פערטן יאָרהונדערט) האָט זיי ענדלעך אויפגעלייזט** (מ. סיימאָן, **ענגלישע איבערזעצונג פון** אסתר רבה). [6] יאַסטראָוו וויל האָבן, **אַז די צוויי נעמען זיינען צונעמענישן, וואָס דער בעל המדרש האָט געגעבן צו צוויי גריכיש־רוימישע מיטאָלאָגישע פיגורן, ניט וועלנדיק דערמאָנען זיי ביים נאָמען**: יכולני **זאָל האָבן געווען אַ רוימישער לעגיאָן אויפן נאָמען פון יאָו׳וו (יופּיטער, דער כל־יכו**לדיקער **אָפּגאָט)**, און בר קוריאַני — אַ לעגיאָן אויפן נאָמען פון הערקולעס (דער קיסר דיאָקליטאַנעס, **ווייזט אָן מ. סיימאָן, האָט געגרינדעט אינעם 3טן יאָרהונדערט אַ לייבוואַך אויפן נאָמען פון יאָו׳וו).** [7] עטא וטעם: **ר׳ יצחק ברענגט דעם פסוק צו דערקלערן ר׳ הונאס ווערטער** בני טעמיא.

כ. [1] **געריכט הויז ביי די אַלטע רוימער.**

# פרשה ב

## [פתיחתא]

(משלי כט, יא) כל רוחו — זיין גאַנץ געמיט לאָזט אויס דער נאַר, דאָס איז אחשורוש; אָבער דער חכם שטילט עס נאָכדעם איין, דאָס איז הקדוש ברוך הוא, וואָס האָט איינגעשטילט אחשורושן. ווי עס ווערט געזאָגט (תהלים סה, ח): משביח — ער שטילט איין דעם רעש פון די ימים, דעם רעש פון זייערע כוואַליעס און דעם טומל פון די פעלקער׳

### א

(א, ד) בהראותו — ווען ער האָט געוויזן די רייכקייט פון זיין מלכותדיקן שטאַט. [די חכמים] פון בית מדרש פון ר׳ ינאי און פון חזקיה — ביידע זאָגן: זעקס אוצרות [1] פלעגט ער עפענען יעדן טאָג און זיי ווייזן. ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: [דעם חשבון פון] די פאַרשיידענע הוצאות האָט ער זיי געוויזן. ר׳ יודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: אַן ארץ ישראלדיקע סעודה האָט ער זיי געוויזן [2]. ר׳ לוי האָט געזאָגט: די בגדים פון דער כהונה גדולה האָט ער זיי געוויזן; דאָ שטייט: תפארת — די פראַכט פון זיין גרויסקייט, און דאָרט (שמות כח, ב): ועשית — און דו זאָלט מאַכן הייליקע קליידער פאַר דיין ברודער אהרונען, לכבוד ולתפארת — פאַר אַ כבוד און פאַר אַ פראַכט, — איז אַזוי ווי תפארת וואָס שטייט דאָרט מיינט די בגדים פון דער כהונה גדולה, אַזוי אויך תפארת וואָס שטייט דאָ מיינט די בגדים פון דער כהונה גדולה. ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ חלבו האָט געזאָגט: צי מיט זיינס, צי ניט מיט זיינס, — דער ראָב שטעלט זיך אויס [3].

פון וואַנען איז דערדאָזיקער רשע אַזוי רייך געוואָרן? ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: נבוכדנצר, צעריבן און אָפּגעווישט זאָל ער ווערן, האָט אַריינ־באַקומען גאָר דאָס געלט פון דער וועלט, און ער האָט קיינעם ניט פאַרגונען זיין געלט [4]. אַז ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער געזאָגט: „פאַר וואָס זאָל איך איבערלאָזן דאָס גאַנצע געלט אויל [מרודכן]" [5]? האָט ער גענומען און באַפוילן, און געלאָזט מאַכן גרויסע קופּערנע שיפן, האָט זיי אָנגעפילט מיט געלט, און האָט זיי באַגראָבן און באַהאַלטן אין טייך פרת, און האָט צוריקגעלאָזט דעם [שטראָם פון] פרת איבער זיי. און אין דעם

א. [1] לויט די זעקס ווערטער פונעם פסוק: עשר כבוד מלכותו, יקר תפארת גדולתו (ניסין געביטן אויף ג׳סין לויט שמות רבה ט, ז). [2] כדי אַריינצונאַרן די יידן פון שושן

# פרשה ב

## [פתיחתא]

(משלי כ"ט) כל רוחו יוצִיא כסיל, **זה אחשורוש**; וחכם באחור ישבחנה, **זה הקב"ה, שהוא משדיך אחשורוש. היך מה דאת אמר** (תהלים ס"ה): משביח שאון ימים, שאון גליהם והמון לאומים.

א

(א, ד) בהראותו את עושר כבוד מלכותו. **דבית ר' ינאי וחזקיה תרויהון אמרין: ששה** (נסין) [גיסין] **היה פותח ומראה להן בכל יום. ר' חייא בר אבא אמר: מיני יציאות הראה להן. ר' יודה בר' סימון אמר: סעודת ארץ ישראל הראה להן. ר' לוי אמר: בגדי כהונה גדולה הראה להם: נאמר כאן** תפארת גדולתו, **ונאמר להלן** (שמות כ"ח): ועשית בגדי קדש לאהרן אחיך, לכבוד ולתפארת. — **מה** תפארת **האמור להלן — בגדי כהונה גדולה, אף** תפארת **האמור כאן — בגדי כהונה גדולה. ר' ברכיה בשם ר' חלבו אמר: בין מן דידיה ובין לא מדידיה מתגלגלת בת קברייא.**

**מהיכן העשיר אותו רשע? אמר ר' תנחומא: נבוכדנצר שחיק מחיק סיגל כל ממונו של עולם, והיתה עינו צרה בממונו. כיון שנטה למות אמר: „מה אני אניח כל ממון זה לאויל?" עמד וגזר ועשה ספינות גדולות של נחושת, מילא אותן ממון וחפר והטמינם בפרת, והפך פרת עליהן. ויום שעמד כורש**

---

צו דער סעודה(זע ווייטער ז, יז). [3] אים איז אַלץ איינס מיט וואָס ער פוצט זיך, מיט אייגענע פעדערן, צי מיט פרעמדע, און אַזוי אַרט ניט אחשורושן מיט וואָס ער באַרימט זיך, מיט זיינס צי ניט מיט זיינס (איבערגעזעצט אין איינקלאַנג מיטן מאמר ווייטער, ג, ט. לויטן יפה ענף, געשטיצט אויף בראשית רבה יג, ט, און אויף קוהלת רבה א, ז, איז קברייא, אָדער קבריאל, ווי דער נוסח איז אין קוהלת רבה, אַ נאָמען פון אַ טייך, און לויט דעם וואָלט די איבערזעצונג זיך געדאַרפט לייענען אַזוי: צי אויף זיינס, צי ניט אויף זיינס, — דער שטראָם פון קברייא צעגיסט זיך). [4] ווערטערלעך: זיין אויג איז געווען שמאָל איבער זיין געלט: ער האָט ניט געקענט זען, ווי עמיצער האָט הנאה פון זיין געלט. [5] מעגלעך אַז דער בעל המדרש האָט דאָ מיט אַ כיוון געניצט נאָר דעם ערשטן נאָמען פון נבוכדנצרס זון, כדי אָנצושפּילן אויף זיין באַדייטונג: אויל — אַ נאַר, — „פאַרוואָס זאָל איך איבערלאָזן מיין גאַנץ פאַרמעגן דעם נאַר?"

טאָג וואָס כורש איז אויפגעשטאַנען און האָט באַפוילן, אַז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערן, האָט זיי הקדוש ברוך הוא אַנטפּלעקט [פאַר אים]. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (ישעיה מה, א): כה — אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו זיין געזאַלבטן, צו כורשן, וואָס איך האָב אָנגענומען זיין רעכטע האַנט, אונטערטעניק צו מאַכן פאַר אים פעלקער, — — — און טויערן זאָלן ניט פאַרשלאָסן ווערן. און נאָכדעם שטייט געשריבן (פּסוק ג): ונתתי — און איך וועל דיר געבן אוצרות פון דער פינצטערניש און שאַצן פון פאַרבאָרגעניש.

ב

(א, ד) ימים רבים — אַ סך טעג, — טעג פון צער [1]. און דעסטגלייכן (שמות ב, כג): ויהי — און עס איז געווען אין יענע פילע טעג, — איז עס טאַקע געווען אַ סך טעג? נייערט איבער דעם וואָס זיי זיינען געווען טעג פון צער [2], רעכנט זיי דער פּסוק פילע טעג. און דעסטגלייכן (מלכים א, יח, א): ויהי — און עס איז געווען אַ סך טעג, און גאָטס וואָרט איז געווען צו אליהון, — איז עס טאַקע געווען אַ סך טעג? נייערט איבער דעם וואָס זיי זיינען געווען טעג פון צער [3], דעריבער רופט זיי אָן דער פּסוק אַ סך טעג. און וויפיל איז עס געווען? ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ חלבו [און ר׳ חלבו] אין נאָמען פון ר׳ יוחנן [האָבן געזאָגט]: איין חודש אינעם ערשטן יאָר, און איין חודש פונעם לעצטן יאָר און צוועלף חדשים אין מיטן, האָבן מיר פערצן חדשים [4]. און דעסטגלייכן (ויקרא טו, כה): ואשה — און אַ פרוי, אַז איר בלוטפלוס וועט פליסן אַ סך טעג, — און ר׳ חייא האָט געלערנט: טעג מיינט צוויי, אַ סך — דריי; איז עס דען אַ סך? נייערט צוליב דעם וואָס דאָס זיינען טעג פון צער, דעריבער רופט ער זיי אַ סך טעג.

ג

(א, ד) שמונים — הונדערט און אַכציק טעג, — דער לעצטער טאָג איז געווען ווי דער ערשטער [1].

ס׳איז געווען אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס זיין נאָמען איז געווען בארבוהין. זיינען אונדזערע רבנן געגאַנגען צו אים וועגן אַ געלט־זאַמלונג פאַר די חכמים. האָבן זיי געהערט, ווי זיין יונג [2] זאָגט צו אים: „וואָס וועלן מיר היינט עסן?“ און ער האָט אים געזאָגט: „רויע גרינסן“. „די פון איין [מאָס] פאַר אַ מעה [3], אָדער פון צוויי פאַר אַ מעה?“ האָט ער אים געזאָגט: „פון צוויי פאַר אַ מעה, ווייל זיי זיינען פאַרוועלקט און ביליק“. האָבן זיי געזאָגט: „ווי קאָנען מיר גיין צו דעמדאָזיקן? [4] לאָמיר

---

ב. [1] אַזוי ווי עס שטייט שוין הונדערט און אַכציק טעג, איז דאָך דער ימים רבים, פיל טעג, איבעריק; דרשנט עס דער בעל המדרש טעג פון צער פאַר די יידן, וואָס האָבן געדאַרפט צוזען, ווי אחשורוש באַרימט זיך מיט די בגדי כהונה און מיט די כלים פונעם בית המקדש (זע ילקוט שמעוני: פיל טעג — צערפולע טעג, וואָס שלעפּן זיך און קוקן אויס צו זיין זייער פיל). [2] לויט אַ מדרש (שמות רבה א, לד) איז פרעה ניט געשטאָרבן, נאָר קרעציק געוואָרן, און ער האָט זיך געלאָזט, אויף דער עצה פון זיינע חכמים, מאַכן בעדער פון בלוט פון יידישע קינדער. [3] ס׳איז דאַן געווען דריי יאָר הונגער. [4] דער לעצטער חודש פונעם ערשטן יאָר און דער ערשטער פונעם דריטן ווערן פאַררעכנט ווי צוויי יאָר (און ימים רבים וועט לויט דעם מיינען דריי יאָר).

**וגזר, שיבנה בית המקדש, גילה אותן הקב״ה. הה״ד** (ישעיה מ״ה): כה אמר ה׳ למשיחו, לכורש, אשר החזקתי בימינו לרד לפניו גוים, **וגו׳**, ושערים לא יסגרו. **וכתיב בתריה**: ונתתי לך אוצרות חשך ומטמוני מסתרים, **וגו׳**.

ב

(א, ד) ימים רבים — **ימים של צער. ודכותיה** (שמות ב׳): ויהי בימים הרבים ההם, — **וכי ימים רבים היו? אלא על ידי שהיו של צער, העלה אותן הכתוב** ימים רבים. **ודכותיה** (מלכים א׳, י״ח): ויהי ימים רבים, ודבר ה׳ היה אל אליהו, **וגו׳ — וכי ימים רבים היו? אלא על ידי שהיו ימים של צער, לפיכך קרא אותם** ימים רבים. **וכמה היו? ר׳ ברכיה בשם ר׳ חלבו בשם ר׳ יוחנן: חדש אחד בשנה ראשונה וחדש אחד בשנה אחרונה, ושנים עשר חדש באמצע, הרי ארבעה עשר חדשים. ודכותיה** (ויקרא ט״ו): ואשה כי יזוב זוב דמה ימים רבים, — **תני ר׳ חייא**: ימים — **שנים**, רבים — **שלשה; וכי רבים הם? אלא לפי שהן של צער, לפיכך קורא אותן** ימים רבים.

ג

(א, ד) שמונים ומאת יום, — **יום אחרון כיום ראשון.**

**עובדא הוה בגברא חד, דהוה שמיה ברבוהין. הלכו רבותינו אצלו על עסק מגבת חכמים. שמעין (לבריה) [לטליא], דאמר ליה: „במה אנן אכלין יומא דין?״ אמר ליה: „בטרוקסימון״. „מן חד (במנה) [במעה], או מן תרין (במנה) [במעה]?״ אמר ליה: „מן תרין (במנה) [במעה], דאינון כמישין וזלילין״. אמרי: „היכן אנן אזלין גבי הדין? ניזיל ונעבד עיבידתן בקרתא, ובתר כן ניתי לגביה״. אזלון ועבדון עיבידתהון בקרתא ואתו לגביה, ואמרין ליה: „הב לן מצוותא״.**

---

פריער גיין און אָפּטאָן אונדזער אַרבעט אין שטאָט, און נאָכדעם וועלן מיר קומען צו אים״. זיינען זיי אַוועק און האָבן אָפּגעטאָן זייער אַרבעט אין שטאָט, און זיינען געקומען צו אים און האָבן אים געזאָגט: „גיב אונדז אויף

---

ג. [1] דער פאַרנעם פון דער סעודה איז ניט געמינערט געוואָרן ביזן לעצטן טאָג. — די דרשה איז געבויט אויף דעם, וואָס עס שטייט ניט ימים, טעג, נייערט יום, טאָג.

[2] טעקסט געענדערט לויטן ירושלמי (פסחים, סוף פרק ד) און לויטן טעקסט ווייטער.

[3] די קלענסטע זילבערנע מטבע (זע ירושלמי קידושין א, הלכה א, און אונקלוס און יונתן אויף שמות ל, יג און אויף ויקרא כז, כה). אין די געדרוקטע טעקסטן שטייט מנה, אָבער אַ מנה האָט באַטראָפן הונדערט שקל, פופציק שקל קודש, און דאָס פּאַסט זיך

צדקה". האָט ער געזאָגט צו זיי: „גייט צו דער וואָס איז הויז, און זי וועט אייך געבן אַ מאָס רענדלעך". זיינען זיי אַוועק צו דער פרוי און האָבן איר געזאָגט: „דיין מאַן האָט דיר געזאָגט, דו זאָלסט אונדז געבן אויף צדקה אַ מאָס רענדלעך". האָט זי געזאָגט צו זיי: „ווי האָט ער אייך געזאָגט — מיט אַן איבערמאָס, אָדער פלאַך?" האָבן זיי געזאָגט: „ער האָט אונדז געזאָגט סתם [אַ מאָס]". האָט זי געזאָגט: „איך וועל אייך געבן מיט אַן איבערמאָס; אויב מיין מאַן וועט מיר זאָגן — פאַרוואָס? וועל איך אים זאָגן: איך האָב עס געגעבן פון מיין כתובה"[5]. זיינען זיי געקומען צו אים און האָבן אים געזאָגט: „זאָל דיין באַשעפער דיר געבן וואָס נאָר דיר פעלט". האָט ער געזאָגט צו זיי: „ווי האָט זי עס אייך געגעבן — מיט אַן איבערמאָס, אָדער פלאַך?" האָבן זיי אים געזאָגט: „מיר האָבן איר געזאָגט — סתם, אָבער זי האָט געזאָגט: איך וועל עס אייך געבן מיט אַן איבערמאָס, און אויב מיין מאַן וועט מיר זאָגן — פאַרוואָס? וועל איך געבן דאָס איבעריקע פון מיין כתובה". האָט ער געזאָגט צו זיי: „ס'איז רעכט, דען אַזוי האָב איך געהאַט בדעה אייך צו געבן; אָבער פאַרוואָס זענט איר ניט געקומען צו מיר צוערשט?" האָבן זיי אים געזאָגט: „מיר האָבן געהערט, ווי דיין קנעכט האָט דיר געזאָגט: וואָס וועלן מיר היינט עסן? און דו האָסט געזאָגט — רויע גרינסן; און ער האָט דיר געזאָגט: די פון איין [מאָס] פאַר אַ מעה אָדער פון צוויי פאַר אַ מעה? און דו האָסט געזאָגט: פון צוויי פאַר אַ מעה, ווייל זיי זיינען פאַרוועלקט און ביליק; האָבן מיר געזאָגט: אַ מענטש וואָס האָט אַזויפיל געלט זאָל עסן רויע גרינסן פון צוויי פאַר אַ מעה?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויף זיך מעג איך [קאַרגן], אָבער אויף אַ מצוה פון מיין באַשעפער קאָן איך ניט און טאָר ניט"[6].

בר לופיאַני האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער פון צפורי קיין עכו. האָט ער אויסגעשטעלטביידלעך[7] אויף צו סערווירן ווייַן פון צפורי ביז עכו[8] און גאָלדענע לאָמפּן פון ביידע זייטן. מע דערציילט: מען איז ניט אַוועק פון דאָרטן, ביז ער האָט זיי נישט געגעבן עסן לינדזן פונעם שייער און טרינקען ווייַן פונעם קעלטער[9]. ר' אבון האָט געזאָגט: און דאָס — איין פאַרסאַזשעטע טעפּ.

אָבער דאָ[10] — דער לעצטער טאָג ווי דער ערשטער.

## ד

ר' חייא האָט געהאַט אַ גוטן פריינט אין אשנא[1], און יענער האָט אים געמאַכט אַ סעודה און האָט אים געגעבן עסן פון אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין די ששת ימי בראשית[2]. ער האָט געזאָגט צו אים: „וואָס איז אייער גאָט אָנגעברייט צו טאָן פאַר אייך מער פון דעם?" האָט ער אים געזאָגט: „דיין סעודה האָט אַ מאָס, אָבער די סעודה פון אונדזער גאָט, וואָס ער איז אָנגעברייט צו מאַכן פאַר די צדיקים לעתיד לבוא, האָט ניט

אמר לון: „אזלון לגבי דא דבייתא, והיא יהבה לכון חד מודיא דדינרין”. אזלון לגבי אינתתא ואמרון לה: „אמר ליך בעלך: הב לן מצוותא חד מודיא דדינרין”. אמרה לון: „היכי אמר לכון — גדיש, או מחיק?” אמרו לה: „סתם אמר לן”. אמרה: „אנא יהבה לכון גדיש; אין אמר לי בעלי: למה? אמינא ליה: יהביתין מן פורני”. אתון לגביה, אמרון ליה: „ברייך ימלא חסרונך”. אמר לון: „היכן יהבתיה לכון — גדיש, או מחיק?” אמרו ליה: „סתם אמרן לה, ואמרה: אנא יהבה לכון יתיה גדיש, ואין אמר בעלי: למה? אנא יהבה גדראניה מן פורני”. אמר להון: „איכן, דכן הוית בדעתי למתנא לכון; ולמה לא אתיתן לגבי מריש?” אמרון ליה: „שמעינן לעבדך דאמר לך: במה אנן אכלין יומא דין? ואמרת ליה: בטרוקסימון; ואמר לך: מן חד (במנה) [במעה], או מן תרין (במנה) [במעה]? ואמרת ליה: מן תרין (במנה) [במעה], דאינון כמישן וזלילין; ואמרין: בר נש דאית ליה כל הדין ממונא, הוא אכיל בטרוקסימון מן תרין (במנה) [במעה]?” אמר לון: „בנפשי אנא רשיי, ברם במצוותא דברייך לית אנא יכיל ולא רשיי”.

בר לופייני הוה משיא את בתו מן ציפורי לעכו. והעמיד חנויות מוזגות יין מציפורי לעכו, ומנורות של זהב מכאן ומכאן. אמרו: לא זזו משם, עד שהאכילן עדשים מן הגרן והשקה אותן יין מן הגת. אמר ר' אבון: ובלבד בקדרות מפוחמות.

ברם הכא — יום אחרון כיום ראשון.

ד

רבי חייא הוה ליה חד רחים באשנא, ועשה לו סעודה והאכילו כל מה שנברא בששת ימי בראשית. אמר ליה: „מה אלהכון עתיד דעביד לכון יותר מכאן?” אמר ליה: „סעודתך יש לה קצבה, אבל סעודת אלהינו, שעתיד לעשות לצדיקים

---

לחלוטין ניט אין אונדזער טעקסט, האָבן מיר עס געביטן אויף מעה (זע ווייטער י, ד, באַמערקונג 5). [4] אויב ער איז אַזוי קאַרג. [5] לויט רשי (כתובות נד, א) ווערט עס מיינען: פון מיינע פאַרדינסטן. [6] לויטן רד״ל וואָלט די מעשה געדאַרפט קומען ווייטער, נאָך דער מעשה פון ר' שמעון בן יוחאים פריינט: יענער האָט אָפּגעהיט זיין געלט כדי צו באַקומען כבוד, און דער — כדי ער זאָל קענען געבן וואָס מער צדקה. [7] לויט פירסט (וואונטשע, דייטשישע איבערזעצונג) דאַרף מען דאָ אָנשטאָט חנויות (קראָמען, ביידלעך), לייענען חביות, פעסלעך. [8] אַרום 30 מייל. [9] אַזוי האָט ער זיך אויסגעבראַכט. [10] ביי אחשורושן.

ד. [1] לויט יאַסטראָוו — אַן אָרט לעבן צור. [2] פון וואָס נאָר עס געפינט זיך אויף

קיין מאָס, ווי אין פּסוק שטייט(ישעיה סד, ג): עין לא ראתה — קיין אויג האָט ניט געזען, אויסער דיר, גאָט, וואָס ער [3] וועט טאָן צו דעם וואָס וואַרט אויף אים.

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געהאַט אַ גוטן פריינט לעבן זיין וואוינונג אין צור. איינמאָל איז ער געקומען צו אים און האָט געהערט, ווי זיין קנעכט זאָגט אים: „וואָס פאַר אַ לינדזן וועלן מיר היינט עסן, — איינצו־טונקען, אָדער אַרויסצונעמען?“ [4] האָט ער אים געזאָגט: „איינצוטונקען“ [5]. האָט ער [6] אָנגעהייבן אונטערמומלען וועגן אים, און יענער האָט אים באַמערקט. האָט ער געשיקט זאָגן צו זיינע בני בית: „גרייט מיר צו אַלע מיינע טייערע כלים [7]“. און צו אים האָט ער געזאָגט: „וועט דער רבי האָבן איינזעניש, און טרינקען ביי אונדז היינט?“ האָט ער אים געזאָגט: „יאָ“. אַז ער איז אַריין אין הויז און האָט דערזען די אַלע טייערע כלים, האָט ער זיך געוואונדערט. ער האָט געזאָגט צו אים: „אַ מענטש וואָס האָט אַזוי פיל געלט, זאָל עסן שיטערע לינדזן?“ האָט ער אים געזאָגט: „אָ, רבי! איר — אייער תורה גיט אייך כבוד; אָבער מיר, אויב מיר וועלן קיין געלט ניט האָבן, וועט אונדז קיינער קיין כבוד ניט געבן“.

בר יוחני האָט געוואָלט מאַכן אַ סעודה פאַר די גרויסע לייט פון רוים. איז דאָרט געווען ר׳ אליעזר דער זון פון ר׳ יוסין. האָט ער געזאָגט: „לאָמיר זיך מיישב זיין מיט אונדזער בן־עיר“. איז ער געקומען צו אים, און יענער האָט אים געזאָגט: „אויב דו ווילסט פאַרבעטן צוואַנציק, מאַך פאַר פינף און צוואַנציק; און אויב דו ווילסט פאַרבעטן פינף און צוואַנציק, מאַך פאַר דרייסיק“. איז ער אַוועק און האָט געמאַכט פאַר פיר און צוואַנציק, און האָט פאַרבעטן פינף און צוואַנציק. האָט זיך געמאַכט, אַז עס האָט אויסגעפעלט איין געריכט, — איינער זאָגט: אַרטישאָק, און איינער זאָגט: טייטל בליטן. האָט ער געבראַכט גאָלד און געלייגט פאַר אים [8]. האָט ער עס גענומען און אים געוואָרפן אין פנים אַריין, און אים געזאָגט: „גאָלד עס איך דען? און דיין גאָלד דאַרף איך?“ איז ער געקומען צו ר׳ אליעזר דעם זון פון ר׳ יוסין, און האָט אים דערציילט די מעשה. ער האָט אים געזאָגט: „ביי דיין לעבן, רבי, איך וואָלט עס דיר ניט געדאַרפט זאָגן, ווייל וואָס דו האָסט מיר געזאָגט האָב איך ניט געטאָן. אָבער איך זאָג עס דיר פון וועגן דעם, — צי האָט אייך הקדוש ברוך הוא אַנטפּלעקט די סודות פון דער תורה, צי אפשר גאָר די סודות פון סעודה?“ האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ, אויך די סודות פון סעודה האָט ער אונדז אַנטפּלעקט“. האָט ער אים געזאָגט: „און פון וואַנען האָסטו דאָס גענומען?“ האָט ער געזאָגט צו אים:

דער וועלט. [3] גאָט, — לויטן דרש, וואָס איז אַנדערש פונעם פּשט, גייט דאָ דער פּסוק איבער פון צווייטער פּערזאָן צו דריטער (פאַרגלייך דעם נוסח פון ברכות: ברוך אתה — — — אשר בחר — — —). [4] שיטערע לינדזן, אויף צו טונקען ברויט אין דעם, אָדער געדיכטע, אַרויסצונעמען מיט אַ לעפל. [5] כדי איינצושפּאָרן. [6] ר׳ שמעון בן יוחאי. [7] טעקסט קאָרעגירט לויט יאסטראָווס גריכישן נוסח פונעם וואָרט. [8] פאַרן

לעתיד לבוא, אין לה קצבה, דכתיב (ישעיה ס״ד): עין לא ראתה, אלהים, זולתך, יעשה למחכה לו״.

ר׳ שמעון בן יוחאי הוה ליה חד רחים גבי דאריה בצור. חד זמן אתא לגביה; שמעיה לעבדיה דאמר ליה: „במה אנן אכלין יומא דין — בטלופחין דטמאשא, או דגראפא?״ אמר ליה: „דטמאשא״. התחיל ממיל בו, והרגיש בו. שלח ואמר לבני בייתיה: „אתקינו לי כל הדין (ארגוטדייא) [ארגנטרייא]״. אמר ליה: „משגח רבי שתי גבן יומא דין?״ אמר ליה: „אין״. מאן דסליק בבייתא, חמא כל הדין (ארגנאטאדייא) [ארגנטרייא] ותמה. אמר ליה: „בר נש דאית כל הדין ממונא, יהא הוא אכיל בטלופחין דטמאשא?״ אמר ליה: „אי, רבי! אתון אורייתכון מוקרא לכון; ברם אנן, אי לית לן ממונא, לית בר נש דמוקר לן״.

בר יוחני בקש לעשות סעודתא לגדולי רומי. הוה תמן ר׳ אליעזר בר׳ יוסי. אמר: „נמלך בבן עירנו״. אתא לגביה. א״ל: „אי בעית למקרא עשרין, עבוד לעשרים וחמשה; ואין בעית למקרי׳ עשרין וחמשה, עבוד לתלתין״. אזל הוא ועבד לעשרין וארבעה, וקרא עשרין וחמשה. אשתכחנון, דחסירין חד מקמא. — מאן דאמר: קנדס, ומאן דאמר: כפנאי. אייתי דהב, יהב קדמיה. נסביה וטלקיה באנפיה. אמר ליה: „דדהב אנא אכיל? ודהבך אנא צריך?״ אתא לגביה דר׳ אליעזר בר׳ יוסי ותני ליה עובדא. אמר ליה: „חייך, רבי, לא הוה לי דאימא לך, דאלו אמרת לי לא עבדית. מן בגין כך אמרין לך, — אם חדרי תורה גילה לכם הקב״ה, או שמא חדרי סעודה?״ אמר ליה: „הן, אף חדרי סעודה גילה לנו״. א״ל: „ודא מנא לך?״ אמר ליה: „מדוד, דכתיב (שמואל ב׳ ג׳): ויבא אבנר אל דוד ועמו עשרים אנשים; ויעש דוד לאבנר ולאנשים אשר אתו משתה. „ויעש משתה״ אין כתיב כאן, אלא ולאנשים אשר אתו משתה״.

ברם הכא — יום אחרון כיום ראשון.

---

„פון דודן, ווי אין פסוק שטייט (שמואל ב, ג, כ): ויבא — און אבנר איז געקומען צו דודן, און מיט אים צוואַנציק מאַן; און דוד האָט געמאַכט פאַר אבנרן און פאַר די מענטשן וואָס מיט אים אַ מאָלצייט. עס שטייט דאָ ניט סתם „און ער האָט געמאַכט אַ מאָלצייט״, נייערט און פאַר די מענטשן וואָס מיט אים אַ מאָלצייט״ [9].

אָבער דאָ — דער לעצטער טאָג ווי דער ערשטער. [10]

## ה

(א, ה) ובמלאת — און אַז עס זײַנען פול געוואָרן דידאָזיקע טעג, — דער **כתיב** איז ובמלואת[1]. עשה — האָט דער מלך געמאַכט פאַרן גאַנצן פאָלק וואָס האָט זיך געפונען — — — אַ סעודה פון זיבן טעג, — **רב און שמואל**. איינער האָט געזאָגט: זיבן, אויסער די הונדערט און אַכציק; און שמואל האָט געזאָגט: זיבן צוזאַמען מיט די הונדערט און אַכציק. ר׳ סימון האָט געזאָגט: דידאָזיקע הויפּטשטאָט שושן איז געווען ווי אַן אויפגעבלאָזענער הויז, פול מיט עסן און טרינקען.

ר׳ חנינא בר פּפּא האָט געזאָגט: די [יידישע] גדולי הדור זײַנען דאָרט געווען, אָבער זיי זײַנען אַנטלאָפן[2]. ר׳ חנינא בר עטל[3] האָט געזאָגט: עס זײַנען דאָרט געווען יידן ביי דער סעודה. האָט דערדאָזיקער רשע געזאָגט צו זיי: „מיינט איר, אַז אייער גאָט איז אָנגעבריים צו טאָן פאַר אייך מער פון דעם?״ האָבן זיי אים געזאָגט (ישעיה סד, ג): „עין — קיין אויג האָט ניט געזען, אויסער דיר, גאָט, וואָס ער[4] וועט טאָן צו דעם וואָס וואַרט אויף אים, — אויב אַזאַ סעודה ווי די וועט ער אונדז מאַכן, וועלן מיר אים זאָגן: מיר האָבן זי שוין געגעסן אויף אחשורושעס טיש״[5].

## ו

(א, ה) בחצר — אינעם הויף פונעם גאָרטן פון מלכס פּאַלאַץ, — [זאָגן וועגן דעם] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: דער גאָרטן איז געווען פון אויסנווייניק און דער הויף פון אינווייניק[1]; און ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: דער גאָרטן פון אינווייניק און דער הויף פון אויסנווייניק. האָט ר׳ פּנחס געזאָגט: איך גיב אייך ביידן געדעכט: ווען ער פלעגט וועלן, פלעגט ער עס מאַכן פאַר אַ הויף; און אַז ער פלעגט וועלן, פלעגט ער עס מאַכן פאַר אַ גאָרטן. ווי אַזוי? ער פלעגט אויסשפּרייטן אַ פּאָרהאַנג[2] און מאַכן אַ הויף; ער פלעגט אויפוויקלען דעם פּאָרהאַנג און מאַכן פון

---

גאַסט, ווען עס האָט אויסגעפעלט דאָס געריכט, — אים צו ווייזן, אַז ניט אויס קאַרגשאַפט איז עס געווען, נאָר ס׳איז מער ניט בנמצא. [9] דאָס מיינט, אַז ער האָט איטלעכן אין זײַנען געהאַט. [10] אין די אַלע מעשות האָט עפּעס געפעלט ביי דער סעודה; ביי אחשורושן אָבער איז אַלץ געווען ווי עס געהער צו זײַן פון אָנהייב ביזן סוף.

ה. [1] דאָס אויסלייגן (כתיב) פונעם וואָרט איז מיט אַן איבעריקער וו (מלא, פול), אַ סימן, אַז קיין זאַך האָט דאָרט ניט געפעלט, און עס בינדט זיך לויט דעם מיטן פריערדיקן. לויטן עץ יוסף באַציט זיך עס אויף ווייטער: די איבעריקע וו איז דער באַזיס פאַר רבס מיינונג, אַז די זיבן טעג זײַנען געווען חוץ די הונדערט און אַכציק. [2] עס שטייט הנמצאים, וואָס האָבן זיך געפונען, משמעות, אַז פריער זײַנען געווען מער, נאָר זיי זײַנען אַוועק. — מיר האָבן אין דער איבערזעצונג צוגעגעבן דאָס וואָרט יידישע לויטן תרגום אויף דעם פּסוק: ובאשלמות — און ווען עס האָבן זיך געענדיקט די דאָזיקע סעודה טעג, האָט דער מלך געמאַכט פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל, וואָס זײַנען געפונען געוואָרן זינדיק אין שושן הבירה, וואָס האָבן זיך געמישט מיט די ערלים, די איינוואוינער פון לאַנד — — — אַ סעודה פון זיבן טעג — — — אָבער מרדכי דער צדיק און זײַנע מענטשן זײַנען דאָרטן ניט געווען (זע ז, יז). [3] לייען אָטאַל (יאַסטראָוו). [4] זע אויבן ב, ד, באַמערקונג 3. [5] און אויב דער נביא זאָגט, אַז קיין אויג האָט עס ניט געזען, מוז דאָך יענע סעודה זײַן נאָך רייכער.

ו. [1] לעבן דעם פּאַלאַץ, און דער גאָרטן איז געווען אויסערן הויף. [2] און פאַרשטעלן

ה

(א, ה) ובמלאת הימים האלה, — ובמלואת כתיב. עשה המלך לכל העם הנמצאים, וגו׳, משתה שבעת ימים, — רב ושמואל. חד אמר: שבעה, חוץ ממאה ושמונים; ושמואל אמר: שבעה עם מאה ושמונים. א״ר סימון: הדא שושן הבירה כבית קומטיטון היה, מאכל ומשתה מצוי בה.

א״ר חנינא בר פפא: גדולי הדור היו שם וברחו. אמר ר׳ חנינא בר עטל: יהודים היו שם באותה סעודה. אמר לון אותו רשע: „יכול אלוהיכון עתיד דעביד לכון יותר מכן?״ אמרו לו (ישעיה ס״ד): „עין לא ראתה, אלהים, זולתך, יעשה למחכה לו, — אם כסעודה זו הוא עושה לנו, אנו אומרין לו: כבר אכלנוה על שלחנו של אחשורוש״.

ו

(א, ה) בחצר גנת ביתן המלך, — ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. ר׳ יהודה אמר: גנה מבחוץ וחצר מבפנים; ור׳ נחמיה אמר: גנה מבפנים וחצר מבחוץ. אמר ר׳ פנחס: מקיים אני דברי שניכם: כשהוא היה רוצה, עושה אותה חצר; וכשהוא היה רוצה עושה אותה גנה. הא כיצד? פורש את הוילון ועושה חצר. קופל את הוילון ועושה אותה גנה. דבר אחר: בחצר גנת ביתן המלך, שעמדה לו בדמים הרבה.

ז

(א, ו) חור, כרפס ותכלת, — תרגום עקילס: איירינון, קרפסינון. ור׳ ביבי אמר: טיינון. א״ר יצחק: בגדים שבני חורין

---

דעם אַ גאָרטן[3]. אַן אַנדער פשט: אינעם הויף פונעם גאָרטן פון מלכס פּאַלאַץ, ווייל עס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ סך געלט[4].

ז

(א, ו) חור, כרפס ותכלת, — ווייסער שטאָף, דינע ליינען און בלויע וואָל. עקילס[1] האָט איבערגעזעצט: אייריגאָן, קאַרפּאַסינאָן[2]. און ר׳ ביבי האָט געזאָגט: טיינאָן[3]. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דאָס זייגען בגדים, וואָס פרייע

---

דעם גאָרטן. [3] אויף לויט אים איז דער הויף געווען ביים פּאַלאַץ און דער גאָרטן אויסערן הויף. [4] ווייל די אַלע דריי ווערטער: הויף, גאָרטן, פּאַלאַץ, בינדן זיך מיטן וואָרט מלך, לערנט עס אונדז, אַז נאָר דער מלך האָט זיך עס געקענט פּאַרגינען (רד״ל).

ז. [1] אַקווילאַ דער גר, וואָס האָט איבערגעזעצט דעם תנ״ך אויף גריכיש אין דער ערשטער העלפט פון צווייטן יאָרהונדערט. [2] וואָל און פיינע ליינען. [3] ר׳ ביבי דערקלערט אויך דאָס וואָרט תכלת מיט אַ גריכיש וואָרט (טיינאָן, פּאַרגרייזט פון יאַנטינאָן),

מענטשן[4] פלעגן אָנטאָן. — אחוז — באַפעסטיקט מיט שנורן פון פיינעם ליינען און פורפל. — ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: קום און זע, וואָס די קליידונג פון דעמדאָזיקן רשע איז געווען! דען אַלע ציען אָן די לענבעטן מיט שנורן פון וואָל און שנורן פון פלאַקס, און דערדאָזיקער רשע — מיט שנורן פון פיינעם ליינען און פורפל[5]. — על גלילי — אויף שטאַנגען פון זילבער. — ר׳ חייא רבה און ר׳ שמעון בן חלפתא. איינער האָט געזאָגט: [די פאָרהאַנגען] פלעגן זיך צונויפוויקלען[6] ווי דער פאָרהאַנג אויפן ארון[7]; און דער אַנדערער האָט געזאָגט: זיי פלעגן זיך צונויפלייגן ווי דער זעגל פון אַ שיף[8]. — ועמודי — און זיילן פון מירמלשטיין. — ר׳ לוי האָט געזאָגט: דידאָזיקע שטיינהאַקעריי[9] איז ניט אַנטפּלעקט געוואָרן צו קיין באַשעפעניש, נייערט צו דערדאָזיקער רשעותדיקער מלכות[10]. האָט מען געפרעגט: אָט שטייט דאָך געשריבן (דברי הימים א, כט, ב): וכל — און יעדן טייערן שטיין און מירמלשטיינער לרוב? [11] [נייערט] שלמה האָט אַריינגעטאָן פערל פון איין זייט און פערל פון דער צווייטער זייט און מירמלשטיין אין מיטן[12]. — און גרינגער וואָלט געווען פאַר אחשורושן זיך צו מאַכן זיילן פון זילבער און פון גאָלד, איידער צו ברענגען זיילן פון מירמלשטיין פון פראַק אַנסין[13] קיין מדי. און טאָמער ווילסטו זאָגן, אַז זיי זיינען געווען דין[14], —האָט שוין ר׳ מתנה געזאָגט: איך בין געשלאָפן אויפן בלומענקאָפּ פון איינעם פון זיי, און ס׳איז געווען גענוג פאַר מיין גאַנצן וואוקס, מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פיס.

ח

(א, ו) מטות — בעטן פון גאָלד און זילבער. — ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: ווער ס׳איז ווערט געווען צו [זיצן אויף] זילבער, [איז געזעסן] אויף זילבער, און ווער ס׳איז ווערט געווען אויף גאָלד — אויף גאָלד. האָט ר׳ נחמיה געזאָגט צו אים: קומט דאָך אויס, אַז דו ברענגסט אַריין שנאה[1] ביי דער סעודה פון יענעם רשע! נייערט [די בעטן] זיינען געווען זילבערנע און באַדעקט מיט גאָלד. און ר׳ תחליפא בר בר חנה האָט געזאָגט: פון גאָלד זיינען זיי געווען, אָבער זיי זיינען געווען אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך פון זילבער. און שמואל האָט געזאָגט: די דרויסנדיקע ראַם איז געווען פון גאָלד און די אינעווייניקסטע פון זילבער.

ט

(א, ו) על רצפת — אויף אַ פלאַסטערונג פון אַלאַבאַסטער און מירמלשטיין. — ר׳ נחמן האָט געזאָגט: קום און זע, וואָס פאַר אַ שלווה דערדאָזיקער רשע האָט געהאַט, דען זיין הויז איז געווען געפלאַסטערט מיט טייערע שטיינער און פערל. בהט ושש, ודר, וסוחרת — אַלאַבאַסטער און מירמלשטיין, און פערלמוטער און פלעקמירמל. — ר׳ ניסא פון קיסריה האָט געזאָגט: [שש] איז ווי אַ פערל וואָס איז באַליבט ביי איר בעל הבית[1]. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: [דר, פערלמוטער] איז ווי אַ פערל וואָס לאָזט אַרויס איר בעל הבית אויף דער פריי[2]; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כה, י):

לובשין. — אחוז בחבלי בוץ וארגמן, — אמר ר׳ שמואל בר נחמן: בוא וראה טליתו של אותו רשע מה הוא! שהכל מפקיעין בחבלי צמר ובחבלי פשתן, ורשע זה בחבלי בוץ וארגמן. — על גלילי כסף, — ר׳חייא רבה ור׳ שמעון בן חלפתא. חד אמר: נגללין היו כוילון זה של ארון; וחרינא אמר: נקפלין היו כקלע זו של ספינה. — ועמודי שש, — א״ר לוי: המחצב הזה לא נגלה לבריה, אלא למלכות הרשעה הזאת. אתיבון: והכתיב (ד״ה א׳ כ״ט): וכל אבן יקרה ואבני שיש לרוב? — שלמה היה נותן מרגלית מכאן ומרגלית מכאן ואבני שיש באמצע. ונוח היה לאחשורוש לעשות לו עמודים של כסף ושל זהב מלהביא עמודים של שיש מפרק אונסין למדי. ואם תאמר דהוו זמרין, — אמר ר׳ מתנה: אני ישנתי על פרחו של אחד מהן, והיה מלא קומה ופשוט ידים ורגלים.

ח

(א, ו) מטות זהב וכסף, — ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. ר׳ יהודה אמר: הראוי לכסף — לכסף, הראוי לזהב — לזהב. אמר לו ר׳ נחמיה: אם כן נמצאת מכניס שנאה בסעודת אותו רשע! אלא של כסף היו, והיו מצופים בזהב. ור׳ תחליפא בר בר חנה אמר: של זהב היו, והיו מכופתים בכפאתין של כסף. ושמואל אמר: הגשיש החיצון של זהב והפנימי של כסף.

ט

(א, ו) על רצפת בהט ושש. אמר ר׳ נחמן: בוא וראה שלותו של אותו רשע מה היא, שהיה ביתו רצוף באבנים טובות ומרגליות. — בהט, ושש ודר, וסוחרת, — ר׳ ניסא דקיסרי אמר: [שש, —] למרגלית שהיא אהובה על בעלה. ר׳ יוחנן אמר: [ודר, —] למרגלית שמוציאה את בעלה לחירות, היך מה

---

וואָס מיינט וויאָלעט (יאַסטראָוו). [4] בני חורין — חור. [5] קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ רייכע קליידער ער האָט געטראָגן. [6] נגללין — גלילי. [7] פון איין זייט אויף דער צווייטער. [8] פון אונטן אַרויף. [9] פון וואַנען יענער מירמלשטיין איז גענומען געוואָרן. [10] לויטן רד״ל ווערט מיט דעם געמיינט רוים. [11] האָט דוד אָנגעגרייט פאַר שלמהן אויף צו בויען דעם בית המקדש, און דאָ זאָגט ער, אַז קיינער אויף דער וועלט האָט עס ניט געהאַט! [12] איז דער מירמלשטיין געווען קליין און ניט דער עיקר. [13] לויט יאַסטראָוו: פראָקאָנעסוס, מיזיאַ, וואָס איז געווען באַוואוסט מיט גוטן מירמלשטיין. [14] ווי אַ צווייגל (זמורה).

ח. [1] אין מגילה (יב, א) איז דער נוסח קנאה, וואָס איז בעסער צוגעפּאַסט.

ט. [1] מעגלעך געדרשנט ושש מיט צוויי „לינקע״ שינען און מיט אַ קמץ אונטער דער ערשטער („און ער פֿרייט זיך״). [2] באַפרייט אים פון חובות.

וקראתם דרור [3] — און איר זאָלט אויסרופן פרייהייט. — ודר (און פערל־מוטער), — **ר' הונא האָט געזאָגט: ס'איז דאָ אַן אָרט וואו מע רופט פּערל** דורה. — וסוחרת (און פלעקמירמל) — **ר' ביבא בר אבונא האָט געזאָגט: אַ גאַנגבאַרע סחורה** [4]; **דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט** (בראשית כג, טז): עובר לסוחר — גאַנגבאַר ביי סוחרים.

י

(א, ז) והשקות — און טרינקען האָט מען געגעבן אין גאָלדענע כלים, — **דערדאַזיקער רשע האָט ניט געגעבן צו טרינקען נייערט אין גאָלדענע כלים. האָט מען געפרעגט: אָט שטייט דאָך געשריבן** (מלכים א, ו, כא): וכל כלי משקה — און אַלע טרינק כלים פון שלמה המלך זיינען געווען גאָלד, און אַלע כלים פונעם הויז פון לבנון־וואַלד זיינען געווען ריין גאָלד? [1] **ר' פינחס אין נאָמען פון ר' יצחקן האָט געזאָגט: איז עס ניט דערוויידער פאַר אַ מענטשן צו טרינקען פון גאָלד? נייערט די בעכערס זיינען געווען פון פיין געשליפן גלאָז, וואָס מע זעט אין זיי די אָפּשפּיגלונג פונעם פנים, שיין און טייער ווי כלים פון גאָלד.**

יא

(א, ז) וכלים — און כלים פון כלים פאַרשיידן: **אַז ער האָט געבראַכט זיינע כלים און די כלים פון עילם, זיינען זיינע געווען שענער ווי די וואָס פון עילם; האָט ער געבראַכט זיינע כלים און די כלים פון בית המקדש, זיינען זיי געווען פיינער און שענער ווי זיינע. [ס'איז אַ משל] מיט אַ מאַטראָנע, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע דינסט; ווען נאָר זי פלעגט אַ קוק טאָן אויף איר דינסט אַזוי פלעגט זיך איר פנים בייטן. אַזוי — ווי נאָר די כלים פון בית המקדש פלעגן אָנקוקן זיינע כלים, אַזוי פלעגן זיך זיינע כלים ענדערן און ווערן ווי בליי. ר' תחליפא בר בר חנה האָט געזאָגט:** כלים **וואָס זייער צורה בייט זיך** [1] **אין ווייניק** [2] **טעג. ר' שמואל דער זון פון ר' נחמן האָט געזאָגט:** כלים **וואָס ברענגען אום** [3] **די וואָס באַנוצן זיך מיט זיי** [4], **און זיי זיינען פאַרשיידן [פון אַנדערע כלים מיטן כוח פון] שלעכטס טאָן: ווער האָט דען גורם געווען בלשצרן, ער זאָל אויסגעריסן ווערן פון דער וועלט מיטן וואָרצל** [5] **— ניט דאָס וואָס ער האָט זיך באַנוצט מיט די כלים פון בית המקדש? דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (דניאל ה, ב): בלשאצר אמר — בלשאַצר, ווען ער האָט פאַרזוכט דעם ווייַן, האָט געהייסן ברענגען די גאָלדענע און זילבערנע כלים וואָס נבוכדנצר — — — האָט אַרויסגענומען [פונעם טעמפּל] — — —; **וואָס שטייט ווייטער?** (דאָרט פּסוק ל) ביה בליליא — אין דער זעלבער נאַכט איז דערהרגעט געוואָרן בלשאצר דער מלך פון די כשדים.

יב

(א, ז) ויין מלכות — און דער ווייַן פון מלכות איז געווען לרוב. — **דאָרטן שטייט געשריבן** (דניאל ה, א): ולקבל — און קעגן די טויזנט האָט ער געטרונקען ווייַן; **אָבער דאָ שטייט:** ויין — און דער ווייַן פון מלכות

**דאת אמר** (ויקרא כ״ה): וקראתם דרור. ודר, — **א״ר הונא: אית** אתר דצווחין למרגליתא דורה. וסוחרת, — **ר׳ ביבא בר אבונא אמר: פרקמטיא נפקת; היך מה דאת אמר** (בראשית כג): עובר לסוחר.

י

(א, ז) והשקות בכלי זהב, — **השקיותיו של אותו רשע לא היו אלא בשל זהב. איתיבון: והכתיב** (מלכים א׳ י׳): וכל כלי משקה המלך שלמה זהב, וכל כלי בית יער הלבנון זהב סגור? **ר׳ פנחס בשם ר׳ יצחק אמר: והלא נפשו של אדם חותה לשתות בשל זהב? אלא אלו כוסות דיוטירִיטא של כלי זכוכית, שרואין צל פניהם בהם, יפין ויקירין ככלי זהב.**

יא

(א, ז) וכלים מכלים שונים: **הביא כליו וכלי עילם, ונמצאו שלו יפין משל עילם; הביא כליו וכלי בית המקדש, ונמצאו נאים ויפין מכליו. למטרונה, שהיתה לה שפחה יפה; כל זמן שמבטת בשפחתה, היו פניה משתנות. כך כל זמן שהיו כלי בית המקדש מביטין בכליו, היו משתנין כליו ונעשין כעופרת. ר׳ תחליפא בר בר חנה אמר:** כלים שצורתן **נשתנית לימים** קלים. **א״ר שמואל בר רב נחמן:** כלים מכלים **למשתמשין בהם, והם שונין בקלקלה:** מי גרם לבלשצר, **שתתקעקע ביצתו מן העולם, — לא על ידי שנשתמש בכלי בית המקדש? הה״ד** (דניאל ה׳): בלשצר אמר בטעם חמרא להיתיה למאני דהבא וכספא די הנפק נבוכדנצר, **וגו׳; מה כתיב?** (שם) ביה בליליא קטיל בלשצר מלכא כשדאה.

יב

(א, ז) ויין מלכות רב. **להלן כתיב** (שם): ולקבל אלפא חמרא שתה; **ברם הכא כתיב:** ויין מלכות רב כיד המלך, — **ככוסות ביד המלך.**

---

איז געווען לרוב, מיט אַ קיניגלעכער האַנט, — לויט די בעכערס אין קיניגס האַנט [1].

---

[3] דרור — דר. [4] סוחרת — סחורה.

י. [1] **טאָ וואָס איז דאָ די רבותא מיט אחשורושן?**

יא. [1] **פאַרלירן זייערע צורה.** [2] קלים — כלים. [3] מכלים **געלייענט מיט אַ שווא אונטער דער** מם **און אַ** פתח **אונטער דער** כף). [4] **ר׳ תחליפא האָט גערעדט וועגן אחשורושעס כלים, אָבער ר׳ שמואל רעדט ווידער וועגן די כלים פון בית המקדש.**

[5] **ווערטערלעך: זיין איי (זיין זאָמען) זאָל צעשטערט ווערן.**

## יג

(א, ח) והשתיה — און דאָס טרינקען איז געווען ווי דער שטייגער איז, מע האָט ניט גענויט, — ווי דער שטייגער פון איטלעך אָרט: פאַראַן אַן אָרט, וואו מע וויל פריער עסן, און נאָכדעם טרינקט מען; און פאַראַן אַן אָרט, וואו מע טרינקט צוערשט, און נאָכדעם עסט מען. ווי דער שטייגער פון איטלעכער אומה, אָט ווי דידאָזיקע כותים [1], וואָס טרינקען ניט קיין ווייַן פון לאָגלען, האָט מען זיי געבראַכט ווייַן פון קרוגן. — מע האָט ניט גענויט צו ריינעם ווייַן [2]. רב האָט געזאָגט: מע האָט ניט גענויט צו ייִן נסך [3]. ר' בנימין בר לוי האָט געזאָגט: מע האָט ניט גענויט צו [טרינקען פון] דער פאַקטאַ [4], דען דאָרטן [5] טרינקט מען שווערן ווייַן, דעריבער [זאָגט דער פסוק]: מע האָט ניט גענויט צו דער פאַקטאַ [6]. — כי כן יסד — דען אַזוי האָט דער קיניג פעסטגעשטעלט, — ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: קום און זע, וואָס פאַר אַ שלוה דערדאָזיקער רשע האָט געהאַט, דען זיין הויז איז געווען געגרונטפעסטיקט אויף טייערע שטיינער און פערל [7]. — על כל — וועגן [8] יעדן עלטסטן פון זיין הויז, איינצואָרדנען פאַר די גרויסע לייט פון דער מלוכה, אַז איטלעכער פון זיי זאָל קאָנען פאַרברענגען מיט זיינע קינדער און מיט זיינע בני בית.

## יד

(א, ח) לעשות — צו טאָן לויט יעדן איינעמס רצון. האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו אים: „איך קאָן ניט יוצא זיין פאַר מיינע באַשעפענישן, און דו ווילסט טאָן לויט יעדן איינעמס רצון? דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז ווען צוויי מענטשן ווילן חתונה האָבן מיט איין פרוי, — קאָן זי חתונה האָבן מיטביידן? נייערט אָדער מיט דעם, אָדער מיט יענעם. און

---

יב. [1] בלשצר האָט אַליין געטרונקען, אָבער אחשורוש האָט מיט דער אייגענער האַנט דערלאַנגט יעדן גאַסט דעם בעכער.

יג. [1] שומרונים. [2] אויב איינער איז געווען געוואוינט זיין ווייַן צו צעפירן מיט וואַסער (אַזוי לויטן מתנות כהונה און יפה ענף. לויט יאַסטראָוו — אַ מאָס אַזאַ (אַ פערטעלע), און דער געדאַנק איז, אַז מע האָט געטרונקען וויפיל מע האָט געוואָלט. אַזוי אויך לויטן מהרז"ו). [3] ווייַן וואָס איז געקומען פון דער האַנט פון אַ ניט ייד, וואָס אַ ייד טאָר ניט טרינקען צוליבן חשד, טאָמער האָט מען עס גענוצט פאַר דער עבודה זרה. און דאָס איז געטאָן געוואָרן, כדי אַריינצונאַרן יידן (זע ז' יז). [4] אַ גרויסער בעכער אַזאַ. דער ילקוט ברענגט פון מדרש אבא גוריון אין נאָמען פון ר' לוין: אַזוי איז געווען דער שטייגער פון די מענטשן אין פרס: זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן בעכער וואָס האָט געהייסן פוסקא (אָנשטאָט אונדזער פקתא), און זיי פלעגן יעדן איינעם געבן טרינקען פון אים, — אפילו ער זאָל שטאַרבן, אפילו ער זאָל משוגע ווערן, פלעגט ער מוזן טרינקען — — — אָבער אחשורוש האָט דעם כוס ניט אַריינגעבראַכט; ער האָט געזאָגט: „ווער עס וויל טרינקען, זאָל טרינקען". [5] אין פרס. [6] לויט יאַסטראָוו דאַרף מען ר' בנימין בר לויס מימרא אַזוי איבערזעצן: מע האָט ניט גענויט פון אַרויסגיין (מע האָט ניט צוריקגעהאַלטן אַ מענטשן פון אַרויסגיין — פקתא, פון נפק — אויף מענטשלעכע באַדערפענישן), דען דאָרטן טרינקט מען פון גרויסע כלים (בגסא, וואָס מיר האָבן איבערגעזעצט, לויט מ. סיימאָן, סאָנטשינא, שווערן ווייַן), דעריבער זאָגט דער פסוק: מע האָט ניט גענייט פון אַרויסגיין. [7] ר' שמואל טייטשט יסד לויט יסוד, פונדאַמענט (וועגן דעם דרש אַליין זע אויבן ב, ט, די רייד פון ר' נחמן). [8] לויטן דרש.

## יג

(א, ח) והשתיה כדת, אין אונס, — כדת כל מקום ומקום: אית אתר, דבעי מיגם ובתר כן שתי; ואית אתר, דשתי ובתר כן מיגם. כדת כל אומה ואומה, כאילין כותאי, דלא שאתן חמרא דזיקין, אייתי להון חמרא דקוליא. — אין אונס באנפקא. רב אמר: אין אונס ביין נסך. א״ר בנימין בר׳ לוי: אין אונס בפקתא, לפום דתמן שאתן בגסא, לפיכך אין אונס בפקתא. — כי כן יסד המלך, אמר ר׳ שמואל בר נחמן: בא וראה שלותו של אותו רשע מה היא, שהיה ביתו מיוסד באבנים טובות ומרגליות. — על כל רב ביתו, לעשות לגדולי מלכות, שיהא כל אחד ואחד רשאי לצחוק עם בניו ועם בני ביתו.

## יד

(א, ח) לעשות כרצון איש ואיש. אמר לו הקב״ה: „אני איני יוצא מידי בריותי, ואתה מבקש לעשות כרצון איש ואיש? בנוהג שבעולם, שני בני אדם מבקשים לישא אשה אחת, — יכולה היא להנשא לשניהם? אלא או לזה או לזה. וכן שתי ספינות שהיו עולות בלימן, אחת מבקשת רוח צפונית ואחת מבקשת רוח דרומית, — יכולה היא רוח אחת להנהיג את שתיהן כאחת? אלא לזו או לזו. למחר שני בני אדם באים לפניך בדין, איש יהודי ואיש צר ואויב, — יכול אתה לצאת ידי שניהם? אלא שאתה מרומם לזה וצולב לזה״.

ר׳ הונא בשם ר׳ בנימין בר לוי אמר: לפי שבעולם הזה בזמן שרוח צפונית מנשבת, אין רוח דרומית מנשבת; ובזמן שרוח דרומית מנשבת, אין רוח צפונית מנשבת. אבל לעתיד

---

אַזוי אַז צוויי שיפן זיינען אַריין אין האַפן, איינע וויל אַ צפון ווינט און די אַנדערע וויל אַ דרום ווינט, — קאָן דען איין ווינט פירן ביידע פאַר אַ מאָל? נייערט אָדער די, אָדער יענע. מאָרגן וועלן קומען צוויי מענטשן פאַר דיר צו אַ משפט, אַ מענטש אַ ייד און א מענטש אַ צורר און אַ שונא, — קענסטו יוצא זיין פאַרביידן? נייערט דו וועסט דערהויבן דעם און אויפהענגען[1] יענעם״.

ר׳ הונא אין נאָמען פון ר׳ בנימין בר לוי האָט געזאָגט: ווייל אויף דער וועלט, ווען עס בלאָזט אַ צפון ווינט, בלאָזט ניט קיין דרום ווינט; און ווען עס בלאָזט אַ דרום ווינט, בלאָזט ניט קיין צפון ווינט. אָבער ווען לעתיד

**לבוא, ווען דער צייט פון קיבוץ גלויות, האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: „איך וועל ברענגען אַן אויסנעמלעכן ווינט אויף דער וועלט, וואָס צווייווינטן דינען אין אים״**[2]**. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה מג, ו): אומר — איך וועל זאָגן צום צפון: גיב אַהער! און צום דרום: האַלט ניט צוריק! ברענג מיינע זין פון דער ווייט און מיינע טעכטער פון עק וועלט. **ווער איז דער, וואָס טוט דעם ווילן פון די וואָס פאָרכטן אים?**[3] **דאָס איז** רצון — דעם ווילן פון די וואָס פאָרכטן אים טוט ער, און זייער געשריי הערט **הקדוש־ברוך־הוא, וואָס ווען אים שטייט געשריבן** (תהלים קמה, יט): רצון — דעם ווילן פון די וואָס פאָרכטן אים טוט ער, און זייער געשריי הערט ער און ער העלפט זיי.

**לבוא, בקיבוץ גלויות, אמר הקב״ה: „אני מביא רוח**[1] **ארגסטיס לעולם, ששתי רוחות משמשות בו״. הה״ד** (ישעיה מ״ג): אומר לצפון: תני! ולתימן: אל תכלאי! הביאי בני מרחוק ובנותי מקצה הארץ. **מי הוא זה שעושה רצון יראיו? זה הקב״ה, שכתוב בו** (תהלים קמ״ה): רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם.

---

יד. [1] **אין טעקסט** צולב, קרייציקן, **אַ ירושהדיקער אויסדרוק פון דער געצנדינערישער רוים אין לשון פונעם ארץ ישראלדיקן בעל המדרש.** [2] **אַרגעסטעס, אַ ווינט, וואָס אין דער אַלט גריכישער ליטעראַטור קומט ער אַ מאָל פון דרום, אַמאָל פון מערב און אַ מאָל פון צפון־מערב** (סמבטיון, מילון תלמודי אנציקלופדי א; **זע אויך** יאסטראָוו). [3] **אפילו ווען זיי שטימען ניט מיטאַנאַנדער.**

# פרשה ג

## א

## [פתיחתא]

**רב האָט אָנגעהייבן [מיטן פסוק]** (חבקוק ב, טו): הוי — ווי דער וואָס טרינקט אָן זיין חבר! לייגסט צו דיין גיפט און מאַכסט אויך שיכור, כדי צו קוקן אויף זייער נאַקעטקייט! — ווי, דער וואָס טרינקט אָן, **דאָס איז נבוכדנצר**; זיין חבר, **דאָס איז צדקיהו. הקדוש ברוך הוא האָט צו אים געזאָגט: „אָ, דו רשע! איז ער ניט אַ מלך ווי דו? איז ער ניט אַ פּאַסטוך ווי דו?** לייגסט צו דיין גיפט, — **וואָס לייגסטו אַרויף אויף אים ווערטער אין דיין גיפטיקן צאָרן?"** ער האָט געזאָגט צו אים[1]: **„וואָלסטו ווידער־שפּעניקט אָן מיר, און ניט ווידערשפּעניקט אָן דיין גאָט, וואָלט דיין גאָט דיר געדאַרפט ביישטיין; וואָלסטו ווידערשפּעניקט אָן דיין גאָט, און ניט ווידער־שפּעניקט אָן מיר, וואָלט איך דיר געדאַרפט ביישטיין. נייערט דו האָסט ווידערשפּעניקט אָן דיין גאָט און האָסט ווידערשפּעניקט אָן מיר". דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דברי הימים ב, לו, יג): וגם — און אויך אָן דעם מלך נבוכדנצר האָט ער ווידערשפּעניקט, וואָס ער האָט אים באַשוואָרן ביי גאָט. **ביי וואָס האָט ער אים באַשוואָרן? ר' יוסי דער זון פון ר' חנינא האָט געזאָגט: ביי די הערנער פונעם אינעווייניקסטן מזבח האָט ער אים באַשוואָרן[2]. וואָס האָט אים דערדאָזיקער רשע געטאָן? ער האָט אים געגעבן עסן וואָרעם געדשטן ברויט און טרינקען פרישן וויין פון קעלטער. און דאָס אַלץ צוליב וואָס? כדי זיינע געדערים זאָלן לויז ווערן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (חבקוק ב, טו): למען — כדי צו קוקן אויף זייער נאַקעטקייט.

**ר' חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: [גאָט האָט געזאָגט צו נבוכדנצרן:] „ניט פון דיין כבוד וועגן און ניט פון וועגן דעם כבוד פון דיינע עלטערן זענט איר אַריין אין מלכות, נייערט איבער דעם, וואָס דיין זיידע דאָט אָפּגעגעבן כבוד זיין זיידן". דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה לט, א): בעת ההיא — אין יענער צייט האָט מרודך בלאדן דער זון פון בלאדן, דער קיניג פון בבל, געשיקט בריוו און אַ מתנה צו חזקיהון; דען ער האָט געהערט, אַז ער איז געווען קראַנק, און אים איז בעסער געוואָרן. **מע דערציילט: מרודך בלאדן האָט געדינט צו דער זון, און ער איז געוואוינט געווען צו עסן אין דער זעקסטער שעה[3] און שלאָפן ביז דער ניינטער שעה[4]. און יענעם טאָג וואָס דער זון־באַלעם האָט זיך אומגעקערט צוריק־וועגס[5], אין די טעג פון חזקיהון, איז ער געשלאָפן ביז דער ניינטער שעה,**

# פרשה ג

## א

## [פתיחתא]

**רב פתח** (חבקוק ב׳): הוי משקה רעהו! מספח חמתך ואף שכר, למען הביט על מעוריהם! הוי משקה, **זה נבוכדנצר**; רעהו, **זה צדקיהו. אמר לו הקב״ה: „אי רשע! אינו מלך כמותך? אינו** רועה כמותך? מספח חמתך, — **מה אתה מספח בו דברים בחמתך?״ אמר לו: „אלו מרדתי בי ולא מרדת באלהיך, היה לאלהיך להתקיים עליך; אלו מרדת באלהיך ולא מרדת בי, היה לי להתקיים בך. אלא שמרדת באלהיך ומרדת בי״. ההי״ד** (דה״ב ל״ו): וגם במלך נבוכדנצר מרד, אשר השביעו באלהים. **במה השביעו? א״ר יוסי בר׳ חנינא: בקרנות המזבח הפנימי השביעו. מה היה עושה לו אותו רשע? היה מאכילו פת חמה של שעורים ומשקה אותו יין מן הגת, חדש. וכל כך למה? כדי שיתחללו מעיו. ההי״ד** (חבקוק ב׳): למען הביט על מעוריהם.

**אמר ר׳ חנינא בר יצחק: „יקר עצמך ויקר אבותיך לא נכנסתם למלכות, אלא על ידי שכיבד זקנך לזקנו״. ההי״ד** (ישעיה ל״ט): בעת ההיא שלח מרודך בלאדן בן בלאדן מלך בבל ספרים ומנחה אל חזקיהו, וישמע כי חלה ויחזק. **אמרו: מרודך בלאדן עובד לחמה היה, והיה רגיל לאכול בשש שעות ולישן עד תשע שעות. ואותו היום שחזר גלגל חמה לאחוריו, בימי חזקיהו, ישן עד תשע שעות ועמד (בד׳ שעות) [ומצאו שחרית]. וכיון שנעור משנתו, בקש להרוג את כל עבדיו. אמר להם:**

---

און ער איז אויפגעשטאַנען און האָט געפונען, אַז ס׳איז פרימאָרגן[6]. און ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אַזוי האָט ער געוואָלט אויסהרגענען

---

א. [1] נבוכדנצר צו צדקיהון. [2] זע איכה רבה ב, יד, וואו עס ווערט דערציילט, קעגן וואָס ער האָט אים באַשוואָרן, און אַזוי ווי ער האָט די שבועה געבראָכן, הייסט עס, אַז ער האָט ווידערשפּעניקט סיי אָן גאָט, סיי אָן מלך. [3] מיטאָגצייט. [4] ביז 3 אַזייגער נאָך מיטאָג. [5] מלכים ב, ט״יא; ישעיה לח, ח. [6] דער אָנגענומענער טעקסט איז, אַז ער איז אויפגעשטאַנען אויף דער פערטער שעה. אָבער לויט דעם קומט אויס,

אַלע זיינע קנעכט. ער האָט געזאָגט צו זיי: „איר האָט מיך געלאָזט שלאָפן דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט!" האָבן זיי אים געזאָגט: „ניין, נייערט דער זון־באַלעם האָט זיך אומגעקערט צוריקוועגס". האָט ער געזאָגט צו זיי: „איז דען פאַראַן אַ גאָט גרעסער פון מיין גאָט, וואָס זאָל אים קענען אומקערן?" האָבן זיי אים געזאָגט: „דער גאָט פון חזקיהון איז גרעסער פון דיין גאָט". גלייך האָט ער גענומען און געשריבן: „פרידן צו חזקיהון און פרידן צום גאָט פון חזקיהון, און פרידן צו ירושלים". אָבער ווי נאָר עס זיינען אַרויס די בריוו מיט די שליחים, אַזוי האָט ער זיך באַרעכנט און געזאָגט: „דעם־דאָזיקן כבוד וואָס איך האָב צוגעטיילט חזקיהון, האָב איך אים דאָך ניט אַנדערש צוגעטיילט, נייערט צוליב זיין גאָט, און איך גיב אָפּ שלום חזקיהון, וואָס איז אַ בשר ודם, איידער איך גיב אָפּ שלום זיין גאָט?" גלייך האָט ער זיך אויפגעהייבן פון זיין שטול און געמאַכט דריי טריט, און געשיקט שליחים און צוריקגעקערט די בריוו און געשריבן אַנדערע בריוו: „פרידן צום גרויסן גאָט פון חזקיהון און פרידן צו חזקיהון, און פרידן צו ירושלים". האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „דו ביסט אויפגעשטאַנען פון דיין שטול און האָסט געמאַכט דריי טריט פון וועגן דעם כבוד פון מיין נאָמען, — ביי דיין לעבן! איך וועל אויפשטעלן פון דיר דריי מלכים וואָס וועלן זיין וועלט הערשער, פון איין עק וועלט צום צווייטן". און זיי זיינען נבוכדנצר און אויל מרודך און בלשצר. דעריבער האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים[7]: „ניט פון דיין כבוד וועגן און ניט פון וועגן דעם כבוד פון דיין זיידן און דיין טאַטן זענט איר אַריין אין מלכות, נייערט איבער דעם וואָס ער האָט אָפּגעגעבן כבוד זיין זיידן, און דו ביסט אים מבזה! (חבקוק ב, טז): שבעת — האָסט זיך אָנגעזעטיקט מיט שאַנד אָנשטאָט כבוד: צדקיהו מיין זון ווערט מבוזה, ווי דער שטייגער איז פון אַ מענטשן אַמאָל מבוזה צו ווערן, אָבער דו — וקיקלון — און קויט איבער דיין כבוד, מייקעכץ פון אויבן און שאַנד פון אונטן!

ר' ירמיה אין נאָמען פון ר' שמואל דעם זון פון רב יצחק האָט געזאָגט: וויבאַלד די צוויי עלטסטע פון זיינע לעגיאָנען האָבן דערזען, אַז ער גיט מייקעכץ פון אויבן און שאַנד פון אונטן, אַזוי האָבן זיי גענומען און אים אויפגעשטעלט פון זיין טראָנשטול און אַרונטערגענומען די קרוין פון זיין קאָפּ און אַראָפּגעצויגן זיין פורפּל מאַנטל פון אים, דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דניאל ה, כ): ויקרה — און דעם כבוד האָט מען אָפּגעטאָן פון אים, און האָבן אים געלאָזט שטיין אין זיין נאַקעטקייט, אין בזיונותדיקער נאַקעטקייט. און ווער זיינען געווען די צוויי עלטסטע פון זיינע לעגיאָנען? כורש און דריוש.

ר' מנחם, דער איידעם פון ר' אליעזר בר אבינא, [האָט געזאָגט] אין נאָמען פון ר' יעקב בר אבינא: די גאַנצע משפּחה פון דעמדאָזיקן רשע ווערט ניט אַנדערש געמשפּט, נייערט נאַקעטערהייד (חבקוק, טז): שתה — טרינק אויך דו און ווער אָפּגעדעקט: [טרינק], דאָס מיינט מען נבוכדנצרן;

„הנחתם אותי ישן כל היום וכל הלילה?" אמרו לו: „לא, אלא שגלגל חמה חזר לאחוריו". אמר להם: „וכי יש אלוה גדול מאלהי, שיכול להחזירו?" א"ל: „אלוהו של חזקיהו גדול מאלהיך". מיד עמד וכתב: „שלום לחזקיהו ושלום לאלהי חזקיהו, ושלום לירושלם". וכיון שיצאו הכתבים והבולדרין, נתישבה דעתו עליו ואמר: „הכבוד הזה שחלקתי לחזקיהו, לא חלקתי לו אלא בשביל אלהיו, ואני מקדים שלום של חזקיהו שהוא בשר ודם לשלום אלהיו?" מיד עמד מכסאו ופסע ג' פסיעות, ושלח בולדארין, והחזיר את הכתבים, וכתב ספרים אחרים: „שלם לאלהא רבא של חזקיהו ושלם לחזקיהו, ושלם לירושלם". אמר לו הקב"ה: „אתה עמדת מכסאך ופסעת שלש פסיעות בשביל כבוד שמי, — חייך, שאני מעמיד ממך שלשה מלכים, שיהיו קוזמקרטורין מסוף העולם ועד סופו". ואלו הם: נבוכדנצר ואויל מרודך ובלשצר. לפיכך אמר הקב"ה: „כבודך וכבוד זקנך ואביך לא נכנסו למלכות, אלא בשביל שכיבד לזקנו של זה, ואתה מבזה אותו! (חבקוק ב') שבעת קלון מכבוד: צדקיה בני מתבזה כדרך כל אדם המתבזה, אבל את — וקיקלון על כבודך, מקיא מלמעלן וקלון מלמטה!"

ר' ירמיהו בשם ר' שמואל בר רב יצחק אמר: כיון שראו שני גדולי לגיונותיו, שמקיא מלמעלן וקלון מלמטה, עמדו והעמידוהו מכסאו והסירו את כתרו מעל ראשו והסירו פורפירא שלו מעליו; הה"ד (דניאל ה'): ויקרה העדיו מנה, והעמידוהו בעריתו, ערית ביזוי. ומי היו ב' גדולי לגיונותיו? כורש ודריוש.

ר' מנחם חתניה דר' אליעזר בר אבינא בשם ר' יעקב בר אבינא: כל ביתו של אותו רשע לא נידונים אלא ערומים (חבקוק ב'): שתה גם אתה והערל: [שתה,] זה נבוכדנצר; גם אתה זה בלשצר: והערל, זה ושתי.

---

אויך דו, דאָס מיינט מען בלשצרן; און ווער אָפּגעדעקט, דאָס מיינט מען ושתין [8].

---

אַז די צען שטאַפּלען וואָס די זון איז צוריקגעגאַנגען בעטרעפן צען האַלבע שעהן, פינף שעה, און דאָס שטימט ניט מיט דער גמרא אין סנהדרין (צו א), אַז די זון האָט דאַן צוריקגעגעבן די צען שעה וואָס דער טאָג האָט פאַרלאָרן ווען אחז איז געשטאָרבן. מיר האָבן דעריבער געענדערט דעם טעקסט לויטן נוסח פון תנחומא (תשא, א), שיר השירים רבה (ג, ד) און ילקוט שמעוני (מלכים, רמד): ועמד ומצאו שחרית — עד איז אויפגעשטאַנען און געפונען אַז ס'איז פרימאָרגן, און דאָס פּאַסט זיך זייער גוט אויף פינף אַזייגער פאַרטאָג לויט אונדזער צייט. [7] צו נבוכדנצרן. [8] בלשצרס טאָכטער,

## ב
## [פתיחתא]

(א, ט) גם — אויך די מלכה ושתי האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר די ווייבער.

**ר' יהודה דער זון פון ר' סימון האָט אָנגעהייבן** (ישעיה ג, יב): עמי, — נוגשיו מעולל — מיין פאָלק, זיינע באַצווינגער זיינען קינדער, און ווייבער הערשן איבער אים. **[איז דער טייטש:]** מיין פאָלק, זיינע באַצווינגער זיינען מעולל, **זיי רעכענען זיך אָפּ מיט זיי, ווי דער פסוק זאָגט** (איכה א, כב): ועולל למו — און רעכן זיך אָפּ מיט זיי. **אַן אַנדער פשט:** מעולל — **זיי רייסן אָפּ זייערע נאָכגעבליבענע ווייַנטרויבן**[1], **ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא יט, י): וכרמך לא תעולל — און דיין וויינגאָרטן זאָלסטו ניט נאָכקלייבן[2]. **[אַן אַנדער פשט]: זיי קומען אויף זיי מיט בלבולים**[3], **ווי דער פסוק זאָגט** (דברים כב, יד): ושם לה — און ער וועט מאַכן אויף איר אַ בלבול[4]. **און ר' יהודה דער זון פון ר' סימון האָט געזאָגט:** שאַנדיונגען **[פלעגן זיי מאַכן] צווישן זיי**[5], **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כג, יח): לא תהיה — עס זאָל ניט זיין קיין שאַנדפרוי פון די טעכטער פון ישראל, [און עס זאָל ניט זיין קיין שאַנדיונג פון די זין פון ישראל][6], **און ווי דער פסוק זאָגט** (שופטים יט, כה): ויתעללו בה — און זיי האָבן זי געפייניקט[7] אַ גאַנצע נאַכט. — ונשים — און ווייבער הערשן איבער אים, — **ר' חוניא האָט געזאָגט: זיי וואַרפן זיך אויף זיי ווי אַ בעל חוב**[8]. **אַן אַנדער פשט:** און ווייבער הערשן איבער אים, — **פיר פרויען האָבן איבערגענומען די הערשאַפט אויף דער וועלט, און זיי זיינען: איזבל און עתליה ביי יידן און שעמיראַמיט**[9] **און ושתי ביי די אומות העולם.**

## ג
## [פתיחתא]

**אַן אַנדער פשט [אויפן פסוק]** גם ושתי — אויך די מלכה ושתי. **שמואל האָט אָנגעהייבן [מיטן פסוק]** (ירמיה נא, לט): בחומם אשית משתיהם — ווען זיי זיינען דערוואַרימט, וועל איך לאָזן מאַכן זייער געטראַנק. — **[טייטש עס אַזוי:] הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „ווען זיי האַלטן ביים איינוואָרימען זיך אין מלכות,** אשית את משתיהם, **וועל איך אונטערגראָבן**[1] **זייערע פונדאַמענטן**[2]; והשכרתים — און איך וועל זיי פאַרשיכורן **מיט זייערע צרות,** למען — איבער דעם[3] וואָס זיי פרייען זיך **מיטן חורבן פונעם בית המקדש". הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „דער בית המקדש איז חרוב, און דערדאָזיקער רשע מאַכט הוליאַנקעס! און אויך ושתי די מרשעת מאַכט הוליאַנקעס!" ווי אין פסוק שטייט:** גם — אויך די מלכה ושתי האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר די ווייבער.

## ד
## [פתיחתא]

**ר' יצחק האָט אָנגעהייבן**[1] (ישעיה מג, כב): ולא אותי — און מיך האָסטו ניט גערופן, יעקב, דען דו ביסט מיד געוואָרן פון מיר, ישראל. **ר' יונתן האָט אַרויסגעלערנט דעם פשט דערפון פון דעם וואָס אין פסוק שטייט**

## ב

### [פתיחתא]

(א, ט) גם ושתי המלכה עשתה משתה נשים.

**ר׳ יהודה בר׳ סימון פתח** (ישעיה ג׳): עמי נוגשיו מעולל ונשים משלו בו: עמי נוגשיו מעולל, — **מדקדקין בהון, היך מה דאת אמר**: ועולל למו. **ד״א**: מעולל, — **מקטפין עוללותיהן, היך מה דאת אמר** (ויקרא י״ט): וכרמך לא תעולל. [**ד״א**:] **באין עליהן בעלילות, היך מה דאת אמר** (דברים כ״ב): ושם לה עלילות דברים. ורבי יהודה ברבי סימון אמר: **קדשים בהון, היך מה דאת אמר** (שם כ״ג): לא תהיה קדשה; **היך מה דאת אמר** (שופטים י״ט): ויתעללו בה כל הלילה. — ונשים משלו בו, — **אמר רבי חוני׳א: קופצין עליהן כבעל חוב. ד״א**: ונשים משלו בו, — **ארבע נשים נטלו ממשלה בעולם, ואלו הן: איזבל ועתליה מישראל, ושמירמית ווֹשתי מאומות העולם.**

## ג

### [פתיחתא]

**ד״א**:גם ושתי המלכה. **שמואל פתח** (ירמיה נ״א): בחומם אשית את משתיהם, — **אמר הקב״ה: „כשהן באין להתחמם במלכות**, אשית את משתיהם, **אנא מגדיר ית משתותיהן**; והשכרתים **בצרותיהם**, למען יעלוזו, — **על ידי שהיו שמחים בחורבן הבית״. אמר הקב״ה: „בית המקדש חרב, ורשע זה עושה מרזיחין! גם ושתי הרשעה עושה מרזיחין!״ דכתיב**: גם ושתי המלכה עשתה משתה נשים.

## ד

### [פתיחתא]

**ר׳ יצחק פתח** (ישעיה מ״ג): ולא אותי קראת, יעקב, כי יגעת בי, ישראל. **ר׳ יונתן שמע לה מן הדא דכתיב** (שם י״ז): משא

---

**וואָס אחשורוש האָט באַפוילן, זי זאָל קומען פאַר אים אַ נאַקעטע** (ווייטער ג, יג).

ב. [1] **ברענגען אום זייערע יונגע קינדער** (עוללותיהן — מעולל). [2] **דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט כדי פעסטצושטעלן דעם טייטש פון** מעולל. [3] עלילות. [4] עלילות דברים, — **זע באַמערקונג 2.** [5] **די שונאים פלעגן צווינגען יידישע יונגעלייט צו משכב זכור** (זע **אונדזער אויסגאַבע פון** איכה רבה, ה, יג, **באַמערקונג 4).** [6] **ווי אין באַמערקונג 2.** [7] ויתעללו — מעולל. [8] **געטייטשט** נשים **פון** נושה, **אַ מאַנער.** [9] **אָדער סעמיראַמיס** (שאַמו־ראַמאַי, **הערשערין פון אשור אין די יאָרן 810—806 פאַר דער אַלגעמיינער צייט רעכענונג).**

ג. [1] **פונעם שם עצם, זאַכוואָרט,** שית, **אַ גראָבן אונטערן מזבח** (מידות ג, ג), **איז דאָ געוואָרן אַ פּועל,** אָשית — **איך וועל אונטערגראָבן.** [2] משתותיהן — משתיהם. [3] **אַזוי לויטן דרש.**

(דאָרט יז, א): משא — אַ נבואה אויף דמשק. זע, דמשק ווערט אויס שטאָט, און זי וועט ווערן אַ הויפן פון חורבות. עס ווערן פאַרלאָזן די שטעט פון ערוער, — וואָס איז דאָס? ער האַלט ביי דמשק און דערמאָנט ערוער, — אָבער ערוער געפינט זיך דאָך אין תחום פון מואב! נייערט דריי הונדערט און פינף און זעכציק הייזער פון עבודה זרה זיינען געווען אין דמשק[2], און זיי פלעגן דינען יעדן איינעם פון זיי אין זיין טאָג; און איין טאָג האָבן זיי געהאַט, וואָס זיי פלעגן אַרומגיין יענעם טאָג איבער זיי אַלע און דינען צו זיי. אָבער ישראל האָט פון זיי אַלע געמאַכט איין געזעמל און געדינט צו זיי. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (שופטים י, ו): ויוסיפו — און די קינדער פון ישראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און זיי האָבן געדינט די בעלים און די עשתרות, און די געטער פון ארם, און די געטער פון צידון, און די געטער פון מואב, און די געטער פון די קינדער פון עמון, און די געטער פון די פלשתים, און זיי האָבן פאַרלאָזן גאָט און האָבן אים ניט געדינט, — אפילו ניט צוזאַמען [מיט די פרעמדע געטער].

ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: „זאָל ניט אַ כוהנס ווייב זיין כאָטש ווי אַ [גויאישע] קרעטשמערקע[3]?" ר' יוסי דער זון פון ר' חנינא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „מיינע קינדער האָבן מיך אפילו ניט באַהאַנדלט ווי דידאָזיקע נאָכשפייז, וואָס קומט צולעצט". ר' לוי[4] האָט געזאָגט: [ס'איז אַ משל] מיט אַ מלכס אַ דינער, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע חיילות און האָט פאַרבעטן אַלע לעגיאָנען פונעם מלך, אָבער זיין האַר האָט ער ניט פאַרבעטן. האָט דער מלך געזאָגט צו אים: „הלוואי וואָלסטו מיך כאָטש געהאַלטן גלייך מיט אַלע מיינע חיילות!" אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „הלוואי וואָלטן מיך מיינע קינדער באַהאַנדלט ווי דידאָזיקע נאָכשפייז, וואָס קומט צולעצט. אָבער און מיך האָסטו ניט גערופן, יעקב, דען דו ביסט מיד פון מיר, ישראל". ביים בעל וואָס שטייט געשריבן? (מלכים א, יח, כו): ויקראו — און זיי האָבן גערופן דעם נאָמען פון בעל, פון פרימאָרגן ביזן מיטן טאָג, אַזוי צו זאָגן: בעל, ענטפער אונדז! אָבער קיין קול און קיין ענטפער. זיצט [אַ מענטש] און שמועסט אָפּ אַ גאַנצן טאָג, און איז ניט מיד; שטעלט ער זיך דאַווענען, איז ער מיד. זיצט און שמועסט אָפּ אַ גאַנצן טאָג, און איז ניט מיד; זעצט ער זיך אַוועק לערנען, איז ער מיד. דאָס איז [וואָס דער פסוק זאָגט]: און מיך האָסטו ניט גערופן, יעקב, — הלוואי וואָלט איך דיך ניט דערקענט, יעקב, דען דו ביסט מיד געוואָרן פון מיר ישראל. לא הבאת לי — האָסט מיר ניט געבראַכט דעם לאָם פון דיינע עולות, דאָס זיינען די צוויי קרבן תמידס, וואָס דער פסוק זאָגט (במדבר כח, ד): את הכבש — איין שעפס זאָלסטו מאַכן אינדערפרי [און דעם צווייטן שעפס זאָלסטו מאַכן פאַרנאַכט]; וזבחיך — און מיט דיינע שלאַכטאָפּפער האָסטו מיך ניט באַערט, — דאָס זיינען די אימורים פון די הייליקסטע פון די הייליקע[5]; לא העבדתיך — איך האָב דיך ניט באַלעסטיקט מיט קיין

דמשק. הנה דמשק מוסר מעיר, והיתה מעי מפלה. עזובות ערי ערוער, — מה זה? עומד בדמשק ומזכיר ערוער, — **והרי אין ערוער נתונה אלא בתחום מואב! אלא שלש מאות וששים וחמשה בתי עבודת כוכבים היו בדמשק, והיו עובדין כל אחד ואחד מהם את יומו; והיה להם יום אחד, שהם מחזירין על כולן באותו היום ועובדין אותן. וכולן עשו ישראל אומוניאה ועבדו אותן. הה״ד** (שופטים י׳): ויוסיפו בני ישראל לעשות הרע בעיני ה׳, ויעבדו את הבעלים ואת העשתרות, ואת אלהי ארם, ואת אלהי צידון, ואת אלהי מואב, ואת אלהי בני עמון, ואת אלהי פלשתים, ויעזבו את ה׳ ולא עבדוהו, **ואפילו בשותפות.**

**אמר ר׳ אבא בר כהנא: „לא תהא כוהנת כפונדקית?״ אמר ר׳ יוסי ברי׳ חנינא: אמר הקב״ה: „לא עשאוני בני ככרזימין הזה, שבא באחרונה״. אמר ר׳ לוי: לעבדו של מלך, שעשה סעודה לחיילותיו, וזימן כל לגיונותיו של מלך, ולרבו לא קרא. אמר לו המלך: „הלואי השוית אותי ככל חיילותי״. כך אמר הקב״ה: „הלואי עשאוני בני ככרזימין הזה, שבא באחרונה. אלא** — ולא אותי קראת יעקב, כי יגעת בי ישראל״. **אצל הבעל מה כתיב?** (מלכים א׳ י״ח): ויקראו בשם הבעל מהבקר ועד הצהרים, לאמר: הבעל עננו! ואין קול ואין עונה. **יתיב ומשתעי כל יומא, ולא לעי; וקאים לצלאה, והוא לעי. יתיב ומשתעי כל יומא, ולא לעי; יתיב למיתנא, ולעי. הוי** ולא אותי קראת, יעקב, —**הלואי לא הכרתיך, יעקב, מפני** כי יגעת בי, ישראל. לא הבאת לי שה עולותיך, **אלו שני תמידין, שנאמר** (במדבר כ״ח): את הכבש אחד תעשה בבקר — — —; וזבחיך לא כבדתני, **אלו אימורי קדשים**; לא העבדתיך במנחה, **זה קומץ מנחה**; ולא הוגעתיך בלבונה, **זה קומץ לבונה**; לא קנית לי

---

שפייזאָפּפער, **דאָס איז דער הויפן פון דעם קרבן מנחה**; ולא הוגעתיך — און איך האָב דיך ניט פאַרמאַטערט מיט ווייראויך, — **דאָס איז דער הויפן** ווייראויך [**פונעם קרבן מנחה**]; לא קנית — האָסט מיר ניט געקויפט פאַר

---

ד. [1] **דידאָזיקע פתיחתא געפינט זיך אינגאַנצן, מיט קליינע ענדערונגען, אין** איכה רבה פתיחתא י. [2] **און אונטער** די שטעט פון ערוער **דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן די הייזער פון די געצן וואָס** קומען **פון דאָרטן.** [3] **פאָלקס ווערטל. זע** משנה יבמות טז, ז, **און די גמרא אויף דעם.** [4] **אין** איכה רבה **ווערט דער משל געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יודן.** [5] **קרבנות זיינען געווען פון צוויי מדרגות:** קדשי קדשים **(די הייליקסטע פון די הייליקע), ווי אַן** עולה **(בראַנדאָפּפער) אָדער אַ** חטאת **(זינדאָפּפער), און** קדשים קלים **(לייכטערע הייליקייטן), ווי** שלמים **(פרידאָפּפער) אָדער** בכורות. אימורים **זיינען יענע טיילן פונעם**

געלט קיין געווירצדאַר, — **ר׳ הונא האָט אין נאָמען פון ר׳ יוסין געזאָגט: צימערינג פלעגט וואַקסן אין ארץ ישראל, און ציגן און הירשן פלעגן עסן פון אים**[6]; וחלב — און מיטן פעטס פון דיינע שלאַכטאָפּפּער האָסטו מיך ניט געזעטיקט, **דאָס זיינען די אימורים פון די קדשים** קלים. אך — נייערט דו האָסט מיך באַלעסטיקט מיט דיינע חטאים, מיך פאַרמאַטערט מיט דיינע זינד, — זע, **וואָס דיינע שולדן האָבן מיר גורם געווען, יעקב: ניט גענוג פאַר דיר, וואָס איך האָב געדאַרפט ציילן [די טעג] פון דער סעודה פון די מאַנסלייט, נייערט אויך די סעודה פון די ווייבער**[7]. **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט:** גם ושתי — אויך די מלכה ושתי האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר די ווייבער.

ה

## [פתיחתא]

**אין פסוק שטייט** (תהלים י, יד): ראיתה — דו האָסט געזען, אַז צו לייד און ערגערניש קוקסטו זיך צו, כדי צו געבן מיט דיין האַנט; אויף דיר פאַרלאָזט זיך דער הילפלאָזער, דעם יתום ביסטו געווען אַ העלפער. **די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם!** דו האָסט געזען, **אַז עשו הרשע**[1] **איז אָנגעברייט צו קומען און חרב מאַכן דעם בית המקדש, און ער וועט פאַרטרייבן ישראל פון זייער לאַנד און זיי שמידן אין קייטן;** דו קוקסט זיך צו, כדי צו געבן מיט דיין האַנט — **און דו האָסט געלאָזט רוען דיין שכינה אויף יצחקן, און ער האָט אים**[2] **געזאָגט** (בראשית כז, לט): הנה — זע, פון די פעטקייטן פון דער ערד זאָל זיין דיין וואוינונג — — — און אויף דיין שווערד וועסטו לעבן; — אויף דיר פאַרלאָזט זיך דער הילפלאָזער [יתום][2א] — **מאָרגן וועט ער קומען און אַוועקנעמען יתומים און אלמנות און זיי איינשפּאַרן אין תפיסה, און זאָגן צו זיי: זאָל קומען דער וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (תהלים סח, ו): אבי — דער פאָטער פון יתומים און דער ריכטער פון אלמנות **און זאָל ער אייך ראַטעווען פון מיין האַנט! [און ניט נאָר דאָס]**[3], **נייערט** דעם יתום ביסטו געווען אַ העלפער, — **צוויי יתומים וואָס זיינען אים נאָכגעבליבן, דאָס זיינען רעמוס און ראָמולוס, האָסטו געגעבן דער וועלפיכע רשות זיי אָנצוזויגן, און שפּעטער האָבן זיי גענומען און אויפגעבויט צוויי ביידלעך אין רוים!**[4]״

**אַן אַנדער פּשט:** ראיתה — דו האָסט געזען; דען צו לייד און ערגערניש קוקסטו זיך צו, — **די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! דו האָסט געזען, אַז נבוכדנצר הרשע קומט און מאַכט חרוב דעם בית המקדש און פאַרטרייבט די יידן אין גלות און שמידט זיי אין קייטן;** לתת — צו געבן מיט דיין האַנט, — **און דו האָסט געלאָזט רוען דיין שכינה אויף ירמיהן, און ער זאָגט אונדז** (ירמיה כז, ז): ועבדו — און אַלע פעלקער וועלן דינען אים און זיין זון און זיין זינס זון; עליך — אויף דיר פאַרלאָזט זיך דער הילפלאָזער, — **מאָרגן וועט ער קומען און נעמען חנניה, מישאל און עזריה און זיי אַריינוואַרפן אינעם קאַלכאויוון און זאָגן**

בכסף קנה, — **ר׳ הונא בשם ר׳ יוסי אמר: קינמון היה גדל בארץ ישראל, והיו עזים וצבאים אוכלין ממנו**; וחלב זבחיך לא הרויתני, **אלו אימורי קדשים קלים**. אך העבדתני בחטאתיך, הוגעתני בעונותיך, — **ראה, מה גרמו לי חובותיך, יעקב: לא די לך שהייתי מונה לסעודת אנשים**, [אלא] **אף לסעודת נשים. ההי״ד**: גם ושתי המלכה עשתה משתה נשים.

ה

[פתיחתא]

**כתיב**(תהלים י׳): ראיתה, כי אתה עמל וכעס תביט, לתת בידך; עליך יעזב חלכה, יתום אתה היית עוזר. **אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה**: „רבש״ע! ראית, **שעשו הרשע בא ועתיד להחריב את בית המקדש, ומגלה את ישראל מארצו, ומשלשלן בקולרין**; תביט לתת בידך, — **ואתה היית משרה שכינתך על יצחק, ואומר לו** (בראשית כ״ז): הנה משמני הארץ יהיה מושבך — — — ועל חרבך תחיה; — עליך יעזב חלכה [יתום], — **למחר הוא בא ונוטל יתומים ואלמנות וחובשן בבית האסורין ואומר להם: אותו שכתוב בו** אבי יתומים ודין אלמנות **יבא ויציל אתכם מידי**. [ולא עוד,] **אלא** יתום אתה היית עוזר, — **שני יתומים שנשתיירו לו, זה רומוס ורומילוס, נתת רשות לה לזאבה להיניקן, ובסוף עמדו ובנו שני צריפין גדולים ברומי!**״

**ד״א**: ראיתה, כי אתה עמל וכעס, וגו׳, — **אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה**: „**רבש״ע! ראית נבוכדנצר הרשע שבא ומחריב בית המקדש ומגלה את ישראל, ומשלשלן בקולרין**; לתת בידך, — **והיית משרה שכינתך על ירמיה, ואומר לנו** (ירמיה כ״ז): ועבדו אותו כל הגוים ואת בנו ואת בן בנו, **וגו׳**; עליך יעזב חלכה, — **למחר הוא בא ונוטל את חנניה מישאל ועזריה ונותנם לתוך כבשן האש, ואומר להם** (דניאל ג׳): ומן

---

קרבן וואָס ווערן פאַרברענט אויפן מזבח. [6] אַזוי פיל איז געווען פון דעם, און דאָך האָבן יידן עס ניט געבראַכט צום מזבח. [7] דער רוח הקודש באַקלאָגט זיך, וואָס צוליבן חורבן וואָס איז געקומען איבער די זינד פון די יידן, מוז ער פאַרשרייבן אַזעלכע זאַכן אין די הייליקע ספרים (רדל). — אין דער ראָם אויסגאַבע איז דער נוסח: שהיית מונה, וואָס דו פלעגסט ציילן, אָבער מיר האָבן דאָ אָנגענומען דעם נוסח פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע (איבערדרוק פון „כתב״, ניו יאָרק) און פון דער מוהרי״ם יעבץ אויסגאַבע (איבערדרוק פון אורה, ניו יאָרק), און אַזוי זיינען גורס דער רד״ל און דער יפה ענף.

ה. [1] רוים. [2] עשון, [2a] דאָס וואָרט יתום ווערט דאָ געלייענט צוויי מאָל, צוערשט

צו זיי: (דניאל ג, טו): ומן הוא — און ווער איז עס דער גאָט, וואָס וועט אייך מציל זיין פון מיין האַנט? נייערט — נאָך מער פון דעם: דעם יתום ביסטו געווען אַ העלפער, — אַ יתומה איז אים נאָכגעבליבן [5], און דו האָסט זי געמאַכט פאַר אַ קייסעריניע איבער אַ מלכות וואָס איז ניט אירס [6]!" און ווער איז עס? דאָס איז ושתי.

ו

## [פתיחתא]

אין פסוק שטייט (תהלים יז, יד): ממתים — פון מענטשן, פון דיין האַנט, גאָט, פון מענטשן פון דער וועלט — — —. ר' חנינא דער זון פון ר' אחזאן איז געקומען אין אַן אָרט, און ער האָט געפונען דעם דאָזיקן פסוק אין אָנהויב פון דער סדרה [1] (ויקרא ב, י): והנותרת — און דער נאָכבלייב פון דעם שפייז־קרבן איז פאַר אהרנען און זיינע קינדער. האָט ער אָנגעהייבן [זיין דרשה]: ממתים — פון מענטשן, פון דיין האַנט, גאָט, — ווי העלדיש [2] דאַרפן זיין די דאָזיקע מענטשן, אַז זיי האָבן באַקומען זייער חלק פון דיין האַנט, גאָט! און ווער איז עס? דאָס איז דער שבט לוי; ממתים — פון מענטשן פון דער וועלט, — די וואָס האָבן ניט באַקומען קיין חלק אין לאַנד [3]; חלקם בחיים — זייער חלק אין לעבן, דאָס זיינען די הייליקייטן פון בית המקדש [4]; וצפונך — און דיין אוצר וועט אָנפילן זייער בויך, דאָס זיינען די הייליקייטן פונעם לאַנד [5]; ישבעו — עס וועלן זאַט זיין די זין, [ווי אין פסוק שטייט] (ויקרא ו, כב): כל זכר — איטלעכער מאַנספאַרשוין פון די כוהנים מעג עס עסן; והניחו — און זיי וועלן איבערלאָזן זייער נאָכבלייב פאַר זייער קליינוואַרג, [ווי אין פסוק שטייט]: והנותרת — און דער נאָכבלייב פון דעם שפייז־קרבן איז פאַר אהרנען און זיינע קינדער [6].

ז

## [פתיחתא]

אַן אַנדער פשט: ממתים — פון מענטשן, פון דיין האַנט, גאָט, — ווי העלדיש דאַרפן זיי זיין, אַז זיי האָבן באַקומען זייערס פון דיין האַנט, גאָט! און ווער איז עס? דאָס איז דער דור פון די גזרות שמד [1]: ממתים ידך — געטייט [2] דורך דיין האַנט; מחלד — די וואָס זייער לייב איז פאַרשימלט געוואָרן [3] פון וועגן דער הייליקייט פון דיין נאָמען. ווער זיינען זיי? ר' שמעון בן יוחאי און ר' אלעזר זיין זון.

זיי זיינען געבליבן פאַרבאָרגן אין אַ הייל דרייצן יאָר איבער דער גזרה פון שמד [4], ביז זייערע לייבער זיינען פאַרשימלט געוואָרן, און זיי פלעגן עסן באָקסערן און טייטלען. און צום סוף פון די דרייצן יאָר איז ר' שמעון בן יוחאי אַרויס און זיך געזעצט ביי דער עפענונג פון דער הייל.

---

מיט דער ערשטער העלפט פונעם פסוק און נאָכדעם מיט דער צווייטער. [3] צוגעגעבן לויטן יפה ענף. [4] און פון דעם איז אויסגעוואַקסן די רוימישע מלוכה, וואָס האָט שפּעטער חרב געמאַכט דעם צווייטן בית המקדש. [5] לויטן מדרש איז ושתי געווען בלשצרס אַ טאָכטער, נבוכדנצרס אור־אייניקל. [6] איבער פרס, און זי איז גאָר געווען פון כשדים לאַנד.

הוא אלה די ישיזבנכון מן ידי? **אלא ולא עוד**: יתום אתה היית עוזר, — **יתומה אחת שנשתיירה לו, ועשית אותה אגוסטא במלכות שאינה שלה!״ ואיזו זו? זו ושתי.**

**ו**

[פתיחתא]

**כתיב** (תהלים י״ז): ממתים ידך, ה׳, ממתים מחלד, **וגו׳. ר׳ חנינא בריה דרבי אחא אזל לחד אתר, ואשכח הדין פסוקא ראש הסדר** (ויקרא ב׳): והנותרת מן המנחה לאהרן ולבניו, **וגו׳, ופתח**: ממתים ידך, ה׳, — **מה גבורים הם אלו, שנטלו חלקם מתחת ידך ה׳! ואיזה זה? זה שבט לוי**; ממתים מחלד, — **אלו שלא נטלו חלק בארץ**; **חלקם בחיים, — אלו קדשי המקדש**; וצפונך תמלא בטנם, — **אלו קדשי הגבול**; ישבעו בנים: כל זכר בכהנים יאכל אותה; והניחו יתרם לעולליהם: והנותרת מן המנחה לאהרן ולבניו, **וגו׳.**

**ז**

[פתיחתא]

**ד״א**: ממתים ידך, ה׳ — **מה גבורים הם, שנטלו את שלהם מתחת ידך, ה׳! ואיזה זה? זה דורו של שמד**: ממתים ידך — מומתים מידך; מחלד, **אלו שהעלה בשרן חלודאות על קדוש שמך; מי הן? ר׳ שמעון בן יוחאי ור׳ אלעזר בריה.**

**עבדון הן טמירין במערתא תלת עשר שנין בשמדא, עד דסליק בשרהון חלודה, והוון אכלין חרובין ותמרין. ולסוף תלת עשר שנין נפק ר׳ שמעון בן יוחאי ויתיב ליה על פילי דמערתא. חמא חד צייד פריס מצודתיה למצד צפרין. שמע ברת קלא אמרה; ״דימוס!״ (ואתפשת) [ואשתזבת]; זמן**

---

**האט ער געזען, ווי א יעגער האט פארשפרייט זיין נעץ צו כאפן פייגל. האט ער געהערט א בת־קול וואס האט געזאגט ״דימוס״[5], און דער פויגל האט זיך געראטעוועט[6]; און אנדער מאל האט ער געהערט א בת־קול וואס**

---

ו. [1]אין ארץ ישראל פלעגט מען דורכלייענען די תורה איין מאל אין דריי יאר. איז דעריבער די איינטיילונג פון די סדרות געווען אנדערש ווי ביי אונדז (מהרז״ו). [2] אין רעכטספארטיקייט. — מתים ווערט אמאל געטייטשט העלדישע מענטשן (זע רשי, ישעיה ג, כה). [3] פון מענטשן ווערט דא פארשטאנען ווי ווייט פון מענטשן, ניט האבנדיק קיין חלק אין לאנד גלייך מיט די אנדערע שבטים. [4] וואס פון זיי האט זיך דער שבט לוי מפרנס געווען. [5] תרומה און מעשר. [6] דידאזיקע דרשה און די ווייטערדיקע (ז) קומען דא, משמעות, צוליב דער דריטער (ח), וואס פירט צו צו ושתין.

ז. [1] די וואס זיינען געשטארבן אויף קידוש השם אין אדריאנוסעס טעג. [2] מומתים. [3] חלודה־מחלד. [4] דא אין זין פון פארטיליקונג. [5] באפרייט (גריכיש). [6] געביטן

האָט געזאָגט „ספיקלא״ [7], און דער פֿויגל איז געכאַפּט געוואָרן. האָט ער געזאָגט: „אַפֿילו אַ פֿויגל קומט ניט אום [8] אָן [אַ גזרה פֿון] הימל, אַ פּשיטא שוין אונדזערע נפשות [9]. לאָמיר אַראָפּגיין און זיך היילן אין די הייסע וואַסערן פֿון טבריה״. זיינען זיי אַראָפּ און האָבן זיך אויסגעהיילט אין די הייסע וואַסערן פֿון טבריה. האָבן זיי געזאָגט: „מיר דאַרפֿן טאָן עפּעס גוטס פֿאַר די איינוואוינער פֿון דעם אָרט און זיי מהנה זיין, לויטן שטייגער ווי יעקב אבינו האָט געטאָן, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית לג, יח): ויחן — און ער האָט געטאָן אַ געפֿעליקייט [10], ער האָט געמאַכט אַ מאַרק און זיי פֿאַרקויפֿט ביליק״. האָבן זיי געמאַכט אַ מאַרק און פֿאַרקויפֿט ביליק [11].

[חלקם — זייער חלק אין לעבן, —] דוד האָט געזאָגט פֿאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! קאָנסטו מיר זאָגן, צי איך וועל האָבן מיט זיי [12] אַ חלק אויף יענער וועלט?״ האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „דוד, ניט דיין אוצר וועט אָנפֿילן זייער בויך? עס שטייט ניט „זייער אוצר וועט אָנפֿילן דיין בויך״, נייערט און דיין אוצר וועט אָנפֿילן זייער בויך, [עס וועלן זאַט זיין די זין און זיי וועלן איבערלאָזן זייער נאָכבלייב פֿאַר זייער קליינוואַרג] [13], — דאָס גאַנצע פֿאָלק וועט פֿון דעם נאָכבלייב פֿון [דיין] רייכקייט עסן״. אַזוי האָט דוד געקראָגן די בשורה, אַז ער האָט אַ חלק אויף יענער וועלט. און נאָך האָט ער געזאָגט פֿאַר אים: „רבונו של עולם! יענע קומען מיטן כוח פֿון תורה און מצוות און מעשים טובים וואָס זיי האָבן אין האַנט, אָבער איך — בצדק — דורך צדקה וועל איך זען דיין פּנים אויף אייביק״ [14].

## ח

## [פּתיחתא]

אָן אַנדער פּשט: ממתים — פֿון מענטשן, פֿון דיין האַנט, גאָט, — וואָס פֿאַר אַ גבורים דאַרפֿן זיי זיין, אַז זיי האָבן באַקומען די הערשאַפֿט פֿון דיין האַנט, גאָט! און ווער איז עס? דאָס איז נבוכדנצר. ממתים — פֿון מענטשן פֿון דער וועלט, — די וואָס האָבן אָפּגענומען זייער חלק אויף דער ערד; חלקם — זייער חלק ביים לעבן, — די וואָס האָבן אָפּגענומען זייער חלק ביים לעבן; וצפונך — און דיין אוצר פֿילט אָן זייער בויך, דען זיי זיינען רייך געוואָרן פֿונעם באַהאַלטענעם אין שאַצקאַמער [1]; ישבעו — עס וועלן זאַט זיין די זין, דאָס זיינען אויל [מרודך] און בלשצר; והניחו — און זיי וועלן איבערלאָזן זייער נאָכבלייב פֿאַר זייער קליינוואַרג, — אַ קליין מיידעלע איז אים נאָכגעבליבן, האָסטו זי געמאַכט פֿאַר אַ קייסעריניע איבער אַ מלכות וואָס איז ניט אירס; און ווער איז עס? דאָס איז ושתי.

## ט

אָן אַנדער פּשט: (א, ט) גם ושתי — אויך די מלכה ושתי האָט געמאַכט אַ סעודה פֿאַר די ווייבער, צו וואָס האָט דער פּסוק געדאַרפֿט דערציילן וועגן ושתיס סעודה? ר׳ יהושע בן קרחה האָט געזאָגט: צו וואָס אַזוי פֿיל?

תנינות שמע ברת קלא אמרה: „ספיקלא!״ (ואשתזבת) [ואתפשת]. אמר: „אפילו ציפור מבלעדי שמיא לא (יברח) [יבדא], כל שכן נפשתנא. ניחות וניתסאי בהדין מוי דמוקד דטבריה״. נחתון ואיתסון במוי דמוקד דטבריה. אמרין: „צריכין אנו לעשות טובה וניהני להלון בני אתרא, כדרך שעשה יעקב אבינו, שנאמר (בראשית ל״ג): ויחן את פני העיר, שהיה עושה איטליס ומוכר להם בזול״. עשו איטליס ומכרו בזול.

[חלקם בחיים, —] אמר דוד לפני הקב״ה: „רבש״ע! תאמר, שיש לי חלק עמהם לעולם הבא?״ אמר לו הקדוש ברוך הוא: „דוד, לא צפונך תמלא בטנם? „צפונם תמלא בטנך״ אין כתיב כאן, אלא וצפונך תמלא בטנם, [ישבעו בנים והניחו יתרם לעולליהם] — כל עמא מיתרא עותרא אכלין.״ איתבשר דוד, שיש לו חלק לעולם הבא. ועוד אמר לפניו: „רבש״ע! אלו באין מכח תורה ומצוות ומעשים טובים שיש בידם, אבל אני — בצדק אחזה פניך לעולם״.

ח

[פתיחתא]

ד״א: ממתים ידך, ה׳, — מה גבורים הם, שנטלו מתחת ידך, ה׳! ואיזה זה? נבוכדנצר. ממתים מחלד, — אלה שנטלו חלקם בארץ; חלקם בחיים, — אלו שנטלו חלקם כשהם חיים; וצפונך תמלא בטנם, שהיו עשירים מן הטמון בלשכה; ישבעו בנים, זה אויל ובלשצר; והניחו יתרם לעולליהם, — עוללה אחת שנשתיירה לו, עשית אותה אגוסטא במלכות שאינה שלה; ואיזו זו? זו ושתי.

ט

דבר אחר: (א, ט) גם ושתי המלכה עשתה משתה נשים, — מה ראה הכתוב לפרסם סעודתה של ושתי? ר׳ יהושע בן

---

דעם טעקסט דאָ און ווייטער לויט בראשית רבה עט, ו, און ירושלמי, שביעית ט, א. [7] אַ שפּיז! (אויפהייבן די שפּיז ווי אַ סימן פון פאַרמשפּטקייט, פון שטראָף, — לאַטייניש). [8] טעקסט געענדערט לויטן ירושלמי דאָרט. [9] אַלץ איז מיטן אייבערשטנס השגחה, דאַרף מען ניט מורא האָבן ארויסצוגיין. [10] געטייטשט ויחן (געלאַגערט) לויטן וואָרט חן. [11] לויטן בראשית רבה עט, ו, איז די געפעליקייט באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אויסגערייניקט טבריה פון טומאה. [12] מיט די וואָס זיינען אומגעקומען אָדער האָבן געליטן אויף קידוש השם. [13] צוגעגעבן דעם סוף פונעם פסוק לויטן רד״ל. [14] דודס עניוות — ער גלויבט ניט, אַז אים קומט יענע וועלט, און אויב ער וועט עס האָבן, וועט עס זיין נאָר ווי צדקה פון גאָטס האַנט.

ח. [1] אין בית המקדש, וואָס נבוכדנצר האָט אויסגערויבט.

דיך צו לאָזן וויסן, אין וואָס פאַר אַ שלוה אסתר קומט אַריין. ר׳ מאיר האָט געזאָגט: אויב [גאָט גיט] אַזוינס צו זיינע דערצערענערס, אַ פּשיטא שוין צו די וואָס טוען זיין ווילן! אַן אַנדער פּשט: גם — אויך די מלכה ושתי, — דאָס וואָרט גם קומט ניט אַנדערש ניי׳ערט מרבה צו זיין[1]: אַזוי ווי דער[2] [האָט זיך באַוויזן] מיט זעקס אוצרות[3], אַזוי אויך די — מיט זעקס אוצרות; אַזוי ווי דער — מיט פאַרשיידענע הוצאותן, אַזוי אויך די — מיט פאַרשיידענע הוצאותן; אַזוי ווי דער — מיט אַן ארץ ישראלדיקער סעודה[4], אַזוי אויך די — מיט אַן ארץ ישראלדיקער סעודה; אַזוי ווי דער — אין בגדים פון דער כהונה גדולה, אַזוי אויך די — אין בגדים פון דער כהונה גדולה. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: אַט ווי דער ראָב, וואָס פּוצט זיך אין אייגענע[5] און אין פרעמדע.

אַן אַנדער פּשט: גם — אויך די מלכה ושתי — גם: און אויך איז געקומען [די צייט אויף] ושתיס גרונטשטיין[6] — ס׳איז געקומען די צייט אויף ושתין אונטערגעשניטן[7] צו ווערן; ס׳איז געקומען די צייט אויף ושתין געהאַרבסט צו ווערן[8]; ס׳איז געקומען די צייט אויף ושתין געטראָטן צו ווערן[9]. ר׳ הונא האָט געזאָגט: ס׳איז געקומען איר צייט צו שטאַרבן, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית ג, ו): ותקח — און זי האָט גענומען פון זיין פּרוכט און האָט געגעסן, און זי האָט אויך[10] געגעבן צו איר מאַן.

י

(א, ט) עשתה — זי האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר ווייבער, — פאַרשיידענע נאַשערייען[1] האָט זי זיי געגעבן עסן. ר׳ יצחק זאָגט: פאַרשיידענע זיסקייטן האָט זי זיי געגעבן עסן. אין דעם קעניגלעכן הויז, — אין רחבותדיקע שטובן האָט זי זיי געזעצט, דען דער שטייגער פון דער פרוי איז צו פאַרדאַרבן[2]. אַן אַנדער פּשט: אין דעם קעניגלעכן הויז, — זי האָט זיי געזעצט אין אויסגעמאָלטע שטובן, ווי ר׳ אבון האָט געזאָגט: אַ פרוי וויל ליבערשט זיצן אין אויסגעמאָלטע שטובן און [אָנטאָן] קאָלירדייכע קליידער, איידער עסן געשטאָפּטע קעלבער. אַן אַנדער פּשט: אין דעם קעניגלעכן הויז, — זי האָט זיי געזעצט אין איר אָפּגעזונדערט שטוב, אַזוי צו זאָגן: אויב איינערס אַ מאַן וועט וועלן מורד זיין, וועט זיין פרוי זיך געפינען אינעווייניק, און ער וועט ניט מורד זיין[3]. אשר — וואָס פון מלך אחשורוש, — ר׳ יודן און ר׳ לוי אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: אומעטום וואו עס שטייט אין דער מגילה מלך אחשורוש, רעדט דער פּסוק וועגן דעם מלך אחשורוש; און אומעטום וואו עס שטייט מלך סתם, מיינט עס אַמאָל הייליקייט[4] און אַ מאָל וואָכעדיקייט[5].

יא

(א, י) ביום השביעי — אויפן זיבעטן טאָג, — ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דאָס איז געווען דער טאָג פון שבת[1]. — כטוב — אַזוי ווי ס׳איז דעם מלך געווען גוט אויפן האַרצן פונעם וויין, — ר׳ יצחק האָט געזאָגט:

קרחה אמר: כל כך למה? להודיעך לאיזו שלוה אסתר נכנסת. אמר ר׳ מאיר: אם כך למכעיסיו, קל וחומר לעושי רצונו! ד״א: גם ושתי המלכה, — אין גם אלא ריבוי: מה זה בששה (ניסין) [גיסין], אף זו בששה (ניסין) [גיסין]; מה זה במיני יציאות, אף זו במיני יציאות; מה זה בסעודת ארץ ישראל, אף זו בסעודת ארץ ישראל; מה זה בבגדי כהונה גדולה, אף זו בבגדי כהונה גדולה. ר׳ ברכיה אמר: כהדא צרצרא, דמתגלגלא בדילה ולא דילה.

ד״א: גם ושתי המלכה, — גם: וגם הגיע משתותא של ושתי — הגיע זמנה של ושתי ליגמם; הגיע זמנה של ושתי ליבצר; הגיע זמנה של ושתי לידרך. ר׳ הונא אמר: הגיע עת זמנה לימְמת, היך מה דאת אמר (בראשית ג׳): ותקח מפריו ותאכל, ותתן גם לאישה, וגו׳.

י

(א, ט) עשתה משתה נשים, — מיני גמאין האכילה אותן. ר׳ יצחק אומר: מיני מתיקה האכילה אותן. בית המלכות, — נתנה אותן בבתים מרווחין, מפני שדרכה של אשה מצויה לקלקל. ד״א: בית המלכות, — נתנה אותן בבתים מצויירין, דאמר ר׳ אבון: רוצה אשה שתהא בבתים מצויירין ובגדים מצויירין, מלאכול עגלים מפוטמין. ד״א: בית המלכות, — נתנה אותן בבית איספלידא שלה לומר, שאם ימרוד בעלה של אחת מהן, תהא אשתו מבפנים נתונה, ולא ימרוד. אשר למלך אחשורוש, — ר׳ יודן ור׳ לוי בשם ר׳ יוחנן: כל מקום שנאמר במגילה זו למלך אחשורוש, במלך אחשורוש הכתוב מדבר; וכל מקום שנאמר למלך סתם, משמש קודש וחול.

יא

(א, י) ביום השביעי, — ר׳ יהושע בן לוי אמר: זה יום השבת. כטוב לב המלך ביין, — א״ר יצחק: עובדי כוכבים אין להם

---

ט. [1] עפּעס צוצוגעבן צום פריערדיקן. [2] אחשורוש. [3] זע אויבן ב, א, באַמ. 1. [4] זע דאָרטן. [5] פעדערן. — אויבן (דאָרט) איז דער נוסח אַ ביסל אַנדערש. [6] משתותא־ושתי. [7] ליגמם־גם. [8] ווערן אַפּגעריסן, ווי ווייַנטרויבן (געדרשנט ושתי לויט שתה טרינקען, וואָס האָט אַ שייכות מיט הארבסטן ווייַנטרויבן. — רד״ל). [9] ווי ווייַן אין קעלטער. [10] גם, און דער בעל המדרש דרשנט דאָ אַ גזרה שוה, אַ פאַרגלייַך: אַזוי ווי דאָרט געפינט זיך דאָס וואָרט גם אין שייכות מיטן טויט וואָס חוה האָט געבראַכט אויף זיך, אַזוי אויך דאָ קומט דער גם אין שייכות מיט ושתיס טויט.

י. [1] גמאין — גם: נאַשערייַען, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ ווייַבערישער סעודה (מתנות

געצנדינער ווייסן פון קיין גוטס ניט, ווי אין פסוק שטייט (קוהלת ח, יג): וטוב — און גוט וועט דעם רשע נישט זיין. האָט מען אים געפרעגט: אָט שטייט דאָך: „כטוב — אַזוי ווי ס׳איז דעם מלך געווען גוט אויפן האַרצן פונעם וויין? האָט ער אים[2] געזאָגט: עס שטייט דאָ ניט „בטוב — ווען עס איז דעם מלך געווען גוט אויפן האַרצן״, נייערט כטוב — אַזוי ווי ס׳איז דעם מלך געווען גוט אויפן האַרצן, — גוט און ניט גוט[3]. אָבער ווען ישראל האָט גוטס, איז עס פולקומע גוטס, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, ח, סו): וילכו — און זיי זיינען אַוועק צו זייערע געצעלטן פריילעכע און מיט אַן אויפגעלייגט האַרץ איבער דעם אַלעם גוטן — — —.

יב

(א, י) אמר — האָט ער געזאָגט צו מהומן, בזתא, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אין יענער שעה האָט הקדוש ברוך הוא גערופן דעם מלאך וואָס איז ממונה אויף מהומה[1] און האָט געזאָגט צו אים: „בזתא — רויב אויס זיין הויז[2], חרבונה — מאַך חרוב זיין הויז, בגתא און אבגתא — רויב און פליינדער[3]״. ר׳ שמעון דער זון פון ר׳ ינאי האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך וועל מאַכן שפּאַט פון זיי; איך וועל לאָזן ברענגען וויין טרעטערינס פון הינטער די פרעס באַלקנס[4]״. זתר — ר׳ יעקב בר אבינא האָט עס געטייטשט פאַר ר׳ יצחקן: „זע די אויסגע־לאַסנקייט[5] פון דעמדאָזיקן רשע, וכרכס — און שלאָג![6]״ ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: ס׳איז אַ גריכיש וואָרט, ווי מע זאָגט: כרכסון, — ס׳איז שוין אויסגערופן געוואָרן![7]

שבעת — די זיבן קאַמערדינער, וואָס באַדינען פאַרן מלך אחשורוש, דען מלכות באַשטימט קיינמאָל ניט ווייניקער פון זיבן קאַמערדינער פאַרן מלך.

---

כהונה). [2] זי איז נוטה צו צעלאָזנקייט, אָבער אויב זיי וועלן זיצן אַ סך אין איין שטוב, וועלן זיי עס ניט קאָנען טאָן. לויט מוהרי״ם יעבץ איז עס געזאָגט לגנאי: זי האָט זיי באַזעצט אין רחבותדיקע צימערן, כדי זיי זאָלן האָבן גוטע מעגלעכקייטן פאַר אויסגעלאַסנקייטן. [3] זי האָט געהאַלטן די ווייבער ווי משכנות. [4] דעם מלך מלכי המלכים. [5] אחשורושן.

יא. [1] זע מגילה יב, ב. [2] דעם פרעגער. [3] אַזוי ווי — ענלעך צו גוט, אָבער ניט אינגאַנצן גוט.

יב. [1] מהומה — מהומן, דער וואָס איז באַשטימט אויף צו ברענגען מהומה אויף רשעים. — טעקסט געענדערט לויטן רד״ל. אויב מע זאָל אָנהאַלטן די גירסא חמה, צאָרן, ווי ווייטער (ג, יד), איז עס אויך אַן אָנשפּיל אויף מהומן, פאַרבייטנדיק די הא אויף אַ חית, אָבער די ענלעכקייט איז אַ פּיל ווייטערע. [2] בוז ביתיה. די נעמען פון אחשורושעס סריסים ווערן דאָ געדרשנט ווי גזרות אויף אחשורושן. [3] אַן אָנשפּיל אויף יחזקאל כה, ז, וואו דער כתיב איז בג און דער קרי איז בז, רויב (כתיב — דער נוסח פונעם טעקסט אין תנ״ך; קרי — דאָרט וואו די מסורה הייסט לייענען אַנדערש ווי אין טעקסט). [4] אבגתא — אביא גתיות. געביטן הקורייס אויףהקוריים לויטן נוסח פון בראשית רבה עא, ב. ווינטרעטערינס זיינען געווען באַוואוסט מיט זייערע גרויסע מיילער און מיט זייער בריהשאַפט אָפּצוחוזקן פון מענטשן, — גאָט, הייסט עס, וועט מאַכן די רשעים צו שאַנד און שפּאָט ביי אַלעמען. [5] געטייטשט זתר ווי אַ ראשי תבות: ז(נו)ת ר(אה). — מתנות כהונה. [6] פאַרבייטנדיק די שין פון כרכושי (שבת עז, ב), שלאַגן, אויף אַ סמך. — דאָס וואָרט כתיב האָבן מיר אַרויסגעלאָזט, ווייל ס׳האָט דאָ קיין זין ניט (זע רד״ל). [7] די גזרה איז שוין אַרויס.

**טובה, דכתיב** (קהלת ח׳) : וטוב לא יהיה לרשע, **וגו׳. איתיבון : והכתיב** : כטוב לב המלך ביין ? **אמר לו : „בטוב לב המלך" אין כתיב כאן, אלא** כטוב לב המלך, — **טובה ואינה טובה. אבל טובתן של ישראל טובה שלמה, שנאמר** (מלכים א׳ ח׳) : **וילכו** לאהליהם שמחים וטובי לב על כל הטובה, **וגו׳.**

יב

(א, י) אמר למהומן, בזתא, — **אמר ר׳** יוחנן : **באותה שעה קרא הקב"ה למלאך שממונה על (החמה) [המהומה] ואמר לו :** „בזתא — **בוז ביתיה,** חרבונא — **אחריב ביתיה,** בגתא ואבגתא — **בוז ובזבוז". אמר ר׳ שמעון בר׳ ינאי : אמר הקב"ה : „משחק אני עליהן ; אביא גתיות מאחורי (הקורייס) [הקוריים]".** זתר — **תרגם ר׳ יעקב בר אבינא קדם ר׳** יצחק : „**זנות ראה של אותו רשע** ; וכרכס — **כרכסא (כתיב)". ר׳ שמואל בר נחמן אמר : לשון יוני הוא, היך מה דאת אמר :** כרכסון.

שבעת הסריסים המשרתים את פני המלך אחשורוש, **שאין המלכות מעמדת פחות משבעה סריסים לפני המלך.**

יג

(א, יא) להביא את ושתי המלכה לפני המלך בכתר מלכות. **א"ר איבו : כפרתן של ישראל ! כשישראל אוכלין ושותין ושמחין, הן מברכין ומשבחין ומקלסין להקב"ה ; וכשאומות העולם אוכלין ושותין, מתעסקין הן בדברי תיפלות, — זה אומר : מדיות נאות, וזה אומר : פרסיות נאות. אמר להם אותו טיפש : „כלי שאותו האיש משתמש בו, אינו לא מדית ולא פרסית, אלא כשדית. מבקשים אתם לראותו ?" אמרו לו : „הן, ובלבד שתהא ערומה".**

---

יג

(א, יא) להביא — צו ברענגען די מלכה ושתי פאַרן מלך אין דער קרוין פון מלכות. **ר׳ איבו האָט געזאָגט : [זיי מעגן זיין] די כפרה פאַר ישראל ! ווען יידן עסן און טרינקען און לאָזן זיך וואוילגיין, בענטשן זיי און לויבן און אַכפּערן הקדוש ברוך הוא ; אָבער אַז די אומות העולם עסן און טרינקען, פאַרנעמען זיי זיך מיט ווערטער פון פאַרשייטקייט, — דער זאָגט : די פרויען פון מדי זיינען די שענסטע, און יענער זאָגט : די פרויען פון פּרס זיינען די שענסטע. האָט צו זיי געזאָגט דערדאָזיקער נאַר[1] : „די כלי מיט וועלכער איך באַנוץ זיך איז ניט קיין מדישע און ניט קיין פּערסישע, נייערט אַ כשדישע. ווילט איר זי זען ?" האָבן זיי אים געזאָגט : „יאָ אָבער בתנאי, אַז זי זאָל זיין אַ נאַקעטע". האָט ער געזאָגט צו זיי : „יאָ, אַ**

נאַקעטע". ר' פינחס און ר' חמא בר גוריא האָבן אין נאָמען פון רבן געזאָגט: זי האָט געוואָלט אַריינגיין כאָטש נאָר מיט אַ גאַרטל, ווי אַ זונה, אָבער זיי האָבן זי ניט געלאָזט: ער האָט געזאָגט „אַ נאַקעטע". האָט זי געזאָגט: „לאָמיך אַריינגיין אָן דער קרוין[2]". „ווילן זיי זאָגן: אַ דינסט איז זי". — [האָט מען געפרעגט:] און אויב זי וועט אָנטאָן די בגדי מלכות[3] און אַריינגיין — — —[4]? האָט ר' הונא געזאָגט: קיין פּראָסטער מענטש טאָר ניט אָנטאָן קיין בגדי מלכות[5].

יד

(א, יב) ותמאן — און די מלכה ושתי האָט ניט געוואָלט. זי האָט אים געשיקט זאָגן ווערטער, וואָס וואָלטן אים באַדאַרפט אַריין אין האַרצן. זי האָט אים געלאָזט זאָגן: „אויב זיי וועלן מיך האַלטן פאַר אַ שיינע, וועלן זיי וואַרפן אַן אויג אויף מיר מיך צו באַנוצן, און וועלן דיך הרגענען; און אויב זי וועלן מיך האַלטן פאַר אַ מיאוסע, וועסטו האָבן אומכבוד דורך מיר". זי האָט אים געגעבן אַ וואונק, ער האָט אָבער איר וואונק ניט געכאַפּט; זי האָט אים געגעבן אַ שטאָך, ער האָט אָבער איר שטאָך ניט דערפילט. האָט זי אים געשיקט זאָגן: „שטאַלמייסטער ביסטו געווען אין מיין פאָטערס[1] הויז, און ביסט געוואוינט געווען אַריינצוברענגען נאַקעטע זונות פאַר דיר; און איצט, אַז דו ביסט אַריין אין מלכות, ביסטו ניט אָוועק פון דיינע קרומקייטן". זי האָט אים געגעבן אַ וואונק, ער האָט אָבער איר וואונק ניט געכאַפּט; זי האָט אים געגעבן אַ שטאָך, ער האָט אָבער איר שטאָך ניט דערפילט. האָט זי געשיקט און געזאָגט: „אפילו איבער די פאַרמשפּטע אין מיין פאָטערס הויז האָט מען ניט דורכגעפירט דעם פּסק נאַקעטערהייד". דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דניאל ג, כא): באדין — דעמאָלט זיינען דידאָזיקע מענער געבונדן געוואָרן בסרבליהון — אין זייערע מאַנטלען און אין זייערע הויזן. — ר' יודן זאָגט: [בסרבליהון] מיינט אין זייערע איבער בגדים[2], און רב הונא זאָגט: אין זייערע יום טובדיקע מאַנטלען.

ר' שמעון בר אבא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן: הקדוש ברוך הוא משפּט די רשעים אין גיהנום ניט אַנדערש, נייערט נאַקעטערהייד; און פון וואַנען איז עס געדרונגען? פון דעם וואָס אין פּסוק שטייט (תהלים עג, כ): בעיר — אין נאַקעטקייט[3] ביסטו מבזה זייער אָפּבילד. ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: וואו דער גזלן רויבט, דאָרט ווערט ער געהאַנגען[4]. ר' נתן האָט געזאָגט: אויף די מצרים, זינקענדיק אין ים, זיינען ניט אַנדערש געשטראָפט געוואָרן, נייערט נאַקעטערהייד; פון וואַנען איז עס געדרונגען? (שמות טו, ח) וברוח אפך — און פון דעם אָטעם פון דיינע

---

יג. [1] אחשורוש. [2] כדי ניט צו פאַרשעמען די קרוין. [3] געמיינט די קרוין. [4] פאַרוואָס וועט מען אויך דאַן ניט קענען זאָגן, אַז זי האָט אָנגעטאָן די קרוין אויף אַ דינסט און זי געשיקט אויף איר אָרט? (אַזוי לויטן מתנות כהונה, און לויט דעם צוגעגעבן אין טעקסט ואם, און אויב). [5] איז אויב זי וועט אַריינקומען מיט דער קרוין אויפן קאָפּ, וועט עס זיין קלאָר, אַז ס'איז ניט קיין דינסט.

אמר להון: „הן, וערומה״. ר׳ פנחס ור׳ חמא בר גוריא בשם רב אמר: בקשה ליכנס אפילו בצלצול, כזונה, ולא הניחו אותה: אמר לון: „וערומה״. אמרה: „אכנס בלא כתר״. „הן אומרים: שפחה היא זו״. [ואם] תלבש בגדי מלכות ותכנס? א״ר הונא: אין הדיוט משתמש בבגדי מלכות.

## יד

(א, יב) ותמאן המלכה ושתי. שלחה ואמרה לו דברים שהן נוגעין בלבו. אמרה לו: „אם רואין אותי נאה, הן נותנין עיניהם להשתמש בי, והורגים אותך; ואם רואין אותי כעורה, את מתגנה בי״. רמזתו ולא נרמז, עקצתו ולא נעקץ. שלחה ואמרה לו: „קומיס איסטבלאטי של בית אבא היית, והיית למוד להיות מכניס לפניך נשים זונות ערומות; ועכשיו שנכנסת למלכות, לא חזרת מקלקולך״. רמזתו ולא נרמז, עקצתו ולא נעקץ. שלחה ואמרה: „אפילו אנדתיקוס של בית אבא לא נידונו ערומים״. הדא הוא דכת׳ב (דניאל ג׳): באדין גובריא אלך כפיתו בסרבליהון, פטשהון, — ר׳ יודן אמר: בגוליהון, ורב הונא אמר: במוקסיהון.

ר׳ שמעון בר אבא אמר בשם ר׳ יוחנן: אין הקב״ה דן את הרשעים בגיהנם, אלא ערומים; ומה טעם? דכתיב (תהלים ע״ג): בעיר צלמם תבזה. אמר ר׳ שמואל בר נחמן: הן דליסטאות מקפח, תמן מצטלב. אמר ר׳ נתן: אף מצריים ברידתן בים, לא נידונו אלא ערומים; מה טעם? (שמות ט״ו) וברוח אפך נערמו מים. ור׳ שמואל בר נחמן בשם ר׳ יונתן אמר: אין הרשע יוצא מן העולם, עד שהקב״ה מראה קניגין דידיה, היאך הוה מיתציד.

---

נאָזלעכער זיינען זיי אַנטבלויזט געוואָרן [5] אין וואַסער. און ר׳ שמואל בר נחמן אין נאָמען פון ר׳ יונתן האָט געזאָגט: דער רשע גייט ניט אַוועק פון דער וועלט, ביז הקדוש ברוך הוא ווייזט אים ניט דעם געפעכט [6] זיינעם אין וועלכען ער וועט אַריינפאַלן.

---

יד. [1] בלשצרס. [2] לויט בראשית רבה לו, ו, און שיר השירים רבה ז, ט. [3] געדרשנט לויט עריה, נאַקעטקייט. [4] ווערטערלעך —געקרייציקט, זע אויבן ב, יד, באַמערקונג 1. ר׳ שמואל בר נחמן טייטשט, משמעות, דעם פסוק אַזוי: בעיר — אין דער שטאָט וואו זיי זיינען באַגאַנגען דעם פאַרברעכן, דאָרטן ביסטו מבזה זייער אָפבילד. [5] נערמו ווערט דאָ געטייטשט לויטן וואָרט ערם, נאַקעט. [6] קניגין — געפעכט, פאַרמעסט צווישן ווילדע חיות און מענטשן, אַ שטראָף, וואָס די רוימער פלעגן באַשטימען פאַר מורדים און פאַררעטער. גענומען פון דער רוימישער ווירקלעכקייט אין וועלכער דער בעל המדרש האָט געלעבט.

## טו

(א, יב) ויקצף המלך — איז דער מלך זייער אין כעס געוואָרן, און זיין צאָרן האָט אין אים געברענט. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אין יענער שעה האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צום מלאך וואָס איז ממונה אויף צאָרן: „גיי אַראָפּ און בלאָז אויף אַ פונק אין זיין בויך, און בלאָז אויף זיין אַש, און וואַרף שוועבל אין זיין אויוון!" [און נאָך] האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: יענע אַלע יאָרן, זינט ושתי איז געהרגעט געוואָרן ביז אסתר איז אַריינ־געקומען, האָט זיך אחשורושעס כעס ניט איינגעשטילט. האָט מען אים געפרעגט: אָט שטייט דאָך (אסתר ב, א): כשוך — אַזוי ווי דער צאָרן פונעם קיניג אחשורוש האָט זיך איינגעשטילט? האָט ער געזאָגט צו זיי: עס שטייט דאָ ניט „בשוך — ווען עס האָט זיך איינגעשטילט דער צאָרן פונעם מלך", נייערט כשוך — אַזוי ווי עס האָט זיך איינגעשטילט: אַן איינשטילונג וואָס איז ניט קיין איינשטילונג. ווען האָט זיך זיין צאָרן איינגעשטילט? ווען המן איז געהאַנגען געוואָרן[1]. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (אסתר ז, י): ויתלו — און מע האָט אויפגעהאַנגען המנען אויפן בוים וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר מרדכין, און דער צאָרן פונעם מלך האָט זיך איינגעשטילט, — [אויך] דער צאָרן פונעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא[2].

## טו

(א, יב) ויקצף המלך מאד וחמתו בערה בו. **אמר ר׳ יוחנן: באותה שעה אמר הקב״ה למלאך הממונה על החמה: „חות פח זיקא בכרסיה, ונפח בקיטמיה, וזרוק גופריתא באתוניה״.** אמר ר׳ יוחנן: **כל אותן השנים, משעה שנהרגה ושתי עד שנכנסה אסתר, לא שככה חמתו של אחשורוש. איתיבון: והכתיב** כשוך חמת המלך אחשורוש? **אמר להם: „בשוך חמת המלך״ אין כתיב כאן, אלא** כשוך חמת המלך: **שכיכה שאינה שכיכה. אימתי שככה חמתו? כשנצלב המן. הה״ד:** ויתלו את המן על העץ אשר הכין למרדכי, וחמת המלך שככה, — **חמתו של מלך מלכי המלכים, הקב״ה.**

---

טו. [1] זע אויבן ב, יד, באַמ. 1. [2] ווי אויבן (ג, י) אַז וואו עס שטייט אין דער מגילה סתם מלך קען עס געטייטשט ווערן אויפן אייבערשטן.

# פרשה ד

## א

(א, יג) ויאמר המלך — און דער קיניג האָט געזאָגט צו די חכמים וואָס קענען די צייטן. ווער זיינען זיי געווען? ר' סימון האָט געזאָגט: דאָס איז דער שבט ישׂשכר; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דברי הימים א, יב, לג): ומבני — און פון די קינדער פון ישׂשכר, די וואָס פאַרשטייען זיך אויף די צייטן, צו וויסן, וואָס ישׂראל דאַרף טאָן, — ר' תנחומא האָט געזאָגט: [פאַרשטייען זיך] אויף די תקופות, און ר' יוסי בר קצרת [1] האָט געזאָגט: אויף צו באַשטימען עיבור יאָרן; צו וויסן, וואָס ישׂראל דאַרף טאָן, דען זיי האָבן געוואוסט צורעכט צו מאַכן דעם חשבון פון די טעג [2]; ראשיהם — זייערע עלטסטע זיינען געווען צוויי הונדערט, דאָס זיינען די צוויי הונדערט עלטסטע פון סנהדרין, וואָס דער שבט ישׂשכר האָט פון זיך אַרויסגעגעבן; וכל — און אַלע זייערע ברידער [האָבן זיך געפירט] לויט זייער וואָרט, — און אַלע פלעגן אָננעמען אַ הלכה וואָס זיי האָבן געפּסקנט, ווי אַ הלכה וואָס משה האָט געקראָגן פון סיני.

האָט דערדאָזיקער רשע געזאָגט צו זיי: „אַזוי ווי איך האָב באַפוילן ושתין, זי זאָל אַריינקומען פאַר מיר אַ נאַקעטע, און זי איז ניט געקומען, — וואָס זאָל זיין איר משפּט?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „אונדזער האַר דער מלך! ווען מיר זיינען געווען אין אונדזער לאַנד, פלעגן מיר פרעגן דעם אורים ותומים; אָבער אַצינד זיינען מיר פאַרוואָגלט". און זיי האָבן געלייענט פאַר אים דעמדאָזיקן פּסוק (ירמיה מח, יא): שאנן — שלווהדיק איז מואב פון זיין יוגנט אָן, און רואיק איז ער אויף זיינע הייוון, און ער איז ניט איבערגעליידיקט געוואָרן פון כלי צו כלי, און אין גלות איז ער ניט געגאַנגען; דעריבער איז געבליבן זיין טעם ביי אים, און זיין ריח האָט זיך ניט געביטן [3]. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איז דאָ ווער פאַראַן פון זיי?" האָבן זיי אים געזאָגט: „זייערע קרובים". דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (יד): והקרוב — און די נאָענטע צו אים [זיינען געווען] כרשנא, שתר, אדמתא, תרשיש, מרס, מרסנא, ממוכן, — די זיבן האַרן פון פּרס און מדי. [דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט] (משלי יא, ח): צדיק — דער צדיק איז פון דער צרה דערלייזט געוואָרן, און דער רשע איז געקומען אויף זיין אָרט, — דער צדיק איז פון דער צרה דערלייזט געוואָרן, דאָס איז דער שבט ישׂשכר; און דער רשע איז געקומען אויף זיין אָרט, דאָס זיינען די זיבן האַרן פון פּרס און מדי [4].

# פרשה ד

## א

(א, יג) ויאמר המלך לחכמים יודעי העתים, **וגו'. מי היו? אמר ר' סימון: זה שבטו של יששכר; הה"ד** (ד"ה א' י"ב): **ומבני** יששכר יודעי בינה לעתים, לדעת מה יעשה ישראל, **וגו'. — ר' תנחומא אמר:** לקורסין, ור' יוסי בר קצרת **אמר:** לעיבורין; לדעת מה יעשה ישראל, **שהיו יודעין לרפאות את הקירוס;** ראשיהם מאתים, **אלו מאתים** ראשי סנהדראות, **שהיו שבטו של יששכר מעמידים;** וכל אחיהם על פיהם, — **וכולם היו מסכימים הלכה על דעתן כהלכה למשה מסיני.**

**אמר להם אותו רשע: "בשביל שגזרתי על ושתי, שתכנס לפני ערומה ולא נכנסה, מה הוא דינה?" אמרין ליה: "אדוננו המלך! כשהיינו בארצנו, היינו שואלים באורים ותומים; ועכשיו מטולטלין אנו". וקראו לפניו המקרא הזה** (ירמיה מ"ח): שאנן מואב מנעוריו ושקט הוא אל שמריו, ולא הורק מכלי אל כלי ובגולה לא הלך; על כן עמד טעמו בו וריחו לא נמר. **אמר לון: "אית הכא מינהון?" אמרין ליה: "קריביהון". הדא הוא דאמר** (א, יד): **והקרוב** אליו: כרשנא, שתר, אדמתא, תרשיש, מרס, מרסנא, ממוכן, — שבעת שרי פרס ומדי, **וגו'.** (משלי י"א) צדיק מצרה נחלץ, ויבא רשע תחתיו, — צדיק מצרה נחלץ, **אלו שבטו של יששכר;** ויבא רשע תחתיו, **אלו** שבעת שרי פרס ומדי.

---

א. [1] **אין שיר השירים רבה ו, ד,** בר קסריי. [2] **אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דאָ אַ צוגאָב דערקלערונג פון אַן איבערשרייבער: דער טייטש** (**פון** קירוס) **איז — דאָס הייטל וואָס וואַקסט אָן אויף אַ וואונד. לויט דעם וועט דער פשט פון** לרפאות את הקירוס **זיין: זיי האָבן געוואוסט ווי צו היילן וואונדן. ריכטיק ווייזט אָבער אָן יאַסטראָוו** (זוכוואָרט קירס), **אַז דער איבערשרייבער האָט דאָ געלייענט** קירם **מיט אַ** מם, **און ער האָט עס געטייטשט לויטן וואָרט קרום, אַ הייטל. יאַסטראָוו שלאָגט דערביי פאָר צו בייטן** לרפאות (**צו היילן, וואָס מיר האָבן דאָ גענומען מעטאַפאָריש) אויף** לרצוא (לרצות ?), **אויסצוגלייכן.** (**זע אויך** בובער, פסיקתא דרב כהנא, פיסקא א, קנז). [3] **טאָ זאָל ער**

**אַן אַנדער פשט:** והקרוב — און די נאָענטע צו אים, — **אין פסוק שטייט** (דאָרט פסוק ט): בפה — מיטן מויל טוט דער זינדיקער אומברענגען זיין חבר, אָבער דורך פאַרשטאַנד ווערן די צדיקים דערלייזט, — **מיטן** מויל טוט דער זינדיקער אומברענגען זיין חבר, **דאָס זיינען** די זיבן האַרן פון פרס און מדי; אָבער דורך פאַרשטאַנד ווערן די צדיקים דערלייזט, **דאָס איז דער שבט יששכר**[5]. **אַן אַנדער פשט:** און די נאָענטע צו אים, — **אין פסוק שטייט** (דאָרט יד, טז): חכם — דער חכם האָט פורכט און טרעט אָפּ פון שלעכטס, און דער נאַר האַלט זיך פאַרריסן און איז זיכער: דער חכם האָט פורכט און טרעט אָפּ פון שלעכטס, **דאָס איז דער שבט יששכר;** און דער נאַר האַלט זיך פאַרריסן און איז זיכער, **דאָס זיינען** די זיבן האַרן פון פרס און מדי. **אַן אַנדער פשט:** און די נאָענטע צו אים, — **אין פסוק שטייט** (דאָרט כב, ג): ערום — דער קלוגער זעט שלעכטס, און ער באַהאַלט זיך, און די נאַראָנים גייען פאַרביי און ווערן געשטראָפט: דער קלוגער זעט שלעכטס און ער באַהאַלט זיך, **דאָס איז דער שבט יששכר;** און נאַראָנים גייען פאַרביי און ווערן געשטראָפט, **דאָס זיינען** די זיבן האַרן פון פרס און מדי.

ב

(א, יד) והקרוב — און די נאָענטע צו אים, — **זיי האָבן דערנעענטערט די שטראָף אויף זיך.** כרשנא [**האָט איינער געהייסן**], **ווייל ער איז געווען ממונה אויף דער וויקע**[1]; שתר, **ווייל ער איז געווען ממונה אויפן ווין**[2]; אדמתא, **ווייל ער איז געווען ממונה איבער דער לאַנד מעסטונג**[3]; תרשיש, **ווייל ער איז געווען ממונה איבערן [קיניגלעכן] הויז**[4]; מרס, **ווייל ער פלעגט צעהאַקן**[5] **די עופות;** מרסנא, **ער פלעגט אויסמישן**[6] **די זעמלמעלן;** ממוכן, **ער איז געווען דער שפּייז צושטעלער צווישן זיי, דען זיין ווייב פלעגט זיי צוגרייטן**[7] **אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט.**

[**אַן אַנדער פשט:**][8] **די מלאכי השרת האָבן געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „אויב די עצה פון דעמדאָזיקן רשע**[9] **וועט מקוים ווערן, ווער וועט מקריב זיין פאַר דיר?** כרשנא — **ווער וועט מקריב זיין פאַר דיר אַ לאַם פון אַ יאָר**[10]? שתר — **ווער וועט מקריב זיין צוויי טירקלטויבן**[11] **פאַר דיר?** אדמתא — **ווער וועט בויען פאַר דיר אַ מזבח פון ערד**[12]? **ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כ, כא): מזבח — אַ מזבח פון ערד זאָלסטו מיר מאַכן; תרשיש — **ווער וועט אָנטאָן די כהונה בגדים און באַדינען פאַר דיר?** **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כח, כ): תרשיש — גאָלדשטיין און אָניקל און יאַשפיז[13]. מרס — **ווער וועט צעהאַקן**[14] **פאַר דיר די עופות?** מרסנא — **ווער וועט אויסמישן**[15] **פאַר דיר די זעמל מעלן?** ממוכן — **ווער וועט צוגרייטן**[16] **פאַר דיר דעם מזבח?" ווי דער פסוק זאָגט** (עזרא ג, ג): ויכינו — און זיי האָבן צוגעגרייט דעם מזבח אויף זיינע געשטעלן. **אין יענער שעה האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי וועגן ישראל: „מיינע קינדער זיינען זיי, מיינע פריינט זיינען זיי, מיינע לייבלעכע זיינען זיי, מיינע**

**ד״א**: והקרוב אליו, — **כתיב** (שם): בפה חנף ישחית רעהו, ובדעת צדיקים יחלצו, — בפה חנף ישחית רעהו, **אלו** שבעת פרס ומדי; ובדעת צדיקים יחלצו, **זה** **(חלקו)** **[שבטו]** **של** **יששכר**. **ד״א**: והקרוב אליו, — **כתיב** (שם י״ד): חכם ירא וסר מרע, וכסיל מתעבר ובוטח: חכם ירא וסר מרע, **זה** **שבטו** **של** **יששכר**: וכסיל מתעבר ובוטח, **אלו** שבעת שרי פרס ומדי. **ד״א**: **והקרוב** **אליו**, — **כתיב** (שם כ״ב): ערום ראה רעה ונסתר, ופתאים עברו ונענשו: ערום ראה רעה ונסתר, **זה** **שבטו** **של** **יששכר**; ופתאים עברו ונענשו, **אלו** שבעת שרי פרס ומדי.

ב

(א, יד) והקרוב אליו, — **הן הקריבו הפורענות לעצמן**. כרשנא, **שהיה ממונה על הכרשינין**; שתר, **שהיה ממונה על היין**; אדמתא, **שהיה ממונה על אטנם שבארץ**; תרשיש, **שהיה ממונה על הבית**; מרס, **שהיה ממרס את העופות**; מרסנא, **זה היה ממרס את הסלתות**; ממוכן, **זה היה האיספקסיטון שבכולם, שהיתה אשתו מתקנת להם כל מה שהיו צריכין.**

[ד״א:] **אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה**: „**אם מתקיימת עצתו של רשע זה, מי מקריב לפניך?** כרשנא — **מי מקריב לפניך** (פר) [כר] **בן שנה?** שתר — **מי מקריב לפניך שתי תורים?** אדמתא — **מי בונה לפניך מזבח אדמה? כמה דאת אמר** (שמות כ׳): מזבח אדמה תעשה לי; תרשיש — **מי לובש בגדי כהונה ומשמש לפניך? כמה דאת אמר** (שם כ״ח): תרשיש, ושהם, וישפה; מרס — **מי ממרס לפניך את העופות?** מרסנא — **מי ממרס לפניך את הסלתות?** ממוכן — **מי מכין לפניך את המזבח?״ כמה דאת אמר** (עזרא ג׳): ויכינו את המזבח על מכונותיו. **אותה שעה אמר להן הקב״ה לישראל**: ״**בני הם**,

---

בעסער פרעגן ביי זיי. [4] לויטן מדרש האָט זיי אחשורוש שפּעטער געלאָזט הרגענען פאַר זייער עצה צו הרגענען ושתין. [5] טעקסט געענדערט לויט דער וואַרשעווער אויסגאַבע. אויב מיר זאָלן אָנהאַלטן דעם נוסח חלקו, וואָלט עס געמיינט: דאָס (דער פאַרשטאַנד) איז דער חלק פון שבט יששכר, זייער באַזיץ.

ב. [1] כרשינין — כרשנא. [2] שתר — שתה (טרינקען); אָדער: בייטנדיק די אותיות פון תירוש, ווייַן. [3] אדמתא — אדמה (ערד). [4] וואָס איז געווען באַפּוצט מיט תרשיש (גאָלדשטיין). דער רד״ל לייענט על האניות, איבער די שיפן, ווייל תרשיש איז געווען אַ באַוואוסטע ים שטאָט (תהלים מח, ח; יונה א, ג). [5] ממרס — מרס. [6] ממרס — מרסנא. [7] מכינה — ממוכן (אַ באַהאַלטן וואָרטשפּיל, ווייל אין טעקסט שטייט מתקנת, וואָס מיינט דאָ דאָסזעלבע וואָס מכינה). [8] צוגעגעבן לויטן רד״ל, און אַזוי פאָדערט דער אינהאַלט. [9] המן. [10] כר בן שנה — כרשנא. געביטן טעקסט לויט אַ גמרא אין מגילה (יב, ב). זע רש״ש און יפה ענף. לויט דעם איז אויך דאָס וואָרטשפּיל פּינקטלעכער.

ליבהאָבערס זיינען זיי, קינדער פון מיין ליבהאָבער זיינען זיי, דאָס איז אברהם, — ווי אין פסוק שטייט (ישעיה מא, ח): זרע — קינדער פון אברהם מיין ליבהאָבער, — איך וועל דערהייבן זייער האָרן!" — ווי דער פסוק זאָגט (תהילים קמח, יד): וירם — און ער האָט אויפגעהויבן דעם האָרן פון זיין פאָלק.

אַן אַנדער פּשט: כרשנא — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך שפּרייט אויס פאַר זיי וויקע[17] און איך נעם זיי אַוועק פון דער וועלט; שתר — איך וועל זיי אָנטרינקען דעם כוס פון סם־המות; אדמתא, תרשיש — איך וועל פריי לאָזן זייער בלוט[18] ווי וואַסער[19]; מרס, מרסנא, ממוכן — איך וועל אויסמישן[20], צוזאַמענדרייען[21], און צעקוועטשן[22] זייער נשמה אין זייערע געדערים". — און וואו איז זייער אַלעמענס גזר דין צוגעגרייט[23] געוואָרן? ר' הושעיא האָט געזאָגט: ביי ישעיה הנביא, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה יד, כא): הכינו — גרייט אָן אויף זיינע קינדער אַן אויסשעכטונג פאַר דער זינד פון זייערע עלטערן, אַז זיי זאָלן ניט אויפשטיין און ירשענען די ערד.

ג

(א, יד) שבעת — די זיבן האָרן פון פרס און מדי, — רב און שמואל. רב האָט געזאָגט: דער פסוק רעדט וועגן אחשורושעס מלוכה[1]; און שמואל האָט געזאָגט: דער פסוק רעדט וועגן בלשאַצרס מלוכה[2]. לויט דער מיינונג פון רבן, וואָס האָט געזאָגט, [אַז עס רעדט זיך וועגן] אחשורושעס מלוכה, איז רעכט; אָבער לויט דער מיינונג פון שמואלן, וואָס האָט געזאָגט, [אַז עס רעדט זיך וועגן] בלשאצרס מלוכה, — ווי האָבן זיי געקענט לעבן אַזויפיל יאָרן? האָט רב הונא געזאָגט: דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך ניט באַנוצט מיט די כלים פון בית המקדש. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דניאל ה, ב): בלשאצר אמר — בלשאצר, ווען ער האָט פאַרזוכט פונעם וויין, האָט געהייסן [ברענגען די גילדערנע און זילבערנע כלים — — — פון דעם טעמפּל וואָס אין ירושלים], און איבער דעם (דאָרט פסוק ל) בה בליליא — אין יענער נאַכט איז געהרגעט געוואָרן בלשצר דער כשדישער מלך[3].

ד

(א, יד) רואי — די וואָס זעען דעם מלכס פנים. — צוויי משפחות פלעגן אַריינקומען צו ר' יהודהן[1], איינע ר' הושעיאס און איינע פון דעם הויז פון ר' יהודה בן פזי. אַז ר' יהודה בן פזי האָט זיך מתחתן געווען מיט ר' יהודהן, האָבן זיי געוואָלט [זיך נעמען דעם כבוד] אַריינצוגיין ערשט, אָבער ר' אמי האָט זיי ניט געלאָזט. ער האָט געזאָגט צו זיי: אין פסוק שטייט (שמות כו, ל): והקמות — און דו זאָלסט אויפשטעלן דעם משכן ווי זיין דין איז, ווי עס איז דיר באַוויזן געוואָרן, — איז דען דאָ אַ דין פאַר האָלץ? נייערט אַ ברעט וואָס אים איז באַשערט געווען אַריינגעגעבן צו ווערן אין צפון זייט, זאָל אַריינגעגעבן ווערן אין צפון זייט; און דער

**רעי הם, קרובי הם, אוהבי הם, בני אוהבי הם, שהוא אברהם, דכתיב:** זרע אברהם אוהבי, — **מרומם אני את קרנם**[11]**״ כמה דאת אמר** (תהלים קמ״ח): וירם קרן לעמו.

**ד״א:** כרשנא — **אמר הקב״ה ״בוזק אני לפניהם כרשינין ומשירן מן העולם;** שתר — **משקה אני להם כוס של תרעלה;** אדמתא, תרשיש — **מתיר אני דמן כמים;** מרס, מרסנא, ממוכן — **ממרס אני, מסרס וממעך את נפשם בתוך מעיהם״. וכי היכן היתה איסקוזות של כולן מתוקנת? א״ר הושעיא: מישעיה הנביא, היך מה דאת אמר** (ישעיה י״ד): הכינו לבניו מטבח בעון אבותם, בל יקומו וירשו ארץ, **וגו׳.**

ג

(א, יד) שבעת שרי פרס ומדי, — **רב ושמואל. רב אמר: במלכות אחשורוש הכתוב מדבר; ושמואל אמר: במלכות בלשצר הכתוב מדבר. על דעתיה דרב, דאמר במלכות אחשורוש, ניחא; על דעתיה דשמואל, דאמר במלכות בלשצר, — כיצד חיו כל אותן השנים? אמר ר׳ הונא: על ידי שלא נשתמשו בכלי בית המקדש; הדא הוא דכתיב** (דניאל ה׳): בלשצר אמר בטעם חמרא, **וגו׳, שמתוך כך** בה בליליא קטיל בלשצר מלכא כשדיא.

ד

(א, יד) רואי פני המלך. — **שתי משפחות היו נכנסות אצל (רבי) [ר׳ יהודה], אחת של ר׳ הושעיא ואחת של בית ר׳ יהודה בן פזי. כשנתחתן ר׳ יהודה בן פזי (לרבי) [לרבי יהודה], ביקשו ליכנס תחלה,ולא הניחן רבי אמי. אמר להם: כתיב** (שמות כ״ו): והקמות את המשכן כמשפטו אשר הראית, — **וכי יש משפט לעצים? אלא קרש שזכה לינתן בצפון, ינתן בצפון; ושזכה**

---

[11] שתי תורים — שתר. [12] אדמה — אדמתא. [13] **די טייערע שטיינער פונעם חושן, וואָס דער כוהן גדול האָט געטראָגן אויף זיין ברוסט.** [14] **זע באַמ. 5.** [15] **זע באַמ. 6.** [16] מכין — ממוכן. [17] כרשינין — כרשנא: **ווי מע טוט מיט אַ בהמה — מע פּאַשעט זי פריער אויס, און נאָכדעם שעכט מען זי (אין דעם איז דאָ אַן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס גייט דעם רשע גוט? זע ווייטער ז, א־ב).** [18] דם — אדמתא. [19] **ווייל תרשיש האָט צו טאָן מיט שיפן און וואַסער.** [20] ממרס — מרס. [21] מסרס — מרסנא [22] ממעך — ממוכן. [23] **אַ באַהאַלטן וואָרטשפּיל:** מתוקנת **(צוגעגרייט) אַנשטאָט** מוכנת — ממוכן **(זע אויבן באַמ. 7).**

ג. [1] **דאָס וואָס צום סוף פּסוק שטייט:** די וואָס זיצן די ערשטע אין דער מלוכה **באַציט זיך אויף אחשורושעס מלוכה.** [2] געדרשנט היושבים ראשונה — **די וואָס זיצן פון אָנהייב, פון אַמאָל; זיי זיינען, הייסט עס, שוין געווען האַרן אין דער מלוכה פון בלשצרן.** [3] **אָבער די זיבן האַרן האָבן זיך מיט די כלים ניט געוואָלט באַנוצן, דעריבער האָבן זיי אַריינגעלעבט ביז אחשורושס מלוכה.**

וואָס אים איז באַשערט געווען אַריינגעגעבן צו ווערן אין דרום זייט, זאָל אַריינגעגעבן ווערן אין דרום זייט[2]. [האָט מען אים געפרעגט:] ווען מע דאַרף באַשטימען[3], פון וואַנען הייבט מען אָן? האָט זיי ר׳ סימון געזאָגט: פון דרום[4], ווי דער פסוק זאָגט (שופטים א, ב): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט: יהודה זאָל אַרויפגיין [ערשט]. האָט אים ר׳ מני געזאָגט: דאָס איז בשעת מלחמה, אָבער ביים באַשטימען — רואי — די וואָס זעען דעם מלכס פנים, וואָס זיצן די ערשטע; איז אויך דאָ אַזוי: די וואָס זעען דעם מלכס פנים[5].

ה

(א, טו) כדת — לויטן געזעץ, וואָס זאָל מען טאָן — — —. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: מיט דער חזירטע [האָט ער געזוכט צו האַנדלען] לויטן געזעץ, אָבער מיט אַ הייליק פאָלק — ניט לויטן געזעץ, נייערט מיט אכזריות[1]! — במלכה — מיט דער מלכה ושתי, — א פשיטא שוין מיט אַ מלכה, וואָס איז ניט ושתי[2]!

ו

(א, טז) ויאמר ממוכן האָט ממוכן געזאָגט פאַרן מלך און די האַרן. פאַרוואָס איז עפּעס ממוכן אַרויסגעשפּרונגען דער ערשטער מיט אַן עצה? פון דאַנען [קומט דאָס ווערטל] אַז אַ פּראָסטאַק שפּרינגט אַרויס דער ערשטער[1]. ר׳ פינחס און ר׳ חילקיה אין נאָמען פון ר׳ סימון, און ר׳ אלעזר און ר׳ יוחנן. איינער האָט געזאָגט: אונדזערע דינים זיינען ווי זייערע דינים[2]; און דער אַנדערער האָט געזאָגט: אונדזערע דינים זיינען ניט ווי זייערע דינים. דער וואָס האָט געזאָגט: אונדזערע דינים זיינען ווי זייערע דינים, — דאָס איז ווי מיר האָבן געלערנט: ביי משפטים פון געלט, פון ריינקייט און אומריינקייט הייבט מען אָן פונעם עלטערן[3], אָבער ביי משפטים פון טויט שטראָף הייבט מען אָן פון דער זייט[4]. אָבער דער וואָס האָט געזאָגט: אונדזערע דינים זיינען ניט ווי זייערע דינים, ווי דערקלערט ער [די פסוקים: (בראשית לז, כו) ויאמר יהודה — האָט יהודה געזאָגט[5]?] ויאמר ממוכן — האָט ממוכן געזאָגט? [דער ענטפער איז:] „עס ווערן אָנגענומען די רייד פון יהודהן" — „עס ווערן אָנגענומען די רייד פון ממוכנען"[6].

ד. [1] מיר האָבן דאָ געביטן דעם טעקסט פון רבי אויף ר׳ יהודה (דער צווייטער, ר׳ יהודה נשיאה, אָדער דער דריטער, ר׳ יהודה נשיאהס אייניקל), ווייל די אַלע חכמים וואָס ווערן דאָ געבראַכט האָבן געלעבט אין צווייטן און דריטן דור פון די אמוראים, שוין נאָך רבים טויט. משמעות, אַז אַן איבערשרייבער האָט עס פאַרקירצט פון ר׳ יהודה אויף רבי, אָננעמענדיק מיט אַ טעות, אַז דאָס מיינט מען ר׳ יהודה הנשיא, דעם מסדר פון דער משנה. (און מיט ר׳ הושעיא ווערט דאָ וואַרשיינלעך געמיינט ר׳ הושעיא זעירא.) דער נוסח אין ירושלמי (סוף הוריות) איז: „— — — פלעגן אַריינגיין באַגריסן דעם נשיא", — אָן אַ נאָמען. אַזוי אויך אין ירושלמי שבת, יב, א. [2] אַזוי טאָר מען אויך דאָ ניט בייטן דעם פריערדיקן סדר (אין משכן האָבן דרום און צפון געהאַט פאַרשיידענע מדרגות פון קדושה, — זע יפה ענף). [3] חכמים אין סנהדרין. [4] ר׳ סימון (ר׳ שמעון בן פזי, דער פאָטער פון ר׳ יהודה [בן ר׳ שמעון] בן פזי) איז געווען פון די חכמי הדרום (ירושלמי, ביצה א, ז: ר׳ זריקן האָט געזאָגט צו ר׳ זעירהן: אַז דו וועסט אַרויפגיין קיין דרום,

לינתן בדרום, ינתן בדרום. „בעון דימנון — מאיכן?" אמר לון ר׳ סימון: מן דרומא, שנאמר (שופטים א׳): ויאמר ה׳: יהודה יעלה. אמר לו ר׳ מני: הדא במלחמה, ברם במינוי — רואי פני המלך, היושבים ראשונה; אף הכא כן: רואי פני המלך.

ה

(א, טו) כדת מה לעשות. אמר ר׳ יצחק: לחזירתא כדת, ולאומה קדושה שלא כדת, אלא באכזריות! במלכה ושתי, — על אחת כמה וכמה במלכה שאינה ושתי!

ו

(א, טז) ויאמר ממוכן לפני המלך והשרים. מה ראה ממוכן לקפוץ בעצה תחלה? מכאן, שהדיוט קופץ בראש. ר׳ פנחס ור׳ חלקיה בשם ר׳ סימון, ור׳ אלעזר ור׳ יוחנן. חד אמר: דינינו כדיניהם; וחורינא אמר: אין דינינו כדיניהם. מאן דאמר: דינינו כדיניהם, — כדתנן: דיני ממונות, הטהורות והטמאות, מתחילין מן הגדול, ודיני נפשות מתחילין מן הצד. ומאן דאמר: אין דינינו כדיניהם, מה מקיים [(בראשית ל״ז) ויאמר יהודה?] ויאמר ממוכן? „נראין דברי (ר׳) יהודה" — „נראין דברי ממוכן".

---

פרעג ר׳ סימונען). [5] די משפחה פון ר׳ הושעיא, וואָס פלעגן זיין די ערשטע צו זען דעם מלכס פנים (דעם נשיא), דאַרפן אויך אויף ווייטער זיין פון די ערשטע (ר׳ הושעיא און זיין משפחה האָבן געלעבט אין טבריה).

ה. [1] ווען אחשורוש האָט דערלויבט אויסצוראָטן די יידן, האָט ער זיך מיטן געזעץ ניט גערעכנט. [2] אסתר וואָס האָט ניט אָפּגעשטאַמט פון מלכות — ווי גרויס איז געווען די געפאַר, ווען זי איז געקומען פאַר אחשורושן ניט לויטן געזעץ (אסתר ד, טז). — אָן דער דאָזיקער אַריינטייטשונג (זע מהרז״ו און מ. סיימאָן, ענגלישע איבערזעצונג, סאנצינא) איז דער מדרש דאָ ניט קלאָר. עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז דער בעל המדרש האָט דאָ גאָר געגעבן אָנצוהערעניש אויף אַ מלכה פון זיין צייט, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון פּשוטן פאָלק, און ער האָט איר געוואונטשן ושתיס סוף פאַר אירע אומגעזעצלעכע מעשים.

ו. [1] ממוכן, וואָס ווערט דערמאָנט אין פּסוק דער לעצטער, איז דער ערשטער צו געבן אַן עצה. [2] די פּראָצעדור פונעם יידישן בית־דין ביים אַרויסטראָגן אַ פּסק איז דיזעלבע ווי ביי די בני נוח, די ניט יידן. [3] מע הערט צוערשט אויס די מיינונגען פון די עלטערע חברים פון בית־דין (סנהדרין ד, משנה א). [4] פון די יינגערע, כדי זיי זאָלן ניט באַאיינפלוסט ווערן פון די מיינונגען פון זייערע עלטערע חברים (לויט דעם איז גוט, וואָס ממוכן, דער לעצטער, איז געווען דער ערשטער צו זאָגן זיין מיינונג, ווייל דאָ האָט זיך לויטן מדרש געהאַנדלט וועגן טויט שטראָף פאַר ושתין). [5] צוגעגעבן לויטן ירושלמי (סנהדרין ד, ז): יהודה האָט דאָך געלעבט פאַר מתן תורה, און די אבות האָבן זיך געפירט לויט די דינים פון די בני נוח; און אויב ביי זיי איז מען זיך ניט נוהג אָנצוהייבן ביי אַ משפט פון טויט שטראָף פונעם יינגערן, איז פאַרוואָס האָט יהודה, וואָס איז ניט געווען דער עלטסטער, אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג דער ערשטער? און דיזעלבע קשיא איז אויך וועגן ממוכנען. [6] לעולם האָט מען טאַקע ביי זיי אָנגעהויבן מיטן עלטסטן, און ניט יהודה און ניט ממוכן זיינען געווען די ערשטע צו רעדן. אָבער אַזוי ווי מע האָט, נאָכדעם ווי מע האָט אויסגעהערט אַלעמען, אָנגענומען זייערע מיינונגען,

**ר' יוחנן האָט געזאָגט: דריי אמוראים [באַשיידן דעם פסוק]. איינער האָט געזאָגט: [ממוכן איז געווען בייז אויף ושתין,] ווייל זי פלעגט אים שלאָגן מיט אירע שטעקשיך אויף ביידע זייטן פנים; און אַן אַנדערער האָט געזאָגט: ווייל זי האָט ניט פאַרבעטן זיין ווייב צו דער סעודה פון די ווייבער; און נאָך אַן אַנדערער האָט געזאָגט: ווייל ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, און ער האָט געזוכט זי חתונה צו מאַכן פאַר מלכות[7]. דער וואָס האָט געזאָגט: ווייל זי פלעגט אים שלאָגן מיט די שטעקשיך אויף ביידע זייטן פנים [נעמט עס]** פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט: לא על המלך לבדו — ניט קעגן דעם מלך אַליין האָט געזינדיקט די מלכה ושתי. **און דער וואָס האָט געזאָגט: ווייל זי האָט ניט פאַרבעטן זיין ווייב צו דער סעודה פון די ווייבער, — פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט** (יז): כי יצא — וואָרים עס וועט אַרויסקומען די מעשה מיט דער מלכה צו אַלע ווייבער מבזה צו זיין זייערע מענער אין זייערע אויגן [— — — (יח) והיום הזה — און שוין דעם היינטיקן טאָג וועלן זאָגן די האַרינטעס פון פרס און מדי, וואָס האָבן געהערט די מעשה מיט דער מלכה], — **דאָס איז זי וואָס איז דאָרט ניט געווען[8]. דער וואָס האָט געזאָגט: ווייל ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, און ער האָט געזוכט זי חתונה צו מאַכן פאַר מלכות, — פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט** (יט): ומלכותה — און איר מלכהשאַפט זאָל דער מלך אָוועקגעבן צו איר חברטע וואָס איז בעסער פון איר.

ז

(א, יז) כי יצא — וואָרום עס וועט אַרויסקומען די מעשה מיט דער מלכה. **ר' שמואל האָט געזאָגט: אפילו אַן דעם האָט זי געדאַרפט [קריגן איר פסק] [1].**

ח

(א, יח) והיום הזה — און היינטיקן טאָג וועלן זאָגן די האַרינטעס פון פרס — — — [און עס וועט זיין גענוג ביזיון און צאָרן], — **רב און שמואל. רב האָט געזאָגט: דערדאָזיקער ביזיון איז וואָרט געווען דעמדאָזיקן צאָרן; און שמואל האָט געזאָגט: דער צאָרן איז וואָרט געווען דעמדאָזיקן ביזיון[1]. ר' חנינא האָט געזאָגט: דער ביזיון, וואָס איר פאָטער[2] האָט מבזה געווען די כלים פון בית המקדש, איז וואָרט געווען דעם צאָרן, וואָס [אחשורוש] האָט אויף איר געצאָרנט און זי געהרגעט.**

ט

(א, יט) אם — אויב עס איז דעם מלך וואוילגעפעלן, זאָל אַרויסגיין אַ קיניגלעך וואָרט. **ער האָט געזאָגט צו אים: „מיין האַר דער מלך! איין וואָרט אַז דו ברענגסט אַרויס פון דיין מויל, אַזוי ברענג אויך אַריין איר קאָפּ אויף אַ טעלער".** — ויכתב — און עס זאָל פאַרשריבן ווערן אין די געזעצן פון פרס און מדי, אַז עס זאָל ניט בטל ווערן. **ר' חנינא דער זון פון ר' אבהו האָט געזאָגט: אַין פסוק שטייט** (איוב ה, יח): כי הוא — דען ער מאַכט ווי טאָן, און ער טוט פאַרבינדן; ער צעשלאָגט, און זיינע הענט טוען היילן, — **מיט דעם לשון, מיט וועלכן דאָס מלכות איז אָוועקגענומען**

**ר׳ יוחנן אמר: תלתא אמוראין. חד אמר: על ידי שהיתה מסטרתו בקורדקין שלה על פניו לכאן ולכאן; וחורינא אמר: על ידי שלא הזמינה את אשתו לסעודת נשים; וחרינא אמר: על ידי שהיתה לו בת, והיה מבקש להשיאה למלכות. מאן דאמר: „על ידי שהיתה מסטרתו בקורדקין שלה על פניו לכאן ולכאן״, — שאמר:** לא על המלך לבדו עותה ושתי המלכה. **ומאן דאמר: „על ידי שלא הזמינה את אשתו לסעודת נשים״, — שאמר:** כי יצא דבר המלכה על כל הנשים להבזות בעליהן בעיניהן. [— — — והיום הזה תאמרנה שרות פרס ומדי, אשר שמעו את דבר המלכה], — **הדא היא, דלא הות תמן. מאן דאמר: „על ידי שהיתה לו בת, והיה מבקש להשיאה למלכות״, — שאמר:** ומלכותה יתן המלך לרעותה הטובה ממנה.

ז

(א, יז) כי יצא דבר המלכה. **אמר ר׳ שמואל: בלא דדין הות צריכה.**

ח

(א, יח) והיום הזה תאמרנה שרות פרס, — **רב ושמואל. רב אמר: כדאי הביזיון הזה לקציפה הזאת. ושמואל אמר: כדאי הקיצפון לביזיון זה. אמר ר׳ חנינא: כדאי הוא הביזיון, שביזה אביה את כלי בית המקדש, לקיצפון שקצף עליה והרגה.**

ט

(א, יט) אם על המלך טוב, יצא דבר מלכות. **אמר לו: „אדוני המלך! דבר אתה מוציא מפיך, ואני מכניס את ראשה בדיסקוס״.** — ויכתב בדתי פרס ומדי ולא יעבור, וגו׳. **אמר ר׳ חנינא בריה דר׳ אבהו: כתיב** (איוב ה׳): כי הוא יכאיב ויחבש, ימחץ וידיו תרפינה, — **בלשון שנטלה מלכות מזקנה, שאמר לו שמואל**

---

זיינען דעריבער נאָר זייערע רייד פאַרשריבן געוואָרן. — מיר האָבן געביטן פון ר׳ יהודה אויף יהודה לויטן זעלבן ירושלמי. (זע אויך יפה ענף). [7] און ער האָט צוערשט געדאַרפט פטור ווערן פון ושתין. [8] וואָס האָבן געהערט, אָבער זיינען דערביי ניט געווען (דעם פסוק יח האָבן מיר צוגעגעבן לויטן רד״ל).

ז. [1] אפילו קיינער זאָל ניט געווען הערן פון דעם. און ממוכן האָט עס נאָר געוואָלט מאַכן שאַרפער, צוליב זיין כעס אויף איר, ווי אויבן. — דער רד״ל ברענגט אַ נוסח פון ילקוט (געדרוקט אין ליוואָרנאָ): וכי בלדארין הות צריכה? — זי האָט דען געדאַרפט קוריערן? דערקלערנדיק ממוכנס זיכערקייט, אַז די מעשה וועט זיך שנעל צעטראָגן, — אַ נוסח, וואָס פאַסט זיך אַמבעסטן.

ח. [1] גאַנס צאָרן אויף ושתין האָט איר געבראַכט מבזה צו זיין דעם מלך, און דורכדעם באַקומען איר פסק (מהרז״ו). [2] בלשצר.

**געוואָרן פון איר זיידן**[1]**, וואָס שמואל האָט אים געזאָגט** (שמואל א, טו, כח): ונתנה — און ער וועט זי אָוועקגעבן צו אַן אַנדערן וואָס איז בעסער פון דיר, — **מיט דעמזעלבן לשון האָט זיך אים דאָס מלכות אומגעקערט**[2]**. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט:** ומלכותה — און איר מלוכהשאַפט זאָל דער מלך אָוועקגעבן צו אַן אַנדערער וואָס איז בעסער פון איר.

י

(א, כ) ונשמע — און אַז עס וועט געהערט ווערן דאָס וואָרט פון מלך — — —. **ר׳ לוי און ר׳ יצחק [זאָגן וועגן דעם]. ר׳ לוי האָט געזאָגט: אַ גרויס וואָרט זיינען מיר אָנגעברייט צו הערן פון דער וואָס קומט אַריין אין מלכות**[1]**; וואָס איז עס?** (אסתר ד, ג): אבל גדול — אַ גרויסער טרויער ביי יידן[2]. **און ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אַ גרויס וואָרט זיינען מיר אָנגעברייט צו הערן פון דער וואָס קומט אַריין אין מלכות; וואָס איז עס?** (דאָרט ח, יז): שמחה — ששון ושמחה ביי יידן. **ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט:** ונשמע — און עס וועט געהערט ווערן דאָס וואָרט פונעם מלך **איבער אַלע מלכים**[3]**, הקדוש ברוך הוא, וואָס האָט מיט זיין חכמה און מיט זיין פּאַר־שטאַנדיקייט געזאָגט** (שמות יז, יד): מחה — אויסמעקן וועל איך אויסמעקן דעם זכר פון עמלק[4].

כי רבה — ווי גרויס זי איז, — **רב און שמואל. איינער האָט געזאָגט: „דידאָזיקע מלוכה איז צו גרויס פאַר אַזאַ מין חטא**[5]**. און איינער האָט געזאָגט: „דערדאָזיקער חטא איז צו גרויס פאַר דער מלוכה"**[6]**. —**

וכל הנשים — און אַלע ווייבער וועלן אָפּגעבן כבוד זייערע מענער, [פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן][7].

יא

(א, כא) וייטב הדבר — און דאָס וואָרט איז וואוילגעפעלן אין די אויגן פון דעם מלך און די האַרן, — **ער האָט באַפוילן, און מע האָט אַריינגעבראַכט איר קאָפּ אויף אַ טעלער.**

יב

(א, כב) וישלח — און ער האָט צעשיקט בריוו צו אַלע מדינות פונעם מלך — — — [אַז יעדער מאַן זאָל זיין דער געוועלטיקער אין זיין הויז, און רעדן ווי דאָס לשון פון זיין פאָלק]. **רב הונא האָט געזאָגט: אַ קרומען שכל האָט אחשורוש געהאַט. דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז אַ מענטש וויל עסן לינדזן, און זיין ווייב וויל עסן פאַסאָליעס, קאָן ער זי נייטן; זי קאָן ניט טאָן וואָס זי וויל**[1]**. ר׳ פינחס האָט געזאָגט: און ניט נאָר דאָס, נייערט ער איז נאָך געוואָרן צו געלעכטער אויף דער וועלט: עס פירט זיך אויף דער וועלט, אַז איינער פון מדי האָט חתונה מיט אַ פּערסישער, רעדט זי אויפן לשון פון מדי; אַז אַ פּערסיער האָט חתונה מיט איינער פון מדי, רעדט זי פּערסיש לשון. אָבער הקדוש ברוך הוא האָט גערעדט מיט ישראל אינעם לשון וואָס זיי האָבן זיך געהאַט אויסגעלערנט; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (שמות כ, ב): אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט, — **פונעם וואָרט אנוך**[2].

(שמואל א ט״ו): ונתנה לרעך הטוב ממך, **בו בלשון חזרה לו המלכות**; **הה״ד**: ומלכותה יתן המלך לרעותה הטובה ממנה.

י

(א, כ) ונשמע פתגם המלך, — **ר׳ לוי ור׳ יצחק. ר׳ לוי אמר: פתגם גדול אנו עתידין לשמוע מזו שנכנסה למלכות; מהו?** אבל גדול ליהודים. **ור׳ יצחק אמר: פתגם גדול אנו עתידין לשמוע מזו שנכנסה למלכות; מהו?** שמחה וששון ליהודים. **אמר ר׳ יהודה בר׳ סימון**: ונשמע פתגם **מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא, שאמר בחכמתו ובתבונתו** (שמות י״ז): מחה אמחה את זכר עמלק.

כי רבה היא, — **רב ושמואל. חד אמר: הדא מלכותא רבתא להדא חטיתא. וחד אמר: הדא חטיתא רבתא להדא מלכותא.**

וכל הנשים יתנו יקר לבעליהן, **וגו׳.**

יא

(א, כא) ויטב הדבר בעיני המלך והשרים, — **גזר והכניס ראשה בדיסקוס.**

יב

(א, כב) וישלח ספרים אל כל מדינות המלך. **אמר רב הונא: אחשורוש דעת סרוחה היתה לו. מנהג שבעולם, אדם מבקש לאכול עדשים, ואשתו מבקשת לאכול אפונים, — יכול הוא לכופה; לא מה דהיא בעיא היא עבדא. אמר ר׳ פנחס: ולא עוד, אלא שנעשה שחוק בעולם: בנוהג שבעולם, מדיי נושא פרסית, והיא מדברת בלשון מדיי; פרסי נושא מדיית, והיא מדברת בלשון פרסי. אבל הקדוש ברוך הוא דבר עם ישראל בלשון שלמדו; הדא הוא דכתיב**: אנכי ה׳ אלהיך, **לשון (יחנך) [אנוך].**

---

ט. [1] שאול, וואָס אסתר האָט פון אים אָפּגעשטאַמט. [2] דורך אסתרן.

י. [1] אסתר. [2] איבער אחשורושס גזרה, און דאַן האָט אסתר אַרויסגעלאָזט איר רוף צו פאַסטן און טרויערן (דאָרט פסוק טז), און די כוונה פונעם בעל המדרש איז, אַז ווי אַ רעזולטאַט פון אחשורושעס קיניגלעך וואָרט איצט (צו הרגענען ושתין), וועט אסתר שפּעטער קענען אַרויסקומען מיט איר קיניגלעך וואָרט: לויט ר׳ לוין — צו פאַסטן, לויט ר׳ יצחקן — צו פרייען זיך און יום־טובן. [3] זע אויבן ג, י: אומעטום וואו עס שטייט מלך סתם, קען עס אַמאָל מיינען היילקייט, אַמאָל — וואָכעדיקייט. [4] לויטן מדרש איז המן געווען דער לעצטער זכר פון עמלקן (אגג מלך עמלק — שמואל א, טו, ח — המן האגגי), און דורך דער גזרה אויף ושתין, וואָס האָט גורם געווען צו אסתרס דערהייבונג, איז לסוף מקוים געוואָרן גאָטס וואָרט וועגן אים. [5] ווייל די מלוכה איז גרויס און אָנגעזען, וועט דער שאָדן פון ושתיס חטא זיך שטאַרק וואַרפן אין די אויגן. [6] דער חטא אין זיך אַליין איז זייער גרויס, אָן אונטערשייד אין וואָסער מלוכה עס וואָלט פּאַסירט. — לויטן ערשטן באַציט זיך דאָס וואָרט גרויס אויף דער מלוכה, לויטן צווייטן — אויפן חטא. [7] דאָס ווערט דאָ געבראַכט נאָר צו פאַרענדיקן דעם פסוק.

ר׳ נתן פון בית גוברין האָט געזאָגט: פיר שפּראַכן זיינען פאַראַן וואָס זיינען גוט פאַר דער וועלט זיך צו באַנוצן מיט זיי: גריכיש אויף געזאַנג, פּערסיש [4] אויף קלאָג לידער, העברעאיש אויף רעדן, רוימיש אויף מלחמה. און אַנדערע זאָגן: אויך אשוריש — אויף שריפט [5]. — העברעאיש איז אַ שפּראַך פון רעדן, אָבער זי האָט ניט קיין שריפט; אשוריש האָט שריפט, אָבער זי איז ניט קיין שפּראַך פון רעדן [6]. האָבן [די יידן] זיך אויסגעקליבן די אשורישע שריפט [7] און דאָס העברעאישע לשון.

איינער אַ וואַכמאַן האָט געזאָגט [וועגן די רוימער]: זיי האָבן זיך אָפּגעקליבן דאָס רוימישע לשון פונעם גריכישן לשון [8]. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: ס׳איז אַ שאַנד פאַר איר [9], וואָס זי חתמעט זיך אונטער ניט אויף איר אייגן לשון. און ר׳ חנין בר אדא האָט געזאָגט: און פונדעסטוועגן — (דניאל ז, יט) וטפרה — און אירע נעגל זיינען פון קופּער, דען זי חתמעט זיך ניט אַנדערש, נייערט אין איר לשון [10]. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: פון דאַנען איז געדרונגען, אַז אַ מענטש דאַרף איבערחזרן זיינע פּרשות, — ווען משה וואָלט אונדז ניט איבערגעחזרט די תורה [11], פון וואַנען וואָלטן מיר געוואוסט וועגן דער שסועה [12]? און ווען דניאל וואָלט אונדז ניט איבערגעחזרט דעם חלום, פון וואַנען וואָלטן מיר געוואוסט, אַז אירע נעגל זיינען פון קופּער [13]?

---

יב. [1] איז דאָך אחשורושעס באַפעל געווען אינגאַנצן איבעריק (און דאָס איז אויך דער זין פון ר׳ פּינחסעס מאמר). [2] אַ מצריש וואָרט: גאָט האָט גערעדט צו יידן אין דער שפּראַך וואָס זיי האָבן דאַן פאַרשטאַנען, און אַזוי ווי די שייכותן צווישן גאָט און ישראל ווערן אָפט געשילדערט אין תנך און אין דער אגדה ווי די שייכותן צווישן מאַן און ווייב, קומט אויס, אַז גאָט האָט דאָ געהאַנדלט אַנדערש ווי דער שטייגער פון דער וועלט און אַנדערש ווי אחשורושעס באַפעל. (אונדזער דערקלערונג איז לויטן מתנות כהונה. לויט אַנדערע מפרשים דאַרף זיך דער טעקסט אַזוי לייענען: „— — — קאָן ער זי נויטן? טוט זי דען ניט, וואָס זי וויל?" — — — „זאָל זי רעדן אויפן לשון פון מדי?" און אחשורוש האָט דאָ געפּאָדערט דאָס אוממעגלעכע. אָבער דאָס שטימט ניט מיטן מאמר וועגן הקדוש ברוך הוא מיט ישראל). טעקסט ענדערונג לויטן ילקוט יתרו, רפו. [4] אין ירושלמי, מגילה א, ט, איז דער נוסח סורסי, ארמיש. [5] זיך צו באַנוצן מיט איר שיינער שריפט.

אמר ר׳ נתן דבית גוברין: ארבע לשונות נאין הן שישתמש בהן עולם: לעז לזמר, פרסי לאלייה, עברי לדבור, רומי לקרב. ויש אומרים: אף אשורית לכתב. עברית יש לה דיבור ואין לה כתב, אשורית יש לה כתב ואין לה דיבור; בחרו להם כתב אשורית ולשון עברית.

בורגני אחד אמר: בררו להון לשון רומי מלשון יוני. ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: גנאי הוא לה, שחותמת שאינה שלה. ור׳ חנין בר אדא אמר: אף על פי כן — וטפרה די נחש, אינה חותמת אלא בלשונה. אמר ר׳ שמואל בר נחמן: מכאן אדם צריך לשנות את פרשיותיו, — אילו לא שנה לנו משה את התורה, מהיכן אנו יודעין השסועה? ואילו לא שנה לנו דניאל את החלום, מהיכן אנו יודעין וטפרה די נחש?

---

[6] קיינער באַנוצט זיך מער ניט מיט איר. [7] זע ירושלמי דאָרט: די תורה איז געגעבן געוואָרן אין כתב רעץ (די שומרונישע שריפט), און עזרא האָט איינגעפירט די אשורישע שריפט (אונדזער פירקאַנטיקן אלף בית). [8] ד״ה: רוימיש איז ניט מער ווי אַ גריכישער דיאַלעקט. דער רד״ל מיינט, דאָ דאַרף שטיין: רוימישע שריפט פון גריכישער שריפט, ווייל די לשונות זיינען ניט ענלעך. פירסט (באַמערקונגען צו וואונטשעס דייטשישער איבערזעצונג פון אסתר רבה) מיינט, אַז דאָס באַציט זיך אויף די גריכישע ווערטער וואָס זיינען אַריין אין דער רוימישער שפּראַך. [9] פּאַר רוים. [10] זי האַלט זיך חוצפהדיק (קופּער איז אַ סימבאָל פון חוצפה: ומצחך — און דיין שטערן איז פון קופּער, — ישעיה מח, ד), און כאָטש איר שפּראַך איז קיין שפּראַך ניט און אין אַלצדינג באַנוצט זי זיך מיט גריכיש, אָבער ווען עס קומט צו מלוכה דאָקומענטן, שרייבט זי זיי אין רוימיש (נאָגל ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי אַ פען, ווי צפורן אין העברעאיש, זע ירמיה יז, א). [11] אין ספר דברים (משנה תורה). [12]לויט אַ גמרא (חולין סג, ב) מיינט דאָס וואָרט שסועה (דברים יד, ז) אַ חיה אַזאַ, וואָס מע טאָר זי ניט עסן, און אין חומש ויקרא (יא), וואו עס ווערן אויסגערעכנט די טמאדיקע חיות, ווערט די חיה ניט דערמאָנט, הייסט עס, אַז משהס איבערחזרן די תורה האָט עפּעס צוגעגעבן. [13] ווען דער חלום ווערט דערציילט צום ערשטן מאָל (דאָרט פסוק ז), איז די אויבן געבראַכטע פראַזע ניטאָ.

# פרשה ה

## א

## [פתיחתא]

ר׳ עזריה האָט אָנגעהייבן (משלי כג, לא): אל תרא — פאַרקוק זיך ניט אויפן וויין, דען ער וועט זיך רויטלען, דען ער וועט לייגן זיין אויג אויפן כוס, ער וועט זיך לאָזן גיין גלאַטיק [1]. האָט ר׳ עזריה געזאָגט: פאַרקוק זיך ניט אויפן וויין, דען ער וועט זיך רויטלען, — דען ער [2] וועט גלוסטן צום בלוט פון נידה און צום בלוט פון אויספלוס. דען ער וועט לייגן זיין אויג אויפן כוס, — דער כתיב איז בכיס, אויפן בייטל [3], אַ לשון נקיה [4]; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט א, יד): כיס אחד — איין בייטל וועט זיין פאַר אונדז אַלעמען [5]. ער וועט זיך לאָזן גיין גלאַטיק, — דער סוף וועט זיין, אַז זיין ווייב וועט אים זאָגן: „ווי אַ רויטע רויז האָב איך געזען [6]״, אָבער ער וועט זיך ניט אָפּזונדערן פון איר. ר׳ אַסי האָט געזאָגט: אויב ער איז אַ תלמיד חכם, וועט ער לסוף דערקלערן דאָס ריינע פאַר אומריין און דאָס אומריינע — פאַר ריין.

אַן אַנדער פשט: אל תרא — פאַרקוק זיך ניט אויפן וויין, דען ער וועט זיך רויטלען, [דער טייטש דערפון איז] אוודאי וועט ער אים מאַכן רויט [7]. דען ער וועט לייגן זיין אויג אויפן כוס, — ער לייגט זיינע אויגן אויפן כוס, און דער קרעמער לייגט זיינע אויגן אויפן כיס [8]. ער וועט זיך לאָזן גיין גלאַטיק, — דער סוף וועט זיין, אַז ער וועט מאַכן זיין הויז גלאַט [9]; ער וועט זאָגן: „דאָס וואָס דער קופּערנער קרוג טוט, קען אַן ערדענער קרוג טאָן״, און ער וועט אים פאַרקויפן און טרינקען וויין פאַרן געלט; „און דאָס וואָס דער קופּערנער טאָפּ טוט, קאָן דער ערדענער טאָפּ טאָן״. און ער וועט אים פאַרקויפן און טרינקען וויין פאַרן געלט. ר׳ יצחק בר רדיפה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אַמין: דער סוף וועט זיין, אַז ער וועט פאַרקויפן אַלע זיינע הויז זאַכן און טרינקען פאַר זיי וויין.

ר׳ אחא האָט געזאָגט: מע דערציילט אַ מעשה וועגן איינעם אַ מענטשן, וואָס פלעגט פאַרקויפן זיינע [10] הויז זאַכן און טרינקען פאַר זיי וויין. האָבן זיינע זין געזאָגט: „דער טאַטע אונדזערער וועט אונדז גאָרניט איבערלאָזן״. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אים אָנגעטרונקען און אים גענומען און אַוועקגעטראָגן, און אים אַוועקגעלייגט אויף אַ בית עולם. זיינען פאַרבייגעגאַנגען ווייןהענדלערס [11] ביים טויער פונעם בית עולם, און זיי האָבן געהערט אַ טומל [12] אין שטאָט. האָבן זיי אָפּגעלייגט זייער געלאַד אויף יענעם בית עולם און געזאָגט: „לאָמיר גיין זען, וואָס איז עס

# פרשה ה

## א

## [פתיחתא]

רבי עזריה פתח (משלי כ״ג): אל תרא יין כי יתאדם, כי יתן בכוס עינו, יתהלך במישרים. א״ר עזריה: אל תרא יין כי יתאדם — כי יתאו לדם נידה ולדם זיבה. כי יתן בכוס עינו, — בכיס כתיב, לשון נקי; המד״א (שם א׳): כיס אחד יהיה לכלנו. יתהלך במישרים, — סוף שאשתו אומרת לו: „כשושנה אדומה ראיתי״, והוא אינו פורש ממנה. א״ר אסי: אם תלמיד חכם הוא, סוף שהוא מטמא את הטהור ומטהר את הטמא.

ד״א: אל תרא יין כי יתאדם, — ודאי מסמיק ליה. כי יתן בכוס עינו, — הוא נותן עיניו בכוס, וחנוני נותן עיניו בכיס. יתהלך במישרים, — סוף עביד ביתיה מישרא; אמר: „מה דהדין קיתונא דנחשא עביד, קיתונא דחספא עביד״, ומזבין ליה ושתי חמרא בטימיתיה; „ומה דא קידרא דנחשא עביד, קידרא דחספא עביד״, ומזבין ליה ושתי חמרא בטימיתיה. ר׳ יצחק בר רדיפה אמר בשם ר׳ אמי: סוף שמוכר כל כלי ביתו ושותה בהם יין.

א״ר אחא: מעשה באדם אחד, שהיה מוכר (כל) כלי ביתו ושותה בהם יין. אמרי בנוי: „לית הדין אבונן שביק לן כלום!״ מה עשו? אשקוניה ושקלוניה וטענוניה, ויהבוניה בחד בית עלם. עברין שפאין בתרע בית עלמא ושמעון אנגריא במדינתא. פרקון טועניהון בגו בית עלמא ההוא; אמרין: „ניזל ונחמי,

---

א. [1] די איבערזעצונג איז לויטן ווייטערדיקן דרש. [2] דער וואָס פאַרקוקט זיך אויפן ווײַן, דער שיכור. ער וועט גלוסטן צום בלוט איז אַ ראַשי־תבותדיקע אויסטייטשונג: יתאדם — יתאו לדם. [3] געשריבן איז אין פסוק בכיס, נאָר די מסורה הייסט לייענען (קרי) בכוס, און אויף דעם איז געבויט דער דרש. [4] אַ ריין לשון, אַן אייפעמיזם: דער פסוק, הייסט עס, רעדט פאַרשטעלט, און געמיינט ווערט דאָ די פרוי. [5] פאַרשטאַנען ווי איין פרוי (זע מהרז״ו ויקרא רבה יב, א). [6] אַ גרויסן בלוט פלעק. [7] ד״ה: דער טייל פונעם פסוק ווערט פאַרשטאַנען לויטן פשט (אַז דער טרינקער וועט רויט ווערן פונעם ווײַן); אָבער דאָס איבעריקע דאַרף געדרשנט ווערן (ידי משה, ויקרא רבה, דאָרט). [8] דאָ: אויפן בייטל. [9] הויל, ליידיק. [10] אין טעקסט איז דאָ פאַראַן דאָס וואָרט כל, אַלע זיינע הויז זאַכן; מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט לויטן נוסח אין ויקרא רבה (יב, א). [11] אין טעקסט איז דאָ פאַראַן דאָס וואָרט שנאון, וואָס האָט קיין זין ניט, און מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט לויטן נוסח פון ויקרא רבה (לויט יאסטראָוו איז עס אַ פאַרגרייזטע

פאַר אַ רעש אין שטאָט". האָט זיך אויפגעכאַפּט יענער אַלטער פון זיין שלאָף און האָט געזען אַ לאָגל ווייַן ליגנדיק איבער זיין קאָפּ. האָט ער אים אויפגעבונדן און אַריינגעטאָן אין מויל, און האָט געטרונקען און געטרונקען, ביז ער איז איינגעשלאָפן. אין דריי טעג אַרום האָבן זיינע זין געזאָגט: „זאָלן מיר ניט גיין זען, וואָס דער טאַטע אונדזערער טוט?" זיינען זיי געגאַנגען און האָבן אים געפונען, ערשט ער האַלט אַ לאָגל אין מויל. האָבן זיי געזאָגט: „אפילו דאָ פאַרלאָזט דיך ניט דיין באַשעפער! וויבאַלד דאָס איז דיר פון הימל, ווייסן מיר ניט, וואָס מיר קענען דיר טאָן". האָבן זיי אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז זיי זאָלן אים געבן טרינקען איטלעכער אַ טאָג.

אין פסוק שטייט (דאָרט כ"ג, לד): והיית — און דו[13] וועסט זיין ווי איינער וואָס ליגט אין מיטן ים, ווי דידאַזיקע שיף, וואָס ווערט געשלייַדערט[14] אויפן אָפענעם ים; וכשוכב — און ווי איינער וואָס ליגט אויפן שפּיץ מאַסט, ווי דערדאָזיקער האָן, וואָס זיצט אויבן אויף אַ שטריקל[15] און וויגט זיך הין און הער, הין און הער; ווי דערדאָזיקער שיפס קאַפּיטאַן, וואָס זיצט אויפן שפּיץ מאַסט און וויגט זיך הין און הער, הין און הער. (דאָרט פסוק לה) הכוני — מע האָט מיך געשלאָגן, און איך האָב ניט געפילט, — זיי האָבן אים צעגהרגט, און ער האָט ניט געשפּירט; הלמוני — מע האָט מיך צעקלאַפּט, און איך האָב ניט געוואוסט, — מע האָט אים באַנומען, און ער האָט ניט געוואוסט. דער שיכור האָט געטרונקען פינף קיסט[16], האָט מען אים געזאָגט: „צען קיסט האָסטו געטרונקען". און טאָמער מיינסטו, אַז ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן פון זיין שלאָף, וועט ער עס פאַרגעסן[17], לערנט אונדז דער פסוק (דאָרט): מתי — ווען כאַפּ איך זיך אויף, — איך וועל עס ווידער זוכן".

(דאָרט, פסוק כט): למי אוי — וועמען איז אוי? וועמען איז וויי? רב הונא האָט געזאָגט: דעם וואָס מיט זיך ניט אין תורה[18]: למי — ווער האָט קריגערייען? ווער האָט שטרייטיקייטן[19]? למי — ווער האָט אַ גערייַדעריי? ווער רעדט פּלוידערייען? למי — ווער האָט אומזיסטיקע וואונדן? ווער קריגט וואונדן פאַר גאָרניט? למאחרים — די וואָס שפּעטיקן זיך איבערן ווייַן. ס'איז אַמאָל געשען מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס איז געוואוינט געווען צו טרינקען צוועלף קיסט ווייַן יעדן טאָג. איין טאָג האָט ער געטרונקען עלף קיסט; האָט ער זיך געלייגט שלאָפן, און דער שלאָף איז ניט געקומען. איז ער אויפגעשטאַנען אין דער פינצטער, אַוועק צום ווייַנשענקער און אים געזאָגט: „פאַרקויף מיר אַ קיסט". האָט יענער געזאָגט צו אים: „איך וועל דיר ניט עפענען, דען ס'איז פינצטער, און איך האָב מורא פאַר די וועכטערס". האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזען אַ לאָך אין טויער. האָט ער געזאָגט צו אים: „גיב מיר פון דעם [ווייַן] דורך אָט דעם לאָך; דו וועסט אַרויסגעבן פון אינעווייניק, און איך וועל טרינקען אין דרויסן". האָט ער אים אַזוי געטאָן. האָט ער געטרונקען און איז איינגעשלאָפן פאַרן טויער. זיינען אים פאַרבייגעגאַנגען די וועכטערס

מה קלא במדינתא״. איתער ההוא סבא משינתיה, חמא זיקא יהיבא לעיל מן ראשיה. שרא יתיה ויהביה בפומיה, ושתי שתי, עד דניים שינתיה. לבתר תלתא יומין אמרין בניה: „לית אנן אזלינן וחזינן, מה ההוא אבונן עביד?״ אזלון ואשכחוניה, והא זיקא יהיב בפומיה. אמרי: „אף הכא לא שביק לך ברייך! הואיל והוא לך מן שמיא, לית אנן ידעין מה נעביד לך״. עבדי ביניהון תקנה, כל חד וחד הוה משקה ליה יומא.

כתיב (שם כ״ג): והיית כשוכב בלב ים, כהדא אילפא, (דדמכא) [דמטרפא] בפילגוס דימא; וכשוכב בראש חבל, כהדין תרנגולא, דיתיב בריש חבלא, אזל ואתי, אזיל ואתי; כהדין קברניטא, דיתיב ברש תורנא, אזיל ואתי, אזיל ואתי. (שם) הכוני, בל חליתי, מחו ליה ולא מרגיש; הלמוני, בל ידעתי, טלמון ליה ולא ידע. שתי שכרא חמשא קוסטין, אמרין ליה: „עשרה קוסטין אישתית״. ואם תאמר, דמיתער הוא משינתיה ואנשי ליה, תלמוד לומר (שם): מתי אקיץ, אוסיף אבקשנו עוד.

למי אוי? למי אבוי? רבי הונא אמר: למי שאינו עמל בתורה; למי מדינים — למי דינין? למי שיח — למי פיטטין? למי פצעים חנם — למי פדעין דמגן? למאחרים על היין.

עובדא הוה בחד בר נש, דהוה אליף למשתי תרי עשר קיסטין דחמר בכל יום. יומא חד אישתי חד עשר קיסטין; דמך ולא אתא שינתא. קם בחשוכא, אזל לבי קפילא, אמר ליה: „זבון לי חד קיסטא״. א״ל: „לא פתחנא לך דהיא חשיכא, וצרי לי מן נטוריא״. תלא עייניה וחזא נוקבא בתרעא. א״ל: „הב לי מיניה בהדין נוקבא; את מפני מלגו, ואנא שתי מלבר״. עבד ליה כן. אשתי ודמך קדם תרעא. עברון עליה נטוריא, סבורניה, דהוא גנב. מחיוניה ופדעוניה. וקרו עליה: למי פצעים חנם, למאן פדעין דמגן?

---

**און האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ גנב. האָבן זיי אים געשלאָגן און צעוואונדיקט.** האָט מען געלייענט אויף אים דעם פסוק: למי פצעים חנם — ווער האָט אומזיסטיקע וואונדן?

---

איבערחזרונג פונעם וואָרט שפאין, וויינהענדלערס). [12] ווערטערלעך: אַ צוואונגזאמלונג (ווען די רעגירונג צווינגט מענטשן צו מיליטער, אַדער לייגט אַרויף אַן אַרעסט אויף פאַרמעגן, אא״וו), און דאָס האָט אַרויסגערופן דעם טומל. [13] געמיינט דעם שיכור. [14] אין טעקסט שטייט דדמכא (וואָס שלאָפט); מיר האָבן עס געענדערט אויף דמטרפא (וואָס ווערט געשליידערט) לויט ויקרא רבה. [15] חבל — חיבל. [16] אַ רוימישע מאָס, אַרום אַ האַלבע קוואָרט. [17] אַוועקוואַרפן דאָס טרינקן. [18] אַזאַ איינער גיט זיך אָפּ מיט שכרות

למי — ווער האָט רויטע אויגן, — **ווער האָט זונען ארום די אויגן?** **ווער האָט דאָס אַלץ?** למאחרים — די וואָס שפּעטיקן זיך איבערן ווײַן, **דער וואָס גייט אַרײַן אין ווײַנשענק דער ערשטער און גייט אַרויס דער לעצטער.** לבאים — די וואָס קומען נאָכזוכן דעם מישטרונק, **אַז ער הערט, אַז עמיצער האָט גוטן ווײַן, יאָגט ער זיך נאָך אים. וואָס שטייט וועגן אים צום סוף?** (פסוק לב) אחריתו — צום סוף וועט ער ווי אַ שלאַנג בײַסן און ווי אַ נאָטער וועט ער אָפּשיידן[20], — **אַזוי ווי דער נאָטער שיידט אָפּ צווישן טויט און לעבן**[21], **אַזוי האָט דער ווײַן אָפּגעשיידט צווישן אדמען און חוהן**[22]. **דען ר' יהודה דער זון פון ר' אלעאי האָט געזאָגט: דער בוים וואָס אדם הראשון האָט געגעסן פון אים איז געווען פון טרויבן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דברים לב, לב): ענבימו — זייערע טרויבן זייַנען טרויבן פון גיפט[23], הענגלעך פון ביטערניש האָבן זיי, — **דידאָזיקע האָבן געבראַכט ביטערניש אויף דער וועלט.**

**אַן אַנדער פּשט:** און ווי אַ נאָטער וועט ער אָפּשיידן, — **אַזוי ווי דער נאָטער שיידט אָפּ צווישן טויט און לעבן, אַזוי האָט דער ווײַן אָפּגעשיידט צווישן נוחן און זײַנע זין**[24] **צו קנעכטשאַפֿט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (בראשית ט, כא): וישת — און ער האָט געטרונקען פונעם ווײַן און איז שיכור געוואָרן, און ער האָט זיך אָפּגעדעקט אין זײַן געצעלט, **וואָס צוליב דעם האָט ער געזאָגט** (דאָרט פסוק כה): פֿאַרשאָלטן זאָל זײַן כנען, [אַ קנעכט פון קנעכט זאָל ער זײַן].

**אַן אַנדער פּשט:** און ווי אַ נאָטער וועט ער אָפּשיידן, — **אַזוי ווי דער נאָטער שיידט אָפּ צווישן טויט און לעבן, אַזוי האָט דער ווײַן אָפּגעשיידט צווישן לוטן און זײַנע טעכטער צו ממזרשאַפֿט**[25]**; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט יט, לג): ותשקין — און זיי האָבן אָנגעטרונקען זייער פֿאָטער מיט ווײַן אין יענער נאַכט, **וואָס דורך דעם** — ותהרין — זײַנען טראָגעדיק געוואָרן ביידע לוטס טעכטער פון זייער פֿאָטער.

**אַן אַנדער פּשט:** און ווי אַ נאָטער וועט ער אָפּשיידן, — **אַזוי ווי דער נאָטער שיידט אָפּ צווישן טויט און לעבן, אַזוי האָט דער ווײַן אָפּגעשיידט צווישן אהרונען און זײַנע זין צום טויט. דען מיר האָבן געלערנט: ר' שמעון זאָגט: אהרונס קינדער זײַנען געשטאָרבן ניט אַנדערש, נײַערט דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען אַרײַן ווײַן־באַטרונקענע אין אוהל מועד. ר' פינחס אין נאָמען פון ר' לוין האָט געזאָגט: ס'איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ געטרײַען שטוב מענטש; איינמאָל האָט ער אים געפֿונען שטייענדיק אין דער טיר פונעם הויז, האָט ער אים אָן אַ וואָרט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און האָט באַשטימט אַן אַנדער שטוב מענטש אויף זײַן אָרט; און מיר ווייסן ניט, פֿאַרוואָס ער האָט געהרגעט דעם ערשטן. נײַערט פון דעם וואָס ער האָט באַפֿוילן דעם צווייטן און אים געזאָגט: „דו זאָלסט ניט אַרײַנגיין אין טיר פונעם הויז״, ווייסן מיר, אַז איבער דעם האָט ער געהרגעט דעם ערשטן. אַזוי** (ויקרא י, ב): ותצא — און ס'איז אַרויס אַ פֿײַער פון

למי חכלילות עינים — **למאן שמשין דעיינין? כל אלה למי?** למאחרים על היין, **זה שנכנס לבי קפילא קדמאי ונפק בתראי.** לבאים לחקור ממסך — **מן דשמע, הן אית ליה חמרא טבא, רדיף בתריה. מה כתיב בו בסוף?** (שם) אחריתו כנחש ישך וכצפעוני יפריש, — **מה צפעון זה מפריש בין מיתה לחיים, כך הפריש היין בין אדם לחוה. דאמר ר׳ יהודה בר׳ אלעאי: אותו העץ שאכל ממנו אדם הראשון ענבים היו; הה״ד** (דברים ל״ב): ענבימו ענבי ראש, אשכלות מרורות למו — **הללו הביאו מרורות לעולם.**

**דבר אחר:** וכצפעוני יפריש, — **מה צפעון זה מפריש בין מיתה לחיים, כך הפריש היין בין נח לבניו לעבדות; הה״ד** (בראשית ט׳): וישת מן היין וישכר, ויתגל בתוך אהלה, **שמתוך כך אמר:** ארור כנען.

**ד״א:** וכצפעוני יפריש, — **מה צפעוני זה מפריש בין מיתה לחיים, כך הפריש היין בין לוט לבנותיו לממזרות; הה״ד** (שם יט): ותשקין את אביהן יין בלילה ההוא, **שמתוך כך,** — ותהרין שתי בנות לוט מאביהן.

**ד״א:** וכצפעוני יפריש, — **מה צפעוני זה מפריש בין מיתה לחיים, כך הפריש היין בין אהרן לבניו למיתה. דתני: ר׳ שמעון אומר: לא מתו בני אהרן, אלא שנכנסו שתויי יין לאהל מועד. רבי פנחס בשם רבי לוי אמר: משל למלך, שהיה לו בן בית נאמן. מצאו עומד על פתח הבית, והתיז את ראשו בשתיקה, ומינה בן בית אחר תחתיו; ואין אנו יודעין מפני מה הרג את הראשון. אלא ממה שצוה את השני ואמר לו: „אל תכנס בפתח הבית״, אנו יודעים, שמתוך כך הרג לראשון. כך** (ויקרא י׳): ותצא אש מלפני ה׳ ותאכל אותם, **אין אנו יודעין, מפני מה**

---

פאַר גאָט און האָט זיי פאַרצערט. און מיר ווייסן ניט, פאַרוואָס זיי זיינען געשטאָרבן. נייערט פון דעם וואָס ער באַפעלט אהרונען און זאָגט אים

---

און אַנדערע נאַרישקייטן. [19] די איבערחזרונגען, דאָ און אין די ווייטערדיקע צוויי ציטאַטן, נעמען זיך פון דעם, וואָס דער בעל המדרש גיט די אַראַמישע איבערזעצונג פונעם פסוק. [20] איבערגעזעצט לויטן דרש. [21] טיילט אָפּ דעם געביסענעם פון די לעבעדיקע. [22] נאָך דער גזירה פון טויט האָט אדם הראשון זיך אָפּגעשיידט פון חוהן אויף הונדערט און דרייסיק יאָר (עירובין יח, ב). [23] ראש. אין חומש איז דאָס וואָרט געשריבן מיט אַ וו, רוש; משמעות, אַז דער בעל המדרש האָט מיט אַ כוונה געשריבן ראש (ווי אין דברים כט, יז), כדי אָנצודייטן אויף אדם הראשונען. [24] גענויער צווישן נוחס זין, ווען נוח האָט פאַרשאָלטן חמס זון, ווי ווייטער. [25] וואָרום די כוונה פון לוטס טעכטער איז געווען

(דאָרט פסוק ט): יין — ווײַן און שטאַרקן געטראַנק זאָלסטו ניט טרינקען, **ווײַסן מיר דורך אגב, אַז זיי זײַנען געשטאָרבן ניט אַנדערש, נײַערט איבערן ווײַן**[26].

אַן אַנדער פשט און ווי אַ נאָטער וועט ער אָפּשיידן — **אַזוי ווי דער נאָטער שיידט אָפּ צווישן טויט און לעבן, אַזוי האָט דער ווײַן אָפּגעשיידט צווישן די צען שבטים און די שבטים פון יהודה און בנימין צו גלות**[27]. **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה ה, יא): הוי — ווי, די וואָס פעדערן זיך אין דער פרי, דעם טרונק יאָגן זיי נאָך; די וואָס שפּעטיקן זיך בײַנאַכט, ביז דער ווײַן צינדט זיי אָן, **וואָס איבער דעם** —(דאָרט, פסוק יג) לכן — דעריבער גייט מײַן פאָלק אין גלות, צוליבן ניט פאַרשטיין.

**אַן אַנדער פשט** און ווי אַ נאָטער וועט ער אָפּשטיין, — **אַזוי ווי דער נאָטער שיידט אָפּ צווישן טויט און לעבן, אַזוי האָט דער ווײַן אָפּגעשיידט דעם שבט יהודה און שבט בנימין צו גלות**[28]**; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט כח, ז): וגם אלה — און אויך די־דאָזיקע פּלאָנטערן זיך פון ווײַן און וואַקלען זיך פון געטראַנק: **[עס האָט געקענט שטיין]** אלה, די־דאָזיקע, **[און עס שטייט]** וגם אלה, און אויך די־דאָזיקע[29].

**אַן אַנדער פשט** און ווי אַ נאָטער וועט ער אָפּשיידן, — **אַזוי ווי דער נאָטער שיידט אָפּ צווישן טויט און לעבן, אַזוי האָט דער ווײַן אָפּגעשיידט צווישן איין מלכות און דער צווייטער**[30] **צו דער הריגה; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דניאל ה, ב) בלשאצר אמר — בלשאצר האָט געזאָגט, ווען ער האָט פאַרזוכט דעם ווײַן, [מע זאָל ברענגען די גילדערנע און זילבערנע כלים, וואָס נבוכדנצר זײַן פאָטער האָט אַרויסגענומען פון דעם טעמפּל וואָס אין ירושלים, כדי עס זאָל טרינקען אין זיי דער מלך און זײַנע האַרן — — —], **און דורך דעם [איז געקומען] וואָס דער פסוק זאָגט** (דאָרט פסוק ל): ביה בליליא — אין יענער נאַכט איז געהרגעט געוואָרן בלשאצר דער כשדישער מלך.

**אַן אַנדער פשט:** און ווי אַ נאָטער וועט ער אָפּשיידן, — **אַזוי ווי דער נאָטער שיידט אָפּ צווישן טויט און לעבן, אַזוי האָט דער ווײַן אָפּגעשיידט צווישן אחשוורושן און ושתין אויף צו הרגענען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (אסתר א, י): ביום השביעי — אויפן זיבעטן טאָג, אַז דעם מלך איז געווען גוט אויפן האַרצן פונעם ווײַן, **וואָס דורך דעם האָט ער געצאָרנט אויף איר און זי דערהרגעט.**

ב

(ב, א) אחר — נאָך די־דאָזיקע געשעענישן, אזוי ווי עס האָט זיך אײַנגעשטילט דער צאָרן פונעם קיניג אחשורוש. **ר' איבו האָט געזאָגט אין**

---

לשם מצוה, אויפצוהאַלטן דעם מין מענטש אויף דער וועלט, בעת נוחס כוונה איז געווען לשם עבירה (נזיר כג, א). [26] אין ויקרא רבה, וואו עס ווערט באַהאַנדלט דער טעקסט פון ויקרא י (די מעשה מיט אהרונס זין), ענדיקט זיך מיט דעם די דרשה. אונדזער בעל המדרש זעצט פאָר די דרשה ווייטער, ביז ער דערפירט צו ושתיס טויט. [27] איבער דער זינד פון שיכרות זײַנען די צען שבטים פאַרטריבן געוואָרן פריער. [28] אָפּגעשיידט זיי פון לאַנד. [29] קומט דער וגם אונדז צו לאָזן הערן, אַז אויך די צוויי שבטים זײַנען, ווי יענע צען, געגאַנגען אין גלות צוליבן חטא פון שיכרות. [30] צווישן בבל און פרס.

מתו. אלא ממה שמצוה את אהרן ואומר לו (שם): יין ושכר אל תשת, אנו יודעין מתוך כך, שלא מתו, אלא על היין.

ד״א: וכצפעוני יפריש, — מה צפעון זה מפריש בין מיתה לחיים, כך הפריש היין בין עשרת השבטים לשבט יהודה ובנימין לגלות; הה״ד (ישעיה ה׳): הוי משכימי בבקר, שכר ירדפו; מאחרי בנשף, יין ידליקם, שמתוך כך — (שם) לכן גלה עמי מבלי דעת.

ד״א: וכצפעוני יפריש, — מה צפעון זה מפריש בין מיתה לחיים, כך הפריש היין לשבט יהודה ושבט בנימין לגלות; הה״ד (שם כ״ח): וגם אלה ביין שגו ובשכר תעו: אלה — וגם אלה.

ד״א: וכצפעוני יפריש, — מה צפעון זה מפריש בין מיתה לחיים, כך הפריש היין בין מלכות למלכות להריגה; הה״ד (דניאל ה׳): בלשאצר אמר בטעם חמרא, שמתוך כך אמר (שם): בה בליליא קטיל בלשאצר מלכא כשדיא.

ד״א: וכצפעוני יפריש, — מה צפעון זה מפריש בין מיתה לחיים, כך הפריש היין בין אחשורוש לושתי להריגה; הה״ד: ביום השביעי כטוב לב המלך ביין, שמתוך כך קצף עליה והרגה.

ב

(ב, א) אחר הדברים האלה, כשך חמת המלך אחשורוש. א״ר איבו בשם ר׳ יוסי בן זמרא: כל מקום שנאמר אחר — סמוך; אחרי — מופלג. ורבנן משום ר׳ יוסי בן זמרא: כל מקום שנאמר אחרי — סמוך; אחר — מופלג.

כשך חמת המלך אחשורוש — „בשך״ אין כתיב כאן, אלא כשך: שכיכה שאינה שכיכה.

---

נאָמען פון ר׳ יוסי בן זמרא: אומעטום וואו עס ווערט געזאָגט אחר, נאָך, איז עס גלייך נאָכדעם; אחרי, איז עס פיל שפּעטער. און די רבנן זאָגן אין נאָמען פון ר׳ יוסי בן זמרא: אומעטום וואו עס ווערט געזאָגט אחרי, איז עס גלייך נאָכדעם; אחר, איז עס פיל שפּעטער [1].

כשך — אַזוי ווי עס האָט זיך איינגעשטילט דער צאָרן פונעם קיניג אחשורוש — עס שטייט דאָ ניט „בשך״, ווען עס האָט זיך איינגעשטילט, נייערט כשך, אַזוי ווי עס האָט זיך איינגעשטילט: אַן איינגעשטילטקייט וואָס איז ניט קיין איינגעשטילטקייט.

---

ב. [1] די מיינונגען זיינען דאָ צעטיילט בנוגע דער פראַגע, צי איז אחשורושעס כעס

זכר — האָט ער זיך דערמאָנט אָן ושתין: אָן דער גזירה וואָס ער האָט גוזר געווען אויף איר, זי זאָל אַריינגיין צו אים אַ נאַקעטע, און זי איז ניט אַריין, און ער האָט געצאָרנט אויף איר און זי געהרגעט. נאָכדעם ווי ער האָט זי געהרגעט, האָט ער אָנגעהויבן זיך באַרעכענען: פאַרוואָס? זי האָט דאָך געטאָן ווי עס געהער צו זיין, ואת — און דאָס וואָס איז אויף איר נגזר געוואָרן, איז ניט ווי עס געהער צו זיין. טאָ פאַרוואָס איז עס איר אַזוי געשען? איבער דעם וואָס זי האָט ניט געלאָזט אחשורושן געבן דערלויבניש צו בויען דעם בית המקדש; זי פלעגט אים זאָגן: „דאָס וואָס מיינע עלטערן האָבן חרוב געמאַכט ווילסטו אויפבויען?" —

(ב, ב) ויאמרו — האָבן געזאָגט דעם מלכס יונגען, זיינע משרתים — — — —[2].

ג

(ב, ג) ויפקד — און זאָל דער מלך באַשטימען אויפזעערס אין אַלע מדינות פון זיין מלוכה, [און זיי זאָלן צונויפזאַמלען וואו נאָר אַ יונג מיידל]. וואָס [פאַר אַ שלעכטס] האָט ער געזען [אויף זיי]?[1] רב הונא האָט געזאָגט: ווייל זיי פלעגן פאַרשעמען די טעכטער פון ישראל, [אַזוי צו זאָגן]: „זיי זיינען מיאוסקייטן, און קיינער וויל זיך אויף זיי ניט אומקוקן", דעריבער זיינען זיי געקומען צו דערדאָזיקער צרה.

ר' חנינא בר שילקא און ר' יהושע פון סיכנין און ר' לוי זאָגן אין נאָמען פון ר' יוחנן: אַז אַ ייד און אַ גוי וואוינען אין איין הויף, און דער ייד האָט צוגעשטעלט זיין טאָפּ און דער גוי האָט זיך אָנגערירט אָן דעם, איז ער ניט טמא; האָט דער גוי צוגעשטעלט זיין טאָפּ, און אַ ייד האָט זיך אָנגערירט אָן דעם, זאָגט ער: „ס'איז טמא". אויב אפילו עס זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם וויפיל שקצים ורמשים, עסט ער עס; אָבער אַז אַ ייד האָט געמאַכט זיין [עסן] אין אים, צעברעכט ער אים[2].

אין פסוק שטייט אַזוי (ירמיה נ, כט): השמיעו — לאָזט צונויפרופן אויף בבל די פיילן־שיסערס, אַלע וואָס שפאַנען אַ בויגן — — — [צאָלט איר לויט איר טוואונג] — האָט זי דען זילבער גענומען[3], אַז זי זאָל געבן זילבער? האָט זי דען גאָלד גענומען, אַז זי זאָל געבן גאָלד? (איכה ה, יא): נשים — פרויען האָבן זיי אין ציון געפייניקט! וואָס זשע לערנט אונדז דער פסוק[4]? ביירערט אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „איר זענט להוט נאָך זנות, — [איך שווער] ביי אייער לעבן, אַז איך וועל אָנברענגען אויף אייך אַן אומה, וואָס וועט ניט זוכן פון אייך ניט קיין זילבער, ניט קיין גאָלד; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה יג, יז): הנני מעיר — אָט דערוועק איך אויף זיי מדי, וואָס קיין זילבער אַכטן זיי ניט און קיין גאָלד ווילן זיי ניט. און וואָס וועט זי זוכן פון אייך? (דאָרט פסוק יח) וקשתות — און בויגנס וועלן צעשפאַלטן די יונגען, און אויף פרוכט פון לייב וועלן זיי קיין רחמנות ניט האָבן[5].

(ב, ג) אל יד הגא — אונטער דער האַנט פון הגא, דעם קיניגס קאַמערדינער, דעם היטער פון די פרויען, — אָן אָפּגעריבענער[6] איז ער

זכר את ושתי: **גזירה זאת שגזר עליה, שתכנס לפניו ערומה, ולא נכנסה, וקצף עליה והרגה. מן דקטלה, שרי תהי ביה: למה? שעשתה כהוגן**, ואת אשר נגזר עליה **שלא כהוגן. ולמה עלתה לה כך? לפי שלא היתה מנחת לאחשורוש ליתן רשות לבנות בית המקדש, ואומרת לו: „מה שהחריבו אבותי אתה מבקש לבנות?"**

ויאמרו נערי המלך, משרתיו, **וגו'.**

ג

(ב, ג) ויפקד המלך פקידים בכל מדינות מלכותו. **מה ראה? א"ר הונא: על ידי שהיו מבזות בבנות ישראל: „כעורות, ואין כל בריה משגיח עליהן", לפיכך באו לידי המספק הזה.**

**ר' חנינא בר שילקא ור' יהושע דסכנין ור' לוי בשם ר' יוחנן אמרין: ישראל וגוי דרים בחצר אחד, ושפה ישראל קדרתו ונגע בה הגוי, אינה טמאה; שפה הגוי קדרתו ונגע בה ישראל, הוא אומר: „טמאה". ואפילו נפלו לתוכה כמה שקצים ורמשים, הוא אוכלה; ואם ישראל עושה את שלו לתוכה, הוא שוברה!**

**כך כתיב** (ירמיה נ'): השמיעו אל בבל רבים, כל דורכי קשת, **וגו'. — וכי כסף נטלה, שתתן כסף? זהב נטלה, שתתן זהב?** (איכה ה') נשים בציון ענו! **מה תלמוד לומר? אלא כך אמר הקב"ה: אתם להוטים אחר הערוה; חייכם, שאני מביא עליכם אומה, שאינה מבקשת מכם לא כסף ולא זהב; הה"ד** (ישעיה י"ג): הנני מעיר עליהם את מדי, אשר כסף לא יחשבו וזהב לא יחפצו בו. **ומה מבקשת מכם?** (שם) וקשתות נערים תרטשנה, ופרי בטן לא ירחמו, **וגו'.**

אל יד הגא סריס המלך, שומר הנשים, — **מחוי היה, והיה**

---

אָפּגעגאַנגען גלייך נאָך ושתיס טויט, צי מיט אַ צייט שפּעטער. [2] דער פּסוק ווערט דאָ געבראַכט נאָר כדי ניט צו לאָזן קיין בלויז אין די האַנדלונגען (זע אויבן ד, י, באַמ. 7).

ג. [1] מיט וואָס האָבן זיך די פּערסישע פּרויען אַזוי פאַרזינדיקט פאַרן אייבערשטן, וואָס ער האָט געבראַכט אויף זיי די דערנידערונג געבראַכט צו ווערן צוזערשט צום קיניג און נאָכדעם צוריקגעוויזן צו ווערן. [2] אויף אַזוי ווייט פלעגן די גויים מבזה זיין די יידן (זע איכה רבה א, לט). [3] פון די יידן, און מער קיין שלעכטס זיי ניט געטאָן, אַז זי זאָל יוצא זיין מיטן צוריקצאָלן דאָס צוגענומענע? [4] צאָלט איר ווי איר טואונג. [5] דאָ וואָלט זיך גיכער געפּאַסט צום ענין דער פריערדיקער פּסוק (טז), וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער: ונשיהם תשגלנה — און זייערע ווייבער וועלן געשענדט ווערן. [6] אַ לשון נקיה. פאַר איינעם וואָס האָט פאַרלאָרן זיין מענלעכקייט, באַזונדערס דורך אַן אויסגע־לאָסן לעבן.

**געוועזן, און ער איז געוועזן דער ממונה איבער די יונגפרויען. און דעסטגלייכן** (אסתר ב, יד): אל יד — אונטער דער האַנט פון שעשגז, דעם קיניגס קאַמערדינער, דעם היטער פון די קעפּסווייבער, — **אַן אויסגעטריקנטער איז ער געוועזן, און ער איז געוועזן דער ממונה איבער די ווייבער.**

ד

(ב, ד) והנערה — און דאָס מיידל וואָס וועט וואוילגעפעלן אין די אויגן פון דעם קיניג — — —. **ווער איז פּאַסיק דערפאַר?** [1] **מרדכי** (ה): איש יהודי — איינער אַ ייד איז געוועזן אין שושן דער הויפּטשטאָט, און זיין נאָמען איז געוועזן מרדכי [2]. **דעסטגלייכן** (שמות ב, כה): וירא אלהים — און גאָט האָט געזען די בני ישראל, און גאָט האָט דערקענט, — **ווער איז פּאַסיק דערפאַר? משה** (דאָרט ג, א): ומשה — און משה פלעגט פּיטערן — — —. **און דעסטגלייכן** (שמואל א, ח, כב): ויאמר — און שמואל האָט געזאָגט צום פאָלק: גייט יעדערער צו זיין שטאָט, — **ווער איז פּאַסיק דערפאַר?** [3] **שאול, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט ט, א): ויהי — און עס איז געוועזן אַ מאַן פון בנימין און זיין נאָמען איז געוועזן קיש. **און דעסטגלייכן** (שמואל א, יז, יא): וישמע שאול — און אַז שאול און גאַנץ ישראל האָבן געהערט דידאָזיקע רייד פון דעם פלשתי, אַזוי האָבן זיי זיך דערשראָקן און האָבן זייער מורא געהאַט, — **ווער איז פּאַסיק דערפאַר?** דוד (דאָרט, פּסוק יב): ודוד — און דוד איז געוועזן דער זון פון אַן אפרתער מאַן.

**ר׳ יהושע בר אבירם האָט געזאָגט [וועגן דעם נאָך] צוויי זאַכן: עס שטייט געשריבן** (שופטים ד, ג): והוא לחץ — און ער האָט געדריקט די קינדער פון ישראל מיט כוח. (וואָס הייסט מיט כוח? **ר׳ יצחק האָט געזאָגט: מיט באַליידיקונגען און לעסטערונגען; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט** (מלאכי ג, יג) חזקו — שטאַרק [4] **זיינען אייערע רייד קעגן מיר.) ווער איז פּאַסיק דערפאַר? דבורה; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (שופטים ד, ד): ודבורה — און דבורה, אַ פרוי אַ נביאה, די ווייב פון לפידות. **ר׳ יהושע בר אבירם האָט געזאָגט נאָך אַ זאַך:** (דאָרט י, יח): ויאמרו העם — און דאָס פאָלק, די האַרן פון גלעד, האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: דער מאַן וואָס וועט אָנהייבן מלחמה האַלטן מיט די קינדער פון עמון וועט ווערן דער עלטסטער פון אַלע איינוואוינער פון גלעד, — **ווער איז פּאַסיק דערפאַר? יפתח** (דאָרט יא, א): ויפתח — און יפתח דער גלעדער איז געוועזן אַ העלדישער מאַן.

**ממונה על הבתולות. ודכוותיה:** אל יד שעשגז סריס המלך, שומר הפלגשים, — **שחוף היה, והיה ממונה על הנשים.**

ד

(ב, ד) והנערה אשר תיטב בעיני המלך, וגו׳. **מי הגון לדבר זה? מרדכי:** איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי. **דכוותיה** (שמות ב׳): וירא אלהים את בני ישראל, וידע אליהם, — **מי הגון לדבר זה? משה:** ומשה היה רועה. **ודכוותיה** (שמואל א׳ ח׳): ויאמר שמואל אל העם: לכו איש לעירו, וגו׳, — **מי הגון לדבר זה? שאול, שנאמר** (שם ט׳): ויהי איש מבנימין ושמו קיש. **ודכוותיה** (שמואל א׳ י״ז): וישמע שאול וכל ישראל את דברי הפלשתי, ויחתו ויראו מאד, — **מי הגון לדבר זה? דוד** (שם): ודוד בן איש אפרתי היה.

**ר׳ יהושע בר אבירם אמר תרתי: כתיב** (שופטים ד׳): והוא לחץ את ישראל בחזקה. (**מהו** בחזקה? **א״ר יצחק: בחירופין ובגידופין; היאך מה דאת אמר** (מלאכי ג׳): חזקו עלי דבריכם.) **מי הגון לדבר זה? דבורה; הה״ד** (שופטים ד׳): ודבורה אשה נביאה, אשת לפידות. **ר׳ יהושע בר אבירם אמר חורי** (שם י׳): ויאמרו העם, שרי גלעד, איש אל רעהו: מי האיש אשר יחל להלחם בבני עמון, יהיה לראש לכל יושבי גלעד, — **מי הגון לדבר זה? יפתח** (שם י״א): ויפתח הגלעדי היה גבור חיל.

---

ד. [1] אַז פון זיין הויז זאָל אַרויסקומען די הילף? [2] פון דעם וואָס די מגילה דערציילט וועגן מרדכין אינעם נוסח פון אַ נייער מעשה דרינגט דער בעל המדרש, אַז די כוונה איז אַרויסצושטעלן מרדכין ווי אַ וויכטיקע פערזענלעכקייט, וואָס איז דער פּאַסיקסטער מענטש צו האַנדלען אין דער געשאַפענער לאַגע; און אַזוי איז עס אויך אין די ווייטערדיקע פאַלן. [3] צו זיין מלך איבער ישראל. [4] חוצפּהדיק.

# פרשה ו

## א

## [פתיחתא]

(תהלים קו, ג) אשרי — וואויל איז די וואָס היטן גערעכטיקייט, דעם וואָס טוט רעכטפאַרטיקייט אין יעדער צייט. **אין ר׳ טרפונס אויבערשטיבל האָט מען זיך געציילט [1] און געזאָגט: ווער איז דער** וואָס טוט רעכטפאַרטיקייט אין יעדער צייט? **ווועסטו זאָגן, אַז דאָס זיינען די פסוק מלמדים און די משנה מלמדים, — צי דען עסן זיי ניט און טרינקען ניט און שלאָפן ניט [2]?** טאָמער [ווועסטו זאָגן], **אַז דאָס זיינען די וואָס שרייבן תפילין און מזוזות, — צי דען עסן זיי ניט און טרינקען ניט און שלאָפן ניט? נייערט ווער איז דער** וואָס טוט רעכטפאַרטיקייט אין יעדער צייט? **זאָג זשע: דער וואָס האָדעוועט אַ יתום ביי זיך אין הויז [3].** [**האָט מען געפרעגט:**] **קאָנסטו זאָגן, אַז ער ליגט ניט נאַקעט ביינאַכט [4]? האָבן זיי געזאָגט: מיר דאַרפן נאָך אַלץ אָנקומען צום מודעי. אַז ר׳ אלעזר המודעי איז געקומען, האָט ער געלערנט: די תורה רעדט ניט וועגן עפּעס אַנדערש, נייערט וועגן דעם שטיקל ברויט וואָס ער עסט ביי אים אין הויז [5].**

**אַן אַנדער פשט:** וואויל איז די וואָס היטן גערעכטיקייט, **דאָס איז מרדכי;** דעם וואָס טוט רעכטפאַרטיקייט צו יעדער צייט, **דען ער האָט געהאָדעוועט אַ יתומה אין זיין הויז. דוד האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: ״ריבונו של עולם!** (דאָרט פסוק ד׳) זכרני ה׳ — גדענק מיך, גאָט, ביים באַוויליקן דיין פאָלק,דערמאָן מיך בעת דיין הילף, **בעת דו ווועסט טאָן הילף צו ישראל דורך מרדכין און אסתרן״, — ווען המן האָט געוואָלט פאַר־טיליקן ישראל און ער האָט אָפּגעוואויגן צען טויזנט צענטנער זילבער אויף די הענט פון די וואָס פירן אָן מיט דער אַרבעט פון אחשורושן, ווי עס שטייט געשריבן** (אסתר ג, ט): ועשרת אלפים — און צען טויזנט צענטנער זילבער — — —, **און וואָס שטייט דאָרט?** איש יהודי — **אַ מאַן** פון [שבט] יהודה [6].

## ב

(ב, ה) איש יהודי — איינער אַ ייד איז געווען אין שושן דער הויפּטשטאָט. איש, אַ מאַן, — **דער פסוק לערנט אונדז, אַז מרדכי אין זיין דור איז געווען גלייך ווי משה אין זיין דור, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (במדבר יב, ג):

---

**א. [1] מע האָט געזוכט צו קומען צו אַ הסכם דורך אַן אָפּשטימונג. [2] מיינט עס, אַז ניט אין יעדער צייט טוען זיי רעכטפאַרטיקייט. [3] און דער יתום טראָגט אַלעמאָל זיינע קליידער. [4] איז דאָך שוין זיין רעכטפאַרטיקייט ניט באַשטענדיק. [5] דאָס עסן וואָס ער גיט דעם יתום האַלט אים אויף כסדר, אפילו ווען ער עסט ניט, הייסט עס**

# פרשה ו

## א

## [פתיחתא]

(תהלים ק״ו) אשרי שומרי משפט, עושה צדקה בכל עת. **נמנו בעלית ר׳ טרפון ואמרו: איזה הוא שעושה** צדקה בכל עת? **אם תאמר:** אלו סופרים ומשנים — **אינן לא אוכלים ולא שותין ולא ישנים? אלא אלו כותבי תפילין ומזוזות, — אינן לא אוכלים ולא שותין ולא ישנים? אלא איזהו** עושה צדקה בכל עת? **הוי אומר: זה המגדל יתום בתוך ביתו. תימר, שאין מתגלגל ערום בלילה? אמרו: עדיין צריכין אנו למודעי. בא ר׳ אלעזר המודעי ולמד: לא דברה תורה אלא מתוך פרוסה שאוכלה בתוך ביתו.**

**ד״א:** אשרי שומרי משפט, **זה מרדכי;** עושה צדקה בכל עת, **שגדל יתומה בתוך ביתו. אמר דוד לפני הקב״ה: „רבונו של עולם!** זכרני, ה׳, ברצון עמך, [פקדני בישועתך], — **בשעה שתעשה תשועה לישראל על ידי מרדכי ואסתר״. בשעה שבקש המן להשמיד את ישראל ושקל עשרת אלפים ככר כסף על ידי עושה מלאכת אחשורוש, דכתיב:** ועשרת אלפים ככר כסף, וגו׳, — **מה כתיב שם?** איש יהודי, וגו׳.

## ב

(ב, ה) איש יהודי היה בשושן הבירה. איש, **מלמד שהיה מרדכי שקול בדורו כמשה בדורו, דכתיב ביה** (במדבר י״ב):

---

ממילא, אַז ער טוט רעכטפאַרטיקייט צו יעדער צייט. [6] אַזוי פאַרשטייט דאָ דער בעל המדרש דעמדאָזיקן אויסדרוק. אונדזער מדרש איז געבויט אויף דער אויגנשיינלעכער סתירה, וואָס אָט רופט דער פסוק מרדכין אַ מאַן פון יהודה, און אָט באַצייכנט ער אים איש ימיני, אַ מאַן פון בנימין, און דער ענין ווערט קלאָר דורכן ילקוט שמעוני (אסתר תתרנג), וואו עס ווערט געזאָגט, אַז דוד האָט ניט געלאָזט הרגענען שמעין, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט קעגן אים (שמואל ב, טז, ה—יג און יט, יט—כד), ווייל ער האָט פאָראויסגעזען, אַז פון אים וועט אַרויסקומען מרדכי (פאַרגלייך אונדזער פסוק: מרדכי בן יאיר, בן שמעי), און דערפאַר האָט אים גאָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פאַררעכענען מרדכין אויף זיין שבט, כאָטש אין דער אמתן האָט ער אָפּגעשטאַמט פון בנימין. און דאָס זאָל דוד האָבן געמיינט מיט זיין בקשה, גאָט זאָל אים דערמאָנען, בעת ער וועט ברענגען אַ ישועה אויף יידן (זע רד״ל). — לויט אַ גמרא (מגילה יב, ב) האָבן זיך די שבטים יהודה און בנימין געקריגט איבער מרדכין. יהודה האָט געטענהט, אַז ער האָט

והאיש — און דער מאַן [1] משה איז געווען אַ גרויסער ענו. **אַזוי ווי משה האָט זיך געשטעלט אינעם בראָך, ווי אין פסוק שטייט** (תהילים קו, כג): ויאמר — און ער האָט געטראַכט זיי צו פאַרטיליקן, ווען ניט וואָס משה זיין אויסדערווילטער האָט זיך געשטעלט פאַר אים אינעם בראָך, **אַזוי אויך מרדכי, ווי עס שטייט געשריבן:** דורש — ער זוכט גוטס פאַר זיין פאָלק און רעדט שלום צו אַלע זיינע קינדער [2]. **אַזוי ווי משה האָט געלערנט ישראל תורה, ווי אין פסוק שטייט** (דברים ד, ה): ראה — זע, איך האָב אייך געלערנט חוקים און געזעצן, **אַזוי אויך מרדכי, ווי עס שטייט געשריבן:** דברי — ווערטער פון שלום און אמת [3], **[און אמת מיינט תורה,] ווי אין פסוק שטייט** (משלי כג, כג): אמת קנה — אמת קויף, און זאָלסט עס ניט פאַרקויפן [4].

ושמו — און זיין נאָמען איז געווען מרדכי. **די רשעים ווערן דערמאָנט פאַר זייער נאָמען** [5]: נבל איז זיין נאָמען [6], שבע בן בכרי איז זיין נאָמען [7]; **אָבער ביי צדיקים קומט זייער נאָמען** [8] **פריער פון זיי:** און זיין נאָמען איז געווען מנוח [9], און זיין נאָמען איז געווען קיש [10], און זיין נאָמען איז געווען שאול [11], און זיין נאָמען איז געווען אלקנה [12], און זיין נאָמען איז געווען בועז [13], און זיין נאָמען איז געווען מרדכי, — **דען זיי זיינען געגליכן צו זייער באַשעפער, ווי אין פסוק שטייט** (שמות ו): ושמי ה׳ — אָבער מיט מיין נאָמען ה׳ האָב איך מיך ניט געלאָזט דערקענען צו זיי״ [14].

יהודי — פאַרוואָס רופט מען אים יהודי, — **איז ער דען ניט פון בנימין? איבער דעם וואָס ער האָט געאיינציקט דעם נאָמען פון הקדוש ברוך הוא פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** [15]: לא יכרע — ער פלעגט זיך ניט קניען און ניט בוקן, — **איז ער דען געווען אַ מענטש אַ קריגער און האָט געוואָלט עובר זיין אויפן קיניגס געבאָט? נייערט, ווען אחשורוש האָט באַפוילן, מע זאָל זיך בוקן צו המנען, האָט [המן] אויסגעקריצט אַן [אָפּבילד פון דער] עבודה זרה אויף זיין האַרצן, און זיין כוונה איז געווען, אַז מע זאָל זיך בוקן צו דער עבודה זרה. און אַז המן האָט געזען, אַז מרדכי בוקט זיך ניט צו אים, איז ער פול געוואָרן מיט צאָרן. און מרדכי פלעגט אים זאָגן: ס׳איז פאַראַן אַ האַר, וואָס איז דערהייבן איבער אַלע דערהייבענע; ווי קען איך אים לאָזן און זיך בוקן צו דער עבודה זרה?״ און ווייל ער האָט געאיינציקט דעם נאָמען פון הקדוש ברוך הוא, ווערט ער גערופן יהודי, אַזוי צו זאָגן:** יהודי — יחידי, אַן איינציקער [16].

**און אַנדערע זאָגן, אַז ער איז געווען גלייך צו אברהמען אין זיין דור: אַזוי ווי אברהם אבינו האָט זיך איבערגעגעבן צום קאַלכאויוון און האָט אומגעקערט מענטשן צו הקדוש ברוך הוא און זיי געלאָזט דערקענען זיין גרויסקייט, ווי אין פסוק שטייט** (בראשית יב, ה): ואת הנפש — און די מענטשן וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפן אין חרן [17], **אַזוי אויך מרדכי, — אין זיינע טעג האָבן מענטשן דערקענט די גרויסקייט פון הקדוש ברוך**

והאיש משה ענו מאד. **מה משה עמד בפרץ, דכתיב** (תהלים ק"ו): ויאמר להשמידם, לולא משה בחירו עמד בפרץ, וגו', **אף מרדכי כן, דכתיב**: דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו. **מה משה לימד תורה לישראל, דכתיב** (דברים ד'): ראה למדתי אתכם חקים ומשפטים, **אף** מרדכי **כן, דכתיב**: דברי שלום ואמת, **וכתיב** (משלי כ"ג): אמת קנה ואל תמכר.

ושמו מרדכי, — **הרשעים** קודמין **לשמן**: נבל שמו, שבע בן בכרי שמו; **אבל הצדיקים שמן קודם להם**: ושמו מנוח, ושמו קיש, ושמו שאול, ושמו אלקנה, ושמו בועז, ושמו מרדכי, — **לפי שדומין לבוראן דכתיב** (שמות ו'): ושמי ה' לא נודעתי להם.

יהודי, — **למה נקרא שמו** יהודי, **והלא** ימיני **הוא? לפי שייחד שמו של הקב"ה כנגד כל באי עולם; הה"ד**: לא יכרע ולא ישתחוה, — **וכי** קנתרן **היה ועובר על גזירת המלך? אלא כשצוה אחשורוש להשתחוות להמן, חקק עבודת כוכבים על לבו ונתכוון, כדי שישתחוו לעבודת כוכבים. וכשהיה רואה המן, שאין מרדכי משתחוה לו, נתמלא חימה. ומרדכי אמר לו: „יש אדון המתגאה על כל גאים; היאך אני מניחו ואשתחוה לעבודת כוכבים?" ולפי שייחד שמו של הקב"ה, נקרא יהודי, לומר**: יהודי — יחידי.

**ויש אומרים, שהיה שקול כאברהם בדורו: מה אברהם אבינו מסר את עצמו לתוך כבשן האש והחזיר והכיר לבריות גדולתו של הקב"ה, הה"ד** (בראשית י"ב): ואת הנפש אשר עשו בחרן, **אף** מרדכי, — **בימיו הכירו הבריות גדולתו של הקב"ה; הה"ד:**

---

גורם געווען (דורך דודן, ווי אויבן), אַז מרדכי זאָל געבוירן ווערן, און בנימין ווידער האָט אים פאַררעכנט אויף זיין שבט לויטן אָפּשטאַם.

ב. [1] די דרשה איז געבויט אויף דעם, וואָס אין ביידע פאַלן באַנוצט זיך דער פסוק מיטן וואָרט איש. [2] אסתר, י, ג. [3] דאָרט ט, ל. [4] און ווייטער רעדט זיך דאָרט וועגן חכמה און מוסר, וואָס זיינען אידענטיש מיט תורה. [5] זייער נאָמען קומט פאַרן וואָרט שם, נאָמען. [6] שמואל א, כה, כה. [7] שמואל ב, כ, כא. — אין דעמדאָזיקן אופן פון דערמאָנען אַ נאָמען זעט דער בעל המדרש גרינגשעצונג, ווי מע וואָלט וועלן וואָס שנעלער איבערקומען מיט דעם, בעת אין פאַרקערטן נוסח, ווי ווייטער, זעט ער חשיבות: דאָס וואָרט שם קומט צוערשט, ווי אַ צוגרייטונג צום נאָמען אַליין. [8] דאָס וואָרט שם, ווי אויבן. [9] שופטים יג, ב. [10] שמואל, א, ט, א. [11] דאָרט פסוק ב. [12] דאָרט א, א. [13] רות ב, א. [14] אויך דאָ קומט צוערשט דאָס וואָרט שם, און ערשט נאָכדעם דער נאָמען אַליין. [15] אסתר ג, ב. [16] דער וואָס אייניקט דעם נאָמען פון דעם אייניקן. [17] זע בראשית רבה לט, יד: דאָס זיינען די גרים וואָס זיי (אברהם און שרה) האָבן מגייר געווען. זע אויך אונקלוס אויף דעם פסוק: און די נפשות וואָס זיי האָבן געמאַכט אונטערטעניק צו דער תורה. — דער רד"ל ברענגט דאָ דעם פסוק פון יחזקאל (לג, כד): אחד — איינער איז געווען אברהם, פאַרשטאַנען ווי אַן אייניקער, דער וואָס

הוא; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט[18]: ורבים — און אַ סך פון די פעלקער פונעם לאַנד ווערן יידן, און ער האָט געאײינציקט דעם נאָמען פון הקדוש ברוך הוא און אים געהייליקט. און דעריבער ווערט ער גערופן יהודי, ווי אין פסוק שטייט: איש יהודי, — לייען ניט יהודי, נייערט יחידי, דער אײינציקער.

ג

(ב, ה) היה — איז געווען. ר׳ ...[1] האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס עס שטייט ביי אים היה, ער איז געווען, איז ער דערזעלבער פון אָנהייב ביזן סוף. האָט מען אים געפרעגט: אָט שטייט דאָך (יחזקאל לג, כד): אחד היה — איינער איז געווען אברהם, ווערסטו זאָגן — ער איז דערזעלבער פון אָנהויב ביזן סוף[2]? האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז ניט קיין סתירה, דען ריש לקיש[3] האָט געזאָגט: צו דריי יאָר האָט אברהם דערקענט זיין באַשעפער[4]; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית כו, ה): עקב — דערפאַר וואָס אברהם האָט זיך צוגעהערט צו מיין קול, — דעם באַטרעף פון עקב[5] האָט אברהם זיך צוגעהערט צום קול פון זיין באַשעפער, און זיינע יאָרן זיינען געווען הונדערט און פינף און זיבעציק. [ר׳ חנינא און ר׳ יוחנן זאָגן ביידע: צו אַכט און פערציק יאָר האָט אברהם דערקענט זיין באַשעפער.] טאָ ווי פאַרשטייט מען ביי אים דעם היה[6]? — אַז ער איז געווען אָנגעברייט[7] מדריך צו זיין די גאַנצע וועלט צו תשובה. [און דעסטגלייכן] (דאָרט ג,כב): הן האדם היה — אָט איז דער מענטש געווען[8], — ער איז געווען אָנגעברייט צום טויט; (דאָרט פסוק א) והנחש היה — און די שלאַנג איז געווען

---

אײינציקט דעם באַשעפער. [18] אסתר ח, יז.

ג. [1] לויטן טעקסט איז דער בעל המדרש ר׳ יוחנן. דאָס קען אָבער ניט זיין, ווייל אין אַלע ערטער וואו עס ווערט געבראַכט דער ווייטערדיקער מאמר וועגן דער פראַגע, ווען האָט אברהם דערקענט דעם באַשעפער (בראשית רבה ל, ח; סד, ד; שיר השירים רבה ו, טז, א; ילקוט שמעוני, נוח מח; דאָרט אסתר, תתרנג; פסיקתא רבתי כא, יב) איז די מיינונג פון ר׳ יוחנן צוזאַמען מיט ר׳ חנינאן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין עלטער פון אַכט און פערציק יאָר; דאָס זעלבע קומט אויך אויס לויט בראשית רבה צה, ג, און ילקוט שמעוני תולדות, קיא, וואו די מיינונג פון ריש לקישן איז ווי אין די אויבן אָנגעגעבענע ערטער, אַז דאָס איז געשען אין עלטער פון דריי יאָר, און די מיינונג, אַז דאָס איז געשען אין עלטער פון אַכט און פערציק, ווערט אָנגעגעבן אַנאָנים, ווי אויך לויט תנחומא בהר, א, וואו עס ווערט אָנגעגעבן די זעלבע מיינונג אין נאָמען פון ריש לקישן, און די אַנדערע מיינונג איז אינגאַנצן ניטאָ (נאָר אין איין אָרט (תנחומא לך לך, ג) ווערט די מיינונג, אַז דאָס איז געשען אין עלטער פון דריי יאָר, געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ חנינא, און ר׳ יוחנן ווערט דאָרט ניט דערמאָנט). לויט דעם אַלעמען קומט אויס, אַז דער ווייטערדיקער ענטפער אויף דער פראַגע, אַז אברהם איז דאָך ניט געווען דערזעלבער פון אָנהייב ביזן סוף, איז קיין ענטפער ניט, ווייל אויב דערזעלבער ר׳ יוחנן זאָגט, אַז אברהם האָט דערקענט דעם בורא ערשט צו אַכט און פערציק יאָר, איז ער דאָך ניט געווען אַלעמאָל דערזעלבער. מיר האָבן דעריבער אַרויסגעלאָזט דאָס וואָרט יוחנן, און ווייטער האָבן מיר געענדערט דעם טעקסט לויט יענע מראי מקומות (זע יפה ענף און עץ יוסף). דער מהרז״ו (בראשית רבה ל, ח) וויל בייטן דעם נוסח אין דער פאַרקערטער ריכטונג; מיר האָבן זיך אָבער גערעכנט מיט דער מערהייט פון די נוסחאות. דער רש״ש (בראשית רבה, דאָרט) שלאָגט פאָר צו לייענען ר׳ יונתן, אָנשטאָט ר׳ יוחנן. [2] איז דאָך אברהם צום אָנהייב געווען אַ געצנדינער, און ערשט שפּעטער האָט ער דערקענט דעם אײינציקן באַשעפער (זע בראשית רבה לח, יג). [3] וועגן דעם געענדערטן טעקסט זע אויבן, באַמ. 1. [4] און דאָס מיינט, אַז פּאַקטיש איז ער זיין גאַנץ לעבן געווען דערזעלבער. [5] עקב באַטרעפט 172. [6] זע באַמערקונג 2. [7] פון געבוירן אָן. לויט דעם ווערט דאָ און אין די ווייטערדיקע פסוקים דער היה פאַרשטאַנען ווי פאָראויסבאַשטימט.

ורבים מעמי הארץ מתיהדים, וייחד שמו של הקב"ה וקדשו. ולפיכך נקרא יהודי, דכתיב: איש יהודי, אל תקרי יהודי, אלא יחידי.

ג

(ב, ה) היה. אמר ר' (יוחנן)...: כל מי שנאמר בו היה, הוא תחלתו והוא סופו. איתיבון ליה: והכתיב (יחזקאל ל"ז): אחד היה אברהם, מעתה — הוא תחלתו והוא סופו? אמר לון: אף היא לא תברה. (דאמרי ר' חנינא ור' יוחנן תרוויהון) [דאמר ריש לקיש]: בן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו; הה"ד (בראשית כ"ו): עקב אשר שמע אברהם בקולי, — מנין עקב שמע אברהם בקול בוראו. והוו שנותיו קע"ה. [ר' חנינא ור' יוחנן תרוויהון אמרין: בן ארבעים ושמונה שנים הכיר אברהם את בוראו. ו]מה מקיים בו היה? שהיה מתוקן להדריך כל העולם כולו בתשובה. (שם ג') הן האדם היה, שהיה מתוקן למיתה; (שם) והנחש היה ערום, מתוקן לפורענות; (שם ד') וקין היה עובד אדמה, מתוקן לגלות, כדאת אמר (שם): ויצא קין מלפני ה', וגו', לומר: נע ונד; (איוב א') איש היה בארץ עוץ, מתוקן ליסורין; (בראשית ו') נח איש צדיק תמים היה, — היה מתוקן להכיר בוראו; (שמות ג') ומשה היה רועה, — היה מתוקן לגאולה; מרדכי היה מתוקן לגאולה.

ר' לוי ורבנן. ר' לוי אמר: כל מי שנאמר בו היה, ראה עולם חדש. א"ר שמואל בר נחמן: וחמשה הן. נח: אתמול —

---

כיטרע, אָנגעברייט אויף אומגליק; (דאָרט ד, ב) וקין היה — און קין איז געווען אַן ערד אַרבעטער, אָנגעברייט אויף גלות, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק טז): ויצא קין — און קין איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר גאָט [און ער האָט זיך באַזעצט אין לאַנד נוד], אַזוי צו זאָגן: נע ונד; (איוב א, א) איש היה — אַ מאַן איז געווען אין לאַנד עוץ [און זיין נאָמען איז געווען איוב], אָנגעברייט אויף יסורים; (בראשית ו, ט) נח — — — היה — נוח איז געווען אַ מאַן אַ גערעכטער, אַן ערלעכער, — ער איז געווען אָנגעברייט צו דערקענען זיין באַשעפער; (שמות ג, א) ומשה היה — און משה פלעגט פאַשען, — ער איז געווען אָנגעברייט אויף גאולה; [אויך] מרדכי איז געווען אָנגעברייט אויף גאולה.

ר' לוי און די רבנן [9] [זאָגן וועגן היה]. ר' לוי האָט געזאָגט: איטלעכער פון די וואָס שטייט ביי אים היה האָט געזען אַ נייע וועלט. ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: און פינף זיינען זיי געווען. נוח: נעכטן — (איוב יד, יט)

אבנים — שטיינער האָבן די וואַסערן צעריבן, דען ר׳ לוי אין נאָמען פון ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אפילו אונטערשטע מיל שטיינער זיינען צעריבן געוואָרן אין די טעג פון מבול[10], און דאָ זאָגט ער (בראשית ט, יח): ויהיו — און די זין פון נחן וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תבה זיינען געווען — — —, מיינט עס צו זאָגן: אַ נייע וועלט האָט ער געזען. יוסף: נעכטן — (תהילים קה, יח) ענו — מע האָט געפּייניקט אין קייטן [זיין פוס], און איצט — (בראשית מב, ו) ויוסף — און יוסף איז דער הערשער איבערן לאַנד, נייערט אַ נייע וועלט האָט ער געזען. משה: נעכטן אַנטלויפט ער פון פּרעהן, און איצט דערטרינקט ער אים אין ים, נייערט אַ נייע וועלט האָט ער געזען. איוב: נעכטן — (איוב טז, יג) ישפך — ער גיסט אויס אויף דער ערד מיין גאַל: איצט — (דאָרט מב, י) ויוסף ה׳ — און גאָט האָט געמערט אַלץ וואָס איוב האָט געהאַט אויף טאָפּל, נייערט אַ נייע וועלט האָט ער געזען. מרדכי: נעכטן — (אסתר ד, א) וילבש — און ער האָט אָנגעטאָן זאַק און אַש, און איצט (ח טו) יצא — איז ער אַרויסגעגאַנגען פון פאַרן קיניג אין בגדי מלכות.

ושמו — און זיין נאָמען איז געווען מרדכי, — אַזוי ווי דער מר[11] איז דער הויפּט פון אַלע בשמים, אַזוי איז אויך מרדכי דער הויפּט פון די צדיקים אין זיין דור.

ד

(ב, ו) אשר הגלה — וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים. ר׳ ברכיה און ר׳ ירמיה און ר׳ חייא [זאָגן] אין נאָמען פון ר׳ יוסין: ווען ר׳ יונתן און די רבנן פלעגן קומען צום פּסוק: אשר הגלה — וואָס נבוכדנצר האָט פאַרטריבן, פלעגן זיי זאָגן: „זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן". און פאַרוואָס האָבן זיי עס ניט געזאָגט [לערנענדיק] ירמיה? נייערט, וואו נאָר נבוכדנצר [ווערט דערמאָנט] אין ירמיה האָט ער נאָך געלעבט[1], אָבער דאָ איז ער געווען אַ טויטער.

ה

(ב, ז) ויהי — און ער האָט דערצויגן הדסהן, — אַזוי ווי דער הדס האָט אַ זיסן ריח און אַ ביטערן טעם, אַזוי איז אסתר געווען, — זיס פאַר מרדכין און ביטער פאַר המנען.

כי אין לה — ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין טאַטע־מאַמע, — ר׳ פינחס און ר׳ חמא בר גוריון אין נאָמען פון רבן: איז זי דען געווען אַ פינדלקינד, וואָס דו זאָגסט: זי האָט ניט געהאַט קיין טאַטע־מאַמע? נייערט, ווען איר מוטער איז פאַרגאַנגען מיט איר אין טראָגן, איז איר פאָטער געשטאָרבן; און ווען זי איז געבוירן געוואָרן, איז איר מוטער געשטאָרבן.

---

[8] לויטן פשט: געוואָרן. [9] זע בראשית רבה ל, ח, די מיינונג פון די רבנן. [10] און לויט דעם באַציט זיך דער פּסוק אויפן מבול. [11] אויך מור, מירע (מר — מרדכי; לויטן מתנות כהונה טייטשט דאָ דער בעל המדרש דעם נאָמען מרדכי ווי מור דכייא, קלאָרע מירע).

ד. [1] און אַ לעבעדיקן מלך טאָר מען ניט שילטן, ווי אין פּסוק שטייט (קהלת י, כ):

(איוב י״ד) אבנים שחקו מים, **דאמר ר׳ לוי בשם ר׳ יוחנן: אפילו אצטרובולין של רחים נימוחו בימי המבול, והכא אמר:** ויהיו בני נח היוצאים מן התיבה, **לומר: ראה עולם חדש. יוסף: אתמול** — (תהלים ק״ה) ענו בכבל, **ועכשו** — (בראשית מ״ב) ויוסף הוא השליט על הארץ, **אלא ראה עולם חדש. משה: אתמול בורח מפני פרעה, ועכשיו משקעו בים, אלא שראה עולם חדש. איוב: אתמול** — (איוב ט״ז) ישפך לארץ מררתי; **עכשו** — (שם מ״ב) ויוסף ה׳ את כל אשר לאיוב למשנה, **אלא רואה עולם חדש. מרדכי: אתמול** — וילבש שק ואפר, **ועכשיו** יצא מלפני המלך בלבוש מלכות.

ושמו מרדכי, — **מה מר ראש לכל הבשמים, אף מרדכי ראש לצדיקים בדורו.**

ד

(ב, ו) אשר הגלה מירושלים. **ר׳ ברכיה ור׳ ירמיה ור׳ חייא בשם ר׳ יוסי: כד הוו מטו רבי יונתן ורבנן להאי פסוקא:** אשר הגלה נבוכדנצר, **הוו אמרין: „נבוכדנצר שחיק עצמות״. ולמה לא הוה אמרין כן בירמיה? אלא, שכל** נבוכדנצר **שבירמיה חי הוה, ברם הכא מת הוה.**

ה

(ב, ז) ויהי אומן את הדסה, — **מה הדסה ריחה מתוק וטעמה מר, כך היתה אסתר, — מתוקה למרדכי ומרה להמן.**

כי אין לה אב ואם, — **ר׳ פנחס ור׳ חמא בר גוריון בשם רב: וכי שתוקית היתה, דאת אמר:** כי אין לה אב ואב? **אלא עיברתה אמה, מת אביה; וכיון שנולדה, מתה אמה.**

ו

**כתיב** (שמות י״ז): ושים באזני יהושע, — **זה אחד מארבעה צדיקים, שניתן להם רמז; שנים חשו ושנים לא חשו. משה ניתן לו רמז, ולא חש; יעקב ניתן לו רמז, ולא חש. דוד ומרדכי**

---

ו

אין פסוק שטייט (שמות יז, יד): ושים — און טו עס אַריין אין די אויערן פון יהושען, — דאָס איז איינער פון פיר צדיקים, וואָס ס׳איז זיי געגעבן געוואָרן אַ וואונק; צוויי האָבן זיך געכאַפּט און צוויי האָבן זיך ניט געכאַפּט. משהן איז געגעבן געוואָרן אַ וואונק, און ער האָט זיך ניט געכאַפּט; יעקבן איז געגעבן געוואָרן אַ וואונק, און ער האָט זיך ניט געכאַפּט. דודן

**און מרדכין איז געגעבן געוואָרן אַ וואונק, און זיי האָבן זיך געכאַפּט. יעקב:** הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט (בראשית כח, טו): ושמרתיך — און איך וועל דיך היטן וואו נאָר דו וועסט גיין, **און ער האָט מורא געהאַט. אַ מענטש, וואָס הקדוש ברוך הוא האָט אים פאַרזיכערט, זאָל זיך שרעקן? ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט פסוק יז): ויירא — און יעקב האָט מורא געהאַט. **נייערט ער האָט געזאָגט: „טאָמער האָב איך, זייענדיק אין הויז פון דעם טמא לבן, זיך איינגעריכט אין דער טומאה". משה:** (שמות יז, יד) ושים — און טו עס אַריין אין די אויערן פון יהושען, **מיינט עס צו זאָגן, אַז דו שטאַרבסט און יהושע ברענגט אַריין ישראל אין לאַנד, און אין פסוק שטייט** (דברים ג, כג): ואתחנן — און איך האָב זיך געבעטן ביי גאָט [1]. **אָבער דודן און מרדכין איז געגעבן געוואָרן אַ וואונק, און זיי האָבן זיך געכאַפּט. דוד** האָט געזאָגט (שמואל א, יז, לז): גם — אי דעם לייב, אי דעם בער האָט דיין קנעכט דערשלאָגן, — **דוד האָט געזאָגט: „וואָס בין איך עס פאַר אַ אדם חשוב, וואָס איך האָב דערשלאָגן דידאָזיקע ווילדע חיות? נייערט, האָט ער געזאָגט, אפשר איז אָנגעברייט עפּעס צו טרעפן מיט ישראל, און זיי זיינען אָנגעברייט געראַטעוועט צו ווערן דורך מיר" [2]. מרדכי:** (אסתר ב, יא) ובכל יום ויום — און טאָג טעגלעך פלעגט מרדכי אַרומגיין פאַרן הויף פונעם הויז פון די פרויען, — **ער האָט געזאָגט: „איז עס מעגלעך, אַז דידאָזיקע צדיקת דאַרף חתונה האָבן מיטן גוי? נייערט אַ גרויסע זאַך איז אָנגעברייט צו טרעפן מיט די יידן, און זיי זיינען אָנגעברייט געראַטעוועט צו ווערן דורך איר" [3].**

ז

**ר' ברכיה אין נאָמען פון ר' לוין: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו די יידן: „איר האָט געוויינט און געזאָגט** (איכה ה, ג): יתומים היינו — יתומים זיינען מיר געוואָרן, אָן אַ פאָטער, — **ביי אייער לעבן. אויך דער אויסלייזער וואָס איך בין אָנגעברייט איך אויפצושטעלן אין מדי וועט ניט האָבן קיין טאַטע־מאַמע". דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ב. ז): כי אין לה — ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין טאַטע־מאַמע.

ח

(ב, יא) ובכל יום ויום — און טאָג טעגלעך פלעגט מרדכי אַרומגיין פאַרן הויף פונעם הויז פון די פרויען **זיך נאָכצופרעגן וועגן אירע [בלוט] פלעקן און וועגן איר אָפּזונדערונג** [1]. לדעת — צו וויסן דעם וואוילזיין פון **אָסתרן, אַז מע זאָל איר ניט אָפּטאָן קיין כישוף. ר' יעקב בר אחא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט: „דו האָסט געזוכט דעם וואוילזיין פון איין נפש, —** לדעת — צו וויסן דעם וואוילזיין פון אסתרן, —

---

גם במדעך — אויך אין דיין געדאַנק זאָלסטו קיין מלך ניט שילטן (מהרז"ו).

ו. [1] כאָטש ער האָט שוין געדאַרפט וויסן, אַז עס וועט ניט העלפן קיין בעטן. [2] ער האָט די געשעעניש מיט די חיות אָנגענומען ווי אַ סימן. [3] און דעריבער האָט ער זיך געהאַלטן נאָענט צו איר, כדי צו זיין גרייט אויף דער געלעגנהייט.

ח. [1] ער האָט אַכטונג געגעבן אויף איר יידישער אויפפירונג.

**ניתן להם רמז וחשו. יעקב: אמר ליה הקב"ה** (בראשית כ"ח): ושמרתיך בכל אשר תלך, **ויירא. אדם שהבטיחו הקב"ה, היה מתפחד? דכתיב** (שם) ויירא יעקב, וגו'. **אלא אמר: "שמא כשהייתי בבית לבן הטמא, נתלכלכתי בטומאה". משה:** ושים באזני יהושע, **לומר, שאתה מת ויהושע מכניס ישראל לארץ, וכתיב:** ואתחנן אל ה'. **אבל דוד ומרדכי ניתן להם רמז, וחשו. דוד אמר** (שמואל א' י"ז): גם את הארי, גם הדוב הכה עבדך, — **אמר דוד: "וכי מה אני ספון, שהכיתי חיות רעות אלו?" אלא אמר: "שמא דבר עתיד ליארע את ישראל, והן עתידין לינצל על ידי". מרדכי:** ובכל יום ויום מרדכי מתהלך לפני חצר בית הנשים, — **אמר: "אפשר לצדקת זאת שתנשא לערל? אלא שעתיד דבר גדול שיארע על ישראל, ועתידים להנצל על ידיה".**

ז

**רבי ברכיה בשם רבי לוי: אמר להם הקב"ה לישראל: "אתם בכיתם ואמרתם** (איכה ה'): יתומים היינו ואין אב. **חייכם, אף הגואל שאני עתיד להעמיד לכם במדי לא יהיה לו אב ואם". הדא הוא דכתיב:** כי אין לה אב ואם.

ח

(ב, יא) ובכל יום ויום מרדכי מתהלך לפני חצר בית הנשים **לשאול על כתמה ועל נדותה.** לדעת את שלום אסתר, **שלא יעשו לה כשפים. אמר ר' יעקב בר אחא: אמר לו הקב"ה: "אתה דרשת שלום נפש אחת** — לדעת את שלום אסתר, — **חייך! סופך לדרוש שלום אומה שלימה". הה"ד:** דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו.

ט

(ב, טו) ובהגיע תור אסתר, וגו', ותהי אסתר נושאת חן בעיני כל רואיה. **ר' יודא אמר: כאיקונין הזה, שאלף בני אדם מביטים**

---

**ביי דיין לעבן! דער סוף** **וועט זיין, אַז דו וועסט זוכן דעם וואוילזיין פון אַ גאַנצער אומה". דאָס איז ווי' אין פסוק שטייט** (אסתר י, ג): דורש — ער זוכט גוטס פאַר זיין פאָלק און רעדט צום וואוילזיין פון זיין גאַנצן שטאַם.

ט

(ב, טו) ובהגיע — און אַז עס האָט געגרייכט די צייט פון אסתרן — — — און אסתר האָט נושאַ חן געווען אין די אויגן פון אַלע וואָס האָבן זי געזען. **ר' יודא האָט געזאָגט: ווי דאָסדאָזיקע אָפּבילד, וואָס טויזנט מענטשן קוקן**

אויף דעם, און עס איז אַלעמען וואוילגעפעלן. ר' נחמיה זאָגט: מע האָט אוועקגעשטעלט פרויען פון מדי אויף איין זייט און פון פרס אויף דער צווייטער זייט, און אסתר איז געווען שענער פון אַלעמען. און די רבנן זאָגן: ותהי אסתר — און אסתר האָט נושא חן געווען אין די אויגן פון אַלע וואָס האָבן זי געזען, אין די אויגן פון די אויבערשטע און אין די אויגן פון די אונטערשטע, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ג, ד): ומצא חן — און געפין חן און וואוילגעפעליקייט אין די אויגן פון גאָט און לייט [1].

י

(ב, טז) ותלקח — און אסתר איז גענומען געוואָרן צום מלך אחשורוש, — זי האָט זיך געהויבן אין מקח [1]. דער זאָגט: „איך וועל געבן הונדערט דינר, אַז איך זאָל אַריינגיין מיט איר" [2]; און דער זאָגט: איך וועל געבן צוויי הונדערט דינר, אַז איך זאָל אַריינגיין מיט איר".

יא

(ב, יז) ויאהב המלך — און דער מלך האָט ליב געקראָגן אסתרן מער פון אַלע ווייבער, און זי האָט געקראָגן ביי אים חן און וואוילגעפעליקייט [מער פון אַלע יונגפרויען]. ר' חלבו האָט געזאָגט: דער פסוק לערנט אונדז, אַז אויך די חתונה געהאַטע פרויען האָט מען געבראַכט פאַר אים; דעריבער זאָגט דער פסוק: מער פון אַלע ווייבער און מער פון אַלע יונגפרויען. — וישם — און ער האָט אָנגעטאָן אַ קרוין פון מלכות אויף איר קאָפּ און ער האָט זי געמאַכט פאַר אַ מלכה אָנשטאָט ושתין, — איידער מע האָט געמאַכט אסתרן פאַר אַ מלכה, איז דאָס אָפּבילד פון ושתין געבליבן אויפן אָרט; ווי נאָר ער האָט גענומען אסתרן, די בת־טובים, די מיוחסת, אַזוי האָט ער געזאָגט: „זאָל ושתי אַראָפּגיין און אסתר זאָל אַרויפגיין". דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: און ער האָט זי געמאַכט פאַר אַ מלכה אָנשטאָט ושתין [1].

יב

(ב, כ) אין אסתר — אסתר זאָגט ניט אויס איר אָפּשטאַם און איר פאָלק. דער פסוק לערנט אונדז, אַז זי האָט אָנגענומען אויף זיך אַ שווייגן. אַזוי ווי איר באָבע רחל [1], וואָס האָט אָנגענומען די מלאכה [2] פון שווייגן, אַזוי האָבן אַלע גדולים פון אירע קינדער גענומען אויף זיך אַ שווייגן. רחל האָט אָנגענומען די מלאכה פון שווייגן: זי האָט געזען אירע חתונה מתנות אין איר שוועסטערס האַנט [3] און געשוויגן. בנימין איר זון האָט אָנגענומען אַ שווייגן; אַ ראיה האָסטו, אַז זיין שטיין אין חושן איז געווען

---

ט. [1] עס האָט געקענט שטיין בעיני רואיה — אין די אויגן פון די וואָס האָבן זי געזען; אָבער עס שטייט בעיני כל רואיה — אין די אויגן פון אַלע וואָס האָבן זי געזען, איז דאָס וואָרט כל, אַלע, מרמז אויך אויף די אויבערשטע וועלטן.

י. [1]לקח מיינט אי נעמען, אי קויפן. [2] אַריינפירן זי צום מלך (לויטן מתנות כהונה מיינט עס: זי צו באַשלאָפן. אָבער זע יפה ענף).

יא. [1] אַזוי ווי דאָס וואָרט תחת, אָנשטאָט, קאָן זיך ניט באַציען אויף ושתין פּערזענלעך, ווייל עס זיינען שוין אַריבער פיר יאָר זינט איר טויט, זאָגט דעריבער דער בעל המדרש, אַז דאָס באַציט זיך אויף איר בילד (יפה ענף).

**בה, והיא ערבה על כולם. ר׳ נחמיה אומר: העמידו מדיות מכאן ופרסיות מכאן, והיתה אסתר יפה מכולן. ורבנין אמרין:** ותהי אסתר נושאת חן בעיני כל רואיה, — **בעיני העליונים ובעיני התחתונים, כד״א** (משלי ג׳): ומצא חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם.

(ב, טז) ותלקח אסתר אל המלך אחשורוש — **מתעלה בלקוחין. דין אמר: „אנא יהיב מאה דינרין ועליל עמה״; ודין אמר: „אנא יהיב תרתין מאוון ועליל עמה״.**

יא

(ב, יז) ויאהב המלך את אסתר מכל הנשים, ותשא חן וחסד לפניו, וגו׳. **ר׳ חלבו אמר:** מלמד, **שאף הנשואות הביאו לפניו; לכך נאמר:** מכל הנשים ומכל הבתולות. — וישם כתר מלכות בראשה וימליכה תחת ושתי, — **עד שהמליכו את אסתר, היתה איקונין של ושתי קיימת; כיון שנשא את אסתר, בת טובים, בת גנוסים, אמר: „תיחות ושתי, תיסק אסתר״. הדא הוא דכתיב:** וימליכה תחת ושתי.

יב

(ב, כ) אין אסתר מגדת מולדתה, **מלמד, שתפשה שתיקה בעצמה. כרחל זקנתה, שתפשה פלך שתיקה, עמדו כל גדולי זרעה בשתיקה. רחל תפשה פלך שתיקה: ראתה סבלונותיה ביד אחותה ושתקה. בנימין בנה תפש בשתיקה; תדע, שאבנו שהיתה בחשן היתה ישפה, לומר: יודע היה במכירת יוסף ושותק:** ישפה — יש פה ושותק. **שאול בן בנה** (ש״א, י׳): ואת דבר המלוכה לא הגיד לו. **אסתר:** אין אסתר מגדת מולדתה ואת עמה.

---

אַ ישפה, אַ יאַשפּיז[4], **אַזוי צו זאָגן: ער האָט געוואוסט, אַז מע האָט פאַרקויפט יוסףן און האָט געשוויגן** — ישפה: יש פה, **ס׳איז דאָ אַ מויל און שווייגט.** שאול איר אייניקל (שמואל א, י, טז): ואת דבר המלוכה — אָבער די מעשה מיט דער מלוכה האָט ער אים ניט אויסגעזאָגט. **אסתר:** אין אסתר — אסתר זאָגט ניט אויס אי״ר אָפּשטאַם און איר פאָלק.

---

יב. [1] **אסתר האָט אָפּגעשטאַמט פון שבט בנימין, רחלס זון**(אסתר ב, ה־ז). [2] **אין אָריגינאַל** פלך — שפינדל, — **ווייל די הויפּט מלאכה פון דער אַמאָליקער פרוי איז געווען ביים שפּינדל, ניצט דאָ דער בעל המדרש דעם אויסדרוק פאַר מלאכה בכלל.** [3] **ווען לבן האָט אָפּגענאַרט יעקבן און אים געגעבן לאהן אַנשטאָט איר** (זע מגילה יג, ב, וואו דידאַזיקע דרשה איז פיל ברייטער). [4] **זע** שמות רבה לח, ט, **וואו עס ווערט אָנגעגעבן, אויף וועלכן שטיין פונעם חושן איז יעדן שבטס נאָמען געווען אויסגעקריצט.**

יג

(ב, כא) בימים ההם — אין יענע טעג, ווען מרדכי איז געזעסן אין מלכס טויער, האָבן געצאָרנט בגתן און תרש, צוויי קאַמערדינער פונעם מלך. **וואָס פאַר אַ צאָרן איז דאָרט געווען? וואָס מע האָט אָוועקגעשיקט צוויי און באַזעצט איינעם: מע האָט אָוועקגעשיקט צוויי קעלע־סיריער [1], וואָס זיינען געווען די שווועלהיטער, און מע האָט באַזעצט דעמדאָזיקן באַרבאַר [2].**

יושב — [מרדכי] זיצט אין מלכס טויער. **ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ לוין האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט** (תהילים מו, ט): לכו חזו — גייט זעט די טואונגען פון גאָט, וואָס האָט געטאָן שטוינענדיקס [3] אויף דער ערד, **ער האָט אויפגעצאָרנט קנעכט קעגן זייערע הארן, כדי צו געבן גדולה צו די צדיקים; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט:** קצף — האָבן געצאָרנט בגתן און תרש — — —, **כדי צו געבן גדולה צו מרדכין; [אַזוי ווי] ער האָט אויפגעצאָרנט הארן אויף זייערע קנעכט, כדי צו געבן גדולה צו יוספן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (בראשית מא, י): פרעה קצף — פרעה האָט געצאָרנט אויף זיינע קנעכט.

יד

(ב, כג) ויבקש הדבר — און די זאַך איז נאָכגעזוכט געוואָרן, און ס׳איז אויסגעפונען געוואָרן, — — — [און ס׳איז פאַרשריבן געוואָרן אינעם בוך פון די צייטגעשעענישן פאַרן מלך] [1]. **ר׳ לוי אין נאָמען פון ר׳ אחא בר שילא פון כפר תימרתא האָט געזאָגט: מה־דאָך דאָס בוך פון אַ בשר ודם [קאָן ברענגען] אַזעלכעס [2], היינט ווען עס וועט קומען דער ספר פון הקדוש ברוך הוא, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (מלאכי ג, טז): ויקשב ה׳ — און גאָט האָט פאַרנומען און געהערט, און עס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ בוך פון דערמאָנונג פאַר אים, — **אוודאי און אוודאי!**

יג

(ב, כא) בימים ההם„ ומרדכי יושב בשער המלך, קצף בגתן ותרש, שני סריסי המלך, וגו׳. **מה קצפון היה שם? מעביר שנים ומושיב אחד: מעביר שני קלסריקין, שהן שומרי הסף, ומושיב הברברי הזה.**

יושב בשער המלך. **ר׳ ברכיה בשם ר׳ לוי אמר: כתיב** (תהלים מ״ו): לכו חזו מפעלות ה׳, אשר שם שמות בארץ, — **הקציף עבדים על יד אדוניהם לתת גדולה לצדיקים; הה״ד:** קצף בגתן ותרש, וגו׳, **לתת גדולה למרדכי; מקציף אדונים על עבדיהם לתת גדולה ליוסף; הה״ד** (בראשית מ״א): פרעה קצף על עבדיו.

יד

(ב, כג) ויבקש הדבר וימצא, [וגו׳, ויכתב בספר דברי הימים לפני המלך]. **ר׳ לוי בשם ר׳ אחא בר שילא איש כפר תמרתא אמר: ומה אם ספרו של בשר ודם כך, לכשיבא ספרו של הקב״ה, דכתיב בו** (מלאכי ג׳): ויקשב ה׳ וישמע, ויכתב בספר זכרון לפניו, וגו׳, **— על אחת כמה וכמה!**

---

יג. [1] אַזוי גערופן לויט זייער אָפּשטאַם. אין ילקוט (אסתר תתרנג) איז דער נוסח גלסנטרין, הויף ליצנים (ביידע טייטשן — לויט יאַסטראָוו; די מפרשים זאָגן אַז דאָס מיינט האָרן. [2] אַזוי האָבן זיי געקוקט אויפן יידן מרדכי. [3] שמות, געטייטשט לויט ירמיה ה, ל.

יד. [1] צוגעגעבן צוליבן ווייטערדיקן אינהאַלט (רד״ל). [2] די ענדלעכע באַפרייאונג פונעם יידישן פאָלק, ווען עס איז שפּעטער געלייענט געוואָרן פאַן אחשורושן.

# פרשה ז

## א
## [פתיחתא [1]]

(ג, א) אחר הדברים האלה — נאָך דידאָזיקע געשעעניש האָט דער מלך אחשורוש דערהייבן המנען, דעם זון פון המדתאן. דאָס איז וואָס דער פּסוק זאָגט (תהילים לז, כ): כי רשעים — דען די רשעים וועלן פאַרלוירן גיין, און די פיינד פון גאָט, אַזוי ווי פעטע לעמער, וואָס מע שטאָפּט זיי ניט פון זייער טובה וועגן, נייערט אויף שחיטה; אַזוי איז המן הרשע ניט דערהייבן געוואָרן, נייערט אויף זיין מפּלה. ס'איז אַ משל מיט אַ מענטשן וואָס האָט געהאַט אַ יונגאייזלטע און אַן אייזלטע און אַ חזירטע; פלעגט ער דער חזירטע געבן [עסן] אָן אַ מאָס, אָבער דער אייזלטע און דער יונגאייזלטע מיט אַ מאָס. האָט די יונגאייזלטע געזאָגט צו דער אייזלטע: „וואָס טוט ער, דער נאַר? מיר, וואָס מיר טוען די אַרבעט פונעם בעל הבית, אונדז גיט ער מיט אַ מאָס; און דער חזירטע, וואָס גייט אום ליידיק — אָן אַ מאָס". האָט זי איר געזאָגט: „עס וועט קומען אַ צייט און דו וועסט זען איר מפּלה; דען דאָס וואָס מע קאָרמעט זי מער איז ניט פון איר כבוד וועגן, נייערט אויף איר בייזן [סוף]". ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען קאַלענדאַ [2], אַזוי האָט מען גענומען די חזירטע און מע האָט זי געשאָכטן. אַז מע האָט אָנגעהויבן געבן דער אייזלטעס טאָכטער גערשטן, האָט זי געפּאַרשקעט אויף דעם און ניט געגעסן. האָט איר די מאַמע אירע געזאָגט: „טאָכטער מיינע, ניט דאָס עסן איז שולדיק, נייערט דאָס ליידיק גיין איז שולדיק". אַזוי, ווייל עס שטייט געשריבן: וישם — און ער האָט געשטעלט זיין שטול איבער אַלע האַרן וואָס מיט אים, — דעריבער — ויתלו — האָט מען אויפגעהאַנגען המנען [3].

## ב
## [פּתיחתא]

אַן אַנדער פּשט: אחר — נאָך דידאָזיקע געשעעניש, — ר' לוי האָט געזאָגט: דאָס איז וואָס דער פּסוק זאָגט (תהילים צב, ח): בפרוח — אַז די רשעים צעוואַקסן זיך ווי גראָז, און עס בליען אַלע אומרעכט טוער; וואָס שטייט צום סוף פונעם פּסוק? להשמדם — כדי זיי זאָלן פאַרטיליקט ווערן ביז אייביק, — המן איז ניט אַנדערש דערהייבן געוואָרן, נייערט אויף זיין

א. [1] זע אַריינפיר, באַמערקונג 3. [2] דער רוימישער ראש חודש, וואָס פלעגט געפייערט ווערן מיט אַ סעודה. דאָ קאָן עס מיינען דער ערשטער יאַנואַר, וואָס איז געווען אַ יום טוב ביי די רוימער. [3] אסתר ז, י.

# פרשה ז

א

[פתיחתא]

(ג, א) אחר הדברים האלה גדל המלך אחשורוש את המן בן המדתא, וגו׳. זה שאמר הכתוב (תהלים ל״ז): כי רשעים יאבדו, ואויבי ה׳ כיקר כרים, שאין מפטמין אותן לטובתן, אלא לטבחה; כך המן הרשע לא נתגדל, אלא למפלתו. משל לאדם שהיתה לו סייחה וחמורה וחזירה, והיה נותן לחזירה בלא מדה, לחמורה ולסייחה במדה. אמרה סייחה לחמורה: „מה שוטה זה עושה? אנו, שאנו עושין מלאכתו של בעל הבית, נותן לנו במדה; ולחזירה, שהיא בטלה, שלא במדה״. אמרה לה: „תבא השעה ואת רואה במפלתה; שאין מאכילין אותה יותר לכבודה, אלא לרעתה״. כיון שבא קלנדס, מיד נטלו לחזירה ונחרוה. התחילו נותנין שעורים לפני בתה של חמורה, והיתה מנשבת בהן ולא אכלה. אמרה לה אמה: „בתי, לא המאכל גורם, אלא הבטלה גורמת״. כך, לפי שכתוב וישם את כסאו מעל כל השרים אשר אתו, לפיכך ויתלו את המן.

ב

[פתיחתא]

ד״א: אחר הדברים האלה, — אמר רבי לוי: זה שאמר הכתוב (שם צ״ב): בפרוח רשעים כמו עשב, ויציצו כל פועלי און; מה כתיב בסוף קרייה? להשמדם עדי עד, — לא נתגדל המן, אלא לרעתו. ולמה גדלו? משל לגולייר, שקלל לבנו של מלך. אמר המלך: „אם אני הורגו, הכל אומרים: גולייר הרג״. עשה אותו (טריכונוס) [טריבונוס], ואחר כך עשה אותו הגמון, ואחר

---

בייזן [סוף]. און פאַרוואָס האָט מען אים דערהייבן? ס׳איז אַ משל מיט אַ פּראָסטן זעלנער, וואָס האָט געשאָלטן דעם מלכס זון. האָט דער מלך געזאָגט: „אויב איך הרגע אים, וועלן אַלע זאָגן: אַ פּראָסטן זעלנער האָט ער געהרגעט״. האָט ער אים געמאַכט פאַר אַ טריבון [1]. און נאָכדעם האָט ער אים געמאַכט פאַר אַן עלטסטן, און נאָכדעם האָט ער אים אָפּגעהאַקט

**דעם קאָפּ. אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „וואָלט המן געהרגעט געוואָרן, ווען ער איז אַראָפּ און געראָטן אחשורושן אָפּצושטעלן דאָס בויען פונעם בית המקדש, וואָלט קיינער פון אים ניט געוואוסט. נייערט זאָל ער דערהייבן ווערן און נאָכדעם געהאָנגען ווערן". דעריבער:** וישם — האָט ער געשטעלט זיין שטול איבער אַלע האַרן, **און נאָכדעם** — ויתלו — האָט מען אויפגעהאָנגען המנען[2]. **אָט [זעען מיר, אַז] די שונאים פון הקדוש ברוך הוא ווערן דערהייבן אויף זייער מפּלה, און אין פּסוק שטייט** (איוב יב, כג): משגיא — ער דערהייבט די פעלקער און ברענגט זיי אום.

ג

## [פּתיחתא]

**אַן אַנדער פּשט:** אחר — נאָך דידאָזיקע געשעעניש, — **אין פּסוק שטייט** (איוב כ, ו־ז): אם יעלה — אויב אַרויפגיין וועט זיין הייך ביז צום הימל — אַרויפצו[1] — און זיין קאָפּ וועט גרייכן ביז דער כמאַרע, — **ביזן וואָלקען** — כגללו — ווי זיין אייגן אָפּפאַל וועט ער אָיף אייביק פאַרלוירן גיין, — **אַזוי ווי דערדאָזיקער אָפּפאַל איז עקלדיק, אַזוי איז ער עקלדיק;** רואיו — די וואָס זעען אים וועלן זאָגן: וואו איז ער? **זיי וועלן אים זען און אים ניט דערקענען: וואו איז דער המן און וואו איז זיין שלווה?**

**ר' פּינחס[2] פלעגט דערציילן דידאָזיקע מעשה: אַ לייב האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר בהמות און חיות, און איבער זיי האָט ער געמאַכט אַ סכך פון די פעלן פון לייבן און וועלף און אַנדערע ווילדע חיות. אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָבן זיי געזאָגט: „ווען עמיצער וואָלט זאָגן אַ זמר פאַר אונדז!" האָבן זיי געוואָרפן אַן אויג אויפן פוקס. האָט ער געזאָגט צו זיי: „וועט איר מיר נאָכענטפערן אויף דעם וואָס איך וועל אייך זאָגן?" האָבן זיי געזאָגט „יאָ". האָט ער געזאָגט צו זיי: „דער וואָס האָט אונדז געוויזןביי די אייבערשטע[3], ער זאָל אונדז ווייזן ביי די אונ־טערשטע"[4]. אַזוי, ווער עס האָט אונדז געלאָזט זען די מפּלה פון בגתן און תרש און זייער געהאָנגען ווערן[5], ער וועט אונדז לאָזן זען די מפּלה פון המנען, און ווער עס האָט געצאָלט געבומען פון די ערשטע, דער וועט אונדז געצאָלט נעמען פון די לעצטע. וואָס שטייט געשריבן פריער פון דעם?** — ויתלו — און זיי זיינען געהאָנגען געוואָרןביידע אויף אַ בוים; **אַזוי אויך איז דער סוף פון דעמדאָזיקן מענטשן געהאָנגען צו ווערן.**

ד

## [פּתיחתא]

**אַן אַנדער פּשט:** אחר הדברים — נאָך דידאָזיקע געשעענישן האָט דער קיניג אחשורוש דערהייבן — — —. **ווערטער[1] פון נאָכטראַכטעניש זיינען דאָרט געווען. און ווער האָט נאָכגעטראַכט? ר' יהודה האָט געזאָגט: המן האָט נאָכגעטראַכט. ער האָט געזאָגט: „אויב אסתר איז אַ יידישקע,**

---

**ב.** [1] **אין אַלטן רוים — איינער וואָס האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונעם המון (טעקסט עמענדירונג לויט יאַסטראָוו).** [2] **אסתר ז, י.**

**כך התיז את ראשו. כך אמר הקב״ה: „אלו נהרג המן כשירד ויעץ לאחשורוש לבטל בנין בית המקדש, לא היה מי יודעו. אלא יתגדל ואחר כך יתלה״. לפיכך:** וישם את כסאו מעל כל השרים, **ואחר כך** ויתלו את המן. **הרי אויבי הקדוש ברוך הוא למפלתן הן מתגדלין, וכתיב** (איוב י״ב): משגיא לגוים ויאבדם.

ג

[פתיחתא]

**ד״א:** אחר הדברים האלה, — **כתיב** (שם כ׳): אם יעלה לשמים שיאו — **לרומא** — וראשו לעב יגיע — **לעננה** — כגללו לנצח יאבד, — **מה גללים הללו מזוהמין, כך הוא מזוהם;** רואיו יאמרו: איו? **חמיין ליה ולא חכמין ליה: אן הוא המן ואן הוא שלותו?**

**ר׳ פנחס הוה משתעי אילין עובדיא: ארי עשה סעודה לבהמה ולחיה, וסיכך על גבן עורות של אריות וזאבים וחיות רעות. מן דאכלון ושתון, אמרין: „הלואי מאן יימר קומינן זמירא״. תליין עינהון בהדיה תעלא. אמר לון: „עניין לי אתון מה דאנא אמר לכון?״ אמרין: „הן״. אמר לון: „מאן דאחמי לן בעילאי, הוא יחמי לן בארעאי״. כך, מי שהראנו במפלתן של בגתן ותרש וצליבתן, הוא יראה לנו במפלתו של המן, ומי שפרע מן הראשונים הוא יפרע לנו מן האחרונים. מה כתיב למעלה מן הענין?** ויתלו שניהם על עץ, **אף סופו של אותו האיש ליצלב.**

ד

[פתיחתא]

**ד״א:** אחר הדברים האלה גדל המלך אחשורוש — — —. **הרהורי דברים היו שם. ומי הרהר? ר׳ יהודה אמר: המן הרהר. אמר: „אם אסתר יהודית היא, קרובתי היא מן אבי עשו; הה״ד** (מלאכי א׳): הלא אח עשו ליעקב. **ואם גויה היא, כל הגוים קרובים אלו לאלו״.**

---

**איז זי דאָך מיינע אַ קרובה פון מיין טאַטן עשוס צד; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (מלאכי א, ב): הלא — איז ניט עשו יעקבס אַ ברודער? **און אויב זי איז אַ גויע, זיינען דאָך אַלע גויים קרובים איינע מיט די אַנדערע״**[2].

---

ג. [1] די איבערחזרונג נעמט זיך פון דער אַראַמעאישער אָפּטייטשונג אין טעקסט. אַזוי אויך ווייטער: „ביזן וואָלקן״. [2] אין ילקוט שמעוני ווערט די מעשה געבראַכט אין נאָמען פון רבין. [3] די מפּלה פון די חיות, וואָס זייערע פעלן זיינען אויסגעשפּרייט

## ה
## [פתיחתא]

ר׳ פינחס האָט געזאָגט: צוויי רייכע לייט זיינען אויפגעקומען אויף דער וועלט, איינער ביי די יידן און איינער ביי די געצנדינער, און זייער געלט איז זיי ניט בייגעשטאַנען, נייערט אויף זייער בייזן [סוף][1]: קורח ביי יידן, וואָס האָט געפונען די אוצרות פון גאָלד און זילבער וואָס יוסף האָט באַהאַלטן; און המן ביי די געצנדינער, וואָס האָט צוגענומען די אוצרות פון די מלכים פון יהודה. און אַז דער מלך האָט געזען זיין עשירות און זיינע צען זין די שררות פאַר אים, אַזוי האָט ער גענומען און אים דער־הייבן און אים דערהייכט. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: אחר — נאָך דידאָזיקע געשעענישן האָט דער מלך אחשורוש דערהייבן המנען דעם זון פון המדתאן און אים דערהייכט, און דער מלך האָט באַפוילן, אַז מע זאָל זיך קניען און בוקן צו אים. וואָס האָט המן געטאָן? ער האָט זיך געמאַכט אַן אויסגעהעפּט אָפּבילד אויף זיינע בגדים אויפן האַרצן, און איטלעכער וואָס האָט זיך געבוקט צו המנען, האָט זיך געבוקט צו דער עבודה זרה.

## ו
## [פתיחתא]

(ג, ב) וכל — און אַלע קנעכט פונעם קיניג וואָס אין קיניגס טויער [קניען זיך און בוקן זיך צו המנען]. ר׳ יוסי בר חנינא האָט אָנגעהייבן (תהילים קמ, ו): טמנו גאים — די פאַרריסענע האָבן מיר אונטערגעלייגט אַ פּאַסטקע, — די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! אַ פּאַסטקע האָבן די געצנדינער מיר פאַרשפּרייט כדי מיך אומצואוואַרפן. זיי זאָגן מיר: „דין דער עבודה זרה". פאָלג איך זיי, אַזוי ווער איך באַשטראָפט[1]; פאָלג איך זיי ניט, אַזוי הרגענען זיי מיך". ס׳איז אַ משל מיט אַ וואָלף, וואָס איז געווען דורשטיק נאָך וואַסער, און מע האָט אים פאַרשפּרייט אַ פּאַסטקע איבערן קוואַל. האָט ער געזאָגט: „גיי איך אַראָפּ טרינקען, אַזוי ווער איך געכאַפּט; גיי איך ניט אַראָפּ, אַזוי שטאַרב איך פון דורשט".

## ז

(ג, ד) ויהי — און עס איז געווען, אַז זיי האָבן אים טאָג־טעגלעך געזאָגט. ר׳ יוחנן אין נאָמען פון ר׳ בנימין דעם זון פון ר׳ לוי [האָט געזאָגט]: רחלס קינדער — זייער נסיון[1] איז דערזעלבער און זייער גדולה

---

פון אויבן. [4] די מפּלה פונעם לייב. [5] ווערטערלעך: קרייציקונג (זע אויבן ב, יד, באַמערקונג 1).

ד. [1] דברים מיינט זאַכן, געשעענישן, און אויך ווערטער. [2] דער ילקוט שמעוני (אסתר, תתרנג) גיט צו: און איך קען קריגן אַ דערהייבונג דורך איר (און דעריבער האָט ער געזוכט אַ דערהייבונג גלייך נאָכדעם ווי אסתר איז אַ מלכה געוואָרן. — רד״ל).

ה. [1]ביידע זיינען רואינירט געוואָרן איבער זייער רייכקייט וואָס האָט זיי אָראָפּגעפירט פון גלייכן וועג.

ו. [1] פון גאָט.

ז. [1] עמענדירט לויטן אינהאַלט (זע יפה תואר און מהרז״ו, בראשית רבה פז, ו).

## ה

### [פתיחתא]

ר׳ פנחס אמר: שני עשירים עמדו בעולם, אחד לישראל ואחד לעובדי כוכבים, ולא עמד להם ממונם, אלא לרעתם: קרח בישראל שמצא אוצרות של כסף וזהב שהטמין יוסף; והמן בעובדי כוכבים לקח אוצרות מלכי יהודה. וכיון שראה המלך את עשרו ועשרת בניו לפניו שרים, עמד וגדלו ורוממו. הה״ד: אחר הדברים האלה גדל המלך אחשורוש את המן בן המדתא האגגי וינשאהו, וצוה המלך, שיהו כורעים ומשתחוים לו. מה עשה המן? עשה לו צלם מרוקם על בגדיו ועל לבו, וכל מי שהיה משתחוה להמן, היה משתחוה לעבודת כוכבים.

## ו

### [פתיחתא]

(ג, ב) וכל עבדי המלך אשר בשער המלך, וגו׳. רבי יוסי בר חנינא פתח (תהלים ק״מ): טמנו גאים פח לי, — אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבונו של עולם! מצודה פרשו לי עובדי כוכבים להפילני. אומרים לי: „עבוד עבודת כוכבים״. אם אני שומעת להם, נענשתי; ואם אין אני שומעת להם, הן הורגין אותי״. משל לזאב שצמא למים, ופרשו לו מצודה על פי המעין. אמר: „אם ארד לשתות, הריני ניצוד; ואם לא ארד, הריני מת בצמא״.

## ז

(ג, ד) ויהי כאמרם אליו יום יום. ר׳ יוחנן בשם ר׳ בנימין בר ר׳ לוי: בניה של רחל (נסן) [נסיונן] שוה וגדולתן שוה. (נסן) [נסיונן] שוה, הה״ד (בראשית ל״ט): ויהי כדברה אל יוסף יום יום, וכאן כתיב: ויהי כאמרם אליו יום יום; ולא שמע אליהם, ולהלן כתיב: ולא שמע אליה לישכב אצלה. וגדולתן שוה, הה״ד (שם מ״א): ויסר פרעה את טבעתו מעל ידו ויתן

---

איז דיזעלבע. זייער נסיון איז דערזעלבער, דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (בראשית לט, י): ויהי — און עס איז געווען, אַז זי האָט טאָג־טעגלעך גערעדט צו יוספן, און דאָ שטייט: ויהי — און עס איז געווען, אַז זיי האָבן אים טאָג־טעגלעך געזאָגט; [דאָ שטייט:] ולא שמע — און ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי, און דאָרטן שטייט: ולא שמע — און ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו איר צו ליגן מיט איר. און זייער גדולה איז דיזעלבע, דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (בראשית מא, מב): ויסר פרעה — און פּרעה האָט

אָראָפּגענומען זײַן זיגלרינג פֿון זײַן האַנט און האָט אים אָנגעטאָן אויף יוספֿס האַנט, און ער האָט אים אָנגעטאָן אין בגדים פֿון לײַנען; **און דאָ שטייט**[2]: ויסר המלך — און דער מלך האָט אַראָפּגענומען זײַן זיגלרינג וואָס ער האָט אָוועקגענומען פֿון המנען און האָט אים געגעבן מרדכין. **דאָרטן שטייט**[3]: וירכב — און ער האָט אים געמאַכט רײַטן אין זײַן צווייטן רײַטוואָגן, און מע האָט אויסגערופֿן פֿאַר אים: אברך[4]! **און דאָ שטייט**[5]: ונתון — און מע זאָל געבן דאָס קלייד און דאָס פֿערד — — — און מע זאָל אויסרופֿן פֿאַר אים: אַזוי ווערט געטאָן צו דעם מאַן, וואָס דער מלך וויל אים טײַער האַלטן!

## ח

**וואָס האָט מרדכי געזאָגט צו די וואָס פֿלעגן אים זאָגן** (ג, ג): מדוע — פֿאַרוואָס ביסטו עובר אויפֿן קיניגס געבאָט? **ר׳ לוי האָט געזאָגט: מרדכי האָט געזאָגט צו זיי: „משה רבנו האָט אונדז געוואָרנט אין דער תורה** (דברים כז, טו): ארור האיש — פֿאַרשאָלטן זאָל זײַן דער מאַן, וואָס וועט מאַכן אַן אויסגעהאַקט אָדער אַ געגאָסן בילד, **און דערדאָזיקער רשע מאַכט זיך פֿאַר אַן עבודה זרה! און ישעיה הנביא האָט אונדז געוואָרנט** (ישעיה ב, כב): חדלו לכם — לאָזט אָפּ דעם מענטשן, וואָס אַן אָטעם איז אין זײַן נאָז, דען וואָס איז ער גערעכנט? **און ניט נאָר דאָס, נײַערט איך בין אַן אויסגעווײלטער ביי הקדוש ברוך הוא, דען אַלע שבטים**[1] **זײַנען געבוירן געוואָרן אין חוץ לאָרץ, אָבער מײַן זיידע**[2] **איז געבוירן געוואָרן אין ארץ ישראל"**[3]**. האָבן זיי אים געזאָגט: „וועלן מיר עס אים זאָגן". תיכף** — ויגידו — האָבן זיי דערציילט המנען — — —. **האָט המן געזאָגט צו זיי: „זאָגט אים: זײַן זיידע האָט זיך דאָך געבוקט צו מײַן זיידן". דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (בראשית לג, ו־ז): ותגשן — האָבן גענענט די דינסטן — — — און נאָכדעם האָבן גענענט יוסף און רחל און האָבן זיך געבוקט. **האָט ער געענטפֿערט: „אָבער בנימין איז נאָך ניט געווען געבוירן". האָבן זיי עס אים געזאָגט. דאָס איז וואָס אין פּסוק שטייט:** ויגידו — האָבן זיי דערציילט המנען.

## ט

(ג, ה) וירא המן — און המן האָט געזען, אַז מרדכי קניט ניט און בוקט זיך ניט פֿאַר אים. **ר׳ איבו האָט געזאָגט:** (תהילים סט, כד): תחשכנה — פֿינצטער זאָלן ווערן זייערע אויגן — **די רשעים** — פֿון זען, **דען די זעאונג פֿון די רשעימס אויגן נידערט זיי אַראָפּ אין גיהנום. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (בראשית ו, ב): ויראו — און די זין פֿון גאָט[1] האָבן געזען די טעכטער פֿון די מענטשן — — — [אַז זיי זײַנען שיין, און זיי האָבן זיך גענומען ווײַבער, וועמען זיי האָבן נאָר אויסגעקליבן]; (דאָרט ט, כב) וירא חם — און חם דער פֿאָטער פֿון כנען האָט געזען — — — [די נאַקעטקייט

[2] ח, ב. [3] בראשית מא, מג. [4] אויף די קני. [5] ו, ט.

ח. [1] **די פֿאָטערס פֿון די שבטים, יעקבס זין.** [2] **בנימין.** [3] בראשית לה, טז־יח.

ט. [1] **די געפֿאַלענע מלאכים (זע** פּרקי דר׳ אליעזר, כב)**, אָדער די שופֿטים און די**

אותה על יד יוסף, וילבש אותו בגדי שש; **וכאן כתיב:** ויסר המלך את טבעתו אשר העביר מהמן ויתנה למרדכי. **להלן כתיב** (שם): וירכב אותו במרכבת המשנה אשר לו, ויקראו לפניו: אברך! **וכאן כתיב:** ונתון הלבוש והסוס — — — וקראו לפניו: ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו!

ח

**מה אמר להם מרדכי למי שאומרים לו:** מדוע אתה עובר את מצות המלך? ר׳ לוי אמר: **אמר להם מרדכי:** „**משה רבינו הזהיר לנו בתורה** (דברים כ״ז): ארור האיש, אשר יעשה פסל ומסכה, **ורשע זה עושה עצמו עבודת כוכבים! וישעיהו הנביא הזהירנו** (ישעיה ב׳): חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו, כי במה נחשב הוא. **ולא עוד, אלא שאני איסגנטירין של הקדוש ברוך הוא, שכל השבטים נולדו בחוצה לארץ, וזקני נולד בארץ ישראל״. אמרון ליה:** „**ונימר ליה״. מיד** — ויגידו להמן, וגו׳. **אמר לון המן:** „**אמרון ליה: זקנו הלא השתחוה לזקני״. הדא הוא דכתיב** (בראשית ל״ג): ותגשן השפחות, וגו׳, ואחר נגש יוסף ורחל וישתחוו. **היתיב:** „**ועדיין לא נולד בנימין״. אמרין ליה. הה״ד:** ויגידו להמן.

ט

(ג, ה) וירא המן, כי אין מרדכי כורע ומשתחוה לו. **א״ר איבו:** (תהלים ס״ט): תחשכנה עיניהם — **של רשעים** — מראות, **לפי שמראית עיניהם של רשעים מורידות אותם לגיהנם. הה״ד** (בראשית ו׳): ויראו בני האלהים את בנות האדם: (שם ט׳) וירא חם אבי כנען: (שם כ״ח) וירא עשו, כי רעות בנות כנען; (במדבר כ״ב) וירא בלק בן צפור; (שם כ״ד) וירא בלעם, כי טוב בעיני ה׳ לברך את ישראל; וירא המן, כי אין מרדכי כורע ומשתחוה לו. **אבל מראית עיניהם של צדיקים (תאר) [תואר], לפי שמראית**

---

פון זיין פאָטער]; (דאָרט כח, ח) וירא עשו — און עשו האָט געזען, אַז די טעכטער פון כנען זיינען שלעכט; (במדבר כב, ב) וירא בלק — און בלק דער זון פון צפור האָט געזען — — —; (דאָרט כד, א) וירא בלעם — און בלעם האָט געזען, אַז עס איז וואוילגעפעלן אין די אויגן פון גאָט צו בענטשן ישראל; (דאָ) וירא המן — און המן האָט געזען, אַז מרדכי קניט ניט און בוקט זיך ניט פאר אים [2]. **אָבער די זעאונג פון די אויגן פון די צדיקים וועט אויפגעלויכטן ווערן** [3], **דען די זעאונג פון די צדיקימס אויגן דערהייבט זיי**

**צו אַ העכערער מדרגה. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (בראשית יח, ב): וישא עיניו — און ער האָט אויפגעהייבן זיינע אויגן און האָט געזען, ערשט דריי מענטשן [שטייען פאַר אים]; (דאָרט כב, יג) וירא — און ער האָט געזען, ערשט אַ ווידער — — —; (דאָרט כט, ב) וירא — און ער האָט געזען, ערשט אַ ברונעם איז אין פעלד; (שמות ג, ב) וירא — און ער האָט געזען, ערשט דער דאָרנבוים — — —; (במדבר כה, ז) וירא פינחס — און פינחס האָט געזען — — —[4]. **דעריבער פרייען זיי זיך מיט דער זעאונג פון זייערע אויגן, ווי דער פסוק זאָגט** (תהילים קז, מב): יראו ישרים — די רעכט־פאַרטיקע ועלן זען און ועלן זיך פרייען.

ו

(ג, ו) ויבז — און עס איז געווען אַ בזיון אין זיינע אויגן אויסצושטרעקן אַ האַנט אויף מרדכין אליין. **ניבזה בן ניבזה! דאָרטן שטייט געשריבן** (בראשית כה, לד): ויבז עשו — און עשו האָט מבזה געווען די בכורה, **און דאָ שטייט געשריבן**: ויבז — און ס'איז אים געווען אַ בזיון אין זיינע אויגן.

ויבקש המן — און המן האָט געזוכט צו פאַרטיליקן אַלע יידן. **ר' שמעון בן יוסי בן לקוניא האָט געזאָגט: יידן אויף דער וועלט זיינען געגליכן צו פעלזן, ווי דער פסוק זאָגט** (במדבר כג, ט) כי מראש — דען פון שפּיץ פון די פעלזן זע איך אים; (ישעיה נא, א) הביטו — קוקט אויפן פעלז פון וואַנען איר זענט אויסגעהאַקט. **זיי זיינען געגליכן צו שטיינער, ווי דער פסוק זאָגט** (תהילים קיח, כב): אבן — דער שטיין וואָס די בויערס האָבן פאַראַכט. **און די פעלקער פון דער וועלט זיינען געגליכן צו ערדענע כלים; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה ל, יד): ושברה — און ער וועט זי צעברעכן, ווי מע צעברעכט אַ כלי פון אַ טעפּער[1]. **פאַלט דער שטיין אויפן טאָפּ, איז ווייי דעם טאָפּ; פאַלט דער טאָפּ אויפן שטיין, איז ווייי דעם טאָפּ; אַזוי צי אַזוי איז ווייי דעם טאָפּ. אַזוי איז יעדערער וואָס קומט און נעמט זיך צו זיי**[2] **באַקומט דאָס זייניקע פון זייער האַנט. און אַזוי זאָגט דער פסוק אין נבוכדנצרס חלום** (דניאל ב, מה): די מטורא — וואָס פון אַ באַרג האָט זיך אָן הענט אַרויסגעשניטן אַ שטיין און צעשטויסן דאָס אייזן, דאָס קופּער, די ליים — — —. **ר' חייא בר ינאי האָט געזאָגט: אַז דעם מלכס פּורפּל מאַנטל ווערט פאַרקויפט אין מאַרק, איז ווייי דעם פאַרקויפער, און ווייי דעם קויפער**[3]. **אַזוי — ישראל איז דער פּורפּל מאַנטל, וואָס הקדוש ברוך הוא רימט זיך מיט זיי, ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה מט, ג): ישראל — ישראל, וואָס מיט דיר טו איך זיך רימען, **און זיי ווערן פאַרקויפט, — ווייי דעם פאַרקויפער און ווייי דעם קויפער!**

---

גדולי הדור (בראשית רבה כו, ה; אונקלוס אויף דעם פסוק). [2] אין די אַלע פאַלן האָט די זעאונג פון זייערע אויגן פאַרפירט די רשעים צו שלעכטע מעשים, אפילו אין בלעמס פאַל, וואָס אין פלוג קוקט אויס זיין זען צום גוטן: שפּעטער האָט ער אַן עצה געגעבן בלקן צו פאַרפירן ישראל מיט זנות (זע במדבר לא, טז). [3] תואר, די וו מיט אַ שורוק, — עמענדירונג און טייטש לויטן רש״ש. [4] אין דידאָזיקע פאַלן האָט די זעאונג פון די צדיקים זיי געבראַכט צו גוטע מעשים.

**עיניהם של צדיקים מעלה אותם למעלה העליונה, הה"ד** (בראשית י"ח): וישא עיניו וירא, והנה שלשה אנשים; (שם כ"ב) וירא, והנה איל; (שם כ"ט) וירא, והנה באר בשדה; (שמות ג') וירא, והנה הסנה! (במדבר כ"ה) וירא פנחס. **לפיכך הם שמחים במראית עיניהם, שנאמר** (תהלים ק"ז): יראו ישרים וישמחו.

י

(ג, ו) ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו. **בזוי בן בזוי! להלן כתיב** (בראשית כ"ה): ויבז עשו את הבכורה, **וכאן כתיב:** ויבז בעיניו.

ויבקש המן להשמיד את כל היהודים. **ר' שמעון בן יוסי בן לקוניא אמר: בעלמא הדין נמשלו ישראל לצורים, שנאמר** (במדבר כ"ג): כי מראש צורים אראנו; (ישעיה נ"א) הביטו אל צור חוצבתם. **נמשלו כאבנים, שנאמר** (בראשית מ"ט): משם רועה אבן ישראל; (תהלים קי"ח) אבן מאסו הבונים. **ואומות העולם נמשלו כחרשים; הה"ד** (ישעיה ל'): ושברה כשבר נבל יוצרים: **נפלה כיפה על קידרא, ווי לקידרא; נפלה קידרא על כיפה, ווי לקידרא; בין כך ובין כך — ווי לקידרא. כך כל מי שהוא בא ומזדווג להם, הוא נוטל את שלו מתחת ידיהם. וכן הוא אומר בחלום נבוכדנצר** (דניאל ב'): די מטורא אתגזרת אבן די לא בידין, והדקת פרזלא, נחשא, חספא. **א"ר חייא בר ינאי: פורפירא דמלכא מזדבנא בשוקא, ווי ליה למיזבניה, ווי ליה לזבוניה. כך ישראל הן פורפירא שהקב"ה מתפאר בהן; הה"ד** (ישעיה מ"ט): ישראל אשר בך אתפאר, **והן נמכרין, — אוי לו למוכר ואוי לו ללוקח.**

**משל דהמן רשיעא למה הוא דומה? לעוף שעשה קן על שפת הים ושטף הים את קנו; ואמר: „איני זז משם, עד שנעשה ים יבשה ויבשה ים". מה עשה? נוטל מים מן הים בפיו ושופך**

---

צו וואָס איז המן הרשע געגליכן? צו אַ פֿויגל וואָס האָט געמאַכט אַ נעסט אויפֿן ברעג ים, און דער ים האָט זיין נעסט אַראָפּגעשווענקט. האָט ער געזאָגט: „איך ריר זיך ניט פֿון אָרט, ביז איך מאַך ניט פֿון ים יבשה און פֿון יבשה — ים!" וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען וואַסער פֿונעם ים אין זיין מויל און געגאָסן אויף דער יבשה, און גענומען ערד פֿון דער יבשה

י. [1] דעם נביאס ווערטער באַציִען זיך אויף דער מעטאַפֿאָרישער מויער, מצרים, וואָס די יידן האָבן זיך אויף איר פֿאַרלאָזן. [2] צו די יידן. [3] ווייל דאָ איז זיכער באַגאַנגען

און געוואָרפן אין ים. איז געקומען זיין חבר און האָט זיך געשטעלט איבער אים און געזאָגט צו אים: „דו שלימזל, דו פינצטער מזל! סוף־כל־סוף — וויפיל קאָנסטו באַווייזן?" אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו המן הרשע: „דו נאַר איינער! איך האָב, כביכול, געוואָלט זיי פאַרטיליקן, און האָב ניט געקענט, ווי דער פסוק זאָגט (תהילים קו, כג): ויאמר להשמידם — און ער האָט געטראַכט זיי צו פאַרטיליקן, ווען ניט וואָס משה זיין אויס־דערוויילטער האָט זיך געשטעלט פאַר אים אין בראַך, צוריקצוהאַלטן זיין כעס פון אומברענגען; און דו האָסט געזאָגט: אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען! ביי דיין לעבן! דיין קאָפּ וועט אַראָפּגענומען ווערן אַנשטאָט זייער קאָפּ, דען זיי זיינען [אָנגעברייט] אויף ישועה, און דו — אויף דער תליה[4].

יא

(ג, ז) בחדש הראשון — אין דעם ערשטן חודש, דאָס איז דער חודש ניסן. מיר האָבן געלערנט: ווען המן הרשע האָט געוואָלט אומברענגען ישראל, האָט ער געזאָגט: „ווי וועל איך זיי באַצווינגען? אָט וועל איך וואַרפן גורל". און דער רוח הקודש שרייט (יואל ד, ג): ואל עמי — און אויף מיין פאָלק טוען זיי וואַרפן גורל. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „רשע בן רשע! דיין גורל איז אויסגעפאַלן געהאַנגען צו ווערן!" הפיל — מע האָט געוואָרפן פור (גורל), הוא הגורל, — אויף אים אַליין איז דער גורל געפאַלן[1*]. פאַרוואָס? (תהילים קכה, ג): כי לא ינוח — דען די רוט פון שלעכטס וועט ניט רוען אויף דעם גורל פון די צדיקים.

צוערשט האָט ער געוואָרפן גורל אויף די טעג, ווי דער פסוק זאָגט: פון טאָג אויף טאָג. האָט ער געוואָרפן גורל אויפן ערשטן טאָג פון דער וואָך, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שר זיינער[1] פאַר הקדוש ברוך הוא און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם! אין מיר זיינען באַשאַפן געוואָרן הימל און ערד, און דו האָסט געזאָגט (ירמיה לג, כה): אם לא בריתי — ווען ניט מיין בונד, וואָלט איך טאָג און נאַכט און די געזעצן פון הימל און ערד ניט געמאַכט[2], — ס'איז פאַראַן אַ בונד אין זייער לייב, ווי אין פסוק שטייט (בראשית יז, ט): ואתה— און דו זאָלסט מיין בונד היטן, און עס שטייט געשריבן (דאָרט פסוק יג): והיתה בריתי — און מיין בונד זאָל זיין אין אייער לייב; און ס'איז פאַראַן אַ בונד אין זייער מויל, דאָס איז די תורה, ווי אין פסוק שטייט (יהושע א, ח): לא ימוש — עס זאָל זיך ניט אָפּטאָן דאָסדאָזיקע בוך פון דער תורה פון דיין מויל. און דו האָסט געזאָגט (ירמיה לא, לו): אם ימדו — אויב עס וועלן אויסגעמאָסטן ווערן די הימלען פון אויבן און עס וועלן אויסגעפאָרשט ווערן די גרונטפעסטן פון דער ערד

געוואָרן אַ גנבה. [4] זע אויבן, יד, באַמערקונג 1.

יא. [1*] געטייטשט לויטן דרש. [1] האַר, מלאך, הימלישער באַשיצער פון דעם טאָג.

[2] אַזוי לויטן דרש. —דער געדאַנק פונעם בעל המדרש איז, אַז נאָר אין זכות פונעם צווייפאַכן בונד, דעם בונד פון מילה און דעם בונד פון תורה, עקזיסטירט געזעצמעסיקייט

**ליבשה, ונוטל עפר מן היבשה ומשליך לים. בא חבירו ועמד לו על גביו ואמר לו: „ביש גדא וטמיע מזלא! סוף סוף כמה את יכיל?" כך אמר לו הקב"ה להמן הרשע: „אי שוטה שבעולם! אני אמרתי להשמידם, כביכול, ולא יכלתי, שנאמר** (תהלים ק"ו): ויאמר להשמידם, לולי משה בחירו עמד בפרץ לפניו להשיב חמתו מהשחית; **ואתה אמרת:** להשמיד להרוג ולאבד! **חייך, רישך מתורם חלף רישיהון, דאינון לשיזבא ואת לצליבא".**

יא

(ג, ז) בחדש הראשון הוא חדש ניסן, וגו'. **תני: כשאמר המן הרשע לאבד את ישראל, אמר: „היאך אני שולט בהן? הריני מפיל גורלות". ורוח הקודש צווחת** (יואל ד'): ואל עמי ידו גורל. **אמר לו הקב"ה: „רשע בן רשע. גורלך עולה להצלב".** הפיל פור, הוא הגורל, — **עליו נפל הגורל; למה?** (תהלים קכ"ה) כי לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

**בתחלה הפיל פור בימים, שנאמר:** מיום ליום. **הפיל פור ביום אחד בשבת, עמד שרו לפני הקב"ה ואמר: „רבש"ע! בי נבראו שמים וארץ, ואמרת** (ירמיה ל"ג): אם לא בריתי, — יומם ולילה, חקות שמים וארץ לא שמתי, — **יש ברית בבשרם, דכתיב** (בראשית י"ז): ואתה את בריתי תשמר, **וכתיב** (שם): והיתה בריתי בבשרכם; **ויש ברית בפיהם, זו תורה, דכתיב** (יהושע א'): לא ימוש ספר התורה הזה מפיך. **ואמרת** (ירמיה ל"א): אם ימדו שמים מלמעלה ויחקרו מוסדי ארץ למטה, וגו', **וכתיב** (שם) גם זרע ישראל ישבתו מהיות גוי לפני כל הימים, — **ורשע זה מבקש לאבדן! עקור שמים וארץ תחלה, ואחר כך אתה מכלה אותן!"**

**הפיל פור ביום שני, ועמד שרו לפני הקב"ה ואמר: „רבש"ע! ביום שני הבדלת בין מים העליונים למים התחתונים, וכן**

---

אונטן — — —, **און עס שטייט דאָרט געשריבן** (פסוק לה): גם זרע ישראל — וועלן אויך די קינדער פון ישראל אויפהערן פון צו זיין אַפאָלק פאַר מיר אַלע טעג[3], — **און דערדאָזיקער רשע וויל זיי אומברענגען! רייס אויס הימל און ערד צוערשט, און נאָכדעם וועסטו זיי פאַרלענדן".**

**האָט ער געוואָרפן גורל אויפן צווייטן טאָג, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שר זיינער פאַר הקדוש ברוך הוא און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם! אינעם צווייטן טאָג האָסטו אָפגעשיידט צווישן די אייבערשטע וואַסערן**

און די אונטערשטע וואַסערן, און אַזוי זײַנען די ייִדן אָפּגעשיידט פון די פעלקער; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ויקרא כ, כו): ואבדיל אתכם — און איך האָב אײַך אָפּגעשיידט פון די פעלקער, איר זאָלט זײַן מײַנע, און דערדאָזיקער רשע וויל זיי אומברענגען! קער איבער די אייבערשטע [וואַסערן] און די אונטערשטע, און נאָכדעם פאַרלענד זיי!״

האָט ער געוואָרפן גורל אויפן דריטן טאָג, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שר זײַנער פאַר הקדוש ברוך הוא און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם! דעם דריטן טאָג זײַנען די זאָמען באַשאַפן געוואָרן, און ייִדן שיידן אָפּ פון זיי תרומה און מעשר, און אין אים זײַנען די ביימער באַשאַפן געוואָרן, און די ייִדן לויבן דיך מיט זיי; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט כג, מ): ולקחתם לכם — און איר זאָלט אײַך נעמען דעם ערשטן טאָג פרוכט פון אַ שיינעם בוים; און אין אים האָבן זיך אײַנגעזאַמלט די וואַסערן אין אַ ים, און פאַר ישראל איז ער צעשניטן געוואָרן אין צוועלף שטיקער[4], דער ים. און איצט, אויב ישראל גייט אונטער, ווי וועלן מיר זיך האַלטן?״

האָט ער געוואָרפן גורל אויפן פערטן טאָג, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שר זײַנער פאַר הקדוש ברוך הוא און האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! דעם פערטן טאָג זײַנען באַשאַפן געוואָרן די ליכטער [און ישראל איז געגליכן צו די ליכטער, דען די פעלקער פון דער וועלט זײַנען אָנגעבּרייט][5] זיך צו באַנוצן מיטן ליכט פון ישראל; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה ס, ג): והלכו גוים — און פעלקער וועלן גיין פאַר דײַן ליכט, און מלכים — פאַר דער העלקייט פון דײַן אויפשײַן: און אין אים זײַנען באַשאַפן געוואָרן די שטערן, און דײַנע קינדער זײַנען געגליכן צו שטערן. אויב דו וועסט זיי אומברענגען, ווי וועלן מיר זיך האַלטן?״

האָט ער געוואָרפן גורל אויפן פינפטן טאָג, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שר זײַנער פאַר הקדוש ברוך הוא און האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! דעם פינפטן טאָג זײַנען באַשאַפן געוואָרן די פייגל, און פון זיי האָסטו געהייסן מקריב זײַן קרבנות, און מיט זיי טוסטו פאַרגעבן און לאָזסט זיך איבערבעטן מיט די מענטשן; און אויב זיי גייען אונטער, ווער וועט מקריב זײַן אַ קרבן?״

האָט ער געוואָרפן גורל אויפן זעקסטן טאָג, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שר זײַנער פאַר הקדוש ברוך הוא און האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! אין זעקסטן טאָג איז באַשאַפן געוואָרן אדם הראשון, און דו האָסט אָנגערופן דײַנע קינדער מיט זײַן נאָמען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל לד, לא): ואתן צאני — און איר, מײַנע שאָף, די שאָף פון מײַן פּיטערונג, אדם אתם — מענטש זענט איר; איז אויב דו ווילסט זיי

---

און אָרדנונג אויף דער וועלט.

[3] לויט דער ערשטער העלפט פונעם פסוק וועט עס פאַסירן נאָר דאַן, ווען אַלע נאַטור געזעצן וועלן אָפּגעשאַפט ווערן.

[4] ביי יציאת מצרים, מאַכנדיק פאַר יעדן שבט אַ באַזונדער דורכגאַנג.

[5] נאָר דורך דעמדאָזיקן צוגאָב ווערט דאָ דער

ישראל מובדלים הם מן האומות; הה״ד (ויקרא כ׳): ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי, ורשע זה רוצה לאבדן! הפוך עליונים ותחתונים, ואחר כלה אותם!

יום שלישי הפיל פור, ועמד שרו לפני הקב״ה ואמר: „רבוש״ע! יום שלישי, בו נבראו זרעים, וישראל מפרישין מהם תרומות ומעשרות, ובו נבראו אילנות, וישראל מקלסין לפניך בהן; הה״ד (ויקרא כ״ג): ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר, וגו׳; ובו נקוו המים לים, ולישראל נגזר שנים עשר גזרים בים. ועכשו, אם ישראל בטלים, אנו היאך קיימין?״

יום רביעי הפיל פור, ועמד שרו לפני הקב״ה ואמר לפניו: „רבש״ע! יום רביעי בו נבראו המאורות [, וישראל משולין למאורות, שעתידין אומות העולם] להשתמש לאורן של ישראל; הה״ד (ישעיה ס׳): והלכו גוים לאורך ומלכים לנגה זרחך; ובו נבראו הכוכבים, ובניך נמשלו לכוכבים. אם תאבדם, היאך אנו קיימין?״

הפיל פור יום חמישי, עמד שרו לפני הקב״ה ואמר לפניו: „רבוש״ע! יום חמישי בו נבראו עופות, ומהם צוית להקריב קרבנות ובהם אתה מכפר ומתרצה לבריות; ואם הם בטלים, מי מקריב קרבן?״

הפיל פור ביום ששי, עמד שרו לפני הקב״ה ואמר לפניו: „רבוש״ע! יום ששי בו נברא אדם הראשון, וקראת לבניך בשמו; הה״ד (יחזקאל ל״ד): ואתן צאני, צאן מרעיתי, אדם אתם; ואם אתה מבקש לעקרן, עקור כל האדם, ואחר כך ישלוט בהם״.

ביום שבת הפיל פור, עמד שרו לפני הקב״ה ואמר לפניו: „רבוש״ע! יום שבת בו נגמרו כל מעשיך ונשתכללו; הה״ד (בראשית ב׳): ויכל אלהים ביום השביעי, וכתיב (שמות ל״א):

---

אויסרייסן, רייס אויס דעם גאַנצן מין מענטש, און נאָכדעם זאָל ער האָבן אַ שליטה איבער זיי!״

האָט ער געוואָרפן גורל אויפן שבתדיקן טאָג, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שר זיינער פאַר הקדוש ברוך הוא און האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! אין דעם טאָג שבת זיינען אַלע דיינע באַשאַפונגען פאַרענדיקט און פאַרגאַנצט געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית ב, ב): ויכל אלהים — און גאָט האָט פאַרענדיקט אין דעם זיבעטן טאָג — — —,

און עס שטייט געשריבן (שמות לא, יז): ביני — צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז עס אַ צייכן אויף אייביק; איז אויב דו ווילסט זיי אויסרייסן, רייס אויס דעם שבת און מאַך אים בטל, און נאָכדעם וועסטו זיי פאַרלענדן!"

וויבאַלד דערדאָזיקער רשע האָט געזען, אַז דער גורל פאַלט אים ניט אויס אויף די טעג, אַזוי איז ער אַוועק צו די חדשים. האָט ער אָנגעהויבן מיטן חודש ניסן, איז אין אים אויפגעגאַנגען דער זכות פון פסח[6]. אין אייר — דער זכות פון קליין־פסח[7], און דער זכות פונעם מן, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו ישראל דעם פופצענטן טאָג אין אים. אין סיון — דער זכות פון דער תורה[8]. אין תמוז — דער זכות פונעם לאַנד[9]; און נאָך אַ טעם, פאַרוואָס דער גורל איז ניט געפאלן אויף תמוז און אב, דען זיי האָבן געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! ס'איז אונדז גענוג די צרות וואָס האָבן געטראָפן דייַנע קינדער אין אונדז, פינף אום תמוז און פינף אום אב"[10]. מיט אלול איז אויפגעגאַנגען דער זכות פון פאַרענדיקן די מויער פון ירושלים, דען אין אים איז זי פאַרענדיקט געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (נחמיה ו, טו): ותשלם החומה — און די מויער איז פאַרענדיקט געוואָרן דעם פינף און צוואַנציקסטן אין אלול[11]; און אויך דער זכות פון מעשר בהמה, ווי דאָס וואָס מיר האָבן דאָרט געלערנט[12]: דעם ערשטן טאָג פון אלול איז ראש השנה פאַר מעשר בהמה. מיט תשרי איז אויפגעגאַנגען דער זכות פון שופר בלאָזן און יום כפור און די ימים טובים[13]. מיט חשון איז אויפגעגאַנגען דער זכות פון אונדזער מוטער שרה, וואָס אין אים איז זי געשטאָרבן[14]. כסלו — דער זכות פון חנוכה[15]. מיט טבת איז אויפגעגאַנגען דער זכות פון עזראן [און פון די אנשי כנסת

מדרש פאַרשטענדלעך (זע יפה ענף און עץ יוסף). [6] דער זכות פון פסח איז בייגעשטאַנען די יידן, אַז אין דעם חודש זאָל זיי קיין שלעכטס ניט געשען. [7] פסח שני, פאַר מענטשן אין ווייטן וועג, אָדער אין אומריינקייט (במדבר ט, ט־יב). [8] וואָס איז געגעבן געוואָרן אין דעם חודש. [9] ארץ ישראל. לויט מאַנכע מפרשים (זע יפה ענף) ווערט דאָ אָנגעדייט יהושועס מלחמה מיט די כנענים, ווען זיי זייַנען באַפאַלן די גבעונים, און דאָס אָפּשטעלן די זון און די לבנה ביזן ענדגילטיקן ניצחון, וואָס האָט שפּעטער מעגלעך געמאַכט דאָס איינעמען גאַנץ כנען (יהושוע י, א־יד; זע סדר עולם יא); אַנדערע מפרשים מיינען, אַז דאָס באַציט זיך אויף דער עליה פון עזרא הסופר, וואָס איז אָנגעקומען קיין ירושלים ראש חודש אב, (עזרא ז, ח), און לויט דעם איז ער אַריבער דעם פרת האַלב תמוז (זע רד"ל). [10] אום שבעה עשר בתמוז זייַנען צעבראָכן געוואָרן די לוחות, און ס'איז בטל געוואָרן דער קרבן תמיד, און ס'איז אייַנגעבראָכן געוואָרן די [וואַנט אַרום דער] שטאָט (ירושלים), און אפוסטמוס האָט פאַרברענט די תורה, און ס'איז אַרייַנגעשטעלט געוואָרן אַ געץ אין בית המקדש (די לעצטע צוויי — אונטער אַנטיוכוסן); אום תשעה באב איז נגזר געוואָרן אויף די יידן, ניט אַרייַנצוגיין אין לאַנד (צוליב דער זינד פון די מרגלים), און ס'איז חרוב געוואָרן דער ערשטער בית המקדש און דער צווייטער, און ביתר איז געפאַלן און די שטאָט (ירושלים) איז צעאַקערט געוואָרן (די לעצטע צוויי — נאָך בר כוכבאס מפּלה). — משנה, תענית ד, ו. [11] כאָטש דאָס איז פאָרגעקומען מיט יאָרן שפּעטער, איז אָבער דער זכות שוין געווען אָנגעברייט. [12] ראש השנה א, משנה א. [13] סוכות און שמיני עצרת, וואָס געהערן צו די שלש רגלים. [14] און געשטאָרבן איז זי פון שרעק, ווען יצחק איז געקומען און איר דערציילט די מעשה פון דער עקידה (בראשית רבה נח, ה; ויקרא רבה כ, ב). זע רד"ל. [15] זע באָמ. 11. לויטן רד"ל קאָן עס אפשר מיינען די

ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם; ואם אתה מבקש לעקור אותם, עקור את השבת ובטל אותה, ואחר כך אתה מכלה אותם;"

כיון שראה אותו רשע, שאין הגורל נופל בו בימים, חזר לחדשים. התחיל בחדש ניסן, ועלה בו זכות פסח. באייר — זכות פסח קטן וזכות המן שניתן להם לישראל בחמשה עשר בו. בסיון — זכות התורה. בתמוז — זכות הארץ; ועוד, למה לא עלה הגורל בתמוז ואב? שאמרו לפני הקב"ה: „רבוש"ע! דיינו פורענות שאירעו בנו לבניך, בתמוז חמשה ובאב חמשה". עלה באלול זכות השלמת החומה של ירושלים, שבו נשלמה; הה"ד (נחמיה ו'): ותשלם החומה בעשרים וחמשה לאלול; וגם זכות מעשר בהמה, כההיא דתנינן תמן: באחד באלול ראש השנה למעשר בהמה. עלה בתשרי זכות שופר וכפור ורגלים. עלה במרחשון זכות שרה אמנו, שבו מתה. כסלו — זכות חנוכה. עלה בטבת זכות עזרא [ואנשי כנסת הגדולה]; הה"ד (עזרא י'): ויעשו כן בני הגולה, ויבדלו עזרא הכהן, וגו', ויכלו בכל אנשים ההושיבו נשים נכריות, וגו'. עלה שבט זכות (אנשי כנסת הגדולה) — בעשרים ושלשה בו נתקבצו כל ישראל על פילגש בגבעה ועל צלם מיכה. עלה ראש חדש אדר, ולא מצא בו שום זכות; התחיל הרשע לשמוח.

חזר ובדק במזלות: טלה — זכות פסח; הה"ד (שמות י"ב):

---

הגדולה] [16]; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (עזרא י, טז־יז): ויעשו כן — און די קינדער פון גלות האָבן אַזוי געטאָן; און עס האָבן זיך אָפּגעזונדערט עזרא הכוהן — — — און זיי האָבן פאַרענדיקט מיט אַלע מענער וואָס האָבן אַריינגעבּראַכט פרעמדע פרויען — — —. מיט שבט איז אויפגעגאַנגען דער זכות פון דעם וואָס אין דריי און צוואַנציקסטן טאָג זיינעם איז זיך צונויפגעקומען כל ישראל וועגן [דעם חטא פון] פילגש בגבעה און פון דעם געץ פון מיכה[17]. אַז ס'איז אויפגעקומען ראש חודש אדר, און ער האָט אויף אים קיין שום זכות ניט געפונען, האָט זיך דער רשע אָנגעהייבן פרייען.

איז ער אַוועק באַטראַכטן די מזלות[18]. [אין מזל פון] לאָם[19] [איז אויפגעגאַנגען] דער זכות פון פסח; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות

---

באַנייאונג פונעם מזבח אין משהס טעג. [16] טעקסט עמענדירט דאָ און ביי שבט לויטן רד"ל (זע אויך באַמ. 11). [17] וועגן פילגש בגבעה זע שופטים כ, באַזונדערס פסוק יא, און וועגן דעם געץ פון מיכה — דאָרט, פרק יז־יח. דער דאַטום פון כג שבט ווערט אָנגעגעבן

יב, ג): איש — איטלעכער אַ לאָם פאַר אַ פּאַטעדהויז, אַ לאָם פאַר אַ הויז [19]*. אינעם אָקס איז געפונען געוואָרן דער זכות פון יוספן, וואָס ווערט גערופן אָקס; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דברים לג, יז): בכור שורו — זיין ערשטגעבאָרענער אָקס, פּראַכט האָט ער; אויך דער זכות פונעם קרבן, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כב, כז): שור — און אָקס, אָדער אַ שעפּס, אָדער אַ ציג, אַז עס וועט געבאָרן ווערן — — —. אינעם צווילינג איז געפונען געוואָרן דער זכות פון פרץ און זרח [20], וואָס ווערן גערופן צווילינג; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית לח, כז): והנה — ערשט אַ צווילינג איז אין איר בויך. אינעם לייב — דער זכות פון דניאלן, וואָס איז געווען פון שבט יהודה, וואָס ווערט גערופן לייב, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט מט, ט): גור אריה — אַ יונגער לייב איז יהודה. אין דער יונגפרוי — דער זכות פון חנניה, מישאל און עזריה, וואָס זיינען געווען גלייך ווי אַ יונגפרוי, וואָס האָט ניט געקענט קיין מאַנספּאַרשוין, אויסער איר מאַן, אַזוי האָבן זיי ניט געביטן זייער גאָט און זייערע געזעצן, און האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן זייער יידישקייט [21]. די וואָגשאָל איז איוב, ווי דער פסוק זאָגט (איוב ו, ב): לו שקול ישקל — ווען געוואויגן זאָל געוואויגן ווערן מיין כעס. [און מיין בראָך זאָל מען נעמען אויף דער וואָגשאָל] [22]. דער עקדיש איז יחזקאל, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל ב, ו): ואל עקרבים — און צווישן עקדישן טוסטו זיצן [23]. דער בויגן איז יוסף, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מט, כד): ותשב — און פעסט איז געבליבן זיצן זיין בויגן. דאָס ציגנבעקל איז יעקב, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כז, טז): ואת עורות — און די פעלן פון די ציגנבעקלעך. דער עמער איז משה, וואָס עס זאָגט זיך וועגן אים (שמות ב, יט): וגם דלה — און אויך אָנשעפּן האָט ער אָנגעשעפּט פאַר אונדז. אַז ס'איז אים אונטערגעקומען דער מזל פיש, וואָס דינט אין חודש אדר, און עס איז אין אים ניט געפונען געוואָרן קיין זכות, אַזוי האָט ער זיך גלייך דערפרייט און געזאָגט: „אדר האָט קיין זכות ניט און זיין מזל האָט קיין זכות ניט; און ניט נאָר דאָס, נייערט אין אדר איז געשטאָרבן משה זייער רבי". אָבער ער האָט ניט געוואוסט, אַז דעם זיבעטן [24] אדר איז משה געשטאָרבן און דעם זיבעטן אדר איז משה געבוירן געוואָרן. און ער האָט געזאָגט: „אַזוי ווי די פיש פאַרשלינגען [איינער דעם צווייטן], אַזוי וועל איך זיי פאַרשלינגען". האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „רשע! די פיש — אַמאָל ווערן זיי פאַרשלונגען און אַמאָל פאַרשלינגען זיי; און איצט וועסטו פאַרשלונגען ווערן פון די שלינגערס".

ר' חנן האָט געזאָגט: דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (אסתר ט, א): ונהפוך הוא — און דאָס פאַרקערטע איז געשען, אַז די יידן האָבן געוועלטיקט איבער זייערע שונאים. ר' תנחומא האָט געזאָגט (מלכים ב, יד, כז): ולא דבר ה' — און גאָט האָט ניט גערעדט אָפּצומעקן דעם נאָמען פון ישראל,

איש שה לבית אבות, שה לבית. שור — **נמצא זכות יוסף, שנקרא** שור; **ההי״ד** (דברים ל״ג): בכור שורו הדר לו, **וזכות קרבן, שנאמר** (ויקרא כ״ב): שור או כבש או עז כי יולד. תאומים — **נמצא בו זכות פרץ וזרח, שנקראו** תאומים; **ההי״ד** (בראשית ל״ח): והנה תאומים בבטנה. **אריה — זכות דניאל, שהיה משבט יהודה, הנקרא** אריה, **שנאמר** (שם מ״ט): גור אריה יהודה. בתולה — **זכות חנניה מישאל ועזריה, שהן דומין כבתולה, שלא ידעה איש זולתי בעלה, כך הם לא שינו אלהיהם ודתיהם והחזיקו ביהודתן.** מאזנים **זה איוב, שנאמר** (איוב ו׳): לו שקל ישקל כעסי. עקרב **זה יחזקאל, שנאמר** (יחזקאל ב׳): ואל עקרבים אתה יושב. קשת **זה יוסף, שנאמר בו** (בראשית מ״ט): ותשב באיתן קשתו. גדי **זה יעקב, שנאמר** (שם כ״ז): ואת עורות גדיי העזים. דלי **זה משה, שנאמר בו** (שמות ב׳): וגם דלה דלה לנו. **בא לו מזל דגים, שהוא משמש בחדש** אדר, **ולא נמצא בו זכות, ושמח מיד ואמר: „אדר אין לו זכות ומזלו אין לו זכות; ולא עוד, אלא שבאדר מת משה רבן״. והוא לא ידע, (שבאחד) [שבשבעה] באדר מת משה (ובאחד) [ובשבעה] באדר נולד משה. ואמר: „כשם שהדגים בולעין, כך אני בולע אותן״. אמר לו הקב״ה: „רשע! דגים פעמים נבלעין ופעמים בולעין; ועכשיו אותו האיש נבלע מן הבולעין״.**

**אמר ר׳ חנן: הדא הוא דכתיב:** ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם. **א״ר תנחומא:** (מלכים ב׳ י״ד): **ולא** דבר ה׳ למחות את שם ישראל, **אלא כך דבר** (שמות י״ז): כי מחה אמחה את זכר עמלק.

---

נייערט אַזוי האָט ער געערדט (שמות יז, יד): כי מחה אמחה — אַז אָפּמעקן וועל איך אָפּמעקן דעם זכר פון עמלק[25].

---

**אין** מגילת תענית. [18] **די צוועלף קאָנסטעלאַציעס, שטערן גרופּן, דורך וועלכע די זון מאַכט דורך איר יערלעכן גאַנג, יעדן חודש דורך אַן אַנדער קאָנסטעלאַציע. זינט אוראַלטע צייטן ווערט דער „מזל״ פון יעדן חודש באַצייכנט דורך אַ באַשטימטן סימבאָל, גענומען פון דער אַרומיקער נאַטור, מיטן גלויבן, אַז דידאָזיקע מזלות האָבן אַ באַשטימטע ווירקונג אויפן לעבן פון פעלקער און מענטשן.** [19] **דער סימבאָל פון חודש ניסן, און אַזוי אַלע ווייטערדיקע סימבאָלן אין דער אָרדנונג פון די חדשים (אויסער דער מזל פון חודש תמוז, סרטן, ראַק, וואָס פעלט דאָ.** [19*] **פּאַר אַ קרבן פּסח.** [20] **די זין פון תמר און יהודה.** [21] **זע** דניאל א און ג. [22] **און זיין זכות איז דאָ בייגעשטאַנען.** [23] מהרז״ו: **און די טוסט אַכטונג געבן, אַז דערדאָזיקער מזל זאָל יידן קיין שלעכטס ניט טאָן.** [24] **מיר האָבן דאָ און ווייטער עמענדירט דעם טעקסט לויט** תוספתא סוטה, י; בבלי קידושין לח, א; **און** סדר עולם י. **אַזוי איז עס אויך אין** מגילת תענית. [25] **און דאָס איז המן.**

## יב

(ג, ח) ויאמר המן — און המן האָט געזאָגט צום קיניג אחשורוש: „ישנו — פאַראַן איין פאָלק, — יענער וואָס וועגן אים ווערט געזאָגט (דברים ו, ד): ה׳ אחד — גאָט איז איינער, איז איינגעשלאָפן פון זיין פאָלק״ [1]. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „איך, — פאַר מיר איז קיין שלאָף ניטאָ; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט(תהילים קכא, ד): הנה — זע, עס דרימלט ניט און שלאָפט ניט דער היטער פון ישראל. און דו האָסט געזאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן שלאָף פאַר מיר. ביי דיין לעבן! פון שלאָף [2] וועל איך זיך אויפכאַפּן אויף דעמדאָזיקן מענטשן און אים אומברענגען פון דער וועלט״. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט עח, סה־סו): ויקץ כישן ה׳ — און אויפגעוואַכט האָט גאָט ווי פון שלאָף — — — און ער האָט צוריקגעשלאָגן זיינע שונאים.

אַן אַנדער פשט: ישנו — פאַראַן איין פאָלק, — ער האָט געזאָגט צו אים: „זייערע ציינער [3] זיינען גרויס, דען זיי עסן און טרינקען, און זיי זאָגן: דאָס איז פאַר עונג שבת, דאָס איז פאַר עונג יום טוב, און זיי פאַרמינערן דאָס געלט פון דער וועלט. איין מאָל אין זיבן טעג איז שבת; איין מאָל אין דרייסיק טעג איז ראש חודש; אין ניסן — פסח, אין סיון — שבועות, אין תשרי — ראש השנה און דער גרויסער תענית און דער יום טוב פון סוכות״. האָט אחשורוש אים געזאָגט: „אַזוי זיינען זיי באַפוילן אין זייער תורה״. האָט המן געזאָגט צו אים: „וואָלטן זיי אָפּגעהיט זייערע ימים טובים און אונדזערע ימים טובים, וואָלטן זיי גוט געטאָן; אָבער דיינע ימים טובים זיינען זיי מבזה, און דעם קיניגס געזעצן טוען זיי ניט, דען זיי היטן ניט אָפּ ניט קאַלענדעס און ניט סאַטורנאַליאַ״ [4]. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „רשע! דו וואַרפסט אַ בייז אויג אויף זייערע ימים טובים; אָט וועל איך דיך וואַרפן פאַר זיי, און אויף דיין מפּלה וועלן זיי זיך מוסיף זיין נאָך אַ יום טוב, דאָס זיינען די טעג פון פורים״. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (משלי יח, ז): פי כסיל — דעם נאַרס מויל איז זיין בראָך.

ולמלך — און דעם קיניג לוינט זיך ניט זיי צו לאָזן לעבן. אין אַלץ וואָס המן האָט באַשולדיקט די יידן אונטען, האָט מיכאל מלמד זכות געווען אויף זיי אויבן. ער האָט געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! דיינע קינדער ווערן פאַרקלאָגט, ניט ווייל זיי האָבן געדינט דער עבודה זרה, און ניט ווייל זיי האָבן עובר געווען אויף גילוי עריות [5], און ניט איבער בלוט פאַרגיסונג, נייערט ווייל זיי היטן אָפּ דיינע געזעצן״. האָט ער געזאָגט צו אים: „ביי דיין לעבן! ניט איך האָב פאַרלאָזן און ניט איך וועל פאַרלאָזן!״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמואל א, יב, כב): כי לא יטוש ה׳ — דען גאָט

---

יב. [1] ער גיט מער ניט אַכטונג אויף אים. ישנו, פאַראַן, ווערט דאָ געדרשנט לויט ישן, שלאָפן; אויך דאָס וואָרט אחד, איינער, וואָס געפינט זיך איןביידע פסוקים, דינט דאָ, משמעות, ווי אַ באַזיס פאַרן דרש. [2] פון דעם וואָס קוקט דיר אויס ווי שלאָף. [3] שניהון — ישנו. [4] רוימישע ימים טובים אָנגעווענדעט אויף דער פערסישער סצענע. [5] אינטימער פאַרקער צווישן נאָענטע משפחה מענטשן.

## יב

(ג, ח) ויאמר המן למלך אחשורוש: „ישנו עם אחד — **אותו שנאמר בו** (דברים ו׳): ה׳ אחד, **ישן לו מעמו״. אמר לו הקב״ה: „אני אין לפני שינה; הה״ד** (תהלים קכ״א): הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל. **ואתה אמרת, יש לפני שינה! חייך, שמתוך שינה אני מתעורר על אותו האיש ומאבדו מן העולם״. הה״ד** (שם ע״ח): ויקץ כישן ה׳ — — — ויך צריו אחור.

**ד״א**: ישנו עם אחד, — **אמר ליה: „שניהון רברבן, שאוכלין ושותין ואומרים: „עונג שבת, עונג יום טוב״, שהן מכניסין פחות בממונו של עולם. חדא לשבעה יומין שבתא; חד לתלתין יומין ריש ירחא; בניסן פיסחא, בסיון עצרת, בתשרי ריש שתא וצומא רבה, וחגא דמטללתא״. אמר לו אחשורוש: „כך מצווין בתורתן״. אמר לו המן: „אלו היו משמרין את מועדיהם ומועדינו, יפה היו עושין; אלא שמבזים מועדיך**, ואת דתי המלך אינם עושים, **שאינם משמרים לא קלנדס ולא סטורנליא״. אמר לו הקב״ה: „רשע! אתה מפיל עין רעה במועדיהם שלהם! הרי אני מפילך לפניהם, ומוסיפים להם מועד אחד על מפלתך״, — זה ימי הפורים. הה״ד** (משלי י״ח): פי כסיל מחתה לו.

ולמלך אין שוה להניחם. **כל מה שהיה המן מקטרג את ישראל מלמטה, היה מיכאל מלמד עליהם סניגוריא מלמעלה. אמר לפניו: „רבוש״ע! אין בניך מתקטרגין לא על שעבדו עבודת כוכבים ולא על שגלו עריות, ולא על שפיכות דמים, אלא אין מתקטרגין, אלא על שהן משמרין את דתותיך״. אמר לו: „חייך, לא שבקית ולא אשבק!״ הה״ד** (שמואל א׳ י״ב): כי לא יטוש ה׳ את עמו בעבור שמו הגדול, — **בין חייבין בין זכאין, כך אי אפשר להניחם, לפי שאי אפשר לעולם בלא ישראל.**

(שיר השירים ח׳) אם יתן איש את כל הון ביתו, **זה המן הרשע, שנתן עשרת אלפים ככר כסף להכחיד את ישראל**, בוז יבוזו לו.

---

וועט ניט פּאַרלאָזן זיין פאָלק פון וועגן זיין גרויסן נאָמען, **צי שולדיק, צי אומשולדיק, — סיי ווי קאָן מען זיי ניט פאַרלאָזן, וואָרום ס׳איז ניט מעגלעך** אַ וועלט אָן יידן. (שיר השירים ח, ז) אם יתן איש — אויב אַ מענטש זאָל אָפּגעבן גאָר דאָס פאַרמעגן פון זיין הויז, **דאָס איז המן הרשע, וואָס האָט געגעבן צען טויזנט צענטנער זילבער צו פאַרטיליקן ישראל**, בוז יבוזו לו — וועט מען אים נאָר פאַראַכטן.

יג

(ג, ט) אם על המלך טוב — אויב עס איז דעם מלך וואוילגעפעלן, זאָל געשריבן ווערן זיי אומצוברענגען. ריש לקיש האָט געזאָגט: ווען המן הרשע האָט געזאָגט צו אחשורושן: „קום, און לאָמיר אומברענגען די יידן פון דער וועלט", האָט אים אחשורוש געזאָגט: „דו וועסט זיי ניט בייקומען, דען זייער גאָט וועט זיי אינגאַנצן ניט פאַרלאָזן. קום און זע, וואָס ער האָט געטאָן צו די אַמאַליקע מלכים וואָס זיינען געווען פאַר אונדז. ווען זיי האָבן געלייגט אַ האַנט אויף זיי, און זיי זיינען געווען פיל גרעסערע און שטאַרקערע מלכים פון אונדז. און איטלעכער וואָס קומט אויף זיי זיי אומצוברענגען פון דער וועלט, אָדער ער גיט [שלעכטע] עצות אויף זיי, גייט אַוועק פון דער וועלט, און ער ווערט אַביישפּיל פאַר אַלע באַוואוינער פון דער ערד. אַ פּשיטא שוין מיר, וואָס מיר זיינען ניט געגליכן צו זיי! הער אויף ווידער צו רעדן וועגן דערדאָזיקער זאַך".

[יד] [1]

און פונדעסטוועגן איז המן הרשע צוגעשטאַנען צו אחשורושן וועגן דערדאָזיקער זאַך, און פלעגט אים כסדר געבן שלעכטע עצות אויף ישראל. האָט אים אחשורוש געזאָגט: „וויבאַלד אַזוי, לאָמיר זיך מיישב זיין מיט די חכמים און חרטומים". גלייך האָט ער געשיקט און צונויפגעזאַמלט אַלע חכמים פון די אומות העולם. זיינען זיי אַלע געקומען פאַר אים, און אחשורוש האָט געזאָגט צו זיי: „ווילט איר, מיר זאָלן אומברענגען דידאָזיקע אומה פון דער וועלט?" האָבן זיי אַלע געזאָגט צו אים אין איין קול (אסתר ז, ה): „ווער איז דער און וואו איז דער, וואָס זיין האַרץ האָט אים דערוועגט אַזוינס צו טאָן, און וויל דיך שטרויכלען [2] מיט דערדאָזיקער זאַך? ווארום אויב דו ברענגסט אום ישראל פון דער וועלט, וועט זיך די וועלט ניט קענען האַלטן, [דען די וועלט האַלט זיך אַנדערש ניט] [3], נייערט פון וועגן דער תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן צו די יידן; ווי אין פּסוק שטייט (ירמיה לג, כה): אם לא בריתי — ווען ניט מיין בונד [4], וואָלט איך טאָג און נאַכט און די געזעצן פון הימל און ערד ניט געמאַכט. און ניט נאָר דאָס, נייערט פון וועגן דער תורה וואָס איז געגעבן צו ... אַלע אומות ווערן גערופן פאַר הקדוש ברוך הוא פרעמדע, ווי אין פּסוק שטייט (מלכים א, ח, מא): וגם — און אויך צום פרעמדן, וואָס איז ניט פון דיין פאָלק ישראל — — —. אָבער ישראל ווערט גערופן

יד. [1] סימן יג ציט זיך אין דער ווילנער אויסגאַבע פון תרצ"ח, דורך אַ טעות אַ פּנים, ביז סימן יט אָן אַן איבעררייס. פאַר דער באַקוועמלעכקייט פונעם לייענער האָבן מיר איינגעטיילט דעם מאַטעריאַל אין זעקס באַזונדערע סימנים לויטן אינהאַלט, שטעלנדיק די אותיות וואָס באַצייכענען די סימנים אין פּירעקיקע קלאַמערן (אין דער ווילנער אויסגאַבע פון תרנ"ז — מיטן „עץ יוסף" און ענף יוסף — איז די סימנים איינטיילונג פון דער גאַנצער פּרשה אַן אַנדערע; אין עטלעכע אויסגאַבן, ווי אַ שטייגער, די לעמבערגער פון 1858, איז בכלל קיין סימנים איינטיילונג ניטאָ). [2] עמענדירט לויטן רד"ל; לויט אַנדערע מפרשים דאַרף זיך דאָ לייענען להשליך גורל — צו וואַרפן גורל. [3] צוגעגעבן לויטן מתנות כהונה. [4] די תורה.

יג

(ג, ט) אם על המלך טוב, יכתב לאבדם. **אמר ריש לקיש: בשעה שאמר המן הרשע לאחשורוש: „בא ונאבד את ישראל מן העולם", אמר לו אחשורוש: „לא יכלת להון, בדיל דאלההון לא שביק לון כל עיקר. תא חזי, מה עביד לון למלכין קמאי דהוון קומינך, דהוון פשטון ידיהון עליהון, דהוון מלכיא רברביא וגובריא טפי מינך. וכל מאן דאתי עליהון למבדינהו מן עלמא ודיעץ עליהון, מיבטל מן עלמא, והוי למתל לכל דרי עלמא. ואנן, דלא מעלינן כוותיהו, על אחת כמה וכמה! שביק לך מלמללא תוב בפתגמא דנא".**

[יד]

**ואף על פי כן היה המן הרשע מטרד על אחשורוש על פתגמא דנא כל שעתא ומיעצו עצות רעות על ישראל. אמר לו אחשורוש: „הואיל וכך, נמלך בחכמים ובחרטומים". מיד שלח וקבץ את כל חכמי אומות העולם. באו כולן לפניו. אמר להם אחשורוש: „רצונכם שנאבד אומה זו מן העולם?" אמרו לו כולן בבת אחת:** „מי הוא זה ואיזה הוא, אשר מלאו לבו לעשות כן, **ורוצה** (להשליך) [להכשילך] **בדבר זה? שאם אתה מאבד את ישראל מן העולם, אין העולם מתקיים, [שאין העולם מתקיים] אלא בשביל התורה שניתנה להם לישראל; הה"ד** (ירמיה ל"ג): אם לא בריתי, — יומם ולילה, חקות שמים וארץ לא שמתי. **ולא עוד, אלא שכל האומות נקראו** נכרים **לפני הקב"ה; הה"ד** (מלכים א' ח'): וגם אל הנכרי אשר לא מעמך ישראל הוא. **וישראל נקראו קרובים; הה"ד** (תהלים קמ"ח): לבני ישראל עם קרובו. **ולא עוד, אלא שנקראו** בנים; **הה"ד** (שמות ד'): בני בכורי ישראל; (דברים י"ד) בנים אתם לה' אלהיכם. **והקב"ה נקרא** קרוב **לישראל; הה"ד** (תהלים קמ"ה): קרוב ה' לכל קוראיו, לכל אשר יקראוהו

---

נאָענטע; **דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (תהילים קמח, יד): לבני — צו די קינדער פון ישראל, זיין נאָענט פאָלק. **און ניט נאָר דאָס, נייערט זיי ווערן גערופן** קינדער [פון גאָט], **דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (שמות ד, כב): בני בכורי — מיין ערשטגעבוירענער זון איז ישראל; (דברים יד, א) **בנים** אתם — קינדער זענט איר צו גאָט אייער גאָט. **און הקדוש ברוך הוא ווערט גערופן** נאָענטער **צו ישראל; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (תהילים קמה, יח): קרוב ה' — נאָענט איז גאָט צו אַלע וואָס רופן אים, צו אַלע וואָס רופן אים

אויף אַן אמת. און קיין אומה איז ניט נאָענט צו הקדוש ברוך הוא, בייערט ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, ז): [כי מי גוי גדול — דען וואָסער גרויס פאָלק איז פאַראַן, וואָס האָט אַ גאָט נאָענט צו אים], כה׳ אלהינו — ווי גאָט אונדזער גאָט, ווען נאָר מיר רופן אים? און אַ מענטש וואָס וויל אויסשטרעקן אַ האַנט אויף די נאָענטע און קינדער פון הקדוש ברוך הוא, ווי קען ער זיך ראַטעווען; דען ער הערשט איבער די אייבערשטע און אונטערשטע, און דאָס נפש פון אַלע לעבעדיקע איז אין זיין האַנט צו דערהייבן און צו דערנידעריקן, צו טייטן און צו לאָזן לעבן. גיי קוק זיך צו צו די ערשטע מלכים וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געלייגט זייערע הענט אויף ישראל, — וואָס איז געוואָרן פון זיי, אָט ווי פרעה און סנחריב.״

גלייך האָט המן געזאָגט צו זיי: „דער גאָט, וואָס האָט דערטרונקען פרעהן אין ים און געטאָן צו ישראל די נסים און גבורות וואָס איר האָט געהערט, איז שוין אַלט, און ער קען גאָרניט ניט טאָן. דען נבוכדנצר איז שוין אַרויף און חרוב געמאַכט זיין הויז, און פאַרברענט זיין טעמפּל, און פאַרטריבן ישראל, און זיי צעשפּרייט צווישן די אומות, — טאָ וואו איז זיין כוח און זיין גבורה? דען ער איז שוין אַלט געוואָרן״. ווי דער פסוק זאָגט (תהילים צד, ז): ויאמרו — און זיי האָבן געזאָגט: גאָט זעט ניט, און דער גאָט פון יעקב פאַרשטייט ניט. וויבאַלד המן האָט זיי אַזוי געזאָגט וועגן דערדאָזיקער זאַך, אַזוי גלייך האָבן זיי אָנגענומען זיינע רייד און צוגעשטימט זייער מיינונג צו פאַרלענדן ישראל, און זיי האָבן געשריבן בריוו און זיי געחתמעט.

[טו]

און אַזוי האָבן זיי געשריבן אין יענע בריוו:

„פרידן צו אייך אָן אַ סוף! זייט וויסן, אַז צווישן אונדז איז פאַראַן איינער אַ מענטש, וואָס שטאַמט ניט פון אונדזער אָרט, נייערט ער איז פון קיניגלעכן אָפּשטאַם, און פון די קינדער פון עמלק, און ער איז פון די גדולי הדור, און זיין נאָמען איז המן. האָט ער געבעטן פון אונדז אַ קליינע און לייכטע בקשה וועגן אַ פאָלק וואָס געפינט זיך צווישן אונדז, פאַראַכט פון אַלע פעלקער, אָבער זייער פאַרדריסן ביי זיך, ווינטשן אונדז שלעכטס און דאָס מויל זייערס רק עס שילט דעם מלך. און וואָס איז די קללה וואָס זיי שילטן אונדז, (דאָרט י, טז): ה׳ מלך — גאָט איז קיניג אויף אייביק און אייביק, די פעלקער גייען אונטער פון זיין לאַנד. און נאָך זאָגן זיי (דאָרט קמט, ז): לעשות — צו טאָן נקמה אין די פעלקער, שטראָפונגען אויף די אומות. און זיי פאַרלייקענען די טובה וואָס אימיצער האָט זיי געטאָן. קומט און זעט, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון יענעם אָרימען פרעהן. ווען זיי האָבן גענידערט קיין מצרים, האָט ער זיי אויפגענומען מיט אַ פריינטלעך פּנים און זיי באַזעצט אין בעסטן טייל פונעם לאַנד, און האָט

באמת. ואין אומה קרובה להקב״ה אלא ישראל, שנאמר (דברים ד׳): — — — כה׳ אלהינו בכל קראנו אליו. ואדם שרוצה לשלוח יד בקרוביו ובבניו של הקב״ה, איך ימלט? לפי שהוא שליט בעליונים ובתחתונים, ונפש כל חי בידו להגביה ולהשפיל, להמית ולהחיות. לך התבונן במלכים הראשונים שעברו על שפשטו ידיהם בישראל, — מה עלתה בהם? כמו פרעה וסנחריב״.

מיד אמר לון המן: „אלוה שטיבע פרעה בים ועשה לישראל נסים וגבורות ששמעתם כבר הוא זקן, ואינו יכול לעשות כלום. שכבר עלה נבוכדנצר והחריב ביתו, ושרף את היכלו, והגלה את ישראל ופזרן בין האומות — והיכן כחו וגבורתו? שכבר הזקין״. שנאמר (תהלים צ״ד): ויאמרו: לא יראה יה ולא יבין אלהי יעקב. כיון שאמר להם כן בענין הזה, מיד קבלו דבריו והסכימה דעתם לכלות את ישראל, וכתבו אגרות וחתמו.

[טו]

וכן כתבו באותן אגרות:

„שלום לכם עד אין חקר! יודע לכם, שאדם אחד יש בינינו, ולא ממקומנו הוא, אלא מזרע המלוכה הוא ומזרעו של עמלק, ומגדולי הדור הוא, והמן שמו. ושאל ממנו שאלה קטנה וקלה על עם אחד אשר יש בינינו, נבזה מכל העמים ודעתם גסה עליהם, חפצים ברעתנו, וקללת המלך שגורה בפיהם. ומהי קללה שמקללין אותנו? (שם י׳) ה׳ מלך עולם ועד, אבדו גוים מארצו. ועוד אומרים (שם קמ״ט): לעשות נקמה בגוים, תוכחות בלאומים. וכופרים במי שעשה להם טובה. באו וראו מאותו עני פרעה מה עשו. כשירדו למצרים, קבלם בסבר פנים יפות והושיבם במיטב הארץ, וזן אותם בשני רעבון, והאכילם כל טוב שבארצו. פלטרים היו לו לבנות, והיו בונין שם. בכל זאת לא היה יכול להם.ולא עוד, אלא שבאו בעלילה ואמרו לו (שמות ה׳): „לזבוח לאלהינו נלך דרך שלשת ימים, ואחר כך

---

זיי געשפייזט אין די יאָרן פון הונגער, און זיי געגעבן צו עסן פון כל טוב וואָס אין זיין לאַנד. האָט ער געהאַט פּאַלאַצן צו בויען, האָבן זיי עס דאָרט געבויט. אָבער מיט דעם אַלעמען האָט ער זיי ניט געקענט [באַהערשן]. און ניט נאָר דאָס, ביירערט זיי זיינען געקומען מיט אַן אויסטראַכטעניש און האָבן געזאָגט צו אים (שמות ה, ג): „לזבוח — צו שלאַכטן צו אונדזער

גאָט וועלן מיר גיין אויף דריי טעג, און נאָכדעם וועלן מיר זיך אומקערן[1]. אויב דו ווילסט, לײַ אונדז זילבערנע כלים און גאָלדענע כלים און קליידער". האָבן זיי זיי אַנטליען זייער זילבער און זייער גאָלד און גאָר זייערע טייערע קליידער; און איטלעכער האָט אָנגעלאָדן וויפיל אייזלען זייערע, אַן אַ צאָל, ביז זיי האָבן אויסגעליידיקט מצרים; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט יב, לו): וינצלו — און זיי האָבן אויסגעליידיקט מצרים, און זיי זיינען אַנטלאָפן. ווי פרעה האָט געהערט, אַז זיי אַנטלויפן, אַזוי איז ער זיי נאָכגעגאַנגען צוריקצונעמען זיין געלט. וואָס האָבן זיי געטאָן צו אים? איינער אַ מענטש איז געווען ביי זיי און זיין נאָמען איז געווען משה בן עמרם, און מיט זיין כישוף האָט ער גענומען עפּעס אַ שטעקן און האָט צוויבערגעשפּראָכן איבער אים און געשלאָגן מיט אים דעם ים, ביז ער איז טרוקן געוואָרן, און זיי זיינען אַלע אַריין אויף טריקעניש אין מיטן ים און זיינע אַלע אַריבערגעגאַנגען. און איך ווייס ניט, מיט וואָס זיי זיינען אַריבער און מיט וואָס זיי האָבן אויסגעטריקנט דאָס וואַסער. ווי פרעה האָט דאָס געזען, אַזוי איז ער אַריין נאָך זיי אומצוקערן זיין געלט; ווייס איך ניט מיט וואָס זיי האָבן אים אַריינגעשטופּט אין ים אַריין, און ער איז דערטרונקען געוואָרן מיט זיין גאַנצן חיל אין ים, און זיי האָבן ניט געדאַכט דאָס גוטע וואָס ער האָט געטאָן מיט זיי. הערט איר דאָך, אַז זיי זיינען אומדאַנקבאַר.

„און נאָך: וואָס האָבן זיי געטאָן מיט מיין עלטער פאָטער עמלק, בשעת ער איז געקומען אויף זיי מלחמה האַלטן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יז, ח): ויבא — איז געקומען עמלק און האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישראל אין רפידים.

[2] און פון וואַנען איז עמלק געקומען? ר' כרוספדאי האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן, אַז ער איז געקומען פון בלעם הרשע. דען ער איז געקומען זיך אַן עצה האַלטן מיט אים, און ער האָט געזאָגט צו אים: „ איך ווייס, אַז דו ביסט אַ בעל עצה און אויך אַ מייסטער פון בייזע פּלענער, און איטלעכער וואָס נעמט פון דיר אַן עצה ווערט ניט געשטרויכלט". ער האָט געזאָגט צו אים: „זע, וואָס דידאָזיקע אומה האָט געטאָן צו די מצרים, וואָס האָבן זיי געטאָן אַזוי פיל טובות; איז מה־דאָך צו די מצרים, וואָס האָבן זיי אַזוי פיל טובות געטאָן, האָבן זיי אַזוינס געטאָן, אַ פשיטא שוין צו אַנדערע אומות! איז ווי עצהסטו מיך?" האָט בלעם אים געזאָגט: „גיי און האָב מלחמה מיט זיי, און אויב דו וועסט האָבן מלחמה מיט זיי, וועסטו זיי בייקומען, דען זיי האַלטן זיך אויפן זכות פון זייער פאָטער אברהם, און אויך דו, וואָס דו ביסט אברהמס אַן אייניקל[3], האַלטסטו זיך אויפן זכות פון אברהמען". תיכף איז ער אַרויס אויף מלחמה מיט זיי.

„וואָס האָט געטאָן דער משה, דער פרנס זייערער? ער האָט געהאָט

נשוב. אם רצונך, השאילנו כלי כסף וכלי זהב ושמלות". והשאילום כספם וזהבם וכל הבגדים הטובים שלהם, וטענו כל אחד כמה חמורים שלהם לאין מספר, עד שנצלו את מצרים; הה"ד (שם י"ב): וינצלו את מצרים, וברחו להם. כיון ששמע פרעה, שהיו בורחים, הלך אחריהם להשיב את ממונו. מה עשו לו? היה עמהם אדם אחד ושמו משה בן עמרם, ובכשפיו נטל מקל אחד ולחש עליו והכה בו את הים עד שנחרב, ונכנסו כולם ביבשה בתוך הים ועברו כולם. ואיני יודע, במה עברו ובמה יבשו המים. כיון שראה פרעה, נכנס אחריהם להחזיר את ממונו, ואיני יודע, במה דחפוהו בתוך הים, ונטבע הוא וכל חילו בים, ולא זכרו הטובה שעשה להם. הלא תשמעו, שהם כפויי טובה.

„ועוד — מה עשו לעמלק אבי אבא, בשעה שבא עליהם למלחמה, שנאמר (שם י"ז): ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים.

ומהיכן בא עמלק? אמר ר' כרוספדאי בשם ר' יוחנן, שבא מאצל בלעם הרשע. שבא ליטול עצה ממנו ואמר לו: „יודע אני, שבעל עצה אתה וגם בעל מחשבות רעות, וכל הנוטל עצה ממך, אינו נכשל". אמר לו: „ראה, מה עשו אומה זו למצרים, שעשו להם כמה טובות; ומה למצרים, שעשו להם כמה טובות, עשו להם כך, לשאר אומות — על אחת כמה וכמה! היאך אתה יועצני?" אמר לו בלעם: „לך ועשה עמהם מלחמה, ואם (אין) אתה עושה עמהם מלחמה, (אין) אתה יכול להם, מפני שהן תלויין בזכותו של אברהם אביהם, ואף אתה, שהוא בן בנו של אברהם, תלוי בזכותו של אברהם". מיד בא עליהם למלחמה.

„מה עשה אותו משה, פרנס שלהם? היה לו תלמיד אחד, יהושע בן נון שמו, והיה אכזרי עד מאד ולא היה לו רחמים.

---

איינעם אַ תּלמיד, יהושע בן נון איז געווען זיין נאָמען, איז ער געווען זייער אכזריותדיק און האָט ניט געוואוסט פון קיין רחמנות. האָט דער משה

---

טו. [1] דאָ ווערט דער פסוק ציטירט ניט ווערטערלעך, ווי געוויינלעך, נייערט לויט זיין אינהאַלט. [2] דאָס איז אַן אינטערפּאָלאַציע פונעם בעל המדרש, און ס'געהערט ניט צום בריות. [3] עמלק שטאַמט אָפּ פון עשון, יצחקס זון (בראשית לו, יב. — זע אויבן,

געזאָגט צו אים (דאָרט, פסוק ט): בחר לנו — קלייב אונדז אויס מענטשן, און גיי האַלט מלחמה מיט עמלקן. ווייס איך ניט, צי דידאָזיקע מענטשן וואָס ער האָט אויסגעקליבן זיינען געווען כישוף מאַכערס, אָדער מלחמה העלדן. וואָס האָט דער משה געטאָן? ער האָט גענומען אַ שטעקן אין האַנט, און איך ווייס ניט, וואָס ער האָט געטאָן מיט אים; און ווי ער איז אַרויף אויף זיי, ווייס איך ניט, וואָס ער האָט צוּיבערגעשפּראָכן איבער זיי, אָבער זייערע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און זיי זיינען געפאַלן פאַר אים; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק יג): ויחלוש יהושע — און יהושע האָט פאַרשלאָפט עמלקן און זיין פאָלק מיטן שאַרף פון דער שווערד. און אויף סיחון און עוג, די וועלט גבורים[4], זיינען זיי געקומען, וואָס קיין באַשעפעניש האָט זיך זיי ניט געקענט קעגנשטעלן, און איך ווייס ניט, מיט וואָס זיי האָבן זיי געהרגעט. זיינען געקומען אויף זיי די מלכים פון מדין, און איך ווייס ניט, מיט וואָס זיי האָבן זיי געהרגעט.

„און וואָס נאָך האָט געטאָן דער תלמיד פון דעמדאָזיקן מאַן משה? ער האָט אַריינגעבראַכט ישראל אין לאַנד כנען, און לא די וואָס ער האָט צוגענומען זייער לאַנד, נייערט ער האָט נאָך געהרגעט פון זיי איין און דרייסיק מלכים און האָט צעטיילט זייער לאַנד צו ישראל, און האָט אויף זיי קיין רחמנות ניט געהאַט, און די וואָס ער האָט ניט געוואָלט הרגענען, זיינען אים געוואָרן צו קנעכט. איז געקומען אויף זיי סיסרא מיט זיין מחנה, ווייס איך ניט, וואָס זיי האָבן געטאָן צום טייך קישון, וואָס האָט זיי אַראָפּגעפלייצט און אַראָפּגעשווענקט און אַריינגעוואָרפן אין ים הגדול אַריין, ווי דער פסוק זאָגט (שופטים ה, כא): נחל קישון — דער טייך קישון האָט זיי אַראָפּגעפלייצט.

„און זייער ערשטער מלך וואָס זיי האָבן געהאַט, שאול איז געווען זיין נאָמען, איז אַוועק און מלחמה געהאַלטן אין דעם לאַנד פון מיין עלטער פאָטער עמלק, און האָט געהרגעט פון זיי הונדערט טויזנט רייטער אין איין טאָג, און האָט קיין רחמנות ניט געהאַט אויף קיין מאַן און קיין פרוי, און ניט אויף קיין עופעלע און אויף קיין זויגלינג, און איך ווייס ניט, מיט וואָס ער האָט זיי געהרגעט. און וואָס זיי האָבן נאָך געטאָן צו מיין זיידן אגג, וואָס צוערשט האָבן זיי רחמנות געהאַט אויף אים, און לסוף איז געקומען אַ מענטש זייערער מיטן נאָמען שמואל און האָט אים צעשניטן און געגעבן זיין פלייש צו שפּייז פאַר די פייגל פון הימל, ווי אין פסוק שטייט (שמואל א, טו, לג): וישסף שמואל — און שמואל האָט צעהאַקט אגגן, און איך ווייס ניט, פאַרוואָס[5] ער האָט אים געהרגעט מיט אַזאַ מיתה משונה ווי איר האָט געהערט.

---

אָנהייב סימן ו). דאָס וואָרט אין, וואָס קומט דאָ אין ווילנער טעקסט צוויי מאָל, איז אַרויס־ געלאָזט געוואָרן לויט דער וואַרשעווער אויסגאַבע און לויט דער ווילנער אויסגאַבע פון תרנ״ז (מיטן עץ יוסף און ענף יוסף), און עס לייענט זיך בעסער אָן דעם. [4] עמענדירט לויטן ילקוט (אסתר תתרנד). [5] אַזוי לויט רד״ל, און דאָס פּאַסט זיך בעסער צום טעקסט

אמר לו אותו משה (שם): בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק. איני יודע — אותן אנשים שבחר, אם בעלי כשפים הם, או אם גבורי מלחמה. מה עשה אותו משה? נטל מקל בידו, ואיני יודע מה עשה בו; וכיון שבא עליהם, איני יודע מה לחש עליהם, ורפו ידיהם ונפלו לפניהם; הה״ד (שם): ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו לפי חרב. באו על סיחון ועוג גבורי (ארצנו) [עולם], שאין כל בריה היתה יכולה לעמוד בפניהם, ואיני יודע במה הרגום. באו עליהם מלכי מדין, ואיני יודע במה הרגום.

„ועוד מה עשה תלמיד של אותו האיש משה? הכניס את ישראל לארץ כנען, ולא די שנטל את ארצם, אלא שהרג מהם שלשים ואחד מלכים וחלק את ארצם לישראל, ולא חמל עליהן, ואותן שלא בקש להרוג היו לו לעבדים. באו עליהם סיסרא והמונו, ואיני יודע, מה עשו לו לנחל קישון, שגרפם ושטפם והשליכם לים הגדול, שנאמר (שופטים ה׳): נחל קישון גרפם.

„והיה להם מלך ראשון, שאול שמו, והלך ונלחם בארץ אבי אבא עמלק, והרג מהם מאה אלפים פרשים ביום אחד, וגם לא חמל על איש ועל אשה ולא על עולל ויונק, ואיני יודע במה הרגם. ועוד מה עשו לאגג זקני, שחמלו עליו תחלה, לסוף בא אדם מהם ושמו שמואל, חתכו ונתן בשרו מאכל לעוף השמים, כדכתיב (שמואל א׳, ט״ו): וישסף שמואל את אגג, ואיני יודע (במה) [למה] הרגו מיתה משונה כזאת ששמעתם.

„ואחר זאת היה להם מלך אחד, דוד בן ישי שמו, והיה מכלה ומשחית את כל הממלכות, ולא היה חומל עליהם, שנאמר (שם כ״ז): ואיש ואשה לא יחיה דוד. ועמד אחריו שלמה בנו ובנה להן לישראל בית אחד, וקרא לו בית המקדש, ואיני יודע מה היה להם בתוכו; כשבאין למלחמה, נכנסין בתוכו ומכשפין

---

„און נאָכדעם האָבן זיי געהאַט איינעם אַ מלך, דוד בן ישי איז געווען זיין נאָמען, און ער פלעגט פאַרדאַרבן און פאַרלענדן אַלע קיניגרייכן, און פלעגט אויף זיי קיין רחמנות ניט האָבן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כז, יא): ואיש ואישה — און קיין מאַן און קיין פרוי פלעגט דוד ניט לאָזן לעבן. און נאָך אים איז אויפגעקומען זיין זון שלמה און האָט אויפגעבויט פאַר די יידן עפּעס אַ הויז און עס אַ נאָמען געגעבן בית המקדש, און איך ווייס ניט, וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַט אינעווייניק[6]: ווען זיי פלעגן גיין אויף אַ

מלחמה, פלעגן זיי אַריינגיין אַהין און דאָרט כישוף טאָן, און ווען זיי פלעגן אַרויסגיין פון דאָרט, פלעגן זיי הרגענען און חרוב מאַכן די וועלט.

„אָבער פון צופיל גוטס וואָס זיי האָבן געהאַט האָבן זיי ווידערשפּעניקט אין זייער גאָט, און דערצו איז דערדאָזיקער גאָט זייערער אַלט געוואָרן. איז געקומען נבוכדנצר און האָט פאַרברענט דאָסדאָזיקע הויז זייערס און האָט זיי פאַרטריבן פון זייער ערד און זיי געבראַכט צווישן אונדז. אָבער נאָך האָבן זיי ניט געענדערט זייערע מיאוסע מעשים, און כאָטש זיי זיינען אין גלות צווישן אונדז, שפּאָטן זיי פון אונדז און פון דער אמונה פון אונדזערע געטער. און אַצינד האָבן מיר אַלע אָפּגעמאַכט מיט איין דעה, און מיר האָבן געוואָרפן גורל ווען זיי אומצוברענגען פון דער וועלט, און אין וועלכער צייט איז אונדז פּאַסיק זיי צו פאַרלענדן, און דער גורל אויף זיי איז געפאַלן אויפן חודש אדר, אינעם דרייצנטן טאָג פונעם חודש. און איצט, אַז עס וועלן אייך גרייכן דידאָזיקע בריוו, זאָלט איר זיין גרייט אויף יענעם טאָג אויסצוראָטן און אויסצוהרגענען אַלע יידן וואָס צווישן אייך, פון יונג ביז אַלט, קליינוואַרג און פרויען אין איין טאָג, און איר זאָלט ניט איבערלאָזן פון זיי קיין שריד ופליט".

[טז]

און ווען דידאָזיקע בריוו זיינען פאַרזיגלט געוואָרן און געגעבן געוואָרן אין המנס האַנט, איז ער אַוועק אַ פרייליכער, ער און זיינע גאַנצע כנופיה, און זיי האָבן באַגעגנט מרדכין גייענדיק פאַר זיי. און מרדכי האָט געזען דריי קינדער אַנקומענדיק פון לערנהויז, איז ער זיי נאָכגעלאָפן. און אַז המן און זיין גאַנצע כנופיה האָבן געזען, ווי מרדכי לויפט נאָך די קינדער, אַזוי זיינען זיי נאָכגעגאַנגען מרדכין צו וויסן, וואָס וועט מרדכי זיי פרעגן. ווי מרדכי איז צוגעקומען צו די קינדער, אַזוי האָט ער געבעטן איינעם פון זיי: „זאָג מיר דיין פסוק"[1]. האָט ער אים געזאָגט (משלי ג, כה): „אל תירא — האָב ניט קיין מורא פאַר אַן אומגעריכטער שרעק, און פאַר דער פאַרוויסטונג פון רשעים, ווען זי קומט". דער צווייטער האָט געעפנט [זיין ספר] און געזאָגט: „איך האָב היינט געלייענט און געהאַלטן אין לערנהויז ביי דעמדאָזיקן פסוק (ישעיה ח, י): עוצו עצה — עצהט אַן עצה, אָבער זי וועט פאַרשטערט ווערן; רעדט אָפּ אַ וואָרט, אָבער עס וועט קיין קיום ניט האָבן, דען גאָט איז מיט אונדז". דער דריטער האָט געעפנט און געזאָגט (דאָרט, מו, ד): „ועד זקנה — און ביז דער עלטער בין איך דערזעלבער, און ביז גרויקייט וועל איך טראָגן; איך האָב געמאַכט און איך וועל אויף זיך נעמען און איך וועל טראָגן און וועל ראַטעווען". ווי מרדכי האָט דאָס געהערט, אַזוי האָט ער געלאַכט און איז געווען אין גרויס שמחה. האָט המן געזאָגט צו אים: „וואָס איז די שמחה, וואָס דו האָסט זיך געפרייט

---

איידער במה, מיט וואָס. [6] מעגלעך אַן אָנצוהערעניש אויפן בלבול, אַז יידן דינען אין בית המקדש צו אַ קאָפּ פון אַן אייזל (יוסיפוס, „קעגן אַפּיאָן", 2, 7).

בתוכו, וכשהיו יוצאים ממנו, הורגים ומחריבים את העולם.

„ומרוב טובה שהיה להם מרדו באלהיהם, ועוד שהזקין אותו אלוה שלהם. ובא נבוכדנצר ושרף אותו בית שלהם, והגלם מעל אדמתם והביאם בינינו. ועדיין לא שנו מעשיהם המכוערין, ואף על פי שהם בגלות בינינו, מלעיגים אותנו ואת אמונת אלהינו. ועכשיו הסכמנו כולנו לדעת אחת, והפלנו גורלות לאבדן מן העולם, ובאיזה זמן יתכן לנו לכלותם, ונפל עליהם הגורל בחדש אדר בשלשה עשר בו. ועכשיו, כשיגיעו אליכם האגרות הללו, תהיו מזומנים לאותו היום, להשמיד, להרג את כל היהודים שביניכם, מנער ועד זקן, טף ונשים ביום אחד, ולא תשאירו מהם שריד ופליט״.

[טז]

ובשעה שנחתמו אותן האגרות ונתנו ביד המן, ויבא שמח, הוא וכל בני חבורתו, ופגעו במרדכי שהוא הולך לפניהם. וראה מרדכי שלשה תינוקות, שהיו באים מבית הספר, ורץ מרדכי אחריהם. וכשראה המן וכל חבורתו, שהיה רץ מרדכי אחרי התינוקות, הלכו אחרי מרדכי לדעת מה ישאל מרדכי מהם. כיון שהגיע מרדכי אצל התינוקות, שאל לאחד מהם: „פסוק לי פסוקיך״. א״ל (משלי ג׳): „אל תירא מפחד פתאם, ומשואת רשעים כי תבוא״. פתח השני ואמר: „אני קריתי היום ובזה הפסוק עמדתי מבית הספר (ישעיה ח׳): עוצו עצה ותופר, דברו דבר ולא יקום, כי עמנו אל״. פתח השלישי ואמר (שם מ״ו): „ועד זקנה אני הוא, ועד שיבה אני אסבול; אני עשיתי ואני אשא ואני אסבול ואמלט״. כיון ששמע מרדכי כך, שחק והיה שמח שמחה גדולה. אמר לו המן: „מה היא זאת השמחה ששמחת לדברי התינוקות הללו״? אמר: „על בשורות טובות שבשרוני, שלא אפחד מן העצה הרעה שיעצת עלינו״. מיד כעס המן הרשע ואמר: „אין אני שולח ידי תחלה, אלא באלו התינוקות״.

---

מיט די רייד פון דידאָזיקע קינדער?״ האָט ער געזאָגט: „פון וועגן די גוטע בשורות וואָס זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך ניט שרעקן פאַר דער שלעכטער עצה וואָס דו האָסט געעצהט אויף אונדז״. אַזוי באַלד איז המן הרשע אין כעס געוואָרן און האָט געזאָגט: „איך וועל ניט שטרעקן צוערשט מיין האַנט אויף קיינעם, נייערט אויף דידאָזיקע קינדער״.

---

טז. [1] דעם פסוק וואָס ער האָט יענעם טאָג געלערנט, —זוכנדיק אין דעם אַ רמז אויף

[יז]

ר׳ יצחק נפחא האָט געזאָגט: המן הרשע איז געקומען אויף די יידן מיט גרויס באַטריגערישקייט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט[1]: ובמלאות — און ווען עס זיינען פול געוואָרן דידאָזיקע טעג, האָט דער מלך געמאַכט פאַרן גאַנצן פאָלק וואָס האָט זיך געפונען אין שושן דער הויפּטשטאָט — — — [אַ מאָלצייט פון זיבן טעג], און פאָלק וואָס שטייט דאָ, איז ניט אַנדערש, נייערט ישראל, ווי אין פסוק שטייט (דברים לג, כט): אשריך, ישראל — וואויל איז דיר, ישראל, ווער נאָך ווי דו איז אַ פאָלק געהאָלפן דורך גאָט! המן האָט געזאָגט אחשורושן: „דער גאָט פון דידאָזיקע האָט פיינט זנות; טאָ שטעל זיי אונטער זונות, און מאַך זיי אַ סעודה און באַפעל זיי, זיי זאָלן אַלע קומען און עסן און טרינקען און טאָן זייער ווילן״. ווי דער פסוק זאָגט[2]: לעשות — צו טאָן לויטן ווילן פון איטלעכן מאַן[3]. ווי מרדכי האָט דאָס געזען, אַזוי האָט ער גענומען און אויסגערופן צו זיי און געזאָגט: „איר זאָלט ניט גיין עסן פון אחשורושס סעודה; דען ער האָט אייך ניט אַנדערש פאַרבעטן, נייערט ער זאָל קענען מלמד חוב זיין אויף אייך, כדי דער מידת הדין זאָל האָבן אַ פּיתחון פּה מקטרג צו זיין אויף אייך פאַר הקדוש ברוך הוא״. אָבער זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו מרדכיס ווערטער און זיינען אַלע געגאַנגען צום הויז פון דער סעודה. ר׳ ישמעאל האָט געזאָגט: אַכצן טויזנט און פינף הונדערט זיינען געגאַנגען צום הויז פון דער סעודה, און האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך אָנגעשיכורט און האָבן פאַרדאָרבן [זייערע מעשים].

גלייך האָט זיך אויפגעשטעלט דער שטן און האָט פאַרמסרט אויף זיי פאַר הקדוש ברוך הוא און געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! ביז ווען וועסטו זיך האַלטן מיט דערדאָזיקער אומה, וואָס זיי שיידן אָפּ זייער האַרץ און זייער גלויבן פון דיר? אויב ס׳איז דיין ווילן, ברענג אום דידאָזיקע אומה פון דער וועלט, וואָרום זיי טוען ניט קיין תשובה פאַר דיר״. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „וואָס וועט זיין מיט דער תורה?״ האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם, וועסט זיך באַנוגענען מיט די אייבערשטע״. האָט אויך הקדוש ברוך הוא מסכים געווען אָפּצומעקן ישראל. הקדוש ברוך הוא האָט דעמאָלט געזאָגט: „צו וואָס דאַרף איך די אומה, וואָס פון וועגן איר האָב איך געמערט מיינע צייכנס און מיינע וואונדער צו אַלע וואָס זיינען אויפגעשטאַנען זיי שלעכטס צו טאָן? (דברים לב, כו) אשביתה — איך וועל פאַרלענדן פון מענטשן זייער זכר!״ גלייך האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צום שטן: „ברענג מיר אַ פאַרמעט, און איך וועל אָנשרייבן אויף אים פאַרטיליקונג״. דעמאָלט איז דער שטן אַוועק און אים געבראַכט אַ פאַרמעט, און ער האָט אויף אים אָנגעשריבן.

---

די ווייטערדיקע געשעענישן.

יז. [1] אסתר א, ה. [2] דאָרט פסוק ח. [3] געדרשנט אויפן געשלעכטלעכן באַגער.

[יז]

אמר ר׳ יצחק נפחא: המן הרשע בעלילה גדולה בא על ישראל; הה״ד: ובמלאת הימים האלה עשה המלך לכל העם הנמצאים בשושן הבירה, וגו׳, ואין העם האמור כאן, אלא ישראל; הה״ד (דברים ל״ג): אשריך, ישראל, מי כמוך עם נושע בה׳, וגו׳. אמר המן לאחשורוש: „אלהיהם של אלו שונא זמה; העמד להם זונות ועשה להם משתה, וגזור עליהם, שיבואו כולם ויאכלו וישתו ויעשו כרצונם״. שנאמר: לעשות כרצון איש ואיש. כיון שראה מרדכי כך, עמד והכריז עליהם ואמר: „לא תלכו לאכול בסעודות של אחשורוש; שלא הזמין אתכם, כי אם ללמד עליכם קטיגוריא, כדי שיהיה פתחון פה עם מידת הדין לקטרג עליכם לפני הקב״ה״. ולא שמעו לדברי מרדכי והלכו כולם לבית המשתה. א״ר ישמעאל: שמונה עשר אלף וחמש מאות הלכו לבית המשתה, ואכלו ושתו ונשתכרו ונתקלקלו.

מיד עמד שטן והלשין עליהם לפני הקב״ה ואמר לפניו: „רבונו של עולם! עד מתי תדבק באומה זו, שהם מפרישין לבבם ואמונתם ממך? אם רצונך, אבד אומה זו מן העולם, כי אינם באים בתשובה לפניך״. אמר הקב״ה: „תורה מה תהא עליה?״ אמר לפניו: „רבוש״ע, תסתפק בעליונים״. וגם [הקב״ה] השוה דעתו למחות את ישראל. באותה שעה אמר הקב״ה: „למה לי אומה, שבשבילה הרביתי אותותי ומופתי לכל הקמים עליהם לרעה? (שם ל״ב) אשביתה מאנוש זכרם!״ מיד אמר הקב״ה לשטן: „הבא לי מגילה, ואכתוב עליה כלייה״. באותה שעה הלך השטן והביא לו מגילה, וכתב עליה.

[יח]

מיד יצתה התורה בבגדי אלמנות ונתנה קולה בבכי לפני הקב״ה. וגם מלאכי השרת צעקו לקול בכייתה ואמרו לפניו: „רבונו של עולם; אם ישראל בטלים מן העולם, אנו למה אנו

---

[יח]

גלייך איז אַרויס די תורה אין קליידער פון אלמנהשאַפט און האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול מיט אַ געוויין פאַר הקדוש ברוך הוא. און אויך די מלאכי השרת האָבן געשריען, הערנדיק איר געוויין, און האָבן געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! אויב ישראל גייט אונטער פון דער וועלט, צו

וואָס דאַרף מען אונדז אויף דער וועלט?" ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה לג, ז): הן אראלם — זע, זייערע בראַווע שרייען אין דרויסן, די מלאכים פון שלום וויינען ביטער. ווי די זון און די לבנה האָבן דאָס דערהערט, אַזוי האָבן זיי איינגעצויגן זייער שיין, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט נ, ג): אלביש — איך וועל קליידן די הימלען אין שוואַרצקייט און זאַק וועל איך מאַכן זייער צודעק.

אין יענער שעה איז אליהו, געדענקט זאָל ער ווערן צום גוטן, געלאָפן אין בהלה צו די אָבות פון דער וועלט און צו משה בן עמרם און האָט געזאָגט צו זיי: „ביז וואַנען, פאָטערס פון דער וועלט, וועט איר זיין פאַרזונקען אין שלאָף, און איר לייגט ניט קיין אַכט אויף דער צרה, וואָס אייערע קינדער געפינען זיך אין איר; דען די מלאכי השרת און זון און לבנה און שטערן און מזלות און הימל און ערד און אַלע הערשאַפטן פון הימל וויינען ביטער, און איר שטייט אָן אַ זייט און לייגט קיין אַכט ניט!" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „פון וועגן וואָס איז עס?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איבער דעם וואָס יידן האָבן זיך געלאָזט וואוילטאָן ביי אחשורושעס סעודה, פון וועגן דעם איז אַרויס אויף זיי די גזרה זיי צו פאַרלענדן פון דער וועלט און צו פאַרניכטן זייער זכר". האָבן אַברהם, יצחק און יעקב געזאָגט צו אים: „אויב זיי האָבן עובר געווען אויפן געבאָט פון הקדוש ברוך הוא, און זייער גזר איז פאַרזיגלט געוואָרן, וואָס קאָנען מיר טאָן?"

איז אליהו ווידער אַוועק צו משהן און האָט געזאָגט צו אים: „אָ, וואָרהאַפטיקער פאַסטוך! וויפיל מאָל האָסטו זיך געשטעלט אין בראָך פון וועגן ישראל און האָסט מבטל געווען די גזרה, אַז מע זאָל זיי ניט אומברענגען, ווי דער פּסוק זאָגט (תהילים קו, כג): לולא משה — ווען ניט וואָס משה זיין אויסדערוויילטער האָט זיך געשטעלט אין בראָך צוריקצוהאַלטן זיין כעס פון אומצוברענגען! וואָס וועסטו ענטפערן אויף דער דאָזיקער צרה? (ישעיה לז, ג) כי באו בנים — ווארום די קינדער זיינען צוגעקומען ביז צום בראָכשטול". האָט משה געזאָגט צו אים: „איז פאַראַן אַ רעכטפאַרטיקער מאַן אין דעם דור?" האָט ער אים געזאָגט: „ס'איז פאַראַן, און זיין נאָמען איז מרדכי". האָט ער געזאָגט צו אים: „גיי און לאָז אים וויסן, כדי ער זאָל זיך שטעלן מתפלל צו זיין פון דאָרטן און איך פון דאַנען, און מיר וועלן בעטן אויף זיי רחמים פאַר הקדוש ברוך הוא". האָט ער אים געזאָגט: „וואָרהאַפטיקער פאַסטוך! ס'איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ פאַרלענדונג בריוו אויף ישראל". האָט משה געזאָגט צו אים: „אויב מיט ליים איז עס פאַרזיגלט, וועט אונדזער תפילה געהערט ווערן; אויב אָבער עס איז פאַרזיגלט מיט בלוט, וועט זיין וואָס עס מוז זיין". האָט ער אים געזאָגט: „מיט ליים איז עס פאַרזיגלט". האָט משה רבנו געזאָגט צו אים: „גיי און לאָז וויסן מרדכין". אַזוי איז ער גלייך געגאַנגען און געלאָזט וויסן מרדכין. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט[1]: ומרדכי ידע — און ווי מרדכי האָט זיך דערוואוסט אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן, אַזוי האָט מרדכי צעריסן זיינע קליידער.

צריכין בעולם?" שנאמר (ישעיה ל"ג): הן אראלם צעקו חוצה, מלאכי שלום מר יבכיון. כיון ששמעו חמה ולבנה כך, אספו נגהם, שנאמר (שם נ'): אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם.

באותה שעה רץ אליהו זכור לטוב בבהלה אצל אבות העולם ואצל משה בן עמרם ואמר להם: „עד מתי אבות העולם רדומים בשינה ואי אתם משגיחים על הצרה שבניכם שרויין בה; כי מלאכי השרת וחמה ולבנה וכוכבים ומזלות ושמים וארץ וכל צבא המרום בוכים במרר, ואתם עומדים מנגד ואינכם משגיחים?" אמרו לו: „מפני מה?" אמר להם: „מפני שנהנו ישראל מסעודתו של אחשורוש, ובעבור זאת נגזרה עליהם גזירה לכלותם מן העולם ולאבד זכרם". אמרו לו אברהם יצחק ויעקב: „אם הם עברו על דת הקב"ה ונחתמה גזירתם, מה אנו יכולים לעשות?"

חזר אליהו ואמר לו למשה: „אי רועה נאמן! כמה פעמים עמדת על הפרץ לישראל ובטלת גזירתם לבלתי השחית, שנאמר (תהלים ק"ו): לולא משה בחירו עמד בפרץ לפניו להשיב חמתו מהשחית! מה תענה על הצרה הזאת? (ישעיה ל"ז) כי באו בנים עד משבר, וגו'. אמר לו משה: „כלום יש אדם כשר באותו הדור?" אמר לו: „יש, ושמו מרדכי". אמר לו: „לך והודיעו, כדי שיעמוד הוא משם בתפלה ואני מכאן, ונבקש רחמים עליהם לפני הקב"ה". אמר לו: „רועה נאמן, כבר נכתבה אגרת כלייה על ישראל". אמר לו משה: „אם בטיט היא חתומה, תפלתנו נשמעת; ואם בדם נחתמה, מה שהיה — הוא". אמר לו: „בטיט היא חתומה". אמר לו משה רבינו: „לך והודיע למרדכי". מיד הלך והודיע למרדכי. הה"ד: ומרדכי ידע את כל אשר נעשה, ויקרע מרדכי את בגדיו.

כיון שהגידו לאסתר, מיד — ותתחלחל המלכה מאד; מהו ותתחלחל? מלמד, שפרסה נדה.

---

ווי מע האט עס אנגעזאגט אסתרן, אזוי גלייך [2] ותתחלחל — איז די מלכה זייער אויפגעציטערט געווארן; וואס מיינט ותתחלחל? דער פסוק לערנט אונדז, אז זי איז געווארן א נידה [3].

---

יח. [1] אסתר ד, א. [2] דארט פסוק ד. [3] פון גרויסן איבערשרעק האט זי באקומען דאס מאנאטלעכע; געדרשנט ותתחלחל פון חולה, קראנק.

יט

**אַן אַנדער פשט:** (ג, ט): אם על המלך טוב — אויב עס איז דעם קיניג וואוילגעפעלן, זאָל געשריבן ווערן זיי אומצוברענגען, **ער האָט אים געזאָגט: „דו שרייב נאָר אַן מיט דער פעדער,** ועשרת אלפים — און צען טויזנט כיכר זילבער וועל איך אָפּוועגן אויף די הענט פון די, וואָס פירן אָן מיטן [קיניגס] פאַרמעגן". **ער האָט אים געזאָגט: „אַצינד ווייס איך ניט זייער צאָל. ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים, האָבן זיי געהאַט זעקס הונדערט טויזנט מענער, און פאַר איטלעכן פון זיי גיב איך דיר הונדערט זוז, וואָס באַטרעפט פופציק שקל"** [1].

כ

(ג, י) ויסר המלך — און דער קיניג האָט אַראָפּגענומען זיין זיגלרינג פון זיין האַנט און האָט אים געגעבן המנען. **די רבנן זאָגן: אחשורוש האָט פיינט געהאַט די יידן מער ווי המן הרשע. דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז דער קויפער גיט אַן ערבות דעם פאַרקויפער; אָבער דאָ גיט דער פאַרקויפער אַן ערבות. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט:** און דער מלך האָט אַראָפּגענומען זיין זיגלרינג פון זיין האַנט און האָט אים געגעבן המנען.

כא

(ג, יא) ויאמר המלך — און דער קיניג האָט געזאָגט צו המנען: הכסף — דאָס זילבער ווערט דיר געשאָנקען. — הכסף **באַטרעפט הונדערט פינף און זעכציק, אַזוי ווי העץ, דער בוים** [1]**, דער באַטרעף פון דעם איז ווי דער באַטרעף פון יענעם.**

כב

(ג, יב) ויקראו — און עס זיינען גערופן געוואָרן דעם קיניגס שרייבערס — — — [און עס איז געשריבן געוואָרן] אַזוי ווי אַלץ וואָס המן האָט באַפוילן. **אין פסוק שטייט** (שמות א, כב): ויצו פרעה — און פרעה האָט באַפוילן זיין גאַנץ פאָלק אַזוי צו זאָגן: איטלעכן זון וואָס וועט געבאָרן ווערן זאָלט איר אין טייך אַריינוואַרפן. **פרעה האָט באַפוילן, אָבער הקדוש ברוך הוא האָט ניט באַפוילן, — וואָס־זשע האָסטו אויף דער האַנט** [1] **?** (איכה ג, לז): מי זה — ווער איז דער וואָס האָט געזאָגט, און עס איז געשען, ווען גאָט האָט ניט באַפוילן? **און וואָס האָט ער יאָ באַפוילן?** (שמות ו, א) כי ביד חזקה — דען דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַרויסשיקן, **און אַזוי איז עס אים געשען. און נאָך** (תהילים קלו, טו): ונער — און ער האָט אַריינגעטרייסלט פרעהן און זיין חיל אין ים סוף. **און דעסטגלייכן דאָ:** ככל אשר — אַזוי ווי אַלץ וואָס המן האָט באַפוילן, — ער **האָט באַפוילן, אָבער הקדוש ברוך הוא האָט ניט באַפוילן; המן האָט באַפוילן** אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען, **אָבער גאָט האָט ניט באַפוילן. און וואָס האָט ער יאָ באַפוילן?** ישוב — זאָל זיין בייזע מחשבה וואָס ער האָט געטראַכט אויף די יידן זיך אומקערן אויף זיין קאָפּ [2]. **און אַזוי איז עס אים געשען,** ותלו — און מע האָט אויפגעהאַנגען אים און זיינע זין אויפן בוים [3].

## יט

**ד״א**: אם על המלך טוב, יכתב לאבדם, — **אמר לו**: „**קולמוס את כותב**, ועשרת אלפים ככר כסף אשקול על ידי עושי המלאכה״. **אמר ליה**: „**השתא לית אנא ידע מניניהון; כי נפקו ממצרים, הוו להו שית מאה אלפין גברא, ועל כל חד וחד יהיבנא לך מאה זוזי אחד, דהיינו חמשים שקלים**״.

## כ

(ג, י) ויסר המלך את טבעתו מעל ידו ויתנה להמן. **רבנן אמרין: אחשורוש שונא את ישראל יותר מהמן הרשע. מנהגו של עולם, דרכו של לוקח ליתן ערבון למוכר; ברם הכא המוכר נותן ערבון. הה״ד**: ויסר המלך את טבעתו מעל ידו ויתנה להמן.

## כא

(ג, יא) ויאמר המלך להמן: הכסף נתון לך, — הכסף **בגימטריא מאה וששים וחמשה כמו** העץ; **חושבניה דדין כחושבניה דדין.**

## כב

(ג, יב) ויקראו סופרי המלך, **וגו׳**, ככל אשר צוה המן. **כתיב** (שמות א׳): ויצו פרעה לכל עמו לאמר: כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, **וגו׳. פרעה צוה, והקב״ה לא צוה, — את מה בידך?** (איכה ג׳) מי זה אמר ותהי, ה׳ לא צוה? **ומה צוה?** (שמות ו׳) כי ביד חזקה ישלחם, **וכן הות ליה. ועוד** (תהלים קל״ו): ונער פרעה וחילו בים סוף. **ודכוותיה**: ככל אשר צוה המן, — הוא **צוה, והקב״ה לא צוה; המן צוה** להשמיד, להרוג ולאבד, **וה׳ לא צוה. ומה צוה?** ישוב מחשבתו הרעה, אשר חשב על היהודים, על ראשו. **וכן הות ליה**, ותלו אותו ואת בניו על העץ.

---

יט. [1] צוויי זוז (דאָ אידענטיש מיט דינר) איז אַ שקל, און דריי טויזנט שקל איז אַ כיכר (צענטנער) זילבער. פופציק שקל ווידער איז דער מאַקסימום שאַצונג פאַר אַ מאַן פון צוואַנציק ביז זעכציק יאָר אַלט (ויקרא כז, ג). און אויב המן גיט פופציק שקל פאַר איטלעכן פון די זעקס הונדערט טויזנט יידן, באַטרעפט עס צען טויזנט כיכר זילבער.

כא. [1] די אותיות פון הכסף באַטרעפן לויט זייער נומערישער ווערט 165, און אַזויפיל באַטרעפן די אותיות פון העץ: דורך דעם וואָס דער מלך האָט דערלויבט המנען אויסצוראָטן די יידן איז אים צוגעגרייט געוואָרן דער וועג צו דער תליה, און עס איז ווי עס וואָלט געשטאַנען: העץ נתון לך — דער בוים איז פאַר דיר געגעבן.

כב. [1] וואָס, הייסט עס, האָט פרעה אויסגעפירט מיט זיין באַפעל? [2] אסתר ט, כח.

עס שטייט געשריבן (משלי יז, יט): מגביה — דער וואָס דערהייכט זיין טיר, זוכט בראָך, — דער וואָס דערהייכט די טירן פון זיין מויל און ברענגט אַרויס ניט קיין פּאַסיקע רייד פון זיין מויל, אים טוט הקדוש ברוך הוא צעברעכן, און אין דעם טאָפּ וואָס ער האָט פאַרקאָכט ווערט ער אַליין אָפּגעקאָכט. און אַזוי זאָגט דער פּסוק ביי יתרון (שמות יח, יא): כי בדבר — דען מיט דער זאַך וואָס זיי האָבן געמוטוויליקט — אויף זיי [4].

כג

ר' לוי האָט געזאָגט: פאַרשאָלטן זאָלן זיין די רשעים, דען זיי פאַרנעמען זיך מיט שלעכטע עצות אויף ישראל, און איטלעכער פון זיי עצהט אויף זיין שטייגער און זאָגט: „מיין עצה איז בעסער פון דיין עצה". עשו האָט געזאָגט: „קין איז געווען אַ נאַר, וואָס ער האָט געהרגעט זיין ברודער ביים פאָטערס לעבן, — האָט ער דען ניט געוואוסט, אַז זיין פאָטער וועט זיך פרוכפּערן און מערן? איך וועל ניט טאָן אַזוי, נייערט (בראשית כז, מא) יקרבו — זאָלן זיך דערנענטערן די טרויער' טעג נאָך מיין פאָטער, און איך וועל הרגענען מיין ברודער יעקבן". פּרעה האָט געזאָגט: „עשו איז געווען אַ נאַר, — האָט ער דען ניט געוואוסט, אַז זיין ברודער וועט זיך פרוכפּערן און מערן ביים פאָטערס לעבן? איך וועל אַזוי ניט טאָן, נייערט כל זמן זיי זיינען נאָך פּיצלעך, ערשט פון אונטער זייערע מאַמעס בייכער, וועל איך זיי דערשטיקן". דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמות א, כב): כל הבן — איטלעכער זון וואָס וועט געבוירן ווערן, זאָלט איר אים אין טייך אַריינוואַרפן. המן האָט געזאָגט: „פּרעה איז געווען אַ נאַר, וואָס ער האָט געזאָגט: איטלעכער זון וואָס וועט געבאָרן ווערן, זאָלט איר אים אין טייך אַריינוואַרפן, — האָט ער דען ניט געוואוסט, אַז די טעכטער וועלן חתונה האָבן און זיך פרוכפּערן און מערן? איך וועל אַזוי ניט טאָן, נייערט — אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען.

אויך גוג און מגוג [1] איז אָנגעברייט צו זאָגן: „די אַמאָליקע זיינען געווען נאַראָנים, וואָס זיי האָבן זיך געעצהט מיט זייערע מלכים וועגן ישראל, און האָבן ניט געוואוסט, אַז זיי האָבן אַ באַשיצער אין הימל. איך וועל אַזוי ניט טאָן, נייערט איך וועל באַפאַלן זייער באַשיצער צוערשט, און נאָכדעם וועל איך זיי באַפאַלן". דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (תהילים ב, ב): יתיצבו — עס וועלן זיך אויפשטעלן די מלכים פון דער ערד, און די האַרן וועלן זיך צוזאַמען עצהן אויף גאָט און אויף זיין געזאַלבטן [2]. וועט הקדוש ברוך הוא אים זאָגן: „רשע! מיך קומסטו צו באַפאַלן? וויפיל מחנות זיינען פאַראַן פאַר מיר, וויפיל בליצן, וויפיל דונערן, — ווי דאָס וואָס אין פּסוק שטייט (שמואל א, ז, י): וירעם ה' — און גאָט האָט געדונערט מיט אַ גרויס קול, — און וויפיל שרפים און וויפיל מלאכים! נייערט מיין גבורה

---

[3] דאָרט. [4] אַזוי לויטן דרש: די זאַך וואָס זיי האָבן געוואָלט ברענגען אויף די יידן איז געבראַכט געוואָרן אויף זיי: זיי האָבן געוואָלט דערטרינקען די יידישע קינדער, זיינען זיי אַליין דערטרונקען געוואָרן (זע אונקלוס און רשי אויף דעם פּסוק).

כג. [1] דער לעצטער שונא פון ישראל אין סוף פון די טעג (זע יחזקאל לח). [2] צוערשט

**כתיב** (משלי י״ז): מגביה פתחו מבקש שבר, — **המגביה פתחי פיו ומוציא דברים שלא כהוגן מפיו, הקב״ה משברו, ובקדרה שבשל בה נתבשל. וכן ביתרו הוא אומר** (שמות י״ח): כי בדבר אשר זדו עליהם.

כג

**א״ר לוי: ארורים הם הרשעים, שהם מתעסקים בעצה רעה על ישראל, וכל אחד ואחד מהם יועץ לפי דרכו ואומר: „עצתי טובה מעצתך״. עשו אמר: „שוטה היה קין, שהרג את אחיו בחיי אביו, — ולא היה יודע, שאביו פרה ורבה? אני איני עושה כך, אלא** (בראשית כ״ז) יקרבו ימי אבל אבי, ואהרגה את יעקב אחי״. **פרעה אמר: „שוטה היה עשו, — וכי לא היה יודע, שאחיו פרה ורבה בחיי אביו?״ אני איני עושה כך, אלא עד דאינון דקיקין תחת כריסי אמותיהן, אנא מחנק להון״. הה״ד** (שמות א׳): כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. **המן אמר: „פרעה שוטה היה, שאמר:** כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. **— וכי לא היה יודע, שהבנות נישאות, פרות ורבות? אני איני עושה כך, אלא** להשמיד, להרוג ולאבד״, **וגו׳.**

**ואף גוג ומגוג לעתיד לבא עתיד לומר: „שוטים היו ראשונים, שהיו מתעסקים בעצות עם מלכיהם על ישראל, ולא היו יודעין, שיש להם פטרון בשמים. אני איני עושה כן, אלא הריני מזדווג עם פטרונן תחלה, ואחר כך אני מזדווג להם״. הה״ד** (תהלים ב׳): יתיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד על ה׳ ועל משיחו. **אמר לו הקב״ה: „רשע! לי אתה בא להזדווג? כמה גדודים יש לפני, כמה ברקים, כמה רעמים, — כההיא דכתיב** (ש״א ז׳): וירעם ה׳ בקול גדול, — **וכמה שרפים, וכמה מלאכים! אלא גבורתי תצא ונלחמת עמך״. הה״ד** (זכריה י״ד): ויצא ה׳ ונלחם בגוים ההם, כיום הלחמו ביום קרב, **וכתיב** (ישעיה מ״ב): ה׳ כגבור יצא, כאיש מלחמות יעיר קנאה, **וגו׳. מה כתיב**

---

**וועט אַרויסגיין אין מלחמה מיט דיר״. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (זכריה יד, ג): ויצא ה׳ — און גאָט וועט אַרויסגיין און וועט מלחמה האַלטן מיט יענע פעלקער, ווי בעת זיין מלחמה האַלטן אין טאָג פון שלאַכט, **און עס שטייט געשריבן** (ישעיה מב, יג): ה׳ כגבור יצא — גאָט וועט אַרויסגיין ווי אַ גיבור, ווי אַ מאַן פון מלחמה וועט ער וועקן זיין צאָרן. **און וואָס שטייט**

דאָרטן (זכריה יד, ט): והיה ה׳ — און גאָט וועט ווערן מלך איבער דער גאַנצער ערד[3].

## כד

(ג, יד) פתשגן הכתב — די קאָפּיע פון דער שריפט — די קאָפּיע פונעם בריוו[1] — זאָל געגעבן ווערן ווי אַ געזעץ אין איטלעכער מדינה — — — מע זאָל זיין אָנגעברייט אויף דעמדאָזיקן טאָג. ר׳ לוי האָט געזאָגט: די נבואה פון די אומות העולם איז אַן אומבאַשטימטע, און זיי וויסן ניט, צי אויף הרגענען, צי אויף געהרגעט צו ווערן. ס׳איז אַ משל מיט אַ מענטשן וואָס איז געגאַנגען אין וועג. פון דער שווערקייט פון וועג איז אים אָנגעשוואָלן געוואָרן[2] אַ קנעכל. האָט ער געזאָגט: „הלוואי וואָלט איך געהאַט אַן אייזל!" איז אים פאַרבייגעגאַנגען אַ רוימער, וואָס זיין אייזלטע האָט געבוירן אַ יונגאייזל, און האָט אים געזאָגט: „נעם און טראָג דעמדאָזיקן יונגאייזל". האָט ער געזאָגט: „אָט איז מיין תפילה געהערט געוואָרן, נאָר איך האָב ניט געבעטן ווי עס דאַרף צו זיין, — צו רייטן, אָדער צו טראָגן רייטנדיק". אַזוי איז די נבואה פון די אומות העולם: מע זאָל זיין אָנגעברייט אויף דעמדאָזיקן טאָג, און זיי וויסן ניט צי אויף הרגענען, צי אויף געהרגעט צו ווערן[3]. אָבער יידן — זייער נבואה איז קלאָר: להיות היהודים — אַז די יידן זאָלן זיין אָנגעברייט אויף דעמדאָזיקן טאָג נקמה צו נעמען פון זייערע פיינט[4].

## כה

(ג, טו) הרצים — די לויפערס זיינען אַרויס אין געאייל לויטן קיניגס אָנזאָג — — — און דער קיניג און המן האָבן זיך געזעצט טרינקען. ר׳ חנין האָט געזאָגט: ווער עס זאָגט, אַז דער דערבאַרעמדיקער איז נאָכלאָזיק, זאָלן אים נאָכגעלאָזן ווערן[1] זיינע געדערים; נייערט ער האָלט איין זיין צאָרן, אָבער ער מאָנט אויף דאָס זייניקע. ער האָט געזאָגט צו די שבטים[2]: „איר האָט פאַרקויפט אייער ברודער עסנדיק און טרינקענדיק[3], וועל איך אַזוי טאָן צו אייך". דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: און דער קיניג און המן האָבן זיך געזעצט טרינקען. ר׳ יששכר פון כפר מנדי האָט געזאָגט: מה־דאָך איינער וואָס האָט מוחל געווען און געזאָגט (בראשית מה, ח): לא אתם — ניט איר האָט מיך אַהערגעשיקט, נייערט גאָט, און זע, ווי לאַנג עס האָט אָנגעהאַלטן, דען ביז די טעג פון מרדכין האָט זיך אויפגעהאַלטן די שטראָף פאַר פאַרקויפן יוסףן, — אַ פשיטא שוין דער וואָס איז ניט מוחל!

[4] אַז איינער אַ ייד פלעגט אַרויסגיין אין מאַרק און זוכן צו קויפן אַ פונט פלייש אָדער אַ בינטל גרינס, פלעגט אים דער פּערסיער ווערגן[5] און זאָגן: „מאָרגן וועל איך דיך הרגענען און צורויבן דיין געלט". דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: והעיר — און די שטאָט שושן איז געווען צעטומלט.

---

אויף גאָט און נאָכדעם אויף זיין געזאַלבט (אויסדערוויילט) פאָלק. [3] נאָכן אומברענגען גוג און מגוג וועט די גאַנצע וועלט אָנערקענען גאָט פאַרן מלך.

כד. [1] די איבערחזרונג נעמט זיך פון דער אַראַמישער דערקלערונג פון די ערשטע

**תמן** (זכריה י״ד): והיה ה׳ למלך על כל הארץ.

## כד

(ג, יד) פתשגן הכתב, אנטגריפון דאיגרתא, להנתן דת בכל מדינה ומדינה — — — להיות עתידים ליום הזה. א״ר לוי: אומות העולם נבואתן סתומה, ואינן יודעין, אם ליהרג ואם להרוג. משל לאדם שהיה מהלך בדרך. מן דוחקא דאורחא אסתבע קרסוליה. אמר: „הלואי הוה לי חד חמר״. עבר עליו חד רומי, דילדית חמרתיה חד עולאי. א״ל: „סב ארכב הדין עולאי״. אמר: „הא צלותי אשתמע, ברם אנא לא שאלית כהוגן, — אם למרכב, אם למרכיבה״. כך נבואתן של או״ה: להיות עתידים ליום הזה, ואינן יודעים אם להרוג, אם ליהרג. אבל ישראל נבואתן מפורשת: להיות היהודים עתידים ליום הזה להנקם באויביהם.

## כה

(ג, טו) הרצים יצא דחופים בדבר המלך, וגו׳, והמלך והמן ישבו לשתות. אמר ר׳ חנין: מאן דאמר, רחמנא ותרן הוא, יתותרון מעוהי; אבל מאריך רוחיה וגבי דידיה. אמר להם לשבטים: „אתם מכרתם את אחיכם מתוך מאכל ומשתה, כך אני אעשה לכם״. הדא הוא דכתיב: והמלך והמן ישבו לשתות. אמר ר׳ ישׂשכר דכפר מנדי: ומה אם מי שמחל ואמר (בראשית מ״ה): „לא אתם שלחתם אותי הנה, כי האלהים״, וגו׳, — ראה, עד היכן היא מתוקנת, שהרי עד ימי מרדכי אותו עונש של מכירת יוסף קיים; מי שאינו מוחל — על אחת כמה וכמה!

היה אחד מישראל יוצא לשוק ומבקש ליקח ליטרא בשר או אגודה של ירק, היה הפרסי חונקו ואומר לו: „למחר אני הורגך ומבזבז את ממונך״. הדא הוא דכתיב: והעיר שושן נבוכה.

---

צוויי ווערטער פונעם פסוק (אַנשטאָט אנטגריפון הייסט יאַסטראָוו לייענען אנטיגרפון אַנטיגראַפאָן, קאָפּיע אויף גריכיש). [2] אפשר אָנגעריבן, רויט געוואָרן (פון סבע — צבע, פאַרב, קאָליר). [3] מעגלעך אַן אָנדייטונג אויף די געצנדינערישע אָראַקל זאָגערס, וואָס פלעגן זייער נבואה געבן אין אַ צווייַדייטיק, אומקלאָר לשון, כדי זיי זאָלן אין יעדן פאַל בלייבן גערעכט. [4] אסתר ח, יג.

כה. [1] לויז ווערן. [2] צו יעקבס זין, די שטאַם פאָטערס פון די שבטים. [3] זע בראשית לז, כה. [4] אין אַלע אויסגאַבעס געפינט זיך דערדאָזיקער מאמר פאַר ר׳ ישׂשכרס ווערטער. די לעצטע זיינען אָבער ענג געבונדן מיטן ענין פון יוספס ברידער, און אין איינקלאַנג מיטן יפה ענף האָבן מיר עס געשטעלט צום סוף. [5] מיט ווערטער, זיך רייצן מיט אים. לויטן רד״ל וואָלט דאָ געדאַרפט שטיין מונהו, זיך רייצן מיט אים.

# פרשה ח

## א

(ד, א) ומרדכי ידע — און ווי מרדכי האָט זיך דערוואוסט אַלץ וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, אַזוי האָט מרדכי צעריסן זיינע קליידער. **בנימין האָט גורם געווען, אַז די שבטים** [1] **זאָלן קריעה רייסן; דאָס איז ווי אין פּסוק** שטייט (בראשית מד, יג): ויקרעו — און זיי האָבן צעריסן זייערע קליידער [2]. **און וואו האָט עס אים גורם געווען קריעה צו רייסן? אין שושן דער הויפּטשטאָט; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט:** ויקרע מרדכי — אַזוי האָט מרדכי צעריסן זיינע קליידער, **און ער האָט אָפּגעשטאַמט פון בנימין** [3].

און ער האָט אָנגעטאָן זאַק מיט אַש. **ר' איבו האָט געזאָגט: זינט יעקב אבינו האָט גענומען דעם זאַק, ווי אין פּסוק שטייט** (דאָרט לז, לד): וישם — און ער האָט אָנגעטאָן זאַק אויף זיינע לענדן, **אַזוי האָט ער זיך שוין מער ניט אָפּגעטאָן פון זיינע קינדער: ביי אחאבן שטייט געשריבן** (מלכים א, כא, כז): וישם — און ער האָט אָנגעטאָן זאַק אויף זיין לייב; **ביי יורם זיין זון** (מלכים ב, ו, ל): וירא העם — און דאָס פאָלק האָט געזען, ערשט אַ זאַק איז אים אויפן לייב; **מרדכי:** וילבש — און ער האָט אָנגעטאָן זאַק און אַש און האָט געשריען אַ גרויס און ביטער געשריי.

**ר' חנין האָט געזאָגט: ווער עס זאָגט, אַז הקדוש ברוך הוא איז נאָכלאָזיק, זאָלן אים זיינע געדערים נאָכגעלאָזט ווערן; נייערט ער האַלט איין זיין צאָרן, אָבער ער מאָנט אויף דאָס זייניקע. א ראיה האָסטו, — אָט האָט** יעקב גורם געווען עשון איין געשריי, ווי אין פּסוק שטייט (בראשית כז, לד): ויצעק — און ער האָט געשריען אַ גרויס און ביטער געשריי; **און וואו איז עס אים אָפּגעצאָלט געוואָרן? אין שושן, ווי דער פּסוק זאָגט:** ויזעק — און ער האָט געשריען אַ גרויס און ביטער געשריי [4].

## ב

(ד, ג) ובכל מדינה — און אין איטלעכער מדינה, וואו נאָר דאָס וואָרט פונעם קיניג און זיין געזעץ איז אָנגעקומען, איז אַ גרויסער טרויער ביי די יידן. **איז דען פאַראַן אַ גרויסער טרויער און אַ קליינער טרויער? נייערט**

---

**א.** [1] די שטאַם־פאָטערס פון די שבטים, יעקבס זין. [2] ווען מע האָט געפונען יוספס בעכער אין בנימינס זאַק. [3] און דאָס איז געווען אַן אָפּקומעניש פאַרן צער וואָס בנימין האָט גורם געווען זיינע ברידער. [4] מרדכי, יעקבס אַ ווייט אייניקל, האָט אָפּגעצאָלט מיט זיין געשריי פאַרן געשריי וואָס יעקב האָט גורם געווען עשון. — דידאָזיקע פראַגע מיטן ענטפער געפינען זיך אין אַלע אויסגאַבעס פאַר ר' חנינס רייד; מיר האָבן עס אָבער געשטעלט נאָך זיינע רייד, ווי עס פאַסט זיך לויטן אינהאַלט.

# פרשה ח

א

(ד, א) ומרדכי ידע את כל אשר נעשה, ויקרע מרדכי את בגדיו. **בנימין גרם לשבטים לקרוע; הה״ד** (שם מ״ד): ויקרעו שמלותם. **והיכן גרמה לו קריעה? בשושן הבירה; הה״ד:** ויקרע מרדכי את בגדיו, **והוא איש ימיני.**

וילבש שק ואפר. **א״ר איבו: משתפס יעקב אבינו את השק, דכתיב** (בראשית ל״ז): וישם שק במתניו, **שוב לא זז מבניו: אחאב כתיב ביה** (מ״א כ״א): וישם שק על בשרו; **יורם בנו** (מ״ב, ו): וירא העם, והנה השק על בשרו; **מרדכי:** וילבש שק ואפר ויזעק זעקה גדולה ומרה.

**אמר ר׳ חנין: מאן דאמר, קודשא בריך הוא ותרן הוא, יתותרון בני מעוהי; אלא מאריך רוחיה וגבי דיליה. תדע, שהרי זעקה אחת הזעיק יעקב לעשו, דכתיב** (בראשית כ״ז): ויצעק צעקה גדולה ומרה; **והיכן נפרע לו? בשושן, שנאמר:** ויזעק זעקה גדולה ומרה.

ב

(ד, ג) ובכל מדינה ומדינה, מקום אשר דבר המלך ודתו מגיע, אבל גדול ליהודים. **וכי יש אבל גדול ויש אבל קטן? אלא בנוהג שבעולם, כל האבלים אבלן מתמעט והולך עד לשבעת הימים; תקפו יום ראשון, וכל שהוא הולך הוא תשש, עד י״ב חודש. אבל זה דהמן, כל מה שהוא הולך מתגבר, שכל יום שהוא הולך ויוצא היו אומרים: „כבר יצא יום אחד מחיינו״.**

---

דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז ביי אַלע אבלים ווערט דער טרויער וויניקער און וויניקער דורך די שבעה־טעג; אַמשטאַרקסטן איז ער דעם ערשטן טאָג, און וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ שוואַכער, ביז [ער ווערט נישט] צו די צוועלף חדשים. אָבער דערדאָזיקער [טרויער] פון המנס [גזרה] — וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער איז ער געוואָרן, דען אויף יעדן טאָג וואָס פלעגט אָוועקגיין פלעגן זיי זאָגן: „שוין אָוועק נאָך אַ טאָג פון

אונדזער לעבן״. אַן אַנדער פשט: סתם, אַן אָבל, אַז ס׳איז אים געשטאָרבן אַ זון, זאָגן אים די טרייסטערס: ,,זאָל לעבן דיין אַנדער זון וואָס איז דיר געבליבן״. און אויב ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדערן, זאָגט מען אים: ,,זאָלסט מאריך ימים זיין״. אָבער דאָ ווערן אַלע גענומען צום טויט, אויס־צוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען.

ג

(ד, ד) ותבאנה — און עס זיינען געקומען אסתרס מיידלעך און אירע קאַמערדינער און האָבן איר דערציילט, און די מלכה איז זייער אויפגעציטערט געוואָרן. די רבנן פון דאָרטן[1] זאָגן, אַז זי איז געוואָרן אַ נידה[2]. און די רבנן פון דאַנעט[3] זאָגן: זי האָט מפיל געווען, און זינט זי האָט מפיל געווען האָט זי שוין מער ניט געבאָרן. ר׳ יודן דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: זי פלעגט משמש המטה זיין מיט וואַטע[4]. [און נאָך][5] האָט ר׳ יודן דער זון פון ר׳ סימון געזאָגט: דריוש דער צווייטער איז געווען אסתרס אַ זון, אַ ריינער פון זיין מאַמען און אַן אומריינער פון זיין טאַטן[6].

ד

(ד, ה) ותקרא אסתר — האָט אסתר גערופן התכן. די רבנן פון דאָרטן זאָגן: התך איז דניאל, און ווייל מע האָט אים אָפּגעשניטן פון דער גדולה, האָט מען אים גערופן התך, [פון] חתך[1]. און די רבנן פון דאַנעט זאָגן: [מע האָט אים גערופן התך], ווייל ער פלעגט באַשטימען[2] די ענינים [פון דער מלוכה][3]. לדעת — געוואָר צו ווערן, וואָס דאָס איז און איבער וואָס דאָס איז, — זי האָט געזאָגט צו אים: ,,גיי זאָג אים: קיינמאָל אין לעבן האָט נאָך ישראל אַזאַ צרה ניט געהאַט; אפשר האָט ישראל געלייקנט אין דעם [וואָס וועגן אים שטייט געשריבן] (שמות טו, ב): זה אלי — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען? און אפשר האָבן זיי געלייקנט אין די לוחות, וואָס עס שטייט וועגן זיי געשריבן (דאָרט לב, טו): מזה ומזה — פון דער זייט און פון יענער זייט זיינען זיי באַשריבן?״[4]

ה

(ד, ז) ויגד לו מרדכי — און מרדכי האָט אים דערציילט אַלץ וואָס אים האָט געטראָפן (קרהו), — ער האָט געזאָגט התכן: ,,גיי זאָג איר: דאָס איי‌ניקל פון קרהו איז אָנגעקומען אויף אייך״. דאָס איז ווי אין פסוק

ג. [1] פון בבל (זע אַריינפיר ב און דאָרט באַמערקונגען 16—18). [2] זע אויבן ז, יח, באַם. 3. [3] פון ארץ ישראל. [4] כדי זי זאָל ניט פאַרגיין אין טראָגן פון אחשורושן. [5] צוגעגעבן לויטן מתנות כהונה. [6] נאָכדעם ווי אחשורוש האָט איר צוגעזאָגט, אַז דער זון וואָס זי וועט אים געבוירן וועט אויפבויען דעם בית המקדש, האָט זי געלעבט מיט אים נאָרמאַל (מתנות כהונה).

ד. [1] אָפּשניידן. [2] חתך. [3] דער טייטש דאָ איז געגעבן לויט די רייד פון שמואל אין מגילה, טו, א, און דער מאמר דריקט אויס דעם היפך פונעם פריערדיקן (דער משנת דרבי אליעזר טייטשט די ווערטער פון די רבנן פון דאַנען אַזוי: ער האָט געהייסן התך, ווייל ער האָט אָפּגעשניטן די ווערטער (חתך את הדברים), — ער האָט געקירצט מרדכיס ווערטער פאַר אסתרן, ניט וועלנדיק זי צופיל מצער זיין). [4] די ביידע פסוקים זיינען אַן אָנשפּיל אויפן אויסדרוק מה זה ועל מה זה.

**דבר אחר: אבל דעלמא, כשמת לו בן, אומרין לו המנחמין: „יחיה בנך האחר הנשאר לך". ואם לא היה לו אחר, אומרים לו: „האריך ימים". אבל כאן הכל לקוחין למיתה, להשמיד, להרוג ולאבד.**

ג

(ד, ד) ותבאנה נערות אסתר וסריסיה ויגידו לה, ותתחלחל המלכה מאד. **רבנן דתמן אמרין, שפרסה נדה. ורבנן דהכא אמרין: הפילה עוברה, ומשעה שהפילה שוב לא ילדה. ר' יודן בר' סימון אמר: במוך היתה משמשת. [ועוד] אמר ר' יודן בר' סימון: דריוש האחרון בנה של אסתר היה, טהור מאמו וטמא מאביו.**

ד

(ד, ה) ותקרא אסתר להתך. **רבנן דתמן אמרין: התך זה דניאל, ולפי שחתכוהו מגדולתו, נקרא התך** — חתך. **ורבנן דהכא אמרין, שחתך את הדברים.** — לדעת, מה זה ועל מה זה, — **אמרה לו: „לך אמור לו: מימיהם של ישראל לא באו לצרה כזאת; שמא כפרו ישראל** (שמות ט"ו) בזה אלי ואנוהו? **ושמא כפרו בלוחות, דכתיב בהן** (שם ל"ב): מזה ומזה הם כתובים?"

ה

(ד, ז) ויגד לו מרדכי את כל אשר קרהו, — **אמר להתך: „לך אמור לה: בן בנו של קרהו בא עליכם". הה"ד** (דברים כ"ה): אשר קרך בדרך.

**ד"א**: אשר קרהו — **בחלום: מלמד, שהזכיר לה את החלום אשר חלם כענין זה בשנה השנית למלך אחשורוש. וירא, והנה רעש גדול וחזק ובהלה על הארץ, ופחד ורעד לכל יושביה. והנה שני תנינים גדולים, ויריעו זה לקראת זה ויערכו מלחמה,**

---

שטייט (דברים כה, יח): אשר קרך — וואָס ער האָט דיך געטראָפן אויפן וועג [1].

אַן אַנדער פשט: וואָס אים האָט געטראָפן — אין חלום; דער פסוק לערנט אונדז, אַז ער האָט איר דערמאָנט דעם חלום וואָס איר האָט זיך געחלומט וועגן דעמדאָזיקן ענין אינעם צווייטן יאָר פון מלך אחשורוש [2]. ער האָט געזען, ערשט אַ גרויסע און שטאַרקע ערדציטערניש, און אַ בהלה איבער דער ערד, און אַ שרעק און אַ ציטער איבער אַלע אירע באַוואוינער. און אָט [זיינען געקומען] צוויי גרויסע ים־מאָנסטערס [3] און זיי האָבן זיך געלאָזט מיט קולות איינער קעגן דעם צווייטן און פאַרפירט

אַ מלחמה, און אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד זיינען זיך צעלאָפֿן פֿון זייער קול. און אַט איז צווישן זיי געווען אַ קליין פֿאָלק, און אַלע פֿעלקער זיינען אויפֿגעשטאַנען אויף דעם קליינעם פֿאָלק אומצוברענגען זיין זכר פֿון דער ערד. און פֿינצטער איז יענער טאָג געווען פֿאַר דער גאַנצער וועלט, און דאָס קליינע פֿאָלק איז געווען אין גרויס קלעם און זיי האָבן געשריען צו גאָט. און די מאָנסטערס האָלטן מלחמה מיט אכזריותדיקן צאָרן, און קיינער שיידט זיי ניט פֿאַנאַנדער. און מרדכי האָט געזען, ערשט אַ קליינער וואַסער קוואַל [4] איז דורכגעגאַנגען צווישן דידאָזיקע צוויי מאָנסטערס און האָט פֿאַנאַנדערגעשיידט צווישן זיי פֿון וועגן דער מלחמה וואָס זיי האָבן געהאַט. און דער קוואַל האָט זיך געשטאַרקט און איז געוואָרן אַ שטראָמיקער טייך, ווי דער שטראָם פֿון ים הגדול, און ער האָט פֿאַרפֿלייצט די גאַנצע ערד. און ער האָט געזען, ערשט די זון האָט אַרויסגעשיינט איבער דער גאַנצער ערד, און די וועלט האָט אויפֿגעלויכטן. און דאָס קליינע פֿאָלק איז דערהויבן געוואָרן, און די הויכע זיינען דערנידעריקט געוואָרן, און שלום און אמת איז געווען אויף דער גאַנצער ערד.

און עס איז געווען, אַז פֿון יענעם טאָג אָן און ווייטער האָט מרדכי פֿאַרגעדענקט דעם חלום וואָס אים האָט זיך געחלומט. און בעת המן האָט אים אַריינגעבראַכט אין קלעם, האָט ער געזאָגט צו אסתרן דורך איר שליח: „אָט איז דער חלום, וואָס איך האָב דיר דערציילט אין דיינע יונגע יאָרן. און איצט שטיי אויף און בעט רחמים ביי הקדוש ברוך הוא, און קום פֿאַרן מלך און בעט פֿאַר דיין פֿאָלק און פֿאַר דיין שטאָם".

ו

(ד, יד) כי אם — וואָרום אויב שוויגן וועסטו שוויגן, — „אויב דו וועסט שווייגן איצט, ניט מלמד זכות צו זיין אויף דיין אומה, וועסטו לסוף מוזן שווייגן לעתיד לבוא, און וועסט קיין פּתחון־פּה ניט האָבן. פֿאַרוואָס? ווייל דו האָסט געקאָנט ביי דיין לעבן טאָן אַ גוטע זאַך, און האָסט ניט געטאָן. און וואָס מיינסטו זיך, אַז הקדוש ברוך הוא וועט פֿאַרלאָזן ישראל? ער וועט שוין פֿון ערגעץ וואו זיי אויפֿשטעלן אַ גואל". דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט: רוח — אַ דערלייכטערונג און אַ רעטונג וועט אויפֿשטיין פֿאַר יידן פֿון אַן אַנדער אָרט.

ז

(ד, טו) ותאמר אסתר — און אסתר האָט געזאָגט מע זאָל ענטפֿערן מרדכין. זי האָט געזאָגט צו אים (ד, טז): לך כנוס — גיי זאַמל צונויף אַלע יידן וואָס אין שושן, און פֿאַסט פֿאַר מיר, און איר זאָלט ניט עסן און ניט טרינקען דריי טעג — דאָס איז דעם דרייצענטן און פֿערצענטן און פֿופֿצענטן טאָג אין ניסן. האָט ער געשיקט צו איר: „אָבער צווישן זיי איז דאָך דאָ דער ערשטער טאָג פּסח!" האָט זי געזאָגט צו אים: „אַ, דו עלטסטער פֿון ישראל! [אויב ניט ישראל,] [1] אויף וואָס דאַרף מען דעם פּסח?" גלייך

וינוסו לקולם כל גויי הארץ. והנה ביניהם גוי אחד קטן, ויקומו כל הגוים על הגוי הקטן לאבד זכרו מעל הארץ. ויהי היום ההוא חושך לכל העולם, ויצר לגוי הקטן מאד ויזעקו אל ה׳. והתנינים נלחמים באכזריות חמה, ואין מפריד ביניהם. וירא מרדכי, והנה מעין מים אחד קטן עבר בין שני התנינים האלה ויפריד ביניהם מן המלחמה אשר היו נלחמים. והמעין גבר ויהי לנחל שוטף כשטף ים הגדול והולך ושוטף בכל הארץ. וירא, והנה זרחה השמש לכל הארץ ויאור העולם. ויתרומם הגוי הקטן, והגבוהים הושפלו, ויהי שלום ואמת בכל הארץ.

ויהי מהיום ההוא ומעלה, וינצור מרדכי את החלום אשר חלם. ובעת אשר הצר לו המן, אמר לאסתר על ידי שלוחה: „הנה החלום אשר ספרתי לך בימי נעוריך; ועתה קומי ובקשי רחמים מאת הקב״ה, ובואי לפני המלך והתחנני על עמך ועל מולדתך״.

ו

(ד, יד) כי אם החרש תחרישי, — „אם תשתקי עכשו, שלא ללמד סנגוריא על אומתך, סופך לשתוק לעתיד לבוא, ואין לך פתחון פה. למה? שאת יכולה לעשות טובה בימיך, ולא עשית. ומה את סבורה, שהקב״ה מניח את ישראל? מכל מקום מעמיד להם גואל״. הה״ד: רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר.

ז

(ד, טו) ותאמר אסתר להשיב אל מרדכי. **אמרה לו** (ד, טז): לך כנוס את כל היהודים הנמצאים בשושן, וצומו עלי, ואל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים, — **אלו הן י״ג וי״ד וט״ו בניסן. שלח לה: „והרי בהם יום ראשון של פסח?״ אמרה לו: „זקן שבישראל! [אם אין ישראל,] למה הוא פסח?״ מיד שמע**

---

האָט זיך מרדכי צוגעהערט און איר גערעכט געגעבן; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (ד, יז): ויעבר מרדכי — און מרדכי איז אַוועק און ער האָט

---

ה. [1] דאָרט רעדט זיך וועגן עמלקן, המנס אור־זיידע, וואָס איז באַפאַלן ישראל אין מדבר, און דער בעל המדרש זעט די שייכות צווישן די צוויי רשעים, דעם זיידן מיטן אייניקל אין דער ענלעכקייט פון די צוויי ווערטער (קרהו — קרך). [2] וועגן דעם חלום און זיין אָרט אין דער פאָרשונג וועגן די קוואַלן פון אונדזער מדרש זע אַריינפיר ב און דאָרט באַמערקונגען 6—11. [3] מרדכי און המן. [4] אסתר (די לעצטע צוויי באַמער־קונגען — לויטן באַשייד פונעם חלום אין די אַפּאָקריפישע צוגאָבן צו מגילת אסתר (א. כהנא, הספרים החיצונים א, תקנב־נג).

געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס אסתר האָט באַפוילן. **דאָרטן[2] זאָגט מען [ויעבר מיינט], אַז ער האָט מעביר געווען[3] דעם ערשטן טאָג פסח דורך זיין תענית איבער דערדאָזיקער צרה.**

און מרדכי האָט מתפלל געווען צו גאָט און געזאָגט: ס'איז אַנטפּלעקט און באַוואוסט פאַר דיין כסא הכבוד, דו האַר פון די וועלטן, אַז ניט פון קיין גאווהדיק האַרץ און פאַרריסענע אויגן האָב איך געטאָן, וואָס איך האָב זיך ניט געבוקט פאַר המנען. נייערט אויס פאַרכט פאַר דיר האָב איך עס געטאָן, זיך ניט צו בוקען צו אים; וואָרום איך האָב פאַרכט געהאַט פאַר דיר, ניט אָפּצוגעבן דיין כבוד צו אַ בשר ודם, און איך האָב ניט געוואָלט זיך בוקן צו עמיצן אויסער דיר. דען ווער בין איך, אַז איך זאָל זיך ניט בוקן צו המנען פון וועגן דער הילף פון דיין פאָלק ישראל? איך וואָלט אפילו געלעקט די שיך פון זיינע פיס! און איצט, גאָט אונדזערער, ראַטעווע אונדז, איך בעט, פון זיין האַנט, און זאָל ער פאַלן אין דער גרוב וואָס ער האָט געגראָבן, און זאָל ער אַריינפאַלן אין דער נעץ וואָס ער האָט באַהאַלטן פאַר די פיס פון דיינע פרומע. און זאָל דערדאָזיקער דערצערענער וויסן, אַז דו האָסט ניט פאַרגעסן די הבטחה וואָס דו האָסט אונדז געגעבן (ויקרא כו, מד): ואף גם זאת — אָבער אפילו מיט דעם, ווען זיי וועלן זיין אין לאַנד פון זייערע שונאים, וועל איך זיי ניט פאַרמיאוסן און וועל זיי ניט פאַראומווערדיקן, זיי צו פאַרלענדן, צו פאַרשטערן מיין בונד מיט זיי, דען איך בין גאָט זייער גאָט". **וואָס האָט מרדכי געטאָן? ער האָט צונויפגעקליבן די קינדער און האָט זיי געפּייניקט פון ברויט און וואַסער, און האָט זיי אָנגעטאָן זאַק, און האָט זיי געזעצט אין אַש; און זיי האָבן געשריען און געוויינט, און געלערנט תורה.**

און אין יענער צייט איז אסתר געווען זייער צעשראָקן פון וועגן דעם בייז וואָס איז זיך צעוואַקסן אויף יידן. האָט זי אויסגעטאָן אירע בגדי מלכות און איר צירונג און זי האָט אָנגעטאָן אַ זאַק און צעלאָזט די האָר פון איר קאָפּ און זיי אָנגעפילט מיט ערד און אַש, און זי האָט געפּייניקט איר זעל מיט פאַסטן, און איז געפאַלן אויפן פּנים פאַר גאָט און האָט מתפלל געווען און געזאָגט: „גאָט, דער גאָט פון ישראל, וואָס דו געוועלטיקסט פון אַמאָליקע טעג אָן און דו האָסט באַשאַפן די וועלט, — העלף, איך בעט, דיין דינסט, וואָס איך בין געבליבן אַ יתומה, אָן טאַטע־מאַמע, און בין געגליכן צו אַן אָרים קינד, וואָס בעטלט פון הויז צו הויז. אַזוי בעט איך ביי דיר רחמנות פון איין פענצטער צום צווייטן אין אחשורושס הויז. און איצט, גאָט, באַגליק, איך בעט, דידאָזיקע אָרימע דינסט דיינע, און ראַטעווע די שאָף פון דיין פיטערונג פון דידאָזיקע פיינט וואָס זיינען אויפגעשטאַנען

---

ז. [1] צוגעגעבן לויט פרקי ר' אליעזר נ. דאָרט איז דער נוסח: אתה ראש לסנהדרין, ואתה אומר דבר זה? ואם אין ישראל, למי הפסח? (דו ביסט דער ראש פון סנהדרין און דו זאָגסט אַזאַ זאַך? אויב ניט ישראל, פאַר וועמען איז דער פסח?) ענלעך צו דעם איז אויך דער נוסח אין ילקוט. [2] אין בבל. [3] מבטל געמאַכט, אָפּגעשאַפן (געטייטשט ויעבר ווי מיט אַ צירה אונטער דער בית).

מרדכי והודה לדבריה; הה״ד: ויעבר מרדכי ויעש ככל אשר צותה עליו אסתר. תמן אמרין, שהעביר יום טוב של פסח בתעניתו על אותה צרה.

ויתפלל מרדכי אל ה׳ ויאמר: „גלוי וידוע לפני כסא כבודך, אדון העולמים, כי לא מגבהות לב ומרום עין עשיתי, אשר לא השתחויתי להמן. כי אם מיראתך פעלתי זאת, לבלתי השתחוות לו. כי יראתי מפניך, לבלתי תת כבודך לבשר ודם, ולא רציתי להשתחוות לזולתך. כי מי אני, אשר לא אשתחוה להמן על תשועת עמך ישראל? כי לוחך הייתי מנעל רגליו. ועתה אלהינו, הצילנו נא מידו, ויפל בשחת אשר כרה וילכד ברשת אשר טמן לרגלי חסידך. וידע המרגיז הזה, כי לא שכחת ההבטחה שהבטחתנו (ויקרא כ״ו): ואף גם זאת, בהיותם בארץ אויביהם, לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם, כי אני ה׳ אלהיהם״. מה עשה מרדכי? קבץ את התינוקות וענה אותם מלחם ומים, והלבישן שק והושיבם באפר; והיו צועקים ובוכין ועוסקין בתורה.

ובעת ההיא היתה אסתר נפחדת מאד מפני הרעה אשר צמחה בישראל. ותפשוט בגדי מלכותה ואת תפארתה ותלבש שק, ותפרע שער ראשה ותמלא אותו עפר ואפר, ותענה נפשה בצום, ותפול על פניה לפני ה׳ ותתפלל ותאמר: „ה׳ אלהי ישראל, אשר משלת מימי קדם ובראת את העולם, — עזור נא אמתך אשר נשארתי יתומה בלי אב ואם, ומשולה לענייה שואלת מבית לבית, כן אנכי שואלת רחמים מחלון לחלון בבית אחשורוש. ועתה, ה׳, הצליחה נא לאמתך העניה הזאת והצילה את צאן מרעיתך מן האויבים האלו אשר קמו עלינו, כי אין לך מעצור להושיע ברב או במעט. ואתה אבי יתומים, עמוד נא לימין היתומה הזאת אשר בחסדך בטחה, ותנה אותי לרחמים לפני האיש הזה, כי יראתיו, והשפילהו לפני, כי אתה משפיל גאים״.

---

אויף אונדז, דען פֿאַר דיר איז ניטאָ קיין אָפּהאַלט צו העלפֿן, מיט פּיל, צי מיט ווייניק. און דו, דער פֿאָטער פֿון יתומים, שטיי, איך בעט, צו דער רעכטער האַנט פֿון דערדאָזיקער יתומה וואָס פֿאַרלאָזט זיך אויף דיין חסד, און גיב מיר רחמים ביי דעמדאָזיקן מענטשן, דען איך שרעק מיך פֿאַר אים, און דערנידעריק אים פֿאַר מיר, דען דו דערנידעריקסט די שטאָלצע״.

# פרשה ט

א

(ה, א) ויהי — און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, האָט אסתר אָנגעטאָן אירע שיינע קליידער און איר פּרעכטיקע צירונג, און זי האָט גענומען מיט זיך אירע צוויי מיידלעך און אַרויסגעלייגט איר רעכטע האַנט אויף איינער פון די מיידלעך און זיך אָנגעלענט אויף איר לויט דעם שטייגער פון מלכות; און דאָס צווייטע מיידל גייט נאָך נאָך איר האַרינטע און האַלט אונטער איר צירונג, אַז דאָס גאָלד וואָס אויף איר זאָל ניט אָנרירן די ערד. און זי האָט אָנגעשטעלט אַ פריילעך פּנים און באַהאַלטן די זאָרג וואָס אין האַרצן, און זי איז געקומען אינעם אינעווייניקסטן הויף אַקעגן דעם מלך, און זי האָט זיך געשטעלט פאַר אים. און דער מלך זיצט אויף זיין קיניגלעכער טראָנשטול אין אַ קלייד פון גאָלד און טייערע שטיינער. און אַז ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט דערזען אסתרן שטייענדיק אַקעגן זיין פּנים, אַזוי האָט שטאַרק געברענט זיין צאָרן אין אים, פאַרוואָס זי האָט פאַרשטערט זיין געבאָט און איז געקומען פאַר אים אומגערופן. און אסתר האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און זי האָט געזען דעם מלכס פּנים, ערשט זיינע אויגן ברענען ווי פייער פון גרויס צאָרן וואָס אין זיין האַרצן. און די מלכה האָט דערקענט דעם כעס פונעם מלך, און זי איז זייער צעשראָקן געוואָרן, און איר געמיט איז פאַרשלאָפט געוואָרן, און זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ אויפן מיידל וואָס לענט אונטער איר רעכטע האַנט. און אונדזער גאָט האָט געזען און ער האָט זיך דערבאַרימט אויף זיין פאָלק, און ער האָט זיך געקערט צום צער פון דער יתומה וואָס האָט זיך פאַרלאָזן אויף אים, און ער האָט איר געגעבן חן פאַרן מלך, און ער האָט צוגעגעבן שיינקייט צו איר שיינקייט און פּראַכט צו איר פּראַכט. אַזוי איז דער מלך אויפגעשטאַנען אין אייליניש פון זיין שטול און ער איז געלאָפן צו אסתרן און האָט זי אַרומגענומען און זי געקושט, און אַריבערגעוואָרפן זיין אָרעם ארום איר האַלדז. און דער מלך האָט געזאָגט צו איר: „אסתר המלכה! וואָרום שרעקסטו זיך? דען דאָס געזעץ וואָס מיר האָבן פאַראָרדנט ליגט ניט אויף דיר, וואָרום דו ביסט מיין באַליבטע און מיין חברטע". און ער האָט געזאָגט צו איר: „פאַרוואָס ווען איך האָב דיך דערזען, האָסטו ניט גערעדט צו מיר?" האָט אסתר געזאָגט: „מיין האַר, דער מלך! ווען איך האָב דיך דערזען, איז מיין זעל דערשראָקן געוואָרן פון וועגן דיין הערלעכקייט".

# פרשה ט

א

(ה, א) ויהי ביום השלישי, ותלבש אסתר **בגדי יפיה ואת עדי תפארתה, ותקח עמה את שתי נערותיה, ותשם יד ימינה על הנערה האחת, ותסמך עליה כחוק המלכות; והנערה השנית הולכת אחרי גבירתה וסומכת עדיה, לבלתי נגוע ארצה הזהב אשר עליה. ותצהיל פניה ותכס הדאגה אשר בלבה, ותבא בחצר הפנימית נכח המלך ותעמד לפניו. והמלך יושב על כסא מלכותו בלבוש זהב ואבן יקרה. וישא עיניו וירא אסתר עומדת למול פניו, ותבער בו חמתו מאד על אשר הפרה תורתו ותבא לפניו בלא קריאה. ותשא אסתר את עיניה ותרא את פני המלך, והנה עיניו כאש, בוערות מרוב החמה אשר בלבו. ותכר המלכה את קצף המלך ותתבהל מאד, ותפג רוחה ותשם ראשה על הנערה הסומכת ימינה. וירא אלהינו ויחמול על עמו, ויפן לצער היתומה אשר בטחה בו, ויתן לה חן לפני המלך, ויוסף יופי על יפיה והדר על הדרה. ויקם המלך בבהלה מכסאו וירץ אל אסתר, ויחבקה וינשקה, וישלך זרועו על צוארה. ויאמר לה המלך: „אסתר המלכה! למה תפחדי? כי הדת הזאת אשר סדרנו איננה מוטלת עליך, באשר את רעיתי וחברתי". ויאמר לה: „מדוע כאשר ראיתיך לא תדברי אלי?" ותאמר אסתר: „אדוני המלך! כאשר ראיתיך נבהלה נפשי מפני כבודך".**

ב

(ה, ג־י) ויאמר לה המלך: מה לך, אסתר המלכה, ומה בקשתך? וגו׳. ותאמר אסתר: אם על המלך טוב, יבא המלך

---

ב

(ה, ג־י) ויאמר לה המלך — און דער קיניג האָט געזאָגט צו איר: וואָס איז דיר, אסתר המלכה, און וואָס איז דיין בקשה? — — — און אסתר האָט געזאָגט: אויב דעם קיניג איז וואוילגעפעלן, זאָל דער קיניג און המן

קומען היינט צו דער סעודה — — —. און דער קיניג האָט געזאָגט: איילט המנען — — —. און דער קיניג איז געקומען מיט המנען צו דער סעודה, וואָס אסתר האָט געמאַכט — — —. און המן איז אַרויסגעגאַנגען יענעם טאָג פריילעך און מיט אַן אויפגעהייטערט האַרץ. אָבער אַז המן האָט דערזען מרדכין, ווי ער זיצט [1] אינעם טויער פונעם מלך, און ער שטעלט זיך ניט אויף און ער רירט זיך ניט פאַר אים, אַזוי איז המן פול געוואָרן מיט צאָרן אויף מרדכין. אָבער המן האָט זיך איינגעהאַלטן — — —, און ער האָט געבראַכט זיינע גוטע פריינט און זרשן זיין ווייב. און פון זיי אַלעמען האָט קיינער ניט געקענט אַזוי אַן עצה געבן ווי זרש זיין ווייב, און געהאַט האָט ער דריי הונדערט און פינף און זעכציק עצה געבערס, ווי די צאָל טעג פונעם זון־יאָר.

האָט אים זיין ווייב געזאָגט: „דערדאָזיקער מענטש וואָס דו פרעגסט וועגן אים, אויב ער שטאַמט אָפּ פון יידן, וועסטו אים ניט בייקומען, אויב דו וועסט ניט קומען אויף אים מיט חכמה, — מיט עפּעס וואָס קיינער פון זיין אומה איז נאָך ניט געפּרואווט געוואָרן. וואָרום אויב דו וועסט אים וואַרפן אין קאַלכאויוון, איז שוין געראַטעוועט געוואָרן חנניה מיט זיינע חברים [2]; און אויב אין אַ לייבנגרוב, איז שוין דניאל אַרויס פון דעם [3]; און אויב דו וועסט אים פאַרשפּאַרן אין געפענקעניש, איז שוין יוסף אַרויס פון דאָרט [4]; און אויב אַ קופּערנעם מוילאייזל וועסטו היצן אונטער אים, האָט זיך שוין מנשה געבעטן, און גאָט האָט זיך געלאָזט איבערבעטן, און ער איז אַרויס פון דעם [5]; און אויב אין מדבר וועסטו אים פאַרטרייבן, האָבן שוין זיינע עלטערן זיך געפרוכפּערט און געמערט אין מדבר, און מיט וויפיל נסיונות זיינען זיי געפּרואווט געוואָרן, און זיי זיינען אַלע ביישטשטאַנען און ניצל געוואָרן; און אויב זיינע אויגן וועסטו בלענדן, — אָט איז שמשון, וואָס האָט געהרגעט אַזויפיל און אַזויפיל נפשות פון די פלשתים בלינדערהייט. נייערט הענג אים אויף אַ תליה, דען מיר געפינען ניט, אַז עמיצער פון זיין פאָלק זאָל געראַטעוועט ווערן פון דעם". גלייך — (ה, יד) וייטב הדבר — איז די זאַך וואוילגעפעלן פאַר המנען, און ער האָט געמאַכט דעם בוים.

פון וואָס פאַר אַ מין ביימער איז יענער בוים געווען? די חכמים האָבן געזאָגט: ווען ער האָט זיך גענומען אים צוגרייטן, האָט הקדוש ברוך הוא גערופן צו אַלע ביימער פון דעם וועלט־באַשאַף: „ווער וועט זיך איבערגעבן, אַז דערדאָזיקער רשע זאָל הענגען אויף אים?" האָט דער פייגנבוים געזאָגט: זאָל איך זיך איבערגעבן? פון מיר ברענגט דאָך ישראל

---

ב. [1] אין פסוק איז דאָס וואָרט יושב, ער זיצט, ניטאָ. מעגלעך אַז דאָס וואָרט איז דאָ אַריין בטעות פונעם טעקסט אין ב, כא. [2] דניאל ג. [3] דאָרט ו. [4] בראשית מא, יד.
[5] ווען דער זינדיקער מלך מנשה איז אַריינגעפאַלן אין אַשורישער געפאַנגענשאַפט (דברי הימים ב, לג, יא), האָט מען אים געזעצט אויף אַן אָנגעהייצטן קופּערנעם מוילאייזל; אָבער מנשה האָט תשובה געטאָן, און ער איז געראַטעוועט געוואָרן (רות רבה ה, ו).

והמן היום אל המשתה, וגו׳. ויאמר המלך: מהרו את המן, וגו׳. ויבא המלך והמן אל המשתה אשר עשתה אסתר, וגו׳. ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב. וכראות המן את מרדכי יושב בשער המלך, ולא קם ולא זע ממנו, וימלא המן על מרדכי חמה. ויתאפק המן, וגו׳. ויבא את אוהביו ואת זרש אשתו, וגו׳. ובכולם לא היו יודעים לתת עצה כזרש אשתו, שהיו לו שלש מאות וששים וחמשה בעלי עצה, כמנין ימות החמה.

אמרה לו אשתו: „אדם זה שאתה שואל עליו, אם מזרע היהודים הוא לא תוכל לו, אם לא תבא עליו בחכמה, במה שלא נוסה אחד מבני אומתו. שאם תפילו לכבשן האש, כבר הוצלו חנניה וחביריו; ואם לגוב אריות, כבר עלה דניאל מתוכו; ואם תאסרהו בבית האסורים, כבר יצא יוסף מתוכו; ואם במולי תסיק תחתיו, כבר התחנן מנשה, ונעתר לו הקב״ה, ונפק מיניה; ואם במדברא תגלוניה, פרו ורבו אבותיו במדבר, וכמה נסיונות נתנסו ובכולן עמד וניצלו; ואם עיניו תעור, הרי שמשון, דקטל כמה וכמה נפשתא מפלשתאי כד עויר. אלא צלוב יתיה על צליבא, דלא אשכחינן חד מן עמוי דאשתזיב מיניה״. מיד וייטב הדבר לפני המן ויעש העץ.

מאיזה עצים היה אותו העץ? אמרו חכמים: בשעה שבא להכינו, קרא הקב״ה לכל עצי בראשית: „מי יתן עצמו ויתלה רשע זה עליו?״ תאנה אמרה: „אני אתן את עצמי? שממני מביאין ישראל בכורים; ולא עוד, אלא שנמשלו ישראל כבכורה; הלא הוא דכתיב (הושע ט׳): כבכורה בתאנה בראשיתה״. גפן אמרה: „אני אתן את עצמי? שבי נמשלו ישראל; הה״ד (תהלים פ): גפן ממצרים תסיע״. רמון אמר: „אני אתן את עצמי? שבי נמשלו ישראל, שנאמר (שיה״ש ד׳): כפלח הרמון רקתך״. אגוז

---

ביכורים [*5]; און ניט נאָר דאָס, נייערט ישראל איז געגליכן צו אַן ערשט־צייטיקער פרוכט; אַזוי שטייט דאָך געשריבן (הושע ט, י): כביכורה — ווי אַן ערשטצייטיקע פרוכט אויפן פייגנבוים אין איר אָנהייב״. דער ווייג־שטאָק האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעבן? צו מיר איז דאָך ישראל געגליכן געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים פ, ט): גפן — אַ וויינשטאָק האָסטו פון מצרים אַרויסגעצויגן״. דער מילגרוימבוים האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעבן? צו מיר איז דאָך ישראל געגליכן געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (שיר השירים ד, ג): כפלח — ווי אַן אָפּשניט

פון אַ מילגרוים איז דיין שלייף״. **דער נוסבוים האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעבן? צו מיר איז דאָך ישראל געגליכן געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט ו, יא): אל גנת אגוז — צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט״. **דער אתרוגבוים האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעבן? פון מיר נעמט דאָך ישראל [אתרוגים] אויף דער מצוה; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ויקרא כג׳ מ): ולקחתם לכם — און איר זאָלט אייך נעמען אינעם ערשטן טאָג אַ פרוכט פון אַ שיינעם בוים״. **דער מירטנבוים האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעבן? צו מיר איז דאָך ישראל געגליכן געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט** (זכריה א, ח): והוא — און ער שטייט צווישן די מירטן וואָס אין דער טיפעניש״. **דער איילבירטבוים האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעגעבן? צו מיר איז דאָך ישראל געגליכן געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיהו יא, טז): זית רענן — אַ פולזאַפטיקער אײלבירטבוים, שיין מיט פיינע פרוכט האָט גאָט גערופן דיין נאָמען״. **דער עפּלבוים האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעבן? צו מיר איז דאָך ישראל געגליכן געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט** (שיר השירים ב, ג): כתפוח — ווי אַן עפּלבוים צווישן די וואַלדביימער, אַזוי איז מיין געליבטער צווישן די זין [6]; **און נאָך שטייט געשריבן** (דאָרט ז, ט): וריח אפך — און דער ריח פון דיין פּנים ווי עפּל״. **דער טייטלבוים האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעבן? צו מיר איז דאָך ישראל געגליכן געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט, פסוק ח): זאת קומתך — אָט דער וואוקס דיינער איז געגליכן צו א טייטל־בוים״. **די אַקאַציעביימער און ציפּרעסביימער האָבן געזאָגט: „זאָלן מיר זיך איבערגעבן? פון אונדז איז דאָך דער משכן געמאַכט געוואָרן און דער בית המקדש געבויט געוואָרן״. דער צעדערבוים און דער טייטלבוים האָבן געזאָגט: „זאָלן מיר זיך איבערגעבן? מיר זיינען דאָך געגליכן צום צדיק, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים צב, יג): צדיק כתמר — דער צדיק — ווי אַ טייטלבוים וועט ער בליען, ווי אַ צעדערבוים אין לבנון וועט ער זיך צעוואַקסן״. **די ווערבע האָט געזאָגט: „זאָל איך זיך איבערגעבן? צו מיר איז דאָך ישראל געגליכן געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט:** (ישעיה מד, ד): כערבים — ווי ווערבעס ביי באַכן וואַסער, און פון מיר נעמט מען אויף דער מצווה, אויף די פיר מינים פונעם לולב״ [7].

דעמאָלט האָט דער דאָרנבוים געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! איך, וואָס איך האָב ניט [קיין זכות] זיך אָנצוהענגען, וועל זיך איבערגעבן, און זאָל געהאַנגען ווערן דערדאָזיקער טמא; דען איך ווער גערופן מיטן נאָמען דאָרן, און ער איז אַ שמאַרציקער דאָרן [8], פּאַסט עס, אַז אַ דאָרן זאָל געהאַנגען ווערן אויף אַ דאָרן״. איז פון דעם האָבן זיי געפונען און עס געמאַכט. און אַז מע האָט עס געבראַכט פאַר אים [9] האָט ער עס צוגעגרייט ביי דער טיר פון זיין הויז און האָט זיך צוגעמאָסטן צו דעם, כדי צו ווייזן זיינע קנעכט, ווי מרדכי וועט געהאַנגען ווערן אויף דעם.

אמר: „אני אתן את עצמי? שבי נדמו ישראל; ההיד (שם ו'): אל גנת אגוז ירדתי". אתרוג אמר: אני אתן את עצמי? שממני נוטלין ישראל למצוה; ההיד (ויקרא כ"ג): ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר, וגו'. הדס אומר: „אני אתן את עצמי? שנמשלו בי ישראל, שנאמר (זכריה א'): והוא עומד בין ההדסים אשר במצולה". זית אמר: „אני אתן את עצמי? שבי נמשלו ישראל, שנאמר (ירמיה יא): זית רענן, יפה פרי תאר קרא ה' שמך". תפוח אמר: „אני אתן את עצמי? שבי נמשלו ישראל, שנאמר (שיה"ש ב'): כתפוח בעצי היער, כן דודי בין הבנים, וכתיב (שם ז'): וריח אפך כתפוחים. דקל אמר: „אני אתן את עצמי? שבי נמשלו ישראל; ההיד (שם): זאת קומתך דמתה לתמר". עצי שטים ועצי ברושים אמרו: „אנו ניתן עצמנו? שממנו נעשה המשכן ונבנה בית המקדש". ארז ותמר אמרו: „אנו ניתן עצמנו? שאנו נמשלים לצדיק, שנאמר (תהלים צ"ב): צדיק כתמר יפרח, כארז בלבנון ישגא". ערבה אמרה: „אני אתן את עצמי? שבי נמשלו ישראל, שנאמר (ישעיה מ"ד): כערבה על יבלי מים, וממני נוטלין למצוה, לארבעת המינין שבלולב".

באותה שעה אמר הקוץ לפני הקב"ה: „רבונו של עולם! אני, שאין לי על מה לתלות, אתן את עצמי, ויתלה טמא זה; שאני נקרא שמי קוץ, והוא קוץ מכאיב, ונאה שיתלה קוץ על קוץ". וממנו מצאו ועשאו. וכיון שהביאוהו לפניו, הכינו על פתח ביתו ומדד עצמו עליו להראות את עבדיו, היאך יתלה מרדכי עליו. השיבתו בת-קול: „נאה לך העץ, מתוקן לך העץ משׁשת ימי בראשית!"

---

אַזוי האָט אים אָפּגעענטפערט אַ בת-קול: „דער בוים פּאַסט דיר; דער בוים איז אָנגעגרייט פאַר דיר פון ששת ימי בראשית אָן".

---

[5]* די ערשטצייטיקע פרוכט, וואָס יידן פלעגן ברענגען שבועות אין בית המקדש. [6] דאָס איז לויט יענע דרשות אין שיר השירים רבה (אויף ב, ג), לויט וועלכע תפוח, עפּלבוים, ווערט געדרשנט אויף ישראל, און ניט אויפן כביכול. [7] לויט אונדזער איבערזעצונג האָבן די אַלע ביימער זיך אָפּגעזאָגט פון צו זיין אַ תליה פאַר המנען, יעדער איינער געפינענדיק אַ זכות פאַר זיך. אַזוי איז דער נוסח אין תרגום שני (ז, י), און אַזוי טייטשט עס אויך דער עץ יוסף. לויטן ילקוט (אסתר תתרנט) קוקט עס אויס פאַרקערט: אין זכות פון זיין מצווה זוכט יעדער בוים אויך די מצוה פון הענגען המנען אויף זיך, און אַזוי טייטשט דער יפה ענף, און אַזוי זעצט אויך איבער מ. סימאָן (ענגלישע אויסגאַבע, סאנצינא). אָבער די ווייטערדיקע ווערטער פונעם דאָרנבוים („איך, וואָס איך האָב ניט אויף וואָס זיך אָנצוהענגען, וועל זיך איבערגעבן"), פּאַסן זיך גיכער צו אונדזער נוסח, ווייל זיינע ווערטער קלינגען ווי אַ קאָנטראַסט צו די ווערטער פון די אַנדערע ביימער. [8] זע יחזקאל כח, כד, וואו די שונאי ישראל ווערן געגליכן צו אַ שמאַרציקן דאָרן. [9] פאַר המנען.

**די רבנן פון דאָרטן**[10] **זאָגן: וואו געפינען מיר [אַ רמז אויף] המנען אין דער תורה? דער פסוק זאָגט** (בראשית ג, יא): המן העץ — צי דען פון דעם בוים — — — **דרשן עס:** המן [אויף] דעם בוים.

**אַן אַנדער פשט [אויפן פסוק]** ויהי — און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג: **קיינמאָל איז ישראל ניט געווען אין אַ צרה מער ווי דריי טעג, וואָרום אַט שטייט ביי אברהמען געשריבן** (בראשית כב, ד): ביום השלישי — אויפן דריטן טאָג האָט אברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן און ער האָט דערזען דאָס אָרט פון ווייטן[11]; **ביי די שבטים** (דאָרט מב, יז): — ויאסף אותם — און ער האָט זיי אַריינגענומען אין וואַך אויף דריי טעג; **ביי יונהן, ווי דער פסוק זאָגט** (יונה ב, א): ויהי יונה — און יונה איז געווען אין די געדערים פונעם פיש דריי טעג און דריי נעכט; **און די טויטע וועלן ניט אַנדערש אויפלעבן, נייערט אויפן דריטן טאָג, ווי דער פסוק זאָגט** (הושע ו, ב): ביום השלישי — אויפן דריטן טאָג וועט ער אונדז אויפשטעלן און מיר וועלן לעבן פאַר אים[12]. **און אויך דערדאָזיקער נס איז געשען צום סוף פון דריי טעג פון זייער פאַסטן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** ויהי — און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, האָט אסתר אָנגעטאָן בגדי מלכות, **און זי האָט געשיקט און גערופן המנען צו דער סעודה מיטן מלך דעם פופצענטן ניסן. און ווי זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, אַזוי האָט זיך המן געזאָגט: „דער מלך גרייסט מיך און זיין ווייב גיט מיר אָפּ כבוד, און ס'איז ניטאָ אין דער גאַנצער מלוכה קיין גרעסערער פון מיר". און ער האָט זיך זייער געפרייט אין הארצן; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן:** ויצא המן — און המן איז יענעם טאָג אַרויסגעגאַנגען פריילעך און מיט אַן אויפגעהייטערט האַרץ.

ג

(ה, יב) ויאמר המן: אף לא — און המן האָט געזאָגט: אויך האָט אסתר המלכה ניט געלאָזט ברענגען [קיינעם מיטן מלך צו דער סעודה וואָס זי האָט געמאַכט, נייערט בלויז מיך]. **פיר זיינען זיי, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט אַף, און געענדיקט מיט אַף**[1], **און דאָ זיינען זיי: די שלאַנג, דער האַר פון די בעקערס, דאָס קורח געזינדל און המן. די שלאַנג, ווי אין פסוק שטייט** (בראשית ג, א): אף כי — צי האָט אויך גאָט געזאָגט, [איר זאָלט ניט עסן פון קיין בוים פון דעם גאָרטן?]; **דער האַר פון די בעקערס, ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט מ, טז): אף אני — אויך מיר האָט זיך געחלומט; **דאָס קורח געזינדל, ווי אין פסוק שטייט** (במדבר טז, יד): אף לא — אויך ניט אין אַ לאַנד [וואָס פליסט מיט מילך און האָניק האָסטו אונדז געבראַכט]; **המן, ווי אין פסוק שטייט:** אף לא הביאה — אויך האָט אסתר המלכה ניט געלאָזט ברענגען — — —.

ד

**נאָכדעם ווי ער האָט צוגעגרייט דעם בוים, איז ער אַוועק צו מרדכין און האָט אים געפונען, ווי ער זיצט אין בית המדרש און די קינדער זיצן**

**רבנן דתמן אמרין: מנין להמן מן התורה? שנאמר**(בראשית ג׳): המן העץ, — **דריש ליה המן העץ.**

**דבר אחר**: ויהי ביום השלישי, — **לעולם אין ישראל נתונין בצרה יותר משלשה ימים, שהרי באברהם כתיב** (בראשית כ״ב): ביום השלישי וישא אברהם את עיניו וירא את המקום מרחוק; **השבטים** (שם מ״ב): ויאסף אותם אל משמר שלשת ימים; **יונה, שנאמר** (יונה ב׳): ויהי יונה במעי הדג שלשה ימים ושלשה לילות; **והמתים אינן חיים אלא לשלשת ימים, שנאמר** (הושע ו׳): ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו. **וגם הנס הזה נעשה בסוף שלשה ימים לתעניתם; הדא הוא דכתיב**: ויהי ביום השלישי, ותלבש אסתר מלכות, **ושלחה וקראה להמן בסעודה עם המלך בחמשה עשר בניסן. וכיון שאכלו ושתו, אמר המן: „המלך מגדל אותי ואשתו מכבדת אותי, ואין בכל המלכות גדול ממני״. ושמח בלבו מאד; הדא הוא דכתיב**: ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב.

ג

(ה, יב) ויאמר המן: אף לא הביאה אסתר המלכה, וגו׳. **ארבעה הם שפתחו באף ואבדו באף, ואלו הן: נחש, ושר האופים, ועדת קרח, והמן. נחש, דכתיב** (בראשית ג׳): אף כי אמר אלהים; **שר האופים, דכתיב** (שם מ׳): אף אני בחלומי; **עדת קרח, דכתיב** (במדבר ט״ז): אף לא אל ארץ — — —. **המן דכתיב:** אף לא הביאה אסתר המלכה.

ד

**לאחר שעשה את העץ, הלך אצל מרדכי ומצאו, שהיה יושב בבית המדרש והתינוקות יושבים לפניו ושקים במתניהם**

---

[10] **פון בבל** (זע אַריינפיר ב, **און דאָרט באַמערקונגען 16—18**). [11] **לויט** בראשית רבה נו, ב, **האָט זיך דאָן אין אברהמס וואָרט צו זיינע יונגען** ונשובה — **און מיר וועלן זיך אומקערן אַרויסגעכאַפּט אַ נבואה, אַז אויך יצחק וועט זיך אומקערן פון דער עקידה, מיינט עס, אַז נאָר דריי טעג איז איבער אים געהאַנגען די געפאַר פון פאַרלירן זיין זון.** [12] **דער פסוק הייבט זיך אָן מיט די ווערטער** יחינו מיומים — **ער וועט אונדז אויפלעבן אויף** צוויי טעג — **די ערשטע צוויי טעג נאָכן אויפלעבן וועלן די מענטשן זיין אין ספק, צי זיינען זיי אָנגעברייט אויף אייביק לעבן, ווי די צדיקים, צי אויף אייביקער חרפה, ווי די** רשעים (זע דניאל יב, ב); **אָבער אויפן דריטן טאָג וועלן זיי וויסן, אַז זיי וועלן לעבן פאַר** אים (יפה ענף).

ג. [1] אף **האָט צוויי** טייטשן, אויך **און צאָרן: אין דעם וואָרט** אף, אויך, **מיט וועלכן זיי האָבן אָנגעהייבן, איז שוין געלעגן אַ פאַרבאָרגענע, פאַר זיי אַליין אומבאַוואוסטע, נבואה, אַז זיי וועלן פאַרענדיק מיט צאָרן, מיט אַ בייזן סוף.**

פאַר אים מיט זעק אויף זייערע לענדן און לערנען תורה, און שרייען און וויינען. האָט ער זיי אָפּגעציילט און דאָרט געפונען צוויי און צוואַנציק טויזנט קינדער. האָט ער אַרויפגעטאָן אויף זיי אייזערנע קייטן און געשטעלט איבער זיי שומרים און געזאָגט: „מאָרגן וועל איך צוערשט הרגענען די דאָזיקע קינדער און נאָכדעם וועל איך הרגענען מרדכין". האָבן זייערע מאַמעס זיי געבראַכט ברויט מיט וואַסער און געזאָגט צו זיי: „קינדער אונדזערע, עסט און טרינקט, איידער איר וועט שטאַרבן מאָרגן, און שטאַרבט ניט פון הונגער". אַזוי באַלד האָבן זיי אַוועקגעלייגט זייערע הענט אויף זייערע ספרים און געשוואָרן: „ביים לעבן פון אונדזער רבין מרדכי! מיר וועלן ניט עסן און ניט טרינקען, נייערט אין אונדזער פאַסטן וועלן מיר שטאַרבן". זיינען זיי זיך אַלע פאַרגאַנגען אין געוויין, ביז זייער געשריי איז אַרויף צום הימל, און הקדוש ברוך הוא האָט דערהערט דאָס קול פון זייער געוויין אַרום צוויי שעה אין דער נאַכט. אַזוי האָט זיך אין יענער שעה דערוועקט דאָס רחמנות פון הקדוש ברוך הוא, און ער איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול פון דין און האָט זיך געזעצט אויף דער שטול פון רחמים און האָט געזאָגט: „וואָס איז עס פאַר אַ הויך קול וואָס איך הער, ווי פון ציגעלעך און שעפּעלעך?" האָט זיך אויפגעשטעלט משה רבנו פאַר הקדוש ברוך הוא און געזאָגט: „רבונו של עולם! דאָס זיינען ניט קיין ציגעלעך און ניט קיין שעפּעלעך, נייערט דאָס קליינוואַרג פון דיין פאָלק, וואָס זיצן אין תענית היינט שוין דריי טעג און דריי נעכט, און אויף מאָרגן וויל דער שונא זיי שעכטן ווי ציגעלעך און שעפּעלעך". דעמאָלט האָט גאָט גענומען יענע בריוו [מיט דער גזירה] וואָס ער האָט גוזר געווען אויף זיי, וואָס זיינען געווען פאַרזיגלט מיטן זיגל פון ליים, און האָט זיי צעריסן, און האָט אָנגעוואָרפן אַ בהלה אויף אחשורושן אין יענער נאַכט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ו, א): בלילה ההוא — אין יענער נאַכט [האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פונעם מלך].

ועוסקים בתורה, והיו צועקים ובוכים. ומנה אותם ומצא שם שנים ועשרים אלף תינוקות. השליך עליהם שלשלאות של ברזל והפקיד עליהם שומרים ואמר: „למחר אהרוג אלו תינוקות תחלה ואחר כך אתלה את מרדכי". והיו אמותיהם מביאות להם לחם ומים ואומרות להם: „בנינו, אכלו ושתו קודם שתמותו למחר, ואל תמותו ברעב". מיד היו מניחין ידיהם על ספריהם ונשבעים: „בחיי מרדכי רבינו! לא נאכל ולא נשתה, אלא מתוך תעניתנו נמות". געו כולם בבכיה, עד שעלתה שועתם למרום, ושמע הקב"ה קול בכייתם כבשתי שעות בלילה. באותה שעה נתגלגלו רחמיו של הקב"ה, ועמד מכסא דין וישב בכסא רחמים ואמר: „מה קול גדול הזה שאני שומע כגדיים וטלאים?" עמד משה רבינו לפני הקב"ה ואמר: „רבש"ע! לא גדיים ולא טלאים הם, אלא קטני עמך, שהם שרויים בתענית היום שלשה ימים ושלשה לילות, ולמחר רוצה האויב לשחטם כגדיים וטלאים". באותה שעה נטל הקב"ה אותן אגרות שגזר עליהן, שהיו חתומות בחותם של טיט, וקרעם והפיל על אחשורוש בהלה באותו לילה; הה"ד: בלילה ההוא, וגו'.

# פרשה י

## א

(ו, א) בלילה ההוא — אין יענער נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פונעם מלך: עס האָבן זיך געטרייסלט[1] די הימלען, די שטול פון דעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, ווען ער האָט געזען ישראל אין אַ צרה. [ר' תנחום האָט געזאָגט: עס איז אַוועק דער שלאָף פונעם מלך פון דער וועלט.][2] אָבער איז דען פאַראַן שלאָף ביים אייבערשטן? שטייט דען ניט געשריבן (תהלים קכא, ד): הנה לא ינום — זע, עס דרימלט ניט און שלאָפט ניט דער היטער פון ישראל? נייערט אין דער צייט ווען יידן געפינען זיך אין אַ צרה און די אומות העולם זיינען אין שלוה, אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן (דאָרט מד, כד): עורה — וואַך אויף, פאַרוואָס שלאָפסטו, גאָט? און עס איז אַוועק דער שלאָף פונעם מלך אחשורוש, דען ער האָט געזען אין זיין חלום המנען, ווי ער האָט גענומען אַ שווערד אים צו הרגענען; האָט ער זיך דערשראָקן און זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געזאָגט צו זיינע שרייבערס: „ברענגט מיר דעם ספר הזכרונות", כדי צו לייענען און זען, וואָס מיט אים איז זיך פאַרלאָפן. האָבן זיי געעפנט די ספרים און געפונען דאָס וואָס מרדכי האָט דערציילט אויף בגתנא און תרש. און אַז מע האָט געזאָגט דעם מלך (ו, ה): הנה — אָט שטייט המן אין הויף", אַזוי האָט דער מלך געזאָגט: „ס'איז אמת די זאַך וואָס איך האָב געזען אין מיין חלום; דערדאָזיקער קומט אין אָט דער שעה ניט אַנדערש, נייערט מיך צו הרגענען".

## ב

(ו, ד) לתלות — אויפצוהענגען מרדכין אויף דעם בוים וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אים. מיר האָבן געלערנט: פאַר זיך[1] האָט ער אים צוגעגרייט; און אויף אים איז געזאָגט געוואָרן (תהלים ז, יד־טז): ולו — און פאַר זיך האָט ער אָנגעגרייט טויט־כלים, זיינע פיילן, וואָס ער האָט פאַר די נאָכיאָגערס געמאַכט[2] — — —. אַ גרוב האָט ער געגראָבן און זי אויס־געהוילט, און ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם אָפּגרונט וואָס ער האָט געמאַכט.

---

א. [1] נדדה, וואָס ווערט פאַרשטאַנען ווי אַוועקגעוואַנדערט, זיך אָפּגעטאָן (דער שלאָף), ווערט דאָ געדרשנט זיך באַוועגט, זיך געטרייסלט, און המלך ווערט דאָ געדרשנט אויפן מלך מלכי המלכים (זע אויבן ג, י). [2] צוגעגעבן לויט בבלי, מגילה טו, ב, לויטן תרגום און לויטן ילקוט אויף דעמדאָזיקן פסוק. אָן דעם בינדט זיך ניט דאָס ווייטערדיקע מיטן פריערדיקן (זע אויך די יידישע איבערזעצונג פון מוהרי"ם יעבץ, „אורה", ניו יאָרק).

ב. [1] לו, פאַר אים, ווערט דאָ געדרשנט אויף המנען אַליין. [2] די פיילן וואָס דער רשע האָט צוגעגרייט פאַר די וואָס רודפן דעם צדיק (לויטן תרגום אויף דעם פסוק).

# פרשה י

א

(ו, א) בלילה ההוא נדדה שנת המלך: **נדדו שמים, כסאו של מלך מלכי המלכים הקב״ה, שראה את ישראל בצרה. [אמר ר׳ תנחום: נדדה שנת מלכו של עולם.] וכי יש שנה לפני המקום? והלא כבר נאמר** (תהלים קכ״א): הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל! **אלא בזמן שישראל שרויין בצער ואומות העולם בשלוה, לכך נאמר** (שם מ״ד): עורה, למה תישן ה׳? **ונדדה שנת המלך אחשורוש, שראה בחלומו את המן שנטל סייף להרגו, ונבהל והקיץ משנתו ואמר לסופריו: ״הביאו ספר הזכרונות״, לקרות ולראות מה שעבר עליו. ופתחו הספרים ומצאו את הדבר שהגיד מרדכי על בגתנא ותרש. וכיון שאמרו למלך:** הנה המן עומד בחצר, **אמר המלך: ״אמת הדבר שראיתי בחלומי; לא בא זה בשעה זו, אלא להרגני״.**

ב

(ו, ד) לתלות את מרדכי על העץ אשר הכין לו. **תנא:** לו **הכין; ועליו נאמר** (שם ז׳): ולו הכין כלי מות, חציו לדולקים יפעל. — — — בור כרה ויחפרהו, ויפל בשחת יפעל.

ג

(ו, ו) ויבא המן, ויאמר לו המלך, **וגו׳;** ויאמר המן בלבו. **הרשעים ברשות לבם:** (בראשית כ״ז) ויאמר עשו בלבו; (תהלים י״ד) אמר נבל בלבו; (מ״א י״ב) ויאמר ירבעם בלבו; ויאמר המן

---

ג

(ו, ו) ויבוא המן — און המן איז אַריינגעקומען, און דער קיניג האָט געזאָגט צו אים — — — האָט המן זיך געזאָגט אין האַרצן — — —. **די רשעים געפינען זיך אין רשות פון זייער האַרץ**[1]: (בראשית כז, מא): ויאמר עשו — און עשו האָט זיך געזאָגט אין האַרצן; (תהלים יד, א): אמר נבל — דער נידערטרעכטיקער האָט זיך געזאָגט אין האַרצן; (מלכים א, יב, כו): ויאמר ירבעם — און ירבעם האָט זיך געזאָגט אין האַרצן; ויאמר

המן — און המן האָט זיך געזאָגט אין האַרצן. אָבער די צדיקים, זייער האַרץ איז אין זייער רשות; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (שמואל א, א, יג): וחנה — און חנה, זי רעדט צו איר האַרץ; (דניאל א, ח) וישם דניאל — און דניאל האָט זיך אַרויפגענומען אויף זיין האַרץ; (שמואל א, כז, א) ויאמר דוד — און דוד האָט געזאָגט צו זיין האַרץ [2]. און זיי זיינען געגליכן צו זייער באַשעפער: (בראשית ח, כא) ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו זיין האַרץ.

ד

(ו, י״א) מהר קח — נעם שנעל דאָס קלייד און דאָס פערד — — — —

און המן האָט גענומען דאָס קלייד און דאָס פערד, און איז אַוועק צו מרדכין. אַז מע האָט אָנגעזאָגט מרדכין, אַז ער קומט, אַזוי האָט ער זייער מורא געקראָגן. און ער איז געזעסן, און זיינע תלמידים פאַר אים; האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים: „קינדער מיינע, לויפט און שיידט זיך אָפּ פון דאַנען, כדי איר זאָלט זיך ניט אָפּבריען מיט מיין קויל, דען המן הרשע קומט מיך הרגענען״. האָבן זיי געזאָגט: „אויב דו וועסט שטאַרבן, וועלן מיר שטאַרבן מיט דיר״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויב אַזוי, לאָמיר זיך שטעלן תפילה טאָן, און לאָמיר אַוועק פון דער וועלט מיט תפילה״. אַז זיי האָבן געענדיקט זייער תפילה, האָבן זיי זיך געזעצט און געלערנט די דינים פון דער מצווה פון עומר, דען יענער טאָג איז דאָך געווען דער זעכצנטער טאָג אין ניסן, און אין דעם טאָג פלעגט מען מקריב זיין דעם עומר אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען [1]. איז המן געקומען צו זיי און געזאָגט צו זיי: „וועגן וואָס לערנט איר?״ האָבן זיי אים געזאָגט: „וועגן דער מצווה פון עומר״; ווי אין פסוק שטייט (ויקרא ב, יד): ואם תקריב — און אויב דו וועסט מקריב זיין אַ שפּייז־קרבן פון די ערשטצייטיקע צו גאָט [2] — — —. דאָרטן [3] זאָגט מען: די דינים פונקמיצה [4] האָבן זיי אים געוויזן, און איין פּרט פון דעם, — ווי זיי פלעגן אָפּהויפּן פונעם עומר. האָט ער געזאָגט צו זיי: „און דערדאָזיקער עומר — וואָס איז ער געווען, פון גאָלד, צי פון זילבער?״ האָבן זיי אים געזאָגט: „ניט פון גאָלד און ניט פון זילבער, און ניט [אפילו] פון ווייץ, נייערט פון גערשטן״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „און וויפיל איז געווען זיין ווערט, צען צענטנערס?״ האָבן זיי אים געזאָגט: „מע האָט זיך באַנוגנט מיט צען מעה [5]״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „שטייט אויף, דען אייערע צען [מעה] האָבן מנצח געווען מיינע צען טויזנט צענטנערס זילבער״ [6].

---

ג. [1] זיי זיינען פאַרשקלאָפּט צו זייערע תאוות און פאַרלאַנגען. [2] אין די אַלע פאַלן האָבן די צדיקים באַהערשט זייערע געפילן און פאַרלאַנגען: חנה האָט ניט אויסגעשריען איר ווייטיק אויפן קול, דניאל האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון עסן טרפות, און דוד איז ליבערשט אַנטלאָפן אין פלשתים לאַנד, איידער לייגן אַ האַנט אויף שאולן. און אַזוי אויך ווייטער — דער אייבערשטער האָט זיך גערעכנט מיטן מענטשס שוואַכקייטן און געצוימט דעם מידת הדין (יפה ענף, בראשית רבה לד, י). שפּראַכלעך איז די דרשה געבויט אויף דער אַנדערשקייט פון אויסדרוק: ביי די רשעים ווערט גענוצט דער אויסדרוק בלבו, אין זיין האַרצן, מיינט עס, אַז זיי געפינען זיך אין רשות פון זייער האַרץ; בעת ביי די צדיקים

בלבו. **אבל הצדיקים לבם ברשותם; הה״ד** (שמואל א׳ א׳): **וחנה**, היא מדברת אל לבה; (דניאל א׳) וישם דניאל על לבו; (ש״א כ״ז) ויאמר דוד אל לבו. **ודומין לבוראן** (בראשית ח׳): ויאמר ה׳ אל לבו.

ד

(ו, י־יא) מהר קח את הלבוש ואת הסוס, וגו׳; ויקח המן את הלבוש ואת הסוס. **הלך לו אצל מרדכי. כיון שהגידו למרדכי, שהוא בא, נתיירא עד מאד. והיה יושב ותלמידיו לפניו; אמר להם לתלמידיו: „בני, רוצו והבדלו מכאן, שלא תכוו בגחלתי, שהרי המן הרשע בא להרגני״. אמרו: „אם תמות, נמות עמך״. אמר להם: אם כן, נעמוד בתפלה ונפטר מתוך התפלה״. וחסלון צלותהון, יתבון ועסקין בהלכות מצות העומר, שהרי אותו היום ט״ז ניסן היה, ובאותו היום היו מקריבין עומר בזמן שבית המקדש היה קיים. אתא המן לגביהון, אמר לון: „במה אתון עסקין?״ אמרו לו: „במצות העומר״; הה״ד** (ויקרא ב׳): ואם תקריב מנחת בכורים לה׳, וגו׳. **תמן אמרי: הלכות קמיצה אחוו ליה, ודבר אחד, שהיו קומצין מן העומר. אמר לון: „והדין עומרא מהו, דדהב, או דכסף?״ אמרי ליה: „לא דדהב ולא דכסף, ולא דחיטין, אלא דשעורין״. אמר לון: „בכמה הוא טימיה דידיה הוה, בעשרה קנטרין?״ אמרין ליה: „סגיין בעשרה (מנין) [מעין]״. אמר לון: „קומו, דנצחון עשרה מנכון לעשרה אלפי קנטרין דכסף דילי״.**

**כיון דחסל ממצלי, אמר ליה המן למרדכי: „לבוש הדין לבושא דמלכא״. אמר לו: „מה את מבזה מלכות? אית בר נש**

---

**אַז ער האָט געענדיקט מתפלל צו זיין, האָט המן געזאָגט צו מרדכין: „טו אָן דאָסדאָזיקע קלייד פונעם מלך״. האָט ער אים געזאָגט: „וואָס**

---

שטייט אל לבו, צו זיין האַרץ, אָדער על לבו, אויף זיין האַרץ, וואָס מיינט, אַז זיי באַהערשן דאָס האַרץ. מיר האָבן דעריבער אין צוויטן פאַל איבערגעזעצט אל און על ווערטערלעך.

ד. [1] זע ויקרא כג, י. [2] און יענער פסוק ווערט געדרשנט אויפן עומר (זע רש״י דאָרט). [3] אין בבל, און די ווערסיע, אַז מע האָט געוויזן די דינים פון קמיצה, געפינט זיך טאַקע אין תלמוד בבלי (מגילה טז, א), און דאָס איז ווידער אַ באַווייז, אַז דער מדרש איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל. [4] אַפהויפונג, דער דין, אַז דער כוהן דאַרף פון יעדן שפּייז־קרבן אַראָפּנעמען אַ הויפן און אויסרויכערן אויפן מזבח. (זע ויקרא ב, ב). [5] אין אַלע געדרוקטע טעקסטן שטייט מנין, צען מנה; אָבער אַ מנה איז אַ זעכציקטל פון אַ כיכר (צענטנער), פופציק שקל, און דאָס איז אַ צו גרויסע מטבע. דערקלערן טאַקע אַלע מפרשים, סיי דאָ, סיי אין אַנדערע טעקסטן, אַז דער בעל המדרש מיינט טאַקע מיט מנין — מעין, צען מעה, אַ האַלבער שקל (זע תרגום, שמות ל, יג און ויקרא כז, כה, און אומעטום וואו דאָס וואָרט גרה געפינט זיך), און דאָס שטימט גיכער מיט דער ווערט

ביסטו מבזה מלכות? קאָן אַ מענטש אָנטאָן דאָס קלייד פון מלכות איידער ער האָט זיך געבאָדן?" איז ער אַוועק זוכן אַ בעדער און האָט ניט געפונען. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אונטערגעגאָרטלט זיינע לענדן און איז אַריין און האָט אים אָפּגעבאָדן. אַז ער איז אַרויס, האָט ער געזאָגט צו אים: „נעם, טו אָן דידאָזיקע קרוין". האָט ער אים געזאָגט: „וואָס ביסטו מבזה מלכות? קאָן אַ מענטש אָנטאָן די קיניגלעכע קרוין איידער ער האָט זיך אָפּגעשאָרן?" איז ער אַוועק זוכן אַ שערער, און האָט ניט געפונען. וואָס האָט ער געטאָן? ער איז אַוועק אַהיים און געבראַכט אַ שער, און האָט זיך געזעצט און האָט אים אָפּגעשאָרן. האָט ער אָנגעהויבן זיפצן. האָט ער אים געזאָגט: „וואָס איז דיר, וואָס דו זיפצט?" האָט ער געזאָגט צו אים: „ווי איז דעם טאַטן פון דעמדאָזיקן מענטשן! דער וואָס פלעגט באַשטימען הערשערס איבערן פּאַלאַץ, האָרן איבער די קיניגלעכע אויפנאַמעס, איז געוואָרן אַ בעדער, אַ שערער!" [7] האָט ער אים געזאָגט: „און דאָס איז דיר אַ וואונדער? האָב איך דען ניט געקאָנט דיין טאַטן, וואָס איז געווען בעדער און שערער אין כפר קיריאַנוס, און דו האָסט געפונען זיינע שער־געצייג?" האָט ער געזאָגט צו אים: „שטיי אויף און רייט אויף דעמדאָזיקן פערד". האָט ער אים געזאָגט: „איך האָב קיין כוח ניט, דען איך בין אַלט". האָט ער געזאָגט צו אים: „בין איך ניט קיין אַלטער מאַן?" האָט ער אים געזאָגט: „האָסטו עס ניט אַליין געבראַכט אויף זיך?" האָט ער געזאָגט צו אים: „שטיי אויף. וועל איך אַראָפּבייגן מיין קאַרק, און דו וועסט אַרויפטרעטן אויף אים און אַרויפגיין און רייטן; און עס וועט אייך מקוים ווערן וואָס דער פסוק האָט געזאָגט (דברים לב, כט): ואתה — און דו וועסט אויף זייערע הייכן טרעטן".

ה

אַן אַנדער פשט: ויקח המן — און המן האָט גענומען דאָס קלייד און דאָס פערד, — ער איז געקומען צו מרדכין און האָט געזאָגט: „שטיי אויף און טו אָן. ווי ביטער מיין מזל איז! נעכטן האָב איך זיך געעסקט צוצוגרייטן פאַר אים אַ תליה, און הקדוש ברוך הוא גרייט אים צו אַ קרוין! איך האָב צוגעגרייט פאַר דיר שטריק און צוועקעס, און הקדוש ברוך הוא גרייט דיר צו אַ קלייד פון מלכות! איך וויל פונעם קיניג, ער זאָל לאָזן דיך הענגען אויף דער תליה, און ער הייסט מיר דיך צו מאַכן רייטן אויפן פערד! שטיי אויף און טו אָן". און ער האָט געטאָן צו אים אַלץ וואָס מיר האָבן געזאָגט אויבן.

און ווי ער איז גערייטן, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן לויבן הקדוש ברוך הוא (תהלים ל, ב־ד): ארוממך — איך וועל דיך דערהייבן, גאָט, דען דו האָסט מיך אַרויסגעהייבן, און האָסט ניט דערפרייט מיינע שונאים איבער

---

פונעם עומר. מיר האָבן זיך דעריבער דערלויבט צו בייטן אין טעקסט מנין אויף מעין, ווי אויבן ב, ג (זע דאָרט באַמערקונג 3). [6] דער זכות פון דער מצווה איז זיי בייגעשטאַנען.
[7] טעקסט עמענדירט לויטן יפה ענף און לויט יאַסטראָוו (זע ויקרא רבה כח, ו).

לביש לבושא דמלכותא ולא סח?" אזל בעא בלנא ולא אשכח. מה עבד? אסר חרציה ועאל ואסחי. כיון דנפק, אמר לו: „סב לביש הדין כלילא". אמר ליה: „מה את מבזה מלכותא? אית בר נש לביש כלילא דמלכותא ולא מספר?" אזל בעי ספר, ולא אשכח. מה עביד? אזיל לביתיה ואייתי ספרא, ויתיב וקא מספר ליה. שרי מתנחי אמר ליה: „מה לך מתנח?" א"ל: „ווי לאבוה דההוא גברא! מעביד דומין (פנטון, קומין קלטו) [פלטין, קומיס קלטור], עביד בלן, ספר!" א"ל: „ובההיא שאילית לך? לית אנא חכים לאבוי דההוא גברא בלן וספר בכפר קריינוס, ואת משכחת מאני ספרא דידיה?" אמר ליה: „קום, רכוב על הדין סוסיא". אמר ליה: „לית בי כח, דאנא סב". אמר ליה: „ולית אנא גבר סב?" אמר לו: „ולא את הוא דגרמת לנפשך?" אמר ליה: „קום, דאנא סמיך קדלי, ואת דריס עלוי וסליק ורכב; למקיימה לכון מה דאמר כתבא(דברים ל"ב): ואתה על במותימו תדרך".

ה

**דבר אחר: ויקח המן את הלבוש ואת הסוס, וגו' — אתא לגבי מרדכי ואמר: „עמוד ולבוש. כמה ביש גדא דההוא גברא! אמש אני הייתי עסיק להתקין ליה צליבא, והקב"ה מתקין ליה כלילא! אני הייתי מתקין לך חבלים ומסמרים, והקב"ה מתקין לך לבוש מלכות! אנא בעינא מן מלכא למיצליב יתך על צליבא, והוא אמר לי למירכב לך על סוסיא! עמוד ולבוש". ועביד ליה כל מה דאמרן לעיל.**

**וכיון דרכיב, התחיל מקלס להקב"ה** (תהלים ל'): ארוממך, ה', כי דליתני, ולא שמחת אויבי לי. ה' אלהי, שועתי אליך, ותרפאני. ה', העלית משאול נפשי, חייתני מירדי בור. **תלמידיו מה היו אומרים?** (שם) זמרו לה' חסידיו, והודו לזכר קדשו. כי רגע באפו, חיים ברצונו; בערב ילין בכי, ולבקר רנה. **אותו**

---

מיר. גאָט מיין גאָט, איך האָב געשריען צו דיר, און דו האָסט מיך אויס־געהיילט. גאָט, דו האָסט אַרויפגעבראַכט פון אונטערערד מיין זעל, האָסט מיך אויפגעלעבט, איך זאָל ניט אַראָפּנידערן אין גרוב. **וואָס האָבן זיינע תלמידים געזאָגט?** (דאָרט ה"ו) זמרו לה' — זינגט צו גאָט, זיינע פרומע, און דאַנקט דער גדעכעניש פון זיין הייליקייט. דען אַ רגע איז זיין צאָרן, אַ לעבן אין זיין גוטוויליקייט; אין אָוונט האַלט אָן געוויין, און אין פריי־

מאָרגן — געזאָגט. **דערדאָזיקער רשע, וואָס האָט ער געזאָגט?** (דאָרט, ז־ח) ואני אמרתי — און איך האָב אין מיין שלווה געזאָגט: איך וועל קיינמאָל ניט אומפאלן. גאָט, אין דיין גוטוויליקייט האָסטו אויפגעשטעלט פעסט מיין באַרג; האָסטו באַהאַלטן דיין פּנים, בין איך אַ דערשראָקענער געוואָרן. **וואָס האָט אסתר געזאָגט?** (דאָרט ט־י) אליך ה׳, — צו דיר, גאָט, טו איך רופן און צו גאָט טו איך זיך בעטן: וואָס וועט אַרויסקומען פון מיין בלוט, אַז איך וועל אַראָפּנידערן אין גרוב? וועט דיך דער שטויב לויבן? וועט ער דיין אמת דערציילן? **די כנסת ישראל, וואָס האָט זי געזאָגט?** (דאָרט, יא־יב) שמע, ה׳ — הער, גאָט, און לייטזעליק מיך — — — האָסט מיר פאַרביטן מיין קלאָג אויף טאַנץ — — —. **און דער רוח הקודש וואָס האָט געזאָגט?** (דאָרט, יג) למען — כדי מיין כבוד זאָל דיך באַזינגען, און ניט שטיל זיין; גאָט מיין גאָט, אייביק וועל איך דיך לויבן.

**המנס טאָכטער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו זען דאָס אויפהענגען [מרדכין]. און ווי זי האָט דערזען מרדכין רייטן און איר פאָטער אויסרופן פאַר אים:** „ככה — אַזוי ווערט געטאָן צו דעם מאַן — — —" **אַזוי האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און איז געשטאָרבן.**

ו

(ו, יב) וישב מרדכי — און מרדכי האָט זיך אומגעקערט צום טויער פונעם קיניג. **דער פסוק לערנט אונדז, אַז ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין זאַק און צו זיין תענית** [1]. **ר׳ חלבו האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס טוט אָן אַ זאַק און פאַסט, נעמט אים מער ניט אַראָפּ פון זיך, ביז זיין בקשה ווערט געטאָן.**

ז

(ו, יב) והמן נדחף — און המן איז אַריינגעפאַלן אין זיין הויז, פאַרטרויערט און מיט אַ פאַרדעקטן קאָפּ. **פאַרטרויערט אויף זיין טאָכטער און מיט אַ פאַרדעקטן קאָפּ איבער דעם וואָס אים האָט געטראָפן, און אין האַנט האָט ער געהאַט פיר מלאכות: אַ בעדער, און אַ שערער, און אַ באַדינער, און אַן אויסשרייער.**

ח

(ו, יג) ויספר המן — און המן האָט דערציילט זיין ווייב זרשן — — —. **דעמאָלט זיינען געקומען דעם מלכס קאַמערדינער און האָבן אים גענומען צו דער סעודה, דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן. ווען זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, האָט דער מלך געזאָגט צו אסתרן** (ז, ב): „וואָס איז דיין פאַרלאַנג?" **האָט זי אים געזאָגט:** „מיין האַר דער מלך! **איך בעט ניט פון דיר עפּעס אַנדערש, נייערט** (ז, ג) נפשי בשאלתי — מיין לעבן איז מיין פאַרלאַנג און מיין פאָלק איז מיין בקשה".

---

**ו. [1] ווייל די גזרה איז נאָך אַלץ געבליבן אין קראַפט, און דאָס וואָרט וישב ווערט געדרשנט: ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין פריערדיקן צושטאַנד.**

**רשע מה היה אומר?** (שם) ואני אמרתי בשלוי: בל אמוט לעולם. ה׳, ברצונך העמדתה להררי עוז; הסתרת פניך, הייתי נבהל. **אסתר מה היתה אומרת?** (שם) אליך, ה׳, אקרא, ואל אדני אתחנן: מה בצע בדמי, ברדתי אל שחת? היודך עפר? היגיד אמתך? **כנסת ישראל מה היתה אומרת?** (שם) שמע, ה׳, וחנני, וגו׳, הפכת מספדי למחול לי, וגו׳. **ורוח הקודש מה היתה אומרת?** (שם) למען יזמרך כבוד ולא ידום; ה׳ אלהי, לעולם אודך.

**בתו של המן נשקפה מן החלון לראות בצליבא. וכיון שראתה מרדכי רוכב ואביה מכריז לפניו:** „ככה יעשה לאיש״, **השליכה עצמה לארץ ומתה.**

**ו**

(ו, יב) וישב מרדכי אל שער המלך, **מלמד, ששב לשקו ולתעניתו. אמר ר׳ חלבו: כל מי שלובש שק ומתענה אינו מעבירו ממנו, עד שתעשה בקשתו.**

**ז**

(ו, יב) והמן נדחף אל ביתו אבל וחפוי ראש, **אבל על בתו וחפוי ראש על מה שקרהו, ובידו ארבע מלאכות: בלן, וספר, וגליור, וכורז.**

**ח**

(ו, יג) ויספר המן לזרש אשתו, וגו׳. **באותה שעה באו סריסי המלך והביאוהו לסעודה, ביום ששה עשר בניסן. כיון שאכלו ושתו, אמר המלך לאסתר: „מה שאלתך?״ אמרה לו: „אדוני המלך! איני שואלת ממך, אלא** נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי״.

**ט**

(ז, ז) והמלך קם בחמתו ממשתה היין אל גנת הביתן. **מה עשה מיכאל המלאך? התחיל מקצץ את הנטיעות לפניו, והוסיף חמה על חמתו. ושב אל משתה היין, והמן עומד לבקש על**

---

ט

(ז, ז) והמלך קם — און דער קיניג איז אויפגעשטאַנען און זיין גרימ־צאָרן פון דעם ווינמאָלצייט און איז אַריין אין גאָרטן פונעם פּאַלאַץ. **וואָס האָט דער מלאך מיכאל [1] געטאָן? ער האָט אָנגעהייבן אויסהאַקן די ביימער פאַר אים, און האָט נאָך געמערט גרימצאָרן אויף זיין גרימצאָרן [2]. האָט ער זיך אומגעקערט צום ווינמאָלצייט, און המן האָט זיך געהאַט אויפגעשטעלט**

צו בעטן אויף זיין לעבן. וואָס האָט געטאָן מיכאל? ער האָט אים אַ שטויס געטאָן אויף אסתרן. און זי האָט אויסגעשריען: „אדוני קיניג! אָט וויל ער מיך באַצווינגען פאַר דיר [אין די אויגן]". (ז, ח) ויאמר המלך — האָט דער קיניג געזאָגט: „אויך באַצווינגען די מלכה ביי מיר אין הויז?" ווי המן האָט דאָס געהערט, אַזוי איז אים איינגעפאַלן זיין פּנים. וואָס האָט געטאָן אליהו [הנביא], דערמאָנט זאָל ער ווערן צום גוטן? ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר חרבונהן און האָט געזאָגט צו אים: „אדוני קיניג! (ז, ט) גם הנה העץ — אָט איז אויך דער בוים וואָס המן האָט געמאַכט פאַר מרדכין — — —." דען ר' פּינחס האָט געזאָגט: מע דאַרף זאָגן[2*]: „חרבונה זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן"[3]. און רב האָט געזאָגט: מע דאַרף זאָגן: „פאַרשאָלטן זאָל זיין המן, פאַרשאָלטן זיינע זין, פאַרשאָלטן זרש זיין ווייב", ווי אין פּסוק שטייט (משלי י, ז): ושם רשעים — און דער נאָמען פון די רשעים זאָל פאַרפוילט ווערן.

תיכף האָט דער מלך באַפוילן אים אויפצוהענגען אויפן בוים וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר מרדכין. און אויף אים האָט שלמה אין זיין חכמה געזאָגט (דאָרט יא, ח): צדיק — דער צדיק איז פון דער צרה דערלייזט געוואָרן, און דער רשע איז געקומען אויף זיין אָרט; דען המן האָט זיך געפּעדערט אויפצוהענגען מרדכין, און ער אַליין איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אויפן בוים וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַן מרדכין, און מע האָט אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס המן האָט געהאַט צו אסתר המלכה, און אסתר האָט עס געגעבן מרדכין. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (ח, א): ביום ההוא — און יענעם טאָג האָט דער קיניג אחשורוש געגעבן צו אסתר המלכה דאָס הויז פון המן דעם שונא ישראל. און נאָך שטייט געשריבן (איוב ה, ה): אשר קצירו — דען זיין שניט וועט דער הונגעריגער עסן, און ניט[4] מיט קיין שילדן[5] וועט ער עס אַוועקנעמען; און די מיטמענטשן[6] וועלן פאַרשלינגען זייער פאַרמעגן: דען זיין שניט, באַציט זיך אויף המנען; וועט דער הונגעריקער עסן, דאָס איז מרדכי און אסתר; און ניט מיט קיין שילדן וועט ער עס אַוועקנעמען, ניט מיט קיין כלי זיין און ניט מיט קיין שילד, נייערט מיט תפילה און געבעט, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים צא, ד): צנה — אַ שילד און אַ פאַנצער איז זיין אמת, דאָס מיינט מען תפילה, וואָס באַשירעמט קעגן אַ צרה ווי אַ שילד, וואָס באַשירעמט דעם מענטשן אין מלחמה; און אין זכות פון דער תפילה, וואָס ווערט גערופן שילד, האָט ער עס אַוועקגענומען פון המנען[7].

---

ט. [1] דער שר פון ישראל (דניאל י, כא). [2] לויטן תרגום האָבן צען מלאכים זיך פאַרשטעלט פאַר המנס זין, און זיי האָבן עס געטאָן. [2*] אין דער תפילה וואָס נאָכן לייענען די מגילה (סופרים יד, ו). [3] לויטן אויסדרוק וואָס מע נוצט ביים דערמאָנען אליהוס נאָמען; שטימט עס מיט דער מיינונג, אַז חרבונה איז אין אמתן געווען אליהו הנביא. [4] ואל ווערט דאָ געלייענט מיט אַ פּתח אָנשטאָט אַ סגול (ואֶל). [5] פאַנצערס; זע תרגום און רשי אויף דעם פּסוק. [6] צמים ווערט דאָ געטייטשט ווי פון צומת, באַהעפטונג (זע ווייטער: והמצומתין להם, און די וואָס זיינען געווען באַהעפט מיט זיי). [7] טעקסט ענדערונג לויטן יפה ענף.

נפשו. מה עשה מיכאל? דחפו על אסתר, והיתה מצעקת: „אדוני המלך! הרי הוא כובשני לפניך!" ויאמר המלך: „הגם לכבוש את המלכה עמי בבית?" ושמע המן הדבר הזה, ונפלו פניו. מה עשה אליהו זכור לטוב? נדמה לחרבונה ואמר לו: „אדוני המלך! גם הנה העץ אשר עשה המן למרדכי", וגו'. דאמר ר' פנחס: צריך לומר: „חרבונה זכור לטוב". ואמר רב: צריך לומר: „ארור המן, ארורים בניו, ארורה זרש אשתו", כדכתיב (משלי י'): ושם רשעים ירקב.

מיד צוה המלך לתלותו על העץ אשר הכין למרדכי. ועליו אמר שלמה בחכמתו (שם י"א): צדיק מצרה נחלץ, ויבא רשע תחתיו; שהשכים המן לתלות את מרדכי, ונתלה הוא על העץ אשר הכין למרדכי, ונתן את כל אשר להמן לאסתר המלכה, ואסתר נתנה למרדכי. הה"ד: ביום ההוא נתן המלך אחשורוש לאסתר המלכה את בית המן צורר היהודים, וגו'. וכתיב (איוב ה'): אשר קצירו רעב יאכל, ואל מצנים יקחהו, ושאף צמים חילם, — אשר קצירו, זה המן; רעב יאכל, זה מרדכי ואסתר; ואל מצנים יקחהו, לא בזיין ולא בצנה, אלא בתפלה ובתחנונים, כדאת אמר (תהלים צ"א): צנה וסוחרה אמתו, זו היא התפלה המגינה על הצרה כצנה, שמגינה על האדם במלחמה; ובזכות התפלה, שנתכנה לצנה, יקחהו (להמן) [מהמן]. ומנין שעשו תפלה? הה"ד: שק ואפר יוצע לרבים, ומה תקנה לשק ואפר בלא תפלה? ושאף צמים חילם, — ומי דחק לממונו של המן? מרדכי ואסתר והמצומתים להם.

י

(ח, ח) ואתם כתבו על היהודים כטוב בעיניכם בשם המלך, ושלחו לכל המדינות להשמיד, להרוג ולאבד את כל שונאי

---

און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז זיי האָבן תפלה געטאָן? דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ד, ג): שק ואפר — זאַק און אַש איז אונטערגעבעט געוואָרן ביי אַ סך, און וואָס העלפט זאַק און אַש אָן תפילה? און די מיטמענטשן וועלן פאַרשלינגען זייער פאַרמעגן, — און ווער האָט געאיילט צו המנס פאַרמעגן? מרדכי און אסתר און די וואָס זיינען געווען באַהעפט מיט זיי.

י

(ח, ח) ואתם — און איר שרייבט וועגן די יידן, ווי עס איז וואוילגעפעלן אין אייערע אויגן, אין נאָמען פונעם קיניג, און שיקט צו אַלע מדינות

אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען **אַלע שונאים פון די יידן** (ט, א) אין דעם טאָג וואָס די שונאים פון די יידן האָבן געהאָפט צו געוועלטיקן איבער זיי, און עס האָט זיך אומגעקערט **אויף זיי.** (ישעיה נה, יג) והיה — און עס וועט זיין צו גאָט פאַר אַ נאָמען **דערדאָזיקער נס וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געטאָן, דען אַזאַ נס איז נאָך ניט געטאָן געוואָרן. איז דען אויף דער וועלט געטאָן געוואָרן אַזאַ נס, וואָס ישראל האָט געטאָן אַ נקמה אין די אומות העולם** [1] (ט, ה) און זיי האָבן געטאָן מיט זייערע שונאים לויט זייער רצון?

## יא

(ט, ב) נקהלו — האָבן זיך די יידן פאַרזאַמלט אין זייערע שטעט — — — און קיינער האָט זיך ניט געשטעלט קעגן זיי, דען זייער פחד איז געפאַלן אויף אַלע פעלקער. **און די יידן האָבן זיך געשטאַרקט, ווי אַ לייב וואָס איז באַפאַלן סטאַדעס שאָף און גייט און הרגעט, און קיינער קאָן פון זיין האַנט ניט ראַטעווען. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (מיכה ה, ז): והיה שארית יעקב — און דער איבערבלייב פון יעקב וועט זיין צווישן די פעלקער, אין מיטן פון אַ סך אומות, ווי אַ לייב צווישן די חיות פון וואַלד, ווי אַ יונגער לייב צווישן סטאַדעס שאָף — — —. **און זיי האָבן געהרגעט המנס זין און זיי אויפגעהאַנגען.**

**אדריאַנוס קיסר האָט געזאָגט צו ר' יהושען: „גרויס איז דאָס שעפּעלע, וואָס קאָן שטיין צווישן זיבעציק וועלף". האָט ער אים געזאָגט: „גרויס איז דער פּאַסטוך, וואָס ראַטעוועט עס און צעברעכט זיי פאַר זיי"** [1]. **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה נד, יז): כל כלי — איטלעך געצייג וואָס וועט באַשאַפן ווערן קעגן דיר וועט ניט מצליח זיין.

## יב

(ח, טו) ומרדכי יצא — און מרדכי איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַרן מלך אין אַ קלייד פון מלכות, [בלוי און ווייס, מיט אַ גרויסער גאָלדענער קרוין און אַ מאַנטל פון פיינעם ליינען און פורפל]. **ר' פינחס זאָגט: מרדכי איז געוואָרן אַ מלך איבער די יידן. אַזוי ווי דער מלך קליידט זיך אין פורפל, אַזוי האָט מרדכי זיך געקליידט אין פורפל; אַזוי ווי דער מלך מאַכט זיך אַ קרוין רונד אַרום דעם קאָפּ, אַזוי מרדכי** — [1] מיט אַ גרויסע גאָלדענע קרוין; **אַזוי ווי דער פחד פאַרן מלך איז איבערן גאַנצן לאַנד, אַזוי איז מרדכיס פחד געווען אויף זיי, ווי דער פסוק זאָגט** (ט, ג): כי נפל — דען עס איז געפאַלן דער פחד פאַר מרדכין אויף זיי; **אַזוי ווי דעם מלכס מטבע גייט אום איבערן גאַנצן לאַנד, אַזוי איז אומגעגאַנגען מרדכיס מטבע. און וואָס איז געווען זיין מטבע? מרדכי אויף איין זייט און אסתר אויף דער אַנדערער זייט** [2]. **פאַרוואָס? ווייל ער איז געווען אַ גוטער מענטש, אַ מענטש פון שלום, און ער האָט געזוכט שלום, ווי דער פסוק זאָגט** (י, ג): כי — וואָרום מרדכי דער ייד — — — [זוכט גוטס פאַר זיין פאָלק און רעדט פאַרן וואוילזיין פון זיין גאַנצן נאָכשטאַם]. **און אויף אים האָט געזאָגט**

**היהודים**, ביום אשר שברו אויבי היהודים לשלוט בהם ונהפוך הוא **להם**, (ישעיה נ״ה) והיה לה׳ לשם **זה הנס שעשה הקב״ה, שלא נעשה נס כמוהו. יש לך בעולם שנעשה כנס הזה, שעשו נקמה ישראל באומות העולם** ויעשו בשונאיהם כרצונם?

יא

(ט, ב) נקהלו היהודים בעריהם, **וגו׳** ואיש לא עמד בפניהם, כי נפל פחדם על כל העמים. **וישראל מתגברים, כאריה שנפל בעדרי צאן ומכה והולך, ואין מציל מידו. הה״ד** (מיכה ה׳): והיה שארית יעקב בגוים בקרב עמים רבים כאריה בבהמות יער וככפיר בעדרי צאן, **וגו׳. והרגו בניו של המן ותלאום.**

**אדריאנוס קיסר אמר לו לר׳ יהושע: „גדולה היא הכבשה, שעומדת בין שבעים זאבים״. אמר לו: „גדול הוא הרועה, שמצילה ושוברן לפניהן״. הה״ד** (ישעיה נ״ד): כל כלי יוצר עליך לא יצלח, **וגו׳**.

יב

(ח, טו) ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות, **וגו׳. ר׳ פנחס אומר: מלך מרדכי על היהודים. מה המלך לובש פורפורין, כך מרדכי לבש פורפורין; מה המלך עושה עטרה כלולה בראשו, כך מרדכי (לובש)**: ועטרת זהב גדולה; **מה המלך אימתו על כל הארץ, כך מרדכי אימתו עליהם, שנאמר:** כי נפל פחד מרדכי עליהם; **מה המלך מוניטה שלו הולכת בכל הארץ, כך מרדכי מוניטה שלו הולכת. ומה מוניטה שלו? מרדכי מכאן ואסתר מכאן. למה? שהיה איש טוב ואיש שלום ומבקש שלום, שנאמר:** כי מרדכי היהודי, **וגו׳. ועליו אמר הכתוב** (תהלים ל״ז): שמר תם וראה ישר, כי אחרית לאיש שלום.

---

**דער פסוק** (תהלים לז, לז): שמר תם — באַטראַכט דעם אומשולדיקן און זע דעם רעכטפאַרטיקן, וואָרום דער מאַן פון שלום האָט אַ צוקונפט.

---

י. [1] **לויט דער אויסגאַבע פון שפערלינג, לעמבערג 1859, דאַרף זיך דאָ לייענען: שעשה נקמת ישראל באומות העולם — וואָס ער (גאָט) האָט געטאָן אין די אומות נקמה פאַר ישראל.**

יא. [1] **פאַר די יידן, — דער בעל המדרש איז מיטן לעצטן וואָרט** (לפניחם) **אַריבער פונעם משל צום נמשל.**

יב. [1] **דאָס וואָרט** לובש, טוט אָן, **וואָס געפינט זיך דאָ אין די טעקסטן, איז איבעריק. אין דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1859 איז עס ניטאָ.** [2] **אין** בראשית רבה לט, יא, **און אין** ילקוט אסתר **איז דער נוסח: זאַק און אַש אויף איין זייט און אַ גאָלדענע קרוין אויף דער אַנדערער זייט.**

## יג

**ר' ברכיה האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט אַריינגעשריבן די גאולה פון ישראל** [1] **אין דער תורה, ווי אין פסוק שטייט** (ויקרא כה, מח): וכי תשיג — און אַז די האַנט פון אַן אַלטגעזעסענעם פרעמדן וועט ווערן פאַרמעגלעך ביי דיר, [און דיין ברודער וועט פאַראָרימט ווערן לעבן אים, און ער וועט פאַרקויפט ווערן צום אַלטגעזעסענעם פרעמדן ביי דיר, אָדער צו דעם עקר [2] פון דער משפחה פון אַ פרעמדן, — נאָך זיין פאַרקויפט ווערן זאָל ער האָבן אַן אויסלייזונג. איינער פון זיינע ברידער זאָל אים אויסלייזן, אָדער זיין פעטער, אָדער זיין פעטערס קינד זאָל אים אויסלייזן]. „די האַנט פון אַן אַלטגעזעסענעם פרעמדן", **דאָס איז המן, וואָס איז גרויס און רייך געוואָרן, און ער האָט געהאַט ביד אָפּצואוועגן צען טויזנט כיכר זילבער; און ער ווערט גערופן** אַלטגעזעסענער פרעמדער, **ווייל ער איז פון דעם זאָמען פון עמלק און איז געווען אַ פרעמדער אין מדי און פרס.** „און דיין ברודער וועט פאַראָרימט ווערן לעבן אים", **דאָס איז ישראל, וואָס איז געווען פאַראָרימט און פאַראַביונט;** „און ער וועט פאַרקויפט ווערן צום אַלטגעזעסענעם פרעמדן", **דען אחשורוש האָט זיי פאַרקויפט צו המנען זיי** אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען; „אָדער צו דעם עקר פון דער משפחה פון אַ פרעמדן", **דען ער האָט זיך זעלבסט געמאַכט פאַר אַן עבודה זרה; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (אסתר ג, ב): כורעים — קניען און בוקן זיך פאַר המנען. „נאָך זיין פאַרקויפט ווערן זאָל ער האָבן אַן אויסלייזונג", **דען הקדוש ברוך הוא האָט זיי אויסגעלייזט פון זיין האַנט און זיי מציל געווען פון זיין גזרה און זיי פריי געלאָזט.** „איינער פון זיינע ברידער זאָל אים אויסלייזן", **דאָס איז מרדכי, וואָס ביי אים שטייט געשריבן** (י, ג): ורצוי — און איז באַווּליקט ביי זיינע פיל ברידער; „אָדער זיין פעטער, אָדער זיין פעטערס קינד זאָל אים אויסלייזן", **דאָס איז אסתר, דען זי איז געווען זיין פעטערס טאָכטער, און דורך איר איז ישראל אויס-געלייזט געוואָרן.**

(שמות יז, יד) [3] כי מחה ווייל אָפּמעקן וועל איך אָפּמעקן דעם זכר פון עמלק [פון אונטערן הימל], — „אָפּמעקן" **אויף דער וועלט,** „וועל איך אָפּמעקן" אויף יענער וועלט [4]; דעם זכר פון עמלק, **דאָס איז המן: לייען אויף אים** זכר [5] פון עמלק.

**און אויך יעקב אבינו האָט זי** [6] **אָנגעוואונקען אין דער ברכה צו די שבטים. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (בראשית מט, כז): בנימין זאב יטרף — בנימין איז אַ פאַרצוקנדיקער וואָלף; אין פרימאָרגן וועט ער עסן פאַנג, **דאָס איז שאול, וואָס איז געווען דער פרימאָרגן פון ישראל, דען ער איז געווען דער ערשטער פון די מלכים, און ער איז געווען פון שבט בנימין, און ער האָט געשלאָגן עמלקן און אויסגערויבט וואָס זיי האָבן געהאַט;** ולערב — און אין אָוונט וועט ער טיילן רויב, **דאָס איז מרדכי און אסתר,**

## יג

**אָמַר ר' ברכיה: הקדוש ברוך הוא כתב גאולת ישראל בתורה, דכתיב** (ויקרא כ"ה): וכי תשיג יד גר ותושב עמך, וגו'. יד גר ותושב, **זה המן, שנתגדל ונתעשר והשיגה ידו לשקול עשרת אלפים ככר כסף**; ונקרא גר תושב, **שהוא מזרעו של עמלק והיה גר במדי ופרס.** ומך אחיך עמו, **אלו ישראל, שהיו דלים ומכים**; ונמכר לגר תושב, **שמכרם אחשורוש להמן** להשמיד, להרוג ולאבד; או לעקר משפחת גר, **שעשה עצמו עבודת כוכבים; הדא הוא דכתיב**: כורעים ומשתחוים להמן. אחרי נמכר גאולה תהיה לו, **שגאלם הקב"ה מידו והצילם מגזרתו ופדאם.** אחד מאחיו יגאלנו, **זה מרדכי, דכתיב ביה**: ורצוי לרוב אחיו; או דודו או בן דודו יגאלנו, **זו אסתר, שהיתה בת דודו, ונגאלו ישראל על ידיה.**

(שמות י"ז) כי מחה אמחה את זכר עמלק, — **מחה בעולם הזה, אמחה לעולם הבא**; את זכר עמלק, **זה המן: קרי ביה** זכר עמלק.

**ואף יעקב אבינו רמזה בברכת השבטים. הה"ד** (בראשית מ"ט): בנימין זאב יטרף; בבקר יאכל עד, **זה שאול, שהיה בקרן של ישראל, שהיה תחלה למלכים, והיה משבט בנימין, והכה את עמלק ובזז את כל אשר להם**; ולערב יחלק שלל, **זה מרדכי ואסתר, שעמדו להם לישראל בגלותם, שהוא דומה לערב, וחלקו שלל של המן. שנמשל לזאב, (שהעמידו) [והעמידו] הקב"ה כנגד הזאב, אלו מלכי מדי ופרס, שנמשלו לזאב;**

---

וואָס זיינען בייגעשטאַנען די יידן אין זייער גלות, וואָס איז געגליכן צום אָוונט, און זיי האָבן געטיילט דאָס רויב פון המנען. דען ער [7] איז געגליכן צו אַ וואָלף, און הקדוש ברוך הוא האָט אים געשטעלט קעגן דעם וואָלף, דאָס זיינען די מלכים, פון מדי און פרס, וואָס זיינען געגליכן צו אַ וואָלף,

---

יג. [1] דעם נס פורים. [2] צו דער עבודה זרה, זי צו באַדינען, — אַזוי ווערט דער פסוק געדרשנט ווייטער (זע אויך ספרא בהר, ח). [3] דאָס איז נאָך אַ פּרואוו צו געפינען אין דער תורה אַ רמז אויפן נס פורים. [4] די דרשה איז געבויט אויף דער טאָפּלונג פונעם וואָרט אָפּמעקן. [5] מיט צוויי קמצן. אין דער גמרא בבא בתרא (כא, א־ב) דערציילט זיך, אַז צוליב דעם וואָס יואבס רבי האָט אים מיט אַ טעות אַזוי איינגעלערנט דעם פסוק, האָט יואב אויסגעהרגעט נאָר די זכרים פון עמלק און געלאָזט די נקבות; און די כוונה פונעם בעל המדרש איז, מעגלעך, די: דאָס איז המן, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט צוליב יענעם טעות. [6] די אויסלייזונג, דעם נס פורים. [7] מרדכי, וואָס שטאַמט אָפּ פון בנימין (אַזוי לויטן יפה ענף, און לויט דעם אויך די עמענדירונג פון שהעמידו אויף

ווי אין פסוק שטייט (דניאל ז, ה): וארו — און אָט אַן אַנדער חיה, אַ צווייטע, געגליכן צו אַ וואָלף [8]. (דאָרטן [9] זאָגט מען: דאָס מיינט מען די מלכים פון מדי און פרס, וואָס עסן ווי אַ בער און רוען ניט ווי אַ בער, און לאָזן וואַקסן די האָר ווי אַ בער [10].) האָט הקדוש ברוך הוא געשטעלט קעגן זיי מרדכין און אסתרן, וואָס זיינען געווען פון שבט בנימין, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן: בנימין איז אַ פאַרצוקנדיקער וואָלף.

## יד

ר׳ חייא רבה און ר׳ שמעון בן חלפתא זיינען געגאַנגען אין דעם טאָל פון אַרביל, און זיי האָבן געזען ווי דער מאָרגנשטערן רייסט זיך אַרויס מיט זיין ליכט. האָט ר׳ חייא רבה געזאָגט צו ר׳ שמעון בן חלפתא: אַזוי איז עס מיט דער גדולה פון ישראל — צוערשט אַ ביסעלע; וואָס ווייטער ווערט זי גרעסער און האַלט זיך אין איין פאַרמערן. פון וואַנען איז עס געדרונגען? (מיכה ז, ח) כי אשב — אַז איך זיץ אין פינצטערניש, איז גאָט מיר אַ ליכט [1]. אַזוי איז צוערשט — (אסתר ב, כא) ומרדכי — און מרדכי זיצט אין טויער פון קיניג; און נאָכדעם — (ד, יב) וישב — און מרדכי האָט זיך אומגעקערט צום טויער פון קיניג; און נאָכדעם — (ח, טו) ומרדכי — און מרדכי איז אַרויס פון פאַרן קיניג [אין אַ קלייד פון מלכות]; און נאָכדעם — (ח, טז) ליהודים — ביי די יידן איז געווען ליכטיקייט, און ששון ושמחה און כבוד [2].

## טו

דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים סו, ג): אמרו לאלהים — זאָגט צו גאָט: ווי פאַרכטיק זיינען דיינע מעשים, — ווי פירכטערליך זיינען דיינע וואונדער! [1] די וואָס ווערן געהרגעט, הרגענען זייערע הרגערס; און די וואָס ווערן געהאַנגען, הענגען זייערע הענגערס; די וואָס ווערן דערטרונקען אין ים, דערטרינקען זייערע דערטרינקערס! אַזוי אַז (דאָרט) ברוב עוזך — דורך דיין גרויס שטאַרקייט גייען איין פאַר דיר דיינע פיינט.

דו געפינסט, אַז די גוטע מידות פון הקדוש ברוך הוא קומען מיט

---

והעמידו, וואָס פאַסט זיך בעסער צום טעקסט). [8] לדוב ווערט דאָ איבערגעזעצט צו אַ וואָלף לויטן דרש אויבן, פתיחתא ה, אַז וויבאַלד דאָס וואָרט שרייבט זיך אין פסוק אָן אַ ו, דאַרף מען עס לייענען מיט אַ צירה, דב, וואָס אויף אַראַמיש מיינט עס אַ וואָלף. [9] אין בבל, און דער מאמר געפינט זיך טאַקע אין בבלי, מגילה יא, א, און נאָך (זע דאָרט די מראי מקומות). [10] לויט דעם ווערט דאָס וואָרט דב גענומען לויט זיין העברעאישער באַדייטונג: בער.

יד. [1] ד״ה: די השגחה הויבט אָן צוגרייטן די ישועה אין סאַמע מיטן פון דער צרה. [2] אין מדרש תהלים איז דער נוסח פיל ברייטער: צוערשט (אסתר ב, כא) ומרדכי — און מרדכי זיצט אין טויער פון קיניג; און נאָכדעם (ה, ב) ויהי — און עס איז געווען, אַז דער מלך האָט דערזען אסתר המלכה.; און נאָכדעם (ו, יא) ויקח המן — האָט המן גענומען דאָס קלייד און דאָס פערד; און נאָכדעם (ז, י) ויתלו — האָט מען אויפגעהאַנגען המנען; און נאָכדעם (ח, ח) ואתם — און איר שרייבט וועגן די יידן אַזוי ווי ס׳איז וואוילגעפעלן אין אייערע אויגן; און נאָכדעם (ח, טו) ומרדכי — און מרדכי איז אַרויס פון פאַרן מלך אין אַ קלייד פון מלכות; און נאָכדעם (ח, טז) ליהודים — ביי די יידן איז געווען ליכטיקייט.

טו. [1] אין אַלע געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דאָ אין קלאַמערן אַ דערקלערונג פון אַן איבערשרייבער אויפן וואָרט מנגנות: פירוש — אותות שלך (ס׳מיינט — דיינע צייכנס,

**הה"ד** (דניאל ז׳): וארו חיוה אחרי, תנינה, דמיה לדב. (**תמן אמרין: אלו מלכי מדי ופרס, שאוכלין כדוב ואין להם מנוחה כדוב ומגדלין שער כדוב.) העמיד הקב"ה כנגדן מרדכי ואסתר, שהיו משבט בנימין, דכתיב ביה** זאב יטרף.

יד

**ר׳ חייא רבה ור׳ שמעון בן חלפתא הוון מהלכין בהדא בקעתא דארבל, וחזון את אילת השחר שבקעה את אורה. אמר ליה ר׳ חייא רבה לר׳ שמעון בן חלפתא: כך היא גדולתן של ישראל, — בתחלה קמעא; כל מה שהולך, הוא גדל ורבה והולך. מה טעם?** (מיכה ז׳) כי אשב בחשך, ה׳ אור לי. **כך בתחלה** — ומרדכי יושב בשער המלך; **ואחר כך** — וישב מרדכי אל שער המלך, **וגו׳; ואחר כך** — ומרדכי יצא מלפני המלך, **וגו׳; ואחר כך** — ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

טו

**הדא הוא דכתיב** (תהלים ס"ו): אמרו לאלהים: מה נורא מעשיך, — **מה דחילין אינון מנגנות שלך! הנהרגים הורגין את הורגיהם, והנצלבין צולבין את צולביהן, המשוקעין בים משקעין את משקיעיהן! הוי** — (שם) ברב עזך יכחשו לך אויביך.

**את מוצא, שמדות טובות של הקב"ה בהשפע, בפירוי וריבוי. הטוב בריבוי, החסד בריבוי, הרחמים בריבוי, הצדקה בריבוי, האמונה בריבוי, הפדות בריבוי, הברכה בריבוי, השבח בריבוי, השלום בריבוי.**

**"הטוב בריבוי", שנאמר** (שם ל"א): מה רב טובך אשר צפנת ליראיך. **"החסד בריבוי", שנאמר** (שמות ל"ד): ורב חסד ואמת. **"הרחמים בריבוי", שנאמר** (תהלים קי"ט): רחמיך רבים, ה׳.

---

**שפע, מיט מערונג און מיט פילקייט. דאָס גוטס קומט מיט פילקייט, דאָס חסד מיט פילקייט, דאָס רחמנות מיט פילקייט, די רעכטפאַרטיקייט מיט פילקייט, די וואָרהאַפטיקייט מיט פילקייט, די אויסלייזונג מיט פילקייט, די ברכה מיט פילקייט, דער לויב מיט פילקייט, דער שלום מיט פילקייט.**

**"דאָס גוטס מיט פילקייט", ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט לא, כ) מה רב — ווי פיל איז דיין גוטס, וואָס דו האָסט באַהאַלטן פאַר די וואָס פאָרכטן דיך. **"דאָס חסד מיט פילקייט", ווי דער פסוק זאָגט** (שמות לד, ו): ורב חסד — און מיט פיל חסד און אמת. **"דאָס רחמנות מיט פילקייט", ווי דער פסוק**

**זאָגט** (תהלים קיט, קנו): רחמיך — דיין רחמנות איז פיל, גאָט. **„די רעכט־פאַרטיקייט מיט פילקייט", ווי אין פסוק שטייט** (איוב לז, כג): [שגיא כוח] ומשפט — [ער איז גרויס אין כוח,] און אין גערעכטיקייט און אין פיל רעכטפאַרטיקייט. **„די וואָרהאַפטיקייט מיט פילקייט", ווי אין פסוק שטייט** (איכה ג, כג): חדשים — זיי [2] דיינען ניי איטלעכן פרימאָרגן; פיל איז דיין וואָרהאַפטיקייט. **„די אויסלייזונג מיט פילקייט", ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קל, ז): יחל, ישראל — האָף ישראל, צו גאָט, דען ביי גאָט איז גענאָד, און ביי אים איז פיל אויסלייזונג. **„די ברכה מיט פילקייט", ווי דער פסוק זאָגט** (מלאכי ג, י): והריקותי — און איך וועל אַראָפּגיסן אויף אייך די ברכה עד בלי די, — **וואָס מיינט** עד בלי די? **ביז אייערע ליפּן וועלן** מיד ווערן [3] **צו זאָגן** די, גענוג. **„דער לויב מיט פילקייט", ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים פט, ח): אל נערץ — גאָט איז פיל געאַכפּערט אין דעם באַראַט פון די הייליקע, און פאַרכטיק איבער אַלע דיינע אַרומיקע, **און נאָך שטייט** (דאָרט קד, כד): מה רבו — ווי פיל זיינען דיינע ווערק, גאָט! זיי אַלעמען האָסטו געמאַכט מיט חכמה, די ערד איז פול מיט דיינע באַשאַפונגען [4]. **דער שלום מיט פילקייט, ווי דער פסוק זאָגט**(ישעיה נד, יג): וכל בניך — און אַלע דיינע קינדער' וועלן זיין געלערנטע פון גאָט, און פיל וועט זיין דער שלום פון דיינע קינדער, — **לייען ניט** בניך, דיינע קינדער, **נייערט** בוניך, דיינע בויערס [5].

(תהלים קכב, ד־ט) יהי — זאָל זיין שלום אין דיין מויער, שלווה אין דיינע פּאַלאַצן. פון וועגן מיינע ברידער און חברים לאָמיך רעדן: זאָל זיין שלום אין דיר! פון וועגן דעם הויז פון גאָט אונדזער גאָט וועל איך זוכן דיין גוטס. (דאָרט קכח, ו) וראה — און זאָלסט זען קינדער ביי דיינע קינדער. שלום אויף ישראל! (דאָרט קיט, קסה) שלום רב — פיל שלום איז פאַר די ליבהאָבער פון דיין תורה, און ס'איז ניטאָ פאַר זיי קיין שטרויכלונג. (דאָרט כט, יא) ה' עוז לעמו יתן — גאָט וועט געבן זיין פאָלק שטאַרקייט, גאָט וועט בענטשן זיין פאָלק מיט שלום.

גענדיקט מדרש אסתר רבה בעזרת השם יתברך

„**הצדקה בריבוי**״, **שנאמר** (איוב ל״ז): ומשפט ורב צדקה. „**האמונה בריבוי**״, **שנאמר** (איכה ג׳): חדשים לבקרים, רבה אמונתך. „**הפדות בריבוי**״, **שנאמר** (תהלים ק״ל): יחל ישראל אל ה׳, כי עם ה׳ החסד, והרבה עמו פדות. „**הברכה בריבוי**״, **שנאמר** (מלאכי ג׳): והריקותי לכם ברכה עד בלי די, — **מאי** עד בלי די? **עד שיבלו שפתותיכם לומר** די. „**השבח בריבוי**״, **שנאמר** (תהלים פ״ט): אל נערץ בסוד קדושים רבה, ונורא על כל סביביו, **וכתיב** (שם ק״ד): מה רבו מעשיך, ה׳ כלם בחכמה עשית, מלאה הארץ קניניך. „**השלום בריבוי**״, **שנאמר** (ישעיה נ״ד): וכל בניך למודי ה׳, ורב שלום בניך, — **אל תקרי** בניך, **אלא** בוניך.

(תהלים קכ״ב) יהי שלום בחילך, שלוה בארמנותיך. למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך. למען בית ה׳ אלהינו אבקשה טוב לך. (שם קכ״ח) וראה בנים לבניך, שלום על ישראל. (שם קי״ט) שלום רב לאוהבי תורתך, ואין למו מכשול. (שם כ״ט) ה׳ עוז לעמו יתן, ה׳ יברך את עמו בשלום!

---

**דיינע וואונדערס). — דער נוסח אין** פסיקתא דרב כהנא (פיסקא י) **איז** מנגנייה. [2] **גאָטס חסדים — זע דאָרט דעם פריערדיקן פסוק.** [3] יבלו — בלי. [4] **דער רד״ל וויל צוגעבן אויבן, נאָך** „השבח ברבוי״, המעשה ברבוי, די טואונג, דאָס ווערק מיט פילקייט, **און אויף דעם זאָל זיך דאָ באַציען דער פסוק** מה רבו מעשיך, **און צוזאַמען זאָלן דאָ אויסגערעכנט ווערן צען מידות פון** הקדוש ברוך הוא. [5] **די תלמידי חכמים וואָס פאַרשפּרייטן גאָטס תורה און בויען מיט דעם די יידישע וועלט.**

חסלת מדרש אסתר רבה בעזרת השם יתברך

# מדרש רבה

# רות

תרגום יידיש

שינויי נוסחאות


ביאורים ומבוא מאת | דערקלערונגען און אריינפיר פון

שמשון דונסקי



מאנטרעאל תשכ"ב

# MIDRASH RABBAH

# RUTH

with

**YIDDISH TRANSLATION**

**TEXT EMENDATIONS**

**EXPLANATORY NOTES AND INTRODUCTION**

by

**S. DUNSKY**

שער בלאַט געצייכנט פון

מנחם דונסקי

ארויסגעגעבן פון

**ש. דונסקי מדרש פאָנד**

מיט דער מיטהילף פונעם

**קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס**

Copyright 1962 by S. Dunsky

---

Printed in Canada by

THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.

Montreal, Canada

27

# אַרייַנפיר

## א

דער מדרש רות רבה געהערט צו דער עלטערער גרופּע מדרשים, נאָך בראשית רבה, איכה רבה און ויקרא רבה, און שטאַמט וואַרשיינלעך פון אַרום זעקסטן־זיבעטן יאָרהונדערט. דער איינפיר צו לייענען מגילת רות ביים שבועותדיקן דאַווענען שטאַמט פון גאַנץ אַלטע צייטן [1], און דאָס האָט נאַטירלעכערוויז גאַנץ פּרי משפּיע געווען אויף די בעלי אגדה מסדר צו זיין אַ באַזונדער מדרש אויף דערדאָזיקער מגילה. קלאָר איז, אַז ווען מע האָט מסדר געווען דעם מדרש, איז שוין דער אויבנדערמאָנטער איינפיר געווען אַ פעסטגעשטעלטער, וואָרום די ערשטע פּתיחתא האָט לחלוטין ניט קיין שייכות מיט מגילת רות, נייערט מיטן יום־טוב שבועות: זי איז אינגאַנצן געווידמעט דעם ענין פון מתן תורה און קבלת התורה, און נאָר ביים סוף פּירט זי צו צום ערשטן פּסוק פון רות, ווי ס'איז דער שטייגער פון די פּתיחתאס [2].

סיי אין זיין אינהאַלט, סיי אין זיין צוזאַמענשטעל, איז אונדזער מדרש אַ שאַפונג פון די תלמידי חכמים אין ארץ ישראל. דער מאַטעריאַל איז מערסטנס גענומען פונעם ירושלמי און פון די אויבנדערמאָנטע מדרשים, מיטן צוגאָב מעגלעך פון פּסיקתא דרב כהנא [3], אָבער גאָרניט פון תלמוד בבלי, כאָטש ס'איז זיכער, אַז דער מדרש איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן נאָך דער חתימה פון תלמוד בבלי. און יענע דרשות, וואָס ענלעכע צו זיי געפינען זיך אין בבלי, איז אָדער זיי ווערן געגעבן אינעם נוסח ווי זיי זיינען אין ירושלמי [4], אָדער דער בבלי אַליין ציטירט זיי פון אַן ארץ ישראלדיקער ברייתא [5]. אויך די מעשה וועגן אלישע בן אבויהס אַפּיקורסות [6], ווערט דאָ איבערגעגעבן, מיט קליינע ענדערונגען, לויטן ירושלמי [7], אָבער ניט לויטן בבלי [8], וואו די באַציאונג צום אַפּיקורס איז אַ סך שאַרפער און אויסגעשפּראָכענער איידער אין ירושלמי [9].

---

[1] זע סופרים, הלכה ג און יח. [2] וועגן דעם ענין פּתיחתא זע אַרייַנפיר צו אסתר רבה, באַמערקונג 3. [3] פאַרגלייך, למשל, פּתיחתא א מיט פּסיקתא דרב כהנא אויפן פּסוק אנכי ה' אלהיך (פיסקא בחודש השלישי). [4] ווי, אַ שטייגער, די דרשה אויפן פּסוק הסיר המצנפת והרים העטרה (פּרשה ג, א; זע דאָרט באַמערקונג 9). [5] ווי, אַ שטייגער, די דרשה אויף די פּסוקים פון דברי הימים (פּרשה ב, א־ד), וואָס ענלעכעס געפינט זיך אין בבלי (בבא בתרא צא, ב), און ווערט דאָרט באַצייכנט מיט דתניא (דען מיר האָבן געלערנט), וואָס באַצייכנט געוויינלעך אַ ברייתא. [6] פּרשה ו, ד. [7] חגיגה ב, א. [8] חגיגה טו, א־ב. [9] אין ירושלמי ווערט ער כסדר גערופן אלישע, און נאָר אַ פּאָר מאָל ווערט ער באַצייכנט מיטן צונאָמען אחר (אַן אַנדערער, אַ געביטענער), וואָס קומט אפילו דאַן געפּאָרט מיט אלישע (אַ מאָל אחר — אלישע בן אבויה, און אַ מאָל אלישע — אחר);

דערביי איז אינטערעסאַנט די באַמערקונג פון א. ה. ווייס וועגן דער נעגאַטיווער שטעלונג פונעם בעל המדרש צום בבלי: „און נאָך זאָלסטו וויסן, אַז אין מדרש רות איז פאַראַן אַ דרש אויפן פסוק על הגאולה ועל התמורה, וואָס רעדט האַרבע ווערטער לגנאי דעם תלמוד בבלי, און אין די דרוק אויסגאַבעס האָט מען דעם גאַנצן דרש אַרויסגעלאָזט, און פון דעם קענען מיר וויסן די סיבה, פאַרוואָס דער מסדר פון דעמדאָזיקן מדרש האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף דער אגדה פון די בבלים״[10]. אויך דער אויסדרוק: „דערדאָזיקער דרש איז אונדז געקומען פון גלות״[11] איז אַ קלאָרער אָנווייז, אַז דער מדרש שטאַמט פון ארץ ישראל. אַן אָנווייז אויף דעם איז אויך דאָס אָפטע באַנוצן זיך מיט לאַטײנישע און גריכישע ווערטער.

דער מדרש באַשטייט, אין זיין איצטיקער איינטיילונג[12], פון אַכט פּרשיות מיט אַן אַלגעמיינער פּתיחתא, ווי אין איכה רבה און אסתר רבה, וואָס באַשטייט פון זיבן סימנים, אונטערקאַפּיטלעך. באַזונדערע פּתיחתאָס, כאָטש זיי ווערן אין אַלע אויסגאַבעס ניט אָנגעגעבן ווי אַזעלכע, זיינען אויך די סימנים א־ד פון פרשה ב; א פון פרשה ד[13]; א פון פרשה ו[14]; ה פון פרשה ו[15]; און א און ג פון פרשה ח[16]. ביי דער איינטיילונג פון די סימנים (סובקאַפּיטלעך) האָבן מיר זיך אין אונדזער אויסגאַבע געהאַלטן, מיט קליינע אויסנאַמען[17], אַן דער איינטיילונג פון דער לעצטער ראָם אויסגאַבע, פון יאָר תרצ״ח, כאָטש אין אַנדערע אויסגאַבן איז די איינ־טיילונג אַנדערש.

לויט זיין אינהאַלט געהערט מדרש רות צו די עקזעגעטישע, אויס־טייטשערישע מדרשים, אויסער די פּתיחתאָס, וואָס זיינען לויט זייער כאַראַקטער געוויינלעך האָמילעטיש, בויענדיק זייערע דרשות אויף באַשטימטע טעמעס, אָדער די סימנים א־ד פון פרשה ג, וואָס טראָגן אויך אַ האָמילעטישן כאַראַק־טער. דערביי איז אונדזער מדרש איינער פון די שלמותדיקסטע אין דער הינזיכט: מיטן אויסנאַם פון געציילטע פסוקים, וואָס ווערן ניט ציטירט און ניט דערקלערט[18], גייט דער מדרש נאָך דער מגילה פסוק נאָך פסוק, פון אָנהייב ביזן סוף.

ב

טריי דעם אידילישן כאַראַקטער פון מגילת רות איז אויך אונדזער מדרש אידיליש, געצוימט און איינגעהאַלטן. ניטאָ דאָ דער דראַמאַטישער

---

בעת אין בבלי איז זיין נאָמען כסדר אחר, און נאָר איין מאָל הייסט ער דאָרט אלישע, ווען די זונה וואונדערט זיך אויף אים, ווי קומט ער צו זינדיקן, און זי גיט עס אַ זאָג אחר הוא, ס׳איז אַן אַנדערער, און אַזוי בלייבט זיין נאָמען (אין רות רבה ווערט דערדאָזיקער צונאָמען אינגאַנצן ניט דערמאָנט). [10] דור דור ודורשיו ג, 274. [11] פתיחתא ז. [12] זע צונץ, הדרשות בישראל, 130, וועגן דער אָריגינעלער איינטיילונג פון די פּרשות. [13] צוויי פּתיחתאָס, זע דאָרט באַמערקונג 12. [14] אויך צוויי פּתיחתאָס, זע דאָרטן באַמערקונגען 9 און 14. [15] זע דאָרט באַמערקונג 1. [16] זע דאָרט ג, באַמערקונג 1. — די סימנים א־ג פון פרשה ג און דער סימן א פון פרשה ה, וואָס קוקן אין פלוג אויס ווי פּתיחתאָס, זיינען אין דער אמתן, לויטן אינהאַלט, חתימות, אָפּשלוסן, צו די פריערדיקע פּרשיות (זע דאָרטן, באַמערקונגען 1). [17] זע באַמערקונג 1 צו ד, ו, באַמערקונג 1 צו ו, [ה], און באַמערקונג 1 צו ח, ב; זע אויך באַמערקונג 4 צו פתיחתא ה. [18] פון פרק ב פעלט

און אויפטרייסלענדיק דערשיטערנדיקער פּאַטאָס פון איכה רבה, אָדער פון באַשטימטע עלעמענטן אין אסתר רבה. דער פּאַטאָס וואָס איז דאָ יאָ פאַראַן איז אַ געצוימטער, אַ צוריקגעהאַלטענער. אפילו די טיפע טראַגעדיע פון אלישע בן אבויה, דעם אָפּטריניקן [19], ווערט דאָ געגעבן אין די ראַמען פון שטילע, כאָטש טיף טראַגישע, יחידישע איבערלעבונגען, אינגאַנצן ניט אָנרירנדיק דערביי דעם נאַציאָנאַל-געזעלשאַפטלעכן אַספּעקט, די אויפ־רודערונג וואָס די געשעעניש האָט זיכער אַרויסגערופן אינעם יידישן לעבן.

דערפאַר אָבער איז דאָ פאַראַן אַ פיינע פאַרטיפונג אין די כאַראַקטערן פון דער מגילה, פיינע פסיכאָלאָגישע אַריינטראַכטונגען אין דער נשמה פון אירע העלדן און אין די אומשטענדן פון זייערע לעבנס. דער בעל המדרש באַמיט זיך אַריינצובליקן אין דער היסטאָרישער תקופה פון די שופטים, ווען רות האָט געלעבט, און זיך צו פאַרטיפן אין די באַדינגונגען און אינעם שטייגער לעבן פון יענער צייט. און צוביסלעך ווערט געשאַפן אַ בילד פונעם דעמאָלסטיקן מצב ביי יידן אויף פאַרשיידענע געביטן פונעם לעבן. דאָסדאָזיקע בילד ווערט, טריי צו דער איינשטעלונג פון די בעלי המדרש בכלל, געמאָלן אויף דער קאַנווע פון די רעליגיעז-עטישע פאָדע־רונגען פון תנ״ך. זעען מיר, ווי דאָס יונגע פאָלק ישראל איז אין זיין גייסטיקן לעבן נאָך ניט גרייט צו נעמען אויף זיך דעם שווערן יאָך פון דער ערשט ניט לאַנג אויפגעקומענער סיני-יידישקייט. ס׳הערשט אין לעבן אַ רעליגיעזער סינקרעטיזם, אַ געמיש פון אמונות און צערעמאָניאַלן, און דער גייסט פון עכטער יידישקייט ווערט אָפּגעשוואַכט. זאָגט דער בעל המדרש אויפן פסוק ונפשו רמיה תרעב (פתיחתא ב): „איבער דעם וואָס זיי פלעגן ליגנערן צו הקדוש ברוך הוא, — טייל פלעגן דינען דער עבודה זרה און טייל פלעגן דינען הקדוש ברוך הוא, האָט זיי הקדוש ברוך הוא אויסגעהונגערט פון רוח הקודש״. און ניט בעסער איז עס געווען אויפן סאָציאַלן געביט. דער הונגער וואָס איז געקומען אין יענער צייט איז געווען אַ שטראָף אויך פאַר סאָציאַל-עטישע חטאים. דען געווען איז עס אַ דור פון פאַלשער וואָג און מאָס, און פון ניט האָבן קיין דרך ארץ פאַר די פירער און שופטים, וואָס זיינען אָפּט געווען ניט בעסער פון די געפירטע און געמשפטע: „ווי איז דעם דור, וואָס משפט זיינע ריכטער; און ווי איז דעם דור, וואָס זיינע ריכטער דאַרפן געמשפט ווערן״ [20]. און דער בעל המדרש גיט אפילו ביישפילן פון אַזעלכע ריכטער, אַ שטייגער גדעון, וואָס האָט אַליין „געדינט דער עבודה זרה״, און שמשון, וואָס „איז נאָכגעגאַנגען זיינע אויגן״ [21].

איינע פון די סיבות פון דער עטיש-רעליגיעזער ירידה אין דער צייט פון די שופטים איז לויטן בעל המדרש געווען דער געוואַלדיקער אייפער מיט וועלכן די יידן האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער אויפגאַבע פון באַזעצן און באַבויען דאָס ערשט דעראָבערטע לאַנד: „אין יענער צייט איז ארץ ישראל צעטיילט געוואָרן, און דאָס צעטיילן איז זיי געווען איבער-ליב.

זיינען די יידן געווען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט: דער עסקט זיך מיט זיין פעלד און דער עסקט זיך מיט זיין ווייַנגאָרטן, און דער עסקט זיך מיט זיינע איילבירטביימער, און דער עסקט זיך מיט זיין באַלקן״. אַזוי ווייט האָבן זיי זיך פאַררעשט יעדערער מיט זיין באַלעבאַטישקייט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן צו טאָן „דעם לעצטן חסד מיט יהושען״, — ניט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד דעם ערשט פאַרשטאָרבענעם פירער, וואָס האָט זיי געבראַכט אל המנוחה ואל הנחלה [22].

און אַזוי ווערן אין גייסט פון נביאישער עטיק אָפּגעשאַצט אויך די אינדיווידועלע כאַראַקטערן פון דער מגילה. די דרשות וועגן די נעמען פון די העלדן זיינען ניט סתם קיין ווערטשפּילן. דאָס זיינען ערנסטע פּרואוון זיך צו פאַרטראַכטן אויפן באַזיס פון זייערע האַנדלונגען וועגן זייערע כאַראַקטערן און זייער לעבנס גורל. אלימלך דער פאַרריסענער אפרתי, וואָס טרוימט וועגן טראָן און מלכות (זיין נאָמען באַדייט אלי מלך: „צו מיר וועט קומען דאָס מלכות״ [23]), באַקומט זיין פאַרדינטע שטראָף פאַר פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע אָרימע מיטמענטשן אין צייט פון הונגער [24]. און ווי צום שלעכטן, אַזוי צום גוטן, ווייל אַ וועלט איז ניט הפקר, ס׳איז דאָ אַ דין און אַ דיין. רות, וואָס ווערט געשילדערט מיט אַזוי פיל צאַרטער ליבשאַפט, ווי דער סימבאָל פון אידעאַליסטישער איבערגעבנקייט און צניעותדיקער פיינקייט, ווערט פאַר אירע מעשים טובים באַלוינט, אַז פון איר זאָלן אַרויסקומען זעקס צדיקים, אַנהויבנדיק מיט דודן און ענדיקנדיק מיט משיחן [25]. (דערביי איז כדאי צו באַמערקן אַ שטריך פון דער אַלזייטיקייט פונעם בעל המדרש: ניט קוקנדיק אויף זיין אידעאַליזירנדיקער באַציאונג צו רותן, האַלט ער זיך דאָך ניט צוריק פון ברענגען צוויי נעגאַטיווע מימראס פון אַ פאַר־טיפטן פסיכאָלאָגישן כאַראַקטער. לויט איין מימרא זאָגט דער יונג צו בועזן: „אַ מואבישע איז זי, און דו זאָגסט, איר פירונג איז שיין און ליבלעך! נייערט איר האַרינטע האָט זי אויסגעאיידלט״ [26]. און אַ צווייטע מימרא ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ חנין בר לוי: ער האָט געזאָגט: „און אַזוי זאָלסטו זיך האַלטן מיט מיינע מיידלעך״, און זי האָט געזאָגט: „מיט די יונגען וואָס ביי מיר! [27] — זי קאָן נאָך אַלץ, הייסט עס, ניט פאַר־לאָזן אירע מואבישע גענג). און אפילו ערפּה (געטייטשט לויט ערף, נאַקן, „ווייל זי האָט אומגעדרייט איר נאַקן צו איר שוויגער״ [28]), וואָס דער בעל המדרש ווייס צו דערציילן וועגן איר גאָרניט קיין שיינע מעשים נאָך איר פאַרלאָזן נעמין [29], אפילו זי ווערט באַלוינט מיט פיר זין גיבורים אין זכות פון איר באַגלייטן דער שוויגער פיר מייל [30]. אויך עגלון, דער

---

פּסוק כב און פון פּרק ד — די פּסוקים ט, י, טז און יז. פּסוק ו פון פּרק ד ווערט ציטירט „באַהאַלטענערהייד״ אין די ווערטער פונעם אויסלייזער: ס׳איז קלאָר, רות איז אַוועק פון מיר (ז, ט). [19] ו, ד. [20] א, א. [21] א, ב. [22] פּתיחתא ב. [23] ב, ה. [24] א, סוף סימן ד. [25] ז, ב. [26] ד, סוף סימן ו. [27] ה, יא. [28] ב, ט. [29] ב, כ. [30] דאָרט. לויט אַן אַנדער ווערסיע דאָרט האָט גלית הפלשתי, איר זון, אויסגעהאַלטן גאַנצע

פאַטער פון רות און ערפה, האָט בזכות דעם וואָס ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ווען אהוד האָט דערמאָנט גאָטס נאָמען, זוכה געווען, אַז פון אים זאָל, דורך רותן, אַרויסקומען אַ מלך וואָס וועט זיצן אויף גאָטס שטול [31].

אָבער צוזאַמען מיט דעם פאַרגעסט ניט דער בעל המדרש די צייט אין וועלכער ער לעבט. דער בעל המדרש שטייט מיטביידע פיס אויף דער רעאַלער ערד, און די פאַרשיידענע פראָבלעמען פון לעבן, יחידישע און נאַציאָנאַלע, זיינען אים נאָענט און אייגן; און אויף זיין אופן, אַמאָל מיט דער הילף פון אַ פסוק, אַ מאָל מיט אַ פאָלקס ווערטל אָדער פאָלקס מעשה, רעאַגירט ער אויף דידאָזיקע פראָבלעמען. און אויב אונדז דוכט זיך אַ מאָל, אַז אַ געגעבענער טייטש אויף אַ פסוק, אָדער אַ דערציילטע מעשה, האָט מיטן אַקטועלן לעבן קיין שייכות ניט, איז עס נאָר מחמת ניט אַלע דערשיינונגען און פראָבלעמען פון יענע צייטן זיינען אונדז גענוי באַקאַנט.

שפּירט זיך טאַקע זייער אָפט אין טעקסט דער לעבעדיקער אָטעם פון דעם בעל דרשנס אייגענער תקופה. ווען נעמי, אַ שטייגער, פּרוּווט אָפּרעדן רותן פון מגייר זיין זיך, זאָגט זי איר: „טאָכטער מיינע, ס'איז ניט דער שטייגער פון יידישע טעכטער צו גיין אין גויאישע שפּילהייזער און צירקן" [32]. אָדער די דרשה אויפן פסוק הפכפך דרך איש: דאָס איז עשו הרשע, וואָס רק ער דרייט זיך אום און קומט אויף ישראל מיט גזרות: „איר האָט געגנבעט!" „מיר האָבן ניט געגנבעט". „איר האָט געהרגעט!" „מיר האָבן ניט געהרגעט". „האָסט ניט געגנבעט? זאָג, ווער נאָך האָט מיט דיר געגנבעט? האָסט ניט געהרגעט? זאָג, ווער נאָך האָט מיט דיר געהרגעט?" און ער פאַרטראַכט אויף זיי און באַשטראָפט זיי: „ברענג דיין תבואה־שטייער, ברענג דיין קאָפּ־שטייער, ברענג דיין מלוכה־שטייער" [33]. דאָ קומט צום אויסדרוק דער אופן, ווי די רוימיש־ביזאַנטישע הערשער (עשו הרשע) פלעגן טיראַניזירן און רודפן די יידן.

פון אַ באַזונדער אינטערעס איז די דרשה „וילך איש — און אַוועק איז אַ מאַן — אַ פּיגן? נייערט קום און זע מיט וויפיל איז דאָס אַריינקומען קיין ארץ ישראל מער באַליבט ביי הקדוש ברוך הוא איידער דאָס אַרויסגיין פון דאָרט!" [34] דער בעל המדרש האָט געלעבט אין שווערע צייטן פאַר יידן אין ארץ ישראל. די קריסטלעך ביזאַנטישע מלוכה האָט געהאַלטן אין איין אַרויפלייגן נייע גזרות אויף די דאָרטיקע יידן, און דידאָזיקע גזרות, מיט די שווערע צינזן און מיט דער פאַראַרימטקייט וואָס זיי האָבן געבראַכט, האָבן גורם געווען צו אַ גרויסער אויסוואַנדערונג פונעם לאַנד. די גייסטיקע פירער פונעם פאָלק האָבן געקוקט אויף דעם מיט גרויס זאָרג, און זיי האָבן געזוכט מיט אַלע מיטלען אויפצוהאַלטן דעם יידישן ישוב אין לאַנד. טרעט אַרויס דער בעל דרשן זייער שאַרף קעגן יענע וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און מיט דער הילף פון דעמדאָזיקן פסוק זוכט ער צו באַווייזן דעם עולם, אַז פאַרלאָזן ארץ ישראל איז אַ חטא, און ער גייט אַזוי ווייט ווי צו זאָגן, אַז מחלון או כליונס פאַרלאָזן דאָס לאַנד איז

אַזוי ווי זיי וואָלטן די תורה פאַרבערענט [35], און אַז דערדאָזיקער חטא שטייט אויף דערזעלבער מדרגה ווי זייער חתונה האָבן מיט די מואבישע טעכטער [36].

גרויס ליבשאַפט ווייזט אַרויס דער בעל המדרש צו דוד המלך און צו דודס הויז. אויב ס׳איז נאָך אַ פראַגע, צי דער הויפּט מאָטיוו פון מגילת רות איז, ווי אַנדערע מיינען, דודס יחוס בריוו, איז אָבער קלאָר, אַז אין מדרש רות פאַרנעמט דוד, דירעקט און אומדירעקט, דעם צענטראַלן אָרט. וואַרשיינלעך קומען אויך אין דער הינזיכט צום אויסדרוק די היסטאָרישע אומשטענדן פון דער צייט פון די בעלי אגדה. נאָכן צווייטן חורבן האָבן זיך יידן מיט אַלע כוחות געקלאַמערט אָן דעם שאָטן פון נאַציאָנאַלער פרייהייט און זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס די רוימישע ממשלה, און ביז אַ צייט אויך די ביזאַנטישע, האָט זיי איבערגעלאָזט, — דער סנהדרין און דער אַמט פון נשיא, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון דודס הויז. זוכן די חכמים מיט אַלע מעגלעכקייטן באַליבט צו מאַכן ביים פאָלק דעמדאָזיקן רעשטל פון דודס הויז. מעגלעך, אַז קעגנער פון די נשיאים פלעגן זיי פאָרוואַרפן, אַז זייער שטאַם־פאָטער איז אַרויסגעקומען פון פסולן יחוס, פון דער מואבישער טאָכטער רות. באַמיען זיך די בעלי אגדה מיט אַלע כוחות אַראָפּצונעמען פון דערדאָזיקער משפחה יעדן שמץ פון אַ פסול, און ווידער און אָבער ווערט אין מדרש געבראַכט דער דרש, אַז דער פאַרבאָט פאַר אַן עמוני און אַ מואבי אַריינצוקומען אין גאָטס עדה באַציט זיך נאָר אויף מאַנסלייט, אָבער ניט אויף פרויען [37]. און פון דער צווייטער זייט ווערט אַרויסגעבראַכט די אידעאַליסטישע פּערזענלעכקייט פון דודס שטאַם־מוטער אין די רייכסטע און ליכטיקסטע קאָלירן, באַזונדערס אין יענעם פאַטאָספולן מאָמענט, ווען נעמי האַלט איר אין אײַין אָפּשרעקן פון וועגן דער שווערקייט פון אָננעמען יידישקייט, און זי, רות, נעמט אויף זיך די אַלע שוועריקייטן און חומרות מיט פולער גרייטקייט, מיט גרויס ליבשאַפט און איבערגעבנקייט [38]. און דער מסדר פונעם מדרש, וואָס האָט געלעבט שוין נאָכדעם ווי די פאַנאַטישע קריסטלעכע הערשער האָבן ליקווידירט דעם סנהדרין און אָפּגעשאַפן דאָס נשיאות [39], דריקט באַזונדערס אויס זיין בענקשאַפט נאָך דער אַמאָליקער גלאָריע פון דודס הויז אין פרשה ח [40], וואו ער ציטירט מאמרים וואָס ווישן אַראָפּ מיט גרויס אייפער דעם לעצטן שאָטן פון דודס שטאַם, און ער פאַרענדיקט מיטן משל וועגן דעם מלך, וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פון אָרט, ביז ער האָט ניט געפונען זיין פאַרלאָרענעם פּערל, וואָס דער נמשל זיינער איז, אַז דוד איז גאָטס געפונענער פּערל. און די שלוס פראַזע פונעם ספר איז דער פריידיקער אויסרוף פון גאָט כביכול אַליין: מצאתי דוד עבדי — איך האָב געפונען דוד מיין קנעכט! — אַן אויסרוף וואָס קלינגט

---

פּערציק טעג קעגן די יידן אין זכות פון די פערציק טריט וואָס זי איז מיטגעגאַנגען מיט נעמין. [31] ב, ט. [32] ב, כב. [33] פתיחתא ג. [34] א, ה. [35] ב, ד און זע דאָרט באַמערקונג 3. [36] דאָרט. [37] עמוני ולא עמונית, מואבי ולא מואבית, — גאַנצע זיבן מאָל: ב, ט ; ז, א (דריי מאָל) ; ז, ו ; ז, ז ; ז. י. [38] ב, כב־כד. [39] אין יאָר 429.

**אָפּ ניט נאָר מיט גרויס ליבשאַפט צו דעם דוד פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נייערט אויך, און אפשר בעיקר מיט פאַרבענקטער האָפנונג און דערוואַרטונג אויף זיין אור־אור־אייניקל פון דער ווייטער צוקונפט, אויפן בן־דוד, דעם פילגעגאַרטן מלך המשיח, וואָס וועט קומען און ברענגען דעם פאָלק ישראל די ענדגילטיקע און שלמותדיקע גאולה[41].**

שמשון דונסקי

---

[40] זע דאָרט סימן ג, באַמערקונג 1. [41] וועגן די שינויי נוסחאות אינעם טעקסט און וועגן דעם לשון פון דער איבערזעצונג זע אַריינפיר צו אסתר רבה, ה. וועגן אַנדערע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיט אונדזערע מדרש אויסגאַבן זע די באַמערקונגען צום סוף פונעם אַריינפיר צו אונדזער איכה רבה אויסגאַבע, זייט טז.

# די פתיחתא פון רות רבה

## א

(א, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג, ווען די שופטים האָבן געמשפּט.

ר׳ יוחנן האָט אָנגעהייבן [1] [זיין דרשה] און געזאָגט (תהלים נ, ז): שמעה, עמי, ואדברה — הער, מיין פאָלק, און איך וועל רעדן; [ישראל, און איך וועל דיך וואָרענען], האָט ר׳ יוחנן [אויף דעם] געזאָגט: מע וואָרנט ניט קיינעם, סיידן יענער הערט [2]. ר׳ יודן דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט [אויף דעם]: פריער פלעגט מען רופן ישראל [מיטן נאָמען], ווי אַלע אַנדערע אומות (בראשית י, ז): סבתה, און רעמה און סבתכא; פון איצט און ווייטער [3] ווערן זיי ניט אַנדערש גערופן, נייערט עמי, מיין פאָלק: שמעה, עמי, — הער מיין פאָלק, און איך וועל רעדן; פון ווען אָן האָט איר זוכה געווען, אַז איר זאָלט גערופן ווערן מיין פאָלק? פון ואדברה, פון דעם וואָס איר האָט גערעדט פאַר מיר ביים סיני און איר האָט געזאָגט (שמות כד, ז): כל אשר — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן [4].

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: הער, מיין פאָלק [באַציט זיך] אויפן פריער־דיקן [5], און איך וועל רעדן — אויף דעם וואָס דאַרף ערשט קומען. הער, מיין פאָלק [באַציט זיך] אויף דער וועלט, און איך וועל רעדן — אויף יענער וועלט, כדי איך זאָל האָבן אַ פּתחון פּה פאַר די שרים [6] פון די אומות העולם, דען זיי זיינען אָנגעברייט מלמד חוב צו זיין פאַר מיר אויף זיי און זאָגן: „האַר פון די וועלטן! די דינען צו דער עבודה זרה און די דינען צו דער עבודה זרה, די האָבן עובר געווען אויף גילוי עריות [7] און די האָבן עובר געווען אויף גילוי עריות, די האָבן בלוט פאַרגאָסן און די האָבן בלוט פאַרגאָסן [8], — גייען די אין גן־עדן און די נידערן אין גיהנום?״ דעמאָלט

א. [1] זע באַמערקונג 1 צו פּתיחתא א פון אסתר רבה. [2] נאָר ווען יענער איז דאָ דערביי, און אַזוי האָט גאָט געטאָן: כדי צו וואָרענען און אָנזאָגן די יידן, האָט ער זיי געבראַכט צום באַרג סיני. — פון אַלטע צייטן אָן איז דער מנהג צו לייענען רות אום שבועות (זע מסכתא סופרים יד, ג און יח), און דעריבער איז די פּתיחתא א געווידמעט מתן תורה. [3] זינט מתן תורה. [4] ואדברה ווערט דאָ געטייטשט ווי אַן עבר, — און איך האָב גערעדט, און עס באַציט זיך אויף גאָטס ווערטער פאַר מתן תורה (שמות יט, ה): ועתה — און אַצינד, אויב איר וועט זיך צוהערן צו מיין קול — — — וועט איר זיין מיין אייגנס צווישן אַלע אומות, און אויף דעם האָט ישראל געענטפערט נעשה ונשמע, און מיט דעם זיינען זיי געוואָרן גאָטס פאָלק (מהרז״ו). [5] אויף די געבאָטן וואָס זיינען שוין געגעבן געוואָרן. [6] האַרן, —יעדע אומה האָט אַ שר אין הימל, אַ מלאך, זי צו פאַר־טיידיקן. [7] אינטימער פאַרקער צווישן נאָענטע משפּחה מענטשן. [8] ד״ה: די יידן האָבן

# פתיחתא דרות רבה

## א

(א, א) ויהי בימי שפוט השופטים.

ר׳ יוחנן פתח ואמר (תהלים נ׳): שמעה, עמי, ואדברה, — אמר ר׳ יוחנן: אין מעידין אלא בשומע. ר׳ יודן ברבי סימון אמר: לשעבר היו קרויין ישראל כשאר כל האומות: סבתה ורעמה וסבתכא; מכאן ואילך אין נקראין אלא עמי: שמעה, עמי, ואדברה; מאין זכיתם, שתקראו עמי? מואדברה, ממה שדברתם לפני בסיני ואמרתם (שמות כ״ד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע.

אמר ר׳ יוחנן: שמעה עמי, — לשעבר, ואדברה — לעתיד לבא. שמעה, עמי — בעולם הזה, ואדברה — בעולם הבא, כדי שיהיה לי פתחון פה בפני שרי אומות העולם, שעתידין לקטרגם לפני ולומר: „רבון העולמים! אלו עובדין עבודת כוכבים ואלו עובדין עבודת כוכבים, אלו גלו עריות ואלו גלו עריות, אלו שפכו דמים ואלו שפכו דמים, — אלו יורדין לגן עדן ואלו יורדין לגיהנם?״ אותה שעה סניגורן של ישראל משתתק. הדא היא דתימא (דניאל י״ב): ובעת ההיא יעמד מיכאל, — וכי יש ישיבה למעלה? והא אמר ר׳ חנינא: אין ישיבה למעלה, דכתיב (שם ז׳): קרבת על חד מן קאמיא, — מהו דין לשון קאמיא? קיימא, דכתיב (ישעיהו ו׳): שרפים עומדים ממעל לו, וכתיב (דברי הימים ב, י״ח): וכל צבא

---

וועט דער סניגור [9] פון ישראל שטיל בלייבן. דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (דניאל יב, א): ובעת ההיא — און אין יענער צייט וועט אויפשטיין מיכאל, דער גרויסער שר, — אָבער איז דען פאַראַן אויבן אַ זיצן? האָט דאָך ר׳ חנינא געזאָגט: אויבן איז קיין זיצן ניטאָ, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ז, טז): קרבת — איך האָב גענענט צו איינעם פון די קאמיא, — וואָס מיינט דאָס לשון קאמיא? די שטייענדיקע [10], ווי אין פסוק שטייט (ישעיה ו, ב): שרפים עומדים — שרפים שטייען איבער אים; און נאָך שטייט (דברי הימים ב,

יח, יח): וכל — און אַלע הערשאַפטן פון הימל שטייען אויף זיין רעכטער זייט און אויף זיין לינקער, און דו זאָגסט יעמד — ער וועט אויפשטיין! [נייערט] וואָס מיינט יעמד? ער וועט שטיל בלייבן, ווי דער פסוק זאָגט (איוב לב, טז): והוחלתי — זאָל איך וואַרטן, ווייל זיי רעדן ניט? ווייל זיי זיינען געבליבן שטיין און ניט געענטפערט מער? האָט אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „דו ביסט שטיל געבליבן, און דו ביסט ניט מלמד זכות אויף מיינע קינדער? [איך שווער] ביי דיין לעבן, אַז איך וועל רעדן מיט רעכטפאַרטיקייט[11] און העלפן מיינע קינדער". מיט וואָסער רעכטפאַרטיקייט? [זאָגט וועגן דעם] ר' אלעזר[12] און ר' יוחנן. איינער האָט געזאָגט: „מיט דער רעכטפאַרטיקייט וואָס איר האָט געטאָן מיט מיין וועלט, וואָס איר האָט מקבל געווען מיין תורה; דען וואָלט איר ניט מקבל געווען מיין תורה, וואָלט איך זי אומגעקערט צו תוהו ובוהו". דען רב הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אחאן: [אין פסוק שטייט] (תהלים עה, ד): נמוגים — עס צעגייט די ערד און אַלע אירע באַוואוינער, — די וועלט וואָלט שוין געהאַט צעגאַנגען, ווען ניט וואָס ישראל האָט זיך געשטעלט פאַרן באַרג סיני; און ווער האָט באַפעסטיקט די ערד? אנכי — איך האָב באַפעסטיקט אירע זיילן, אין זכות פון „אנכי"[13] האָב איך באַפעסטיקט אירע זיילן אויף אייביק. און איינער האָט געזאָגט: מיט דער רעכטפאַרטיקייט וואָס איר האָט געטאָן מיט זיך אַליין, מיט דעם וואָס איר האָט מקבל געווען מיין תורה, דען ווען ניט דאָס, וואָלט איך אייך אומגעבראַכט פון צווישן די פעלקער.

(דאָרט ו, ז): אלהים — גאָט דיין גאָט בין איך, — ר' יוחנן האָט געזאָגט: דיין שופט[14] בין איך און דיין באַשיצער[15]. און ריש לקיש האָט געזאָגט: „כאָטש איך בין דיין באַשיצער, אָבער וואָס קאָן אַ באַשיצער העלפן ביים משפט?"[16] ר' שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: „איך בין גאָט פאַר אַלעמען אויף דער וועלט, אָבער מיין נאָמען האָב איך ניט געאייניקט, נייערט אויף מיין פאָלק ישראל, — איך ווער ניט גערופן דער גאָט פון אַלע אומות, נייערט דער גאָט פון ישראל: גאָט — דיין גאָט בין איך.

ר' יודן האָט באַשיידט דעם פסוק אויף משהן. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משהן: „כאָטש איך האָב דיך אָנגערופן (שמות ז, א) אַ גאָט פאַר פרעהן, אָבער דיין גאָט בין איך, איך בין איבער דיר". ר' אבא בר יודן האָט באַשיידט דעם פסוק אויף ישראל: „כאָטש איך האָב אייך אָנגערופן געטער, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פב, ו): אני אמרתי — איך האָב געזאָגט: געטער זענט איר, [אָבער] דיין גאָט בין איך, זייט וויסן, אַז איך בין איבער אייך". די רבנן באַשיידן דעם פסוק אויף די שופטים: „כאָטש איך האָב אייך אָנגערופן גאָט, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כב, כז): אלהים — גאָט זאָלסטו ניט שילטן[17], זייט וויסן, אַז איך בין איבער אייך".

השמים עומדים על ימינו ושמאלו, — ואתה אומר יעמד! מהו יעמד? משתתק, כמד״א (איוב ל״ב): והוחלתי, כי לא ידברו? כי עמדו ולא ענו עוד? אמר לו הקב״ה: „נשתתקת ואין אתה מלמד סניגוריא על בני? חייך, שאני מדבר בצדקה ומושיע את בני.״ באיזו צדקה? ר׳ אלעזר ור׳ יוחנן. חד אמר: בצדקה שעשיתם את עולמי, על שקבלתם את תורתי; שאלו לא קבלתם את תורתי, הייתי מחזיר אותו לתהו ובהו. דאמר ר׳ הונא בשם ר׳ אחא, (תהלים ע״ה): נמוגים ארץ וכל יושביה, — כבר היה העולם מתמוגג והולך, אלולי שעמדו ישראל לפני הר סיני; ומי בסס את העולם? אנכי תכנתי עמודיה סלה, בזכות „אנכי״ תכנתי עמודיה סלה. וחד אמר: בצדקה שעשיתם את עצמכם על שקבלתם את תורתי; שאלולי כן, הייתי מכלה אתכם מן העמים.

אלהים אלהיך אנכי, — ר׳ יוחנן אמר: (דייך אני פטרונך) [דיינך אני ופטרונך]. וריש לקיש אמר: אף על פי שאני פטרונך, — מה פטרונא מהני בדינא? תאני ר׳ שמעון בן יוחאי: אלהים אנכי לכל באי עולם, ולא ייחדתי שמי אלא על עמי ישראל, — אין אני נקרא אלהי כל האומות, אלא אלהי ישראל: אלהים אלהיך אנכי.

ר׳ יודן פתר קרייא במשה. אמר הקב״ה למשה: „אף על פי שקראתי אותך אלהים לפרעה, אלהיך אנכי, אני על גבך. ר׳ אבא בר יודן פתר קרייא בישראל: „אף על פי שקראתי אתכם אלהים, שנאמר (שם פ״ב): אני אמרתי: אלהים אתם, — אלהיך אנכי, דעו, שאנכי על גביכם. רבנן פתרי קרייא בדיינים: אף על פי שקראתי אתכם אלהים, שנאמר (שמות כ״ב): אלהים

---

געזינדיקט ווי די ניט יידן. [9] דער פּאַרטיידיקער, מיכאל, דער שר פון ישראל. [10] דער בעל המדרש דערקלערט דאָ איין אַראַמיש וואָרט מיט אַ צווייטן. [11] ישעיה סג, א, און ווייטער אין פסוק שטייט: ואביט — און איך האָב מיך אומגעקוקט, און ס׳איז ניטאָ קיין העלפער (רש״ש). [12] מסתמא ר׳ אלעזר בן פדת, ר׳ יוחננס תלמיד. ס׳איז נאָר אַ חידוש, וואָס דעם תלמידס נאָמען ווערט געבראַכט פאַרן רבינס. און אפשר דאַרף דאָ אָנשטאָט ר׳ אלעזר זיין ריש לקיש, דען אין אַ צאָל ערטער ווערט דער ערשטער פון די צוויי ווייטערדיקע מאמרים געבראַכט אין זיין נאָמען (זע בבלי, עבודה זרה ג, א; ילקוט תהלים, תתיא). [13] בזכות דעם וואָס ישראל האָט מקבל געווען די עשרת הדברות, וואָס הייבן זיך אָן מיטן וואָרט אנכי. [14] אלהים איז די באַצייכנונג פאַרן מידת הדין. [15] עמענדירט לויט פסיקתא דרב כהנא יב, און לויט ילקוט תהלים תשס. — די דרשה איז געבויט אויף דער טאָפּלונג פונעם אויסדרוק: אלהים אלהיך, גאָט דיין גאָט. [16] און איבער דעם קומט די וואָרנונג, ווי אויבן: הער מיין פאָלק, און איך וועל דיך וואָרענען. [17] און דער פסוק ווערט געטייטשט אויף די ריכטער (זע אונקלוס און די מפרשים).

און ווידער אַמאָל האָט ער געזאָגט צו ישראל: „איך האָב אָפּגעגעבן כבוד די שופטים און זיי אָנגערופן גאָט, און זיי [18] זיינען זיי מבזה, — ווי איז דעם דור וואָס משפט זיינע שופטים!"

ב

ויהי — און עס איז געווען אין די טעג, ווען די שופטים האָבן געמשפּט.

(משלי יט, טו) עצלה — פוילקייט וואַרפט אָן אַ טיפן שלאָף. [אַ טיפער שלאָף איז אָנגעפאַלן אויף ישראל] [1] איבער דעם וואָס זיי האָבן זיך געפוילט צו טאָן דעם לעצטן חסד [2] מיט יהושען. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (יהושע כד, ל): ויקברו אותו — און זיי האָבן אים באַגראָבן אין דעם גבול פון זיין נחלה — — — אין צפון זייט פון באַרג געש. ר' ברכיה האָט געזאָגט: מיר האָבן נאָכגעזוכט אין גאַנץ תנ"ך, און מיר האָבן ניט געפונען קיין אָרט מיטן נאָמען [באַרג] [3] געש. טאָ וואָס מיינט באַרג געש? [ס'מיינט] אַז ישראל האָט זיך צופיל פאַררעשט [4] און ניט געטאָן דעם לעצטן חסד מיט יהושען. אין יענער צייט איז ארץ ישראל צעטיילט געוואָרן, און דאָס צעטיילן איז זיי געווען איבער־ליב. זיינען די יידן געווען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט: דער עוסקט זיך מיט זיין פעלד און דער עוסקט זיך מיט זיין וויינגאָרטן, און דער עוסקט זיך מיט זיינע אײלבירטביימער, און דער עוסקט זיך מיט זיין באַלקן [5]. האָבן זיי זיך פאַררעשט, און ניט געטאָן דעם לעצטן חסד מיט יהושען, און הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט אויפשטורעמען די גאַנצע וועלט מיט אירע באַוואוינער, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים יח, ח): ותגעש — און געטרייסלט און געוואַקלט האָט זיך די ערד [6]. (משלי דאָרט) ונפש רמיה — און אַ ליגנערישער נפש וועט הונגערן — איבער דעם וואָס זיי פלעגן ליגנערן צו הקדוש ברוך הוא, — טייל פלעגן דינען דער עבודה זרה [און טייל פלעגן דינען הקדוש ברוך הוא] [7], האָט זיי דעריבער הקדוש ברוך הוא אויסגעהונגערט פון רוח הקודש, ווי אין פּסוק שטייט (שמואל א, ג, א): ודבר ה' — און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען זעלטן אין יענע טעג.

אַן אַנדער פּשט: עצלה — פוילקייט וואַרפט אָן אַ טיפן שלאָף, איבער דעם וואָס ישראל האָט זיך געפוילט תשובה צו טאָן אין די טעג פון אליהון, איז אָנגעפאַלן אַ טיפער שלאָף, — האָט זיך געמערט נבואה [8]. האָט זיך

---

[18] די יידן אין דער צייט פון די שופטים.

ב. [1] ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון זיי דער רוח הקודש, ווי ווייטער. [2] דעם חסד של אמת, דאָס אָפּגעבן געהעריקן כבוד אַ מת. [3] צוגעגעבן לויט מדרש תהלים כג און לויט ילקוט משלי יט (זע רש"ש און מהרז"ו). [4] געש מיינט רעשן. שטורעמען (על ידי, דורך, איז דאָ איבעריק, און מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזן). [5] עמענדירט לויט שבת פּב, ב. אין קוהלת רבה ז, ד און אין ילקוט איז דער נוסח בפּחמו, מיט זיינע קוילן, אָדער בתחומו, מיט זיין גרעניץ (דער מאמר: „לפרש — צו דערקלערן [דעם פּסוק] און אַ ליגנערישער נפש וועט הונגערן" איז דאָ אַריין, ווייזט אויס, מיט אַ טעות פון ווייטער, און מיר האָבן אים אַרויסגעלאָזט אין איינקלאַנג מיטן רד"ל און מהרז"ו). [6] לויט דעם האָט דער באַרג געש צוויי באַדייטונגען: דאָס אָרט וואו ישראל האָט זיך צופיל פאַררעשט און וואו גאָט האָט געוואָלט ברענגען אַן ערדציטערניש. [7] צוגעגעבן לויט ווייטער, אַנדערש פּאַסט זיך ניט דער אויסדרוק ליגנערן. [8] נבואה פלעגט אָפט קומען צו נביאים אין טיפן שלאָף,

לא תקלל, דעו, שאני על גביכם. וחזר ואמר לישראל: „אני חלקתי כבוד לדיינים וקראתי אותם אלהים, והן מבזים אותם, — אוי לדור ששפטו את שופטיהם!"

## ב

ויהי בימי שפוט השופטים.

(משלי י"ט) עצלה תפיל תרדמה, — **על ידי שנתעצלו ישראל לעשות גמול חסד ליהושע; הה"ד** (יהושע כ"ד): ויקברו אותו בגבול נחלתו — — — מצפון להר געש. **אמר ר' ברכיה: חזרנו על כל המקרא ולא מצינו מקום ששמו** [הר] געש. **ומהו** הר געש? **(על ידי) שנתגעשו ישראל מעשות גמילות חסד ליהושע. באותה שעה נחלקה ארץ ישראל, והיתה חלוקה חביבה עליהם יותר מדאי. והיו ישראל עוסקין במלאכתן: זה עוסק בשדהו וזה עוסק** בכרמו, **וזה עוסק** בזיתיו, **וזה עוסק (בפוצמו) [בפצימו]** (לפרש (שם) ונפש רמיה תרעב). **נתגעשו מעשות גמילות חסדים ליהושע, ובקש הקב"ה להרעיש את העולם כולו על יושביו, כמד"א** (תהלים י"ח): ותגעש ותרעש הארץ. ונפש רמיה תרעב, — **על שהיו מרמין להקב"ה — מהם עובדים עבודת כוכבים [ומהם עובדים להקדוש ברוך הוא], לכך הרעיבן הקב"ה מרוח הקודש, דכתיב** (שמואל א', ג'): ודבר ה' היה יקר בימים ההם.

**דבר אחר:** עצלה תפיל תרדמה, **על ידי שנתעצלו ישראל מלעשות תשובה בימי אליהו,** תפיל תרדמה, **רבתה הנבואה. רבתה? ואת אמרת** תפיל! **כמד"א: „נפל שעריהון דפוריא". אמר ר' סימון: כאיניש דאמר לחבריה: „הא סקא והא סלעא והא סאה, תקום אכול". דאמר ר' דרוסא: ששים רבוא**

---

געמערט? אין פסוק שטייט דאך תפיל, לאזט פאלן [9]! — ס'איז ווי מע זאגט: ס'איז געפאלן דער מקח פון פרוכט [10]. ר' סימון האט געזאגט: ווי איינער זאגט צום צווייטן: „אט איז דער זאק און אט איז דער סלע [11] און אט איז די סאה [12], שטיי אויף און עס". דען ר' דרוסא האט געזאגט: זעכציק ריבוא [13] נביאים זיינען אויפגעשטאנען ביי יידן אין אליהוס טעג.

---

[9] אין חלום (זע במדבר יב, ו; איוב ד, יג). [10] און דאס מיינט מאכן וויניקער. און דאס טרעפט, ווען ס'איז דא א סך, און אזוי איז עס דאן געווען מיט נבואה (פארגלייך דעם פריערדיקן פסוק פון שמואל, וואו עס ווערט גענוצט פארן באגריף זעלטן דאס ווארט יקר, טייער). [11] א קליינע מטבע. [12] א מאס אזא. [13] ריבוא — צען טויזנט.

ר׳ יעקב האָט געזאָגט: הונדערט און צוואַנציק ריבוא. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: פון גבת ביז אנתיפרס[14] זיינען געווען זעכציק ריבוא שטעט, און עס זיינען ניט געווען צווישן זיי קיין מער פאַרדאָרבענע ווי בית אל און יריחו: יריחו, ווייל יהושע האָט זי פאַרשאָלטן[15]; בית אל, ווייל ירבעמס קעלבער זיינען דאָרט געשטאַנען[16]. און אין פסוק שטייט (מלכים ב, ב, ג): ויצאו — און עס זיינען אַרויסגעקומען די יונגע נביאים וואָס אין בית אל צו אלישען, [און נאָך שטייט געשריבן (דאָרט, פסוק ה): ויגשו — און עס האָבן גענענט די יונגע נביאים וואָס אין יריחו צו אלישען][17], — [עס שטייט] נביאים, און נביאים מיינט ניט ווייניקער פון צוויי[18]. און פאַרוואָס האָט מען ניט מפרסם געווען זייער נבואה? ווייל זי איז ניט געווען נויטיק פאַר די [קומענדיקע] דורות[19]. לערן פון דעם: יעדע נבואה וואָס איז ניט געווען נויטיק פאַר די [קומענדיקע] דורות איז ניט מפורסם געוואָרן. אָבער לעתיד לבוא וועט הקדוש ברוך הוא קומען און זיי מיטברענגען מיט זיך, און זייער נבואה וועט מפורסם ווערן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (זכריה יד, ה): ובא ה׳ — און גאָט מיין גאָט וועט קומען, און אַלע הייליקע מיט דיר.

ונפש רמיה — און אַ ליגנערישער נפש וועט הונגערן, דען זיי פלעגן ליגנערן צו הקדוש ברוך הוא. מאַנכע פלעגן דינען דער עבודה זרה און מאַנכע פלעגן דינען הקדוש ברוך הוא. דאָס איז וואָס אליהו זאָגט צו זיי (מלכים א יח, כא): עד מתי — ביז וואַנען וועט איר אומשפּרינגען צווישן צוויי־ערליי טראַכטונגען? תרעב — וועט הונגערן, — הקדוש ברוך הוא האָט זיי אויסגעהונגערט אין די טעג פון אליהון, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יז, א): חי ה׳ — ווי עס לעבט גאָט דער גאָט פון ישראל, וואָס איך שטיי פאַר אים, [אויב עס וועט זיין אין די דאָזיקע יאָרן טוי אָדער רעגן][20].

אַן אַנדער פשט: פוילקייט וואַרפט אַן אַ טיפן שלאָף, — איבער דעם וואָס ישראל האָט זיך געפוילט תשובה צו טאָן אין די טעג פון די שופטים, איז אָנגעוואָרפן געוואָרן אויף זיי אַ טיפער שלאָף; און אַ ליגנערישער נפש וועט הונגערן, — איבער דעם וואָס זיי פלעגן ליגנערן צו הקדוש ברוך הוא, טייל פלעגן דינען צו דער עבודה זרה און טייל פלעגן דינען צו הקדוש ברוך הוא, האָט זיי הקדוש ברוך הוא אויסגעהונגערט אין דעם הונגער וואָס אין די טעג פון זייערע שופטים.

## ג

ויהי — און עס איז געווען אין די טעג, ווען די שופטים האָבן געמשפּט, און עס איז געווען אַ הונגער.

---

[14] דערזעלבער באַגריף ווי דער תנכישער פון דן ביז באר שבע; פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. [15] זע יהושע ז, כו. [16] זע מלכים א, יב, כח־כט. [17] צוגעגעבן לויטן רש״ש. (אַנדערש פעלט דאָ דער פסוק וועגן יריחו). [18] און אויב אפילו אין יעדער פון די ערגסטע צוויי שטעט זיינען געווען ניט ווייניקער פון צוויי נביאים, זיינען דאָך אין די איבעריקע שטעט אוודאי געווען ניט ווייניקער, קומט אויס לויט דעם, אַז עס זיינען דאָן געווען אין די זעכציק ריבוא שטעט ניט ווייניקער ווי הונדערט און צוואַנציק ריבוא נביאים.

נביאים עמדו להם לישראל בימי אליהו. ר׳ יעקב אמר: מאה ועשרים רבוא. א״ר יוחנן: מגבת ועד אנתיפרס ששים רבוא עיירות הן, ואין לך עיירות מקולקלות בהן מבית-אל ויריחו: יריחו, על שאררה יהושע; בית-אל, על שהיו עגלים של ירבעם עומדים שם. וכתיב (מלכים ב׳, ב׳): ויצאו בני הנביאים אשר בית-אל אל אלישע, [וכתיב (שם): ויגשו בני הנביאים אשר ביריחו אל אלישע], — נביאים, ואין נביאים פחות משנים. ומפני מה לא נתפרסמה נבואתם? שלא היה בה צורך לדורות. אמור מעתה: כל נבואה שאינה צורך לדורות, לא נתפרסמה. אבל לעתיד לבא הקב״ה בא ומביאן עמו, ותתפרסם נבואתם; הה״ד (זכריה י״ד): ובא ה׳ אלהי, כל קדושים עמך.

ונפש רמיה תרעב, על ידי שהיו מרמים להקב״ה, מהן עובדים לעבודת כוכבים ומהם עובדים להקדוש ברוך הוא, — הוא שאליהו אומר להם (מלכים א׳, י״ח): עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים? — תרעב, הרעיבן הקב״ה בימי אליהו, שנאמר (שם י״ז): חי ה׳ — — — אשר עמדתי לפניו.

דבר אחר: עצלה תפיל תרדמה, על ידי שנתעצלו ישראל מלעשות תשובה בימי שופטים, תפיל תרדמה; ונפש רמיה תרעב, על ידי שהיו מרמים להקדוש ברוך הוא, מהם עובדין לעבודת כוכבים ומהם עובדים להקדוש ברוך הוא, הרעיבן הקב״ה ברעבון בימי שופטיהם.

ג

ויהי בימי שפוט השופטים, ויהי רעב.

(משלי כ״א) הפכפך דרך איש וזר, זה עשו הרשע, שהוא מתהפך ובא על ישראל בגזרות: „גנבתון״. „לא גנבנון״. „קטלתון״. „לא „קטלנון״. „לא גנבת? מאן גנב עמך? לא קטלת?

---

(משלי כא, ח) הפכפך — פאַרדרייט איז דער וועג פונעם מענטשן און פרעמד, דאָס איז עשו הרשע [1], וואָס רק ער דרייט זיך אום [2] און קומט איף ישראל מיט גזרות: „איר האָט געגנבעט״. „מיר האָבן ניט געגנבעט״. „איר האָט געהרגעט״. „מיר האָבן ניט געהרגעט״. „האָסט ניט געגנבעט? [זאָג,] ווער נאָך האָט מיט דיר געגנבעט? האָסט ניט געהרגעט? [זאָג,]

[19] די נבואה פון יענע נביאים האָט געהאַט נאָר אַ צייטווייליקן ווערט, ניט קיין פּער־מאַנענטן. [20] און דורכדעם איז געקומען אַ הונגער אויפן לאַנד.

ווער נאָך האָט מיט דיר געהרגעט?"[3] און ער פאַרטראַכט אויף זיי און באַשטראָפט זיי[4]: „ברענג דיין תבואה־שטייער, ברענג דיין קאָפּשטייער, ברענג דיין מלוכה־שטייער".

איש, אַ מענטש, דאָס איז עשו הרשע, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כה, כז): ויהי עשו — און עשו איז געווען אַ מענטש גענייט אין געיעג; וזר, און פרעמד, דען ער האָט זיך געמאַכט פרעמד פון מילה און פרעמד פון מצוות; וזך, אָבער דער ריינער, דאָס איז הקדוש ברוך הוא, וואָס איז זיך נוהג מיט אים מיט דער מידה פון יושרדיקייט, און גיט אים זיין שכר אויף דער וועלט, ווי דעם אַרבעטער וואָס טוט געטריי זיין אַרבעט פאַרן בעל הבית[5].

אַן אַנדער פשט: הפכפך — פאַרדרייט איז דער וועג פונעם מענטשן, דאָס זיינען די אומות פון דער וועלט, וואָס רק זיי דרייען זיך אום און קומען אויף ישראל מיט גזרות; איש, אַ מענטש, די וואָס קומען אַרויס פון נוחן, וואָס ווערט אָנגערופן איש[6]; וזר, און פרעמד, דען זיי דינען צו דער עבודה זרה; וזך — אָבער דער ריינער, זיין טאָן איז יושרדיק, דאָס איז הקדוש ברוך הוא, וואָס איז זיך נוהג מיט זיי מיט יושרדיקייט.

ר' אחא האָט געזאָגט: הפכפך — פאַרדרייט איז דער וועג, דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לב, כ): כי דור תהפוכות — דען אַ פאַרדרייטער דור זיינען זיי; איש, אַ מענטש — (שופטים כא, א) ואיש ישראל — און דער מענטש[7] פון ישראל האָט געשוואָרן; וזר, און פרעמד, דען זיי האָבן זיך געמאַכט ווי פרעמד פאַר הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט (הושע ה, ז): בה' בגדו — אַן גאָט האָבן זיי געפעלשט, דען פרעמדע קינדער האָבן זיי געבאָרן; וזך, אָבער דער ריינער, דאָס איז הקדוש ברוך הוא, וואָס איז זיך נוהג מיט זיי מיט דער מידה פון גערעכטיקייט אויף דער וועלט[8] און גיט זיי זייער פולע באַלוינונג אויף יענער וועלט, ווי דעם מייסטער וואָס טוט געטריי זיין אַרבעט פאַרן בעל הבית. אין יענער צייט האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „מיינע קינדער זיינען ווידערשפעניקע. פאַרלענדן זיי קען מען ניט[9], אומקערן זיי קיין מצרים קען מען ניט[10], פאַרבייטן זיי אויף אַן אַנדער אומה קען איך ניט[11]; נייערט וואָס וועל איך טאָן מיט זיי? איך וועל זיי שטראָפן מיט יסורים און זיי לייטערן דורך הונגער אין די טעג ווען די שופטים משפטן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: ויהי — און עס איז געווען אין די טעג, ווען די שופטים האָבן געמשפט, איז געווען אַ הונגער אין לאַנד.

ד

ר' יהודה דער זון פון ר' סימון האָט אָנגעהויבן מיטן פסוק (דברים לב, כ): ויאמר — און ער האָט געזאָגט: איך וועל פאַרבאָרגן מיין פנים פון זיי. [ס'איז אַ משל] מיט אַ בן־מלך וואָס פלעגט אַרויסגיין אין גאַס און שלאָגן מענטשן, און ניט קריגן צוריק געשלאָגן; פלעגט מבזה זיין מענטשן, און ניט ווערן צוריק מבוזה. און ער פלעגט צוריקקומען צום

מאן קטל עמך?״ קניס להון, יזמי להון: „אייתי ארנונך, אייתי גולגלתך, אייתי דימוסיך״.

איש, זה עשו הרשע, שנאמר(בראשית כ״ה): ויהי עשו איש יודע ציד; וזר, שעשה עצמו זר למילה וזר למצוות; וזך, זה הקב״ה, שהוא נוהג עמו במדת ישרות ונותן לו שכרו בעולם הזה, כפועל העושה מלאכה עם בעל הבית באמונה.

דבר אחר: הפכפך דרך איש, אלו אומות העולם, שמהפכין ובאין על ישראל בגזרות; איש, הבאים מנח שנקרא איש; וזר, שהם עובדין עבודת כוכבים; וזך ישר פעלו, זה הקב״ה, שנוהג עמהם בישרות.

ר׳ אחא אמר: הפכפך דרך, אלו ישראל, שנאמר (דברים ל״ב): כי דור תהפוכות המה; איש — (שופטים כ״א) ואיש ישראל נשבע; וזר, שעשו עצמם להקדוש ברוך הוא כזרים, שנאמר (הושע ה׳): בה׳ בגדו, כי בנים זרים ילדו; וזך, זה הקב״ה, שנוהג עמהם במדת יושר בעולם הזה, ונותן שכרם שלם לעתיד, כאומן העושה מלאכה באמונה אצל בעל הבית. באותה שעה אמר הקב״ה: „בני סרבנין הן. לכלותן אי אפשר, להחזירן למצרים אי אפשר, להחליפה באומה אחרת איני יכול; אלא מה אעשה להם? הריני מייסרן ביסורים ומצרפם ברעבון בימי שפוט השופטים״. הה״ד: ויהי בימי שפוט השופטים, ויהי רעב בארץ.

## ד

ר׳ יהודה בר׳ סימון פתח (דברים ל״ב): ויאמר: אסתירה פני מהם. לבן מלך, שיצא לשוק ומכה, ואינו לוקה; מבזה, ואינו מתבזה. והיה עולה אצל אביו במרוצה. אמר לו אביו: „מה

ג. [1] געמיינט רוים. [2] מהפך — הפכפך. [3] די רוימישע בלבולים מאַכערס רעכענען זיך ניט מיט דער אַפּלייקענונג. [4] אין טעקסט איז די אָרדנונג פון די פראַזן פאַרקערט: ער באַשטראָפט זיי, ער פאַרטראַכט אויף זיי. [5] דאָס וואָס עשון (רוים) גייט גוט אויף דער וועלט איז די באַלוינונג וואָס דער אייבערשטער גיט אים פאַרן ביסל גוטס וואָס ער טוט אַמאָל. — מיט דער פראַזע „ער האָט זיך געמאַכט פרעמד פון מילה און פרעמד פון מצוות״ ווערט דאָ זיכער געמיינט דאָס אויפקומענדיקע קריסטנטום, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מילה און פון מצוות מעשיות בכלל. [6] זע בראשית ז, ט. [7] אין טעקסט ווערט עס פאַרשטאַנען ווי מענטשן. (מעגלעך אַז דער בעל מדרש איז מיט דעם פסוק אויך מרמז אויף דער שבועה וואָס ישראל האָט געשוואָרן ביים באַרג סיני אָפּצוהיטן די תורה). [8] ער באַשטראָפט זיי פאַר זייערע זינד אויף דער וועלט. [9] ווייל דער אייבערשטער האָט שוין צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס ניט טאָן (ויקרא כו, מד). [10] ווייל ס׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז זיי זאָלן מער קיין מצרים זיך ניט אומקערן (דברים יז, טז). [11] ווי דער אייבערשטער האָט עס נאָכדעם געזאָגט דעם נביא הושע (זע פסחים פז, א־ב. — די לעצטע דריי באַמערקונגען לויטן מהרז״ו).

פאַטער מיט אַ [האַפּערדיק] געלויף. האָט זיין פאַטער געזאָגט צו אים: „וואָס מיינסטו, פון דיינטוועגן לייגט מען כבוד אויף דיר? מע לייגט ניט אַנדערש קיין כבוד אויף דיר, נייערט פון מיין כבוד וועגן". וואָס האָט זיין פאַטער געטאָן? ער האָט אים אַרויסגעלאָזט פון זיין געדאַנק, און קיין מענטש האָט מער ניט געלייגט קיין אַכט אויף אים. אַזוי, ווען ישראל איז אַרויס פון מצרים, איז זייער אימה געפאַלן אויף אַלע אומות, ווי דער פסוק זאָגט (שמות טו, יד־טז): שמעו עמים — פעלקער האָבן געהערט, האָבן זיי געציטערט, אַ שרעק האָט באַנומען די איינוואוינער פון פלשת. דעמאָלט האָבן זיך דערשראָקן די האַרן פון אדום, די גבורים פון מואב האָט באַנומען אַ שוידער, עס זיינען צעגאַנגען געוואָרן אַלע איינוואוינער פון כנען; עס איז אַנגעפאַלן אויף זיי אַן אימה און אַ פחד. אָבער ווי זיי זיינען געקומען צו עבירות און שלעכטע מעשים, אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „וואָס מיינט איר, פון אייערטוועגן לייגט מען כבוד אויף אייך? מע לייגט אויף אייך כבוד ניט אַנדערש, נייערט פון מיין כבוד וועגן". וואָס האָט הקדוש ברוך הוא געטאָן? ער האָט זיי אַביסל אַרויס־געלאָזט פון זיין געדאַנק, אַזוי זיינען געקומען די עמלקים און באַפאַלן ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יז, ח): ויבא עמלק — און עמלק איז געקומען און האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישראל אין רפידים. און ווידער זיינען געקומען די כנענים און באַפאַלן ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כא, א): וישמע הכנעני — און דער כנעני האָט געהערט — — — [און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישראל]. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איר פאַרמאָגט ניט קיין אמתדיק גלויבן, איר גלויבט ניט אין אייערע אייגענע רייד [1], פאַרדרייטע זענט איר", ווי דער פסוק זאָגט (דברים לב, כ): כי דור תהפוכות — דען אַ פאַרדרייטער דור זיינען זיי, בנים לא אמון בם — קינדער אָן גלויבן אין זיי, אמן שטייט, — ווען די נביאים פלעגן זיי בענטשן, האָט קיינער פון זיי ניט געעפנט דאָס מויל צו זאָגן אמן [2], ביז ירמיה האָט עס געזאָגט, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה יא, ה): ואען — און איך האָב געענטפערט און געזאָגט: אמן, גאָט! דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „פאַרדרייטע זיינען זיי [3], באַלעסטיקערס זיינען זיי, ווידער־שפּעניקע זיינען זיי. פאַרלענדן זיי קען מען ניט, אומקערן זיי קיין מצרים קען מען ניט, פאַרבייטן זיי אויף אַן אַנדער אומה קען מען ניט" — — — און אַזוי ווייטער [4].

ה

ר' נחמיה האָט אָנגעהייבן [מיטן פסוק] (יחזקאל יג, ד): כשועלים — אַזוי ווי פוקסן אין חורבות זיינען געווען דיינע נביאים, ישראל. אַט ווי דער פוקס אין די חורבות קוקט זיך אום אין וועלכער זייט צו אַנטלויפן, ווי נאָר ער וועט דערזען מענטשן, אַזוי — ווי פוקסן אין חורבות זיינען געווען דיינע נביאים [1]. (דאָרט) לא עליתם — איר זענט ניט אַרויף אין די איינ־בראָכן אַזוי ווי משה [2]. צו וועמען איז משה רבנו געווען געגליכן? צו אַ

את סבור, שבכבודך את מתכבד? אין את מתכבד אלא בכבודי״. מה עשה אביו? הפליג דעתו ממנו, ולא היתה בריה משגחת עליו. כך בשעה שיצאו ישראל ממצרים, נפלה אימתן על כל האומות, שנאמר (שמות ט״ו): שמעו עמים, ירגזון; חיל אחז יושבי פלשת. אז נבהלו אלופי אדום, אילי מואב יאחזמו רעד, נמוגו כל יושבי כנען; תפול עליהם אימתה ופחד. כיון שבאו לידי עברות ומעשים רעים, אמר להם הקב״ה: „מה אתם סבורים, שבכבודכם אתם מתכבדים? אין אתם מתכבדים אלא בשביל כבודי״. מה עשה הקב״ה? הפליג דעתו מהם קמעא, ובאו עמלקים ונזדווגו להם לישראל, שנאמר (שמות י״ז): ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים. ועוד באו כנעניים ונזדווגו לישראל, שנאמר (במדבר כ״א): וישמע הכנעני, וכו׳. אמר הקב״ה: „אין בכם אמנה של ממש, אין אתם מאמינין לדבריכם, הפכפכין אתם״, שנאמר (דברים ל״ב): כי דור תהפוכות המה, בנים לא אמון בם. — אמן כתיב: בשעה שהנביאים מברכין אותן, לא פתח אחד מהן לומר אמן, עד שאמרו ירמיה, שנאמר (ירמיה י״א): ואען ואמר: אמן, ה׳. באותה שעה אמר הקב״ה: „הפכפכין (אתם) [הם], טרחנין הם, סרבנין הם. לכלותן אי אפשר, להחזירן למצרים אי אפשר, להחליפן באומה אחרת אי אפשר״ — — — וכו׳.

ה

ר׳ נחמיה פתח (יחזקאל י״ג): כשועלים בחרבות נביאיך, ישראל, היו. מה השועל הזה מצפה בחורבות, לכשיראה בני אדם, לאיזה צד יהי בורח, כך כשועלים בחרבות נביאיך — — — לא עליתם בפרצות כמשה. למי היה דומה משה רבנו? לרועה נאמן, שנפלה גדר סמוך לחשכה. עמד וגדרה משלש רוחותיה. נשתייר פרצה, ולא היה לו שעה לגדרה; ועמד הוא בתוך

---

ווֹרהאַפּטיקן פאַסטוך, וואָס זיין צאָם איז איינגעפאַלן קעגן נאַכט. האָט ער גענומען און עס אַרומגעצאַמט פון דריי זייטן. איז געבליבן אַן איינבראָך, און ער האָט עס ניט באַוויזן צו פאַרצאַמען; האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט

---

ד. [1] זיי האָבן געזאָגט נעשה ונשמע, און ניט געהאַלטן וואָרט. [2] דאָס וואָרט אמון, שרייבט זיך דאָרט אָן אַ ו, אמן, ווערט עס געדרשנט ווי אָמן, מיט אַ קמץ און אַ צירה. [3] עמענדירט לויטן ווייטערדיקן נוסח, און אַזוי איז עס אויך אויבן סוף פּתיחתא ג. [4] ווי אויבן, סוף פּתיחתא ג.

ה. [1] אָנשטאָט זיך איינשטעלן פאַר ישראל און בעטן גאָט פאַר זיי, האָבן זיי זיך

אין דעם איינבראָך. איז געקומען אַ לייב, און ער האָט זיך אים קעגן געשטעלט; איז געקומען אַ וואָלף, און ער האָט זיך אים קעגן געשטעלט. אָבער איר האָט זיך ניט געשטעלט אין איינבראָך ווי משה. דען וואָלט איר אַרויף אין די איינבראָכן ווי משה, וואָלט איר געקענט (דאָרט) ביישטיין אין מלחמה אין טאָג פון דעם צאָרן פון גאָט[3]: (א, ב) ושם האיש[4] — און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען אלימלך, — ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען די צרה, אַזוי ביסטו דיר אַוועק און זיי איבערגעלאָזן, [ווי אין פּסוק שטייט] (א, א): וילך איש און אַ מאַן איז אַוועק פון בית לחם יהודה[5] — — —.

ו

קעגן דעם וואָס דער פּסוק זאָגט (תהלים קמד, יד): אלופינו מסובלים — אונדזערע עלטסטע ווערן געטראָגן[1], — ר' יוחנן האָט געזאָגט: עס שטייט דאָ ניט סובלין, זיי טראָגן, נייערט מסובלים, זיי ווערן געטראָגן: ווען די קליינע טראָגן די גרויסע[2], איז אין פרץ — ניטאָ קיין בראָך, ניטאָ קיין אויסבראָך פון אַ מגפה, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט קו כט): ותפרץ בם — און ס'איז אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ מגפה; ואין יוצאת — און ניטאָ קיין אַרויסגיין, ניטאָ קיין אַרויסגיין פון אַ מגפה, ווי דער פּסוק זאָגט (ויקרא י, ב): ותצא אש — און אַ פייער איז אַרויס פון פאַר גאָט; ואין צוחה — און ניטאָ קיין ווייגעשריי, ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר טז, לד): וכל ישראל — און גאַנץ ישראל וואָס אַרום זיי איז אַנטלאָפן פון זייער קול.

ריש לקיש בייט דעם [טייטש פונעם] פּסוק: ווען די גרויסע טראָגן די קליינע[3], איז ניטאָ קיין בראָך פון גלות, ווי אין פּסוק שטייט (עמוס ד, ג): ופרצים — און דורך איינבראָכן וועט איר אַרויסגיין; און ניטאָ קיין אַרויסגיין אין גלות, ווי אין פּסוק שטייט (ירמיה טו א): שלח — שיק זיי אַוועק פון מיין פּנים, און זאָלן זיי אַרויסגיין; און ניטאָ קיין ווייגעשריי פון גלות, ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט ח, יט): הנה — אָט, אַ געשריי פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק [פון ווייטן לאַנד], און נאָך שטייט אין פּסוק (דאָרט יד, ב): וצוחת — און דער ווייגעשריי פון ירושלים איז אויפגעגאַנגען[4].

ר' לוליאני[5] האָט געזאָגט: ווען די קליינע הערן זיך צו צו די גרויסע,

אויסבאַהאַלטן אין זיכערקייט. [2] זע תהלים קו, כג. [3]אין טעקסט אין יחזקאל איז דאָס וואָרט אף, צאָרן, ניטאָ. דער נוסח איז לויטן תרגום: ביום רוגזא דיי. [4] אין דער ווילנער אויסגאַבע (ראָם) הויבט זיך אָן מיט דעם די נייע פּתיחתא. לויטן אינהאַלט אָבער איז עס אַ לאָגישער אָפּשלוס צום פריערדיקן: אלימלך ווערט דאָ צוגערעכנט צו די יעניקע, וואָס אין טאָג פון גאָטס צאָרן זוכן זיי נאָר זיך אַליין צו באַשיצן און עס גייט זיי ניט אָן די צרה פונעם כלל (אויך אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע איז די איינטיילונג אַזוי; זע אויך רד"ל און רש"ש). [5] אין ילקוט רות (תקצט) איז דער נוסח אַנדערש: און אַ מאַן איז געגאַנגען — — — און האָט ניט דערמאָנט זיין נאָמען. האָט זיך אויפגעהייבן דער מידת הדין און האָט אים דערמאָנט: און דער נאָמען פון דעם מאַן איז אלימלך, און דאָס האָט גורם געווען זיין שטראָף.

ו. [1] זע רשי אויף דעם פּסוק (אלוף געטייטשט עלטסטער, האַר, לויט בראשית לו, מ־מג, און מסובלים לויטן דרש). [2] ווען דאָס פּראָסטע פאָלק טראָגט אויף זיך די לאַסט פון זיינע פירערס, — הערט זיך צו צו זיי און פאָלגט זיי. [3] ריש לקיש טייטשט מסובלים לויטן פּשט, — זיי זיינען באַלאָדן, זיי טראָגן אויף זיך די לאַסט פונעם פאָלק און גיבן זיך אָפּ מיט זיינע נויטן. [4] דאָרט רעדט זיך וועגן טריקעניש, וואָס ברענגט

הפרצה. בא ארי, ועמד כנגדו; בא זאב, ועמד כנגדו. אבל אתם לא עמדתם בתוך הפרצה כמשה. שאלו עליתם בפרצות כמשה, הייתם יכולים לעמוד במלחמה ביום אף ה׳: (א, ב) ושם האיש אלימלך, — כיון דאתת עקתא, אזלת לך ושבקת להון (א, א): וילך איש מבית לחם יהודה.

ו

זה שאמר הכתוב (תקלים קמ״ד): אלופנו מסובלים, — ר׳ יוחנן אמר: „סובלין״ אין כתיב כאן, אלא מסובלים: בשעה שהקטנים סובלין את הגדולים, אין פרץ, אין פרצה של מגפה, כמה דתימא (שם ק״ו): ותפרץ בם מגפה; ואין יוצאת, אין יציאתה של מגפה, כמה דתימא (ויקרא י׳) ותצא אש מלפני ה׳; ואין צוחה, אין צוחה של מגפה, כמה דתימא (במדבר ט״ז): וכל ישראל אשר סביבותיהם נסו לקולם.

ריש לקיש מסרס קרא: בשעה שהגדולים סובלים את הקטנים, אין פרץ של גלות, דכתיב(עמוס ד׳): ופרצים תצאנה; ואין יוצאת של גלות, דכתיב (ירמיה ט״ו): שלח מעל פני ויצאו; ואין צוחה של גלות, דכתיב (ירמיה ח׳): הנה קול שועת בת עמי, וכתיב: וצוחת ירושלים עלתה.

ר׳ לוליאני אמר: בשעה שהקטנים שומעים את הגדולים, ואין הגדולים נושאים משאן של קטנים עליהן, הכתוב אומר (ישעיה ג׳): ה׳ במשפט יבא: ושם האיש אלימלך, — כד אתת עקתא, אזילת לך ושבקת להון: וילך איש מבית לחם יהודה.

ז

ר׳ תנחומא בשם רבי חייא רבה ור׳ ברכיה בשם ר׳ אליעזר: המדרש הזה עלה בידינו מן הגולה: כל מקום שנאמר ויהי —

---

אָבער די גרויסע ווילן ניט טראָגן אויף זיך די לאַסט פון די קליינע, זאָגט דער פסוק (ישעיה ג, יד): ה׳ — גאָט וועט קומען צו אַ משפט [מיט די עלטסטע פון זיין פאָלק און זיינע האַרן]: ושם האיש — און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען אלימלך, — ווי נאָר ס׳איז אָנגעקומען די צרה, אַזוי ביסטו דיר אַוועק און זיי איבערגעלאָזט: וילך איש — און אַ מאַן איז אַוועק פון בית לחם יהודה.

ז

ר׳ תנחומא אין נאָמען פון ר׳ חייא רבה און ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ אליעזרן [האָבן געזאָגט]: דערדאָזיקער דרש איז אונדז געקומען פון

גלות[1]: אומעטום וואו דער פסוק זאָגט ויהי, און עס איז געווען, איז עס אַ צרה[2]. ר׳ שמואל האָט געזאָגט: פינף מאָל איז פאַראַן דער ויהי בימי, און עס איז געווען אין די טעג פון — — —.

[א] (בראשית יד, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון אמרפלן. וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען? (דאָרט, פסוק ב) עשו — זיי האָבן געמאַכט אַ מלחמה. [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלכס אַ פריינט, וואָס האָט געוואוינט אין אַ שטאָט, און פון וועגן אים פלעגט דער מלך זיך אָפּגעבן מיט דער שטאָט. איינמאָל זיינען געקומען די באַרבאַרן און אים באַפאַלן. האָבן זיי געזאָגט: „וויי איז אונדז, דען דער מלך גיט זיך מער ניט אָפּ מיט דער שטאָט ווי ער פלעגט [עס טאָן]״[3]. אַזוי — די גאַנצע וועלט איז ניט אַנדערש באַשאַפן געוואָרן, נייערט אין זכות פון אברהם אבינו; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט פסוק ז): וישובו — און זיי האָבן זיך אומגעקערט און זיינען געקומען קיין עין משפט, דאָס איז קדש. האָט ר׳ אחא געזאָגט: זיי זיינען געקומען ניט אַנדערש, נייערט צו באַפאַלן דעם אויג־באַלעם פון דער וועלט; דאָס אויג וואָס האָט געבראַכט דעם מידת הדין[4] אויף דער וועלט ווילט איר בלענדן? היא קדש, דאָס איז קדש, — ר׳ אחא האָט געזאָגט [אין פסוק שטייט] הוא קדש[5], דאָס איז אברהם אבינו, וואָס האָט מקדש השם געווען אין קאַלכאויוון[6]. און ווי יענע קיניגן זיינען געקומען און אים באַפאַלן, אַזוי האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן שרייען: „וויי!״ דאָס איז ויהי — וויי[7] איז געווען אין די טעג פון אמרפלן.

(ישעיה ז, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון אחזן. וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען? (דאָרט ט, יא) ארם מקדם — ארם פון פאָרנט און פלשתים פון הינטן, [און זיי עסן ישראל מיטן פולן מויל. ס׳איז אַ משל] מיט אַ בן מלך, וואָס ס׳איז אים אָנגעשיקט געוואָרן אַ דערציער [וואָס האָט געוואָלט] אים הרגנען. האָט יענער דערציער געזאָגט: „אויב

---

הונגער און איז לסוף גורם צו גלות. [5] אין סתירה צו דער באַמערקונג פון מ. מרגליות (אנציקלופדיה לחכמי התלמוד והגאונים), אַז ר׳ לוליאני האָט קיינמאָל ניט געזאָגט קיין מאמר אין זיין אייגענעם נאָמען.

ז. [1] פון בבל. [2] אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דאָ די פאָלגנדע מימרא: ר׳ חייא רבה [אמר]: כל מקום שנאמר ויהי משמש צרה ושמחה; אם צרה אין כיוצא בה, אם שמחה אין כיוצא בה (ר׳ חייא רבה [האָט געזאָגט]: אומעטום וואו דער פסוק זאָגט ויהי, איז עס אָדער אַ צרה, אָדער אַ שמחה; אויב אַ צרה, איז ניטאָ איר גלייכן; אויב אַ שמחה, איז ניטאָ איר גלייכן). מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזן, ווייל עס איז אין סתירה צו דעם וואָס ר׳ תנחומא זאָגט פריער אין ר׳ חייאס נאָמען. אויסער דעם איז עס אין אַלע אַנדערע טעקסטן (בראשית רבה מב, ג; ויקרא רבה יא, ז; אסתר רבה, פתיחתא יא; תנחומא שמיני ט; ילקוט אסתר, תתרמד; ילקוט רות, תקצו) ניטאָ. דערצו נאָך ווערט ווייטער דערזעלבער מאמר געבראַכט פון ר׳ שמעון בר׳ אבא אין נאָמען פון ר׳ יוחנן. [3] צוגעגעבן לויט אסתר רבה, דאָרט. [4] אברהם האָט איינגעפירט געזעץ אויף דער וועלט: קיין עין משפט ווערט געטייטשט צום אויג פון גערעכטיקייט. [5] אָנשטאָט היא, זי, ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין, און ווי עס ווערט פאַקטיש געלייענט (דער קרי) שטייט געשריבן הוא, ער, ווערט עס דעריבער געטייטשט אויף אברהמען. [6] זע בראשית רבה לח, יג, וואו עס ווערט דערציילט, ווי אברהם האָט ליבערשט אויסגעקליבן זיך צו לאָזן וואַרפן אין ברענענדיקן קאַלכאויוון, איידער דינען דער עבודה זרה. [7] ויהי ווערט געדרשנט ווי צוויי ווערטער: וי (אין טעקסט מיט צוויי וואָוון) היה, וויי איז געווען.

צרה. ר׳ שמואל אמר: חמשה [ויהי] בימי הם:

[א] (בראשית י״ד) ויהי בימי אמרפל. מה צרה היתה שם? עשו מלחמה. לאוהבו של מלך, שהיה שרוי במדינה, ובשבילו היה המלך נזקק למדינה. פעם אחת באו הברבריין ונזדווגו לו. אומרים: „אוי לנו, שאין המלך נזקק למדינה כמו שהיה [עושה]״. כך כל העולם כולו לא נברא, אלא בזכות אברהם אבינו; הה״ד (שם): וישובו ויבאו אל עין משפט, היא קדש. אמר ר׳ אחא: לא באו להזדווג, אלא לגלגל עינו של עולם; עין שעשתה מדת הדין בעולם, אתם מבקשים לסמותה? היא קדש. — אמר ר׳ אחא: הוא קדש, — הוא אבינו אברהם, שקדש שמו בכבשן האש. וכיון שבאו אותם המלכים ונזדווגו לו, התחילו הכל צווחין: „ווי!״ הוי ויהי בימי אמרפל.

[ב] (ישעיה ז׳) ויהי בימי אחז. מה צרה היתה שם? ארם מקדם ופלשתים מאחור. לבן מלכים, שנזדמן לו פדגוג אחד להמיתו. אמר אותו פדגוג: „אם אני ממיתו, הריני חייב למלכות; אלא הריני מושך מיניקתו, ומעצמו הוא מת״. כך אמר אחז: „אם אין גדיים, אין תיישים; אם אין תיישים, אין צאן; אם אין צאן, אין רועה״. כך אחז היה סבור בדעתו לומר: „אם אין קטנים, אין גדולים; אם אין גדולים, אין תלמידים; ואם אין תלמידים, אין חכמים; ואם אין חכמים, אין בתי כנסיות ובתי מדרשות; ואם אין בתי כנסיות ובתי מדרשות, כביכול אין הקב״ה משרה שכינתו על העולם. אלא הריני אוחז בתי כנסיות ובתי מדרשות״.

---

איך וועל אים הרגענען, וועל איך מיך פאַרשולדיקן צו מלכות; נייערט איך וועל אַוועקנעמען זיין אַם, וועט ער פון זיך אַליין שטאַרבן״. אַזוי האָט אחז געזאָגט: „אויב קיין ציגעלעך זיינען ניטאָ, וועלן קיין בעק ניט זיין; אויב קיין בעק זיינען ניטאָ, וועלן קיין שאָף ניט זיין; אויב קיין שאָף איז ניטאָ, וועט קיין פאַסטוך ניט זיין״. אַזוי האָט אחז געטראַכט ביי זיך אין געדאַנק, אַזוי צו זאָגן: „אויב קיין קליינע זיינען ניטאָ, וועלן קיין גרויסע ניט זיין; אויב קיין גרויסע זיינען ניטאָ, וועלן קיין תלמידים ניט זיין; און אויב קיין תלמידים זיינען ניטאָ, וועלן קיין חכמים ניט זיין; און אויב קיין חכמים זיינען ניטאָ, וועלן קיין שולן און בתי מדרשים ניט זיין. און אויב קיין שולן און בתי מדרשים וועלן ניט זיין, וועט הקדוש ברוך הוא כביכול ניט לאָזן רוען זיין שכינה אויף דער וועלט. נייערט איך וועל פאַרכאַפּן די שולן און די בתי מדרשים״. און אויף אים זאָגט דער פסוק

(דאָרט ח, טז): צור תעודה — פאַרבינד דעם אָנזאָג, פאַרזיגל די תורה צווישן מיינע לערנערס. **ר׳ חנינא האָט געזאָגט**[8]**: פאַרוואָס איז זיין נאָמען געווען** אחז? **ווייל ער האָט פאַרכאַפּט די שולן און די בתי מדרשים**[9]. **ר׳ יעקב אין נאָמען פון ר׳ אבין**[10] **[האָט געזאָגט]: ישעיה האָט געזאָגט** (דאָרט פסוק יז): „וחכיתי — און איך וועל וואַרטן אויף גאָט, וואָס פאַרבאָרגט זיין פנים פון יעקבס הויז: **ס׳איז ניט געווען נאָך אַזאַ שווערע שעה ווי יענע שעה, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים לא, יח): ואנכי — און איך, פאַרבאָרגן וועל איך פאַרבאָרגן מיין פנים **אויף** דער וועלט, **און דאָך, פון יענער שעה אָן** — וקויתי לו, וועל איך האָפן אויף אים, **דען דער פסוק זאָגט** (דברים דאָרט, פסוק כא) כי לא תשכח — דען זי[11] וועט ניט פאַרגעסן ווערן פון דעם מויל פון זיינע קינדער. **טאָ וואָס האָט ער אויפגעטאָן**[12]? (ישעיה ח, יח) הנה — אָט בין איך און די קינדער וואָס גאָט האָט מיר געגעבן״. **זיינען זיי דען געווען זיינע קינדער? זיי זיינען דאָך געווען זיינע תלמידים! נייערט דאָס לערנט אונדז, אַז זיי זיינען אים געווען באַליבט ווי זיינע קינדער. — און ווי ער האָט פאַרכאַפּט די שולן און בתי מדרשים, אַזוי האָבן זיי אָנגעהייבן שרייען** „ווי!״ **דאָס איז ויהי** — ווי איז געווען אין די טעג פון אחזן.

[ג] (ירמיה א, ג) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון יהויקימען. **וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען?** (דאָרט ד, כג): ראיתי — איך האָב געזען די ערד, און זי איז וויסט און ליידיק, און צו די הימלען [האָב איך געקוקט], און זייער ליכט איז ניטאָ. **[ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך וואָס האָט געשיקט זיינס אַ פירשריפט צו אַ שטאָט. וואָס האָבן מיט דעם געטאָן די איינוואוינער פון דער שטאָט? זיי האָבן עס גענומען און צעריסן און פאַרברענט אין פייער. דאַן האָבן זיי געזאָגט: „ווי איז אונדז, ווען דער מלך וועט דערגיין דידאָזיקע זאַך!״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט לו, כג): ויהי — און עס איז געווען, ווי יהודי האָט אָפּגעלייענט דריי אָדער פיר עמודים, **אַ דריי־פיר פסוקים, און ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום פינפטן פסוק**[13]: היו צריה — אירע פיינט זיינען געוואָרן דער קאָפּ, **אַזוי באַלד** יקרעה — האָט ער עס אָפּגעשניטן מיטן שרייבערס מעסער און אַריינגעוואָרפן אין פייער וואָס אין פייערטאָפּ, ביז די גאַנצע מגילה איז פאַרלענדט געוואָרן אינעם פייער וואָס אין פייערטאָפּ. **ווי זיי האָבן עס געזען, אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען:** „ווי!״ **דאָס איז ויהי** — ווי איז געווען אין די טעג פון יהויקימען.

[ד] (אסתר א, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג פון אחשורושן. **וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען?** (דאָרט ג, יג) להרוג ולאבד — אויס־

---

[8] **אין** פתיחתא יא פון אסתר רבה **ווערט דער מאמר געבראַכט פון ר׳ הונאן אין נאָמען פון ר׳ אלעזרן, און אַזוי אויך אין** ויקרא רבה יא, ז. **אין** בראשית רבה **זאָגט עס ר׳ חוניא בר׳ אלעזר, אין** ילקוט אסתר — **ר׳ חוניא אין נאָמען פון ר׳ אלעזרן און אין** ילקוט רות — **ר׳ חנינא אין נאָמען פון ר׳ אלעזרן.** [9] אחז — כאַפּן, לויט שיר השירים ב, טו. [10] **אין אַלע אַנדערע טעקסטן אין נאָמען פון ר׳ אחאן.** [11] **די תורה.** [12] **וואָס קאָן אחז אויפטאָן קעגן גאָטס צוזאָג?** [13] **פון** איכה א, **וואָס יהודי האָט, לויט דער מסורה,**

ועליו הכתוב אומר (ישעיה ח׳): צור תעודה, חתום תורה בלמודי. ר׳ חנינא אמר: למה נקרא שמו אחז? שאחז בתי כנסיות ובתי מדרשות. ר׳ יעקב בשם רבי אבין: אמר ישעיה (שם): „וחכיתי לה׳ המסתיר פניו מבית יעקב: אין לך שעה קשה כאותה שעה, שנאמר (דברים ל״א): ואנכי הסתר אסתיר פני בעולם הזה, ומאותה שעה — וקויתי לו, שנאמר (שם): כי לא תשכח מפי זרעו. מה הועיל לו? (ישעיה ח׳) הנה אנכי והילדים אשר נתן לי ה׳.״ וכי ילדיו היו? והלא תלמידיו היו! אלא מלמד, שהיו חביבין עליו כבניו. וכיון שאחז בתי כנסיות ובתי מדרשות, התחילו צווחין „ווי!״ הוי ויהי בימי אחז.

[ג] (ירמיה א׳) ויהי בימי יהויקים. מה צרה היתה שם? (שם ד׳) ראיתי את הארץ, והנה תהו ובהו, ואל השמים ואין אורם. למלך ששלח פרוסטיגמא שלו למדינה. מה עשו לו בני המדינה? נטלו אותה וקרעוה ושרפוה באש. אמרו: „אוי לנו כשירגיש המלך בדברים אלו!״ הה״ד (שם ל״ו): ויהי כקרוא יהודי שלש דלתות וארבעה, תלתא ארבעה פסוקים, כיון שהגיע לפסוק החמישי: היו צריה לראש, מיד יקרעה בתער הסופר והשלך אל האש אשר אל האח עד תם כל המגלה על האש אשר על האח. כיון שראו כן, התחילו צווחים: „ווי!״ הוי ויהי בימי יהויקים.

[ד] (אסתר א׳) ויהי בימי אחשורוש. מה צרה היתה שם? להרוג ולאבד את כל היהודים. למלך שהיה לו כרם ונזדווגו לו שלשה שונאים. האחד התחיל מקטף בעוללות, והשני מזנב באשכולות, והשלישי בקש לעקור את כל הגפנים. כך פרעה הרשע התחיל מקטף בעוללות, שנאמר (שמות א׳): כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. נבוכדנצר הרשע התחיל מזנב באשכולות, שנאמר

צוהרגענען און אומצוברענגען אַלע יידן. [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ ווייגאָרטן, און עס זיינען אים באַפאַלן דריי שונאים. איינער האָט אָנגעהויבן אָרומרייסן די לויזע טרויבן, און דער צווייטער האָט געשניטן די הענגלעך, און דער דריטער האָט געזוכט אויסצורייסן אַלע ווײַנשטאָקן. אַזוי האָט דער רשע פרעה אָנגעהויבן אַרומרייסן די לויזע טרויבן, ווי דער פסוק זאָגט (שמות א, כב): כל הבן — איטלעכער זון וואָס וועט געבאָרן ווערן[14], אין טייך זאָלט איר אים אַריינוואַרפן. דער רשע נבוכדנצר האָט אָנגעהויבן שניידן די הענגלעך, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים ב כד, טז):

געלייענט פאַרן מלך. [14] עוללות — לויזע, איינצלנע ווײַנטרויבן; עוללים —

החרש — די מײַסטערס און די שלאָסערס טויזנט (ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ יהודהן האָט געזאָגט: די מייסטערס טויזנט און די שלאָסערס טויזנט; ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַלע צוזאַמען טויזנט.) ר׳ שמואל האָט געזאָגט: דאָס זיינען די ראַטגעבערס [15]. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: דאָס זיינען די תלמידי חכמים. המן הרשע האָט געוואָלט אויסרייסן מיטן וואָרצל [16], ווי מע זאָגט: „קויף [די הון] מיט די אייער״: להשמיד — אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען. און ווי זיי האָבן עס געזען, אַזוי האָבן זיי אָנגעהייבן שרייען: „ווײ!״ דאָס איז ויהי — ווײ איז געווען אין די טעג פון אחשורושן.

[ה] ויהי — און עס איז געווען אין די טעג, ווען די שופטים האָבן געמשפּט. וואָס פאַר אַ צרה איז דאָרט געווען? ויהי רעב — און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד. [ס׳איז אַ משל] מיט אַ שטאָט, וואָס איז געווען שולדיק צינזן דעם מלך. וואָס האָט דער מלך געטאָן? ער האָט געשיקט אַ צינז מאָנער עס אויפצומאָנען. וואָס האָבן געטאָן די שטאָט לייט? זיי האָבן אים גענומען און געשמיסן, און האָבן עס אויפגעמאָנט [פאַר זיך]. זיי האָבן געזאָגט: „וואָס ער האָט געוואָלט טאָן מיט אונדז, האָבן מיר געטאָן מיט אים״. אַזוי אין די טעג פון די שופטים, אַז איינער אַ ייד האָט געדינט דער עבודה זרה, און דער שופט האָט אים געוואָלט מקיים פסק זיין, איז ער געקומען און געשמיסן דעם שופט; און ער האָט געזאָגט: „וואָס ער האָט מיר געוואָלט טאָן, האָב איך אים געטאָן״. ווײ איז דעם דור, וואָס זיינע שופטים ווערן געמשפּט! דאָס איז ויהי — ווײ איז געווען אין די טעג, ווען מע האָט געמשפּט די שופטים.

ר׳ שמעון דער זון פון ר׳ אבאן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: אומעטום וואו עס שטייט [ויהי באַטייט עס] אָדער אַ צרה, אָדער אַ שמחה. אויב אַ צרה, איז נאָך אַזאַ צרה ניט געווען; אויב אַ שמחה, איז נאָך אַזאַ שמחה אויף דער וועלט ניט געווען. איז געקומען ר׳ שמואל בר נחמני און האָט געמאַכט אַן איינטיילונג: אומעטום וואו עס שטייט ויהי, און עס איז געווען, איז עס אַ צרה; והיה, און עס וועט זיין — אַ שמחה.

[האָט מען אים געפרעגט:] [17] אָט שטייט דאָך (בראשית א, ג): ויאמר אלהים: און גאָט האָט געזאָגט: זאָל זיין ליכט! [ויהי — און עס איז געוואָרן ליכט] ? [18] האָט ער געזאָגט צו זיי: דאָס איז אויך ניט געווען קיין ליכט פון שמחה, דען די וועלט האָט ניט זוכה געווען זיך צו באַנוצן מיט יענעם ליכט. ווארום איינעם ליכט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דעם ערשטן טאָג האָט אַ מענטש געקענט זען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן; אָבער ווי ער האָט געזען, אַז עס זיינען אָנגעברייט אַרויסצוקומען רשעים, ווי דער דור פון אנושן [19] און די מענטשן פונעם דור המבול און דער דור הפלגה [20], און ווי די מענטשן פון סדום, אַזוי האָט ער עס אַוועקגענומען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (איוב לח, טו): וימנע — און עס וועט פאַרמיטן ווערן פון די רשעים זייער ליכט. און ער האָט עס פאַרבאָרגן

(מלכים ב׳, כ״ד): החרש והמסגר אלף. (ר׳ ברכיה בשם ר׳ יהודה אמר: החרש אלף והמסגר אלף; ר׳ יוחנן אמר: כולן אלף.) ר׳ שמואל אמר: אלו הבליוטין. ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: אלו תלמידי חכמים. המן הרשע בקש לעקור את כל הביצה, (אמרי) [כדאמרי]: „זבין בביעתא״ (אסתר ג׳): להשמיד להרוג ולאבד. וכיון שראו כן, התחילו צווחין „ווי!״ הוי ויהי בימי אחשורוש.

[ה] ויהי בימי שפוט השופטים. מה צרה היתה שם? ויהי רעב בארץ. למדינה שהיתה חייבת ליפסי למלך. מה עשה המלך? שלח טמיאון לגבותה. מה עשו בני המדינה? נטלו אותו והלקוהו וגבו אותו. אמרו: „מה שהיה מבקש לעשות לנו, עשינו לו״. כך בימי שפוט השופטים היה אדם מישראל עובד עבודת כוכבים, והיה הדיין מבקש לעשות בו דין, והיה הוא בא ומלקה הדיין, ואמר: „מה דבעא מעבד לי, עבדתי ליה״. אוי לדור ששופטיו נשפטין! הוי ויהי בימי שפוט השופטים.

ר׳ שמעון בר׳ אבא אמר בשם ר׳ יוחנן: כל מקום שנאמר [ויהי משמש] צרה ושמחה. אם צרה, אין צרה כמותה; אם שמחה, אין שמחה כמותה בעולם. אתא ר׳ שמואל בר נחמני ועבדה פלגא: כל מקום שנאמר ויהי — צרה, והיה — שמחה.

[איתיבון:] והא כתיב (בראשית א׳): ויאמר אלהים: יהי אור! [ויהי אור]? אמר להם: אף היא אינה אורה של שמחה, שלא זכה העולם להשתמש באותה אורה. שאותה אורה שנבראת ביום ראשון אדם צופה מסוף העולם ועד סופו; וכיון שראה, שעתידין רשעים לצאת, כדור אנוש ואנשי דור המבול ודור הפלגה, וכאנשי סדום, לקחה; הה״ד (איוב ל״ח): וימנע מרשעים אורם. וגנזו לצדיקים לעתיד לבא, שנאמר (תהלים צ״ז): אור זרוע לצדיק.

מיתיבין ליה: והכתיב (בראשית א׳): ויהי ערב ויהי בקר,

---

פאַר די צדיקים לעתיד לבוא, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צז, יא): אור — אַ ליכט איז פאַרזייט פאַרן צדיק.

האָט מען אים געפרעגט: אָט שטייט דאָך (בראשית א, ה): ויהי — און עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען פרימאָרגן, איין טאָג? האָט ער

---

פיצלעך קינדער. [15] און די ווערטער מייסטערס, שלאָסערס, זיינען מעטאַפאָרן. [16] ווערטערלעך: אויסרייסן די גאַנצע איי (זייער זאָמען), אומברענגען די קינדער ביי דער מאַמען אין בויך. [17] צוגעגעבן לויט די אַנדערע טעקסטן. [18] איז דאָך שוין פאַראַן אַ ויהי צום גוטן. [19] ווען מע האָט אָנגעהייבן דינען צו געצן (זע רש״י, און אונקלוס אויף בראשית ד, כו). [20] „דור פון צעטיילונג״,

**געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען די הימלען זיינען אָנגעברייט פאַרלענדט צו ווערן, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה נא, ו): כי שמים — דען די הימלען וועלן ווי רויך צעקראָכן ווערן [21].

**האָט מען אים געפרעגט: אָט שטייט דאָך** (בראשית א, ח): ויהי — און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, אַ צווייטער טאָג, **און אַ דריטער, און אַ פערטער, און אַ פינפטער, און אַ זעקסטער? האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין די ששת ימי בראשית נויטיקט זיך אין באַאַרבעטונג, אַ שטייגער דער זענעפט וואָס מע דאַרף אים ערשט פאַרזיסן, דער לובין וואָס דאַרף ערשט פאַרזיסט ווערן, דער ווייץ וואָס דאַרף ערשט צעמאָלן ווערן** [22].

**— אָבער אָט שטייט דאָך געשריבן** (בראשית לט, ב): ויהי ה׳ — און גאָט איז געווען מיט יוספן? **האָט ער געזאָגט: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען ווייטער שטייט** (דאָרט מ, טו): כי שמו אותי — וואָס מע האָט מיך אַריינגעזעצט אין גרוב [23].

**— אָבער אָט שטייט דאָך** (במדבר ז, א): ויהי — און עס איז געווען אין דעם טאָג, ווען משה האָט פאַרענדיקט [אויפצושטעלן דעם משכן]? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען ער איז [שפעטער] באַהאַלטן געוואָרן אינעם בנין פונעם בית המקדש** [24] **ווי דער פסוק זאָגט** (שמות מ, לה): ולא יכול משה — און משה האָט ניט געקענט אַריינקומען אין אוהל מועד [25].

**— אָבער אָט שטייט דאָך** (יהושע ו, כז): ויהי ה׳ — און גאָט איז געווען מיט יהושען [26]? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען אין יענעם טאָג האָט יהושע צעריסן זיינע קליידער, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ז, ו): ויקרע יהושע — און יהושע האָט צעריסן זיינע קליידער [27].

**— אָבער אָט שטייט דאָך** (ויקרא ט, א): ויהי — און עס איז געווען אויפן אַכטן טאָג [28]? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען אין יענעם טאָג זיינען געשטאָרבן נדב און אביהוא.**

**— אָבער אָט שטייט דאָך** (שמואל ב ז, א): ויהי — און עס איז געווען, ווען דוד האָט זיך באַזעצט אין זיין הויז? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז קיין שמחה ניט, דען אין יענעם טאָג איז געקומען נתן הנביא און האָט אים געזאָגט** (מלכים א, ח, יט): רק אתה — נאָר ניט דו וועסט בויען דאָס הויז [29].

**האָבן זיי געזאָגט צו אים: מיר האָבן געזאָגט אונדזערס; זאָג דו דיינס** [30]. **האָט ער געזאָגט צו זיי:** (יואל ד, יח) והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועלן די בערג טריפן מיט זאַפט; (זכריה יד, ח) והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועלן אַרויסקומען לעבעדיקע וואַסערן פון ירושלים; (ישעיה יא, יא) והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועט

יום אחד? אמר להם: אף היא אינה שמחה, שעתידין שמים להבלות, שנאמר (ישעיה נ״א): כי שמים כעשן נמלחו.

מיתיבין ליה: והכתיב: ויהי ערב ויהי בקר, יום שני, ושלישי, ורביעי, וחמישי, וששי? אמר להם: אף היא אינה שמחה, שכל מה שנברא בששת ימי בראשית צריכים עשיה, כגון החרדל צריך להמתיקו, התורמוסין צריכין לימתק, החטים צריכין ליטחן.

— והא כתיב (בראשית ל״ט): ויהי ה׳ את יוסף? אמר: אף היא אינה שמחה, דכתיב (שם מ׳): כי שמו אותי בבור.

— והא כתיב (במדבר ז׳): ויהי ביום כלות משה? אמר להם: אף היא אינה שמחה, (שבו נגנז בנין) [שנגנז בבנין] בית המקדש, שנאמר (שמות מ׳): ולא יכול משה לבא אל אהל מועד.

— והא כתיב (יהושע ו׳): ויהי ה׳ את יהושע? אמר להם: אף היא אינה שמחה, שבו קרע יהושע את שמלותיו, שנאמר (שם ז׳) ויקרע יהושע את שמלותיו.

— והא כתיב (ויקרא ט׳): ויהי ביום השמיני? אמר להם: אף היא אינה שמחה, שבו מתו נדב ואביהוא.

— והא כתיב (שמואל ב׳, ז׳): ויהי כי ישב המלך בביתו? אמר להם: אף היא אינה שמחה, שבו בא נתן הנביא ואמר לו (מלכים א׳, ח׳): רק אתה לא תבנה הבית.

אמרי ליה: אמרינן אנן דידן; אמור את דידך. אמר להם (יואל ד׳): והיה ביום ההוא יטפו ההרים עסיס; (זכריה י״ד) והיה ביום ההוא יצאו מים חיים מירושלם; (ישעיה י״א) והיה ביום ההוא

---

ווען די מענטשהייט איז צעטיילט געוואָרן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן און פעלקער (בראשית י, כה; יא, א־ט). [21] און אויב ס׳האָט ניט קיין אייביקן קיום, איז די פרייד קיין פרייד ניט. [22] דער מענטש, הייסט עס, קאָן קיין הנאה ניט האָבן פון די מעשי בראשית, ביז ער אַרבעט ניט שווער אויף דעם. [23] און דאָס איז אומדירעקט געקומען דורך דעם, וואָס יוסף האָט געפונען חן אין זיין האַרס אויגן. [24] לויט מלכים א, ח, ד, איז דער אוהל מועד (משכן) אַריינגעבראַכט געוואָרן אין בית המקדש, און דאָרט איז ער (לויט אַ גמרא אין סוטה, ט, א) באַהאַלטן געוואָרן אין אַ הייל אונטער דער ערד, אַזוי אַז דער משכן איז גלייך ניט געווען אויסגערעכנט אויף דער אייביקייט. — טעקסט עמענדירט לויט בראשית רבה, מב, ג, און ויקרא רבה יא, ז). [25] דער מדרש נעמט דעם פּסוק ווי אַ רמז, אַז אַ צייט וועט קומען, ווען מע וועט מער ניט קענען אַריינקומען אין אוהל מועד. [26] אין אַלע אויסגאַבן ווערט דאָ געבראַכט דער פּסוק (יהושע ה, יג) ויהי בהיות יהושע — און עס איז געווען ווען יהושע איז געווען אין יריחו. מיר האָבן געביטן דעם פּסוק לויט בראשית רבה, ויקרא רבה און אסתר רבה, וואָס פּאַסט זיך דאָ בעסער אַריין. [27] אין פּתיחתא יא פון אסתר רבה און אין ויקרא רבה יא, ז, ווערט געבראַכט, אַז דאַן איז געהרגעט געוואָרן יאיר, וואָס איז געווען אַזוי וויכטיק ווי די מערהייט פון די סנהדרין. [28] און דאַן איז אהרן מיט זיינע זין געהייליקט געוואָרן צו דער כהונה. [29] דעם בית המקדש. [30] באַווייז, אַז וואו עס שטייט והיה, און עס

גאָט ווידער אויסשטרעקן זיין האַנט, אַ צווייט מאָל [אויסצוקויפן דעם רעשט פון זיין פאָלק]; (דאָרט ז, כא) והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, אַז אַ מאַן וועט אויסהאָדעווען [אַ יונגע רינד און צווי שאָף, איז פון פיל מילך וואָס זיי וועלן געבן וועט ער עסן פוטער]; (דאָרט כז, יג) והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועט געבלאָזן ווערן מיט אַ גרויסן שופר[31]; (דאָרט ד, ג): והיה — און עס וועט זיין דער וואָס וועט בלייבן אין ציון און דער וואָס וועט זיך אָפּשטעלן אין ירושלים [„הייליקער" וועט געזאָגט ווערן צו אים].

**האָט מען אים געפרעגט: אָט שטייט דאָך,** (ירמיה לח, כח): והיה — און עס איז געווען, ווען ירושלים איז באַצוואונגען געוואָרן? **האָט ער געזאָגט צו זיי: אויך דאָס איז ניט קיין צרה, נייערט אַ שמחה, דען אין דעם זעלבן טאָג האָט ישראל באַקומען אַ פולע קבלה אויף זייערע זינד[32], אין דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן; [דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (איכה ד, כב): תם עונך — אויסגעלאָזט האָט זיך דיין פאַר־ברעכן, טאָכטער פון ציון][33].

גענדיקט די פתיחתא פון רות רבה

יוסיף ה׳ שנית ידו; (שם ז׳) והיה ביום ההוא יחיה איש; (שם כ״ז) והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול; (שם ד׳) והיה הנשאר בציון והנותר בירושלם.

**מיתיבין ליה:** **והא כתיב** (ירמיה ל״ח): והיה כאשר נלכדה ירושלם? **אמר להם: אף היא אינה צרה, אלא שמחה, שבו ביום נטלו ישראל אופכין שלמה על עוונותיהם ביום שחרב בית המקדש. [הדא הוא דכתיב** (איכה ד׳): תם עונך, בת ציון].

---

**ווער זיין, איז עס צום גוטן.** [31] **מיטן שופר פון גאולה.** [32] מגילת איכה, **וואָס באַשרייבט דעם חורבן, איז פאַר ישראל ווי אַ קבלה אויף זייער חוב, די זינד וואָס זיי זיינען באַגאַנגען.** [33] **צוגעגעבן** לויט אסתר רבה, פתיחתא יא.

סליק פתיחתא דרות רבה

# פרשה א

## א

(א, א) ויהי — און עס איז געווען אין די טעג, ווען די שופטים האָבן געמשפּט: ווי איז דעם דור, וואָס משפּט זיינע שופטים, און ווי איז דעם דור, וואָס זיינע שופטים דאַרפן געמשפּט ווערן,[1] ווי דער פּסוק זאָגט (שופטים ב, יז) וגם — און אויך צו זייערע שופטים האָבן זיי זיך ניט צוגעהערט. און ווער זיינען זיי געווען? [2] רב האָט געזאָגט: ברק און דבורה [3] זיינען עס געווען. ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: שמגר און אהוד זיינען עס געווען. רב הונא האָט געזאָגט: דבורה און ברק און יעל [4] זיינען עס געווען: שופט איז איינער, שופטים — צוויי, השופטים, די שופטים — דריי [5].

## ב

רבי . . . [1] האָט געפרעגט ר' בצלאלן: וואָס איז דאָס וואָס אין פּסוק שטייט (הושע ב, ז): כי — דען מזנה געווען האָט זייער מוטער, — געשיקט זיך, אַז אונדזער מוטער שרה איז געווען אַ זונה? האָט ער געזאָגט צו אים: חס ושלום! נייערט ווען ווערן די ווערטער פון דער תורה מבוזה אין די אויגן פון די עם־הארצים? ווען די בעלי תורה אַליין זיינען זיי מבזה [2]. איז געקומען ר' יעקב בר אבדימי און געמאַכט פון דעם אַ דרשה: ווען ווערן די ווערטער פון דער תורה ווי זונות אין די אויגן פון די עם־הארצים? ווען די בעלי תורה אַליין זיינען זיי מבזה.

ר' יוחנן ברענגט עס [3] פון דאַנען (קוהלת ט, טז): וחכמת — און די חכמה פונעם אָרימאַן ווערט מבוזה. איז דען די חכמה פון ר' עקיבאן, וואָס איז געווען אַן אָרימאַן,[4] מבוזה געווען? נייערט וואָס מיינט אַן אָרימאַן? דער וואָס ווערט מבוזה דורך זיינע אייגענע ווערטער [5]. אַ שטייגער, זיצט אַ זקן און דרשנט (דברים טז, יט): לא תטה — דו זאָלסט ניט פאַרדרייען קיין

---

א. [1] זע ווייטער, סימן ב, וואו עס ווערן אויסגערעכנט די חטאים פון די שופטים. [2] די שופטים, וואָס מע האָט זיך צו זיי ניט צוגעהערט. [3] צוויי, ווייל שופטים, אין לשון רבים. [4] יעל ווערט דאָ פאַררעכנט צווישן די שופטים, ווייל דורך איר הרגענען סיסראן איז ישראל געהאָלפן געוואָרן (רד"ל). [5] די הא פון השופטים ווערט גענומען ווי אַ רמז אויף אַ ריבוי, אַ צוגאָב.

ב. [1] דאָ פעלט דער נאָמען פונעם פרעגער: רבי (ר' יהודה הנשיא) האָט געלעבט אַ צייט פאַר ר' בצלאלן (פון דריטן דור אמוראים). לויט באַכער (ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדיע 3, ז' 135) דאַרף דאָ זיין ר' ברכיה. [2] ווען זיי זיינען אַליין ניט מקיים די ווערטער פון דער תורה, ווערט די תורה, די „מוטער" פון ישראל, מבוזה ווי אַ זונה. [3] לערנט עס אַרויס. [4] ס'איז באַקאַנט די מעשה, ווי ר' עקיבא און זיין פרוי, רחל, האָבן אַ צייט געלעבט אין גרויס אָרימקייט (נדרים נ, א). [5] ער איז ניט מקיים וואָס ער פּרעדיקט פאַר

# פרשה א

א

(א, א) ויהי בימי שפוט השופטים: **אוי לדור ששפטו את שופטיהם, ואוי לדור ששופטיו צריכין להשפט, שנאמר** (שופטים ב׳): וגם אל שופטיהם לא שמעו. **ומי היו? רב אמר: ברק ודבורה היו. ר׳ יהושע בן לוי אמר: שמגר ואהוד היו. רב הונא אמר: דבורה וברק ויעל היו:** שופט חד, שופטים תרין, השופטים תלתא.

ב

**רבי... שאל לר׳ בצלאל: מהו דכתיב** (הושע ב׳): כי זנתה אמם, —**אפשר ששרה אמנו זונה היתה? אמר לו: חס ושלום! אלא אימתי דברי תורה מתבזין בפני עמי הארץ? בשעה שבעליהן מבזין אותן. אתא ר׳ יעקב ועבדיה שמועה: אימתי דברי תורה נעשין כזונות בפני עמי הארץ? בשעה שבעליהן מבזין אותם.**

**ר׳ יוחנן מייתי לה מהכא** (קהלת ט׳): וחכמת המסכן בזויה. **וכי חכמתו של ר׳ עקיבא, שהיה מסכן, בזויה היתה? אלא מהו מסכן? מי שהוא בזוי בדבריו. כגון זקן יושב ודורש** (דברים ט״ז): לא תטה משפט, **והוא מטה משפט;** לא תכיר פנים, **והוא מכיר פנים;** לא תקח שחד, **והוא לוקח שחד;** (שמות כ״ב) כל אלמנה ויתום לא תענון, **והוא מענה אותם. שמשון הלך אחר עיניו, שנאמר** (שופטים י״ד): אותה קח לי, כי היא ישרה בעיני; **גדעון עבד עבודת כוכבים,**

---

משפט, **און ער פאַרדרייט דעם משפט;** לא תכיר — דו זאָלסט ניט דערקענען קיין פנים [6], **און ער דערקענט אַ פּנים;** לא תקח — דו זאָלסט ניט נעמען קיין שוחד **און ער נעמט שוחד;** (שמות כב, כא): כל אלמנה — קיין אלמנה און קיין יתום זאָלט איר ניט פּייניקן, **און ער פּייניקט זיי. שמשון איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיינע אויגן** [7], **ווי דער פּסוק זאָגט** (שופטים יד, ג): אותה קח — נעם זי מיר, דען זי איז וואוילגעפעלן אין מיינע אויגן. **גדעון האָט געדינט דער עבודה זרה, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט ח, כז): ויעש — און גדעון האָט

---

[6] אַרויסווייזן ביים משפט באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צו אַ באַקאַנטן, אַ נאָענטן.

[7] ער האָט זיי נאָכגעגעבן וואָס זיי האָבן אַנדערע, און אָרים מיינט דאָ אָרים אין מידות.

געמאַכט פון דעם אַן אפוד. אַזוי אַז ס׳איז ניטאָ קיין גרעסערער אָרימאַן פון דעם: ווי איז דעם ריכטער וואָס דערקענט אַ פּנים ביי אַ משפּט!

ר׳ חייא האָט געלערנט (ויקרא יט, טו): לא תעשו — איר זאָלט ניט טאָן קיין עוולה אין משפּט. דאָס לערנט אונדז, אַז דער ריכטער וואָס פעלשט אַ משפּט ווערט אָנגערופן מיט פינף נעמען: בעל עוולה, פאַרהאַסטער, ניבזהניק, חרם, אומווערדיקער. אויך הקדוש ברוך הוא רופט אים אָן מיט פינף נעמען: שלעכטער, לעסטערער, בונד־ברעכער, דערצערענער, און ווי־דערשפעניקער [8]. און ער איז גורם פינף [שלעכטע] זאַכן אויף דער וועלט: ער איז מטמא דאָס לאַנד, איז מחלל גאָטס נאָמען, איז גורם, אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן און אַז ישראל זאָל פאַלן דורך דער שווערד, און אַז זיי זאָלן פאַרטריבן ווערן פון זייער לאַנד. ווי איז דעם דור וואָס איז פאַרדאָרבן אין דערדאָזיקער מידה!

ר׳ חייא האָט געלערנט (ויקרא יט, לה): לא תעשו — איר זאָלט ניט טאָן קיין עוולה אין משפּט, [מיינט עס אין פלוג] ביי אַ פּסק־דין. אָבער אויב עס מיינט ביי אַ פּסק־דין, איז עס דאָך שוין ביי אַ פּסק־דין געזאָגט געוואָרן [9], טאָ וואָס שטייט דאָ אין משפּט, אין מאָס? [10] ניייערט דער פּסוק לערנט אונדז, אַז דער וואָס מעסט ווערט אָנגערופן אַ ריכטער,[11] און אויב ער פאַלשעוועט ווערט ער אָנגערופן מיט פינף נעמען און איז גורם צו פינף [שלעכטע] זאַכן. ווי איז דעם דור, וואָס זיינע מאָסן זיינען פאַלשע; דען ר׳ בניא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ הונאַ: אויב דו האָסט געזען אַ דור וואָס זיינע מאָסן זיינען פאַלש, וועט מלכות קומען [12] און באַפאַלן דעמדאָזיקן דור. פון וואַנען איז עס געדרונגען? (משלי יא, א) מאזני מרמה — פאַלשע וואָגשאָלן זיינען אַן אומווערדיקייט פאַר גאָט, און ווייטער שטייט (פּסוק ב): בא זדון — אַז עס קומט מוטוויליקייט, קומט שאַנד [13].

ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ אבאַן האָט געזאָגט: אין פּסוק שטייט (מיכה ו, יא): האזכה — קאָן איך זיין אַ בעל זוכה מיט אומגערעכטע וואָגשאָלן? געשיקט זיך, אַז אַ דור וואָס זיינע מאָסן זיינען פאַלש זאָל זיין אַ בעל זוכה? [14] ניייערט ובכיס — און אין בייטל זיינען פאַלשע געוויכטן [15]. ר׳ לוי האָט געזאָגט: אויך משה האָט עס אָנגעוואונקען צו ישראל אין דער תורה (דברים כה, יג־יד): לא יהיה לך — זאָלסט ניט האָבן אין דיין בייטל קיין צווייערליי געוויכטן — — — זאָלסט ניט האָבן אין דיין הויז קיין צווייערליי איפהס,[16]

---

[8] דער יפה ענף באַזירט די אַלע נעמען אויף באַשטימטע פּסוקים, און אַזוי אויך די ווייטער אויסגערעכנטע פינף שלעכטסן. [9] פריער אין פּסוק טו. [10] זאָל דער פּסוק זאָגן: איר זאָלט ניט טאָן קיין עוולה אין מאָס, און אויסלאָזן דאָס וואָרט במשפּט. [11] און דעריבער שטייט דאָס וואָרט משפּט לעבן מדה (מאָס). [12] דער נוסח אין פּתיחתא דרב כהנא ג איז: — — — דע, שהמלכות מתגרה בו, — זיי וויסן, אַז מלכות וועט אים באַפאַלן. [13] געטייטשט לויטן דרש. [14] ווי קאָן גאָר לכתחילה אויפקומען אַזאַ געדאַנק! [15] אויב איינער פאַלשעוועטביים וועגן און מעסטן, איז זיין פאַרמעגן אין בייטל פאַלש און אָפּנאַרעריש, און ס׳וועט זיך אויסלאָזן מיט גאָרניט. [16] איפה — אַ מאָס אַזאַ.

**שנאמר** (שם ח׳): ויעש אותו גדעון לאפוד. **הוי, שאין לך מסכן גדול מזה: אוי לדיין, שמכיר פנים במשפט!**

**תני ר׳ חייא** (ויקרא י״ט): לא תעשו עול במשפט, **מלמד, שהדיין שמקלקל הדין קרוי חמשה שמות: עול, שנוי, משוקץ, חרם, תועבה. והקב״ה קורא עליו חמשה: רע, מנאץ, מפר ברית, מכעיס, וממרה. וגורם חמשה דברים לעולם: מטמא את הארץ, ומחלל את השם, ומסלק את השכינה, ומפיל ישראל בחרב, ומגלם מארצם. אוי לדור שמקולקל במדה זו!**

**תני ר׳ חייא:** לא תעשו עול במשפט — **בדין. אם לדין, כבר אמור בדין; אם כן, למה נאמר** במשפט, במדה? **אלא מלמד, שהמודד נקרא דיין, ואם שיקר, קרוי חמשה שמות וגורם חמשה דברים. אוי לדור, שמדותיו של שקר; דאמר ר׳ בניא בשם ר׳ הונא: אם ראית דור שמדותיו של שקרים, מלכות באה ומתגרה באותו הדור. מה טעם?** (משלי י״א) מאזני מרמה תועבת ה׳, **וכתיב** (שם): בא זדון ויבא קלון.

**א״ר ברכיה בשם ר׳ אבא: כתיב** (מיכה ו׳): האזכה במאזני רשע? **אפשר כן, שדור שמדותיו של שקר זוכה? אלא** ובכיס אבני מרמה. **א״ר לוי: אף משה רמזה להן לישראל בתורה** (דברים כ״ה): לא יהיה לך בכיסך אבן ואבן — — — לא יהיה לך בביתך איפה ואיפה, **ואם עשה כן, סוף שהמלכות באה ומתגרה בו, דכתיב** (שם): כי תועבת ה׳ אלהיך כל עושה אלה, כל עושה עול, **וכתיב** (שם): זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים.

ג

**אמר רבי** [לוי]: **ברכות מברכות לבעליהן וקללות מקללות לבעליהן. „ברכות מברכות לבעליהן,״ דכתיב** (שם): אבן שלמה

---

**און אויב ער האָט אַזוי געטאָן, איז דער סוף, אַז מלכות קומט און באַפאַלט אים, ווי עס שטייט** (דאָרט פסוק טז): כי — דען אַן אומווערדיקייט פאַר גאָט דיין גאָט איז איטלעכער וואָס טוט עס, איטלעכער וואָס טוט אַן עוולה; **און ווייטער שטייט** (פסוק יז): זכור — געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן אויפן וועג, ווען איר זענט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים [17].

ג

**רבי** [לוי] [1] **האָט געזאָגט: ברכות בענטשן זייערע טוערס,**[2] **און קללות שילטן זייערע טוערס. „ברכות בענטשן זייערע טוערס״, ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט): אבן שלמה יהיה — אַ גאַנץ און גערעכט געוויכט זאָל זיין; **און אויב**

דו האָסט אַזוי געטאָן, יהיה לך, וועט זיין ביי דיר.[3] „און קללות שילטן זייערע טוערס, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט): לא יהיה לך — דו זאָלסט ניט האָבן אין דיין בייטל קיין צוויערליי געוויכטן, [אַ גרעסערס און אַ קלענערס,] און אויב דו האָסט אַזוי געטאָן, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „דו האָסט געזוכט צו מאַכן אַ גרעסערס און אַ קלענערס; ביי דיין לעבן! אפילו אַ קלע־נערס וועט מען דעמדאָזיקן רשע ניט דערלאָזן צו מאַכן," ווי אין פסוק שטייט: לא יהיה לך — דו וועסט ניט האָבן אין דיין בייטל.[4] און דעסטגלייכן (שמות כ, כ): לא תעשון — איר זאָלט ניט מאַכן לעבן מיר קיין [זילבערנע געטער], — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „דו האָסט געזוכט צו מאַכן לעבן מיר געטער פון זילבער און פון גאָלד; ביי דיין לעבן! אפילו פון האָלץ וועט מען דעמדאָזיקן רשע ניט דערלאָזן צו מאַכן", ווי אין פסוק שטייט: לא תעשון — איר וועט אייך ניט מאַכן.[5]

ד

(א, א) ויהי — און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד. צען הונגערס זיינען געקומען אויף דער וועלט: איינער אין די טעג פון אדם הראשון, איינער אין די טעג פון למכן, און איינער אין די טעג פון אברהמען, און איינער אין די טעג פון יצחקן, און איינער אין די טעג פון יעקבן, און איינער אין די טעג פון אליהון, און איינער אין די טעג פון אלישען, און איינער אין די טעג פון דודן,[1] און איינער אין די טעג ווען די שופטים האָבן געמשפט, און איינער וואָס איז אָנגעברייט צו קומען אויף דער וועלט [לעתיד לבוא].[2]

„איינער אין די טעג פון אדם הראשון", ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ג, יז): אדורה — פאַרשאָלטן זאָל זיין די ערד פון דיינעטוועגן. „און איינער אין די טעג פון למכן", ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ה, כט): מן האדמה — פון וועגן דער ערד וואָס גאָט האָט זי פאַרשאָלטן. „און איינער אין די טעג פון אברהמען", ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יב, י): ויהי — און עס איז געווען

[17] דאָס וואָס די מעשה מיט עמלקן ווערט געבראַכט גלייך נאָך די פסוקים וועגן פאַלשע וואָג און מאָס, ווערט געדרשנט ווי אַ רמז, אַז דאָס צווייטע איז אַן עונש פאַרן ערשטן.

ג. [1] צוגעגעבן לויט ויקרא רבה טו, ז, און לויט ילקוט דברים, תתקלח. [2] גוטע מעשים ווערן אָנגערופן ברכות, און זיי ברענגען אַ ברכה אויף די וואָס טוען זיי (און דאָסזעלבע ווערט דאָ פאַרשטאַנען אונטער קללות, שלעכטע מעשים). [3] דאָס וואָרט יהיה ווערט דאָ געבונדן צוערשט מיטן פריערדיקן, און עס ווערט געטייטשט זאָל זיין, און נאָכדעם מיטן ווייטערדיקן, און עס ווערט געטייטשט וועט זיין, — אויב דו וועסט האָבן אָרנטלעכע וואָג און מאָס, וועסטו האָבן וואָס צו וועגן און מעסטן. [4] ווי אין באַמערקונג 3. [5] ווי אויבן: לא תעשון מיינט איר זאָלט ניט מאַכן און איר וועט ניט מאַכן, ווערט עס צוערשט געדרשנט אויפן געבאָט און נאָכדעם — אויף דער שטראָף. (דער סוף פון סימן ג בינדט זיך מיטן אָנהייב פון סימן ד: דער הונגער וואָס איז געווען אין לאַנד אין דער צייט פון די שופטים איז געווען אַ שטראָף פאַר געבן פאַלשע וואָג און מאָס און פאַר דינגען צו פרעמדע געטער).

ד. [1] אין בראשית רבה כה, ג, וואו דער זעלבער מאמר געפינט זיך מיט געוויסע שי־נויים, ווערט דוד דערמאָנט אין כראָנאָלאָגישער אָרדנונג, פאַר אליהון (אַזויאויך די שופטים; אָבער דאָ איז נאַטירלעך, אַז די שופטים זאָלן דערמאָנט ווערן ביים סוף, ווייל, צו דעם איז דאָ געצילט די גאַנצע דרשה, כאָטש דעם הונגער פון לעתיד לבוא האָט זיך דער בעל המדרש געפילט געצוואונגען צו געבן צום סוף. — מהרז"ו). [2] אין משיחס צייטן (די

וצדק יהיה; **ואם עשית כן**, יהיה לך. **„וקללות מקללות לבעליהן"**, **דכתיב** (שם): לא יהיה לך בכיסך אבן ואבן, **ואם עשית כן**, **אמר הקב"ה: „אתה בקשת לעשות גדולה וקטנה; חייך, אפילו קטנה אין מספיקין בידו של אותו רשע לעשות"**, **דכתיב** (שם): לא יהיה לך בכיסך. **ודכוותה** (שמות כ'): לא תעשון אתי, **אמר הקב"ה: „אתה בקשת לעשות לי אלהי כסף וזהב; חייך, של עץ אין מספיקין בידו של אותו רשע לעשות"**, **דכתיב**: לא תעשון לכם.

ד

(א, א) ויהי רעב בארץ. **עשרה רעבון באו לעולם: אחד בימי אדם הראשון, אחד בימי למך, ואחד בימי אברהם, ואחד בימי יצחק, ואחד בימי יעקב, ואחד בימי אליהו, ואחד בימי אלישע, ואחד בימי דוד, ואחד** בימי שפוט השופטים, **ואחד שמתגלגל ובא לעולם [לעתיד לבוא].**

**„אחד בימי אדם הראשון"**, **שנאמר** (בראשית ג'): ארורה האדמה בעבורך. **„ואחד בימי למך"**, **שנאמר** (שם ה'): מן האדמה אשר אררה ה'. **„ואחד בימי אברהם"**, **שנאמר** (שם י"ב): ויהי רעב בארץ, וירד אברהם מצרימה. **„ואחד בימי יצחק"**, **שנאמר** (שם כ"ו): ויהי רעב בארץ, מלבד הרעב הראשון. **„ואחד בימי יעקב"**, **שנאמר** (שם מ"ה): כי זה שנתים הרעב בקרב הארץ. **„ואחד בימי אליהו"**, **שנאמר** (מלכים א', י"ז): אם יהיה השנים האלה טל ומטר. **„ואחד בימי אלישע"**, **שנאמר** (מלכים ב', ו'): ויהי רעב גדול בשמרון. **„ואחד בימי דוד"**, **שנאמר** (שמואל ב', כ"א): ויהי רעב בימי דוד שלש שנים. **„ואחד בימי שפוט השופטים"**, **שנאמר**: ויהי רעב בארץ. **„ואחד**

---

אַ הונגער אין לאַנד, האָט אברהם גענידערט קיין מצרים. **„און איינער אין די טעג פון יצחקן"**, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כו, א): ויהי — און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד, אויסער דעם ערשטן הונגער. **„און איינער אין די טעג פון יעקבן"**, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרטן מה, ו): כי זה שנתים — דען שוין צוויי יאָר ווי דער הונגער איז אין לאַנד. **„און איינער אין די טעג פון אליהון"**, **ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, יז, א): אם יהיה — אויב עס וועט זיין אין דידאָזיקע יאָרן טוי אָדער רעגן. **„און איינער אין די טעג פון אלישען"**, **ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים ב, ו, כה): ויהי — און עס איז געווען אַ גרויסער הונגער אין שומרון. **„און איינער אין די טעג פון דודן"**, **ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל ב, כא, א): ויהי — און עס איז געווען אַ הונגער אין די טעג פון דודן, דריי יאָר. **„און איינער** אין די טעג ווען די שופטים האָבן געמשפּט", ווי **דער פסוק זאָגט:** ויהי — און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד. **„און איינער**

וואָס איז אָנגעברייט צו קומען אויף דער וועלט [לעתיד לבוא]״, ווי אין פסוק שטייט (עמוס ח, יא): והשלחתי — און איך וועל אָנשיקן אַ הונגער אין לאַנד, ניט קיין הונגער נאָך ברויט, און ניט קיין דאָרשט נאָך וואַסער, [נייערט צו הערן די ווערטער פון גאָט].

ר׳ הונא אין נאָמען פון ר׳ שמואלן האָט געזאָגט: דער סאַמע שטאַרקס־טער פון די דאָזיקע [הונגערס] האָט געדאַרפט קומען אין די טעג פון שאולן,[3] און האָט ניט געדאַרפט קומען אין די טעג פון דודן. אָבער צוליב דעם וואָס שאול איז געווען אַ צווייגל פון אַ ווילדן פייגנבוים,[4] און ער וואָלט ניט געקענט אים [5] ביישטיין, האָט אים הקדוש ברוך הוא אָפּגעשטופּט און געבראַכט ביי דודן, וואָס איז געווען אַ צווייגל פון אַן איילבירטבוים,[6] און האָט אים געקענט ביישטיין. דאָס ווערטל זאָגט: „שילה האָט געזינדיקט און יוחנא צאָלט״. אַזוי זיינען די אַלע [הונגערס] ניט געקומען אויף מענטשן שלאָבעריקע, נייערט אויף מענטשן גיבורים, וואָס האָבן געקענט זיי ביי־שטיין. ר׳ חייא רבה אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן אלעזר [האָט געזאָגט: ס׳איז אַ משל] מיט אַ גלעזער, וואָס האָט געהאַט אין האַנט אַ פולע קאָרב מיט בעכערס פון געשליפן גלאָז; און אַז ער פלעגט וועלן אויפהענגען זיין קאָרב, פלעגט ער ברענגען אַ האָקן, אים אַריינקלאַפּן [און זיך אָנהענגען אויף אים],[7] און נאָכדעם אויפהענגען זיין קאָרב. אַזוי זיינען די אַלע [הונגערס] ניט געקומען אויף מענטשן שלאָבעריקע, נייערט אויף מענטשן גיבורים. ר׳ ברכיה האָט געלייענט אויף זיי דעם פסוק (ישעיה מ, כט): נותן — ער גיט דעם פאַרמאַטערטן כוח.

ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ חלבון [האָט געזאָגט]: צוויי [הונגערס] זיינען געקומען אין די טעג פון אברהם אבינו.[8] ר׳ הונא אין נאָמען פון רב אחאן: איינער אין די טעג פון אברהמען און איינער אין די טעג פון למכן.

דער הונגער וואָס איז געווען אין די טעג פון אליהון איז געווען אַ הונגער פון טריקעניש; איין יאָר איז געוואַקסן, איין יאָר איז ניט געוואַקסן. אָבער דער הונגער וואָס איז געקומען אין די טעג פון אלישען, איז געווען מחמת די מהומות,[9] ווי דער פסוק זאָגט (מלכים ב, ו, כה): עד היות — ביז ס׳איז געווען אַכציק זילבערשטיק פאַר אַ קאָפּ פון אַן אייזל. דער הונגער וואָס איז געקומען אין די טעג ווען די שופטים האָבן געמשפט, — ר׳ הונא אין נאָמען פון ר׳ דוסא [האָט געזאָגט]: ס׳איז געווען צוויי און פערציק סאה[10] [פאַר אַ מנה],[11] און ס׳איז געוואָרן איין און פערציק. — אָבער מיר האָבן דאָך געלערנט: קיינער טאָר ניט אַרויסגיין [פון ארץ ישראל] קיין חוץ לארץ, סיידן מע האָט געקויפט צוויי סאה [ווייץ][12] פאַר אַ שקל?[13] [דער ענטפער איז:] ר׳ שמעון בן גמליאל[14] האָט געזאָגט: ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען מע קריגט ניט קויפן; אָבער אויב מע קריגט קויפן, איז אפילו אויב ס׳איז אַ סאה פאַר אַ שקל, טאָר קיין ייד ניט אַרויסגיין קיין חוץ לארץ. [אָבער אלימלך איז יאָ אַרויסגעגאַנגען, דעריבער איז ער באַשטראָפט געוואָרן][15].

שמתגלגל ובא לעולם [לעתיד לבוא]", דכתיב (עמוס ח׳): והשלחתי רעב בארץ, לא רעב ללחם ולא צמא למים.

ר׳ הונא בשם ר׳ שמואל: עיקר אוותנטייה שלהם היה ראוי לבא בימי שאול, ולא היה ראוי לבא בימי דוד; ועל ידי שהיה שאול גרופית של שקמה ולא יכול לעמוד בו, גלגלו הקב״ה והביאו אצל דוד, שהוא גרופית של זית, והיה יכול לעמוד בו. מתלא אמר: „שילה חטא ויוחנא משתלמא". כך כולם לא באו בבני אדם שפופין, אלא בבני אדם גבורים, שהיו יכולין לעמוד בהן. ר׳ חייא רבה בשם ר׳ שמעון בן אלעזר: לזגג שהיתה בידו קופה מלאה דיוטריטון; וכיון שהיה מבקש לתלות קופתו, היה מביא יתד ותוקעה [ונתלה בה], ואחר כך תולה קופתו. כך כולם לא באו בבני אדם שפופין, אלא בבני אדם גבורים. ר׳ ברכיה הוה קרי עליהון: נותן ליעף כוח.

ר׳ ברכיה בשם ר׳ חלבו: שנים באו בימי (אדם הראשון) [אברהם אבינו]. ר׳ הונא בשם ר׳ אחא: אחד בימי אברהם ואחד בימי למך.

רעב שהיה בימי אליהו, של בצורת היה; שנה עבדת, שנה לא עבדת. אבל רעב שהיה בימי אלישע, של מהומה היה, שנאמר (מלכים ב׳, ו׳): עד היות ראש חמור בשמונים כסף. רעב שבא בימי שפוט השופטים, — ר׳ הונא בשם ר׳ דוסא: ארבעים ושתים סאות היו [במנה], ונעשו ארבעים ואחת.

והא תני: לא יצא אדם לחוץ לארץ, אלא אם כן היו סאתים [חטים] לקוחות בשקל? אמר ר׳ שמעון בן גמליאל: אימתי? בזמן שאינו מוצא ליקח; אבל מוצא ליקח, אפילו סאה בשקל, לא יצא ישראל חוצה לארץ. [ואילו אלימלך יצא, לפיכך נענש.]

---

ווערטער לעתיד לבוא ווערן צוגעגעבן לויטן טעקסט אין בראשית רבה). [3] ווי דער פסוק זאָגט (שמואל ב, כא, א): אל שאול — איבער שאולן און איבערן בלוטיקן הויז, איבער דעם וואָס ער האָט געטייט די גבעונים. [4] ניט קיין אדם חשוב, אַ מענטש אָן זכיותן. [5] דעם הונגער. [6] אַ מענטש מיט אַ סך זכיותן. [7] כדי אויסצופּרואוון זיין שטאַרקייט (צוגאָב לויט בראשית רבה). [8] עמענדירט לויט בראשית רבה. — לויטן פירוש וואָס ווערט צוגעשריבן צו רשין (בראשית רבה כה, ג) איז די מימרא געבויט אויף דעם: עס שטייט ביים הונגער וואָס איז יצחקס טעג: אויסער דעם ערשטן הונגער וואָס אי. ג.וועו אין די טעג פון אברהמען (בראשית כו, א), מיינט עס, אַז אין אברהמס טעג איז אויך געווען אַ צווייטער הונגער, אַנדערש האָט דאָך געדאַרפט שטיין „אויסער דעם הונגער". [9] וואָס די מלחמה האָט גורם געווען. [10] אַ מאָס אַזאַ. [11] פינף און צוואַנציק שקל (צוגעגעבן לויטן יפה ענף). [12] צוגעגעבן לויט בראשית רבה. [13] אויב אַזוי האָט דאָך אלימלך ניט געזינדיקט מיט זיין פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווייל ס'איז דאָך געווען נאָך ווייניקער פון צווי פאַר אַ שקל (צוויי סאה פאַר אַ שקל וואָלט אויסגעקומען פופציק סאה פאַר אַ מנה,

אָבער מיר האָבן דאָך געלערנט: בשעת אַ מגפה, בשעת אַ מלחמה, נעם איין די פיס,[16] און בשעת אַ הונגער צענעם די פיס?[17] טאָ פאַרוואָס־זשע איז אלימלך באַשטראָפט געוואָרן? ווייל ער האָט שווער געמאַכט דאָס האַרץ פון ישראל. [ס'איז אַ משל] מיט אַ ראַטגעבער [פון אַ מלך],[18] וואָס האָט געוואוינט אין אַ שטאָט, און די שטאָט מענטשן פלעגן זיך פאַרלאָזן אויף אים און זאָגן, אַז אויב עס זאָלן אָנקומען הונגער יאָרן, קאָן ער אויס־האַלטן די שטאָט מיט שפייז צען יאָר. אַז ס'איז אָנגעקומען אַ הונגער יאָר, איז זיין דינסט אַרויסגעגאַנגען און אַרומגעגאַנגען[19] איבערן קליינמאַרק מיט איר קאָרב אין האַנט. האָבן די שטאָט לייט געזאָגט: „דער וואָס מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אויף אים, אַז אויב עס וועט קומען אַ הונגער, קאָן ער אונדז שפייזן צען יאָר, — אָט שטייט זיין דינסט אין קליינמאַרק מיט איר קאָרב אין האַנט!" אַזוי, — אלימלך איז געווען איינער פון די גדולים פון דער שטאָט און איינער פון די פירערס פונעם דור; אָבער אַז עס זיינען אָנגעקומען הונגער יאָרן, האָט ער געזאָגט: „איצט וועט גאַנץ ישראל מיר אָפּקלאַפּן די טירן, דער מיט זיין קאָרב און יענער מיט זיין קאָרב!" האָט ער זיך אויפגע־הייבן און איז אַנטלאָפן פון זיי. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (א, א): וילך איש — און אַ מאַן איז אַוועק פון בית לחם יהודה.

## ה

(א, א) וילך איש — און אַ מאַן איז אַוועק — אַ פּיעןַ![1] ביירערט קום און זע, מיט וויפיל איז דאָס אַריינקומען קיין ארץ ישראל מער באַליבט ביי הקדוש ברוך הוא ווי דאָס אַרויסגיין פון דאָרט! ווייטער שטייט געשריבן (עזרא ב, סו־סח): סוסיהם — זייערע פערד — — — זייערע מוילאייזלען — — — זייערע קעמלען[2] — — —, אָבער דאָ שטייט: און אַ מאַן איז אַוועק — אַ פּיעןַ! ביירערט דאָרטן [ווייל זיי זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד, האָט דער פסוק אויסגערעכנט זייער פאַרמעגן; אָבער דאָ],[3] ווייל זיי זיינען אַרויס פון לאַנד קיין חוץ לאָרץ, האָט דער פסוק ניט אויסגערעכנט זייער פאַרמעגן: און אַ מאַן איז אַוועק — אַ פּיעןַ!

לגור — צו וואוינען אין פעלד פון מואב. ר' לוי האָט געזאָגט: אומעטום וואו דו געפינסט דאָס וואָרט שדה, פעלד, מיינט עס שטאָט; עיר, אַ שטאָט, מיינט עס אַ כרך; מדינה, מיינט עס אַ פּראָווינץ. „פעלד — אַ שטאָט" (מלכים א, ב, כו): ענתות לך — קיין ענתות גיי, צו דיין פעלד.[4] „עיר, אַ שטאָט — אַ כרך" (יחזקאל ט, ד): עבור בתוך העיר — גיי דורך אין מיטן דער שטאָט, אין מיטן ירושלים. „מדינה — אַ פּראָווינץ" (אסתר א, א): שבע ועשרים — הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות[5].

הוא — ער מיט זיין ווייב און זיינע צוויי זין, — ער איז געווען דער הויפּט [שולדיקער],[6] זיין ווייב — צוליב אים, און זיינע זין — צוליב זייביידן.

והא תניא: בשעת הדבר, בשעת מלחמה, כנוס הרגל; ובשעת רעבון פזר הרגל? למה נענש אלימלך? על ידי שהפיל לבן של ישראל עליהם. לבוליטין [של מלך] שהיה שרוי במדינה, והיו בני המדינה סבורין עליו ואומרים, שאם יבואו שני בצורת, הוא יכול לספק את המדינה עשר שנים מזון. כיון שבאת שנת בצורת, יצתה לה שפחתו (מעילת) [מטילת] בסידקי וקופתה בידה. והיו בני המדינה אומרים: „זה שהיינו בטוחים עליו, שאם תבוא בצורת, הוא יכול לפרנס אותנו עשר שנים, — והרי שפחתו עומדת בסידקי וקופתה בידה!“ כך אלימלך היה מגדולי המדינה ומפרנסי הדור; וכשבאו שני רעבון, אמר: „עכשיו כל ישראל מסבבין פתחי, זה בקופתו וזה בקופתו!“ עמד וברח לו מפניהם. הה״ד: וילך איש מבית לחם יהודה.

ה

וילך איש — גרדום: אלא בוא וראה, כמה חיבב הקב״ה ביאתה של ארץ ישראל יותר מיציאתה! להלן כתיב: סוסיהם ——— פרדיהם ——— גמליהם ———, ברם הכא כתיב: וילך איש — גרדום! אלא להלן, [על ידי שהיו באים לארץ, ייחס הכתוב את ממונם; ברם הכא,] על ידי שהיו יוצאין מהארץ לחוץ לארץ, לא ייחס הכתוב את ממונם: וילך איש — גרדום!

לגור בשדי מואב. א״ר לוי: כל מקום שאתה מוצא שדה—עיר; עיר — מדינה; מדינה — איפרכיא. שדה — עיר (מלכים א׳, ב׳): ענתות לך, על שדך; עיר — מדינה (יחזקאל ט׳): עבר בתוך העיר, בתוך ירושלים; מדינה — איפרכיה: שבע ועשרים ומאה מדינה.

הוא ואשתו ושני בניו, — הוא עיקר, ואשתו טפלה לו, ובניו טפלין להם.

---

און דאָ איז נאָר געווען איין און פערציק פאַר אַ מנה), — פאַרוואָס־זשע איז ער באַשטראָפט געוואָרן? [14] לויט בראשית רבה מ, ג — ר׳ שמעון בן יוחאי. [15] צוגעגעבן לויט בראשית רבה כה, ג. [16] זיץ אין דער היים. [7] לאָז זיך אין דער וועלט. [18] צוגעגעבן לויטן ילקוט. [19] עמענדירט לויטן רד״ל.

ה. [1] הויל און נאַקעט ווי אַ פּיען, מיט ליידיקע הענט, — ווי איז עס מעגלעך? ווייסן מיר דאָך, אַז אלימלך איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש! [2] דאָרט ווערט אויסגערעכנט דאָס פאַרמעגן וואָס די עולים האָבן מיטגענומען מיט זיך פון בבל קיין ארץ ישראל. [3] צוגע־געבן לויטן רש״ש און מהרז״ו. [4] און ענתות איז געווען אַ שטאָט (זע אויבן אסתר רבה א, ט, באַמערקונג 2). [5] זע דאָרט באַמערקונג 1. [6] אין פאַרלאָזן ארץ ישראל, און דעריבער איז ער באשטראָפט געוואָרן דער ערשטער (משנת דר׳ אליעזר).

# פרשה ב

## א

## [פתיחתא]

ר׳ סימון אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי און ר׳ חמא דער פאָטער פון ר׳ הושעיא [1] [האָבן געזאָגט] אין נאָמען פון רבין: דער ספר דברי הימים איז געגעבן געוואָרן ניט אַנדערש, נייערט אויף געדרשנט צו ווערן [2]. דאָס איז וואָס אין פסוק שטייט (דברי הימים א, ד, כא) [3]: בני שלה — די קינדער פון שלה דעם זון פון יהודה: ער, דער פאָטער פון לכה, — דער אב בית דין [4] פון לכה [5]; ולעדה — און לעדה דער פאָטער פון מרשה, — דער אב בית דין פון מרשה; ומשפחות — און די משפחות פון דעם הויז פון דער ליינענאַרבעט, דאָס איז רחב הזונה, וואָס האָט באַהאַלטן די מרגלים אין ליינען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יהושע ב, ו): ותטמנם — און זי האָט זיי באַהאַלטן צווישן די פלאַקסשטעקלעך [6]. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: מיט בשמים [7] האָט זי זיך פאַרנומען. לבית — פונעם הויז פון אשבע, דען די מרגלים האָבן איר געשוואָרן [8], ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק יב): ועתה — און אַצינד שווערט מיר, איך בעט אייך, ביי גאָט; — ויוקים — און יוקים, דען זיי האָבן מקיים געווען די שבועה; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ו, כג): ויבואו — און עס זיינען געקומען די יונגע לייט, די מרגלים [און האָבן אַרויסגענומען רחבן — — —]. און וואָס לערנט אונדז דער פסוק (דאָרט) ואת כל — און אַלע אירע משפחות האָבן זיי אַרויסגענומען? ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט, אַז אויב אפילו איר משפחה איז באַשטאַנען פון צוויי הונדערט מענטשן, און זיי זיינען אַוועק און זיך באַהאָפטן [9] מיט צוויי הונדערט אַנדערע משפחות, זיינען זיי אַלע געראַטעוועט געוואָרן אין איר זכות: דער פסוק זאָגט ניט „ואת כל משפחתה״, און איר גאַנצע משפחה, נייערט ואת כל משפחותיה, און אַלע אירע משפחות.

ואנשי — און די מענטשן פון כזבא, דען זי האָט ליגן געזאָגט [10] דעם מלך פון יריחו, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ב, ד־ה): ותאמר — און זי האָט געזאָגט: יאָ, די מענטשן זיינען געקומען צו מיר — — — [און די מענטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען]. ויואש — און יואש, דען זי האָט זיך מייאוש געווען פון איר לעבן [11]; ושרף — און שרף, דען זי האָט זיך געגרייט פאַרברענט צו ווערן [12]; אשר בעלו — וואָס האָבן זיך באַהאָפטן [13] מיט מואב, דען זי איז געקומען און זיך באַהאָפטן מיט ישראל, און אירע מעשים [טובים] זיינען אַרויף צו איר פאָטער [14] וואָס אין הימל; וישובי — און

# פרשה ב

## א

## [פתיחתא]

ר׳ סימון בשם ר׳ יהושע בן לוי ור׳ חמא אבוי דרבי (יהושע) [הושעיא] בשם רבי: לא ניתן דברי הימים אלא להדרש. הה״ד (דברי הימים א, ד׳): בני שלה בן יהודה: ער אבי לכה, אב בית דין של לכה; ולעדה אבי מרשה, אב בית דין של מרשה; ומשפחות בית עבודת הבוץ, זו רחב הזונה, שהטמינה המרגלים בבוץ; הה״ד (יהושע ב׳): ותטמנם בפשתי העץ. א״ר יהודה ברבי סימון: בבוסמין היתה עסוקה. לבית אשבע, שנשבעו לה המרגלים, שנאמר (שם): ועתה השבעו נא לי בה׳. ויוקים, שקיימו לה השבועה; הה״ד (שם ו׳): ויבואו הנערים המרגלים. ומה תלמוד לומר: ואת כל משפחותיה הוציאו? תני ר׳ שמעון בן יוחאי; שאפילו היתה משפחה מאתים אנשים, והלכו ונדבקו במאתים משפחות אחרות, כולן ניצולות בזכותה: „ואת כל משפחתה״ לא נאמר, אלא ואת כל משפחותיה.

ואנשי כזבא, שכזבה במלך יריחו, שנאמר (שם ב׳): ותאמר: כן, באו אלי האנשים, וגו׳; ויואש, שנתיאשה מן החיים; ושרף, שתקנה עצמה לשרופין; אשר בעלו למואב, שבאתה ונדבקה בישראל, ועלו מעשיה לאביה שבשמים; וישבי לחם, שנדבקה

---

א, [1] עמענדירט לויטן ילקוט דברי הימים, סוף תתרעד, און ס׳איז באַקאַנט, אַז ר׳ הושעיא (אָדער אושעיא) איז געווען דער זון פון ר׳ חמא. [2] דברי הימים, זייענדיק אַן איבערחזרונג פון פריערדיקע תנ״ך ספרים, ווערט פון די בעלי המדרש גענומען אַלעגאָריש, באַזונדערס דער גענעאַלאָגישער טייל ביים אָנהייב ספר. [3] אַלע ווייטערדיקע ציטאַטען פון סימן א, ווי אויך פון די סימנים ב, ג און ד, וואָס ווערן ניט פאַרצייכנט מיט קיין מראה מקום, זיינען גענומען פון די פסוקים כא—כג פון יענעם פרק. [4] דער הויפּט פון געריכט (אבי — אב בית דין). [5] לכה ווערט געדרשנט ווי דער נאָמען פון אַ שטאָט, צוליבן ווייטערדיקן מרשה, וואָס מיר געפינען (מיכה א, טו) ווי אַ נאָמען פון אַ שטאָט. [6] וואָס מע מאַכט פון זיי ליינען. [7] בוסמין — בוץ. דער רד״ל עמענדירט (לויט ספרי בהעלותך) אויף באכסנאין היתה עסוקה, זי האָט זיך פאַרנומען מיט אַן אַכסניה, טייטשנדיק דעם אויסדרוק לבית אשבע — פונעם הויז פון זאַטקייט (לייענענדיק אשבע מיט אַ „לינקער״ שין, פון שבע, זאַט), לויטן תרגום, וואָס נעמט אָן, אַז דאָס וואָרט זונה מיינט אַ שפּייזערקע, פון זון, שפּייזן. אָבער דאָרטן ווערט גאָר דער מאמר געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ אליעזרן, און ס׳איז וואַרשיינלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי באַזונדערע מאמרים. [8] נשבעו, השבעו — אשבע. [9] זיך מתחתן געווען. [10] כזבה — כזבא. [11] זי האָט געשטעלט איר לעבן אין געפאַר. [12] אַבי צו ראַטעווען די מרגלים. שרף — פאַרברענען. [13] לויט בעל, באַמאַנען, זיך באַהעפטן מיט אַ פרוי. [14] לאביה — מואב. די ווערטער אשר בעלו

ישובי לחם, דען זי האָט זיך באַהאַפטן מיט ישראל, וואָס האָבן מקבל געווען די תורה, וואָס וועגן איר שטייט געשריבן (משלי ט, ה): לכו לחמו — קומט שפּייזט זיך מיט מיין ברויט [15]. והדברים עתיקים — און די ווערטער זיינען דערווייטערט [16], — ר׳ איבו און ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון זאָגן: דידאָזיקע ווערטער זיינען פאַרהוילן דאָ, אָבער קלאָר אין אַן אַנדער אָרט [17]. המה — דאָס זיינען די טעפּערס, דאָס זיינען די מרגלים; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (יהושע ב, א): וישלח — און יהושע בן נון האָט געשיקט פון שיטים [צוויי מענטשן מרגלים, חרש — וואָס מיינט חרש?] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה [זאָגן וועגן דעם]. איינער האָט געזאָגט: סטאָליער־געצייג האָבן זיי געהאַט אין זייער האַנט: מרגלים: „חרש״ לאמר — מרגלים: „סטאָליערס״ צו זאָגן [18]. ר׳ נחמיה זאָגט: טעפּער־געפעס האָבן זיי געהאַט אין זייער האַנט, ווי די טעפּערס: „חרש״ [19] לאמר — „טעפּערס״ צו זאָגן. ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: חרש, טויב־שטום [20] לויטן פּשט; ער האָט געזאָגט צו זיי: מאַכט זיך טויב־שטום, וועט איר אויסגעפינען זייערע סודות. ר׳ שמעון בן אלעזר זאָגט: דורך דעם וואָס איר וועט זיך מאַכן טויב־שטום, וועט איר אויסגעפינען זייערע פּירוּגגען.

ויושבי — און די וואָס זיצן צווישן די פלאַנצערייען, דען זיי [21] זיינען געווען באַהאַוונט אין פלאַנצן, לויט דעם וואָס דער פּסוק זאָגט (במדבר יג, כג): ויכרתו — און זיי האָבן אָפּגעשניטן פון דאָרטן אַ צווייג [22]; וגדרה — און ביי די צוימען, דען זי האָט זיי באַהאַלטן הינטערן צוים, ווי דער פּסוק זאָגט (יהושע דאָרט, פּסוק טז): ותאמר — און זי האָט געזאָגט צו זיי: צום באַרג גייט [23]. און אַנדערע זאָגן, אַז עס האָט גערוט אויף איר דער רוח הקודש [24], נאָך איידער ישראל איז אַריין אין לאַנד. דען פון וואַנען האָט זי געוואוסט, אַז זיי [25] וועלן זיך אומקערן אין דריי טעג אַרום? [26] פון דאַנען איז געדרונגען, אַז עס האָט גערוט אויף איר דער רוח הקודש.

עם המלך — מיטן מלך ביי זיין עבודה זיינען זיי דאָרט געזעסן, — פון דאַנען האָט מען געזאָגט: צען כוהנים נביאים [27] זיינען אַרויסגעקומען פון רחב הזונה: ירמיה, חלקיה, שריה, מחסיה, חנמאל, שלום, ברוך, נריה, יחזקאל, בוזי [28]. און אַנדערע זאָגן: אויך חולדה הנביאה איז געווען פון רחב הזונהס קינדס קינדער.

---

למואב ווערן דאָ געדרשנט אשר באו ועלו למו אב, וואָס זיינען געקומען און אַרויף צום פאָטער (יפה ענף). [15] ברויט מיינט דאָרט חכמה, תורה [16] ווייט פון פאַרשטיין, פאַרהוילן (אַזוי לויטן דרש; זע ווייטער סימן ג, וואו אַן ענלעכער טייטש פון דעם וואָרט ווערט געשטיצט אויף אַ פּסוק). [17] ד״ה: די ווערטער פון דברי הימים ווערן קלאָר דורך די ווערטער אין יהושע. פאַרגלייך ירושלמי, ראש השנה ג, הלכה ה: דברי תורה עניים במקומן ועשירים במקום אחר (ווערטער פון דער תורה זיינען אָרים אין איין אָרט און רייך אין אַן אַנדער אָרט). פאַרגלייך אויך במדבר רבה יט, כח: דברי תורה צריכין זה לזה, שמה שזה נועל זה פותח (ווערטער פון דער תורה דאַרפן אָנקומען איינס צום אַנדערן, דען וואָס איינס האַלט פאַרשלאָסן, האַלט דאָס צווייטע אָפן). [18] חרש ווערט דאָ געלייענט מיט צוויי קמצן: מייסטערס, אין דעם פאַל — פון האָלץ; און דאָס וואָרט לאמר זאָל מיינען: די מרגלים זאָלן זאָגן: „מיר זיינען סטאָליערס״, כּדי אָפּצונאַרן די כנענים.

בישראל שקבלו את התורה, שכתוב בה: לכו לחמו בלחמי; והדברים עתיקים, — ר׳ איבו ור׳ יהודה ברבי סימון אומרים: דברים הללו סתומין כאן ומפורשין במקום אחר. המה היוצרים, אלו המרגלים; ההי״ד (שם): וישלח יהושע בן נון מן השטים, וגו׳. ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. חד אמר: כלי נגרות היה בידם, — מרגלים „חרש״ לאמר. ר׳ נחמיה אמר: כלי קדרות היה בידם כקדרין: „חרש״ לאמר. תני ר׳ שמעון בן יוחאי: חרש כמשמעו; אמר להם: „עשו עצמכם חרשין, ואתם עומדים על רזיהם״. ר׳ שמעון בן אלעזר אומר: מתוך שאתם עושים עצמכם חרשים, אתם עומדין על אופניים שלהם.

ויושבי נטעים, שהיו בקיאין בנטיעה, על שם שנאמר (במדבר יג): ויכרתו משם זמורה; — וגדרה, שהטמינה אותן אחרי הגדר, שנאמר: ותאמר להם: ההרה לכו. ויש אומרים, ששרתה עליה רוח הקודש, עד שלא נכנסו ישראל לארץ: וכי מהיכן היתה יודעת, שחוזרין לשלשה ימים? מכאן, ששרתה עליה רוח הקודש.

עם המלך במלאכתו ישבו שם. מכאן אמרו: עשרה כוהנים נביאים עמדו מרחב הזונה: ירמיה, חלקיה, שריה, מחסיה, חנמאל, שלום, ברוך, נריה, יחזקאל, בוזי. ויש אומרים: אף חולדה הנביאה מבני בניה של רחב הזונה היתה.

---

19 געלייענט מיט אַ „לינקער״ שין, דאָסזעלבע ווי חרס. 20 געלייענט מיט צוויי צירהס. 21 די מרגלים. 22 דאָרט רעדט זיך וועגן די מרגלים וואָס משה האָט געשיקט, און פון זיי לערנט מען אויף די אַנדערע. אויך איז דאָ אַ מסורה, אַז כלב בן יפונה איז געווען ביידע מאָל צווישן די מרגלים (זע ילקוט יהושע, רמז ז). 23 שווער צו פאַרשטיין די שייכות צווישן באַרג און צוים, סיידן דער בעל המדרש האָט עס פאַרשטאַנען: צו די צוימען וואָס אין די בערג. 24 דאָס וואָרט גדרה, צוים, ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי נבואה, לויטן פסוק אין יחזקאל (יג, ה): ותגדרו גדר — און איר האָט פאַרצוימט אַ צוים אַרום דעם הויז פון ישראל (רש״ש) אָדער לויט ויקרא רבה א, ג, וואו אבי גדור (דברי הימים א, ד, יח) ווערט געטייטשט אויף משה רבנו, דעם פאָטער פון אַלע נביאים (מתנות כהונה). 25 דעם מלכס שליחים. 26 זע יהושע דאָרט, פסוק טז. 27 מלאכתו, זיין עבודה, זיין אַרבעט,קאָן זיך באַציען סיי אויפן כוהן, וואָס פלעגט טאָן די עבודה אין בית המקדש, סיי אויף גאָטס שליח, דעם נביא, טייטשנדיק (לויטן מתנות כהונה) מלאכתו — זיין שליחות, פונעם וואָרט מלאך, אַ שליח (און מלך ווערט דאָ פאַרשטאַנען גאָט). — לויט חז״ל (מגילה טו, א) איז יעדער נביא וואָס ווערט דערמאָנט מיט זיין פאָטערס נאָמען אַ נביא בן נביא. און אין פסוק שטייט (ירמיה א, א): ירמיהו בן חלקיהו מן הכוהנים; און ביי שריה בן נריה בן מחסיה שטייט (דאָרט נא, נט): ושריה שר המנוחה, וואָס ווערט געדרשנט (במדבר רבה י, ה), אַז אויף שריהן האָט גערוט (מנוחה) דער רוח הקודש; און גלייכצייטיק איז ער געווען אַ כוהן (זע ירמיה נב, כד), אַזוי, אַז אויך זיין פאָטער און זיידע זיינען געווען כוהנים נביאים; און אַזוי איז אויך חנמאל בן שלום (דאָרט לב, ז) געווען אי אַ כוהן, זייענדיק ירמיהס פעטערס אַ זון, אי אַ נביא, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט פסוק ח): וידע — און איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז דאָס וואָרט פון גאָט (אַז חנמאל איז געקומען

ב

## [פתיחתא]

ר׳ שמואל בר נחמני האָט באַשיידט די פסוקים אויף דודן. בני שלה — די קינדער פון שלה, דעם זון פון יהודה: ער, דער פאָטער פון לכה — דער אב בית־דין פון לכה; ולעדה — און לעדה, דער פאָטער פון מרשה — דער אב בית־דין פון מרשה; ומשפחות — און די משפחות פון דעם הויז פון דער ליינענאַרבעט, דאָס איז דוד, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן פרוכת[1]; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמואל ב, כא, יט): ויך אלחנן — און ס׳האָט געשלאָגן אלחנן, דאָס איז דוד, וואָס הקדוש ברוך הוא האָט אים געלייט־זעליקט[2]; דער זון פון יערי, דער זון וואָס איז געוואַקסן אין וואַלד[3]; אורגים, וועבערס, דען ער האָט זיך פאַרנומען מיטן פרוכת. אַן אַנדער פשט: אורגים, וועבערס, — מע פלעגט אים ברענגען אַ הלכה, און ער פלעגט זי אויפוועבן[4]. אַן אַנדער פשט: דאָס זיינען די סנהדרין, וואָס פלעגן צוזאַמען מיט אים וועבן די ווערטער פון דער תורה.

לבית — פון דעם הויז פון אשבע, דען הקדוש ברוך הוא האָט אים צוגעשוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פט, ד): כרתי — איך האָב געשלאָסן אַ בונד מיט מיין אויסדערוויילטן, [איך האָב געשוואָרן צו דודן מיין קנעכט]. און יוקים, דען ער האָט אים מקיים געווען די שבועה, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט קלב, יא): נשבע ה׳ — גאָט האָט געשוואָרן צו דודן מיטן אמת, ער וועט ניט אָפּטרעטן פון דעם. און די מענטשן פון כזבא, — ר׳ עזריה און ר׳ יונתן און ר׳ יצחק בר מריון [האָבן געזאָגט], און אַנדערע זאָגן — ר׳ יוסי דער זון פון ר׳ חנינא [האָט עס געזאָגט]: די מערהייט פון סנהדרין[5] איז געווען פון שבט יהודה; פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? דען דער פסוק זאָגט (בראשית מט, יב): חכלילי — גערויטלט די אויגן פון ווין, און ווייס די ציינער פון מילך, דען זיי פלעגן סדרן די הלכה מיט די ציינער[6], ביז זיי פלעגן זיי אַרויסטראָגן קלאָר ווי מילך.

יואש, דען ער האָט זיך מייאש געווען פון לעבן (דברי הימים א, כא, יז): תהי נא — זאָל זיין, איך בעט, דיין האַנט אויף מיר; — און שרף, דען ער האָט דערמאָנט די מעשים [טובים] פון די וואָס זיינען [גרייט געווען] פאַרברענט [צו ווערן] (דברי הימים א, כט, יח): ה׳ — גאָט דער גאָט פון אברהם, יצחק און ישראל אונדזערע אבות[7]; — וואָס האָבן זיך באַהאַפטן מיט מואב, דען ער איז אַרויסגעקומען פון רות דער מואבישער; און ישובי

---

צו ירמיהן מיט גאָטס וואָרט), איז ממילא אויך שלום געווען אַ נביא. און אַזוי איז עס אויך מיט יחזקאל בן בוזי הכוהן (מהרז״ו). און וועגן ברוכן שטייט (ירמיה לו, יח) מפיו — פון זיין מויל רופט ער אויס צו מיר די אַלע ווערטער, און איך שרייב אין בוך, האָט ער, חייסט עס, איבערגענומען נבואה פון ירמיהן (רשי, מגילה יד, ב). כאָטש לויטן ילקוט (ירמיה, שכט) טייטשט די מסורה ברוכס ווערטער (ירמיה מה, ג): ומנוחה — און קיין רו האָב איך ניט געפונען, אַז ער האָט ניט זוכה געווען, עס זאָל רוען אויף אים (מנוחה, ווי אויבן ביי שריהן) דער רות הקודש. [28]דער ספרי, בהעלותך, רעכנט ניט יחזקאלען און בוזין צווישן רחבס קינדס־קינדער.

# ב

## [פתיחתא]

ר׳ שמואל בר נחמני פתר קראי בדוד. בני שלה בן יהודה: ער אבי לכה, **אב בית דין של לכה**; ולעדה אבי מרשה, **אב בית דין של מרשה**; ומשפחות בית עבודת הבוץ, **זה דוד שהיה עוסק בפרוכת**; **הה״ד** (שמואל ב׳, כ״א): ויך אלחנן, **זה דוד שחננו הקב״ה**; בן יערי, **בן שהיה גדל ביער**; אורגים, **שעסק בפרוכת. ד״א**: אורגים, **שהיו מעלין לו את ההלכה, והוא אורגה. ד״א: אלו סנהדרין, שהיו אורגין עמו בדברי תורה.**

לבית אשבע, **שנשבע לו הקב״ה, שנאמר** (תהלים פ״ט): כרתי ברית לבחירי; — ויוקים, **שקיים לו השבועה, שנאמר** (שם, קל״ב): נשבע ה׳ לדוד אמת, לא ישוב ממנה; — ואנשי כזבא, — **ר׳ עזריה ור׳ יונתן ור׳ יצחק בר מריון, ואמרי לה — ר׳ יוסי בר׳ חנינא: עיקר סנהדרין משל יהודה; מאי טעמא? שנאמר** (בראשית מ״ט): חכלילי עינים מיין ולבן שנים מחלב, **שהיו סודרין את ההלכה בשנים, עד שהיו מוציאין אותה בנקיון כחלב.**

יואש, **שנתיאש מן החיים** (דברי הימים א׳, כ״א): תהי נא ידך בי; — ושרף **שהזכיר מעשה שרופים**: ה׳ אלהי אברהם יצחק וישראל אבותינו; — אשר בעלו למואב, **שבא מרות המואביה**; וישובי לחם, **שבא מבית לחם יהודה**. והדברים עתיקים, — **רבי איבו אומר: זה דוד ושלמה, שנשתתפו לפני הקב״ה בבנין בית**

---

לחם, דען ער איז אַרויסגעקומען פון בית לחם יהודה. און די ווערטער זיינען אוראַלט[8], — **ר׳ איבו האָט געזאָגט: דאָס איז דוד און שלמה, וואָס האָבן זיך**

---

ב. [1] פונעם ארון קודש וואָס ער האָט אַריינגעפירט אין ירושלים (שמואל ב, ו, יג און ווייטער). [2] חננו — אלחנן (געלייענט ווי צוויי ווערטער: אל חנן). [3] יער. דוד האָט זיך אויפגעהאָדעוועט פּאַשענדיק די שעפּסן אין מדבר און אין וואַלד. [4] ער פלעגט מיט פאַרשיידענע סברות און דערקלערונגען פעסטשטעלן דעם דין און מאַכן דערפון אַ מסורהדיקע הלכה (אַ געוועב איז מסכת (שופטים טז, יג) און מסכת, אָדער אין דער אַראַמישער פאָרם, מסכתא, הייסט אַ טראַקטאַט אין תלמוד און אויך — אַ סתם הלכה. — זע ווייטער ה, א, באַמערקונג 62. — פאַרגלייך אין די מאָדערנע שפּראַכן טעקסטיל און טעקסט). [5] רובן של סנהדרין (בראשית רבה צח, י). — כזבא ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי כזב, ליגן: די סנהדרין פלעגן מיט זייער הכמה אויפדעקן די ליגנס פון אַ פאַלשן בעל דין; אָדער: כוזבא (מלא, מיט אַ וו) באַטרעפט 36, די מערהייט פון סנהדרין, וואָס איז באַשטאַנען פון 71 חברים (מתנות כהונה). [6] פאַרגלייך דעם אויסדרוק גירסא, לערנונג, וואָס נעמט זיך פון גרס, צעמאַלן, צעקייען. [7] אברהם האָט זיך געלאָזט וואַרפן אין פייער אויף קידוש השם (בראשית רבה לח, יג), יצחק איז געגאַנגען מיטן גוטן ווילן צו דער עקדה (בראשית כב), און יעקב האָט זיך פיל מאָל מוסר נפש געווען פאַרן אייבערשטן (מתנות כהונה ציטירט דאָ דעם זוהר: ניט געווען נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל זיך אַזוי מוסר נפש זיין פאַר השם יתברך, ווי יעקב אבינו האָט עס געטאָן). [8] אַנדערש ווי געטייטשט אויבן, סימן א.

צונויפגענומען פאַר הקדוש ברוך הוא [9] ביים בויען דעם בית המקדש. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: דאָס איז בניהו בן יהוידע, וואָס האָט זיך געשטאַרקט מיט שלמה המלך ביים בויען דעם בית המקדש [10]. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: דאָס איז יהוידע דער כוהן גדול, וואָס איז צוגעשטאַנען צו יואשן ביים פאַרריכטן דעם בית המקדש [11]. ר׳ נחמיה זאָגט: דאָס זיינען ירמיה און יחזקאל, וואָס האָבן מתפלל געווען פאַר הקדוש ברוך הוא, ניט חרוב צו מאַכן דעם בית המקדש.

המה — זיי זיינען די פורעמערס [12], דאָס זיינען בועז און רות [13], און די וואָס זיצן צווישן די פלאַנצערייען, דאָס איז שלמה, וואָס איז געווען געגליכן אין זיין מלכות צו אַ פלאַנץ [14]. און ביי די צוימען, דאָס זיינען די סנהדרין, וואָס פלעגן אַרומצוימען צוזאַמען מיט אים די ווערטער פון דער תורה [15]. מיטן מלך ביי זיין אַרבעט זיינען זיי דאָרט געזעסן, — פון דאַנען האָט מען געזאָגט: רות די מואבישע איז ניט געשטאָרבן, ביז זי האָט ניט געזען איר אייניקל [16] שלמה זיצן און משפטן דעם משפט פון די זונות [17]; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (מלכים א, ב, יט): וישם — און ער האָט געשטעלט אַ שטול פאַר דעם מלכס מוטער, דאָס איז בת שבע; ותשב — און זי האָט זיך געזעצט ביי זיין רעכטער האַנט, דאָס איז רות די מואבישע [18].

## ג

## [פתיחתא]

ר׳ מנחם בר אבין האָט באַשיידט די פסוקים אויף משהן. ויוקים, לויטן פסוק (במדבר י, לה): קומה ה׳ — שטיי אויף, גאָט, און זאָלן דיינע פיינט צעשפרייט ווערן; — און די מענטשן פון כזבא, דען ער האָט געמאַכט דאָס וואָרט פון הקדוש ברוך הוא ווי ליגן [1], ווי דער פסוק זאָגט (שמות לב, יא): למה ה׳ — פאַרוואָס, גאָט, זאָל ברענען דיין צאָרן אויף דיין פאָלק; — יואש, דען ער האָט זיך מייאש געווען פונעם לעבן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק לב): ואם אין — און אויב ניט, מעק מיך אויס [פון דיין בוך]; — און שרף, דען ער האָט דערמאָנט די מעשים [טובים] פון די וואָס זיינען [גרייט געווען] פאַרברענט [צו ווערן], ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק יג): זכר — געדענק אָן אברהם, יצחק און ישראל דיינע קנעכט; — וואָס האָבן זיך באַהאָפטן מיט מואב, דען זיינע מעשים טובים זיינען געקומען און אַרויף צו זיך פאָטער אין הימל [2]; און ישובי לחם, דען ער איז אַרויף אויפן הימל און געפאַנגען [3] די תורה, לויט ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סח, יט): עלית — דו ביסט אַרויף אויפן הימל, האָסט געפאַנגען אַ פאַנג; והדברים עתיקים — און די ווערטער זיינען אוראַלט, [דידאָזיקע ווערטער [4] זיינען געזאָגט געוואָרן פון דעם אוראַלטן פון דער וועלט] [5]. ר׳ איבו און ר׳ יהודה בר סימון [גיבן אַן אַנדער דערקלערונג]. ר׳ איבו האָט געזאָגט: אפילו זאַכן וואָס זיינען דערוויטערט [6] געוואָרן פון זיי, [ווי דער פסוק

המקדש. ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: זה בניהו בן יהוידע, שנתחזק עם המלך שלמה בבנין בית המקדש. ר׳ יהודה אמר: זה יהוידע הכוהן הגדול, שנטפל עם יואש לבדק הבית. ר׳ נחמיה אומר: זה ירמיה ויחזקאל, שהתפללו לפני הקב״ה, שלא להחריב בית המקדש.

המה היוצרים, זה בועז ורות; וישבי נטעים, זה שלמה, שהיה דומה כנטע במלכותו; וגדרה, אלו סנהדרין, שהיו גודרים עמו בדברי תורה; עם המלך במלאכתו ישבו שם, — מכאן אמרו: לא מתה רות המואביה, עד שראתה שלמה בן בנה יושב ודן דינן של זונות. הדא הוא דכתיב (מלכים א׳ ב׳): וישם כסא לאם המלך, זו בת שבע; ותשב לימינו, זו רות המואביה.

ג

[פתיחתא]

ר׳ מנחם בר אבין פתר קרייה במשה. ויוקים, על שם (במדבר י׳): קומה, ה׳, ויפוצו אויביך; — ואנשי כזבא, שעשה דבר של הקב״ה כמו כזבים, שנאמר (שמות ל״ב): למה, ה׳, יחרה אפך בעמך; — יואש, על שנתיאש מן החיים, שנאמר (שם): ואם אין, מחני נא; — ושרף, שהזכיר מעשה שרופין, שנאמר (שם): זכור לאברהם, ליצחק ולישראל עבדיך; — אשר בעלו למואב, שבאו ועלו מעשיו הנעימים לפני אביו שבשמים; וישובי לחם, שעלה למרום ושבה התורה, על שם שנאמר (תהלים ס״ח): עלית למרום, שבית שבי; — והדברים עתיקים, [הדברים

[9] דער אַלטבאַטאַגטער (עתיק יומיא, דניאל ז, יב). [10] דאָס וואָס בניהו איז געשטאַנען מיט שלמהן קעגן אדוניהו, און אים געהאָלפן ווערן מלך (מלכים א, א, מד), האָט גורם געווען, אַז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערן. לויטן מהרז״ו איז עס אַן אָנדייטונג אויף דער אגדה אין דער גמרא (גיטין סח), אַז בניהו האָט אים געהאָלפן קריגן דעם שמיר, אויף צו שפּאַלטן די שטיינער פאַרן בנין. [11] מלכים ב, יב, ז און ווייטער. [12] אַנדערש ווי אויבן, אין סימן א. [13] וועלכע האָבן, דורך זייער באַהעפטן זיך, גורם געווען צו דער שפּעטערדיקער פּורעמונג (געבורט) פון דודן. [14] וואָס האָלט אין וואַקסן. [15] פאַר־גלייך פרקי אבות א, א: ועשו — און מאַכט אַ צוים אַרום דער תורה. [16] ריכטיקער: אור־אור־אייניקל. [17] מלכים א, ג, טז—כח. [18] די צווייטע העלפט פון דער פראַזע איז איבעריק, ווייל עס ווערט דאָך אַליין פאַרשטאַנען, אַז אויב ער האָט געשטעלט אַ שטול פאַר זיין מוטער, האָט זי זיך געזעצט אויף דעם; ווערט עס געדרשנט אויף רותן.

ג. [1] כזבים. ער האָט מבטל געמאַכט גאָטס גזרה צו פאַרטיליקן ישראל. [2] זע אויבן סימן א, באַמערקונג 14. [3] שבה — ישובי, און לחם, ברויט, באַציט זיך אויף דער תורה, לויט משלי ט, ה. [4] די ווערטער פון דער תורה. [5] אין אַלע געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דערדאָזיקער מאמר ווייטער, צווישן די מאמרים פון ר׳ איבו און ר׳ יהודה בר סימון, און ער לייענט זיך אַזוי: „הדברים הללו נאמרו ממעתיקו של עולם, כד״א (בראשית יב): ויעתק משם״ (דידאָזיקע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן פון דעם באַוועגער פון דער

זאָגט (בראשית י״ב): ויעתק משם — און ער האָט איבערגערוקט פון דאָרט — — —[7],] האָט ער זיי צוריקגעגעבן, ווי דער פסוק זאָגט (שמות לד, א): פסל לך — האַק דיר אויס [צוויי לוחות פון שטיין אַזוי ווי די ערשטע] [8]. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: דידאָזיקע ווערטער זיינען פאַרהוילן דאָ, אָבער קלאָר אין אַן אַנדער אָרט [9], ווי דער פסוק זאָגט (שמות לב, כז): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: שרייב דיר אויף דידאָזיקע ווערטער, דען לויט דידאָזיקע ווערטער — — —[10].

המה היוצרים — זיי זיינען די פורעמערס, [די געפורעמטע,] [11] לויטן פסוק (בראשית ב, ז): וייצר ה׳ — און גאָט דער האַר האָט געפורעמט [דעם מענטשן]. אַן אַנדער פשט: זיי זיינען די פורעמערס, דאָס זיינען די נשמות פון די צדיקים, וואָס מיט זיי האָט הקדוש ברוך הוא זיך מיישב געווען צו באַשאַפן זיין וועלט [12]. ויושבי — און די וואָס זיצן צווישן די פלאַנצערייען, לויטן פסוק (דאָרט, פסוק ח׳): ויטע ה׳ — און גאָט דער האַר האָט געפלאַנצט [אַ גאָרטן אין עדן] [13]; און ביי די צוימען, לויט דעם וואָס דער פסוק זאָגט (ירמיה ה, כב): אשר שמתי — וואָס איך האָב געמאַכט דעם זאַמד אַ גרעניץ פאַרן ים [14]; — מיטן מלך ביי זיין אַרבעט, מיטן מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, זיינען דאָרט געזעסן די נשמות פון די צדיקים, וואָס מיט זיי האָט ער זיך מיישב געווען [15] און באַשאַפן זיין וועלט.

ד

## [פתיחתא]

אַן אַנדער פשט: און יוקים, דאָס איז אלימלך [1]; און די מענטשן פון כוזבא, דאָס זיינען זיינע זין, וואָס זיינען אויסגערונען געוואָרן [2]; יואש, דען זיי האָבן זיך מיאש געווען פון ארץ ישראל; און שרף, דען זיי האָבן

---

וועלט, ווי דער פסוק זאָגט: און ער האָט איבערגערוקט פון דאָרט). אָבער אויסער דעם וואָס דער מאמר איז דאָרט ניט אין פלאַץ, שטימט ער אויך ניט מיט אַנדערע מקורות (זע בבא בתרא צא, ב: דברים הללו — עתיק יומיא אמרן; און ילקוט דברי הימים, תתרעו: דברים הללו — עתיק יומין אמרינהו: דידאָזיקע ווערטער האָט דער אַלטבאַטאָגטער געזאָגט), און די מפרשים מאַטערן זיך און שלאָגן פאַר פאַרשיידענע אויסבעסערונגען. מיר האָבן דעם מאמר געשטעלט פאַר די ווערטער פון ר׳ איבו, וואו זיי בינדן זיך גוט מיטן פריערדיקן, און דערביי געביטן דעם אויסדרוק ממעתיקו של עולם, פון דעם באַוועגער פון דער וועלט, אויף מעתיקו של עולם, פון דעם אוראַלטן פון דער וועלט, לויט די אויבנגעבראַכטע מקורות (זע מהרז״ו), און דעם פסוק ויעתק משם האָבן מיר געשטעלט אינעם מאמר פון ר׳ איבו, וואו ער דאַרף זיין, ווי אַ באַוויז פאַרן טייטש פון עתיקים (זע אויך די ענגלישע (סאנצינא) איבערזעצונג פון ל. ראַבינאָוויץ און די יידישע איבערזעצונג פון מוהרים יעבץ (אורה). [6] נתעתקו — עתיקים. [7] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט ווי אַ באַוויז פאַרן אויסטייטש פון עתיקים, דערווייטערט, אַוועקגערוקט (זע אויבן באַמערקונג 5). [8] נאָכדעם ווי די ערשטע זיינען צעבראָכן געוואָרן. [9] אין אַלע טעקסטן געפינען זיך דאָ די דריי ווערטער „החזיר אותן לו, ער האָט זיי אים צוריקגעגעבן״, וועלכע זיינען דאָ, משמעות, אַ פאַרגרייזטע איבערחזרונג פון פריער (זע מתנות כהונה), און מיר האָבן זיי אַרויסגעלאָזט. [10] ד״ה: לויט די ווערטער פון איין אָרט קאָן מען דערקלערן די אומקלאָרע ווערטער פון אַ צווייט אָרט (זע אויבן סימן א, באַמערקונג 17). [11] לייענענדיק היצורים, און דער מאמר באַציט זיך אויף דער וועלט באַשאַפונג (מתנות כהונה). [12] ווערן זיי פאַררעכנט ווי כביכולס מיטפורעמערס, מיטשאַפערס. [13] דער גן עדן, וואו די נשמות פון די צדיקים זיצן (מתנות כהונה). [14] ווי אַ צוים אַרום דעם ים. [15] נמלך — במלאכתו (מהרז״ו).

הללו נאמרו מעתיקו של עולם]. ר׳ איבו ור׳ יהודה בר׳ סימון. ר׳ איבו אמר: אפילו דברים שנתעתקו מהם, [כד״א (בראשית י״ב): ויעתק משם,] החזירם, שנאמר (שמות ל״ד): פסל לך, וגו׳. ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: דברים הללו סתומין כאן ומפורשין במקום אחר,(החזיר אותן לו) שנאמר (שמות ל״ד): ויאמר ה׳ אל משה: כתב לך את הדברים האלה, כי על פי הדברים האלה, וגו׳.

המה היוצרים, על שם (בראשית ב׳)): וייצר ה׳ אלהים. ד״א: המה היוצרים, אלו נפשותיהם של צדיקים, שבהם נמלך הקב״ה לבראת את עולמו. ישבי נטעים, על שם (שם): ויטע ה׳ אלהים; — וגדרה, על שם שנאמר (ירמיה ה׳): אשר שמתי חול גבול לים; — עם המלך במלאכתו, עם מלך מלכי המלכים הקב״ה ישבו שם נשמותיהן של צדיקים, שבהם נמלך וברא את עולמו.

ד

[פתיחתא]

דבר אחר: ויוקים, זה אלימלך; ואנשי כזבא, אלו בניו שהיו מכוזבים; יואש, שנתיאשו מארץ ישראל;ושרף, ששרפו את התורה. ר׳ מנחמא בשם ר׳ אחא: וכי שרפו? אלא ללמדך, שכל מי שבטל מן התורה דבר אחד, כאלו שרפה. אשר בעלו למואב, שנשאו נשים מואביות, ושהניחו ישראל ונסתפחו בשדי מואב; וישובי לחם, זו נעמי, שנאמר: ותשב נעמי ורות המואביה כלתה עמה, השבה משדי מואב; והמה באו בית לחם. — והדברים עתיקים, כבר כל אחד ואחד מפורש בפני עצמו.

---

פאַרברענט די תורה. ר׳ מנחמא איז נאָמען פון ר׳ אחאן: האָבן זיי דען פאַרברענט? נייערט [דער פסוק קומט] דיך צו לערנען, אַז יעדערער וואָס איז מבטל איין זאַך פון דער תורה, איז עס ווי ער וואָלט זי פאַרברענט [3]. וואָס האָבן זיך באַהאָפטן מיט מואב, וואָס האָבן גענומען מואבישע ווייבער און איבערגעלאָזט ישראל און זיך באַהאָפטן מיט די פעלדער פון מואב; און ישובי לחם, דאָס איז נעמי, ווי דער פסוק זאָגט (א, כב): ותשב נעמי — אַזוי האָט נעמי זיך אומגעקערט, און איר שנור, רות די מואבישע, מיט איר, די וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די פעלדער פון מואב; און זיי זיינען געקומען קיין בית לחם. — והדברים עתיקים — און די זאַכן זיינען שוין אַלט, איטלעכע זאַך איז שוין דערקלערט געוואָרן באַזונדער [4].

## ה

(א, ב) ושם — און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען אלימלך. ר׳ מאיר פלעגט דרשנען נעמען, און ר׳ יהושע בן קרחה פלעגט דרשנען נעמען. און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען אלימלך, דען ער פלעגט זאָגן: „צו מיר וועט קומען דאָס מלכות״ [1]. ושם — און דער נאָמען פון זיין ווייב — נעמי, דען אירע מעשים זיינען געווען שיין און אָנגענעם [2]. ושם — און דער נאָמען פון זיינע צוויי זין מחלון און כליון, — מחלון, דען זיי זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן [3] פון דער וועלט, און כליון, דען זיי זיינען פאַרלענדט געוואָרן [4] פון דער וועלט. אפרתים — אפרתער, — ר׳ יהושע בן לוי זאָגט: פּאַלאַץ־מענטשן [5], און רבי... [6] דער זון פון ר׳ נחמיה זאָגט: געהייבענע לייט [7]. אַן אַנדער פשט: אפרתער, — ר׳ פינחס האָט געזאָגט: [די באַזיצערס פון] דערדאָזיקער גאַנצער קרוין, וואָס אפרים איז באַקרוינט געוואָרן פון יעקב אבינו, ווען ער איז אַוועק פון דער וועלט. ער האָט אים געזאָגט: „אפרים, — איטלעכער ראש פון אַ שבט, איטלעכער ראש פון אַ ישיבה, דער געהויבנסטער און דער בעסטער פון מיינע קינדער, וועט זיך רופן אויף דיין נאָמען״: (שמואל א, א, א) בן — דער זון פון תוחו, דער זון פון צוף אַן אפרתער; (מלכים א, יא, כו) און ירבעם בן נבט, אַן אפרתער; (שמואל א, יז, יב): ודוד — און דוד, דער זון פון אַ מאַן אַן אפרתער; [אַזוי] מחלון און כליון, אפרתער.

## ו

(א, ב) ויבואו — און זיי זיינען געקומען אין די פעלדער פון מואב, און זיינען דאָרט געווען: צוערשט זיינען זיי געקומען אין די שטעטלעך [1], האָבן זיי געפונען, אַז זיי זיינען פאַרשייט אין זינד. זיינען זיי נאָכדעם געקומען אין די שטעט, האָבן זיי דאָרט געפונען אַ דוחק אין וואַסער. האָבן זיי זיך נאָכדעם אומגעקערט צו די שטעטלעך: און זיי זיינען געקומען אין די פעלדער פון מואב, און זיינען דאָרט געווען [2].

---

ד. [1] יוקים פון נקמה: זיין שטראָף איז געקומען ווי אַ נקמה פאַר קריוודען די אָרימע לייט מיט זיין פאַרלאָזן בית לחם אין הונגער טעג (רד״ל). [2] המכוזבים — כוזבא, פון כזב, ליגנערן, פעלשן: צונישט געוואָרן, געשטאָרבן (פאַרגלייך ישעיה נח, יא: אשר לא יכזבו מימיו — וואָס זיינע וואַסערן וועלן ניט פעלשן, ניט פאַרשווינדן). [3] און זיי האָבן מבטל געווען דעם דין וואָס פאַרבאָט צו פאַרלאָזן ארץ ישראל. [4] אין מגילת רות, דורכן גאַנג פון דער מעשה.

ה. [1] אלי מלך, צו מיר דער [טראָן] פון מלך. [2] נעמים — נעמי. [3] נמחו — מחלון (מחי לון — מעק זיי אָפּ. — רד״ל). אין מדרש רות זוטא (בובער) ווערט מחלון געטייטשט לויט מחילה: מע האָט אים מוחל געווען זיינע זינד, און זיין זכות איז בייגעשטאַנען רותן אין איר באַהעפטן זיך מיט ישראל. [4] כלו — כליון. [5] נאָענטע צו מלכות. אפרתי, וואָס ווערט געוויינלעך פאַרשטאַנען אָדער פון שבט אפרים, אָדער פון אפרת (בית לחם, זע בראשית מח, ז), ווערט דאָ געטייטשט אין זין פון יחוסדיקייט. י. פירסט, אין זיינע באַמער־קונגען צו וואונטשעס דייטשער איבערזעצונג פון רות רבה, ברענגט די השערה, אַז ס׳איז געווען אַ צייט, ווען דער שבט אפרים האָט באַהערשט אויך דעם שבט יהודה, און די אָפּשטאַמיקע בני אפרים, וואָס זיינען געבליבן וואוינען אין בית לחם, האָבן זיך גערופן מיטן נאָמען אפרתים, וואָס איז געוואָרן אַ באַצייכנונג פאַר אַדללייט, מיוחסים. [6] דאָ פעלט

### ה

(א, ב) ושם האיש אלימלך. **ר' מאיר היה דורש שמות, ר' יהושע בן קרחה היה דורש שמות.** ושם האיש אלימלך, **שהיה אומר: „אלי תבא מלכות"**; ושם אשתו נעמי, **שהיו מעשיה נאים ונעימים**; ושם שני בניו מחלון וכליון, — מחלון, **שנמחו מן העולם**, וכליון, **שכלו מן העולם**; אפרתים, — **ר' יהושע בן לוי אמר: פלטיאני, ורבי... ברי נחמיה אומר: אבגניסטי. ד"א:** אפרתים, — **ר' פנחס אמר: כל אותה העטרה שנתעטר אפרים מיעקב אבינו בשעת פטירתו מן העולם. אמר לו: „אפרים, — ראש השבט, ראש הישיבה, המעולה והמשובח שבבני יהיה נקרא לשמך"** (שמואל א, א): בן תוחו, בן צוף, אפרתי; (מלכים א, י"א): וירבעם בן נבט, אפרתי; (שמואל א, י"ז): ודוד בן איש אפרתי; מחלון וכליון, אפרתים.

### ו

(א, ב) ויבואו שדי מואב ויהיו שם: **בתחילה באו להם בעיירות, מצאו אותם פרוצים בעבירות. אחר כך באו להם לכרכים, מצאו אותם מדוחקים במים. ואחר כך חזרו להם בעיירות:** ויבואו שדי מואב ויהיו שם.

### ז

(א, ג) וימת אלימלך איש נעמי. **תניא: הכל למות והכל למיתה, ואשריו לאדם, שיצא בשם טוב מן העולם.**

---

### ז

(א, ג) וימת — איז געשטאָרבן אלימלך דער מאַן פון נעמי. **מיר האָבן געלערנט: אַלע מוזן שטאַרבן און אַלץ גייט צום טויט; אָבער וואויל איז דעם מענטשן, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט מיט אַ גוטן נאָמען.**

---

דער נאָמען פונעם בעל המאמר, וואָרום מיר געפינען ניט אויסער ר' יהודה הנשיא נאָך איינעם וואָס זאָל הייסן סתם רבי. וואַרשיינלעך דאַרף דאָ זיין איינס פון די צוויי: אָדער ר' יהושע ב"ר נחמיה, אָדער ר' חייא ב"ר נחמיה (זע די צוויי נעמען אין דער אנציקלופדיה לחכמי התלמוד פון מ. מרגליות). [7] געבויט אויף דעם וואָס יעקב האָט געשטעלט אפרימען פאַר מנשהן (זע בראשית רבה צז, ה).

ו. [1] פעלדער ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי פעלד ישובים, דאָרף־שטעטלעך. [2] ד"ה: וואו זיי זיינען שוין פריער געוועזן (דער דרש ווערט געבויט אויף דער אויגנשיינלעכער איבעריקייט פון די ווערטער און זיי זיינען דאָרט געווען), און דער בעל המדרש רעכנט זיי דאָס פאַר אַ חטא. — דעם רד"ל איז קשה, הלמאי זיי האָבן אויסגעקליבן צו וואוינען אין זינדיקע ערטער איידער דאָרט, וואו ס'פעלט אויס וואַסער; חוץ דעם איז זינד מער פאַרשפרייט אין די גרויסע שטעט. וויל ער דערפאַר עמענדירן דעם טעקסט אויפן פאָלגנדן אופן: צוערשט זיינען זיי געקומען אין די שטעטלעך, האָבן זיי געפונען אַ מאַנגל אין וואַסער; זיינען זיי אַוועק אין די שטעט, האָבן זיי געפונען, אַז זיי זיינען פאַרשייט אין זינד, אא"וו.

איז געשטאָרבן דער מאַן, ווען פּעלט ער אויס? נאָר זיין ווייב, ווי דער פּסוק זאָגט: איז געשטאָרבן אלימלך דער מאַן פון נעמי[1]. איז געשטאָרבן די פרוי, וועמען פעלט זי אויס? נאָר איר מאַן, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית מח, ז): ואני — און איך, ווען איך בין געקומען פון פּדן, איז מיר געשטאָרבן רחל, — האָט ר' יוחנן געזאָגט: „אויף מיר[2] איז [שווער־געפאַלן] רחלס טויט". יעקב אבינו האָט געזאָגט: „רחלס טויט איז מיר שווערער פון אַלע צרות וואָס זיינען אויף מיר געקומען".

## ח

ר' יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יהושע בן יהוצדק: הקדוש ברוך הוא ברענגט אויף דער וועלט [די מענטשן] אין באַשטימטע עלטער־גרופּעס[1], אין באַשטימטע חבורות. איז געשטאָרבן איינער פון דער עלטער־גרופּע, זאָל די גאַנצע גרופּע זיין פאַרזאָרגט; [איז געשטאָרבן] איינער פון דער חבורה, זאָל די גאַנצע חבורה זיין פאַרזאָרגט. דען ר' שמואל בר אבא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן: [פאַראויס באַשטימט] איז יעדע ערשאַפט, און קיינער פון זיי גייט ניט אַריין אין דער ערשאַפט פונעם צווייטן אפילו אויף אַ האָר[2].

ר' יוסי בן חלפתא האָט געזאָגט: איך האָב אויף מיין לעבן ניט גערופן מיין ווייב „מיין ווייב" און מיין הויז „מיין הויז"; נייערט מיין ווייב — „מיין הויז" און מיין הויז — „מיין ווייב"[3]. און איך האָב ניט גערופן מיין אָקס „מיין אָקס" און מיין פעלד — „מיין פעלד"; נייערט מיין אָקס — „מיין פעלד" און מיין פעלד — „מיין אָקס". ותשאר — און געבליבן איז זי מיט אירע צוויי זין[4], האָט ר' חנינא דער זון פון ר' אבהו געזאָגט: זי איז געוואָרן ווי די שיריים פון אַ קרבן מנחה[5].

## ט

(א, ד) וישאו להם — און זיי האָבן זיך גענומען מואבישע ווייבער. מיר האָבן געלערנט אין נאָמען פון ר' מאירן: זיי האָבן זיי ניט מגייר געווען און ניט טובל געווען, און ס'איז נאָך ניט אַרויסגעקומען דער נייער דין — אַז זיי זאָלן ניט באַשטראָפט ווערן איבער זיי — [דער דין, אַז] אַן עמוני, אַ מאַן פון עמון [טאָר ניט קומען אין גאָטס עדה], אָבער ניט קיין פרוי פון עמון; מואבי, אַ מאַן פון מואב, אָבער ניט קיין פרוי פון מואב[1].

---

ז. [1] ווייל קיין אַנדערער אויסער נעמין ווערט ביי זיין שטאַרבן ניט דערמאָנט, איז אַ סימן, אַז איר פעלט ער אַמשטאַרקסטן. [2] בוכשטעבלעכער טייטש פון עלי.

ח. [1] וואָס ווערן געבוירן אונטערן זעלבן מזל (מתנות כהונה). [2] איז אויב איינער פון אַזאַ מזל־גרופּע שטאַרבט, איז עס אַ סימן, אַז זייער אַלעמענס צייט איז אַריבער. [3] ווייל איינס קאָן ניט פונקציאָנירן אָן דעם צווייטן. [4] דאָס וואָרט היא, זי, איז אין פּלוג איבעריק; קומט עס צו אַקצענטירן, אַז זי איז נאָך אַלץ דער עיקר. [5] דאָס וואָס בלייבט נאָכן כוהנס אָפּהויפּן פונעם קרבן־מנחה דעם טייל וואָס גייט אויפן מזבח איז אויך הייליק, און נאָר די כוהנים מעגן עס עסן (ויקרא ב, א—ג), און אַזוי האָט אויך נעמי ניט פאַרלאָרן איר חשיבות נאָכן מאַנס טויט (מהרז"ו). לויט דער איינטייטשונג פון מתנות כהונה (און לויט דעם — די ענגלישע סאָנצינא איבערזעצונג), אַז פאַרקערט, זי איז געבליבן אינגאַנצן אָן חשיבות, איז דער פריערדיקער מאמר פון ר' יוסי בן חלפתא אינגאנצן ניט אין פּלאַץ (כאָטש דער יפה ענף פרוואוט עס צו פאַרענטפערן בדוחק).

מת האיש, מי מחסרו? אלא אשתו, שנאמר: וימת אלימלך איש נעמי. מתה האשה, מי מחסרה? אלא בעלה, שנאמר (בראשית מ״ח): ואני, בבואי מפדן, מתה עלי רחל, — אמר ר׳ יוחנן: „עלי מיתתה של רחל״. אמר יעקב אבינו: „קשה עלי מיתתה של רחל מכל הצרות הבאות עלי״.

ח

א״ר יוחנן משום ר׳ שמעון בן יהוצדק: גילין וגילין, חבורות וחבורות מביא הקב״ה לעולם. מת אחד מן הגיל, ידאג כל הגיל; חבר אחד מן החבורה, תדאג כל החבורה. דאמר ר׳ שמואל בר אבא בשם ר׳ יוחנן: ארכיות ארכיות הן, ואין אחד מהן נכנס לתוך ארכי של חברו אפילו כמלא נימא.

א״ר יוסי בן חלפתא: מימי לא קריתי לאשתי „אשתי״ ולביתי „ביתי״; אלא לאשתי — „ביתי״ ולביתי — „אשתי״. ולא קריתי לשורי „שורי״ ולשדי „שדי״; אלא לשורי — „שדי״ ולשדי — „שורי״. ותשאר היא ושני בניה. א״ר חנינא בריה דר׳ אבהו: נעשית היא שירי מנחות.

ט

(א, ד) וישאו להם נשים מואביות. תני בשם ר׳ מאיר: לא ניירום ולא הטבילו אותם, ולא היתה הלכה להתחדש, ולא היו נענשין עליהם: עמוני, ולא עמונית; מואבי, ולא מואבית.

שם האחת ערפה, שהפכה עורף לחמותה; ושם השנית רות, שראתה בדברי חמותה. ר׳ ביבי בשם ר׳ ראובן אמר: רות וערפה בנותיו של עגלון היו, שנאמר (שופטים ג׳): דבר סתר

---

שם — דער נאָמען פון איינער איז געווען ערפה, דען זי האָט אומגעדרייט איר נאַקן[2] צו איר שוויגער[3]. ושם — און דער נאָמען פון דער אַנדערער איז געווען רות, דען זי האָט איינגעזען[4] די רייד פון איר שוויגער. ר׳ ביבי אין נאָמען פון ר׳ ראובן האָט געזאָגט: רות און ערפה זיינען געווען די טעכטער פון עגלון [דעם מלך פון מואב]; דען דער פסוק זאָגט (שופטים ג, יט): דבר סתר — אַ פאַרבאָרגענע זאַך האָב איך צו דיר, קיניג. האָט ער

---

ט. [1] זע דברים כג, ד. דעמדאָזיקן דין, אַז דער פאַרבאָט פונעם פסוק גיט חתונה צו האָבן מיט קיין עמונער און מואבער באַציט זיך נאָר אויף מאַנסלייט, האָט מען מחדש געווען ערשט שפּעטער, מיינט עס, אַז זייער חתונה האָבן מיט מואבישע ווייבער איז געווען אַ חטא. [2] עורף־ערפּה. [3] זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים און איז ניט מיטגעגאַנגען

געזאָגט: שטיל! און ווייטער שטייט (פסוק כ): ואהוד בא — און אהוד איז געקומען צו אים — — — און אהוד האָט געזאָגט: אַ וואָרט פון גאָט האָב איך צו דיר. איז ער אויפגעשטאַנען פון שטול. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „דו ביסט אויפגעשטאַנען פון דיין שטול פון מיין כבוד וועגן; ביי דיין לעבן! איך וועל אויפשטעלן פון דיר אַ זון, וואָס וועט זיצן אויף גאָטס שטול״[5].

וישבו — און זיינען דאָרט געזעסן אַרום צען יאָר, [אָט ווי] „כשלשים״, „כארבעים״ — „אַרום דרייסיק״, „אַרום פערציק״, ווייניקער אָדער מער[6].

## י

(א, ה) וימותו גם שניהם — און זיי ביידע, מחלון און כליון, זיינען אויך געשטאָרבן. ר׳ חוניא און ר׳ יהושע דער זון פון ר׳ אבין און ר׳ זבדא דער איידעם פון ר׳ לוין [האָבן געזאָגט]: דער דערבאַרעמדיקער נעמט קיינמאָל ניט קיין געצאָלט פון די נפשות צוערשט[1]. פון וועמען לערנסטו עס אָפּ? פון איובן ווי דער פסוק זאָגט (איוב א, יד): ומלאך בא — און אַ שליח איז געקומען צו איובן און האָט געזאָגט: די רינדער האָבן געאַקערט [און די אייזעלינס האָבן זיך געפיטערט לעבן זיי. איז מען אָנגעפאַלן פון שבא און מע האָט זיי אַוועקגענומען][2]. ר׳ חמא בר׳ חנינא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט אים[3] געוויזן עפּעס פון דעם וואָס וועט זיין אין משיחס צייטן[4], [ווי דער פסוק זאָגט] (עמוס ט, יג): ונגש — און עס וועט זיך באַגעגענען דער אַקערער מיטן שניטער[5].

ותפול שבא — איז מען אָנגעפאַלן פון שבא און מע האָט זיי אַוועקגענומען. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: זיי[6] זיינען אַרויס פון כפר קרנים[7] און זיינען דורכגעגאַנגען גאַנץ אבולין[8] ביז מגדל צבעים, און דאָרט זיינען זיי געשטאָרבן.

ואמלטה — און איך נאָר איינער אַליין בין אַנטרונען געוואָרן [דיר אָנצוזאָגן]. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: רק, נאָר, איז אַ מיעוט[9], אַ מינערונג, —

---

מיט נעמין. [4] ראתה — רות (און איטלעך וואָרט באַטרעפט 606, — מהרז״ו). [5] דוד, וואָס איז אַרויסגעקומען פון רותן. [6] דער בעל המדרש טייטשט דאָ אויס די כף פון כעשר, אַז זי מיינט אַרום, בערך (אַרום צען), אָט ווי די כף פון כשלשים (אַרום דרייסיק, — שופטים כ, לא) אָדער פון כארבעים (אַרום פערציק, — יהושע ד, יג).

י. [1] צוערשט באַשטראָפט ער אַ מענטשן מיט זיין פאַרמעגן און ערשט נאָכדעם מיטן לעבן. [2] איז דער אָנהייב געצאָלט געוועזן פונעם פאַרמעגן. [3] עמענדירט לויט ויקרא רבה יז, ד, און בבא בתרא טו, ב. [4] אַזוי דאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן דער אויסדרוק עולם הבא. [5] דער פסוק אין איוב ווערט אין דער דאָזיקער דרשה (וועלכע האָט דאָ ניט צו טאָן מיטן ענין, און ווערט נאָר געבראַכט דרך אגב) פאַרשטאַנען אַזוי: די אָקסן האָבן נאָך געאַקערט, און די אייזעלינס האָבן שוין געהאַט גראָז צו עסן, ווי אין עמוס: דער אַקערט נאָך, און יענער שניידט שוין, און דאָס האָט איוב געהאַט אין זיינע גוטע יאָרן. [6] די אַנטרונענע. [7] עמענדירט לויט פסיקתא רבתי יז, ו. כפר קרנים געפינט זיך לעבן בית שאן (ירושלמי דמאי ב, א), אין עמק הירדן, און מיט דעם פאַלט אַוועק די קשיא פון מהרז״ו (ויקרא רבה יז, ד), ווי קומט כפר קיריאנוס, אַ דאָרף אין מדי (אסתר רבה י, ד), פאַרבונדן צו ווערן מיט מגדל צבעים, וואָס געפינט זיך אין ארץ ישראל. [8] בובער, פסיקתא דרב כהנא ז, וויל בייטן אויף הארבלין, די שטאָט ארבל, אַ האַלבע שעה אין צפון פון טבריה (און אויך מגדל צבעים איז אין יענער געגנט). [9] אַן אָנווייזונג אויף אַ מינערונג

לי אליך, המלך. ויאמר: הס, וגו׳, וכתיב (שם): ואהוד בא אליו, וגו׳, ויאמר אהוד: דבר אלהים לי אליך. ויקם מעל הכסאו. אמר לו הקב״ה: „אתה עמדת מכסאך לכבודי; חייך, הריני מעמיד ממך בן יושב על כסא ה׳.״

וישבו שם כעשר שנים, — „כשלשים״, „כארבעים״, או חסר או יותר.

י

(א, ה) וימותו גם שניהם, מחלון וכליון. ר׳ חוניא ור׳ יהושע ברבי אבין ור׳ זבדא חתניה דר׳ לוי: לעולם אין בעל הרחמים פורע מן הנפשות תחילה. ממי את למד? מאיוב, שנאמר (איוב א׳): ומלאך בא אל איוב ויאמר: הבקר היו חורשות — — —. אמר ר׳ חמא בר׳ חנינא: הראה (להם) [לו] הקב״ה מעין דוגמא של העולם הבא (עמוס ט׳): ונגש חורש בקוצר.

(איוב שם) ותפול שבא ותקחם. א״ר אבא בר כהנא: יצאו ומתו שם.
מכפר (קרינוס) [קרנים] והלכו כל האבולין עד מגדל צבעים,

ואמלטה רק אני לבדי, א״ר חנינא: רק — מיעוט: אף הוא מושבר ומולקה. א״ר יודן: לבדי (עוד זה מדבר) [ועל לבדי להגיד לך], — אף הוא, כיון שאמר בשורתו, מיד מת: עוד זה מדבר, וזה בא ויאמר: כשדים שמו שלשה ראשים. א״ר שמואל בר נחמן: כיון ששמע איוב, התחיל מגייס חיילותיו למלחמה. אמר: „כמה חיילות אני יכול לחייל, כמה גייסות

---

אויך ער איז געווען צעבראָכן און צעשלאָגן. ר׳ יודן האָט געזאָגט: לבדי, איך אַליין [בין אַנטרונען געוואָרן] און וועגן זיך אַליין דיר אָנצוזאָגן [10], — אויך ער, ווי נאָר ער האָט אָפּגעזאָגט זיין [בייזע] בשורה, אַזוי גלייך איז ער געשטאָרבן: (דאָרט פסוק יז) עוד זה מדבר — קוים וואָס דער רעדט נאָך [11], און אַן אַנדערער איז אָנגעקומען און האָט געזאָגט: כשדים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דריי מחנות. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: ווי איוב האָט דאָס דערהערט, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן צונויפזאַמלען זיינע חיילות אויף מלחמה. ער האָט געזאָגט: „וויפיל חיילות איך קען צונויפשטעלן,

---

פונעם געזאָגטן, אַ רמז, אַז ס׳איז נאָך ווייניקער ווי עס ווערט אָנגעגעבן. דאָ: אפילו די געראַטעוועטע זיינען ניט געקומען קיין גאַנצע. [10] ר׳ יודן לייענט דעם לבדי צוויי מאָל: איין מאָל — איך אַליין בין אַנטרונען געוואָרן, און אַ צווייט מאָל — וועגן זיך אַליין צו דערציילן, אַז ער איז צעבראָכן און צעשלאָגן, און אַז ער קען קוים דערהאַלטן די נשמה צו דערציילן וואָס איז געשען. — מיר האָבן עמענדירט דעם טעקסט לויט ויקרא רבה (יז, ד).

וויפיל לעגיאָנען איך קען צונויפזאַמלען, און דידאָזיקע נבוזהדיקסטע אומה אויף דער וועלט, [זוי אין פסוק שטייט] (ישעיה כג, יג): הן — זע, דאָס לאַנד פון די כשדים, דידאָזיקע אומה איז ניט געווען — הלוואַי וואָלט זי ניט געווען [12] — זי קומט אָנוואַרפן איר פחד אויף מיר!" אָבער ווי נאָר מע האָט אים געזאָגט (פסוק טז): אש אלהים — אַפייער פון גאָט איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל [13], אַזוי האָט ער געזאָגט: "פון הימל איז עס, וואָס קען איך טאָן? (דאָרט לא, לד) ואדם — בין איך שטיל געבליבן און ניט אַרויס פון דער טיר". גלייך (דאָרט ב, יח): ויקח — האָט ער זיך גענומען אַ שערבל זיך צו קראַצן מיט דעם [14].

אויך אין מצרים איז אַזוי געווען (תהלים קה, לג־לו): ויך — און ער האָט געשלאָגן זייער ווײַנשטאָק און זייער פײַגנבוים; און נאָכדעם (דאָרט עח, מח): ויסגר — און ער האָט איבערגעענטפערט צום האָגל זייער פי; און נאָכדעם (דאָרט פסוק נא): ויך — און ער האָט געשלאָגן איטלעכן בכור אין מצרים.

אויך ביי אויסשיטן איז עס אַזוי. צוערשט קומען זיי אויף זיין הויז. האָט ער תשובה געטאָן, איז גוט; און אויב ניט, דאַרף מען זיי [15] אַרויסציען, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא יד, מ): וצוה הכוהן — און דער כוהן זאָל הייסן, מע זאָל אַרויסציען [די שטיינער] [16]. האָט ער תשובה געטאָן, איז גוט; און אויב ניט, דאַרף מען דאָס הויז צעשטערן [17]. האָט ער תשובה געטאָן, איז גוט; און אויב ניט, קומט דער אויסשיט אויף די קליידער, און מע דאַרף זיי וואַשן [18]. האָט ער תשובה געטאָן, איז גוט; און אויב ניט, דאַרף מען עס אַרויסרייסן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יג, נו): וקרע — זאָל מען עס אַרויסרייסן פונעם בגד. האָט ער תשובה געטאָן, איז גוט; און אויב ניט, דאַרף מען זיי פאַרברענען, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק נב): ושרף — זאָל מען פאַרברענען דעם בגד. נאָכדעם ערשט קומען זיי [19] אויף זיין קערפּער. האָט ער תשובה געטאָן, איז גוט; און אויב ניט, דאַרף ער אַרויסגיין [אויף זיבן טעג פונעם לאַגער] און צוריקקומען [20]. האָט ער תשובה געטאָן, איז גוט; און אויב ניט, (דאָרט פסוק מו): בדד — איינזאַם זאָל ער זיצן, אויסערן לאַגער זאָל זיין זיין זיצאָרט [21].

און אַזוי איז עס אויך געווען מיט מחלון און כליון. צוערשט זיינען אויסגעשטאָרבן זייערע פערד, זייערע איזלען, זייערע קעמלען; און נאָכדעם

---

[11] דאָס איז דער זין וואָס ר' יודן גיט דעם פסוק צו שטיצן דאָס אויבנגעזאָגטע. [12] לויט אַ גמרא (סוכה נב, ב) האָט דער אויבערשטער חרטה געהאַט אויף דער באַשאַפונג פון די כשדים (בבלים). [13] ניט לויטן סדר פון די פסוקים. [14] ערשט נאָכדעם ווי ער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט זיין פאַרמעגן איז געקומען די שטראָף אויף אים אַליין. [15] די שטיינער פון אַ הויז וואָס אַן אויסשיט איז געקומען אויף זיי (זע ויקרא יד, לד, און ווייטער). [16] ווייל דער אויסשיט, וואָס קומט ווי אַ שטראָף פאַרן מענטשנס זינד, איז ערגער געוואָרן. [17] דאָרטפסוק מה. [18] דאָרט יג, נד. [19] די אויסשיטן. [20] דאָרט, פסוק ד. [21] גראָד אין פאַל פון אַן אויסשיט איז די אָרדנונג פון די פסוקים אַ פאַרקערטע: צוערשט רעדט זיך וועגן אַן אויסשיט אויפן קערפּער, דאַן אויף די קליידער און ערשט צולעצט אויפן הויז. באַמערקט וועגן דעם דער מהרז"ו, אַז דידאָזיקע דרשה איז געבויט אויף דער לעצטער

**אני יכול לגייס, והאומה בזויה שיש בעולם** — (ישעיה כ״ג) הן ארץ כשדים זה העם לא היה, **הלואי לא היה! — בא להפיל אימתו עלי?״ וכיון שאמר לו**: אש אלהים נפלה מן השמים, **אמר: „מן השמים הוא, מה אני יכול לעשות?** ואדום לא אצא פתח״. **מיד** ויקח לו חרש להתגרד בו.

**אף במצרים כך היה** (תהלים ק״ה): ויך גפנם ותאנתם, **ואחר כך** ויסגר לברד בעירם, **ואחר כך** ויך כל בכור במצרים.

**ואף בנגעים כן. בתחילה הן באין על ביתו. אם חזר בו, מוטב; ואם לאו, הרי הן טעונין חליצה, שנאמר** (ויקרא י״ד): וצוה הכהן וחלצו. **אם חזר בו, מוטב; ואם לאו, טעונין נתיצה. חזר בו, מוטב; ואם לאו, באים על הבגדים וטעונין כיבוס. חזר בו, מוטב; ואם לאו, טעונין קריעה, שנאמר** (שם י״ג): וקרע אותו מן הבגד. **אם חזר בו, מוטב; ואם לאו, טעונין שרפה, שנאמר** (שם): ושרף את הבגד. **אחר כך הן באין על גופו. אם חזר בו, מוטב; ואם לאו, יוצא ובא. אם חזר בו, מוטב; ואם לאו,** (שם) בדד ישב, מחוץ למחנה מושבו.

**ואף במחלון וכליון כך היה. בתחילה מתו סוסיהם, חמוריהם, גמליהם; ואחר כך** וימת אלימלך; **ואחר כך** וימותו גם שניהם, מחלון וכליון.

ותשאר האשה, **א״ר חנינא: נעשתה שירי שיריים.**

## יא

(א, ו) ותקם היא וכלותיה ותשב משדי מואב, כי שמעה בשדה מואב, — **שמעה מהרוכלין המחזירין בעיירות; ומה שמעה?** כי פקד ה׳ את עמו לתת להם לחם.

---

איז געשטאָרבן אלימלך; **און נאָכדעם** זיינען זיי ביידע, מחלון און כליון, אויך געשטאָרבן. ותשאר האשה — איז די פרוי געבליבן, — **ר׳ חנינא האָט געזאָגט: זי איז געוואָרן שיריים פון שיריים**[22].

יא

(א, ו) ותקם — און זי איז אויפגעשטאַנען מיט אירע שניר און האָט זיך אומגעקערט פון די פעלדער פון מואב, דען זי האָט געהערט אין פעלד פון מואב, — **זי האָט געהערט פון די פאַקן־טרעגערס, וואָס גייען איבער די שטעטלעך; און וואָס האָט זי געהערט?** כי פקד ה׳ — אַז גאָט האָט געדאַכט אָן זיין פאָלק, זיי צו געבן ברויט.

איין פסוק זאָגט (תהלים צד, יד): כי לא יטוש ה׳ — דען גאָט וועט ניט פאַרוואַרפן זיין פאָלק, און זיין נחלה וועט ער ניט פאַרלאָזן, און אַ צווייטער פסוק זאָגט (שמואל א, יב, כב): כי לא יטוש ה׳ — דען גאָט וועט ניט פאַר־וואַרפן זיין פאָלק, פון זיין גרויסן נאָמען וועגן. — האָט ר׳ שמואל בר נחמני געזאָגט: אַ מאָל טוט ער עס פון וועגן זיין פאָלק און זיין נחלה, און אַ מאָל טוט ער עס פון וועגן זיין גרויסן נאָמען. ר׳ איבי האָט געזאָגט: ווען ישראל איז עס ווערט, [טוט ער עס] פון וועגן זיין פאָלק און זיין נחלה; און ווען ישראל איז עס ניט ווערט — פון זיין גרויסן נאָמען וועגן. און די רבנן זאָגן: אין ארץ ישראל — פון וועגן זיין פאָלק און זיין נחלה; אין חוץ לארץ — פון זיין גרויסן נאָמען וועגן, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מח, יא): למעני — פון מיינעטוועגן, פון מיינעטוועגן וועל איך עס טאָן [1].

יב

(א, ז) ותצא — און זי איז אַרויס פון דעם אָרט וואו זי איז געווען. „און זי איז אַרויס״? איז דען קיינער ניט אַרויס בייערט זי? זיינען דאָך אַזוי פיל קעמל־טרייבערס אַרויס, אַזוי פיל אייזל־טרייבערס אַרויס, און דו זאָגסט: און זי איז אַרויס! ר׳ עזריה אין נאָמען פון ר׳ יהודה בר׳ סימון: אַן אדם גדול אין שטאָט, איז ער איר שיין, איז ער איר גלאַנץ, איז ער איר פראַכט, איז ער איר לויב; איז ער אַוועק פון דאָרטן, האָט זיך אָפּגעטאָן איר שיין, האָט זיך אָפּגעטאָן איר גלאַנץ, האָט זיך אָפּגעטאָן איר פראַכט, האָט זיך אָפּגעטאָן איר לויב [1]. און אַזוי געפינסטו ביי יעקב אבינו, ווען ער איז אַרויס פון באר שבע [2]. איז דען קיינער ניט אַרויס פון דאָרטן, בייערט ער? זיינען דאָך אַזוי פיל קעמל־טרייבערס אַרויס, אַזוי פיל אייזל־טרייבערס אַרויס, און דו זאָגסט: ויצא — און ער איז אַרויסגעגאַנגען! בייערט ווען דער צדיק איז אין שטאָט, איז ער איר שיין, איז ער איר גלאַנץ, איז ער איר פראַכט; איז ער אַרויס פון דאָרטן, האָט זיך אָפּגעטאָן איר שיין, האָט זיך אָפּגעטאָן איר גלאַנץ, האָט זיך אָפּגעטאָן איר פראַכט, האָט זיך אָפּגעטאָן איר לויב.

דאָס איז רעכט דאָרטן [3], דען קיין אַנדערער איז ניט געווען, בייערט דידאָזיקע צדקת; אָבער דאָ, איז דען יצחק דאָרטן ניט געווען? בייערט ר׳ עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ סימון [4]: ס׳איז ניט גלייך דער זכות פון איין צדיק צום זכות פון צוויי צדיקים.

(א, ז) ותלכנה — און זיי זיינען געגאַנגען אין וועג, זיך אומצוקערן צום לאַנד יהודה. ר׳ יהודה אין נאָמען פון ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: זיי האָבן

---

פון די צוויי און דרייסיק מידות (מאָדוסן, מעטאָדן) פון מדרש, וואָס לויט איר ווערן אָפּט פסוקים געדרשנט צוריקצואוועגס. [22] דאָס וואָס בלייבט פון די שיריים פון אַ קרבן מנחה, נאָכדעם ווי דער כוהן עסט זיי אויף, — עפּעס וואָס האָט שוין גאָר קיין ווערט ניט; אַזוי איז זי איצט, נאָכן טויט פון אירע קינדער, געבליבן אינגאַנצן עלנט און אָן יעדער חשיבות. (די דרשה ווייזט אויס, איז געבויט אויף דעם, וואָס דאָ שטייט שוין ניט, ווי אויבן אין פסוק ג, דאָס וואָרט היא, זי, וואָס האָט מרמז געווען אויף געבליבענער חשיבות. — זע אויבן, סימן ח, באַמערקונגען 3 און 4).

כתוב אחד אומר (תהלים צ״ד): כי לא יטוש ה׳ עמו ונחלתו לא יעזוב, וכתוב אחד אומר (שמואל א׳, י״ב): כי לא יטוש ה׳ את עמו בעבור שמו הגדול. — א״ר שמואל בר נחמני: פעמים שהוא עושה בעבור עמו ונחלתו, ופעמים שהוא עושה בשביל שמו הגדול. א״ר איבי: כשישראל זכאין — בעבור עמו ונחלתו; וכשאין ישראל זכאין —בעבור שמו הגדול. ורבנן אמרי: בארץ ישראל — בשביל עמו ונחלתו; בחוצה לארץ — בעבור שמו הגדול, שנאמר (ישעיה מ״ח): למעני, למעני אעשה.

יב

(א, ז) ותצא מן המקום אשר היתה שמה. ותצא? וכי לא יצאתה משם אלא היא? והלא כמה גמלים יצאו, כמה חמרים יצאו, ואת אמרת: ותצא! ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון: גדול שבעיר הוא זיוה והוא הודה והוא הדרה והוא שבחה; פנה משם, — פנה זיוה, פנה הודה, פנה הדרה, פנה שבחה. וכן את מוצא ביעקב אבינו, כשיצא מבאר שבע. וכי לא יצא משם אלא הוא? והלא כמה גמלים יצאו, כמה חמרים יצאו, ואת אמרת: ויצא! אלא כשהצדיק בעיר, הוא זיוה והוא הודה והוא הדרה; יצא משם, — פנה זיוה, פנה הודה, פנה הדרה, פנה שבחה.

— ניחא תמן, דלא הות אלא אותה הצדקת; ברם הכא, לא הוה יצחק תמן? אלא אמר ר׳ עזריה בשם ר׳ (עזריה בר׳) סימון: לא דומה זכות צדיק אחד לזכות שני צדיקים.

ותלכנה בדרך לשוב אל ארץ יהודה. אמר ר׳ יהודה אמר ר׳ יוחנן: עברו על שורת הדין והלכו ביום טוב. ד״א: ותלכנה בדרך, הוצרה עליהם הדרך, שהלכו בייחף. [ד״א:] ותלכנה, היו עסוקות בהלכות גרים.

---

עובר געווען אויף אַ בפירושן דין און זיינען געגאַנגען אום יום טוב [5]. אַן אַנדער פשט: און זיי זיינען געגאַנגען אין וועג, דער וועג איז זיי געפאַלן שווער, מחמת זיי זיינען געגאַנגען באָרוויס [6]. [אַן אַנדער פשט:] און זיי זיינען געגאַנגען [אין וועג], זיי זיינען געווען פאַרטאָן אין די דינים [7] פון גרים.

---

יא. [1] און דאָס האָט דער נביא געזאָגט צו די יידן אין בבל (זע דאָרט פסוק כ).
יב. [1] האָט זיך דעריבער נעמיס אָוועקגיין באַזונדערס געלאָזט באַמערקן. [2] בראשית כח, י. [3] ביי נעמין. [4] אין די געדרוקטע טעקסטן שטייט דאָ אין נאָמען פון ר׳ עזריה

יג

(א, ח) ותאמר נעמי — און נעמי האָט געזאָגט צו אירע בײדע שניר: גייט קערט זיך אום איטלעכע צו איר מוטערס הויז — צום הויז פון איר אומה[1].

אבנימוס הגרדיס[2] מוטער איז געשטאָרבן; איז ר׳ מאיר אַרויף אים מנחם אבל זיין[3], און האָט זיי געפונען זיצן אין טרויער. אין אַ צייט אַרום איז זיין פאָטער געשטאָרבן, און ר׳ מאיר איז אַרויף אים מנחם אבל זיין, און האָט זיי געפונען פאַרטאָן אין זייער אַרבעט. האָט ער געזאָגט צו אים: „מיר שיינט, אַז דיין מאַמע איז דיר מער באַליבט ווי דיין טאַטע״. האָט ער אים געזאָגט: „שטייט דען ניט געשריבן: איטלעכע צו איר מוטערס הויז, און ניט „איטלעכע צו איר פאָטערס הויז?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „גוט האָסטו געזאָגט, וואָרום אַ גוי האָט ניט קיין פאָטער״[4].

יד

(א, ח) יעשה ה׳ — זאָל גאָט טאָן מיט אייך חסד. ר׳ חנינא בר אדא האָט געזאָגט: דער כתיב[1] איז יעשה, ער וועט טאָן. כאשר עשיתם — אַזוי ווי איר האָט געטאָן מיט די געשטאָרבענע, וואָס איר האָט זיך געעוסקט מיט זייערע תכריכים. ועמדי — און מיט מיר, דען זיי האָבן איר מוחל געווען[2] זייערע כתובות. ר׳ זעירא האָט געזאָגט: דידאָזיקע מגילה[3] האָט ניט אין זיך קיין [דינים ניט פון] אומריינקייט און ריינקייט, ניט פון איסור אָדער היתר; טאָ פאַרוואָס איז זי געשריבן געוואָרן? דיך צו לערנען, ווי גרויס איז די באַלוינונג פאַר די וואָס טוען חסד.

טו

(א, ט־יא) יתן ה׳ לכם — זאָל גאָט אייך געבן, — ר׳ יוסי האָט געזאָגט: די אַלע טובות און נחמות וואָס הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט צו געבן שלמהן, ווי אין פסוק שטייט (מלכים א, ה, ט): ויתן אלהים — און גאָט האָט געגעבן שלמהן חכמה, וועט קומען פון אייך[1]. ומצאנה — און איר זאָלט געפינען מנוחה, — דער כתיב איז ומצאן[2]: איינע וועט געפינען, בײדע — ניט. אשה — איטלעכע אין איר מאַנס הויז, פון דאַנען איז געדרונגען, אַז ס׳איז ניטאָ פאַר דער פרוי קיין נחת רוח, נייערט אין איר מאַנס הויז[3]. ותשק — און זי האָט זיי געקושט, און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול און האָבן געוויינט. און זיי האָבן געזאָגט צו איר — — — ותאמר נעמי — און נעמי האָט געזאָגט: קערט זיך אום, טעכטער מיינע, צו וואָס זאָלט איר גיין מיט מיר? צי דען האָב איך נאָך זין אין מיין לייב, אַז זיי זאָלן אייך זיין פאַר

---

בר׳ סימון. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז אַ פאַרגרייזטע איבערחזרונג פונעם נאָמען ר׳ עזריה, און מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט לויט בראשית רבה (סח, ו). [5] אין פסוק כב שטייט: והמה — און זיי זיינען געקומען אין אָנהויב פון גערשטנשניט, ווערט עס געדרשנט אויפן צווייטן טאָג פסח, ווען מע פלעגט ברענגען דעם עומר פונעם ערשטן גערשטנשניט; קומט אויס, אַז דעם ערשטן טאָג יום־טוב זיינען זיי געווען אין וועג (יפה ענף). [6] לויטן ילקוט ווערט דאָס וואָרט בדרך, אין וועג, וואָס אין פלוג איז עס איבעריק, געדרשנט, אַז זיי זיינען דירעקט, פיזיש, געקומען אין באַרירונג מיטן וועג, גייענדיק אָן שיך. [7] הלכות — ותלכנה.

יג

(א, ח) ותאמר נעמי לשתי כלותיה: לכנה שובנה אשה לבית אמה, לבית אומתה.

אבנימוס הגרדי מתה אמו, ועלה ר׳ מאיר להראות לו פנים, ומצא אותם יושבין אבלים. לאחר זמן מת אביו, ועלה ר׳ מאיר להראות לו פנים, ומצא אותן עסוקין במלאכתן. א״ל: „כמדומה אני, שאמך חביבה עליך יותר מאביך״. אמר לו: „ולא כן כתיב: אשה לבית אמה, ולא „לבית אביה״ ?״ אמר לו: „יפה אמרת, שאין אב לגוי״.

יד

(א, ח) יעשה ה׳ עמכם חסד. ר׳ חנינא בר אדא אמר: יעשה כתיב. כאשר עשיתם עם המתים, שנטפלתם בתכריכיהן; ועמדי שויתרו לה כתובותיהן. א״ר זעירא: מגלה זו אין בה לא טומאה ולא טהרה, ולא איסור ולא היתר; ולמה נכתבה? ללמדך, כמה שכר טוב לגומלי חסדים.

טו

(א, ט־יא) יתן ה׳ לכם, — אמר ר׳ יוסי: כל אותן הטובות והנחמות שעתיד הקב״ה ליתן לשלמה, דכתיב (מלכים א׳, ה׳): ויתן אלהים חכמה לשלמה, יהיו מכם. ומצאנה מנוחה, ומצאן כתיב: אחת מוצאת, שתים לא מוצאות. אשה בית אישה, מכאן, שאין קורת רוח לאשה, אלא בבית בעלה. ותשק להן, ותשאנה קולן ותבכינה. ותאמרנה לה — — — ותאמר נעמי: שובנה, בנותי, למה תלכנה עמי? העוד לי בנים במעי, והיו לכם לאנשים? וגו׳. וכי יש אדם מיבם אשת אחיו שלא היה בעולמו?

---

מענער? — געשיקט זיך דען, אַז אַ מענטש זאָל מיבם זיין[4] די פרוי פון זיין ברודער וואָס איז מיט אים אויף דער וועלט ניט געווען?

---

יג. [1] עס שטייט לבית אמה, צו איר מוטערס הויז, און ניט „לבית אביה״, צו איר פאָטערס הויז, ווי דער שטייגער איז צו זאָגן, ווערט דאָס וואָרט אמה געדרשנט ווי אומה. [2] וואַרשיינלעך ענאָמאַאוס פון גדרה, אַ ניט יידישער פילאָסאָף אין 2טן יאָרהונדערט (יאַסטראָוו). [3] ווערטערלעך: ווייזן אים דאָס פנים, זיך ווייזן פאַר אים. [4] קינדער פון ניט יידן, אָדער פון געמישטע עלטערן, גייען, לויטן יידישן דין, נאָך דער מוטער. לויט דעמדאָזיקן מאמר ווערט דער פסוק אשה לבית אמה געטייטשט לויטן פשט: איטלעכע צו איר מוטערס הויז, ניט ווי אויבן.

יד. [1] דאָס אויסלייגן פונעם וואָרט, אין קעגנזאַץ צום קרי, דאָס טראַדיציאָנעלע לייענען פונעם וואָרט. דער קרי, יעש, באַדייט אַ וואונטש, ער זאָל טאָן; יעשה באַדייט אַ פאַרזיכערונג, ער וועט טאָן. [2] ניט געמאָנט. [3] מגילת רות.

טו. [1] עס האָט זיך דאָ נעמין אַרויסגעכאַפּט אַ נבואה וועגן די קומענדיקע דורות. [2] אַן אַנדייטונג אויף לשון יחיד. [3] אויבן, וואו עס רעדט זיך סתם וועגן אומקערן זיך, שטייט

## טז

(א, יב) שבנה — קערט זיך אום, טעכטער מײנע, גײט. ר׳ שמואל בר נחמני אין נאָמען פון ר׳ יודן בר׳ חנינא: אין דרײ ערטער שטײט דאָ שבנה, קערט זיך אום, קעגן די דרײ מאָל וואָס מע דאַרף מדחה זײן אַ גר [1]; אָבער אויב ער שטײט צו אויף נאָכדעם, נעמט מען אים אויף. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: [אין פסוק שטײט] (איוב לא, לב): בחוץ — אין דרויסן האָט ניט גענעכטיקט קײן פרעמדער [2], — שטענדיק זאָל אַ מענטש מדחה זײן מיט דער לינקער האַנט און מקרב זײן מיט דער רעכטער. כי זקנתי — דען איך בין צו אַלט צו זײן מיט אַ מאַן — — — [אפילו איך זאָל נאָך די נאַכט זײן מיט אַ מאַן]. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: די תורה האָט דיך געלערנט דרך ארץ, אַז באַהעפטונג טאָר ניט זײן בײטאָג, נײערט בײנאַכט; דאָס איז ווי אין פסוק שטײט (אסתר ב, יד): בערב — אין אָוונט פלעגט זי קומען און אינדערפרי פלעגט זי זיך אומקערן. און דאָ שטײט: איך זאָל נאָך די נאַכט זײן מיט אַ מאַן.

## יז

(א, יב־יג) וגם הייתי — און אפילו איך זאָל נאָך די נאַכט זײן מיט אַ מאַן, אַז איך זאָל נאָך געבערן קינדער, — יאָ, ווען איך זאָל זײן די נאַכט מיט אַ מאַן, וואָלט איך געבוירן קינדער, אָבער וועט איר דען אויף זײ אויסקוקן? קענט איר דען זיצן ביז זײ וועלן אויסוואַקסן? הלהן תעגנה — וועט איר פון דײַעטוועגן זיצן עגונות, לבלתי — ניט צו זײן מיט קײן מאַן? אַל בנותי — ווײ איז מיר [1], טעכטער מײנע, דען ס׳איז מיר זײער ביטער פון אײַך [2], פון אײַערט וועגן: כי יצאה — דען ס׳איז אַרויס אויף מיר, און אויף מײנע זין און אויף מײן מאַן, די האַנט פון גאָט.

## יח

ר׳ חנינא דער זון פון ר׳ אבהו האָט באַשײדט דעם פסוק אויף משהן. משה האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! מיט [דעם וואָרט] הן, אָט, האָב איך דיך געלויבט, ווי דער פסוק זאָגט (דברים י, יד): הן — אָט, צו גאָט דײַן גאָט געהערן די הימלען און די הימלען פון די הימלען; האָב איך געמײנט, אַז די וועסט מיר געבן דערהויבונג [1]. [לסוף] — הלהן תעגנה, מיטן הן האָסטו מיך פאַרמאַטערט [2], האָסט מיך פאַרמאַטערט מיטן מלאך המות; דעם הן האָסטו איבערגעלאָזט בײ מיר, און דו האָסט מיר געזאָגט (דאָרט לא, יד): הן — אָט, דערנענטערן זיך דײַנע טעג צום שטאַרבן״.

---

איטלעכע צו איר מוטערס הויז; דאָ, וואו עס רעדט זיך וועגן מנוחה, שטײט איטלעכע אין איר מאַנס הויז (רד״ל). [4] חתונה האָבן מיט דער פרוי פון אַ פאַרשטאָרבענעם ברודער, וואָס האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קײן קינדער (דברים כה, ה).

טז. [1] דער דין איז, אַז מע זאָל זיך ניט אײלן מגייר צו זײן אַ ניט ייִד, נאָר פּרוּוון אים אָנווײַזן אויף די שווערקײטן וואָס ער נעמט אויף זיך; ערשט ווען ער באַשטײט דווקא, איז מען אים מגייר. [2] גר, וואָס אויפן תלמודישן לשון מײנט עס אײנער וואָס איז זיך מגייר.

יז. [1] אללי — אל. [2] אַנדערש ווי דער פּשט.

יח. [1] הלהן תשברנה (וועט איר דען אויף זײ אויסקוקן) ווערט דאָ געדרשנט: אויף דעם זכות פון הן האָב איך אויסגעקוקט (קאָרעקציע לויט יאַסטראָוו). [2] הוגעתני —

טז

(א, יב) שבנה, בנותי, לכנה. **ר' שמואל בר נחמני בשם ר' יודן בר' חנינא: בשלש מקומות כתיב כאן** שבנה, שבנה, שבנה, **כנגד שלש פעמים שדוחין את הגר; ואם הטריח יותר מכאן, מקבלין אותו. א"ר יצחק**(איוב ל"א): בחוץ לא ילין גר, — **לעולם יהא אדם דוחה בשמאל ומקרב בימין.** כי זקנתי מהיות לאיש, **וגו', — א"ר יוחנן: למדך התורה דרך ארץ, שאין תשמיש ביום, אלא בלילה; הה"ד** (אסתר ב'): בערב היא באה ובבקר היא שבה. **וכתיב:** גם הייתי הלילה לאיש.

יז

(א, יב־יג) גם הייתי הלילה לאיש **שילדתי בנים? הא אילו הייתי הלילה לאיש, ילדתי בנים, אלא** הלהן תשברנה? **יכולות אתם יושבות** עד אשר יגדלו? הלהן תעגנה? **יכולות אתם יושבות עגונות,** לבלתי היות לאיש? אל, בנותי, **אללי, בנותי,** כי מר לי מאד מכם, **בשבילכם,** כי יצאה בי **ובבני ובבעלי,** יד ה'.

יח

**ר' חנינא בריה דר' אבהו פתר קרייא במשה. אמר משה לפני הקב"ה: „רבונו של עולם; בהן** קלסתיך, **שנאמר** (דברים י'): הן לה' אלהיך השמים ושמי השמים; **והייתי סבור, שתתן לי (פרופקפיא)** [פרוקופי]. הלהן תעגנה, **הוגעתני במלאך המות; הן שבקת גבי, ואמרת לי:** הן קרבו ימיך למות". **וחוזר ואומר לישראל:** „אל, בנותי, **אללי, בני,** כי מר לי מאד מכם, — **בשבילכם בי ובאחי יצתה** יד ה'.

יט

**א"ר לוי: כל מקום שנאמר בו** יד ה' מכת **דבר היא, ובנין אב שבכולם** (שמות ט'): הנה יד ה' הויה. **בר קפרא אמר: יד**

---

**און ער קערט זיך אום און זאָגט צו ישראל:** אל בנותי, **ווי איז מיר, קינדער מיינע**[3], דען מיר איז זייער ביטער פון אייך, — **פון וועגן אייך איז אויף מיר און אויף מיין ברודער** אַרויס די האַנט פון גאָט[4].

יט

**ר' לוי האָט געזאָגט: אומעטום וואו עס שטייט** יד ה', די האַנט פון גאָט, **מיינט עס די מכה פון פעסט, און דער הויפטביישפיל דערפאַר איז** (שמות ט, ג): הנה — אָט וועט די האַנט פון גאָט זיין [— — — זייער אַ שווערע פעסט]. **בר קפרא האָט געזאָגט:** די האַנט האָבן זיי געמאָנט, **און די האַנט**

האָט זיי געטראָפן. [„די האַנט האָבן זיי געמאָנט״ (שמות טז, ג): מי יתן — הלוואי וואָלטן מיר געשטאָרבן דורך דער האַנט פון גאָט; „און די האַנט האָט זיי געטראָפן״ (דברים ב, טו): וגם — און אויך איז די האַנט פון גאָט געווען אויף זיי אומצוברענגען.] [1] ר׳ סימון האָט געזאָגט: ביי די וואָס גייען אַרויס [אויף מלחמה] איז געווען די מגפה; ביי די וואָס זיצן [אין לאַגער] איז די מגפה ניט געווען [2]. די תלמידים פון ר׳ נחמיהן לערנען עס אַרויס פון דאָרטן, וואו עס שטייט געשריבן (שופטים ב, טו): בכל אשר — וואו נאָר זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, איז די האַנט פון גאָט געווען אויף זיי צום שלעכטן, — צווישן די וואָס גייען אַרויס איז געווען די מגפה; צווישן די וואָס זיצן איז די מגפה ניט געווען [3]. ר׳ ראובן האָט געזאָגט: אויך זייערע קינדער האָבן זיך מצער געווען איבער זיי און געזאָגט: ווען וועלן שוין דידאָזיקע אויסשטאַרבן, אַז מיר זאָלן אַריין אין לאַנד!״

## כ

(א, יד) ותשאנה — און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול און האָבן געוויינט. [ותשנה שטייט], אָן אַן אלף: זייער כוח איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן [1], דען זיי זיינען געגאַנגען און געוויינט.

ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ יצחקן: פערציק טריט איז ערפה מיט־געגאַנגען מיט איר שוויגער, האָט מען דערפאַר אָפּגעלייגט [די שטראָף פון] איר זון [2] אויף פערציק טעג, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל א, יז, טז): ויגש הפלשתי — און דער פלשתי האָט גענענט אין דער פרי און פאַרנאַכט [און האָט זיך אַזוי געשטעלט פערציק טעג]. ר׳ יודן אין נאָמען פון ר׳ יצחקן: פיר מייל איז ערפה מיטגעגאַנגען מיט איר שוויגער, זיינען פון איר אַרויסגעקומען פיר גיבורים, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל ב, כא, כב): ארבעת אלה — דידאָזיקע פיר זיינען געבוירן געוואָרן צו הרפה [3].

ר׳ יצחק האָט געזאָגט: יענע גאַנצע נאַכט, נאָכדעם ווי ערפה האָט זיך אָפּגעשיידט פון איר שוויגער, האָבן זיך אויסגעמישט אין איר די גויאישע ערוות [4] פון הונדערט מענטשן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמואל א, יז, כג): והוא מדבר — און ער רעדט אַזוי מיט זיי, [און ערשט דער צווישנמאַן קומט אַרויף, גלית הפלישתי איז זיין נאָמען, פון גת], פון די רייען פון די פלשתים, — [אַנשטאָט ממערכות, פון די רייען,] שטייט ממערות, פון די ערוות [5], פון די הונדערט גויאישע ערלות, וואָס האָבן זיך געמישט אין איר אַ גאַנצע נאַכט. ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: אויך אַ הונט [איז געווען צווישן זיי], ווי אין פסוק שטייט (דאָרט פסוק מג): ויאמר הפלשתי — האָט דער פלשתי געזאָגט: בין איך דען אַ הונט? [6]

## כא

(א, יד) ותשק ערפה — און ערפה האָט געקושט איר שוויגער. איטלעך קושן זיך איז נישטיקייט, אויסער דריי: דער קוש פון עולה לגדולה זיין, און דער קוש נאָך אַ צייט־משך [פון ניט זען זיך], און דער קוש פון

**תבעו, ויד פגעה בם.** [„**יד תבעו**" (שמות ט"ז): מי יתן מותנו ביד ה׳; „**ויד פגעה בם**" (דברים ב׳): וגם יד ה׳ היתה בם להמם.] **א"ר סימון: ביוצאין היתה מגפה, ביושבין לא היתה מגפה. תלמידי דר׳ נחמיה מייתי לה מהתם; ההי"ד** (שופטים ב׳): בכל אשר יצאו, יד ה׳ היתה בם לרעה, — **ביוצאין היתה מגפה, ביושבין לא היתה מגפה. א"ר ראובן: אף בניהן היו מצירין אחריהם ואומרים:** „**מתי ימותו אלה, ונכנס אנו לארץ**".

כ

(א, יד) ותשאנה קולן ותבכינה, — **חסר אלף: תשש כחן, שהן מהלכות ובוכות.**

**ר׳ ברכיה בשם ר׳ יצחק: ארבעים פסיעות הלכה ערפה עם חמותה, ונתלה לבנה ארבעים יום, שנאמר** (שמואל א׳, י"ז): ויגש הפלשתי השכם והערב [ויתיצב ארבעים יום]. **ר׳ יודן בשם ר׳ יצחק: ארבעה מילין הלכה ערפה עם חמותה, ועמדו ממנה ארבעה גבורים, שנאמר** (שם ב, כ"א): ארבעת אלה יולדו להרפה.

**א"ר יצחק: כל אותו הלילה שפרשה ערפה מחמותה נתערבו בה ערות גויים של מאה בני אדם; ההי"ד** (שם א, י"ז): והוא מדבר עמם, וגו׳, ממערכות פלשתים, — ממערות **כתיב, ממאה ערלות גויים שנתערו בה כל הלילה. ר׳ תנחומא אמר: אף כלב אחד, דכתיב** (שם): ויאמר הפלשתי אל דוד: הכלב אנכי?

כא

(א, יד) ותשק ערפה לחמותה. **כל נשיקה של תפלות, בר מן תלת: נשיקה של גדולה, ונשיקה של פרקים, ונשיקה של**

---

תעגנה. [3] **איבער דעם וואָס ווייטער שטייט מכם (פון אייך), אין לשון זכר, אַנשטאָט מכן, לשון נקבה, ווערט דאָ** בנותי **(מיינע טעכטער) געטייטשט ווי** בני, **מיינע קינדער.** [4] **זע דאָרט א, לז; ד, כא; אויך במדבר כ, כד, און כז, יג—יד.**

יט. [1] **צוגעגעבן לויט ילקוט רות, תרא.** [2] **נאָר די וואָס זיינען ביים אַרויסגיין פון מצרים אַלט געווען צוואַנציק יאָר און העכער, און זיינען דאַן געווען ראוי צו גיין אין מלחמה, נאָר זיי זיינען אויסגעשטאָרבן אין מדבר** (במדבר יד, כט; דברים ב, יד). [3] **לויט אַלע מפרשים באַציט זיך עס אויף אלימלכן וואָס איז אַרויס פון ארץ ישראל, און איז דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן, ער און זיינע זין, מיט טויט דורך מגפה** (יד ה׳, די האַנט פון גאָט)**; אַזוי איז עס אויך לויטן** סדר עולם **(זע דאָרט דעם פירוש פון גר"א), און ר׳ ראובן קערט זיך אום צו דער דרשה וועגן דעם דור המדבר.**

כ. [1] תשש — ותשאנה. [2] **גלית, וואָס לויט דער ווייטערדיקער דרשה איז ער געווען ערפהס זון.** (הרפה — ערפה). [3] **און צווישן די פיר ווערט דאָרט אויך גערעכנט גלית** (פסוק יט). [4] **מענלעכע גלידער.** [5] **דער קרי איז ממערכות, אָבער דער** כתיב **איז ממערות, ווערט עס געדרשנט ווי ממאה ערוות** (מתנות כהונה). [6] **בלא יודעים, הייסט עס, האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט, אַז צווישן זיינע פאָטערס איז געווען אויך אַ הונט.**

**שיידונג. „פון עולה לגדולה זיין", ווי אין פסוק שטייט** (שמואל א, י, יא): ויקח שמואל — און שמואל האָט גענומען דעם קרוג און אַרויפגעגאָסן אים אויפן קאָפּ און אים געקושט. **„נאָך אַ צייט־משך", ווי אין פסוק שטייט** (שמות ד, כז): ויפגשהו — און ער האָט אים באַגעגנט אויפן באַרג פון גאָט און האָט אים געקושט. **„פון שיידונג", ווי דער פסוק זאָגט: און ערפה האָט געקושט איר שוויגער. ר' תנחומא האָט געזאָגט: אויך דער קוש פון קרובהשאַפט, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית כט, יא): וישק יעקב — און יעקב האָט געקושט רחלען; **פאַרוואָס? ווייל זי איז געווען זיין קרובה.**

(א, טו) ותאמר — און זי האָט געזאָגט: אָט האָט דיין שוועגערין זיך אומגעקערט [צו איר פאָלק און צו איר גאָט], — **ווייבאַלד זי האָט זיך אומגעקערט** צו איר פאָלק, **אַזוי האָט זי זיך אומגעקערט** צו איר גאָט.

## כב

(א, טז) ותאמר רות — און רות האָט געזאָגט: אל תפגעי בי — זאָלסט מיר ניט צושטיין דיך צו פאַרלאָזן, זיך אומצוקערן פון הינטער דיר. **וואָס איז דער טייטש פון** אל תפגעי בי? **זי האָט געזאָגט צו איר: „זינדיק ניט קעגן מיר, און דו וועסט ניט באַקומען קיין פלאָגן**[1] **איבער מיר**[2]. דיך צו פאַרלאָזן, זיך אומצוקערן פון הינטער דיר, — **בכל אופן איז מיין דעה זיך מגייר צו זיין; נייערט בעסער דורך דיין האַנט, איידער דורך אַן אַנדערער". ווי נעמי האָט דאָס געהערט, אַזוי האָט זי איר אָנגעהויבן מסדר זיין**[3] **די דינים פון גרים. זי האָט געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע, ס'איז ניט דער שטייגער פון יידישע טעכטער צו גיין אין גויאישע שפּילהייזער און צירקן**[4]**". האָט זי איר געזאָגט:** אל אשר — וואוהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין. **האָט זי געזאָגט צו איר: טאָכטער מיינע, ס'איז ניט דער שטייגער פון יידישע טעכטער צו וואוינען אין אַ הויז וואו ס'איז ניטאָ קיין מזוזה". האָט זי איר געזאָגט:** ובאשר — און וואו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן. עמך — דיין פאָלק איז מיין פאָלק, — **דאָס זיינען די שטראָפן און וואָרעניש;** ואלהיך — און דיין גאָט איז מיין גאָט, — **דאָס זיינען די אַנדערע מצוות**[5].

## כג

**אַן אַנדער פשט:** אל אשר — וואוהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, — **צום אוהל מועד, קיין גלגל, קיין שילה, קיין נוב, קיין גבעון, צום הויז פון דער אייביקייט**[1]. און וואו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן, — **איך**

כב. [1] פגעיך — אל תפגעי. [2] ד"ה: דו זאָלסט ניט באַשטראָפט ווערן איבער דיין דערווייטערן מיך (מתנות כהונה). אַנדערע טייטשן: און נעם ניט אַוועק דיינע פלאָגן פון מיר, — זוך ניט מיך אויסצוהיטן פון דיינע שוועריקייטן. [3] לערנען מיט איר. [4] וועלכע האָבן געהאַט אַ נאָענטע שייכות מיט געצנדינסט און זנות. [5] ד"ה: זי נעמט אָן אויף זיך אַלע מצוות און וואָרעניש, און אַלע שטראָפן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם (זע תרגום אויף די פסוקים, וואו עס ווערן אויסגערעכנט פאַרשיידענע געבאָטן וואָס נעמי האָט איר געוואָרנט וועגן זיי).

כג. [1] צום בית המקדש. דאָ ווערט אויסגערעכנט יעדער מקום קדוש וואו יידן האָבן

**פרישות. „של גדולה״, דכתיב** (שם י׳): ויקח שמואל את פך השמן ויצק על ראשו וישקהו! **„של פרקים״, דכתיב** (שמות ד׳): ויפגשהו בהר האלהים וישק לו; **„של פרישות״, שנאמר**: ותשק ערפה לחמותה. **רבי תנחומא אמר: אף נשיקה של קריבות, שנאמר** (בראשית כ״ט): וישק יעקב לרחל; **למה? שהיתה קרובתו.**

(א, טו) ותאמר: הנה שבה יבמתך [אל עמה ואל אלהיה], — **כיון ששבה אל עמה, שבה אל אלהיה.**

כב

(א, טז) ותאמר רות: אל תפגעי בי לעזבך, לשוב מאחריך. **מהו** אל תפגעי בי? **אמרה לה: „לא תחטאי עלי, לא תסבין פגעיך מני**; לעזבך לשוב מאחריך, — **מכל מקום דעתי להתגייר, אלא מוטב על ידך ולא על ידי אחרת״. כיון ששמעה נעמי כך, התחילה סודרת לה הלכות גרים. אמרה לה: „בתי, אין דרכן של בנות ישראל לילך לבתי תיאטראות ולבתי קרקסיאות של גויים״. אמרה לה**: אל אשר תלכי אלך. **אמרה לה: „בתי, אין דרכן של ישראל לדור בבית שאין שם מזוזה״. אמרה לה:** ובאשר תליני אלין. עמך, עמי, **אלו עונשין ואזהרות**; ואלהיך אלהי, — **שאר מצוות.**

כג

**דבר אחר**: אל אשר תלכי אלך, — **באהל מועד, בגלגל, בשילה, בנוב, בגבעון, בבית עולמים**; ובאשר תליני אלין, — **לנה אני על קרבנותי**; עמך עמי, **לבטל עבודת כוכבים שלי**; ואלהיך אלהי, **לשלם שכר פעולתי.**

כד

(א, יז) באשר תמותי אמות, **אלו ארבע מיתות בית דין: סקילה, שריפה, הרג וחנק**; ושם אקבר, **אלו שני קברים המתוקנים**

---

**וועל איבערנעכטיקן מיט מיינע קרבנות**[2]**. מיין פאָלק איז דיין פאָלק, אויף בטל צו מאַכן מיין עבודה זרה, און דיין גאָט איז מיין גאָט, צו באַלוינען פאַר מיין טואונג.**

כד

(א, יז) באשר — וואו דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן, **דאָס זיינען די פיר מינים טויטשטראָפן פון בית־דין: פאַרשטיינערן, פאַרברענען, קעפּן, דערוואַרגן.** ושם — און דאָרט וועל איך באַגראָבן ווערן, **דאָס זיינען די צוויי**

קברים וואָס זיינען אָנגעברייט דורכן בית־דין, איינער פאַר די פאַרשטיינערטע און פאַרברענטע, און איינער פאַר די געקעפּטע און דערוואָרגענע. כה — אַזוי זאָל מיר גאָט טאָן און נאָך מער, — זי האָט געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע, אַלע מצוות און מעשים טובים וואָס דו קענסט זיך איינאייגענען, אייגן זיך איין אויף דער וועלט; אָבער אויף יענער וועלט — נאָר דער טויט וועט צעשיידן צווישן מיר און צווישן דיר [1].

---

געהאַלטן דעם ארון פון משהס צייטן ביז שלמהס בית המקדש. [2] פוגעם פסוק ופנית בבקר — און אין דער פרי זאָלסטו זיך קערן און גיין צו דיינע געצעלטן (דברים טז, ז)

**לבית דין, אחד לנסקלין ולנשרפין, ואחד לנהרגין ולנחנקין.** כה יעשה ה׳ לי וכה יוסיף, — **אמרה לה: „בתי, כל מה שאת יכולה לסגל מצוות וצדקות, סגלי בעולם הזה; אבל לעתיד לבא,** — כי המות יפריד ביני ובינך.

---

לערנט מען, אַז דער וואָס האָט מקריב געווען אַ קרבן האָט געדאַרפט איבערנעכטיקן ביים מקום קדוש (ספרי אויף דעם פסוק).

כד. [1] לויט דעם דרש געהערן די לעצטע ווערטער נעמין, און ניט רותן, ווי ס׳איז לויטן פשט.

# פרשה ג

## א

דאָס איז[1] וואָס דער פסוק זאָגט (איוב ג, יט): קטן וגדול — קליין און גרויס איז דאָרטן, און דער קנעכט איז פריי פון זיין האַר. ר׳ סימון האָט געזאָגט: דאָס איז איינער פון פיר פסוקים, וואָס זיינען ענלעך איינער צום צווייטן[2]. קליין און גרויס איז דאָרטן, — אויף דער וועלט, ווער עס איז קליין[3], קאָן ווערן גרויס; און ווער עס איז גרויס, קאָן ווערן קליין. אָבער אויף יענער וועלט, ווער עס איז קליין, קאָן ניט ווערן גרויס; און ווער עס איז גרויס, קאָן ניט ווערן קליין. און דער קנעכט איז פריי פון זיין האַר, — [אַ מענטש ביים לעבן,] אויב ער טוט דעם ווילן פון זיין יוצר[4], דערצערנט ער זיין יצר[5], [און אַזוי פאַרקערט][6]; שטאַרבט ער, גייט ער אַרויס פריי, ווי דער פסוק זאָגט: ועבד — און דער קנעכט איז פריי פון זיין האַר.

ר׳ מיאשא, ר׳ יהושעס איינִיקל, איז געלעגן דריי טעג אין היגערפלעט. אין דריי טעג אַרום איז ער געקומען צו זיך. האָט אים זיין פאָטער געזאָגט: „וואו ביסטו געווען?" האָט ער אים געזאָגט: „אין אַ צעמישטער וועלט בין איך געווען" האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס האָסטו דאָרט געזען?" האָט ער אים געזאָגט: „אַ סך מענטשן, וואָס איך האָב דאָ געזען אין כבוד, זיינען דאָרט אין שאַנד". אַז ר׳ יוחנן און ריש לקיש האָבן געהערט [וועגן זיין קראַנקהייט], זיינען זיי אַרויף אים מבקר חולה זיין. האָט זיין פאָטער געזאָגט צו זיי: „האָט איר געהערט וואָס דאָס יינגל האָט געזאָגט?" האָבן זיי אים געזאָגט: „וואָס האָט ער געזאָגט?" האָט ער זיי דערציילט די מעשה. האָט ריש לקיש געזאָגט: „איז עס ניט אַ בפירושער פסוק? (יחזקאל כא, לא) כה אמר — אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: אַוועקנעמען די טיאַרע[7] און אַראָפּהויבן די קרוין! עס איז ניט מער דאָס: דאָס נידעריקע דערהויבן, און דעם הויכן דערנידערן[8]". האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: „ווען איך וואָלט ניט אַרויף, נייערט צו הערן דאָס וואָרט, איז גענוג".

(רב הונא)[9] דער ריש גלותא האָט געפרעגט ר׳ חיסדאַן: „וואָס מיינט דער פסוק: אַוועקנעמען די טיאַרע און אַראָפּהויבן די קרוין? האָט ער אים

---

א. [1] די דרשה באַציט זיך אויפן סוף פון פרשה ב. [2] ברענגען אַרויס דעמזעלבן געדאַנק. [3] אין מעשים טובים. [4] זיין באַשעפער. [5] דעם יצר הרע, זיינע שלעכטע דראַנגען. [6] ביידע צוגאָבן לויט ילקוט איוב, תתצו. [7] מצנפת, אַ רייכער קאָפּ צודעק, ווי דער כוהן גדול פלעגט טראָגן. [8] און דאָס איז דער צווייטער פון די פיר אויבנדערמאָנטע פסוקים. [9] צוויי ראש גלותאס זיינען געווען מיטן נאָמען רב הונא. איינער איז נפטר געוואָרן ביים לעבן פון ר׳ יהודה הנשיא (זע בראשית רבה לג, ג), און דער צווייטער,

# פרשה ג

א

**זה שאמר הכתוב** (איוב ג׳): קטן וגדול שם הוא, ועבד חפשי מאדניו. **אמר ר׳ סימון: זה אחד מארבעה מקראות שדומין זה** לזה. קטן וגדול שם הוא, — **בעולם הזה, מי שהוא קטן, יכול** להעשות **גדול; ומי שהוא גדול יכול להעשות קטן. אבל לעתיד** לבא, **מי שהוא קטן, אינו יכול להעשות גדול; ומי שהוא גדול, אינו יכול** להעשות קטן. ועבד חפשי מאדוניו. **[האדם בחייו], זה** (הוא) שעושה **רצון יוצרו, מכעיס את יצרו. [וכן להפך]; מת, יצא** לחירות, **שנאמר**: ועבד חפשי מאדוניו.

ר׳ מיאשא **בר בריה דר׳ יהושע נשתקע שלשה ימים בחליו. לאחר ג׳ ימים נתישבה דעתו. א״ל אביו: „הן הוית?״ אמר ליה: „בעולם מעורב הייתי״. א״ל: „ומה חמיתה תמן?״ א״ל: „הרבה בני אדם ראיתי כאן בכבוד, ושם בבזיון״. כד שמעו ר׳ יוחנן וריש לקיש**, סלקן למבקריה. **אמר להון אבוה: „שמעתון מה** אמר **הדין מיינוקא?״** אמרין ליה: **„מה אמר?״ תני להון עובדא. אמר ריש לקיש: „ולא מקרא מלא הוא?** (יחזקאל כ״א) כה אמר ה׳ אלהים: הסיר מצנפת והרים העטרה! זאת לא זאת: השפלה הגבה, והגבוה השפיל. **א״ר יוחנן: „אלו לא עליתי אלא לשמוע דבר זה, די״.**

**(רב הונא) ריש גלותא שאל לר׳ חסדאי: מה דין דכתיב:** הסיר המצנפת והרים העטרה? **א״ל**: הסיר המצנפת **מרבותינו** והרים העטרה **מאומות העולם. א״ל: את חסד (ומה לך) [ומיליך] חסד.**

---

**געזאָגט:** אַוועקנעמען די טיאַרע **פון אונדזערע רבנן**[10], **און** אַראָפּהויבן די קרוין **פון די אומות העולם**[11]. **האָט ער געזאָגט צו אים: „דו ביסט חסד**[12], **און דײַנע ווערטער**[13] **זײַנען** חסד.

---

רב הונא בר נתן, איז עולה לגדולה געווען ערשט נאָך רב אשיס טויט (מועד קטן כח, א; גיטין נט, א). אָבער רב חיסדא, פון צווייטן און דריטן דור אמוראים, איז געבוירן געוואָרן זיבן יאָר נאָך ר׳ יהודה הנשיאס טויט, און ער האָט ניט געקענט קומען אין באַרירונג

## ב

אין פּסוק שטייט (קוהלת ט, ד): כי מי אשר יחובר [1] — דען דער וואָס איז נאָך באַהאַפטן צו אַלע לעבעדיקע האָט נאָך אַ האָפנונג; דען אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער איידער אַ טויטן לייב. דאָרטן [2] האָבן מיר געלערנט: אַז איינער זעט אַן עבודה זרה, וואָס דאַרף ער זאָגן? „געבענטשט איז דער, וואָס שענקט איינגעהאַלטנקייט אין צאָרן צו די וואָס טרעטן איבער זיין רצון". [אַז ער זעט] אַן אָרט וואָס די עבודה זרה איז אויסגעריסן געוואָרן פון דאָרטן: „געבענטשט איז דער, וואָס האָט אויסגעריסן די עבודה זרה פון אונדזער לאַנד; און אַזוי זאָל זיין דער ווילן פון פאַר דיר, גאָט אונדזער גאָט, אַז דו זאָלסט זי אויסרייסן פון אַלע ערטער און זאָלסט אומקערן דאָס האַרץ פון די וואָס דינען זי צו דינען דיך מיטן גאַנצן האַרצן".

אָבער קומט ניט אויס, אַז ער איז מתפּלל פון וועגן די רשעים? האָט ר' יוחנן געזאָגט: דער כתיב איז יבוחר, דערוויילט, — אפילו די אַלע וואָס האָבן געלייגט זייערע הענט אויפן בית המקדש [3], האָבן נאָך אַ האָפנונג [4]. זיי לאָזן אויפשטיין תחית המתים קען מען ניט, דען זיי האָבן געלייגט זייערע הענט אויפן בית המקדש; זיי פאַרטיליקן קען מען ניט, דען זיי האָבן תשובה געטאָן. זאָגט אויף זיי דער פּסוק (ירמיה נא, לט): וישנו — און זיי וועלן שלאָפן אַן אייביקן שלאָף און וועלן זיך ניט אויפכאַפּן [5].

מיר האָבן געלערנט [6]: די קליינוואַרג פון די גויים [7] און נבוכדנצרס חיילות [8], ניט זיי וועלן אויפשטיין תחית המתים, ניט זיי וועלן געמשפּט ווערן, און אויף זיי זאָגט דער פּסוק: וישנו — און זיי וועלן שלאָפן אַן אייביקן שלאָף און וועלן זיך ניט אויפכאַפּן.

כי לכלב חי — דען אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער איידער אַ טויטן לייב. אויף דער וועלט, ווער עס איז אַ הונט, קען ווערן אַ לייב; און ווער עס איז אַ לייב, קען ווערן אַ הונט. אָבער אויף יענער וועלט, ווער עס איז אַ לייב, קען ניט ווערן קיין הונט; און דער וואָס איז אַ הונט, קען ניט ווערן קיין לייב. [9]

אַדריאַנוס, זאָלן אים די ביינער צעריבן ווערן, האָט זיך געווענדט צו ר' יהושע בן חנניה און געזאָגט צו אים: „איך בין בעסער פון דיין רבין משה". האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס?" „דען איך לעב, און ער איז טויט; און אין פּסוק שטייט: דען אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער איידער אַ טויטן לייב". האָט ער געזאָגט צו אים: „קענסטו גוזר זיין, אַז דריי טעג

---

מיט קיינעם פון די צוויי. ס'איז קלאָר דעריבער, אַז דער נאָמען רב הונא איז דאָ אַריין דורך אַ טעות. לויט אַ גמרא אין גיטין, בבלי (ז, א), איז גאָר רב חיסדאס דערקלערונג געקומען ווי אַן ענטפער אויף אַ פראַגע וואָס דער ריש גלותא האָט געפרעגט רב הונאן, און ס'איז אָנצונעמען, אַז די מסורה פון בבלי אין דער זאַך נעענטער צו אמת (אין ירושלמי סוטה, ט, ה, ווערט רב הונא אינגאַנצן ניט דערמאָנט). [10] וואָס האָבן גוזר געווען, אַז זינט דער מלחמה פון אספּאַסיאַנוסן (וועספּאַסיאַן, ביים צווייטן חורבן) זאָלן חתנים קיין רייכע קאָפּ באַפּוצונג ניט טראָגן (זע גיטין, דאָרט). [11] ווי אַ שטראָף דערפאַר, וואָס זיי האָבן עס גורם געווען, וועלן זיי לסוף פאַרלירן די קרוין. [12] חיסדא. [13] עמענדירט לויט גיטין, דאָרט (זע מהרז"ו און רש"ש).

ב

**כתיב** (קהלת ט׳): כי מי אשר יחובר, וגו׳. **תמן תנינן: הרואה עבודת כוכבים, מה הוא אומר? „ברוך נותן ארך אפים לעוברי רצונו״. מקום שנעקרה עבודת כוכבים ממנו: „ברוך שעקר עבודת כוכבים מארצנו; וכן יהי רצון מלפניך, ה׳ אלהינו, שתעקור אותה מכל המקומות ותשיב לב עובדיה לעבדך בלב שלם״.**

**ולא נמצא מתפלל על הרשעים? א״ר יוחנן:** יבוחר כתיב, — **אפילו כל אותן שפשטו ידיהם בזבול, יש בטחון. להחיות אותם אי אפשר, שכבר פשטו ידיהם בזבול; לכלותם אי אפשר, שכבר עשו תשובה. עליהם הוא אומר** (ירמיה נ״א): וישנו שנת עולם ולא יקיצו.

**תניא:** קטני גוים וחיילותיו של נבוכדנצר לא חיים ולא נדונים, ועליהם הוא אומר: וישנו שנת עולם ולא יקיצו.

(קהלת ט׳) כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. **בעולם הזה, מי שהוא כלב, להעשות ארי הוא יכול; ומי שהוא ארי, יכול להעשות כלב. אבל לעתיד לבוא, מי שהוא ארי, אינו יכול להעשות כלב; וכל מי שהוא כלב, אינו יכול להעשות ארי.**

**אדריאנוס שחיק טמיא שאל לר׳ יהושע בן חנניה, א״ל: „אנא טב ממשה רבך״. א״ל: „למה?״ „דאנא חי והוא מת; וכתיב:** כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת״. **אמר ליה: „יכול את לגזור, דלא ידלק בר נש נור תלתא יומין?״ אמר ליה: „אין״. לעידן עמיא סלקון תרויהון על איגר פלטין, חמי תננא סליק מן רחיק. א״ל: „מה כן?״ א״ל: „איפרכיא ביש; עאל**

---

**צייט זאָל קיין מענטש ניט אָנצינדן קיין פייער?״ האָט ער אים געזאָגט: „יאָ״. פאַרנאַכטצייט זיינען זיי ביידע אַרויף אויפן דאַך פונעם פּאַלאַץ, און האָבן געזען אַ רויך אויפגיין פון דערווייטן. האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס איז דאָס?״ האָט ער אים געזאָגט: „אַ שר איז קראַנק געוואָרן, איז געקומען**

ב. [1] לויטן קרי. [2] תוספתא, ברכות ז, ב. [3] בית הבחירה, **דאָס הויז פון אויס־דערוויילטקייט: דאָס חרוב מאַכן דעם בית המקדש ווערט פאַררעכנט פאַרן גרעסטן חטא.** [4] **און מע מעג פאַר זיי בעטן, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי העלפן און זיי זאָלן תשובה טאָן.** [5] **פאַרגלייך** דניאל יב, ב: ורבים — און אַ סך פון די וואָס שלאָפן אינעם שטויב פון דער ערד וועלן זיך אויפכאַפּן, די צו אייביק לעבן און די צו חרפות, צו אייביקער שאַנד. [6] ירושלמי שביעית, ד. [7] **וואָס האָבן נאָך ניט געזינדיקט.** [8] **וואָס האָבן חרוב געמאַכט דעם בית המקדש לויט זיין באַפעל, און מעגלעך ניט לויט זייער ווילן.**

דער רופא אים באַזוכן און האָט אים געזאָגט: ביז דו וועסט ניט טרינקען קיין וואַרימס, וועסטו ניט געזונט ווערן". האָט ער געזאָגט צו אים: „זאָל אים די נשמה אַרויס! דו לעבסט נאָך, און דיין גזרה איז שוין בטל געוואָרן. און משה רבנו, זינט ער האָט גוזר געווען אויף אונדז (שמות לה, ג): לא תבערו — איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינערטער אין דעם טאָג פון שבת, האָט נאָך קיין ייד אויף זיין לעבן ניט אָנגעצונדן קיין פייער אום שבת, און ביז איצט איז נאָך זיין גזרה ניט בטל געוואָרן. זאָגסטו אַזוי: איך בין בעסער פון אים?"

(תהלים לט, ה): הודיעני, ה' — לאָז מיך וויסן, גאָט, מיין סוף, און וואָס איז די מאָס פון מיינע טעג. דוד האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „האַר פון דער וועלט! לאָז מיך וויסן, ווען איך וועל שטאַרבן". האָט ער אים געזאָגט: „דאָס איז אַ סוד, וואָס ווערט ניט אַנטפּלעקט פאַר קיין מענטשנקינד און עס קען ניט אַנטפּלעקט ווערן פאַר דיר". „און וואָס איז די מאָס פון מיינע טעג?" האָט ער געזאָגט צו אים: „זיבעציק יאָר". „ואדעה — לאָמיך וויסן, ווען בין איך פאַרגייאיק, לאָמיך וויסן, אין וועלכן טאָג וועל איך שטאַרבן". האָט ער אים געזאָגט: „אום שבת". האָט ער געזאָגט צו אים: „נעם מיר אַראָפּ איין טאָג"[10]. האָט ער אים געזאָגט: „ניין". האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס?" האָט ער אים געזאָגט: „ס'איז מיר ליבער איין תפילה וואָס דו שטייסט און ביסט מתפלל פאַר מיר, איידער די טויזנט עולות, וואָס דיין זון שלמה איז אָנגעברייט מקריב צו זיין פאַר מיר", ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, ג, ד): אלף — טויזנט עולות האָט שלמה מקריב געווען אויף יענעם מזבח. האָט ער געזאָגט צו אים: „גיב מיר צו אַ טאָג" האָט ער אים געזאָגט: „ניין". האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס?" האָט ער אים געזאָגט: „די הערשאַפט פון דיין זון דריקט". דען ר' שמעון בר אבא[11] האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן: [פאַראויס באַשטימט] איז יעדע הערשאַפט, און קיינער פון זיי גייט ניט אַריין אין דער הערשאַפט פונעם צווייטן אפילו אויף אַ האָר.

און געשטאָרבן איז ער אום שבועות וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת. זיינען די סנהדרין אַרויף צו וויזן זייער פנים פאַר שלמהן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „זאָל מען אים איבערנעמען פון איין אָרט צו אַן אַנדערן". האָבן זיי אים געזאָגט: „איז עס ניט קיין משנה[12]? מע מעג אים זאַלבן און וואַשן[13], מע טאָר אים אָבער ניט רירן קיין אבר". האָט ער געזאָגט: „די הינט פונעם טאַטנס הויז זיינען הונגעריק". האָבן זיי אים געזאָגט: „איז עס ניט קיין משנה?[14] „מע מעג צעשניידן [אום שבת] קירבעסן פאַר אַ בהמה און אַ נבלה פאַר הינט"[15]. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען אַ פאַרהאַנג און פאַרשפּרייט איבער אים, כדי די זון זאָל אויף אים ניט פאַלן. און אַנדערע זאָגן: ער האָט גערופן אָדלערס, און זיי האָבן אויסגעשפּרייט איבער אים זייערע פליגלען, כדי די זון זאָל אויף אים ניט פאַלן.

**אסיא ובקר יתיה, וא"ל: עד דשתי חמימי לא מיתסי". א"ל: "תיפח רוחיה! עד דאת קיים, בטלה גזרתך. ומשה רבנו, משעה שגזר עלינו: לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת, לא מדליק יהודאי נור בשבתא מיומוהי, ועדיין לא נתבטלה גזרתו עד השתא. אמרת את כן: דאנא טב מיניה?"**

(תהלים ל"ט): הודיעני, ה', קצי, ומדת ימי מה היא. **אמר דוד לפני הקב"ה: "רבון העולם! אודע לי, אימתי אנא מיית". א"ל: "רזא היא, דלא מתגלי לבר נש, ולית אפשר דיתגלי לך".** "ומדת ימי מה היא?" **א"ל: שבעין שנין".** "ואדעה, מה חדל אני, — **אודע לי, בהדין יומא אני מיית". א"ל: "בשבת". א"ל: "פחית לי חד יומא". א"ל: "לא". א"ל: "למה?" א"ל: "חביבה עלי תפלה אחת שאתה עומד ומתפלל לפני מאלף עולות שעתיד בנך להעלות לפני", שנאמר** (מלכים א', ג): אלף עולות יעלה שלמה על המזבח ההוא. **א"ל: "אוסיף לי חד יומא". א"ל: "לא". א"ל: "למה?" א"ל: "ארכי של בנך דוחקת". דאמר ר' שמעון בר אבא בשם ר' יוחנן: ארכיות ארכיות הן, ואין אחד מהן נכנס לתוך ארכי של חברו אפילו כמלא נימא.**

**ומת בעצרת שחל להיות בשבת, וסלקה סנהדרין מחמייה אפין לשלמה. אמר להון: "מעבר יתיה מאתר לאתר". אמרין ליה: "ולאו מתניתא היא? סכין ומדיחין, ובלבד שלא יזוז אבר". אמר: "כלבים של בית אבא רעבין". אמרין ליה: "ולא מתניתא היא? מחתכין את הדלועים לפני הבהמה ואת הנבלה לפני הכלבים". מה עשה? נטל פיפקין ופרש עליו, כדי שלא תרד השמש. ויש אומרים: לנשרים קרא, ופרשו עליו אגפיהון, כדי שלא תרד עליו השמש.**

ג

**אמר** (קהלת א'): מעות לא יוכל לתקון, וחסרון לא יוכל להמנות. **בעולם הזה, מי שהוא מעוות, יכול לתקן; ומי שהוא**

---

ג

[שלמה המלך] האט געזאגט (קוהלת א, טו): מעוות — דאס פארקרימטע קען מען ניט אויסגלייכן, און דאס פעליקע קען ניט גערעכנט ווערן. אויף דער וועלט, ווער עס פארקרימט, קען אויסגלייכן; און ווער עס איז גלייך,

---

9 און דאס איז דער דריטער פון די פיר פסוקים.

10 כדי זיין טויטער קערפער זאל ניט דארפן ווארטן א גאנצן טאג אויף קבורה.

11 אויבן (ב, ח) ווערט דערזעלבער מאמר

קען פאַרקרימען. אָבער אויף יענער וועלט, ווער עס איז פאַרקרימט, קען ניט אויסגלייכן; און ווער עס איז גלייך, קען ניט פאַרקרימען[1].

וחסרון — און דאָס פעליקע קאָן ניט גערעכנט ווערן. עס טרעפט, אַז רשעים פאַרבינדן זיך איינער מיטן אַנדערן אויף דער וועלט. האָט איינער פון זיי תשובה געטאָן פאַר זיין טויט, און דער אַנדערער האָט קיין תשובה ניט געטאָן; באַקומט זיך, אַז דער שטייט[2] אין דער עדה פון די צדיקים, און דער שטייט אין דער עדה פון די רשעים. און ער זעט אים און זאָגט: ווי איז מיר, איז פאַראַן דערביי אַ משוא־פנים[3]? איך און דער האָבן געגנבעט, איך און דער האָבן צוזאַמען געהרגעט, — שטייט דער אין דער עדה פון צדיקים, און איך אין דער עדה פון רשעים!" און זיי[4] ענטפערן אים און זאָגן אים: „דו נאַר איינער! ביסט געווען אַ מנוול, און האָסט זיך אַרומגעוואַלגערט נאָכן טויט דריי טעג; און האָט מען דיך ניט מיט שטריק פאַרשלעפּט צום קבר? (ישעיה יד, יא): תחתיך — אונטער דיר איז מיט ווערים געבעט, און דיין איבערדעק איז מויל. אַז דערדאָזיקער חבר דיינער האָט פאַרשטאַנען, אַזוי האָט ער אָוועקגעקערט פון יענעם וועג; און דו, דו האָסט געהאַט ביד די מעגלעכקייט תשובה צו טאָן, און האָסט ניט געטאָן".

זאָגט ער צו זיי: „לאָזט מיך גיין תשובה טאָן". ענטפערן זיי אים און זאָגן: „דו נאַר איינער! ווייסטו ניט, אַז די וועלט איז געגליכן צו שבת, און די וועלט פון וואַנען דו ביסט געקומען איז געגליכן צו ערב שבת? אויב אַ מענטש גרייט זיך ניט אָן אום ערב שבת, וואָס וועט ער עסן אום שבת? און נאָך: די וועלט איז געגליכן צום ים, און די וועלט פון וואַנען דו ביסט געקומען איז געגליכן צו דער יבשה; אויב אַ מענטש גרייט זיך ניט אָן אויף דער יבשה, וואָס וועט ער עסן אויפן ים? און נאָך: די וועלט איז געגליכן צו אַ מדבר, און די וועלט פון וואַנען דו ביסט געקומען איז געגליכן צו אַ יישוב; אויב אַ מענטש גרייט זיך ניט אָן אין יישוב, וואָס וועט ער עסן אין מדבר? וואָס טוט ער? ער פאַרלייגט זיינע הענט און עסט דאָס לייב פון זיך, ווי דער פסוק זאָגט (קוהלת ד, ה): הכסיל — דער נאַר פאַרלייגט זיינע הענט און עסט דאָס לייב פון זיך". און ער זאָגט: „לאָזט מיך כאָטש זען מיין חבר אין זיין כבוד". און זיי ענטפערן און זאָגן אים: „דו נאַר איינער! מיר זיינען באַפוילן פונעם אייבערשטנס מויל, אַז קיין רשעים זאָלן ניט שטיין זייט ביי זייט מיט צדיקים, און ניט קיין צדיקים — זייט ביי זייט מיט רשעים, און ניט קיין אומריינע זייט ביי זייט מיט ריינע, אום ניט קיין

---

געבראַכט אין נאָמען פון ר' שמואל בר אבא; ביידע זיינען געווען אמוראים פון דריטן דור. [12] שבת כג, ה. [13] דעם טויטן אום שבת. [14] שבת כד,ד. [15] דען דעם לעבעדיקן הונט איז בעסער איידער דעם טויטן לייב, — וואָס מע מעג טאָן פאַר אַ לעבעדיקן הונט (באַהעגן דעם טויטן קערפּער פון אַ נבלה), טאָר מען ניט טאָן פאַרן טויטן דוד מלך ישראל.

ג. [1] און דאָס איז דער לעצטער פון די פיר פסוקים. [2] אויף יענער וועלט. [3] פאַוואָ־

מתוקן, יכול לעוות. אבל לעתיד לבוא, מי שהוא מעוות, אין יכול לתקן; ומי שהוא מתוקן, אין יכול לעוות.

וחסרון לא יוכל להמנות. יש מהרשעים שמזדווגין זה עם זה בעולם. אחד מהן עשה תשובה לפני מותו, ואחד לא עשה תשובה; נמצא זה עומד בחבורת הצדיקים, וזה עומד בחבורת הרשעים. והוא רואה אותו ואומר: „אוי לי, שמא משוא פנים יש בדבר? אני וזה גנבנו, אני וזה הרגנו כאחת, — זה עומד בחבורת צדיקים, ואני בחבורת רשעים!" והן משיבין ואומרין ליה: „שוטה שבעולם! מנוול היית, ומושלך לאחר מיתתך שלשה ימים; ולא בחבלים גררוך לקבר? (ישעיה י״ד): תחתיך יוצע רמה, ומכסך תולעה. כשהבין זה חברך, שב מאותו הדרך; ואתה, היתה בידך ספיקה לעשות תשובה, ולא עשית".

אמר להם: „הניחוני, שאלך לעשות תשובה". והן משיבין לו ואומרין: „שוטה שבעולם! אין אתה יודע, שעולם זה דומה לשבת, ועולם שבאת ממנו דומה לערב שבת? אם אין אדם מתקן בערב שבת, מה יאכל בשבת? ועוד: עולם זה דומה לים, ועולם שבאת ממנו דומה ליבשה; אם אין אדם מתקן ביבשה, מה יאכל בים? ועוד: העולם הזה דומה למדבר, ועולם שבאת ממנו דומה ליישוב; אם אין אדם מתקן ביישוב, מה יאכל במדבר? מהו עושה? חובק את ידיו ואוכל את בשרו, שנאמר (קהלת ד׳): הכסיל חובק את ידיו ואוכל את בשרו". והוא אומר: „הניחוני, שאראה את חברי בכבודו". ומשיבין ואומרים לו: „שוטה שבעולם! מצווין מפי הגבורה אנו, שלא יעמדו רשעים בצד צדיקים, ולא צדיקים בצד רשעים, ולא טמאים בצד טהורים, ולא טהורים בצד טמאים. ועל מה אנו מצווין? על השער הזה, שנאמר (תהלים קי״ח): זה השער לה׳, צדיקים יבאו בו".

---

ריינע זייט ביי זייט מיט אומריינע. און אויף וואָס זיינען מיר באַפוילן? אויף [אָפּצוהיטן] דעמדאָזיקן טויער[5], ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים קיח, כ): זה השער — דערדאָזיקער טויער איז פון גאָט, צדיקים זאָלן אַריינגיין אין אים".

---

ריטיזם, דאָס שוינען עמיצן ניט פאַרדינטערהייט. [4] די מלאכים. [5] צום גן עדן.

## ד

מע דערציילט אַ מעשה: ר׳ חייא רבה און ר׳ שמעון בן חלפתא זיינען געזעסן און געלערנט תורה אינעם גרויסן בית מדרש אין טבריא אום ערב פסח, און אַנדערע זאָגן: ערב דעם גרויסן תענית [1], און זיי האָבן געהערט קולות פון פאַרהאַוועטע [2] מענטשן. האָט ער [3] געזאָגט צו אים: „דידאָזיקע מענטשן, וואָס טוען זיי?״ האָט ער געזאָגט: „ווער עס האָט, קויפט אײַן [4]; און ווער עס האָט ניט, גייט צום בעל הבית וואו ער אַרבעט, און ער גיט אים״. האָט ער געזאָגט: „אויב אַזוי, וועל איך אויך גיין צום בעל הבית פון מײַן אַרבעט, און ער וועט מיר געבן״. איז ער אַרויס און האָט מתפלל געווען אין דער הייל פון טבריא, און האָט געזען, ווי אַ האַנט שטרעקט אים אויס אַ פּערל. איז ער געגאַנגען און עס אַוועקגעטראָגן צו רבין [5]. האָט ער געזאָגט צו אים: „פון וואַנען האָסטו דאָס?״ דאָס איז אַ זאַך אַן אומשאַצבאַרע [6]. נייערט נאַ דיר דריי דינאַר [7], און גיי גרייט צו לכבוד דעם טאָג, און נאָך יום טוב וועלן מיר לאָזן אויסרופן, און וואָס פאַר אַ מקח מע וועט באַקומען, וועסטו נעמען״. האָט ער גענומען די דריי דינאַר און איז אַוועק און אײַנגעקויפט, און איז אַהיים געקומען.

האָט געזאָגט צו אים זײַן ווייב: „שמעון, האָסט אָנגעהייבן גנבענען? דײַן גאַנץ פאַרמעגן איז ניט מער ווי הונדערט מעה [8], טאָ וואָס איז עס פאַר אַן אײַנקויף?״ האָט ער איר גלײַך דערציילט די מעשה. האָט זי געזאָגט צו אים: „וואָס ווילסטו, אַז דײַן חופּה אויף יענער וועלט זאָל זײַן מיט איין פּערל ווייניקער ווי דײַן חברס?״ האָט ער איר געזאָגט: „וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן?״ האָט זי געזאָגט צו אים: „גיי קער אום דעם אײַנקויף צו זײַן בעל הבית, און די דינאַרן צו זייער בעל הבית און דעם פּערל צום בעל הבית״.

אַז רבי האָט דאָס געהערט האָט ער זיך מצער געווען, און געשיקט זי ברענגען. ער האָט געזאָגט צו איר: „אַזויפיל צער האָסטו אָנגעטאָן דעמדאָזיקן צדיק!״ האָט זי אים געזאָגט: „וואָס ווילסטו, אַז זײַן חופּה אויף יענער וועלט זאָל זײַן מיט אַ פּערל ווייניקער פון אײַערע?״ האָט ער געזאָגט צו איר: „און אויב עס וועט פעלן, איז ניטאָ ביי אונדז גענוג אויף אויסצופילן עס?״ האָט זי אים געזאָגט: „רבי, אויף דער וועלט האָבן מיר דעם זכות צו זען דײַן פּנים; אָבער האָט ניט ריש לקיש געזאָגט: [9] איטלעכער צדיק האָט [אויף יענער וועלט] אַ וואוינאָרט פאַר זיך?״ האָט ער איר מודה געווען. [ווי ער האָט דאָס געהערט, אַזוי איז ער אַוועק און עס צוריקגעגעבן] [10]. און

---

ד. [1] יום כיפּור. [2] טעקסט עמענדירט לויט יאַסטראָוו. [3] ר׳ שמעון בן חלפתא, וואָס איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. [4] אויף יום טוב. [5] ווערטערלעך — צו אונדזער רבין (רבי יהודה הנשיא, וואָס פלעגט גערופן ווערן רבי). [6] עמענדירט לויט בראשית רבה לה, ג (זע רד״ל און יאַסטראָוו). [7] אַ רוימישע מטבע. [8] די קלענסטע מטבע, אַ פּרוטה; געביטן אין טעקסט אָנשטאָט מנה (הונדערט מנה באַטרעפט צען טויזנט שקל, פינף טויזנט שקל קודש, — אַ צו גרויס פאַרמעגן פאַר אַזאַ אָרימאַן). [9] ריש לקיש האָט געלעבט מיט אַ דור שפּעטער, אָבער דער בעל המדרש האָט זיך באַנוצט מיט זײַן מימרא איבערצוגעבן אירע געדאַנקען. אין ויקרא רבה (נב, ג) ווערט די דערקלערונג געבראַכט

## ד

דילמא: ר׳ חייא רבה ור׳ שמעון בן חלפתא הוו יתבין לעיין באורייתא בהדין בית מדרשא רבא דטבריה בערובת פיסחא, ואית דאמרי — בערובת צומא רבא, ושמעי קלהון דברייאתא (בייבין) [בייכין]. אמר ליה: „אילין ברייתא מה עסקון?״ אמר: „דאית ליה, זבן; ודלית ליה אזיל לגבי מרי עבדתיה, והוא יהיב ליה״. אמר ליה: „אם כן הוא, אף אנא איזיל לגבי מרי עבדתי, והוא יהב לי״. נפק וצלי בהדא אילוסיס דטבריא, וחזא חד ידא מושטא ליה חדא מרגליתא. אזל טעין גבי רבינו. א״ל: „הדא מנא אית לך? הדא מילא (דאיסטופיטא) [דאטימיטון] היא. אלא הא לך תלתא דינרין, ואזל ועבד ליקרא דיומא, ובתר יומא טבא אנן שטחין קליה, ומה דהוא עביד טימיתה תיסב״. נסב תלתא דינרין ואזיל זבן זבונין, ועל לביתה.

אמרה ליה דביתהו: „שמעון, שרית גניב? כל פעלך לית היא אלא מאה (מנה) [מעה], ואילן זבינתה מה אינון?״ מיד תני לה עובדא. אמרה ליה: מאי את בעי, תהי גנונך חסר מן דחברך חדא מרגליתא לעלמא דאתי?״ אמר לה: „ומה נעבד?״ אמרה ליה: „זיל תחזור זבינתא למריהון ודינריא למריהון ומרגליתא למרא״.

כד שמע רבינו, מצטער; שלח ואיתיתה. אמר לה: „כל הדין צערא צערת להדין צדיקא!״ אמרה ליה: „מה את בעי, דיהא גנוניה חסר מדידכון חדא מרגליתא לעלמא דאתי?״ אמר לה: „ואין הוה חסר, לית בן ממלייה יתיה?״ אמרה ליה: „רבי, בהדין עלמא זכינן מחמי אפך; ולא אמר ריש לקיש: כל צדיק וצדיק יש לו מדור בפני עצמו?״ והודה לה. [כיון ששמע כן, הלך והחזיר.] הנס האחרון היה קשה מן הראשון: מנסיב ליה, הות ידא ארעיא; ומי מושטא ליה, הוה ידא עילאה, כאיניש דמוזיף לחבריה. ולא עוד, אלא שדרכן של עליונים ליתן, ואין דרכן ליטול.

---

דער צווייטער נס [11] איז געווען גרעסער פונעם ערשטן: ווען ער האָט גענומען, איז זיין האַנט געווען אונטן; אָבער ווען ער האָט עס צוריקגעגעבן, איז זיין האַנט געווען פון אויבן, ווי אַ מענטש וואָס אַנטלייט זיין חבר. און ניט נאָר דאָס, נייערט דער שטייגער פון די אויבערשטע איז צו געבן, אָבער ס׳איז ניט זייער שטייגער צוריקצונעמען [12].

## ה

(א, יח) ותרא — און זי האָט געזען, אַז זי האַלט זיך פעסט צו גיין מיט איר. ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: קום און זע, ווי ליב זיינען די גרים פאַרן איבערשטן: ווי נאָר זי האָט אָפּגעמאַכט די דעה זיך מגייר צו זיין, אַזוי גלייך האָט זי דער פסוק פאַרגליכן צו נעמין[1].

## ו

(א, יט) ותלכנה — זיינען זיי געגאַנגען ביידע — — — [און די גאַנצע שטאָט האָט געטומלט]. ר׳ שמואל דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: יענער טאָג איז געווען דער טאָג פון שניידן דעם עומר[1], דען מיר האָבן דאָרט[2] געלערנט: אַלע נאָענטע שטעטלעך פלעגן זיך אַהין צונויפזאַמלען, כדי [דער עומר] זאָל געשניטן ווערן מי טגרזיס פאַראַד[3]. און אַנדערע זאָגן: אבצן האָט יענעם טאָג חתונה געמאַכט זיינע טעכטער[4]. ר׳ תנחומא אין נאָמען פון ר׳ עזריה און ר׳ מנחמאָ אין נאָמען פון ר׳ יהושע בר אבין: אין פסוק שטייט (תהלים פט, ט): ה׳ צבאות — גאָט פון צבאות, ווער איז אַזוי שטאַרק ווי דו, גאָט, דען ער פירט דורך זאַכן אין זייער צייט[5]. יענעם טאָג איז געשטאָרבן בועזעס ווייב, איז זיך גאַנץ ישראל צונויפגעקומען צו טאָן דעם לעצטן חסד[6]. איז אַריינגעקומען רות מיט נעמין, איז אויס־געקומען, אַז די איז אַרויס און די איז אַריין[7].

ותהום — האָט געטומעלט די גאַנצע שטאָט מיט זיי, און די [ווייבער] האָבן געזאָגט: איז דאָס נעמי? דאָס איז זי וואָס אירע מעשים זיינען שיין און אָנגענעם[8]? אַמאָל פלעגט זי אומגיין אין אירע טראָגבעטלעך, און אַצינד גייט זי באָרוועס, און דו זאָגסט: דאָס איז נעמי? אַמאָל פלעגט זי זיך קליידן אין קליידער פון טייערן וואָל, און איצט קליידט זי זיך אין שמאַטעס, און דו זאָגסט: דאָס איז נעמי? אַמאָל פלעגט איר פנים זיין רויט פון עסן און טרינקען, און איצט איז איר פנים פאַרגרינט פון הונגער, און דו זאָגסט: דאָס איז נעמי? און זי זאָגט צו זיי (א, כ): אל תקראנה — רופט מיך ניט נעמי, רופט מיך מרה, ביטערע. בר קפרא האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן

---

סתם, ניט בשם אומרו. [10] צוגעגעבן לויט שמות רבה נב, ג. [11] פון צוריקגעבן.
[12] די לעצטע פראַזע געפינט זיך אין די געדרוקטע טעקסטן פאַר דער פראַזע „דער צווייטער נס — — —״. מיר האָבן זי געשטעלט צום סוף, וואו זי פאַסט זיך בעסער.

ה. [1] צו גיין מיט איר, ווי צוויי גלייכע.

ו. [1] דער צווייטער טאָג פסח (זע אויבן ב, יב, באַמערקונג 5). [2] משנה, מנחות י, ג. [3] און דאָס דערקלערט דעם טומל אין בית לחם, און אַזוי אויך די ווייטערדיקע צוויי מימרות. [4] דער שופט אבצן פון בית לחם האָט געהאַט דרייסיק טעכטער (שופטים יב, ח—ט). [5] געדרשנט צבאות פון צבא, אַ באַשטימטע צייט (זע איוב ז, יא): ה׳ צבאות — גאָט וואָס באַשטימט אויף אַלץ אַ צייט. [6] גיין צו איר לויה. —אין טעקסט איז נאָכדעם פאַראַן אַן איבערחזרונג אויף אַראַמיש: און דאָס גאַנצע פאָלק איז געגאַנגען צו טאָן דעם לעצטן חסד. [7] בועזעס געשטאָרבענע ווייב איז אַרויסגעפירט געוואָרן, און גלייך איז רות אַריינגעקומען צו פאַרנעמען איר פלאַץ —זאַכן אין זייער צייט. אין בבא בתרא (צא, א) און אין ילקוט רות (תרא) געפינט זיך דאָ אַ פאָלקסווערטל: עד דלא שכיב שיכבא, קיימא מנו ביתיה — נאָך איידער דער געשטאָרבענער איז געשטאָרבן, שטייט שוין גרייט דער ממונה איבערן הויז. [8] נעימים — נעמי.

## ה

(א, יח) ותרא, כי מתאמצת היא ללכת אתה. **א״ר יהודה בן רבי סימון: בא וראה, כמה חביבים הגרים לפני המקום: כיון שנתנה דעתה להתגייר, השוה הכתוב לנעמי.**

## ו

(א, יט) ותלכנה שתיהם. **א״ר שמואל בר׳ סימון: אותו היום קציר העומר היה, דתנינן תמן: כל העיירות הסמוכות לשם היו מתכנסות, כדי שיהא נקצר בעסק גדול. ויש אומרים: אבצן היה משיא את בנותיו אותו היום. ר׳ תנחומא בשם ר׳ עזריה ור׳ מנחמא בשם ר׳ יהושע בר אבין: כתיב** (תהלים פ״ט): ה׳ צבאות, מי כמוך חסין יה, **שמוציא דברים בעונתן. אשתו של בעז מתה באותו היום, ונתכנסו כל ישראל לגמילות חסדים (וזיל כל עלמא לגמילות חסדא). נכנסה רות עם נעמי, והיתה זו יוצאת וזו נכנסה.**

ותהום כל העיר עליהן ותאמרנה: הזאת נעמי? **זו היא שמעשיה נאים ונעימים? לשעבר היתה מהלכת באיספקטיאות שלה, ועכשיו היא מהלכת יחיפה, ואת אמרת:** הזאת נעמי? **לשעבר היתה מכסה בבגדי מילתין, ועכשו היא מכסה בסמרטוטין, ואת אמרת:** הזאת נעמי? **לשעבר היא פניה מאדימות מכח מאכל ומשתה, ועכשיו פניה מוריקות מן רעבון, ואת אמרת:** הזאת נעמי? **ואומרת להן** (א, כ): אל תקראנה לי נעמי, קראן לי מרה. **בר קפרא אמר: לפרה הדיוטית, שהעמידוה בעליה בשוק. אמר: „רדיינית היא, ומשוה תלמים היא״. אמרין: „אין רדיינית, אילין מכותיה דאית בה מה אינון?״ כך אמרה: „נעמי למה?** וה׳ ענה בי, ושדי הרע לי״.

---

צו אַ פּשוטער קו, וואָס איר בעל הבית האָט זי געשטעלט אין מאַרק [צו פאַרקויפן]. ער האָט געזאָגט: „זי איז גוט אויף צו אַקערן, און זי מאַכט די בייטן איינס אין איינס״. האָט מען אים געזאָגט: „אויב זי איז גוט אויף צו אַקערן, טאָ וואָס טוען דידאָזיקע בייטשן אויף איר?״ אַזוי האָט זי געזאָגט: „נאָך וואָס נעמי? אַז גאָט איז געוואָרן מיין קלעגער, און דער אַלמעכטיקער האָט מיר שלעכטס געטאָן״.

## ז

(א, כא) אני — איך בין אַוועק אַ פולע, און מיט ליידיקן האָט מיך גאָט אומגעקערט. איך בין אַוועק אַ פולע **מיט זין און אַ פולע מיט טעכטער. אַן אַנדער פשט:** איך בין אַוועק אַ פולע, **דען איך בין געווען טראָגעדיק.** למה — נאָך וואָס זאָלט איר מיך רופן נעמי, אַז גאָט האָט מיך געפייניקט[1], **דער מידת הדין האָט מיך געפייניקט; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כב, כב): אם ענה — אויב פייניקן וועסטו אים פייניקן[2]. **אַן אַנדער פשט:** וה׳ ענה בי — **ער האָט עדות געזאָגט אויף מיר, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים יט, יח): שקר ענה — ליגן האָט ער עדות געזאָגט אויף זיין ברודער[3]. **אַן אַנדער פשט:** וה׳ ענה בי, — **זיין גאַנץ אָפּגעבן זיך[4] איז געווען נאָר מיט מיר[5]. דען אויף** דער וועלט האָט גאָט מיך געפייניקט, **אָבער לעתיד לבוא וואָס שטייט אין פסוק?** (ירמיה לב, מא): וששתי — און איך וועל מיך פרייען איבער זיי זיי גוטס צו טאָן[6].

## ז

(א, כא) אני מלאה הלכתי, וריקם השיבני ה׳, — **מלאה הלכתי בבנים, ומלאה בבנות. ד״א:** אני מלאה הלכתי, **שהייתי מעוברת.** למה תקראנה לי נעמי, וה׳ ענה בי, **ענה בי מדת הדין; המד״א** (שמות כ״ב): אם ענה תענה אותו. **ד״א:** וה׳ ענה בי, **העיד עלי, כמד״א** (דברים יט): שקר ענה באחיו. **ד״א:** וה׳ ענה בי, **כל ענייניו לא הוה אלא בי. לפי שבעולם הזה —** וה׳ ענה בי, **אבל לעתיד לבא מה כתיב?** (ירמיה ל״ב) ושׂשׂתי עליהם להיטיב אותם.

---

ז. [1] ענה (געוואָרן מיין קלעגער, עדות געזאָגט קעגן מיר) ווערט דאָ געטייטשט ווי עינה. [2] דער פּסוק ווערט דאָ געבראַכט כדי פעסטצושטעלן דעם טייטש פון ענה. [3] ווי באַמערקונג 2. [4] ענה — ענין (ווי אין קוהלת ג, י: לענות — זיך אָפּצוגעבן). [5] געזאָגט מיט סאַרקאַזם (זע מהרז״ו). [6] דידאָזיקע מימרא, און לויטן מהרז״ו — אויך די פריערדיקע, באַציט זיך שוין ניט אויף נעמין, נייערט אויף ישראל און קומט דאָ, כדי צו פאַרענדיקן די פרשה מיט אַ וואָרט פון טרייסט (זע מפרשים).

# פרשה ד

## א

## [פתיחתא א]

**קעגן דעם וואָס דער פּסוק זאָגט** (דברי הימים א, ח, ח־ט): **ושחרים** — און שחרים האָט געהאַט קינדער אין פעלד פון מואב [— נאָכדעם ווי ער האָט זיי אַוועקגעשיקט, חושים און בערא, זיינע ווייבער — האָט ער געהאַט פון חודש זיין ווייב — — —]. **אליהו, זכרונו לברכה**[1]**, האָט געפרעגט ר׳ נהוראין, זאָגנדיק צו אים: וואָס איז דאָס וואָס עס שטייט געשריבן:** און שחרים האָט געהאַט קינדער אין פעלד פון מואב? **האָט ער אים געזאָגט: דאָס איז אַן אדם גדול**[2]**, וואָס האָט געהאַט קינדער אין מואב;** מן שלחו — נאָך זיין אַוועקשיקן זיי מיינט, אַז זיי זיינען געווען פון שבט בנימין, ווי אין פּסוק שטייט (שופטים כ, יב): וישלחו — האָבן די שבטים פון ישראל געשיקט מענטשן דורכן גאַנצן שבט בנימין, אַזוי צו זאָגן[3].

**אַן אַנדער פּשט:** און שחרים, **דאָס איז בועז; און פאַרוואָס רופט מען אים** שחרים? **ווייל ער איז געווען פריי**[4] **פון זינד;** האָט געהאַט קינדער אין פעלד פון מואב, **דען ער האָט געהאַט קינדער פון רות דער מואבישער. נאָך** זיין אַוועקשיקן, **דען ער איז געווען פון שבט יהודה, ווי דער פּסוק זאָגט** (בראשית מו, כח): ואת יהודה — און יהודהן האָט ער געשיקט[5] פאָראויס צו יוספן; — חושים און בערא זיינע ווייבער, — **איז דען פאַראַן אַ מענטש וואָס געבערט זיינע ווייבער**[6]**? נייערט: ער האָט געאיילט**[7] **ווי אַ לעמפּערט און אויסגעטייטשט**[8] **די הלכה: אַן עמונישער, אָבער ניט קיין עמונישע; אַ מואבישער, אָבער ניט קיין מואבישע**[9]**.** ויולד — און ער האָט געהאַט קינדער פון חודש זיין ווייב, — **ס׳האָט דאָך געדאַרפט שטיין ניט אַנדערש, נייערט „און ער האָט געהאַט קינדער פון בערא זיין ווייב״!**[10] **נייערט** [חודש מיינט, אַז] **אין זיינע טעג האָט מען** מחדש **געווען די הלכה: אַן עמונישער, אָבער ניט קיין עמונישע; אַ מואבישער, אָבער ניט קיין מואבישע**[11].

---

א. [1] **אליהו הנביא, וואָס באַווייזט זיך לויט דער מסורה פון צייט צו צייט צו גדולי ישראל.** [2] לויטן מתנות כהונה ווערט שחריים געטייטשט לויט שחוור, אַ האַר, אַ באַאַמטער (בבא בתרא מז, א). — **פאַרגלייך אויבן ב, א:** דער ספר דברי הימים איז געגעבן געוואָרן ניט אַנדערש, נייערט אויף געדרשנט צו ווערן, **און דאָרט באַמערקונג 2.** [3] **די ענלעכקייט פונעם אויסדרוק** (שלחו — וישלחו) **איז אַ רמז אויף דער אידענטישקייט פון אָפּשטאַם.** [4] משוחרר. [5] **זע באַמערקונג 3.** [6] **פון אויבנאויף קומט עס אַזוי אויס פון די ווערטער פון יענעם פּסוק.** [7] חש — חושים. [8] ביאר — בערא. [9] **זע אויבן ב, ט, באַמערקונג 1.** [10] **ווייל לויטן פריערדיקן האָט ער דאָך מער ווי צוויי ווייבער ניט געהאַט; ווערט דעריבער דער נאָמען חודש געדרשנט.** [11] **און מיט חודש ווערט דאָ געמיינט רות, וואָס איז געווען**

# פרשה ד

א

[פתיחתא א]

זה שאמר הכתוב (דברי הימים א׳, ח): ושחרים הוליד בשדה מואב. אליהו ז״ל שאל את ר׳ נהוראי, אמר ליה: מה דין דכתיב: ושחרים הוליד בשדה מואב? א״ל: גדול שהוליד בשדה מואב; מן שלחו אותם, שהיו משבט בנימין דכתיב (שופטים כ׳): וישלחו שבטי ישראל אנשים בכל שבטי בנימין לאמר.

ד״א: ושחרים זה בעז; ולמה נקרא שמו שחרים? שהיה משוחרר מן העונות; הוליד בשדה מואב, שהוליד מרות המואביה; מן שלחו, שהיה משבט יהודה, שנאמר (בראשית מ״ו): ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף; (דברי הימים, שם) חושים ואת בערא נשיו, — ויש אדם מוליד נשיו? אלא שחש כנמר וביאר את ההלכה: עמוני, ולא עמונית; מואבי ולא מואבית. ויולד מן חודש אשתו, — לא צורכה, אלא „ויולד מבערא אשתו״, אלא בימיו נתחדשה הלכה: עמוני, ולא עמונית; מואבי, ולא מואבית.

[פתיחתא ב]

כתוב אחד אומר: יתרא הישמעאלי, וכתוב אחד אומר: יתרא הישראלי! ר׳ יהושע בן לוי אמר: הוא יתרא הישראלי, הוא יתרא הישמעאלי. ר׳ שמואל בר נחמן ורבנן. ר׳ שמואל

---

[פתיחתא ב] [12]

איין פסוק זאָגט (דברי הימים א, ב, יז): יתרא דער ישמעאלי, און אַן אַנדער פסוק זאָגט (שמואל ב, יז, כה): יתרא דער ישראלי! [13] ר׳ יהושע בן לוי זאָגט: יתרא דער ישראלי איז דערזעלבער וואָס יתרא דער ישמעאלי. ר׳ שמואל בר נחמן און די רבנן [דרשענען עס]. ר׳ שמואל האָט געזאָגט:

---

די ערשטע וואָס מע האָט אויף איר אָנגעווענדט די נייע הלכה. [12] לויט דער שלוס פראַזע פונעם פריערדיקן פּאַראַגראַף און פון דעם איצטיקן איז צו זען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי באַזונדערע פתיחתאס צו פרשה ד. מיר האָבן זיי אָבער געלאָזט אונטער איין סימן (א), כדי אָנצוהאַלטן די סימנים איינטיילונג פון דער פּאָפּולערער ראָם אויסגאַבע (מיטן מהרז״ו און רד״ל). אין אַנדערע אויסגאַבן איז די איינטיילונג אינגאַנצן אַנדערש. [13] און

געווען איז ער אַ ישמעאלי, און דו זאָגסט ישראלי? נייערט געווען איז ער טאַקע אַ ישמעאלי, און ער איז אַריין אין בית מדרש און געפונען ישיך, ווי ער זיצט און דרשנט אַזוי (ישעיה מה, כב): פנו אלי — קערט זיך צו מיר און ווערט געהאָלפן, איר אַלע עקן פון דער ערד; האָט ער זיך מגייר געווען, און דער[14] האָט אים געגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. די רבנן זאָגן: אַ ישראלי איז ער געווען, און דו זאָגסט אַ ישמעאלי? נייערט געווען איז ער טאַקע אַ ישראלי, און ער האָט אָנגעגורט זיין שווערד ווי אַ ישמעאלי, און האָט אַריינגעשטעלט די שווערד אין מיטן בית מדרש און געזאָגט: „אָדער איך וועל הרגענען, אָדער איך וועל געהרגעט ווערן, ביז איך וועל פעסטשטעלן די הלכה פאַר אַלעמען, וואָס אויב עמיצער וועט מבטל מאַכן די דאָזיקע הלכה, וועל איך מיט אָט דער שווערד אים דעם קאָפּ אַראָפּהאַקן: אַן עמונישער, אָבער ניט קיין עמונישע; אַ מואבישער, אָבער ניט קיין מואבישע".

## ב

(א, כב) ותשב נעמי — אַזוי האָט זיך נעמי אומגעקערט, און איר שנור, רות די מואבישע, מיט איר, די וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די פעלדער פון מואב. [מענטשן פלעגן טייטלען אויף איר]: „דאָס איז די וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די פעלדער פון מואב" [1].

והמה — און זיי זיינען געקומען קיין בית לחם אין אָנהייב פון גערשטנשניט. ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: אומעטום וואו עס שטייט גערשטנשניט, רעדט דער פסוק וועגן דעם שניט פון עומר[2]; ווייצשניט — רעדט דער פסוק וועגן די צוויי ברויטן[3]; סתם שניט קען מיינען אי אַהער, אי אַהין.

## ג

(ב, א) ולנעמי מודע — און נעמי האָט געהאַט איר מאַנס אַ קרוב, אַ מאַן אַ גבור. (מודע מיינט אַ קרוב). ר' אבהו האָט געזאָגט: אַז אַ ריז נעמט אַ ריזין, וואָס [פאַר אַ דורות] שטעלן זיי אויף? מענטשן גבורים. בועז האָט גענומען רותן, ווער איז פון זיי אַרויסגעקומען? דוד. [וואָס דער פסוק זאָגט אויף אים] (שמואל א, טז, יח): יודע נגן — ער קען שפּילן, און איז אַ מאַן אַ גבור, און אַ מאַן פון מלחמה, און פאַרשטייט אַ זאַך, און אַ מענטש פון געשטאַלט, און גאָט איז מיט אים: קען שפּילן אויפן פסוק[1]; און איז אַ מאַן אַ גיבור אין דער משנה; און אַ מאַן פון מלחמה, דען ער ווייס ווי צו פירן אַ משא־ומתן אין די מחלוקתן פון תורה; און פאַרשטייט אַ זאַך אין מעשים טובים; און אַ מענטש פון געשטאַלט אין לערנען[2]. אַן אַנדער פשט: און פאַרשטייט אַ זאַך, דען ער פאַרשטייט איין זאַך פון דער צווייטער; און אַ מענטש פון געשטאַלט, דען ער לייכט אויף פּנימער מיט דער הלכה[3]; און גאָט איז מיט אים, די הלכה [ווערט געפסקנט] לויט זיינע ווערטער.

ממשפחת — פון דער משפחה פון אלימלך, און זיין נאָמען איז געווען

אמר: ישמעאלי היה, ואת אמרת ישראלי? **אלא ישמעאלי היה, ונכנס לבית המדרש ומצאו לישי יושב ודורש כן** (ישעיה מ״ה): פנו אלי והושעו כל אפסי ארץ, וגו׳; **נתגייר ונתן לו בתו. רבנן אמרין:** ישראלי היה, ואת אמרת ישמעאלי? **אלא ישראלי היה, וחגר חרבו כישמעאלי, ונעץ החרב באמצע בית המדרש ואמר: „או אהרוג, או אהרג, עד שאני מקיים הלכה לרבים, שכל שיבטל הלכה זו, בחרב הזאת אני מתיז את ראשו: עמוני, ולא עמונית; מואבי, ולא מואבית״.**

ב

(א, כב) ותשב נעמי, ורות המואביה כלתה עמה, השבה משדי מואב: **„זו היא ששבה משדי מואב״.**

והמה באו בית לחם בתחלת קציר שעורים. **א״ר שמואל בר נחמן: כל מקום שנאמר** קציר שעורים, **בקציר העומר הכתוב מדבר**; קציר חטים, **בשתי הלחם הכתוב מדבר; קציר סתם משמש לכאן ולכאן.**

ג

(ב, א) ולנעמי מודע לאישה, איש גבור חיל. (מודע — **קרוב). אמר ר׳ אבהו: נפיל נסיב לנפילא, מה הם מעמידים? גבורי חיל. בעז נסיב לרות, מה הם מעמידים? דוד** (שמואל א׳ ט״ז): יודע נגן. וגבור חיל, ואיש מלחמה, ונבון דבר, ואיש תאר, וה׳ עמו: יודע נגן **במקרא**; וגבור חיל **במשנה**; ואיש מלחמה, **שיודע לישא וליתן במלחמתה של תורה**; ונבון דבר **במעשה הטוב**, ואיש תאר **בתלמוד. ד״א**: ונבון דבר, **שמבין דבר מתוך דבר**; ואיש תאר, **שמאיר פנים בהלכה**; וה׳ עמו, **הלכה כדבריו.**

ממשפחת אלימלך, ושמו בעז. הרשעים **הן קודמין לשמן:** (שמואל א׳ י״ז): גלית שמו; (שם כ״ה) נבל שמו; (שמואל ב׳ כ׳) **שבע** בן בכרי שמו. **אבל הצדיקים שמן קודמין:** (שמואל א׳ ט׳) ושמו

---

בועז. **די רשעים ווערן דערמאָנט פאַר זייער נאָמען**[4]: (שמואל א, יז, ד) גלית איז געווען זיין נאָמען; (דאָרט כה, ג) נבל איז געווען זיין נאָמען; (שמואל ב, כ, א) שבע בן בכרי איז געווען זיין נאָמען. **אָבער די צדיקים, זייער נאָמען**

---

**איןביידע פאַלן רעדט זיך וועגן איין מענטשן, דער פאָטער פון עמשאן.** [14] **ישי.**

ב. [1] **אין פלוג זיינען די ווערטער די וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די פעלדער פון מואב איבעריק. לייגט דער דרשן אַריין די ווערטער אין מויל פון די שטאָטלייט** (מהרז״ו).

[2] **זע אויבן ב, יב, באַמערקונג 5.** [3] **פון ווייצנמעל, וואָס מע פלעגט ברענגען אויפן מזבח אום שבועות** (ויקרא כג, יז).

קומט פריער: (שמואל א, ט, א): און זיין נאָמען איז געווען קיש; (דאָרט, פסוק ב) און זיין נאָמען איז געווען שאול; (דאָרט יז, יב) און זיין נאָמען איז געווען ישי; (אסתר ב, ה) און זיין נאָמען איז געווען מרדכי; (שמואל א, א, א): און זיין נאָמען איז געווען אלקנה; און זיין נאָמען איז געווען בועז. **זיי זיינען [מיט דעם] געגליכן צו זייער באַשעפער, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות ו, ג): ושמי ה׳ — און מיט מיין נאָמען ה׳ האָב איך זיך ניט דערקענט צו זיי.

**האָט מען אים**[5] **געפרעגט: [אָט שטייט דאָך]** (בראשית כד, כט): ושמו — און זיין נאָמען איז געווען לבן[6]? **האָט ר׳ יצחק געזאָגט: טאַקע אַ חידוש!**[7] **ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: אויסגעשמידט אין רשעות**[8]. **— אָבער אָט שטייט דאָך** (שמואל א, ח, ב): ויהי שם — און דער נאָמען פון זיין זון דעם בכור איז געווען יואל, און דער נאָמען פון דעם צווייטן צו אים, אביה, **און די רבנן זאָגן: אַזוי ווי דער איז געווען אַ רשע, אַזוי איז יענער געווען אַ רשע!**[9] **האָט ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון געזאָגט: ווייל זיי האָבן זיך געביטן אין זייערע מעשים און האָבן זוכה געווען צו רוח הקודש, ווי דער פסוק זאָגט** (יואל א, א): דבר ה׳ — דאָס וואָרט פון גאָט וואָס איז געווען צו יואל בן פתואל[10].

ד

(ב, ב) ותאמר רות — און רות די מואבישע האָט געזאָגט צו נעמין: לאָמיך גיין, איך בעט דיך, אין פעלד, און איך וועל קלייבן זאַנגען הינטער דעם וואָס איך וועל געפינען חן אין זיינע אויגן. [און זי האָט געזאָגט צו איר:

ג. 1 ווייסט ווי צו דרשנען די פסוקים פון תנ״ך. 2 אַן אָנגעזעענער תלמיד חכם. 3 ווען ער קלערט אויף אַ הלכה, לייכטן אויף די פנימער ביי די צוהערער. (געדרשנט תאר לויט אור, ליכט). 4 זייער נאָמען קומט פאַרן וואָרט שם, נאָמען, און אין דעמדאָזיקן אופן פון דערמאָנען אַ נאָמען זעט דער בעל המדרש גרינגשעצונג, ווי מע וואָלט וועלן וואָס שנעלער איבערקומען מיט דעם, בעת אין פאַרקערטן נוסח, ווי ווייטער, זעט ער חשיבות: דאָס וואָרט שם קומט צוערשט, ווי אַ צוגרייטונג צום נאָמען אַליין. 5 דעם בעל דרשן. 6 און ער איז דאָך געווען אַ רשע. 7 ד״ה: ס׳איז אַן אויסנאָם, און ס׳וואָלט טאַקע געדאַרפט זיין אַנדערש. (געטייטשט לויטן ערוך השלם. לויט יאַסטראָוו דאַרף עס מיינען פלינק, געשיקט, און צוליב אָט דער מעלה זיינער האָט דער פסוק, הייסט עס, גענוצט ביי אים דעם זעלבן נוסח ווי ביי די צדיקים). 8 דער ווערב לבן (אין פיעל) ווערט גענוצט אויף אויסשמידן אייזן אין פייער (ביז עס ווערט ווייס), איז דאָ לבן, לויט דעם, ניט דער אמתער נאָמען, נאָר אַ צונאָמען; פאַלט ממילא אַוועק די קשיא. 9 און דאָך קומט דאָס וואָרט שם פאַר זייערע נעמען. —אין אַלע טעקסטן איז דער פסוק צונויפגעשטעלט פון שמואל און פון דברי הימים (א, ו, יג); מיר האָבן עס געביטן אויפן טעקסט פון שמואל אין איינקלאַנג מיטן יפה ענף. 10 לויט די חכמים איז יואל הנביאס פאָטער, פתואל, אידענטיש מיט שמואלן (זע מדרש תהלים פ: ר׳ יהושע הכוהן בר׳ נחמיה האָט געזאָגט: פאַרוואָס ווערט זיין נאָמען גערופן פתואל? ווייל ער האָט איבערגעבעטן (פיתה) גאָט מיט זיין תפילה, און דאָס איז שמואל דער רמתי; און ווייטער ווערט דאָרט געדרשנט דאָס וואָרט ומשנהו, און דער צווייטער, ששינה, וואָס האָט געביטן זיינע מעשים צום גוטן. אויך אין במדבר רבה (י, ה) ווערט געבראַכט דער מאמר וועגן דער אידענטישקייט פון פתואל מיט שמואל, און דאָרט ווערט די דערקלערונג פון דער תשובה פון שמואלס זין אַרויסגעלערנט פון דעם, וואָס אין דברי הימים ווערט דער בכור, יואל, אָנגערופן ושני, — דען ער האָט געענדערט (שינה) זיינע מעשים). — די טעקסט עמענדירונגען (ורבנן אַנשטאָט רבנן, און אמר ר׳ יהודה, אַנשטאָט ור׳ יהודה) זיינען אין איינקלאַנג מיטן פירוש פון ענף יוסף.

קי״ש; (שם) ושמו שאול; (שם י״ז) ושמו ישי; (אסתר ב׳) ושמו מרדכי; (שמואל א׳, א׳) ושמו אלקנה; ושמו בעז. **דומין לבוראם, שנאמר** (שמות ו׳): ושמי ה׳ לא נודעתי להם׳

**אתיבון ליה**: (בראשית כ״ד) ושמו לבן? **א״ר יצחק: פרדוכסוס. ר׳ ברכיה אמר: מלובן ברשע. — והכתיב** (שמואל א׳ ח׳): ויהי שם בנו הבכור יואל ושם משנהו אביה. [ו]**רבנן אמרי: מה זה רשע, אף זה רשע! (ור׳)** [**אמר ר׳**] **יהודה בר׳ סימון: שנשתנו למעשה וזכו לרוח הקודש, שנאמר** (יואל א׳): דבר ה׳ אשר היה אל יואל בן פתואל.

ד

(ב, ב) ותאמר רות המואביה אל נעמי: אלכה נא ואלקטה בשבלים אחר אשר אמצא חן בעיניו. **ר׳ ינאי אמר: בת ארבעים שנה היתה, ואין קוראין בת, אלא לבת ארבעים שנה.**

(ב, ג) ותלך ותבא — **עד כדון לא אזלת, ואת אמרת: ותבא! ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: התחילה מסיימת לפניה הדרכים.** ויקר מקרה, — א״ר יוחנן: **כל הרואה אותה מריק קרי.** חלקת השדה ממשפחת אלימלך, **שניתן לה ממה שהוא ראוי ליפול בחלקה.**

ה

(ב, ד): והנה בעז בא מבית לחם. **ר׳ תנחומא בשם רבנן אמר: שלשה דברים גזרו בית דין של מטה, והסכימו עמהם בית**

---

גיי, מיין טאָכטער]. **ר׳ ינאי האָט געזאָגט: זי איז אַלט געווען פערציק יאָר, דען מע רופט ניט טאָכטער, נייערט ביז פערציק יאָר** [1].

(ב, ג) ותלך ותבוא — און זי איז געגאַנגען און געקומען, — **זי איז נאָך ניט אַוועק, און די זאָגסט זי איז געקומען!** [2] **ר׳ יהודה דער זון פון ר׳ סימון האָט געזאָגט: זי האָט אָנגעהויבן מאַכן סימנים פאַר זיך אויף די וועגן** [3]. — ויקר — און עס האָט זיך געטראָפן אויף איר טראַף, — **ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס האָט זי געזען האָט באַקומען אויסשיידונג** [4]. — חלקת השדה — דעם חלק פעלד וואָס פון אלימלכס משפחה, **עס איז איר געגעבן געוואָרן פון דעם וואָס איז באַשערט געווען לסוף אַריינצופאַלן אין איר חלק.**

ה

(ב. ד) והנה — און אָט איז בועז געקומען פון בית לחם. **ר׳ תנחומא האָט געזאָגט אין נאָמען פון די רבנן: דריי זאַכן האָט דאָס אונטערשטע בית דין** [1] **באַפוילן, און דאָס אייבערשטע בית דין האָט מסכים געווען מיט זיי,**

און דאָס זיינען זיי: דאָס פורש בשלום זיין מיטן נאָמען [פון גאָט], [דאָס לייענען] מגילת אסתר און [דאָס געבן] מעשר[2].

דאָס פורש בשלום זיין [מיט גאָטס נאָמען], —פון וואַנען איז עס געדרונגען? [פון דעם] וואָס דער פסוק זאָגט (ירמיה כג, כז): החושבים — די וואָס טראַכטן צו מאַכן מיין פאָלק פאַרגעסן מיין נאָמען. ווען האָבן זיי אַזוי געטראַכט? אין די טעג פון עתליהו[3]. און די רבנן זאָגן: אין די טעג פון חנניה, מישאל און עזריה[4]. ר' חנניה אין נאָמען פון ר' יהודה דעם זון פון ר' סימון [האָט געזאָגט]: אין די טעג פון מרדכי און אסתר[5]. און בועז און זיין בית־דין האָבן גענומען און איינגעפירט, מע זאָל פורש בשלום זיין מיט [גאָטס] נאָמען, ווי דער פסוק זאָגט: והנה — און אָט איז אָנגעקומען בועז פון בית לחם [און ער האָט געזאָגט צו די שניטערס: גאָט מיט אייך!][6] און אַזוי האָט דער מלאך געזאָגט צו גדעונען (שופטים ו, יב): ה' עמך — גאָט איז מיט דיר, העלדישער מאַן![7]

וועגן מגילת אסתר פון וואַנען איז געדרונגען? ר' ירמיה אין נאָמען פון ר' שמואל בר יצחק [האָט געזאָגט]: וואָס האָבן מרדכי און אסתר געטאָן? זיי האָבן געשריבן בריוו צו אַלע יידן וואָס אין גלות אַזוי צו זאָגן: „נעמט איר אָן אויף זיך צו מאַכן דידאָזיקע צוויי טעג [יום טוב]?"[8] האָבן זיי געשיקט און געזאָגט: „איז ניט גענוג פאַר אונדז די צרות פון המנען, נייערט איר ווילט אונדז נאָך באַלעסטיקן צו מאַכן דידאָזיקע צוויי טעג [יום־טוב]?"[9] האָבן זיי געזאָגט צו זיי: „אויב פאַר דעם האָט איר מורא, איז עס דאָך שוין פאַרשריבן אין די אַרכיוון"[10], ווי דער פסוק זאָגט (אסתר

---

ד. [1] שפּעטער קומען אַנדערע נעמען: מאַמע, באָבע, שוויגער (מהרז"ו). לויטן רד"ל וואונדערט זיך גאָר ר' ינאי, ווי רופט מען אַ פרוי פון פערציק יאָר טאָכטער, און דער ענטפער איז, אַז צו פערציק איז זי געווען אַזוי שיין ווי צו פערצן. דאָס מאַכט אָבער נויטיק אַ גרויסע ענדערונג אין טעקסט. [2] לויטן בעל המדרש מיינט ותבוא זי איז צוריקגעקומען צו נעמין. [3] און אַזוי איז זי געגאַנגען היין און צוריק. [4] פון מענלעכן זאָמען (קרי — ויקר), אַזוי האָט איר שיינקייט באַווירקט מענטשן.

ה. [1] דאָס מענטשלעכע געריכט, דאָס בית דין פון די תלמידי חכמים, צום אונטערשייד פונעם הימלישן בית־דין. [2] נאָכן אומקערן זיך פון בבל, ווען לויטן דין זיינען יידן דערפון באַפרייט געוואָרן דורכן חורבן בית ראשון (זע ירושלמי שביעית ו; זע אויך תנחומא ויחי, ה: בשעת די יידן זיינען אַרויף פון בבל, האָט הקדוש ברוך הוא געוואָלט אַראָפּנעמען פון זיי דאָס געבן מעשר. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן גענומען און אַליין אויף זיך גוזר געווען צו געבן מעשר. — אין תנחומא, און אין מדרש תהלים נז, ב, ווערט דער מאמר געבראַכט אין נאָמען פון ר' יהושע בן לוי). [3] וואָס האָט איינגעפירט געצנדינסט אין יהודה (מלכים ב, יא; דברי הימים ב, כב). [4] וואָס נבוכדנצר האָט זיי געצוואונגען צו עבודה זרה (דניאל ג). [5] ווען אחשורוש האָט באַפוילן די יידן צו קומען צו זיין סעודה, וואָס איז זיכער געווען פאַרבונדן מיט געצנדינסט (זע אסתר רבה ז, יז, די ווערטער פון ר' יצחק נפחא). [6] עס מיינט ניט, אַז בועז איז געקומען פאַרריכטן, וואָס מע האָט אין יענע צייטן קאַליע געמאַכט, — ער האָט דאָך געלעבט פריער. נייערט יענע צייטן ווערן געבראַכט בלויז ווי ביישפּילן פון פּרואוון צו מאַכן פאַרגעסן גאָטס נאָמען, און בועז האָט אין זיין צייט שוין געזאָרגט וועגן אַזוינע מעגלעכקייטן; האָט ער דעריבער איינגעפירט דעמדאָזיקן שטייגער, כדי גאָטס נאָמען זאָל אָפט דערמאָנט ווערן (מפרשים). [7] און דאָס איז די הסכמה פון בית דין של מעלה אויף בועזעס איינפיר. [8] אסתר ט, כ—כא. [9] און אויפרייצן מיט דעם די שונאים. [10] טעקסט עמענדירט לויט ירושלמי, מגילה א, ה.

**דין של מעלה, ואלו הן: לשאול שלום בשם, ומגלת אסתר, ומעשרות.**

**שאילת שלום מניין? שנאמר** (ירמיה כ״ג): **החושבים להשכיח את עמי שמי. אימתי חשבו? בימי עתליהו. ורבנן אמרין: בימי חנניה, מישאל עוזריה. ר׳ חנניה בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון: בימי מרדכי ואסתר. ועמד בועז ובית דינו והתקינו לשאול שלום בשם, שנאמר:** והנה בעז בא מבית לחם, [ויאמר לקוצרים: ה׳ עמכם]. **וכן המלאך אמר לגדעון** (שופטים ו׳): ה׳ עמך, גבור החיל.

**מגילת אסתר מניין? ר׳ ירמיה בשם ר׳ שמואל בר יצחק: מה עשו מרדכי ואסתר? כתבו אגרות ושלחו לכל בני הגולה ואמרו: „מקבלים אתם עליכם להיות עושים את שני הימים האלה?״ שלחו ואמרו: „לא דיינו צרותיו של המן, אלא שאתם מטריחין עלינו לעשות את שני הימים האלה?״ ואמרו להם: „אם מדבר זה אתם מתייראין, הרי היא כתובה (בין הכרכים) [בארכיים], שנאמר** (אסתר י׳): הלא הם כתובים על ספר דברי הימים״. **מה עשו? כתבו אגרת שנייה ושלחו להם** את אגרת הפורים הזאת השנית.

**ר׳ חלבו בשם ר׳ שמואל בר נחמן: שמונים וחמשה זקנים, ומהם שלשים וכמה נביאים היו, שהיו מצטערים על הפסוק הזה** (ויקרא כ״ז): „אלה המצות אשר צוה ה׳ את משה, — אלה, **אין להוסיף ואין לגרוע, ואין נביא רשאי לחדש דבר עוד מעתה,**

---

י, ב): הלא הם כתובים — זיי זיינען דאָך פאַרשריבן אין דעם בוך פון די ציטגעשעעענישן. **וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן געשריבן אַ צווייטן בריוו און געשיקט צו זיי** (דאָרטן ט, כט) את אגרת — דעמדאָזיקן צווייטן בריוו וועגן פורים.

**ר׳ חלבו אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן** [האָט געזאָגט]: **פינף און אַכציק זקנים**[11], **און צווישן זיי עטלעכע און דרייסיק נביאים, האָבן זיך מצער געווען פון וועגן דעמדאָזיקן פסוק** (ויקרא כז, לד): „אלה המצות — די זיינען די מצות וואָס גאָט האָט געבאָטן משהן, — די, **ניט צו מערן און ניט צו מינערן, און קיין נביא טאָר פון איצט אָן ניט מחדש זיין קיין נייע**

[11] **וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אויפן אָפּמאַך** (אמנה) אין די טעג פון עזרא און **נחמיה** (נחמיה י), און לויט דער מסורה זיינען זיי געווען דער אָנהייב פון דער כנסת הגדולה (אין אַ צאָל אויסגאַבן איז די צאָל פיר און אַכציק, משמעות צוליב דער ניט קלאָרקייט

זאַך, — און מרדכי און אסתר ווילן מחדש זיין אויף אונדז אַ נייע זאַך!״ ביז הקדוש ברוך הוא האָט באַוויליקט זייערע אויגן, און זיי האָבן עס געפונען פאַרשריבן אין דער תורה און אין די נביאים און אין די כתובים. אין דער תורה, ווי אין פּסוק שטייט (שמות יז, יד): כתוב זאת — פאַרשרייב דאָס פאַר אַ געדעכעניש אין ספר [12]. אין די נביאים, ווי אין פסוק שטייט (מלאכי ג, טז): אַז נדברו — דעמאָלט האָבן זיך צונויפגערעדט די גאָטספאָרכטיקע איינער מיטן אַנדערן, און גאָט האָט פאַרנומען און געהערט, און ס׳איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ ספר — — — [13]. אין די כתובים, ווי דער פּסוק זאָגט: הלא הם כתובים — זיי זיינען דאָך פאַרשריבן אין דעם בוך פון די צייטגעשעענישן [14].

רב און ר׳ חנינא און ר׳ יונתן און בר קפּרא און ר׳ יהושע בן לוי האָבן געזאָגט: דידאָזיקע מגילה איז ניט געזאָגט געוואָרן [15] פונעם בית דין, — פון סיני איז זי געזאָגט געוואָרן [16]; נייערט אין דער תורה איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער [17].

און פון וואַנען ווייסן מיר, אַז הקדוש ברוך הוא האָט מסכים געווען מיט זיי? [18] רב [19] האָט געזאָגט: עס שטייט דאָ ניט (אסתר ט, כז) „קימו וקבלו היהודים״, די יידן האָבן באַפעסטיקט און אָנגענומען, נייערט עס שטייט וקבל, און ער האָט אָנגענומען [20], דער האַר פון די יידן האָט אָנגענומען.

וועגן מעשר פון וואַנען איז געדרונגען? דען ר׳ ברכיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ קריצפּה: פון וועגן דער זינד פון [ניט געבן] תרומה און מעשר זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן. [און] שמעון בר אבא אין נאָמען פון ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ווי זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן, אַזוי זיינען זיי פריי געוואָרן [פון דער מצווה פון תרומה און מעשר], אָבער זיי האָבן אַליין גענומען אויף זיך דעם חוב. וואָס האָבן געטאָן די אנשי כנסת הגדולה? [21] זיי האָבן אָנגעשריבן אַ מגילה [22] און זי אויסגעשפּרייט אין דער עזרה [23], און אין דער פרי זיינען זיי אויפגעשטאַנען און עס געפונען געחתמעט [24]. דאָס איז וואָס אין פּסוק שטייט (נחמיה י, א): ובכל זאת — אָבער מיט דעם אַלעם שליסן מיר אַן אָפּמאַך און פאַרשרייבן, און אויף דעם געחתמעטן, — איין פסוק זאָגט: ועל החתום, און אויף דעם געחתמעטן, און אַן אַנדער פסוק זאָגט (דאָרט פּסוק ב): ועל החתומים, און אויף די געחתמעטע, — ווי איז עס? נייערט און אויף דעם געחתמעטן, דאָס איז דאָס אייבערשטע בית־דין; און אויף די געחתמעטע, דאָס איז דאָס אונטערשטע בית־דין.

און אַנדערע זאָגן: אויך דער חרם פון יריחו [25]. און אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט (יהושע ז, יא): חטא ישראל — ישראל האָט געזינדיקט. אָבער האָט עס דען ניט יהושע באַפוילן? [26] נייערט דאָס לערנט אונדז, אַז אויך הקדוש ברוך הוא האָט מסכים געווען מיט אים.

---

פון מאַנכע נעמען; מיר האָבן זיך גערעכנט מיטן נוסח פון ירושלמי). [12] יענער פּסוק רעדט וועגן עמלקן, און המן איז אַרויסגעקומען פון עמלקן (זע אסתר רבה ז, טו), געפינט דער בעל המדרש אין דעם אַ רמז אויף המנען און אויף דער מגילה. [13] ד״ה: ווען די

**ומרדכי ואסתר מבקשין ממנו לחדש דבר עלינו!" עד שהאיר הקב"ה עיניהם ומצאו אותה כתובה בתורה ובנביאים ובכתובים. בתורה, דכתיב** (שמות י"ז): כתוב זאת זכרון בספר. **בנביאים, דכתיב** (מלאכי ג'): אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו, ויקשב ה' וישמע, ויכתב ספר, וגו'. **בכתובים, שנאמר:** הלא הם כתובים על ספר דברי הימים.

**רב ור' חנינא ור' יונתן ובר קפרא ור' יהושע בן לוי אמרו: המגילה הזאת אין נאמרה מפי בית דין, מסיני נאמרה; אלא שאין מוקדם ומאוחר בתורה.**

**ומניין שהסכים הקב"ה עליהם? רב אמר** (אסתר ט'): „**קימו וקבלו היהודים" לא כתיב,** וקבל כתיב, — **רבן של יהודים קבל.**

**מעשרות מניין? דאמר ר' ברכיה בשם ר' קריצפה: בעון תרומות ומעשרות גלו. שמעון בר אבא בשם ר' יוחנן אמר: כיון שגלו נפטרו, והם חייבו עצמן מאליהן. מה עשו אנשי כנסת הגדולה? כתבו ספר ושטחוהו בעזרה, ובשחרית עמדו ומצאוהו חתום. הה"ד** (נחמיה י'): ובכל זאת אנחנו כורתים אמנה וכותבים, ועל החתום, — **כתוב אחד אומר:** ועל החתום, **וכתוב אחד אומר:** ועל החתומים, — **היאך? אלא** ועל החתום, **זה בית דין של מעלה,** ועל החתומים, **זה בית דין של מטה.**

**ויש אומרים: אף חרמה של יריחו. וכן אמר הקב"ה אל יהושע** (יהושע ז'): חטא ישראל, — **ולא יהושע גזר? אלא מלמד, שאף הקב"ה הסכים עמו.**

---

גאָטספּאָרכטיקע האָבן באַשטימט צו שרייבן דעם ספר (מגילת אסתר), האָט דער אייבערשטער מסכים געווען. — לויט ר' נחמן איז דער נביא מלאכי אידענטיש מיט מרדכין; לויט ר' יהושע בן קרחה — מיט עזראן (מגילה טו, א), — דער הצר השוה איז, אַז מלאכי האָט געלעבט אין דער צייט ווען די מגילה איז געשריבן געוואָרן. [14] און מיט דעם ווערט דאָ פאַרשטאַנען די מגילה. [15] ניט פאַרשריבן געוואָרן. [16] ווי דער פסוק אין שמות זאָגט: כתוב — פאַרשרייב דאָס פאַר אַ געדעכעניש אינעם בוך. [17] די פאַרשיידענע טיילן פון דער תורה זיינען ניט פאַרשריבן אין זייער כראָנאָלאָגישער אָרדנונג, דעריבער געפינט זיך מגילת אסתר ערשט אין די כתובים, כאָטש געגעבן געוואָרן איז זי אויפן באַרג סיני. [18] לויטן פריערדיקן, אַז מגילת אסתר איז געשריבן געוואָרן פונעם בית־דין. [19] משמעות, אַז אין פריערדיקן מאמר איז דער נאָמען רב אַריינגעפאַלן מיט אַ טעות, ווייל דאָ גייט דאָך רב לויט דער שיטה, אַז די מגילה איז געשריבן געוואָרן פונעם בית־דין. [20] דער קרי, דאָס לייענען איז וקבלו, און זיי האָבן אָנגענומען, אָבער דער כתיב, דער מסורהדיקער טעקסט, איז וקבל, און ער האָט אָנגענומען, אין איינצאָל, איז עס אַ רמז אויפן רבונו של עולם, אַז ער האָט מסכים געווען. [21] זע באַמערקונג 11. [22] אין טעקסט ספר. [23] הויף פון בית המקדש. [24] פון הימל. [25] דאַרף צוגערעכנט ווערן צו די זאַכן, וואָס דאָס בית דין האָט באַשטימט, און אין הימל האָט מען צוגעשטימט. [26] פאַרוואָס־זשע הייסט עס, אַז זיי האָבן געזינדיקט קעגן גאָט?

## ו [1]

(ב, ה) ויאמר בועז — און בועז האָט געזאָגט צו זיין יונג וואָס איז געשטאַנען איבער די שניטערס. איבער וויפיל איז ער געווען ממונה? ר׳ אליעזר בר מרים האָט געזאָגט: איבער צוויי און פערציק איז ער געווען ממונה. געדרונגען איז עס פון דעם (דברי הימים ב, ב, טז): ויספר שלמה — און שלמה האָט איבערגעציילט אַלע פרעמדע מענטשן וואָס אין ארץ ישראל — — —. און ער האָט געמאַכט פון זיי זיבעציק טויזנט לאַסטטרעגערס [און אַכציק טויזנט שטיינהעקערס, און דריי טויזנט און זעקס הונדערט אויפזעערס — — —] [2], — דער וואָס טוט אַזוי, קאָן זיך האַלטן און וויסן וואָס ער טוט.

למי — וועמעס איז דידאָזיקע יונגע פרוי? האָט ער זי דען ניט דערקענט? [3] נייערט, וויבאַלד ער האָט געזען, ווי ליבלעך זי איז און ווי שיין איר אויפפירונג איז, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן וועגן איר: אַלע ווייבער בויגן זיך און קלייבן, און די זיצט און קלייבט; אַלע ווייבער פאַרקאַטשען זייערע קליידער, און די לאָזט אַרונטער אירע קליידער; אַלע ווייבער מאַכן געלעכטער מיט די שניטערס, און די פירט זיך אויף צניעותדיק; אַלע ווייבער קלייבן צווישן די גאַרבן, און די קלייבט פון הפקר [4].

און דעסטגלייכן (שמואל א, יז, נה): וכראות שאול — און אַז שאול האָט געזען, ווי דוד גייט אַרויס קעגן דעם פלשתי, [האָט ער געזאָגט צו אבנרן, דעם עלטסטן פונעם חיל: וועמעס זון איז דערדאָזיקער יונג?] — האָט ער אים דען ניט דערקענט? נעכטן האָט ער געשיקט זאָגן צו ישי (דאָרט טז, כב): יעמד נא דוד — זאָל דוד, איך בעט דיך, שטיין פאַר מיר, דען ער האָט געפונען חן אין מיינע אויגן, און אַצינד פרעגט ער וועגן אים? נייערט, וויבאַלד שאול האָט געזען דעם פלישתים קאָפּ אין זיין האַנט, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן וועגן אים: „קומט ער אַרויס פון פרצן, איז ער אַ מלך [5]; קומט ער פון זרחן, איז ער אַ שופט". איז דאָרט גראָד דעמאָלט געווען דואג דער אדומי, האָט ער געזאָגט צו אים: „און אפילו אויב פון פרצן, — איז ער דען ניט קיין פסול? קומט ער דען ניט אַרויס פון אַ פסולער משפחה? שטאַמט ער דען ניט פון רות דער מואבערין?" האָט אים אבנר געזאָגט: „איז דען ניט אַרויסגעקומען שוין דער נייער דין — אַן עמונישער, אָבער ניט קיין עמונישע?" [6] האָט ער [7] צו אים געזאָגט: „אויב אַזוי, [פאַרוואָס ניט אויך] אַן אדומישער אָבער ניט קיין אדומישע; אַ מצרישער, אָבער ניט קיין מצרישע? [8] פאַרוואָס זיינען די מאַנסלייט דער־ווייטערט געוואָרן, — ניט איבער דעם וואָס זיי זיינען אייך ניט אַקעגנגעקומען מיט ברויט און מיט וואַסער [9]? האָבן די ווייבער באַדאַרפט אַרויסטראָגן [ברויט מיט וואַסער] אַקעגן די ווייבער [10]!" גראָד דאַן איז פאַרהוילן געוואָרן דער דין פון אבנרס אויגן. האָט אים שאול געזאָגט: „דער דין וואָס איז

ו. [1] אין ראָמס אויסגאַבע (תרצ״ח, ווילנע) איז דאָ אַריינגעפאַלן אַ טעות אין דער

ו

(ב, ה) ויאמר בעז לנערו הנצב על הקוצרים. **על כמה היה ממונה? א״ר אליעזר בר מרים: על ארבעים ושנים היה ממונה. — מן הדא** (דברי הימים ב׳, ב׳): ויספר שלמה את כל האנשים הגרים אשר בארץ ישראל, וגו׳, ויעש מהם שבעים אלף סבל [ושמונים אלף חצב בהר, ושלשת אלפים ושש מאות מנצחים], וגו׳, **— דעבד כן, יכיל קאים וידע מה דהוא עבד.**

למי הנערה הזאת? **ולא הוא חכים לה? אלא כיון שראה אותה נעימה ומעשיה נאים, התחיל שואל עליה: כל הנשים שוחחות ומלקטות, וזו יושבת ומלקטת; כל הנשים מסלקות כליהן, וזו משלשלת כליה; כל הנשים משחקות עם הקוצרים, וזו מצנעת עצמה; כל הנשים מלקטות בין העמרים, וזו מלקטת מן ההפקר.**

**ודכוותיה** (שמואל א, י״ז): וכראות שאול את דוד יוצא לקראת הפלשתי, [אמר אל אבנר שר הצבא: בן מי זה הנער?] **— ולא הוא חכים ליה? אתמול הוה משלח לאמר לישי** (שם ט״ז): יעמד נא דוד לפני, כי מצא חן בעיני, **ועכשיו הוא שואל עליו? אלא כיון שראה שאול את ראש הפלשתי בידו, התחיל שואל עליו: „אם מפרץ הוא, מלך הוא; אם מזרח הוא שופט הוא״. והיה שם דואג האדומי באותה שעה, ואמר לו: „אפילו הוא מפרץ, לא פסול הוא? לא פסול משפחה הוא? לא מרות המואביה הוא?״ א״ל אבנר: „ולא כבר נתחדשה הלכה: עמוני, ולא עמונית?״ א״ל: „אם כן, אדומי, ולא אדומית; מצרי, ולא מצרית? אנשים למה נתרחקו, לא על דבר** אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים? **היה להם לנשים להוציא לקראת נשים!״ נתעלמה הלכה מעיניו של אבנר לשעה. אמר לו שאול: „הלכה שנתעלמה**

באַצייכנונג פון די סימנים (סוב־קאַפּיטלער), און נאָך סימן ה, פאַרבייטנדיק משמעות די הא אויף אַ חית, ווערן די סימנים באַצייכנט מיט ט, י, יא, יב. מיר האָבן עס געביטן אויף ו, ז, ח, ט. אין אַנדערע אויסגאַבן איז די איינטיילונג אינגאַנצן אַנדערש. [2] הונדערט און פופציק טויזנט אַרבעטער צעטיילט אויף דריי טויזנט און זעקס הונדערט אויפזעערס, קומט אויס אַרום צוויי און פערציק אויף יעדן. [3] זע רות, א, יט: ותהום — און די גאַנצע שטאָט האָט געטומעלט מיט זיי, האָט דאָך בועז אוודאי געוואוסט, ווער זי איז. [4] נאָכדעם ווי מע האָט שוין די גאַרבן צוגענומען, און די אַראָפּגעפאַלענע זאַנגען בלייבן פריי פאַר אַלעמען. [5] זעענדיק דודס מוט האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט, אַז ער איז אָנגעברייט אויף מלכות. פּרץ (יהודהס זון, אַזוי אויך זרח, — בראשית לח, כט—ל) ווערט דאָ גענומען ווי אַן אָנשפּיל אויפן מאמר (ווייטער ה, א): „מלך פורץ לעשות דרך, ואין

**פאַרהוילן געוואָרן פון דיינע אויגן, גיי און פרעג ביי שמואלן און זיין בית־דין". ווי ער איז געקומען צו שמואלן און זיין בית־דין, אַזוי האָט שמואל אים געזאָגט: „פון וואַנען קומט דאָס צו דיר? ניט פון דואגן? דואָג איז אַ מין[11], און ער וועט ניט אַוועקגיין פון דער וועלט בשלום. [אָבער] אַרויסלאָזן דיך גלאַט אַזוי קען מען ניט:** אין פסוק שטייט (תהלים מה, יד): כל כבודה — לויטער פראַכט איז דעם מלכס טאָכטער אינעווייניק, — **ניט די ווייבספּאַרשוין דאַרף אַרויסטראָגן [עסן], דער מאַנספּאַרשוין דאַרף אַרויסטראָגן. [און נאָך]** (דברים כג, ח): ואשר שכר — און וואָס ער האָט געדונגען אויף דיר [בלעמען — — — דיך צו שילטן], — **דער מאַנספּאַרשוין האָט לוין צו געבן, אָבער ניט די ווייבספּאַרשוין"[12].**

(ב, ו) ויען — האָט געענטפערט דער יונג וואָס איז געשטאַנען איבער די שניטערס, און האָט געזאָגט: „אַ יונגע פרוי אַ מואבישע איז זי, **און דו זאָגסט, איר פירונג איז שיין און ליבלעך! נייערט איר האַרינטע האָט זי אויסגעאיידלט"[13].**

## ז

(ב, ז) ותאמר — און זי האָט געזאָגט: לאָמיך קלייבן, איך בעט דיך, און אויפזאַמלען צווישן די גאַרבן — — — [איר זיצן אין הויז איז] ווייניק, — **זי האָט אָנגעקליבן אַ ביסל[1] פאַר דער וואָס קוקט אויס אויף איר אין הויז.[2]**

## ח

(ב, ח) ויאמר בועז — האָט בועז געזאָגט צו רותן: פאַרוואָר, דו הערסט מיין טאָכטער? זאָלסט ניט גיין קלייבן אין אַן אַנדער פעלד, **לויטן פסוק** (שמות כ, ג): לא יהיה לך — דו זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פנים[1]; — וגם — און אויך זאָלסטו ניט אַוועקגיין פון דאַנען, **לויטן פסוק** (דאָרט טו, ב): זה אלי — דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען; — וכה — און אַזוי זאָלסטו זיך האַלטן אָן מיינע מיידלעך, **דאָס מיינט מען די צדיקים, וואָס ווערן גערופן** מיידלעך[2], **ווי דער פסוק זאָגט** (איוב מ, כט): התשחק בו — וועסטו זיך שפּילן מיט אים ווי מיט אַ פויגל און אים צובינדן פאַר דיינע מיידלעך?[3]

---

ממחין בידו" — אַ מלך מעג זיך דורכברעכן צו מאַכן אַ וועג, און מע קען אים ניט פאַרווערן. [6] זע אויבן ד, א, און ב, ט, באַמערקונג 1. [7] דואג דער אדומי. [8] דער פאַרבאָט אויף אדומים און מצרים ניט צו ווערן יידן פאַרן דריטן דור באַציט זיך סיי אויף מאַנסלייט, סיי אויף ווייבער (דברים כג, ח). [9] דאָרט, פסוק ה. [10] און אויב זיי האָבן עס ניט געטאָן, פאַרוואָס קומט זיי צו זיין אַן אויסנאָם? [11] אַן אפיקורוס, און אויף ווערטער פון אַ מין דאַרף מען ניט ענטפערן. [12] ד"ה: ווייבער דאַרפן זיצן אין הויז, ממילא האָבן זיי זיך ניט פאַרזינדיקט. [13] דאָס וואָרט מואביה איז דאָ איבעריק, ווערט עס געדרשנט אויף ניט יידישער אויפפירונג.

ז. [1] עמענדירט דעם טעקסט פון לוקו, וואָס איז אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך, אויף לוקטא, קליינע קוואַנטיטעטן, ווי אין איכה רבה א, ב (זע יאַסטראָוו). [2] איר זיצן אין הויז ווערט דאָ געדרשנט אויף נעמין, ווייניק — אויף דעם וואָס רות האָט אָנגעקליבן.

ח. [1] קלייבן אין אַן אַנדער פעלד ווערט דאָ געטייטשט אין גייסטיקן זין. [2] טעקסט

**מעיניך, צא ושאל לשמואל ובית דינו". כיון שבא אצל שמואל ובית דינו, אמר לו: "הדא מניין אית לך? לא מן דואג? דואג מיני הוא, ואינו יוצא בשלום מן העולם. להוציאך חלק אי אפשר, — דכתיב** (תהלים מ"ה): כל כבודה בת מלך פנימה, — **לאשה שלא להוציא, ולאיש להוציא**; ואשר שכר עליך, — **לאיש ליתן שכר, ולא לאשה".**

(ב, ו) ויען הנער הנצב על הקוצרים ויאמר: "נערה מואביה היא, **ואת אמרת, מעשיה נאים ונעימים! אלא רבתה רפתה לה!"**

ז

(ב, ז) ותאמר: אלקטה נא ואספתי בעמרים, וגו', [זה שבתה הבית] מעט, — **תפסה (לוקו מאותה) [לוקטא לאותה] שבבית, שהיא מצפה לה.**

ח

(ב, ח) ויאמר בעז אל רות: הלא שמעת, בתי, אל תלכי ללקוט בשדה אחר, **על שם** (שמות כ'): לא יהיה לך אלהים אחרים על פני; — וגם לא תעבורי מזה, **על שם** (שם ט"ו): זה אלי ואנוהו; — וכה תדבקין עם נערותי, **אלו הצדיקים שקרויים (נערים)** [נערות], **שנאמר** (איוב מ'): התשחק בו כצפור ותקשרנו לנערותיך?

ט

(ב, ט) עיניך בשדה אשר יקצורון והלכת אחריהן, הלא צויתי את הנערים לבלתי נגעך; וצמית, והלכת אל הכלים ושתית מאשר ישאבון הנערים: **עיניך, זו סנהדרין, — מאתים וארבעים ושמנה אברים שיש באדם אינן הולכין אלא אחר העינים, הדא**

---

ט

(ב, ט) עיניך — דיינע אויגן זאָלן זיין אינעם פעלד וואו זיי שניידן, און דו זאָלסט נאָכגיין נאָך זיי, פאַרוואָר, איך האָב באַפוילן די יונגען דיך ניט אָנצורירן; און אַז דו וועסט זיין דאָרשטיק, זאָלסטו גיין צו די כלים און וועסט טרינקען פון דעם וואָס די יונגען וועלן אָנשעפּן: עיניך, דיינע אויגן, **דאָס מיינט מען דעם סנהדרין[1], — צוויי הונדערט און אַכט און פערציק אברים וואָס דער מענטש האָט גייען ניט נאָך, נייערט נאָך די אויגן; דאָס איז וואָס**

---

עמענדירט לויטן ווייטערדיקן פסוק. [3] דאָרט רעדט זיך וועגן דעם לויתן, וואָס איז, לויט דער אגדה, אָנגעברייט פאַר די צדיקים לעתיד לבוא (בבא בתרא עה, א), און צדיקים ווערן פאַרגליכן צו מיידלעך, בתולות, ווייל זיי זיינען גאַנץ, אָן זינד.

**דער פסוק זאָגט:** עיניך — דיינע אויגן — — — און דו זאָלסט נאָכגיין נאָך זיי[2]; — לבלתי ינגעך — דיך ניט אָנצורירן, **מע זאָל דיך ניט דער־ווייטערן**[3]; — וצמית — און אַז דו וועסט זיין דאָרשטיק, זאָלסטו גיין צו די כלים, **דאָס מיינט מען די צדיקים, וואָס ווערן אָנגערופן** כלים, **ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל ב, א, כז): איך נפלו — ווי זיינען געפאַלן די גבורים און אונטערגעגאַנגען די כלים פון מלחמה![4] — ושתית — און וועסט טרינקען פון דעם וואָס די יונגען וועלן אָנשעפּן, **דאָס מיינט מען די שמחה פון** בית השואבה[5]; **און פאַרוואָס רופט מען די שמחה** שואבה, שעפּן? **וואָרום פון דאָרטן פלעגן זיי שעפּן רוח הקודש, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה ב, ג): ושאבתם — און איר וועט מיט פרייד שעפּן וואַסער פון די קוואלן פון ישועה.

**שנאמר:** עיניך, **וגו׳**, והלכת אחריהן; — לבלתי נגעך, **שלא לרחוק**; — וצמית, והלכת אל הכלים, **אלו הצדיקים שקרויין כלים, שנאמר** (שמואל ב׳ א׳): איך נפלו גבורים ויאבדו כלי מלחמה; — ושתית מאשר ישאבון הנערים, **זה בית השואבה; ולמה נקרא שמה** שואבה? **שמשם היו שואבין רוח הקודש, שנאמר** (ישעיה י״ב): ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה.

---

ט. [1] ד״ה רות זאָל נאָכפאָלגן די געזעצן פונעם סנהדרין. [2] ד״ה: זי דאַרף אַכטונג געבן, די אויגן זאָלן איר פירן אין ריכטיקן וועג. [3] פון זיך מגייר צו זיין. [4] שאול און יונתן די צדיקים. [5] די פייערלעכקייטן וואָס מע פלעגט דורכפירן סוכות אין בית המקדש אין שייכות מיט דער צערעמאָניע פון גיסן וואַסער אויפן מזבח (זע משנה סוכה, ה, א).

# פרשה ה

## א

(דברי הימים א, יא, יג) הוא היה — ער[1] איז געווען מיט דודן אין פס דמים, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אין פעלד פון רויטקייט[2]. ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: אין פס דמים, דען דאָרט האָט אויפגעהערט[3] דאָס [פאַרגיסן] בלוט. (דאָרט) והפלשתים נאספו — און די פלשתים האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אויף מלחמה; און דאָס שטיק פעלד איז געווען פול מיט גערשטן. איין פסוק זאָגט גערשטן, און אַן אַנדערער פסוק (שמואל ב, כג, יא) זאָגט לינדזן! ר׳ יעקב האָט געזאָגט: געווען איז עס לינדזן, נייערט זייערע קערנער זיינען געווען אַזוי [גרויס] ווי גערשטן. ר׳ לוי האָט געזאָגט: דאָס איז קעגן די פלשתים, וואָס זיינען געקומען הויך ווי גערשטן און זיינען אַוועק[4] נידעריק ווי לינדזן.

(דברי הימים דאָרט, פסוק יד) ויתיצבו — און זיי האָבן זיך געשטעלט אין דעם שטיק פעלד און האָבן עס מציל געווען, — און איין פסוק זאָגט גאָר (שמואל דאָרט, פסוק יב): און ער האָט עס מציל געווען? נייערט דאָס לערנט אונדז, אַז זיי האָבן עס אומגעקערט צום בעל הבית, וואָס ביי אים איז עס געווען באַליבט ווי אַ פעלד פול מיט זאַפרען[5].

ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: אין איין יאָר איז עס געשען[6], אָבער צוויי פעלדער זיינען געווען[7]. קלאָר איז אים[8] געווען, אַז ער מעג פאַרוויסטן[9] און געבן געלט. וואָס־זשע האָט ער יאָ געדאַרפט [פרעגן][10]? צי מעג מען פאַרוויסטן, אָבער ניט געבן קיין געלט. און אפילו איצט[11], האָט ער נאָך אַלץ געדאַרפט פרעגן, — וועלכעס פון זיי צו פאַרוויסטן, פון די לינדזן, צי פון די גערשטן? פון די לינדזן, איז עס שפּייז פאַר מענטשן; פון די גערשטן, איז עס שפּייז פאַר בהמות[12]. אָבער פון לינדזן איז מען ניט מקריב דעם

---

א. [1] אלעזר בן דודו, איינער פון די דודס העלדן. דידאָזיקע דרשה איז געבונדן מיטן סוף פון דער פריערדיקער פרשה: אויבן רעדט זיך וועגן שעפּן וואַסער, וואָס ווערט געטייטשט אויף רוח הקודש, פירט דאָ דער בעל דרשן צו צום פסוק: מי ישקני מים, ווער וועט מיר געבן טרינקען וואַסער, וואָס ווערט געטייטשט אויף תורה. [2] דמים ווערט דאָ געטייטשט לויט אדם, רויט: אויפן רויטן לינדזן־פעלד (פני משה). און פס — אַ שטיק [פעלד]. [3] פּסט. [4] נאָך זייער מפּלה. [5] ווערט עס פאַררעכנט אויף אים, און דעריבער איז עס אין שמואל געשריבן אין לשון יחיד (דער פשוטער פשט איז: לויט שמואל האָט דאָס פעלד מציל געווען איינער, שמא בן אגא, און אין דברי הימים שטייט סתם, אָן אַ נאָמען, דערפון — און האָבן עס מציל געווען, אין לשון רבים). [6] ד״ה: ביידע ווערסיעס באַציען זיך אויף איין געשעעניש. [7] איינס מיט לינדזן, איינס מיט גערשטן. [8] דודן. [9] דאָס פעלד, כדי זיך צו מאַכן דאָרט אַ וועג. [10] אין פסוק רעדט זיך וועגן דריי פון דודס גיבורים, און דער בעל המדרש זעט אין זיי גיבורים פון תורה, אַ בית דין צו וועמען דוד ווענדט זיך מיט שאלות, ווי ווייטער. [11] אפילו ווען מע מעג דאָס אויך. [12] לויט דעם

# פרשה ה

א

(דברי הימים א׳, י״א) הוא היה עם דוד בפס דמים. ר׳ יוחנן אמר: בחקל סומקתא. ר׳ שמואל בר נחמני אמר: בפס דמים, שמשם פסקו דמים. (שם) והפלשתים נאספו שם למלחמה, ותהי חלקת השדה מלאה שעורים, — כתוב אחד אומר שעורים, וכתוב אחד אומר (שמואל ב׳, כ״ג): עדשים! ר׳ יעקב אמר: עדשים היו, אלא שהיתה ענבותן דומין לשעורין. ר׳ לוי אמר: הפלשתים, שבאו גבוהים כשעורים והלכו נמוכין כעדשים.

(דברי הימים א׳, י״א) ויתיצבו בתוך החלקה ויצילוה, — וכתוב אחד אמר ויצילה? אלא מלמד, שהחזירוה לבעליה, שהיתה חביבה עליהם כשדה מלאה כרכום.

ר׳ שמואל בר נחמן אמר: שנה אחת היתה, ושתי שדות היו. פשיטא ליה לאבד וליתן דמים. מה צריכה? אין תאמר לאבד, אבל לא ליתן דמים; עד כדון היא צריכה, — אי זו מהן לאבד, של עדשים או של שעורים? של עדשים — אוכל אדם, של שעורים — אוכל בהמה. של עדשים — אין העומר קרב מהן, ושל שעורים — קרב מהן; של עדשים — אין מפרישין מהן חלה, של שעורין מפרישין חלה׳ רבנן אמרין: שדה אחת היתה, ושתי שנים היו. והלא נלמד משל אשתקד? שאין למדין ממעשה.

(דברי הימים א׳, י״א) ויתאו דוד ויאמר: מי ישקני מים? ר׳ חייא אמר: הלכה נצרכה לו: — ויבקעו השלשה, ולמה שלשה? שאין

---

עומר [13], און פון גערשטן איז מען יאָ מקריב; פון לינדזן נעמט מען ניט אָפּ קיין חלה [14], פון גערשטן נעמט מען יאָ [15]. די רבנן זאָגן: איין פעלד איז עס געווען, אָבער אין צוויי יאָר איז עס געשען [16]. טאָ זאָל מען לערנען פונעם פאַראַיאָריקן? — נייערט מע לערנט ניט אָפּ [קיין דין] פון אַ מעשה שהיה.

(דברי הימים דאָרט, פסוק יז) ויתאו דוד — און דוד האָט געגלוסט און האָט געזאָגט: ווער וועט מיר געבן טרינקען וואַסער [פון דעם ברונעם פון בית לחם וואָס אין טויער]? ר׳ חייא האָט געזאָגט: אַ דין האָט ער געדאַרפט וויסן [17]; (דאָרט, פסוק יח) ויבקעו — האָבן זיך דורכגעריסן די דריי [18];

**און פאַרוואָס דריי?** ווייל קיין דין ווערט ניט **אַרויסגעבראַכט נייערט דורך דריי;** (דאָרט) וישאבו מים — און זיי האָבן אָנגעשעפּט וואַסער פון דעם ברונעם פון בית לחם וואָס אין טויער, און זיי האָבן גענומען און געבראַכט צו דודן; אָבער דוד האָט עס ניט געוואָלט טרינקען, — **ער האָט ניט געוואָלט אַז דער דין זאָל באַשטימט ווערן אין זיין נאָמען**[19]**; האָט ער געמאַכט דערפון אַ סתם הלכה**[20]**, און עס פעסטגעשטעלט ווי אַ דין אויף אייביק: אַ מלך מעג זיך דורכברעכן צו מאַכן אַ וועג פאַר זיך, און מע קען אים ניט פאַרווערן.**

**בר קפרא זאָגט:** סוכות איז עס געווען און די צייט פון גיסן וואַסער[21] **איז עס געווען, און עס איז געווען אַ היתר אויף במות**[22]**.** ויבקעו — האָבן זיך דורכגעריסן די דריי, — **און צו וואָס האָט מען געדאַרפט דריי? איינער האָט געהרגעט**[23]**, איינער האָט אָפּגעראַמט די הרוגים, און איינער האָט געבראַכט דעם קרוג אין ריינקייט**[24]**.**

**ר' חוניא אין נאָמען פון ר' יוסףן [האָט געזאָגט]: די דינים פון אַ געפאַנגענער פרוי האָט ער געוואָלט וויסן**[25]**. ר' שמעון דער זון פון רבין האָט געזאָגט: ער האָט באַגערט צו בויען דעם בית המקדש**[26]**.**

## ב

(ב, י) ותפל — און זי איז געפאַלן אויף איר פּנים און האָט זיך געבוקט צו דער ערד, [און זי האָט געזאָגט צו אים: פאַרוואָס האָב איך געפונען חן אין דיינע אויגן מיך צו דערקענען — — —?] **דער פּסוק לערנט אונדז, אַז**

---

וואָלט מען געדאַרפט גיכער פאַרוויסטן דאָס צווייטע. [13] **אַ מאָס תבואה וואָס מע פלעגט ברענגען פסח צום בית המקדש** (ויקרא כג, ט—יד). [14] **זע במדבר טו, יט—כא.** [15] **איז גערשטן חשובער, און מע וואָלט גיכער באַדאַרפט פאַרוויסטן דאָס פעלד פון די לינדזן.** [16] **די צוויי ווערסיעס באַציען זיך אויף צוויי באַזונדערע געשעענישן.** [17] **מים, וואַסער, איז דער סימבאָל פון תורה, און שער, טויער, איז דאָס אָרט, וואו די דיינים פלעגן זיצן. — ר' חייאס מימרא באַשטעטיקט דאָס פריערדיקע.** [18] **און זיי האָבן געפּסקנט דעם דין.** [19] **מיר האָבן געביטן פון לשמן, אויף זייער נאָמען, אויף** לשמו, **אויף זיין נאָמען, ווי עס פּאַסט זיך לויט דער דרשה, און אַזוי איז עס אין** ירושלמי (סנהדרין ב, ה) **און אין** ילקוט שמואל. **די וואָס האַלטן אויף דעם נוסח פון** לשמן **פּרוּוון עס דערקלערן מיט אַ גמרא אין** בבא קמא (סא, א)**: דוד האָט געזאָגט, איך האָט בקבלה פון שמואלס בית דין, אַז ווען איינער שטעלט איין דאָס לעבן איבער די ווערטער פון דער תורה, גיט מען ניט איבער קיין הלכה אין זיין נאָמען.** [20] מסכתא (אָדער מסכת; **זע אויבן ב, ב, באַמערקונג 4), אין זין פון אַ סתם הלכה אַ מסורה פון דורות, ניט אָנגעבנדיק ווער עס האָט דעם דין געפּסקנט. אין** ירושלמי **ווערט דאָס וואָרט מסכתא געדרשנט פונעם וואָרט** ויסך (און ער האָט עס (דאָס וואַסער) געגאָסן פאַר גאָט)**: ער האָט עס באַשטימט אַ מסכתא אויף דורות.** [21] **אויפן מזבח (זע אויבן ד, ט, באַמערקונג 5).** [22]ויתור במות **— דאָס מוּתּר זיין, דאָס נאָכלאָזן דעם פאַרבאָט אויף במות** (מזבחות אין פאַרשיידענע הויכע ערטער)**: לויט דער תורה האָט מען געמעגט מקריב זיין קרבנות נאָר אין איין באַשטימטן אָרט** (דברים יב, ד—יד). **אָבער צווישן חורבן שילה און דעם אויפבוי פון בית המקדש האָט מען מתיר געווען צו טאָן די עבודה אויף במות, און דער אויסדרוק** וינסך **און ער האָט געגאָסן, ווערט גענומען אין זין פון דער טראַדיציאָנעלער וואַסער גיסונג אום סוכות** (דער נוסח אין ילקוט איז: והיתר במה היה). [23] **פון צווישן די פּלשתים, כדי צו מאַכן אַ דורכגאַנג.** [24] **די אַנדערע צוויי זיינען טמא געוואָרן פון די טויטע קערפּערס.** [25] **זע** דברים כא, י—יד. **דער ווערב** ויתאו, **פון תאווה, ווערט גענומען ווי אַ רמז אויף געשלעכטלעכן באַגער.** [26] **און וועגן דעם האָט ער געפרעגט די דריי דיינים. — דער הצד השוה פון די אַלע דרשנים איז, אַז דודס באַגער נאָך וואַסער דאַרף פאַרשטאַנען ווערן סימבאָליש (אפילו לויט בר קפּראן האָט דוד ניט געוואָלט דאָס וואַסער צו טרינקען, נאָר צו גיסן אויפן מזבח).**

**הלכה מתבררת, אלא בשלשה**; — וישאבו מים מבור בית לחם אשר בשער, וישאו ויביאו אל דוד; ולא אבה דוד לשתותם, — **ולא אבה שתקבע הלכה** (לשמן) [לשמו]; **עשאה מסכתא וקבעה הלכה לדורות: מלך פורץ לעשות לו דרך, ואין ממחין בידו.**

**בר קפרא אמר: חג היה, וניסוך המים היה וויתור במה היה.** ויבקעו השלשה, ולמה היו שלשה? **אחד הורג, ואחד מפנה את ההרוגים, ואחד מכניס את הצלוחית בטהרה.**

**ר׳ חוניא בשם ר׳ יוסף: הלכות שבויה נצרכה ליה. ר׳ שמעון ברבי אמר: בנין בית המקדש תבע.**

ב

(ב, י) ותפל על פניה ותשתחו ארצה, [ותאמר אליו: מדוע מצאתי חן בעיניך להכירני — — —?] **מלמד, שנתנבאה שהוא עתיד להכירה כדרך כל הארץ.**

ג

(ב, יא) ויען בועז ויאמר לה: הוגד הוגד לי, — **למה שתי פעמים** — הוגד הוגד לי? הוגד לי **בבית**, הוגד לי, **בשדה**; כל אשר עשית את חמותך אחרי מות אישך, **שאין תלמוד לומר בחיי אישך**; ותעזבי אביך ואמך [**אביך ואומתך**]; וארץ מולדתך, **זו איפרכי שלך.** [**דבר אחר**:] ותעזבי אביך ואמך **מעבודת כוכבים שלך, שנאמר** (ירמיה ב׳): אומרים לעץ: אבי אתה! ולאבן: את

---

**עס האָט זיך איר אַרויסגעכאַפּט אַ נבואה, אַז ער איז אָנגעברייט זי צו דערקענען לויטן שטייגער פון דער גאַנצער וועלט**[1].

ג

(ב, יא) ויען בועז — און בועז האָט געענטפערט און געזאָגט צו איר: דערציילן איז מיר דערציילט געוואָרן, — **צו וואָס צוויי מאָל** — דערציילן איז מיר דערציילט געוואָרן? **ס׳איז מיר דערציילט געוואָרן אין הויז, ס׳איז מיר דערציילט געוואָרן אין פעלד**[1]; כל אשר עשית — אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן מיט דיין שוויגער נאָך דיין מאַנס טויט, **און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, ביי דיין מאַנס לעבן**; ותעזבי — און דו האָסט פאַרלאָזן דיין פאָטער און דיין מוטער, [**דיין פאָטער און דיין אומה**][2]; וארץ מולדתך — און דיין געבוירן־לאַנד, **דאָס איז דיין מדינה.** [**אַן אַנדער פשט**:[3]] ותעזבי — און דו האָסט פאַרלאָזן דיין פאָטער און דיין מוטער, **דאָס איז דיין עבודה זרה, ווי דער פסוק זאָגט** (ירמיה ב, כז): אומרים לעץ — זיי זאָגן צום האָלץ: דו ביסט מיין פאָטער!

---

**ב.** [1] דערקענען ווערט דאָ פאַרשטאַנען אין זין פון באַמאַנען (זע בראשית ד, א: והאדם ידע — און אדם האָט דערקענט זיין ווייב חוה).

און צום שטיין: דו האָסט אונדז געבוירן! — וארץ מולדך — און דיין געבוירן־לאַנד, **דאָס איז איר סביבה**; ותלכי — און דו ביסט געגאַנגען צו אַ פאָלק וואָס דו האָסט ניט געקענט נעכטן־אייערנעכטן, **דען וואָלסטו** [געקומען צו אונדז] נעכטן־אייערנעכטן, **וואָלסטו ניט** [אויפגענומען געוואָרן, וואָרום ס'איז נאָך ניט אָנגענומען געוואָרן דער נייער דין: אַן עמונישער, אָבער ניט קיין עמונישע; אַ מואבישער, אָבער ניט קיין מואבישע] [4].

## ד

(ב, יב) ישלם ה׳ — זאָל גאָט באַצאָלן דיין טואונג, און זאָל דיין שכר זיין גאַנץ פון גאָט. ר׳ [**יוסי האָט געזאָגט: ער האָט איר געגעבן אַ רמז, אַז שלמה** [1] **וועט פון איר אַרויסקומען**]; אשר באת — וואָס דו ביסט געקומען זיך צו שיצן אונטער זיינע פליגלען, — **ר׳ אבון האָט געזאָגט: מיר האָבן געהערט, אַז** [**דער מאָרגנשטערן האָט פליגלען, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קלט, ט): אשא — זאָל איך נעמען די פליגלען פון מאָרגנשטערן; **און**[2]] **אַז די ערד האָט פליגלען, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה כד, טז): מכנף הארץ — פון דעם פליגל פון דער ערד האָבן מיר געזאַנגען געהערט; **און די זון האָט פליגלען, ווי דער פסוק זאָגט** (מלאכי ג, כ): וזרחה לכם, — און עס וועט אויפשיינען פאַר אייך, איר וואָס האָט מורא פאַר מיין נאָמען, די זון פון גערעכטיקייט, מיט היילונג אין אירע פליגלען; **און די חיות** [3] **האָבן פליגלען, ווי דער פסוק זאָגט** (יחזקאל ג, יג): וקול — און דער רעש פון די פליגלען פון די חיות; **און די כרובים האָבן פליגלען, ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, ח, ז): כי הכרובים — דען די כרובים שפּרייטן אויס די פליגלען; **און די שרפים האָבן פליגלען, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה ו, ב): שרפים עומדים — שרפים שטייען איבער אים, צו זעקס פליגלען, [צו זעקס פליגלען האָט איטלעכער]. **קום און זע, ווי גרויס איז דער כוח פון די צדיקים, און ווי גרויס איז דער כוח פון צדקה, און ווי גרויס איז דער כוח פון די וואָס טוען גמילות חסדים, — דען זיי שיצן זיך ניט, ניט אין שאָטן** [**פון די פליגלען**] פונעם מאָרגנשטערן, **און ניט אין שאָטן פון די פליגלען פון דער ערד, און ניט אין שאָטן פון די פליגלען פון דער זון, און ניט אין שאָטן פון די פליגלען פון די חיות, און ניט אין שאָטן פון די פליגלען פון די כרובים, און ניט אין שאָטן פון די פליגלען פון די שרפים, נייערט אין שאָטן**

---

ג. [1] ד״ה: אומעטום רעדט מען וועגן דעם. [2] צוגעגעבן לויטן עץ יוסף, (וועלכער ציטירט דעם אות אמת). [3] ווי אין באַמערקונג 2. [4] זע אויבן ב, ט. — עמענדאַציעס געמאַכט לויטן ירושלמי (יבמות ח, ג) און לויטן פסיקתא דרב כהנא (טז), און אַזוי איז אויך דער נוסח אין ילקוט.

ד. [1] אַן אָנשפּיל אויף שלמה, גאַנץ, וואָס האָט דאָסזעלבע אויסלייגן. — דעמדאָזיקן מאמר האָבן מיר צוגעגעבן לויט פסיקתא דרב כהנא (דאָרט), און לויט יענעם טעקסט האָבן מיר אויך געביטן ר׳ חסא אויף ר׳ יוסי, וואָס איז, אגב, אויבן (ב, טו) דער בעל המאמר, אַז שלמה איז אָנגעברייט אַרויסצוקומען פון רות. [2] צוגעגעבן לויטן ווייטערדיקן טעקסט און אין איינקלאַנג מיטן ילקוט און מיט פסיקתא דרב כהנא (טז; זע אויך רש״ש). [3] די הימלישע וועזנס, וואָס טראָגן אויף זיך דעם כסא הכבוד.

ילדתני! — וארץ מולדתך, **זו שכונתה**; ותלכי אל עם אשר לא ידעת תמול שלשום, **שאלו** [**באת אצלנו**] **תמול שלשום, לא היית** [**מתקבלת, שעדיין לא נתחדשה הלכה: עמוני ולא עמונית, מואבי ולא מואבית**].

ד

(ב, יב) ישלם ה׳ פעלך, ותהי משכורתך שלמה מעם ה׳, — **אמר ר׳ (חסא)** [**יוסי: רמז לה:** שלמה **יעמוד ממך**]; אשר באת לחסות תחת כנפיו, — **אמר ר׳ אבון:** שמענו, [**שיש כנפים לשחר, שנאמר** (תהלים קל״ט): אשא כנפי שחר;] **שיש כנפים לארץ, שנאמר** (ישעיה כ״ד): מכנף הארץ זמירות שמענו; **וכנפים לשמש, שנאמר** (מלאכי ג׳): וזרחה לכם, יראי שמי, שמש צדקה ומרפא בכנפיה; **וכנפים לחיות, שנאמר** (יחזקאל ג׳): וקול כנפי החיות; **וכנפים לכרובים, שנאמר** (מלכים א׳, ח׳): כי הכרובים פורשים כנפים; **וכנפים לשרפים, שנאמר** (ישעיה ו׳): שרפים עומדים ממעל לו, וגו׳. **בוא וראה, כמה גדול כחן של צדיקים, וכמה גדול כחה של צדקה, וכמה גדול כחן של גומלי חסדים, — שאינן חסין לא בצל** [**כנפי**] **שחר, ולא בצל כנפי ארץ, ולא בצל כנפי שמש, ולא בצל כנפי חיות, ולא בצל כנפי כרובים, ולא בצל כנפי שרפים, אלא בצל מי שאמר והיה העולם, שנאמר** (תהלים ל״ו): מה יקר חסדך, אלהים, ובני אדם בצל כנפיך יחסיון.

ה

(ב, יג) ותאמר: אמצא חן בעיניך, אדוני, **וגו׳**, ואנכי לא אהיה כאחת שפחותיך. **אמר לה: ,,חס ושלום! אין את מן האמהות, אלא מן האימהות״. ודכוותה** (במדבר ל״ב): ונובח הלך וילכוד

---

**פון דעם וואָס־האָט־געזאָגט־און־די־וועלט־איז־געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים לו, ח): מה יקר — ווי טייער איז דיין חסד, גאָט, און די מענטשן־קינדער שיצן זיך אין שאָטן פון דיינע פליגלען.

ה

(ב, יג) ותאמר — און זי האָט געזאָגט: לאָמיך געפינען חן אין דיינע אויגן, מיין האַר — — —און איך בין אפילו ניט ווי איינע פון דיינע דינסטן. **האָט ער געזאָגט צו איר: ,,חס ושלום! דו ביסט ניט צווישן די דינסטן, נייערט צווישן די אימהות״**[1]. **און דעסטגלייכן** (במדבר לב, מב): ונובח

ה. [1] **די מוטערס פונעם פאָלק ישראל, וואָרטשפּיל: אימהות, מוטערס — אמהות, דינסטן. — דער דאָזיקער דרש, ווי אויך די ווייטערדיקע צוויי, איז געבויט אויף דעם, וואָס**

הלך — און נובח איז געגאַנגען און האָט באַצוואונגען קנת און אירע טעכטער־שטעט, [און ער האָט זי גערופן נובח, אויף זיין נאָמען], — **לערנט אונדז דער פסוק, אַז דער נאָמען איז איר ניט געבליבן**[2]. **און דעסטגלייכן** (זכריה ה, יא): ויאמר אלי — און ער האָט געזאָגט צו מיר: איר צו בויען אַ הויז אין לאַנד שנער, — **לערנט אונדז דער פסוק, אַז דער שקר האָט ניט קיין תקומה**[3].

ו

(ב, יד) ויאמר — און בועז האָט געזאָגט צו איר אין דער צייט פון עסן: געגען אַהער, [און דו וועסט עסן פונעם ברויט, און וועסט איינטונקען דיין ביסן אין עסיק. האָט זי זיך געזעצט ביי דער זייט פון די שניטערס, און מע האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן]. **ר׳ יוחנן האָט באַשיידט דעם פסוק אויף זעקס אופנים: —**

[א] **דער פסוק רעדט וועגן דודן**[1]: געגען אַהער, **געגען צו מלכות, דען הלום, אַהער, איז ניט אַנדערש, נייערט מלכות; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (שמואל ב, ז, יח): כי הביאותני — אַז דו האָסט מיך געבראַכט ביז אַהער[2]; — און דו וועסט עסן פונעם ברויט, **דאָס איז דאָס ברויט פון מלכות**[3]; — און וועסט איינטונקען דיין ביסן אין עסיק, **דאָס איז זיינע יסורים, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים ו, ב): ה׳ אַל באפך — גאָט, ניט אין דיין כעס זאָלסטו מיך מוסרן [און ניט אין דיין גרימצאָרן זאָלסטו מיך שטראָפן]; — האָט זי זיך געזעצט ביי דער זייט פון די שניטער, **דען דאָס מלכות איז פון אים באַזייטיקט געוואָרן אויף אַ צייט**[4], **דען רב הונא האָט געזאָגט: די גאַנצע זעקס חדשים, וואָס דוד איז געווען אַנטלאָפן פון אבשלומען, זיינען ניט אַריין אין חשבון**[5], **און דעמאָלט פלעגט ער ברענגען פאַר אַ פאַרגעבונגס קרבן אַ ציג, ווי אַ פשוטער מענטש**[6]; — און ער האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, **דען**

---

**דאָס וואָרט לה, צו איר, האָט ניט קיין מפיק אין דער הא; ווערט דאָס וואָרט געטייטשט ווי לא, ניין, ווי עס וואָלט געשטאַנען אין פסוק** (יד): ויאמר: לא — און ער האָט געזאָגט: ניין (זע רשי און רמבן, במדבר לב, מב). [2] **וויל דער לה איז אָן אַ מפיק, ווערט עס געלייענט ווי לא** (זע באַמערקונג 1). [3] לה — לא, ווי אויבן, ווי עס וואָלט געשטאַנען: לבנות לא בית — ניט צו בויען אַ הויז פאַר דער רשעות (שקר אין מדרש), כדי זי זאָל אויף דאָרט, אין בבל, קיין תקומה ניט האָבן.

ו. [1] **בועז האָט דאָ פאָראויסגעזאָגט רותן דעם גורל פון איר אוראייניקל, דוד. און אַזוי, לויט די ווייטערדיקע טייטשן, — דעם גורל פון דודס שפּעטערדיקע נאָכפאָלגער: שלמה, חזקיה, מנשה און משיח** (דער זעקסטער אופן איז לויטן פשט). [2] **ביז צו ווערן מלך איבער גאַנץ ישראל.** [3] **לויטן ווייטערדיקן פסוק ביי שלמה המלך. דער רד״ל ברענגט אויף דעם אַ פסוק פון משלי** (כג, א), **וואו ברויט ווערט דערמאָנט אין שייכות מיט הערשער** (און לויט דעם ווערט אויך ווייטער דער פסוק און ער האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען פאַרשטאַנען, אַז עס האָט זיך אים אומגעקערט דאָס ברויט פון מלכות). [4] **בעת אבשלומס אויפשטאַנד.** — קוצרים, שניטערס, ווערט דאָ געדרשנט לויטן שם עצם קציר (שניט), **וואָס ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי קצין**, אַ הערשער (זע רשי, ערכין לג, א, אויפן **פסוק** (הושע ו, יא): גם יהודה שת קציר, **אַז די נון איז דאָ פאַרביטן געוואָרן אויף אַ ריש, ווי אין נבוכדנצר** — נבוכדרצר. **זע אויך** רש״ש, במדבר רבה ז׳ ד). [5] **פון די יאָרן וואָס דוד האָט געקיניגט: לויט** שמואל ב, ה, ה, **האָט דוד געקיניגט פערציק יאָר מיט זעקס חדשים; אָבער לויט** שמואל ב, ה, ד, **און לויט** מלכים א, ב, יא, **האָט ער געקיניגט גלייכע**

את קנת ואת בנותיה, וגו׳. — **מלמד, שלא עמד לה אותו השם. ודכוותה** (זכריה ה׳): **ויאמר** אלי: לבנות לה בית בארץ שנער. — **מלמד, שאין לשקר תשועה.**

ו

(ב, יד) **ויאמר** לה בעז לעת האכל: גשי הלום. **ר׳ יוחנן פתר בה שית שטין**: —

[א] **מדבר בדוד**: גשי הלום, קרובי **למלכות**, **ואין** הלום **אלא מלכות**; **ההיד** (שמואל ב׳, ז׳): כי הביאותני עד הלום; — ואכלת מן הלחם, **זו לחמה של מלכות**; — וטבלת פתך בחומץ, **אלו היסורין**, **שנאמר** (תהלים ו׳): ה׳ אל באפך תוכיחני; — ותשב מצד הקוצרים, **שנוצדה ממנו המלכות לשעה**, **דאמר רב הונא**: **כל אותן ששה חדשים שהיה דוד בורח מפני אבשלום, לא עלו מן המנין, שהיה מתכפר לו בשעירה כהדיוט**; — ויצבט לה קלי, **שחזרה לו מלכותו**, **שנאמר** (תהלים כ׳): עתה ידעתי, כי הושיע ה׳ משיחו; — ותאכל ותשבע ותותר, **אוכל בעולם הזה ואוכל לימות המשיח ואוכל לעתיד לבוא.**

[ב] **דבר אחר**: גשי הלום **מדבר בשלמה**: גשי הלום, **קרובי למלכות**; ואכלת מן הלחם, **זו לחמה של מלכות**, **שנאמר** (מלכים א׳, ה׳): ויהי לחם שלמה ליום אחד שלשים כר סלת וששים כר קמח; — וטבלת פתך בחומץ, **זה לכלוך מעשים**; — ותשב מצד

---

**עס האָט זיך אים אומגעקערט זיין מלכות**, **ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים כ, ז): עתה ידעתי — אַצ׳ינד ווייס איך, אַז גאָט האָט געהאָלפן זיין געזאַלבטן; — און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן און האָט נאָך איבערגעלאָזן, — **ער וועט עסן**[7] **אויף** דער וועלט און וועט עסן אין **משיחס צייטן**, **און וועט עסן לעתיד לבוא**[8].

[ב] **אַן אַנדער פשט**: [**דער פסוק**] גענען אַהער **רעדט וועגן שלמהן**: גענען אַהער, **גענען צו מלכות**; — און דו וועסט עסן פונעם ברויט, **דאָס איז דאָס ברויט** פון **מלכות**, ווי **דער פסוק זאָגט** (מלכים א, ה, ב): ויהי לחם שלמה — און דאָס ברויט פון שלמהן פאַר איין טאָג איז געווען **דרייסיק** כור זעמלמעל און זעכציק כור גראָבע מעל; — וטבלת — און **וועסט** איינטונקען דיין ביסן אין עסיק, **דאָס איז** די **אומריינקייט פון זיינע מעשים**[9]. און זי האָט זיך געזעצט ביי דער זייט פון די שניטערס, **דען זיין מלכות איז**

---

פערציק יאָר, און דאָס איז דער באַזיס פאַר רב הונאס מאמר. [6] אויב דער הויפּט פונעם פאָלק האָט געזינדיקט, פלעגט ער ברענגען אַ באָק, אַ זכר, פאַר אַ קרבן; אַ מענטש, ווידער, פונעם פאָלק פלעגט ברענגען פאַר אַ קרבן אַ ציג (ויקרא ד, כב—כח). [7] וועט

פון אים באַזייטיקט געוואָרן אויף אַ צייט; דען ר׳ יוחאי בר חנינא האָט געזאָגט: אַ מלאך איז אַראָפּגעקומען אין דער געשטאַלט פון שלמהן און האָט זיך געזעצט אויף זיין טראָנשטול[10], און שלמה פלעגט אומגיין איבער די הייזער פון ישראל און פלעגט זאָגען: (קוהלת א, יב) אני, קוהלת, — איך, קוהלת, בין געווען מלך איבער ישראל אין ירושלים. וואָס האָט איינע פון זיי[11] געטאָן? זי האָט אים דערלאַנגט אַ שיסל גריץ, און אים געשלאָגן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און געזאָגט צו אים: „זיצט דען ניט שלמה אויף זיין טראָנשטול? און דו זאָגסט: איך בין שלמה, דער מלך פון ישראל!״ — און ער האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, דען עס האָט זיך אים אומגעקערט זיין מלכות; — און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן, — ער וועט עסן אויף דער וועלט, וועט עסן אין משיחס צייטן, וועט עסן אויף יענער וועלט.

[ג] אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] גענען אַהער רעדט וועגן חזקיהון: גענען אַהער, גענען צו מלכות; —און דו וועסט עסן פונעם ברויט, דאָס איז דאָס ברויט פון מלכות; — און וועסט איינטונקען דיין ביסן אין עסיק, דאָס איז זיינע יסורים, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה לח, כא): ויאמר ישעיהו — און ישעיה האָט געזאָגט: זאָל מען נעמען געפּרעסטע פייגן [און אָנרייבן אויפן אויסשיט][12]; — און זי האָט זיך געזעצט ביי דער זייט פון די שניטערס, דען דאָס מלכות איז פון אים באַזייטיקט געוואָרן אויף אַ צייט, ווי עס זאָגט זיך (דאָרט לז, ג): יום — אַ טאָג פון צרה און שטראָף; — און ער האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, דען עס האָט זיך אים אומגעקערט זיין מלכות, ווי דער פּסוק זאָגט (דברי הימים ב, לב, כג): וינשא — און ער איז דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון אַלע פעלקער נאָכדעם; — און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן, — ער וועט עסן אויף דער וועלט, וועט עסן אין משיחס צייטן, וועט עסן אויף יענער וועלט.

[ד] אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] גענען אַהער רעדט וועגן מנשהן: גענען אַהער, גענען צו מלכות; — און דו וועסט עסן פונעם ברויט, דאָס איז דאָס ברויט פון מלכות; — און דו וועסט איינטונקען דיין ביסן אין עסיק, דען ער האָט זויער געמאַכט[13] זיינע מעשים ווי עסיק דורך שלעכטע טואונגען; — און זי האָט זיך געזעצט ביי דער זייט פון די שניטערס, דען זיין מלכות איז פון אים באַזייטיקט געוואָרן אויף אַ צייט, ווי אין פּסוק שטייט (דברי הימים ב, לג, י־יא): וידבר ה׳ — און גאָט האָט גערעדט צו

באַקומען זיין שכר. [8] אויף יענער וועלט. [9] זע מלכים א, יא, א—יג. [10] לויט אַ גמרא אין גיטין (סח) און לויטן מדרש תהלים (עח, יב), איז עס געווען אשמדאי, דער מלך פון די שדים. [11] פון די הויז פרויען, ביי וועמען ער האָט געבעטלט. [12] וועגן דער קראַנקהייט גופא זע דאָרט פּסוק א. [18] וואָרטערלעך: קויטיק געמאַכט, — אפשר אַן אָנדייטונג אויפן צעשטערנדיקן כוח פון עסיק (ל. ראַבינאָוויטש, ענגלישע איבערזעצונג, סאָנצינא). — לויט יאַסטראָוו באַציט זיך שוין דער מאמר אויף מנשהס תשובה טאָן, און ס׳דאַרף זיך לייענען אין יידיש אַזוי: דען ער האָט דורכגעווייקט (לכלך — לחלח) זיינע מעשים ווי אין עסיק [און זיי באַפרייט] פון שלעכטע טואונגען, — אַ סימן הייסט

הקוצרים, **שנוצדה לו מלכותו לשעה, דאמר ר׳ יוחאי בר חנינא: מלאך ירד בדמות שלמה וישב לו על כסאו; והיה מחזר שלמה על פתחי ישראל ואומר** (קהלת א׳): אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלם· **מה היתה אחת מהן עושה? היתה נותנת לפניו קערה של גרישין ומכה אותו בקנה על ראשו, ואומרת לו: „ולא שלמה יושב על כסאו? ואתה אומר: אני שלמה מלך ישראל!״ —** ויצבט לה קלי, **שחזרה לו מלכותו; —** ותאכל ותשבע ותותר, **אוכל בעולם הזה, אוכל לימות המשיח, אוכל בעולם הבא.**

[ג] **דבר אחר: גשי הלום מדבר בחזקיהו:** גשי הלום, **קרובי** למלכות; — ואכלת מן הלחם, **זו לחמה של מלכות; — וטבלת פתך בחומץ, אלו היסורין, שנאמר** (ישעיה ל״ח): **ויאמר** ישעיהו: ישאו דבלת תאנים; — ותשב מצד הקוצרים, **שנוצדה לו מלכותו לשעה, כמה דתימא** (שם ל״ז): **ויאמר** חזקיהו: **יום** צרה ותוכחה; — ויצבט לה קלי, **שחזרה לו מלכותו, שנאמר** (דברי הימים ב׳, ל״ב): וינשא לעיני כל הגוים מאחרי כן; — ותאכל ותשבע ותותר, **אוכל בעולם הזה, אוכל לימות המשיח, אוכל לעולם הבא.**

[ד] **דבר אחר: גשי הלום מדבר במנשה:** גשי הלום, **קרובי למלכות; —** ואכלת מן הלחם, **זו לחמה של מלכות; —** וטבלת פתך בחומץ, **שלכלך מעשיו כחומץ ממעשים רעים; —** ותשב מצד הקוצרים, **שנוצדה לו מלכותו לשעה, דכתיב** (דברי הימים ב׳ ל״ג): וידבר ה׳ אל מנשה ואל עמו, ולא הקשיבו; ויבא עליהם ה׳ את שרי הצבא אשר למלך אשור, וילכדו את מנשה בחוחים. **ר׳ אבא בר כהנא אמר: כירומניקאה.**

**א״ר לוי בר חיתא: עשו לו מולה של נחושת, והיו מסיקין**

---

מנשהן און צו זיין פאָלק, אָבער זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט; האָט גאָט געבראַכט אויף זיי די חיל פירער פון דעם מלך פון אשור, און זיי האָבן באַצוואונגען מנשהן מיט רינגען. **ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: מיט האַנט־קייטן.**

**ר׳ לוי בר חיתא האָט געזאָגט: מע האָט אים געמאַכט אַ קופּערנעם מוילאייזל**[14]**, [אים אַוועקגעזעצט אויף דעם], און אונטערגעצונדן אַ**

---

**עס, אַז צוערשט האָט ער יאָ געטאָן מעשים רעים.** [14] **אַזוי טייטשן די מפרשים דאָס וואָרט** מולה. **דער** ילקוט (מלכים, רמו) **איז גורס** מולאייר (מוליאר), **אַ קעסל, אין וועלכן**

פייער אונטער אים; האָט ער געשריִען: „דער־און־דער אָפּגאָט, דער־און־דער אָפּגאָט, ראַטעווע מיך!" וויבאַלד ער האָט געזען, אַז זיי האָבן אים גאָרניט געהאָלפן, אַזוי האָט ער געזאָגט: „איך דערמאָן זיך, אַז מיין טאַטע פלעגט לייענען מיט מיר (דברים ד, ל־לא): בצר לך — אַז דיר וועט ענג ווערן און עס וועלן דיך טרעפן [אַלע דיזאָזיקע זאַכן — — — וועסטו זיך אומקערן צו גאָט] — — — דען גאָט דיין גאָט איז אַ דערבאַרעמ־דיקער גאָט, — וועל איך שרייען צו אים. וועט ער ענטפערן, איז גוט; און אויב ער וועט ניט ענטפערן, איז עס אַלץ איינס, האָבן אַלע איין פּנים." דעמאָלט האָבן זיך אויפגעהויבן די מלאכי השרת און פאַרמאַכט אַלע פענצטערס פון הימל, און האָבן געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם! אַ מענטש וואָס האָט אַריינגעשטעלט אַ געץ אין בית המקדש, ווילסטו אים אויפנעמען מיט תשובה?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויב איך נעם אים ניט אויף מיט תשובה, פאַרשליס איך דאָך די טיר פאַר אַלע בעלי תשובה". וואָס האָט הקדוש ברוך הוא געטאָן? ער האָט אים געמאַכט אַן אונטערגראָבונג אונטער זיין כיסא הכבוד, אַן אָרט וואו קיין מלאך האָט קיין שליטה ניט; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דברי הימים ב, לג, יג): ויתפלל — און ער האָט מתפלל געווען צו אים, און ער האָט אים געלאָזט זיך דערגראָבן [15] צו אים, און האָט צוגעהערט זיין געבעט. ר' לוי האָט געזאָגט: אין אַראַביע זאָגט מען אויף חתירה, אַן אונטערגראָבונג, עתירה.

און ער האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, — דען עס האָט זיך אים אומגעקערט זיין מלכות, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט): וישיבהו — און ער האָט אים אומגעקערט קיין ירושלים צו זיין מלוכה. און מיט וואָס האָט ער אים אומגעקערט? ר' שמואל אין נאָמען פון ר' אחאן [זאָגט]: מיטן ווינט האָט ער אים אומגעקערט; דאָס איז ווי מיר זאָגן [16]: משיב הרוח — דער וואָס מאַכט בלאָזן [17] דעם ווינט. — און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן, — ער וועט עסן אויף דער וועלט, וועט עסן אין משיחס צייטן, וועט עסן אויף יענער וועלט.

[ה] אַן אַנדער פּשט: [דער פּסוק] רעדט וועגן משיחן [18]: געגנען אַהער, געגנען צו מלכות; — און דו וועסט עסן פונעם ברויט, דאָס איז דאָס ברויט פון מלכות; — און וועסט איינטונקען דיין ביסן אין עסיק, דאָס איז זיינע יסורים, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה נג, ה): והוא — און ער איז צעוואונדיקט איבער אונדזערע פאַרברעכנס; — און זי האָט זיך געזעצט ביי דער זייט פון די שניטערס, דען זיין מלכות וועט פון אים באַזייטיקט ווערן אויף אַ צייט, ווי דער פּסוק זאָגט (זכריה יד, ב): ואספתי — און איך וועל צונויפזאַמלען אַלע פעלקער קיין ירושלים אויף מלחמה, און די שטאָט וועט באַצוואונגען

מע האָט אים אַריינגעזעצט. [15] אַזוי לויטן דרש: ויעתר ווערט געדרשנט ווי ויחתר, פון חתר, אונטערגראָבן. [16] אין דער צווייטער ברכה פון שמונה עשרה. [17] משיב, פונעם שורש נשב, בלאָזן, ווערט דאָ געבונדן מיט וישיבהו, און ער האָט אים אומגעקערט, פון שורש השב — שוב. [18] ווי עלכער וועט אַרויסקומען פון דודן, און ממילא פון רותן.

האור מתחתיו; והיה צווח: „צלם פלן, צלם פלן, שזבני!״ כיון שראה, שלא הועילוהו כלום, אמר: „זכור הייתי, שהיה אבא מקרא אותי (דברים ד׳): בצר לך ומצאוך, [כל הדברים האלה — — — ושבת עד ה׳ אלהיך — — —] כי אל רחום ה׳ אלהיך, — אנא צווח ליה: אין עני, הא טב; ואין לא עני, הא כולה חדא היא, כל אפיא שוין״. באותה שעה עמדו מלאכי השרת וסתמו כל החלונות של מעלה ואמרו לפניו: „רבון העולם! אדם שהעמיד צלם בהיכל, אתה מקבלו בתשובה?״ אמר להם: „אם איני מקבלו בתשובה, הריני נועל פתח בפני כל בעלי תשובה״. מה עשה הקב״ה? חתר לו חתירה מתחת כסא כבודו, ממקום שאין מלאך יכול לשלוט; הה״ד (דברי הימים ב׳, ל״ג): ויתפלל אליו, ויעתר לו וישמע תחנתו, — א״ר לוי: בערבייא צווחין לחתירה עתירה.

ויצבט לה קלי, שחזרה לו מלכותו, שנאמר (שם): וישיבהו ירושלם למלכותו. ובמה השיבו? ר׳ שמעון בשם ר׳ אחא: ברוח השיבו; המד״א: משיב הרוח. — ותאכל ותשבע ותותר, אוכל בעולם הזה, אוכל לימות המשיח, אוכל לעולם הבא.

[ה] דבר אחר: מדבר במלך המשיח: גשי הלום, קרובי למלכות; — ואכלת מן הלחם, זה לחמה של מלכות; וטבלת פתך בחומץ, אלו היסורין, שנאמר (ישעיה נ״ג): והוא מחולל מפשעינו; — ותשב מצד הקוצרים, שעתידה מלכותו ליצוד ממנו לשעה, שנאמר (זכריה י״ד): ואספתי את כל הגוים אל ירושלם למלחמה, ונלכדה העיר; ויצבט לה קלי, שהיא עתידה לחזור לו, שנאמר (ישעיה י״א): והכה ארץ בשבט פיו.

ר׳ ברכיה בשם ר׳ לוי: כגואל הראשון, כך גואל האחרון: מה הגואל הראשון נגלה וחזר ונכסה מהן (וכמה נכסה מהן?

---

ווערן; — און ער האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, דען עס איז אַנגעברייט זיך אומצוקערן צו אים, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה יא, ד): והכה — און ער וועט שלאָגן דאָס לאַנד מיט דער רוט פון זיין מויל.

ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ לוין האָט געזאָגט: ווי דער ערשטער דערלייזער, אַזוי דער לעצטער דערלייזער [19]: אַזוי ווי דער ערשטער דערלייזער האָט זיך אַנטפּלעקט און איז ווידער פאַרבאָרגן געוואָרן פון זיי (און וויפיל איז ער געווען פאַרבאָרגן פון זיי? דריי חדשים, ווי דער פּסוק

זאָגט (שמות ה, כ): ויפגעו — און זיי האָבן באַגעגנט משהן און אהרונען [20], אַזוי וועט זיך אויך דער לעצטער דערלייזער אַנטפּלעקן צו זיי און ווידער פאַרבאָרגן ווערן. און וויפיל וועט ער זיין פאַרבאָרגן פון זיי? ר׳ תנחומא אין נאָמען פון די רבנן [האָט געזאָגט]: פינף און פערציק טעג. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דניאל יב, יא־יב): ומעת — און פון דער צייט וואָס דער קרבן תמיד וועט אָפּגעטאָן ווערן [און מע וועט אַריינטאָן די וויסטע פּאַרזעניש, וועט זיין טויזנט צוויי הונדערט און ניינציק טעג], און ווייטער שטייט: אשרי — וואויל איז דעם וואָס וואַרט און וועט דערגרייכן [ביז טויזנט דריי הונדערט און פינף און דרייסיג טעג] [21], — וואָס זשע זיינען עס די דיזאָזיקע איבעריקע [טעג]? ר׳ יצחק בן קצרתא אין נאָמען פון ר׳ יונהן האָט געזאָגט: דאָס זיינען פינף און פערציק טעג, וואָס יידן וועלן רייסן זאַלצקרייטעכץ און עסן [22]; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (איוב ל, ד): הקוטפים — די וואָס רייסן זאַלצקרייטעכץ מיט ווערמוט. וואוהין וועט ער זיי פירן פונעם לאַנד? [23] קיין מדבר יהודה [24], ווי דער פסוק זאָגט (הושע ב, טז): הנה — אָט וועל איך זי איינרעדן און זי אַוועקפירן אין מדבר. אַן אַנדערער זאָגט: צום מדבר פון סיחון און עוג [25], ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יב, י): עוד אושיבך — איך וועל דיך נאָך באַזעצן ווי אין די טעג פון דער צייט [פון יציאת מצרים] [26]. און איטלעכער וואָס וועט אים גלויבן, וועט לעבן בלייבן; און דער וואָס וועט אים ניט גלויבן, וועט אַוועקגיין צו די אומות העולם, אָבער זיי וועלן אים טייטן [27]. ר׳ יצחק בן מריון האָט געזאָגט: לסוף וועט הקדוש ברוך הוא זיך אַנטפּלעקן איבער זיי און זיי אַראָפּגעבן מן, ואין כל חדש — און ניטאָ גאָר קיין נייעס אונטער דער זון [28] (קוהלת א. ט).

[ו] אַן אַנדער פשט: [דער פסוק] גענען אַהער רעדט וועגן בועזן [29]: דערנענטער זיך אַהער; — און דו וועסט עסן פונעם ברויט, דאָס איז דאָס ברויט פון די שניטערס; — און וועסט איינטונקן דיין ביסן אין עסיק, — דער שטייגער פון די שניטערס איז איינצוטונקען אין עסיק זייער ביסן. ר׳ יונתן האָט געזאָגט: פון דאַנען איז גערדרונגען, אַז מע ברענגט אַרויס פאַר־שיידענע זויערקייטן צו די שייערן [30]. — און זי האָט זיך געזעצט ביי דער זייט פון די שניטערס, אַן אַ זייט ממש [31]; און ער האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, אַ ביסינקע [32], ווייניק וואָס, מיט זיינע צוויי פינגער [33]. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: פון דעם איז גערדרונגען [איינס פון די] צוויי: אָדער די ברכה האָט גערוט אויף די פינגער פון דעם יעניקן צדיק [34], אָדער די ברכה האָט גערוט אין די געדערים פון דער יעניקער צדיקת. פון דעם וואָס אין פסוק שטייט:

---

[19] אַזוי ווי משה, אַזוי משיח. [20] משמעות, אַז דער מדרש טייטשט דעם סוף פסוק: בצאתם — ביי זייער אַרויסגיין פון פאַר פרעהן, ווי עס וואָלט געמיינט, אַז זיי (משה און אהרון) זיינען דאַן אַרויס פון מצרים, דערביי זיך שטיצנדיק אויפן פסוק (דאָרט יח, ב) ויקח יתרו — און יתרו, משהס שווער, האָט גענומען צפורהן, משהס ווייב, נאָכדעם ווי ער האָט זי געהאַט אַוועקגעשיקט, טייטשנדיק עס, ווי ער אַליין וואָלט זי געהאַט אָפּגעפירט קיין מדין, און דאָס דאַרף נעמען דריי חדשים (זע מהרז״ו שמות רבה ה, יט, וואו דער

שלשה חדשים, שנאמר: ויפגעו את משה ואת אהרן), אף גואל אחרון נגלה להם וחוזר ונכסה מהם. וכמה נכסה מהם? ר׳ תנחומא בשם רבנן: ארבעין וחמשה יום; הה״ד (דניאל י״ב): ומעת הוסר התמיד [ולתת שקוץ שומם ימים אלף מאתים ותשעים], וכתיב (שם): אשרי המחכה ויגיע [לימים אלף שלש מאות שלשים וחמשה], — אילין יתיריא מה אינון? ר׳ יצחק בן קצרתה משום ר׳ יונה: אלו ארבעים וחמשה ימים, שישראל קוטפים מלוח ואוכלים; הה״ד (איוב ל׳): הקוטפים מלוח עלי שיח. לאיכן הוא מוליכן מן הארץ? למדבר יהודה, שנאמר (הושע ב׳): הנה אנכי מפתיה והולכתיה המדבר. מאן דאמר: למדבר סיחון ועוג, שנאמר (שם י״ב): עוד אושיבך באהלים כימי מועד. וכל שהוא מאמין לו, וחיה; ומי שאינו מאמין לו, הולך לאומות העולם, והן ממיתין אותו. א״ר יצחק בר מריון: בסוף הקב״ה נגלה עליהם ומוריד להן מן, ואין כל חדש תחת השמש.

[ו] דבר אחר: גשי הלום מדבר בבועז: קרובי להכא; ואכלת מן הלחם, זה לחמן של קוצרים; — וטבלת פתך בחומץ, דרך הקוצרים להיותן טובלין בחומץ פתן· אמר ר׳ יונתן: מכאן, שמוציאין מיני חומצנין לגרנות. — ותשב מצד הקוצרים, בצד הקוצרים ודאי; — ויצבט לה קלי, קליל, זעיר בשתי אצבעותיו. אמר ר׳ יצחק: את שמע מינה תרתי: או ברכה שרת באצבעותיו של אותו צדיק, או ברכה שרת במעיה של אותה צדקת. ממה דכתיב: ותאכל ותשבע ותותר נראין הדברים, שהברכה שרת במעיה של אותה צדקת.

---

און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן, קען מען זען, אַז די ברכה האָט גערוט אין די געדערים פון דער יעניקער צדיקת [35].

---

נוסח איז זעקס חדשים; זע אויך מתנות כהונה, במדבר רבה יא, ב). [21] באַשטייט דער אונטערשייד צווישן די צוויי צאָלן אין פינף און פערציק טעג. [22] פון גרויס הונגער וואָס װעט זיין פאַר דער ענדגילטיקער גאולה. [23] איידער ער וועט פון זיי פאַרבאָרגן ווערן. [24] כדי צו זען, ווער פון זיי וועט ביישטיין דעם שווערן נסיון. [25] אין עבר הירדן. [26] און אין דער צייט ווען ישראל האָט גערוט אין עבר הירדן האָט עס בלעם געזאָגט אויף זיי: מה טובו — ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב (במדבר כד, ה). — מהרז״ו. [27] אין במדבר רבה איז דער נוסח אַזוי: — —— וועט אָוועקגיין און מאַכן אַ שלום מיט די אומות העולם, אָבער לסוף וועלן די אומות העולם אים טייטן. [28] ביי דער לעצטער גאולה וועט אַלץ פאָרקומען ווי ביי דער ערשטער. [29] דאָס הייסט: ווערטערלעך, לויטן גאַנג פונעם ספור המעשה. [30] פאַר די שניטערס, צו שטילן זייער דורשט. [31] ניט צווישן זיי, צוליב צניעות. [32] קליל, וואָרטשפּיל אויף קלי, געברענטע זאַנגען. [33] אין ויקרא רבה

**ר' יצחק בר מריון האָט געזאָגט: דער פסוק קומט דיך צו לערנען, אַז ווען אַ מענטש טוט אַ מצווה, זאָל ער זי טאָן מיטן גאַנצן האַרצן. דען וואָלט ראובן געוואוסט, אַז הקדוש ברוך הוא וועט לאָזן שרייבן וועגן אים** (בראשית לז, כא): וישמע ראובן — און ראובן האָט געהערט, און ער האָט אים מציל געווען פון זייער האַנט, **וואָלט ער אים אויפן אַקסל אַפּגעפירט צו זיין פאָטער. און וואָלט אהרון געוואוסט, אַז הקדוש ברוך הוא וועט לאָזן שרייבן וועגן אים** (שמות ד, יד): הנה — אָט גייט ער דיר אַרויס אַנטקעגן, **וואָלט ער מיט פויקן און מיט טענץ אים אַרויס אַנטקעגן. און וואָלט בועז געוואוסט, אַז הקדוש ברוך הוא וועט לאָזן שרייבן וועגן אים:** און ער האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן, **וואָלט ער איר געשטאָפּטע קעלבער געגעבן צו עסן.**

**ר' כוהן און ר' יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר' לוין האָבן געזאָגט: פאַרצייטן, אַז אַ מענטש האָט געטאָן אַ מצווה, פלעגט דער נביא עס פאַר־שרייבן. אָבער אַצינד, אַז אַ מענטש טוט אַ מצווה, ווער פאַרשרייבט עס? אליהו און דער מלך המשיח פאַרשרייבן עס, און הקדוש ברוך הוא חתמעט זיך לעבן זיי. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (מלאכי ג, טז): אז נדברו — דעמאָלט האָבן זיך צונויפגערעדט די גאָטספאַרכטיקע איינער מיטן אַנדערן, [און גאָט האָט פאַרנומען און געהערט, און ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ בוך פון געדעכעניש פאַר אים].

ז

(ב, טו־טז) ותקם — און זי איז אויפגעשטאַנען צו קלייבן — — — און אויך פון די בינטלעך זאָלט איר פאַר איר אַרויסציען. **ר' יוחנן פלעגט צעוואַרפן סלעים**[1], **כדי מזכה צו זיין מיט זיי ר' שמעון בר בא**[2]. **אונדזער רבי**[3] **פלעגט מפקיר זיין גריץ, כדי מזכה צו זיין מיט דעם ר' שמעון בן חלפתא**[4].

ח

(ב, יז) ותלקט — און זי האָט געקליבן אין פעלד ביזן אָוונט, — — — [און עס איז געווען אַרום אַן איפה גערשטן]. **און וויפיל איז אַן איפה? ר' יוחנן האָט געזאָגט: דריי** סאה, **דען מיר האָבן געלערנט**[1]: **אַן איפה איז דריי סאה.** (ב, יח) ותשא — און זי האָט גענומען און איז אַריין אין שטאָט[2].

---

לד, ח, איז דער נוסח: בראשי אצבעותיו, מיט זיינע שפּיצן פינגער. — **דער ענף יוסף גיט צו אין נאָמען פון מפרשים: ער האָט איר געגעבן ווייניק, עפּעס וואָס איז ניט ווערט** קיין פּרוטה, ווייל מע טאָר ניט געבן קיין מתנה צו אַן אלמנה איבערן חשש פון ספק קידושין, — טאָמער וועט זי אָננעמען, אַז ער איז איר מקדש מיט דעם. [34] אויב זי האָט געקענט פון אַזוי ווייניק זאַט ווערן און נאָך איבערלאָזן. [35] ווייל עס שטייט ניט ויותר און עס איז געבליבן, נייערט ותותר, און זי האָט איבערגעלאָזן, איז עס אַ סימן, אַז די ברכה איז געווען אין איר (לויט עץ יוסף).

ז. [1] אַזאַ מטבע. [2] כדי ר' שמעון זאָל זיי געפינען און זוכה זיין פון הפקר. — ר' שמעון איז געווען אַן אָרימאַן, ער האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין צדקה. [3] רבי, ר' יהודה הנשיא. [4] וועגן ר' שמעון בן חלפתאס אָרימקייט זע אויבן ג, ד.

ח. [1] משנה מנחות ח, א. [2] קיין דרשה איז אויף דעם פסוק ניטאָ, און ער ווערט דאָ,

**א״ר יצחק בר מריון: בא הכתוב ללמדך, שאם אדם עושה מצוה, יעשנה בלב שלם. שאלו היה ראובן יודע, שהקב״ה מכתיב עליו** (בראשית ל״ז): וישמע ראובן ויצילהו מידם, **בכתפו היה מוליכו אצל אביו. ואילו היה יודע אהרן, שהקב״ה מכתיב עליו** (שמות ד׳): הנה הוא יוצא לקראתך, **בתופים ובמחולות היה יוצא לקראתו. ואילו היה יודע בועז, שהקב״ה מכתיב עליו:** ויצבט לה קלי, ותאכל ותשבע ותותר, **עגלות מפוטמות היה מאכילה.**

**ר׳ כהן ור׳ יהושע בן סכנין בשם ר׳ לוי: לשעבר היה אדם עושה מצוה, והנביא כותבה; ועכשיו, כשאדם עושה מצוה, מי כותבה? אליהו כותבה ומלך המשיח והקדוש ברוך הוא חותם על ידיהם; הה״ד** (מלאכי ג): אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו, [ויקשב ה׳ וישמע, ויכתב ספר זכרון לפניו].

ז

(ב, טו־טז) ותקם ללקט — — — וגם שול תשולו לה מן הצבתים. **ר׳ יוחנן היה מבדר סלעים, כדי לזכות בהן ר׳ שמעון בר בא. רבנו היה מבקר גריסין, כדי לזכות בהן ר׳ שמעון בר חלפתא.**

ח

(ב, יז) ותלקט בשדה עד הערב, — — — [ויהי כאיפה שעורים]. **וכמה היא איפה? ר׳ יוחנן אמר: שלשה סאין, דתנינן: האיפה שלשה סאין.** (ב, יח) ותשא ותבא העיר.

ט

(ב, יט) ותאמר לה חמותה: „איפה לקטת היום? **תני בשם ר׳ יהושע: יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני, העני עושה עם בעל הבית, שכן אמרה רות לנעמי:** שם האיש אשר עשיתי עמו

---

ט

(ב, יט) ותאמר לה — האָט געזאָגט צו איר שוויגער: וואו האָסטו געקליבן היינט? **מיר האָבן געלערנט אין נאָמען פון ר׳ יהושען: מער ווי דער בעל הבית טוט מיטן אָרימאַן [1], טוט דער אָרימאַן מיטן בעל הבית [2], דען אַזוי האָט רות געזאָגט צו נעמין:** שם האיש — דער נאָמען פון דעם

---

**וואַרשיינלעך, געבראַכט, נאָר כדי אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונג פונעם אינהאַלט. לויטן** עץ יוסף ווערט דער פסוק געבראַכט צו ווייזן, ווי שטאַרק רות איז געווען, אַז זי האָט געקענט **נעמען אַזאַ משא אויף זיך.**

ט. [1] **אין זין פון פאַרן אָרימאַן, פאַר זיין טובה וועגן, און אַזוי אויך ווייטער.** [2] **דען**

מאָן וואָס איך האָב היינט געטאָן מיט איס, און זי האָט ניט געזאָגט: „וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר״, נייערט וואָס איך האָב געטאָן מיט אים: „אַ סך טואונגען און אַ סך טובות האָב איך אים געטאָן דורך דעם וואָס ער האָט מיר געגעבן צו עסן איין ביסן״. ר׳ יוסי האָט געזאָגט: [אין פּסוק שטייט (ויקרא כו, מג):] יען וביען — ווייל און באַווייל [3], — יען איז דאָסזעלבע וואָס עני [4], אַן אָרימאַן. ר׳ שילה פון נווה [5] האָט געזאָגט: דער אביון, — דיין פאַרמעגן איז ביי אים [6]. ר׳ נחמן האָט געזאָגט: אין פּסוק שטייט (דברים טז, י): כי בגלל — דען צוליב דערדאָזיקער זאַך, — ס׳איז אַ ראָד [7] וואָס דרייט זיך אויף דער וועלט פאַר איטלעכן, אָט ווי די שעפּ־ראָד פון אַ ברונעם, — דער פולער [עמער] ווערט אויסגעליידיקט, דער ליידיקער ווערט אָנגעפילט. בר קפרא האָט געזאָגט: ניטאָ דער מענטש, וואָס זאָל ווען ניט איז ניט אָנקומען אויף דעמדאָזיקן גורל [8]; און אויב ניט ער, קומט זיין זון, און אויב ניט זיין זון, קומט זיין זונס זון.

מיר האָבן געלערנט: ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט: די נקמה פון די געצנ־דינער איז אין דער האַנט פון ישראל, און די נקמה פון ישראל איז אין דער האַנט פון זייערע אָרימע לייט. „די נקמה פון די געצנדינער איז אין דער האַנט פון ישראל״, ווי דער פּסוק זאָגט (יחזקאל כה, יד): ונתתי — און איך וועל טאָן מיין נקמה אין אדום דורך דער האַנט פון מיין פאָלק ישראל. „די נקמה פון ישראל איז אין דער האַנט פון זייערע אָרימע לייט״, ווי דער פּסוק זאָגט (דברים טו, ט): וקרא עליך — און ער וועט רופן וועגן דיר צו גאָט, און עס וועט זיין אויף דיר אַ זינד. ר׳ אבון האָט געזאָגט: דערדאָזיקער אָרימאַן שטייט ביי דיין טיר, און הקדוש ברוך הוא שטייט ביי זיין רעכטער האַנט. האָסטו אים געגעבן, וועט דער וואָס שטייט ביי זיין רעכטער האַנט דיך בענטשן; אלא ניט, איז ער אָנגעברייט געצאָלט צו נעמען פון דעמדאָזיקן מענטשן, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים קט, לא): כי יעמוד — דען ער שטייט ביי דער רעכטער האַנט פונעם אביון.

ר׳ אבהו האָט געזאָגט: מיר דאַרפן זיין דאַנקבאַר די שווינדלערס וואָס צווישן זיי [9]. — מע דערציילט: ר׳ יוחנן און ריש לקיש האָבן אָראָפּגעגנידערט זיך צו באָדן אין די בעדער פון טבריה, און ס׳האָט זיי באַגעגנט אַן אָרימאַן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „טוט אַ מצווה אין מיר״. האָבן זיי געזאָגט: „ווען מיר וועלן אַרויסגיין, וועלן מיר טאָן אַ מצווה אין דיר״. אַז זיי זיינען אַרויס, האָבן זיי אים געפונען אַ געשטאָרבענעם. האָבן זיי געזאָגט: „וויבאַלד מיר האָבן ניט געטאָן קיין מצווה אין אים ביי זיין לעבן, לאָמיר זיך אָפּגעבן מיט אים נאָך זיין טויט״. אַז זיי האָבן זיך געשטעלט אים אָפּוואַשן, האָבן זיי געפונען אַ בייטל רענדלעך ביי אים. האָבן זיי געזאָגט: „ריכטיק האָט ר׳ אבהו [10] געזאָגט: מיר דאַרפן זיין דאַנקבאַר די שווינדלערס וואָס צווישן זיי; דען ווען ניט די שווינדלערס צווישן זיי, איז וויבאַלד איינער פון זיי וואָלט געבעטן צדקה, און מע וואָלט אים ניט געגעבן, אַזוי גלייך וואָלט מען באַשטראָפט געוואָרן מיט טויט״.

היום, ולא אמרה: „אשר עשה עמי״, אלא אשר עשיתי עמו: „הרבה פעולות והרבה טובות עשיתי עמו בשביל שהאכילני פרוסה אחת״.

אמר ר׳ יוסי: יען — וביען, הוא יען, הוא עני. א״ר שילה דנווה: האביון הונך ביה. אמר ר׳ נחמן: כתיב (דברים ט״ז): כי בגלל הדבר הזה, — גלגל הוא שחוזר בעולם על הכל, דמי לגלגל אנטיליה: דמלא מתרוקן, דמתרוקן מתמלי. בר קפרא אמר: אין לך אדם, שאינו בא למידה זו; ואם לאו הוא, בא בנו; ואם לאו בנו, בא בן בנו.

תני: ר׳ אליעזר בן יעקב אומר: נקמתן של עובדי כוכבים ביד ישראל, ונקמתן של ישראל ביד ענייהן. „נקמתן של עובדי כוכבים ביד ישראל״, שנאמר (יחזקאל כ״ה): ונתתי את נקמתי באדום ביד עמי ישראל. „נקמתן של ישראל ביד ענייהן״, שנאמר (דברים ט״ו): וקרא עליך אל ה׳ והיה בך חטא. א״ר אבון: העני הזה עומד על פתחך, והקב״ה עומד על ימינו. אם נתת לו, זה שעומד על ימינו מברכך; ואם לאו, הוא עתיד ליפרע מאותו האיש, שנאמר (תהלים ק״ט): כי יעמוד לימין אביון.

א״ר אבהו: צריכין אנו להחזיק טובה לרמאין שבהן. דלמא: ר׳ יוחנן וריש לקיש הוי נחתי מסחו בהדא דמוסיין דטבריא, ופגע בהון חד מסכן. אמר להון: „זכון בי״. אמרין ליה: „כי נפקין, זכיין בך״. נפקון, אשכחון יתיה דמית. אמרין: „הואיל ולא זכינן ביה בחיוהי, נטפל במיתתיה״. כי קיימין מסחיין יתיה, אשכחין כיס דדנרי גביה. אמרין: „יאות א״ר אבהו: צריכין אנו להחזיק טובה לרמאין שבהן; שאילו לא הרמאין שבהן, כיון שרואה אדם אחד מהן שואל צדקה ממנו ולא היה נותן לו, מיד נענש למיתה״.

י

(ב, כ) ותאמר נעמי לכלתה: ברוך הוא לה׳ אשר לא עזב חסדו את החיים, שזן ופרנס את החיים, ואת המתים, שנטפל

---

י

(ב, כ) ותאמר נעמי — האט נעמי געזאגט צו איר שנור: געבענטשט זאל ער זיין פון גאט, וואס האט ניט פארלאזן זיין חסד מיט די לעבעדיקע, דען ער האט געשפייזט און אויסגעהאלטן די לעבעדיקע; און מיט די טויטע, דען

ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זייערע תכריכים[1]. ותאמר לה נעמי — און נעמי האָט איר געזאָגט: דער מאַן איז אונדזערער אַ קרוב, פון אונדזערע אויסלייזערס איז ער. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: [קום און זע, ווי גרויס איז דער כוח פון צדקה:] בועז איז געווען אַ גדול הדור, און די פרוי האָט אים געמאַכט פאַר אַ קרוב, ווי דער פסוק זאָגט: דער מאַן איז אונדזערער אַ קרוב[2].

יא

(ב, כא) ותאמר — האָט רות די מואבישע געזאָגט: אויך האָט ער מיר געזאָגט: מיט די יונגען וואָס ביי מיר זאָלסטו זיך האַלטן. ר׳ חנין בר לוי האָט געזאָגט: זי איז טאַקע אַ מואבישע[1], — ער האָט געזאָגט (ב, ח): וכה — און אַזוי זאָלסטו זיך האַלטן אָן מיינע מיידלעך, און זי האָט געזאָגט: מיט די יונגען וואָס ביי מיר!

(ב, כג) ותדבק — און זי האָט זיך געהאַלטן אָן בועזעס מיידלעך [צו קלייבן ביזן סוף פון גערשטנשניט און ווייצשניט]. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: פון אָנהייב גערשטנשניט ביזן סוף ווייצשניט איז דריי חדשים[2]. ותשב — און זי איז געזעסן מיט איר שוויגער. (ג, א־ב) ותאמר לה — האָט געזאָגט צו איר נעמי איר שוויגער: זאָל איך דיר ניט אָפּזוכן אַ אָפּרו — — — ? און אַצינד, איז ניט בועז אונדזערער אַ קרוב?[3]

יב

(ג, ג) ורחצת — זאָלסטו זיך אָפּוואַשן און זיך באַזאַלבן, — זאָלסטו זיך אָפּוואַשן פון דער שמוץ פון דיין עבודה זרה; און זיך באַזאַלבן, דאָס מיינט [טאָן] מצוות און צדקות; ושמת — און זאָלסט אָנטאָן דיינע קליידער אויף דיר, — איז זי דען געווען באַקעט? נייערט דאָס מיינט מען די קליידער פון

---

דאָס פאַרמעגן פונעם בעל הבית האָלט זיך ביי אים אין זכות פון זיין צדקה געבן. [3] ווייל זיי האָבן פאַראַכט די געזעצן פון גאָט, דעריבער וועט אויף זיי קומען די שטראָף פון דער תוכחה. [4] ביידע האָבן די זעלבע אותיות, איז עס אַ רמז, אַז די שטראָף פון דער תוכחה וועט קומען הויפּטזעכלעך צוליב עובר זיין אויף דער מצווה פון צדקה געבן. [5] אַ שטאָט אין מזרח פון ים כינרת. [6] איז אָפּהענגיק אָן אים, אָן דיין באַהאַנדלען אים. [7] גלגל — בגלל. [8] צו אָרימקייט. [9] צווישן די אָרימעלייט. [10] ר׳ יוחננס חשובסטער תלמיד.

י. [1] גאָט האָט געזען, אַז נעמיס שניר, וואָס זיינען געבליבן מיט הוילע הענט, זאָלן דאָך האָבן אויף תכריכים פאַר זייערע געשטאָרבענע מענער (עץ יוסף). [2] עס מיינט, אַז כאָטש ער איז געווען דער גדול הדור, און לויטן שטייגער פון דער וועלט וואָלט זי זיך געדאַרפט יחסענען מיט אים, פונדעסטוועגן רעדט זי אַזוי, ווי זיין יחוס וואָלט אָנגעהאַנגען אָן זיי (ניט זיי זענען זיינע קרובים, נאָר ער איז זייערער אַ קרוב), און דאָס איז ווי ר׳ יהושע זאָגט אין פריערדיקן סימן, אַז מער ווי דער בעל הבית טוט מיטן אָרימאַן, טוט דער אָרימאַן מיטן בעל הבית. — די פראַזע „בוא וראה, קום און זע — — —״ איז צוגעגעבן לויט ילקוט רות; אָן דעם בלייבט ר׳ שמואל בר נחמנס פליאה אָן אַ מאָטיווירונג (זע יפה ענף).

יא. [1] ד״ה: זי האָט נאָך אַלץ אין זיך די מואבישע זיטן, און אין דעם וואָס דער פסוק דערמאָנט מיטאַמאָל איר אָפּשטאַם איז דאָ אַ רמז אויף דעם. [2] די צייט וואָס אַן אלמנה דאַרף וואַרטן איידער זי קען חתונה האָבן, כדי צו מאַכן זיכער, צי טראָגט זי ניט פון איר געשטאָרבענעם מאַן (אָנגענומען, אַז זיי זיינען אַוועק פון מואב גלייך נאָכן טויט פון נעמיס זין) — מהרז״ו. [3] דידאָזיקע פסוקים, וואָס האָבן ניט אויף זיך קיין מדרש, קומען דאָ כדי אָנצוהאַלטן די אינהאַלטלעכע פאַרבינדונג, ווי אויבן, סימן ח (זע דאָרט באַמערקונג 2).

בתכריכיהון. ותאמר לה נעמי: קרוב לנו האיש, מגואלינו הוא, — אמר ר׳ שמואל בר נחמן: [**בוא וראה, כמה גדול כחה של** צדקה:] **בועז גדול הדור היה, והאשה עשתה אותו קרוב,** שנאמר: קרוב לנו האיש.

יא

(ב, כא) ותאמר רות המואביה: גם כי אמר אלי: עם הנערים אשר לי תדבקין. **א״ר חנין בר לוי: בודאי מואביה היא זו, — הוא אמר**: וכה תדבקין עם נערותי, **והיא אמרה**: עם הנערים אשר לי!

(ב, כג) ותדבק בנערות בעז [ללקט עד כלות קציר השעורים וקציר החטים]. **א״ר שמואל בר נחמן: מתחילת קציר שעורים עד כלות קציר החטים שלשה חדשים.** — ותשב את חמותה. (ג, א־ב) ותאמר לה נעמי חמותה: בתי, הלא אבקש לך מנוח — — — ועתה, הלא בעז מודעתנו — — —

יב

(ג, ג) ורחצת וסכת, — ורחצת **מטנופת עבודת כוכבים שלך**; וסכת, **אלו מצוות וצדקות**; ושמת שמלותיך עליך, — **וכי ערומה היתה? אלא אלו בגדי שבתא. מכאן אמר ר׳ חנינא: צריך אדם להיות לו שני עטפים, אחד לחול ואחד לשבת. וכך דרשה ר׳ שמלאי בצבורא. בכון חבריא; אמרו: „כעטיפתנו בחול, כך עטיפתנו בשבתא״. אמר להון: „צריכין אנו לשנות״.**

וירדת הגרן, — **אמרה לה: „זכותי תרד עמך״. ד״א**: וירדת הגורן, — **מכאן, שאין עושין גרנות אלא בנמוך שבעיר.**

---

שבת. פון דעם האָט ר׳ חנינא געזאָגט: אַ מענטש דאַרף האָבן צווייערליי אָנטועכצן, איינס אויף דער וואָך און איינס אויף שבת. און אַזוי האָט עס ר׳ שמלאי געדרשנט פאַרן עולם. האָבן די חברים געוויינט און געזאָגט: „אַזוי ווי אונדזער אָנטועכץ אין דער וואָכן, אַזוי איז אונדזער אָנטועכץ אום שבת״. האָט ער געזאָגט צו זיי: „מיר דאַרפן מאַכן אַ שינוי״[1].

וירדת — און זאָלסט אַראָפּנידערן צום שייער, זי האָט געזאָגט צו איר: „מיין זכות וועט אַראָפּנידערן מיט דיר״[2]. אַן אַנדער פשט: און זאָלסט אַראָפּנידערן צום שייער, — פון דאַנען איז געדרונגען, אַז מע מאַכט ניט קיין שייערן, נייערט אין נידעריקן טייל פון שטאָט[3].

---

יב. [1] עפּעס אַן איבערבייט אין די בגדים, עס זאָל זיין אַנדערש לכבוד שבת (זע בראשית רבה יא, אָנהויב סימן ב). [2] דער כתיב איז וירדתי, און איך וועל אַראָפּנידערן. [3] ווייל ביים ווינטשופלען וועט דער ווינט, וואָס איז שטאַרקער אין דער הייך, אַוועקטראָגן

מע דערציילט: ר׳ שמעון בן חלפתא האָט גענומען פון ר׳ חייאן אַ פעלד [אין אַרענדע][4]. האָט ער אים געפרעגט: „וויפיל גיט עס אַרויס?״ האָט ער אים געזאָגט: „הונדערט כור״[5]. האָט ער פאַרזייט און אַריינגענומען [די תבואה], און עס האָט אַריינגעבראַכט ווייניקער פון הונדערט. האָט ער געזאָגט צו אים: „האָט ניט מיין האַר געזאָגט, אַז עס ברענגט אַריין הונדערט כור?״[6] האָט ער אים געזאָגט: „יאָ״. האָט ער געזאָגט צו אים: „איך האָב פאַרזייט און אַריינגענומען, און עס האָט אַריינגעבראַכט ווייניקער פון הונדערט״. האָט ער אים געזאָגט: „וואו האָסטו געמאַכט דעם שייער?״ האָט ער געזאָגט: „אין העכסטן אָרט פון דער שטאָט״. האָט ער אים געזאָגט: „שטייט דען ניט אַזוי געשריבן: און דו זאָלסט אַראָפּ־נידערן צום שייער?״ פונדעסטוועגן איז ער אַוועק און האָט איבערגעווינטשופלט [די פּליעווע], און עס האָט אים אַריינגעבראַכט דאָס איבעריקע.

יג

(ג, ד־ה) ויהי — און עס וועט זיין ווי ער וועט זיך לייגן, [אַזוי זאָלסטו זיך דערוויסן דאָס אָרט] — — —. און זי האָט געזאָגט צו איר: אַלץ וואָס דו זאָגסט צו מיר וויל איך טאָן]. אלי, צו מיר, איז דער קרי, אָבער ניט דער כתיב[1]. זי האָט געזאָגט צו איר[2]: „טאָמער וועט קומען איינער פון די הינט[3] און מיך מאַנס זיין? נאָך אַלעמען, איך מוז די זאַך באַוואָרענען״[4].

יד

(ג, ו) ותרד — און זי האָט אַראָפּגענידערט צום שייער. וועגן מואב שטייט געשריבן (ירמיה מח, ל): אני ידעתי — איך ווייס, זאָגט גאָט, זיין חוצפה[1], אָבער ניט אַזוי זיינע צוויגן[2]; ניט אַזוי האָבן זיי געטאָן. ר׳ חנינא[3] בר פפא און ר׳ סימון און די רבנן [טייטשן דעם פסוק]. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: דער אָנהייב פון פאַרגיין אין טראָגן[4] מיט מואב[5], איז ניט געווען צוליב זנות, נייערט פון גאָטס וועגן[6], ווי דער פסוק זאָגט: ניט אַזוי האָבן זיינע צוויגן געטאָן — פון גאָטס וועגן, נייערט צוליב זנות, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כה, א): וישב ישראל — און ישראל איז געזעסן אין שיטים, און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן מזנה צו זיין מיט די טעכטער פון מואב[7]. [ר׳ סימון] און די רבנן[8] זאָגן: דער אָנהייב פון פאַרגיין אין טראָגן מיט מואב איז ניט

---

צוזאַמען מיט דער פּליעווע אויך אַ טייל פון דער תבואה (מתנות כהונה). — גורן, שייער, ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי אַ האַרטער פּלזיקער באָדן אויף צו דרעשן תבואה. [4] לויט מאַנכע מפרשים — געקויפט. דאָס שטימט אָבער ניט מיטן פאַקט פון זיין אָרימקייט (זע אויבן, ה, ז). [5] אַ מאָס אַזאַ (זע מלכים א, ה, ב). [6] אין אַלע אויסגאַבעס איז דער נוסח פאַרגרייזט, און עס לייענט זיך אַזוי: אמר לו: לא אמר מרי, דהיא עבדא מאה כורין? זרעת ואעלת ועבדת פוריה מאה״. אמר לו: „אין״. אמר לו: „והיא עבדת פוריה!״ און דער עץ יוסף, זיך שטיצנדיק אויפן אות אמת, וויל די איבערחזרונג פון „זרעת — — —״ אַרויסלאָזן. מיר האָבן עמענדירט דעם טעקסט לויט מתנות כהונה און יאַסטראָוו.

יג. [1] אין טעקסט איז דאָס וואָרטאלי, צו מיר, ניטאָ, נייערט מע דאַרף עס לויט דער מסורה לייענען, ווערט דאָס אויספעלן פונעם וואָרט געטייטשט, ווי נעמיס ווערטער וואָלטן ניט געקראָגן איר פערזענלעכע הסכמה, און זי טוט וואָס זי הייסט איר קעגן איר ווילן. [2] רות צו נעמין. [3] אויסוואָרפן. [4] פון דעם וואָס אין פסוק שטייט צוערשט און זי האָט אַראָפּגענידערט צום שייער, און ערשט נאָכדעם — און זי האָט געטאָן ווי אַלץ וואָס

דלמא: ר׳ שמעון בן חלפתא קבל מר׳ חייא חדא חקל. אמר לו: „כמה היא עבדא?״ אמר לו: „מאה כורין״. זרעה ואעל, ועבדת (פריה) [פרא] ממאה. אמר לו: „לא אמר לי מרי, דהיא עבדא מאה כורין?״ אמר לו: „אין״ אמר לו: „זרעית ואעלית, ועבדת פרא ממאה״. אמר לו: „הן אקימתא אדרא?״ אמר: „בגבוה שבעיר״. אמר לו: „ולא כן כתיב: וירדת הגרן?״ אף על פי כן אזל נפיחה, והיא עבדא שארא.

יג

(ג, ד־ה) ויהי בשכבו — — —. ותאמר אליה: כל אשר תאמרי אלי, — אלי קרי, ולא כתיב: אמרה לה: „שמא יבא אחד מן הכלבים ויזדווג לי? ואף על פי כן עלי לישב הדברים״.

יד

(ג, ו) ותרד הגרן. במואב כתיב (ירמיה מ״ח): אני ידעתי, נאם ה׳, עברתו, ולא כן בדיו, לא כן עשו. — ר׳ חנינא בר פפא ור׳ סימון ורבנן. ר׳ חנינא אמר: תחילת עיבורו של מואב לא היה לשם זנות, אלא לשם שמים, שנאמר: לא כן בדיו — — — עשו — לשם שמים, אלא לשם זנות, שנאמר (במדבר כ״ה): וישב ישראל בשטים, ויחל העם לזנות אל בנות מואב. [ר׳ סימון] ורבנן אמרי: תחילת עיבורו של מואב לא היה לשם שמים,

---

איר שוויגער האָט איר געהייסן, דרינגט דער תנחומא (בהר, ג), אַז זי האָט ניט פּינקטלעך דורכגעפירט דער שוויגערס רייד, נייערט זי איז אַוועק צום שייער אין די געוויינלעכע קליידער, ניט צו ציען אויף זיך די בליקן פון די אויסוואָרפן, און ערשט דאָרט האָט זי זיך אויסגעפּוצט.

יד. [1] עברתו; געטייטשט לויט יהואש, וואָס פּאַסט זיך צוביידע ווייטערדיקע אויס־טייטשונגען: דאָס פאַרגיין אין טראָגן (ר׳ חנינא), אָדער זיין זינדיקייט (ר׳ סימון און די רבנן). די ווייטערדיקע טיילן פונעם פּסוק ווערן איבערגעזעצט ניט לויטן פּשט, נייערט לויט דער ווייטערדיקער דרשה. [2] די וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון אים (לויט ר׳ חנינא — די בנות מואב, וואָס האָבן פאַרפירט די יידן אין משהס טעג; לויט ר׳ סימון און די רבנן — רות). [3] אין בראשית רבה (נא, י) איז דער נוסח ר׳ הונא בר פפּא, און אַזוי אויך אין ילקוט בראשית; אין ילקוט ירמיהו איז דער נוסח ווי אונדזערער. און ער שיינט צו זיין דער ריכטיקער (זע מ. מרגליות, אנציקלופדיה לחכמי התלמוד). [4] עיבורו — עברתו. [5] ווען לוטס טעכטער האָבן אָנגעשכורט זייער פאָטער און זיינען פאַרגאַנגען אין טראָגן פון אים. [6] לשם מצווה: מיינענדיק, אַז די גאַנצע וועלט איז אונטערגעגאַנגען, האָבן זיי געוואָלט אָפּראַטעווען דעם מין מענטש אויף דער וועלט. [7] און אויב וועגן יענע טעכטער פון מואב שטייט, אַז זיי האָבן ניט געטאָן אַזוי ווי זייערע שטאָם מוטערס, לוטס טעכטער, איז פון דעם געדרונגען, אַז לוטס טעכטער האָבן עס געטאָן פון גאָטס וועגן. [8] אין בראשית רבה ווערן די רבנן ניט דערמאָנט, און אין די טעקסטן פון אונדזער מדרש ווערט ר׳ סימון נאָר דערמאָנט צום אָנהייב, אָבער זיינע רייד ווערן נאָכדעם ניט איבער־געגעבן. אָבער אַזוי ווי ר׳ סימונס ווערטער אין בראשית רבה שטימען מיט די ווערטער פון די רבנן אין אונדזער מדרש, און אויבן ווערט ר׳ סימון יאָ דערמאָנט, האָבן מיר זיי

געוועזן פון גאָטס וועגן, נייערט צוליב זנות [9], ווי דער פסוק זאָגט: עברתו — זיין זינדיקייט, אָבער ניט אַזוי זיינע צווייגן, זיינע צווייגן האָבן ניט אַזוי געטאָן, נייערט פון גאָטס וועגן, ווי דער פסוק זאָגט: ותרד — און זי האָט אַראָפּגעניִדערט צום שייער און האָט געטאָן ווי אַלץ וואָס איר שוויגער האָט איר געהייסן [10].

## טו

(ג, ז) ויאכל בועז — און בועז האָט געגעסן און געטרונקען, און אים איז געווען גוט אויפן האַרצן. פון וואָס איז אים געווען גוט אויפן האַרצן? ווייל ער האָט געבענטשט נאָכן עסן. אַן אַנדער פשט: און אים איז געווען גוט אויפן האַרצן, דען ער האָט געגעסן אַלערליי זיסקייטן נאָך דער שפּייז, און דאָס פירט די צונג צו [לערנען] תורה [1]. אַן אַנדער פשט: און אים איז געווען גוט אויפן האַרצן, דען ער האָט זיך פאַרנומען מיט דברי תורה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיט, עב): טוב לי — ס'איז מיר גוט די תורה פון דיין מויל [2]. אַן אַנדער פשט: און אים איז געווען גוט אויפן האַרצן, דען ער האָט [געטראַכט וועגן] זוכן זיך אַ ווייב, ווי דער פסוק זאָגט (משלי יח, כב): מצא אשה — דער וואָס האָט געפונען אַ ווייב האָט געפונען גוטס.

ויבא — און ער איז געקומען זיך צו לייגן אין עק פון דעם תבואה־הויפן. ר' יהודה נשיאה [3] האָט געפרעגט ביי ר' פּנחס בר חמא: בועז איז געווען דער גדול הדור, און דו זאָגסט: אין עק פון דעם תבואה הויפן? [4] האָט ער אים געזאָגט: ווייל די מענטשן פון יענעם דור זיינען געווען להוט נאָך זנות, און זיי פלעגן צאָלן די זונות פון די שייערן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (הושע ט, א): אל תשמח — דו זאָלסט זיך ניט פרייען, ישראל, מיט שמחה אַזוי ווי די פעלקער — — — [האָסט ליב געהאַט זונה־לוין אויף אַלע תבואה־שייערן], און ס'איז ניט דער שטייגער פון די צדיקים אַזוי צו טאָן [5]. און ניט דאָס אַליין, נייערט ווייל די צדיקים זיינען ווייט פון גזלה, דעריבער איז זייער פאַרמעגן טייער ביי זיי.

---

ביידן געבראַכט ווי די בעלי המאמר. [9] געטייטשט עברתו לויט עבירה, זינד. [10] איז פון דעם גערדונגען דאָס פאַרקערטע וועגן לוטס טעכטער. — מיר האָבן דעם גאַנצן סימן געביטן לויט בראשית רבה נא, י, ווארום דער טעקסט איז אַלע אויסגאַבן פון רות רבה

**אלא לשם זנות, שנאמר:** עברתו, ולא כן בדיו, — **לא עשו כן בדיו, אלא לשם שמים, שנאמר:** ותרד הגרן ותעש ככל אשר צותה חמותה.

## טו

(ג, ז) ויאכל בעז וישת וייטב לבו. **למה** וייטב לבו? **שבירך על מזונו. ד״א:** וייטב לבו **שאכל** מיני מתיקה **אחר המזון, שהיא** מרגלת לשון לתורה. **ד״א:** וייטב לבו, **שעסק בדברי תורה, שנאמר** (תהלים קי״ט): טוב לי תורת פיך. **ד״א:** וייטב לבו, **שהיה מבקש אשה, שנאמר** (משלי י״ח): מצא אשה, מצא טוב.

ויבא לשכב בקצה הערמה. ר׳ **יהודה נשיאה בעא קומי ר׳ פנחס בר חמא: בועז גדול הדור היה, ואת אמרת:** בקצה הערמה? **אמר לו: לפי שהיו אותו הדור שטופים בזמה, והיו נותנין שכר לזונות מן הגרנות; הה״ד** (הושע ט׳): אל תשמח, ישראל, אל גיל כעמים — — — [אהבת אתנן על כל גרנות דגן], **ואין דרכן של צדיקים לעשות כן. ולא עוד, אלא לפי שהצדיקים רחוקים מן הגזל, ועל כן ממונם חביב עליהם.**

---

איז אינגאַנצן פאַרגרייזט און אומפאַרשטענדלעך (אַ גאַנץ אַנדער נוסח ברענגט דער עץ יוסף אין נאָמען פון „אות אמת״). און כדי דער לערנער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ פאַרגלייך, גיבן מיר דאָ איבער דעם טעקסט ווי ער איז אין די פאַרשיידענע רות רבה אויסגאַבן:

ר׳ חנינא אמר: תחילת עבורה של מואב לא היה לשם שמים, אלא לשם זנות, שנאמר (במדבר כה): וישב ישראל בשיטים, וגו׳. בדיו לא כן עשו — לשם זנות, אלא לשם שמים: „ותעש בדיו״ לא נאמר, אלא לא כן עשו — לשם שמים, אלא לשם זנות: וישב ישראל בשיטים, ויחל העם לזנות. רבנן אמרי: תחילת עיבורה לשם זנות, וסופה לשם שמים, שנאמר: ותרד הגורן ותעש.

דער נוסח אין ילקוט (ירמיה) איז ענלעך צום נוסח אין בראשית רבה.

טו. [1] דאָס לערנען תורה איז זיס, און פיזישע זיסקייט קאָן גורם זיין אַ פאַרלאַנג נאָך גייסטיקער זיסקייט. [2] לויטן פשט: ס׳איז מיר בעסער — — —. [3] דער צווייטער, אַן אייניקל פון ר׳ יהודה נשיאה דעם ערשטן, וואָס איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ יהודה הנשיא, רבי (זע מ. מרגליות, אנציקלופדיה לחכמי התלמוד, די זוכווערטער ר׳ יהודה נשיאה און ר׳ פינחס בר חמא). [4] האָט ער ניט געקענט הייסן זיינע דינערס היטן די תבואה? [5] האָט ער געהיט, אַז זיינע דינערס זאָלן זיך ניט פאַרזינדיקן מיט זיין תבואה.

# פרשה ו

## א

### [פתיחתא א] [1]

(תהלים קיט, סב) חצות לילה — האַלבע נאַכט שטיי איך אויף דיר צו דאַנקען פאַר די משפטים פון דיין גערעכטיקייט. ר׳ פינחס אין נאָמען פון ר׳ אליעזר בן יעקב [האָט געזאָגט]: אַ האַרף און אַ גיטאַר זיינען געלעגן ביי דודן צוקאָפּנס, און ווי נאָר עס פלעגט קומען האַלבע נאַכט, אַזוי פלעגט ער אויפשטיין און שפּילן אויף זיי. ר׳ לוי האָט געזאָגט: אַ האַרף איז געהאַנגען, אא״וו [2]. פאַר די משפטים פון דיין גערעכטיקייט, די משפטים וואָס דו האָסט געבראַכט אויף פּרעהן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יג, יז): וינגע ה׳ — און גאָט האָט געפּלאָגט פּרעהן מיט גרויסע פּלאָגן, און די גערעכטיקייטן וואָס דו האָסט געטאָן מיט אברהמען און שרהן [3]. אַן אַנדער פשט: פאַר די משפטים פון דיין גערעכטיקייט, די משפטים וואָס דו האָסט געבראַכט אויף די מצרים, און די גערעכטיקייטן וואָס דו האָסט געטאָן מיט אונדזערע עלטערן אין מצרים; דען זיי האָבן ניט געהאַט קיין מצוות זיך אָפּצוגעבן מיט זיי, אַז זיי זאָלן [אין דעם] זכות אויסגעלייזט ווערן. האָסטו זיי געגעבן צוויי מצוות זיך אָפּצוגעבן מיט זיי, און זיי זאָלן אויסגעלייזט ווערן, און דאָס זיינען זיי: דאָס בלוט פון קרבן פסח און דאָס בלוט פון מילה [4]. ר׳ לוי האָט געזאָגט: יענע נאַכט האָט זיך אויסגעמישט דאָס בלוט פונעם קרבן פסח מיטן בלוט פון מילה, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל טז, ו): ואעבר עליך — און איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיר און האָב דיך געזען זיך וואַלגערנדיק אין דיין בלוט, און איך האָב געזאָגט צו דיר: אין דיין בלוט לעב! יאָ, איך האָב געזאָגט צו דיר: אין דיין בלוט לעב! [5] אַן אַנדער פשט: פאַר די משפטים פון דיין גערעכטיקייט, די משפטים וואָס דו האָסט געבראַכט אויף די עמונים און מואבים [6], און די גערעכטיקייטן וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיין זיידן און מיט מיין באָבען [7]; וואָרום ווען ער וואָלט זיך נאָר צוגעאיילט מיט איין קללה אויף איר [8], פון וואַנען וואָלט איך אַרויסגעקומען? האָסטו אים אַריינגעגעבן [אַ געדאַנק] אין האַרצן, און ער האָט זי געבענטשט, ווי דער פסוק זאָגט (ג, י): ברוכה את — געבענטשט פון גאָט זאָלסטו זיין, מיין טאָכטער.

### [פתיחתא ב] [9]

(משלי כט, כה) חרדת אדם — שרעק פאַר אַ מענטשן לייגט אַ שטרויכלונג, אָבער דער וואָס האָט ביטחון אין גאָט ווערט באַשיצט. — ר׳ עקיבא איז געגאַנגען קיין רוים. האָט ער געזאָגט צו זיין הויז מענטש: „גיי קויף מיר עפּעס אַ גלייכע זאַך [10] אין מאַרק״. איז ער אַוועק און האָט אים געבראַכט

# פרשה ו

## א

### [פתיחתא א]

(תהלים קי״ט) חצות לילה אקום להודות לך על משפטי צדקך. ר׳ פנחס בשם ר׳ אליעזר בן יעקב: כנור ונבל היו נתונים מראשותיו של דוד, וכיון שהיה מגיע בחצות לילה, היה עומד ומנגן בהם. א״ר לוי: כנור היה תלוי, וכו׳. על משפטי צדקך, משפטים שהבאת על פרעה, שנאמר (בראשית י״ג): וינגע ה׳ את פרעה נגעים גדולים, וצדקות שעשית עם אברהם ושרה. דבר אחר: על משפטי צדקך, משפטים שהבאת על מצריים, וצדקות אשר עשית עם אבותינו במצרים, שלא היו בידם מצוות להתעסק בהן ויגאלו; ונתת להם שתי מצוות שיתעסקו בהן ויגאלו, ואלו הן: דם פסח ודם מילה. א״ר לוי: באותו הלילה נתערב דם הפסח בדם המילה, שנאמר (יחזקאל ט״ז): ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך: בדמיך חיי! ואומר לך: בדמיך חיי! ד״א: על משפטי צדקך. משפטים שהבאת על עמונים ומואבים, וצדקות שעשית עם זקני ועם זקנתי; שאילו החיש לה קללה אחת, מאין הייתי בא? ונתת בלבו וברכה, שנאמר: ברוכה את לה׳, בתי.

### [פתיחתא ב]

(משלי כ״ט) חרדת אדם יתן מוקש, ובוטח בה׳ ישוגב. ר׳ עקיבא הוה סליק לרומי. אמר לבר בייתיה: „אזל זבן לי חדא מילא דשוויא מן שוקא״. אזל ואייתי ליה ציפרין. אמר לו: „מפני מה שהית לצוד?״ אמר לו: „מפני שהן מחרידות את האדם״. קרא עליו

---

פייגל. האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס האָט עס דיר אַזוי לאַנג גענומען זיי צו כאַפּן?״ [11] האָט ער אים געזאָגט: „ווייל זיי וואַרפן אַן אַ שרעק אויפן

---

א. [1] זע ווייטער, באַמערקונג 9. [2] זע איכה רבה ב, כב (אין אונדזער אויסגאַבע זייט 274): ר׳ לוי האָט געזאָגט: אַ האַרף איז געהאַנגען איבער דודס בעט, און ווי ס׳איז געקומען האַלבע נאַכט, אַזוי האָט אַ צפון ווינט געבלאָזן אויף איר, און זי פלעגט שפּילן פון זיך אַליין. — זע אויך בבלי ברכות ג, ב, און ירושלמי ברכות א, א. [3] משפטים מיינט שטראָפן, און צדק, גערעכטיקייט, בינדט זיך מיט חסד, גוטס־טואונג, לייענט דעריבער

מענטשן״ [12]. האָט ער געלייענט אויף אים דעמדאָזיקן פּסוק: שרעק פאַר אַ מענטשן ליגט אַ שטרויכלונג [13]. [אַן אַנדער פּשט [14]: דער פּסוק באַציט זיך אויף דער] שרעק, וואָס יעקב האָט איבערגעשראָקן יצחקן, ווי אין פּסוק שטייט (בראשית כז, לג): ויחרד יצחק — און יצחק האָט אויפגעציטערט מיט אַ זייער גרויס ציטערניש, און געזאָלט האָט ער אים שילטן. נייערט — ובוטח בה׳ — אָבער דער וואָס האָט ביטחון אין גאָט ווערט באַשיצט; האָסטו אים אַריינגעגעבן [אַ געדאַנק] אין האַרצן, און ער האָט אים געבענטשט, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט): גם ברוך — און געבענטשט וועט ער זיין. [אויך קאָן זיך דער פּסוק באַציען אויף דער] שרעק וואָס רות האָט איבער־געשראָקן בועזן, ווי אין פּסוק שטייט(ג, ח): ויחרד האיש — און דער מאַן האָט אויפגעציטערט און אויפגעצאַפּלט. און געזאָלט האָט ער זי שילטן. נייערט, — אָבער דער וואָס האָט ביטחון אין גאָט ווערט באַשיצט; האָסטו אים אַריינגעגעבן אַ געדאַנק אין האַרצן, און ער האָט זי געבענטשט, ווי דער פּסוק זאָגט: געבענטשט פון גאָט זאָלסטו זיין, מיין טאָכטער.

[15] וילפת (און ער האָט אויפגעצאַפּלט), — זי האָט אים אַרומגעכאַפּט ווי אַן אויסשלאַג [16]. האָט ער אָנגעהויבן באַטאַפּן אירע האָר; ער האָט געזאָגט: „רוחות האָבן ניט קיין האָר״. האָט ער געזאָגט צו איר: „ווער ביסטו? אַ רוח, צי אַ פרוי?״ האָט זי געזאָגט: „אַ פרוי״. „פריילעדיק אָדער אַן אשת איש?״ האָט זי אים געזאָגט: „פריילעדיק״. „אומריין [17], אָדער ריין?״ האָט זי אים געזאָגט: „ריין״, — והנה — און ערשט אַ פרוי, די ריינסטע פון אַלע פרויען [18], ליגט אים צופוסנס, (ב, ט) ויאמר [19] — און ער האָט געזאָגט: ווער ביסטו? האָט זי געזאָגט: איך בין רות דיין דינסט — — —. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: פאַרשאָלטן זאָלן זיין די רשעים! דאָרטן שטייט געשריבן (בראשית לט, יב): ותתפשהו — און זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר זיין קלייד, אַזוי צו זאָגן: ליג מיט מיר. אָבער דאָ: און זאָלסט אויסשפּרייטן דיין פאָלע איבער דיין דינסט [20].

---

דער בעל המדרש די פראַזע ווי צוויי באַזונדערע זאַכן, ווי ס׳וואָלט געווען געשריבן: „דיינע משפטים און דיין גערעכטיקייט״. [4] אויפן סמך פונעם פּסוק (יהושע ה, ב): ושוב מל — און מל ווידער די קינדער פון ישראל, אַ צווייט מאָל. ווערט געדרשנט, אַז ביים אַרויסגיין פון מצרים זיינען אַלע יידן געמלט געוואָרן (יבמות עא, ב). [5] דאָס וואָס די פראַזע אין דיין בלוט לעב קומט צוויי מאָל ווערט געדרשנט אויף די צוויי מינים בלוט, וואָס אין זייער זכות איז ישראל אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות און האָט אָנגעהייבן אַ ניי לעבן. [6] אַז זיי זאָלן ניט קומען אין דער עדה פון גאָט (דברים כג, ד). [7] אייגנטלעך מיטן עלטער זיידן און מיט דער עלטער באָבען, בועז און רות, וועמעס אור־אייניקל, דוד המלך, דער מחבר פון תהלים, איז געווען. [8] עס וואָלט געווען זייער נאַטירלעך, אַז ווען בועז האָט דערפילט פלוצלונג רותן אין דער פינצטער, זאָל ער זיך פאַרלירן און זי שילטן. [9] לויט דער שלוס פראַזע פונעם פריערדיקן פּאַראַגראַף און פון דעם איצטיקן איז צו זען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי באַזונדערע פּתיחתאס צו פּרשה ו. מיר האָבן זיי אָבער געלאָזט אונטער איין סימן (א), כדי אָנצוהאַלטן די סימנים פון דער פּאָפּולערער ראַם אויסגאַבע. [10] עפּעס וואָס וועט צונויף קומען אין וועג. [11] לויט דעם ווי ער האָט זיך געזאַמט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ניט געקויפט האָט ער זיי, נייערט געכאַפּט. [12] זיי אַנטלויפן טיף אין די וועלדער, וואו מענטשן האָבן מורא זיי נאָכצויאָגן, דעריבער דויערט דאָס כאַפּן זיי (יפה ענף). [13] די שטרויכלונג וואָס אַ מענטש לייגט פאַר פייגל וואַרפט אויף

מקרא זה: חרדת אדם יתן מוקש. [ד״א:] חרדה שהחריד יעקב ליצחק דכתיב (בראשית כ״ז): ויחרד יצחק חרדה, ובדין היה שיקללנו. אלא — ובוטח בה׳ ישוגב; נתת בלבו וברכו, שנאמר (שם): גם ברוך יהיה. — חרדה שהחרידה רות לבועז, דכתיב: ויחרד האיש וילפת, ובדין הוא שיקללנה. אלא — ובוטח בה׳ ישוגב; נתת בלבו וברכה, שנאמר: ברוכה את לה׳, בתי.

וילפת, — לפתתו כחזזית. התחיל ממשמש בשערה; אמר: „רוחות אין להם שער״. אמר לה: „מי את, רוח או אשה?״ אמרה: „אשה״. „פנויה את, או אשת איש?״ אמרה לו: „פנויה״. „טמאה את, או טהורה?״ אמרה לו: „טהורה״. — והנה אשה, טהורה מכל הנשים, שוכבת מרגלותיו. (שנאמר) ויאמר: מי את? ותאמר: אנכי רות אמתך, וגו׳. אמר ר׳ ברכיה: ארורים הרשעים! להלן (בראשית ל״ט) כתיב: ותתפשהו בבגדו, לאמר: שכבה עמי; אבל הכא: ופרשת כנפיך על אמתך.

ב

(ג, י) ויאמר: ברוכה את לה׳, בתי; היטבת חסדך האחרון מן הראשון. ר׳ יוחנן וריש לקיש ורבנן. ר׳ יוחנן אמר: לעולם אל ימנע אדם עצמו מלילך אצל זקן לברכו. בועז היה בן שמונים שנה, ולא נפקד. כיון שהתפללה עליו אותה צדקת, מיד נפקד,

---

ב

(ג, י) ויאמר: און ער האָט געזאָגט: געבענטשט פון גאָט זאָלסטו זיין, מיין טאָכטער; דיין לעצטער חסד איז נאָך בעסער פונעם ערשטן. [וועגן דעם זאָגן] ר׳ יוחנן און ריש לקיש און די רבנן. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַ מענטש זאָל זיך קיינמאָל ניט צוריקהאַלטן פון צו גיין צו אַ זקן, ער זאָל אים בענטשן. בועז איז אַלט געווען אַכציק יאָר, און ער איז ניט געדאַכט געוואָרן[1]. וויבאַלד די דאָזיקע צדיקת[2] האָט מתפלל געווען אויף אים, אַזוי איז ער

---

אים אַליין אָן אַ שרעק. [14] לויטן מהרז״ו. [15] דאָ ענדיקט זיך פתיחתא ב, און ס׳דאַרף זיך אָנהייבן אַ נייער סימן; מיר האַלטן אָבער אָן די סימנים איינטיילונג פון דער ראָם אויסגאַבע פון תרצ״ח (זע אויבן, באַמערקונג 9). [16] ווי אַ הויט קראַנקהייט, אַרום און אַרום (ווייזט אויס — אַ פאַלקס ווערטל). —וילפת ווערט דאָ געטייטשט לויטן פסוק (שופטים טז, כט): וילפת שמשון — און שמשון האָט אָנגעכאַפּט די צוויי מיטלסטע זיילן (תנחומא בהר, ג). [17] פון פרויען־שטייגער. [18] משמעות: ריין פון זינדיקע מחשבות. [19] אין די טעקסטן געפינט זיך דאָ דאָס וואָרט שנאמר, ווי עס ווערט געזאָגט, וואָס איז אינגאַנצן איבעריק. מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט לויטן עץ יוסף, וואָס שטיצט זיך אויפן אות אמת. [20] פּוטיפרס ווייב האָט אָפן צוגערעדט יוספן צו זנות, בעת די צדיקת רות, רעדט בלשון נקיה, כאָטש ס׳איז בהיתר.

ב. [1] פאַר גאָט, געבענטשט צו ווערן מיט קינדער. [2] נעמי.

געדאַכט געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (ב, כ): ותאמר נעמי — און נעמי האָט געזאָגט: געבענטשט זאָל ער זיין פון גאָט. ריש לקיש האָט געזאָגט: רות איז אַלט געווען פערציק יאָר, און זי איז ניט געדאַכט געוואָרן זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט מחלונען. וויבאַלד דערדאָזיקער צדיק האָט מתפלל געווען אויף איר, אַזוי איז זי געדאַכט געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט: און ער האָט געזאָגט: געבענטשט פון גאָט זאָלסטו זיין, מיין טאָכטער. און די רבנן זאָגן:ביידע זיינען ניט געדאַכט געוואָרן, נייערט דורך די ברכות פון צדיקים, ווי דער פסוק זאָגט (ד, יא): ויאמרו כל העם — און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין טויער און די עלטסטע האָבן געזאָגט: [מיר זיינען] עדות! זאָל גאָט געבן, אַז די ווייב [וואָס קומט אַן אין דיין הויז זאָל זיין אַזוי ווי רחל און לאה].

היטבת חסדך — דיין לעצטער חסד איז נאָך בעסער פונעם ערשטן, [ניט צו גיין נאָך די בחורים, צי אָרים צי רייך]. ר' שמואל דער זון פון ר' יצחקן האָט געזאָגט: אַ פרוי האָט גיכער ליב אַ בחור אַן אָרימאַן, איידער אַ זקן אַן עושר.

ג

(ג, יא־יב) ועתה — און אַצינד מיין טאָכטער, האָב קיין מורא ניט — — —. און אַצינד, יאָ, אמת, אַז אַן אויסלייזער בין איך; ס'איז אָבער פאַראַן אַן אויסלייזער נעענטער פון מיר. די רבנן און ר' יהושע בן לוי [זאָגן וועגן דעם]. די רבנן האַלטן: טוב [1] און אלימלך און בועז זיינען געווען ברידער. און ר' יהושע האָט געזאָגט: שלמון [2] און אלימלך און טוב זיינען געווען ברידער. האָט מען אים געפרעגט: אָבער אָט שטייט דאָך געשריבן (ד, ג): אשר לאחינו — וואָס האָט געהערט צו אונדזער ברודער, צו אלימלכן [3]? האָט ער געזאָגט צו זיי: אַ מענטש האַלט זיך ניט אָפּ פון צו רופן זיין פעטער ברודער.

ד

(ג, יג) ליני — נעכטיק [דאָ] איבער די נאַכט, די נאַכט נעכטיקסטו אָן אַ מאַן, וועסט אָבער ניט נעכטיקן קיין אַנדער נאַכט אָן אַ מאַן.

והיה — און עס וועט זיין אין דער פרי, אויב טוב [1] וועט דיך אויסלייזן, זאָל ער אויסלייזן; אויב אָבער ער וועט דיך ניט וועלן אויסלייזן, [וועל איך דיך אויסלייזן, ווי גאָט לעבט! ליג ביז אין דער פרי.] [2].

ר' מאיר איז געזעסן און געדרשנט אין בית המדרש פון טבריה, און אלישע זיין רבי [3] איז פאַרבייגעריטן אין גאַס אויף זיין פערד אום שבת. האָט מען געזאָגט ר' מאירן: „זע, אלישע דיין רבי גייט דורך דער גאַס". איז ער אַרויס צו אים. האָט ער [4] געזאָגט צו אים: „וואָס האָסטו געלערנט [5]?" האָט ער אים געזאָגט: „[דעם פסוק] (איוב מב, יב): וה' ברך — און גאָט האָט געבענטשט איובס סוף מער פון זיין אָנהייב". האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס האָסטו געזאָגט וועגן דעם?" האָט ער אים געזאָגט: „ער האָט געבענטשט, דען ער האָט אים געטאָפּלט זיין פאַרמעגן". האָט ער געזאָגט צו אים: „עקיבא דיין רבי האָט ניט אַזוי געזאָגט, נייערט — און גאָט האָט

שנאמר: ותאמר נעמי: ברוך הוא לה׳. ריש לקיש אמר: רות בת ארבעים שנה היתה, ולא נפקדה, כיון שנשאת למחלון. וכיון שהתפלל עליה אותו צדיק, נפקדה, שנאמר: ויאמר: ברוכה את לה׳, בתי. ורבנן אמרין: שניהם לא נפקדו, אלא מברכותיהן של צדיקים, שנאמר: ויאמרו כל העם אשר בשער והזקנים: עדים; יתן ה׳ את האשה — — —.

היטבת חסדך האחרון מן הראשון [לבלתי לכת אחרי הבחורים, אם דל ואם עשיר]. אמר ר׳ שמואל בר רב יצחק: האשה אוהבת בחור מסכן מזקן עשיר.

ג

(ג, יא-יב) ועתה, בתי, אל תיראי — — —. ועתה, כי אמנם, כי גואל אנכי, וגם יש גואל קרוב ממני. רבנן ור׳ יהושע בן לוי. רבנן סבירין: טוב ואלימלך ובועז אחים היו. ור׳ יהושע אמר: שלמון ואלימלך וטוב היו אחים. אתיבון ליה: והא כתיב: אשר לאחינו לאלימלך? א״ל: אין אדם נמנע לקרוא לדודו אחיו.

ד

(ג, יג) ליני הלילה, הלילה הזה את לנה בלא איש, ואין את לנה לילה אחרת בלא איש.

והיה בבקר, אם יגאלך טוב, יגאל; ואם לא יחפץ לגאלך, וגו׳.

ר׳ מאיר הוה יתיב ודריש בהדין מדרשא דטבריא, והוה אלישע רביה גזיז בשוקא רכיב על סוסיא בשבתא. אמרו לר׳ מאיר: „הא אלישע רבך אתי גזיז בשוקא״. נפק לגביה. א״ל: „במה הויתא עסיק?״ א״ל (איוב מ״ב): „וה׳ ברך את אחרית איוב מראשיתו״. אמר ליה: „ומה אמרת ביה?״ אמר ליה: „ברך, שהכפיל לו את ממונו״. אמר ליה: „עקיבא רבך לא היה אומר כן, אלא — וה׳ ברך את אחרית איוב מראשיתו, בזכות תשובה ומעשים טובים שהיו בידו מראשיתו״. א״ל: „ומה אמרת תובן?״

---

געבענטשט איובס סוף פון זיין אָנהייב, — אין זכות פון תשובה און מעשים טובים וואָס ער האָט געהאַט אין זיין האַנט פון זיין אָנהייב״. [און ווידער] האָט ער [6] געזאָגט צו אים: „און וואָס נאָך האָסטו געזאָגט?״ (קוהלת ז, ח):

---

ג. [1] דער מדרש פאַרשטייט דאָס וואָרט טוב (אין פסוק יג) ווי אַ נאָמען: אויב טוב וועט דיך אויסלייזן — — —. [2] בועזס פאָטער (ד, כא). [3] און דאָס זאָגט בועז.

ד. [1] געטייטשט ווי אויבן, סימן ג, און לויט דעם ווערט עס שפּעטער געדרשנט אויפן אייבערשטן — דער גוטער, און לויט דעם האָבן מיר אויך איינגעשטעלט די פּונקטואירונג פונעם פסוק. [2] דער דרש אויף דעמדאָזיקן פסוק קומט צום סוף פון דער מעשה מיט

„טוב — בעסער דער סוף פון אַ זאַך, איידער איר אָנהייב״. האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס האָסטו געזאָגט וועגן דעם?״ האָט ער אים געזאָגט: „עס טרעפט, אַז אַ מענטש קויפט סחורה אין זיין יוגנט, און ער פאַרלירט; און אויף דער עלטער, און ער פאַרדינט אין איר. אַן אַנדער פשט: בעסער דער סוף פון אַ זאַך איידער איר אָנהייב, — עס טרעפט, אַז אַ מענטש טוט שלעכטע מעשים אין דער יוגנט, און אויף דער עלטער טוט ער גוטע מעשים. אַן אַנדער פשט: בעסער דער סוף פון אַ זאַך איידער איר אָנהייב, — עס טרעפט, אַז אַ מענטש לערנט תורה אין זיין יוגנט און פאַרגעסט, און אויף דער עלטער קערט ער זיך אום צו איר. דאָס איז: בעסער דער סוף פון אַ זאַך איידער איר אָנהייב״ [7]. האָט ער געזאָגט צו אים: „עקיבא דיין רבי האָט ניט אַזוי געזאָגט, נייערט — גוט איז דער סוף פון אַ זאַך, ווען עס איז גוט פון זיין אָנהייב [8]. און מיט מיר [9] איז די מעשה געשען.

מיין טאַטע, אבויה, איז געווען פון די גדולי הדור, און אַז ער האָט מיך געדאַרפט מל זיין, האָט ער פאַררופן אַלע גדולים פון ירושלים, און צוזאַמען מיט זיי האָט ער פאַררופן ר׳ אליעזרן און ר׳ יהושען. און אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָבן די אָנגעהייבן זאָגן געזאַנגען, און די האָבן געזאָגט אלף־בית שירים [10]. האָט ר׳ אליעזר געזאָגט צו ר׳ יהושען: „דידאָזיקע זיינען זיך עוסק מיט זייערס [11], זאָלן מיר זיך ניט עוסק זיין מיט אונדזערס?״ האָבן זיי אָנגעהייבן מיט [דרשות אויף] דער תורה, און פון דער תורה [זיינען זיי אַריבער] צו די נביאים, און פון די נביאים — צו כתובים. און די ווערטער זיינען געווען פריידיק, ווי בשעת זיי זיינען געגעבן געוואָרן פון באַרג סיני, און פייער האָט געפלאַמט אַרום זיי, — זיינען זיי דען ניט לכתחילה געגעבן געוואָרן פונעם סיני אין פייער? ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, יא): וההר — און דער באַרג ברענט מיט פייער ביזן האַרץ פון הימל. האָט ער [12] געזאָגט: „וויבאַלד דער כוח פון תורה איז אַזוי גרויס, — אויב דערדאָזיקער זון וועט זיך מיר האַלטן, וועל איך אים אָפּגעבן דער תורה״. און איבער דעם וואָס די כוונה פון זיין מחשבה איז ניט געווען פון גאָטס וועגן, האָט זיך ביי מיר די תורה ניט געהאַלטן״.

„און וואָס נאָך האָסטו געזאָגט?״ (איוב כח, יז): „לא יערכנה — עס קאָן זיך מיט איר ניט גלייכן קיין גאָלד און קיין גלאָז״. האָט ער געזאָגט צו אים: „און וואָס האָסטו געזאָגט וועגן דעם?״ האָט ער אים געזאָגט: „דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה, וואָס איז שווער זיי איינצוקויפן ווי גאָלדענע כלים,

---

אלישע בן אבויה, וואָס ווערט טאַקע דאָ געבראַכט אין שייכות מיטן פסוק. [3] די מעשה וועגן אלישע בן אבויה וואָס איז אַרויס לתרבות רעה געפינט זיך אויך, מיט קליינע שינויים, אין חגיגה ירושלמי, ב, א; חגיגה בבלי, טו; קוהלת רבה פרשה ז, פסוק ח; ילקוט קוהלת תתקעד. [4] אלישע. [5] ווערטערלעך: מיט וואָס האָסטו זיך פאַרנומען. [6] אלישע. [7] דורך די אַלע מאמרים האָט ר׳ מאיר געוואָלט געבן אַן אָנצוהערעניש זיין רבין, אַז ער קאָן נאָך תשובה טאָן. [8] ווען ס׳איז כסדר גוט, אָבער קיין געמאַכטע פעלערן לאָזן זיך שוין ניט פאַרריכטן. [9] אַזוי איז אויך דער נוסח אין ירושלמי. אין אַנדערע ערטער איז דער נוסח וכך, און אַזוי איז געווען די מעשה. [10] לידער מיט אַן אַקראָסטיך, וואָס יעדע שורה הויבט זיך אָן מיט אַן אַנדער אות, לויט דער אָרדנונג פונעם אלף־בית. [11] מיט

(קהלת ז׳) „טוב אחרית דבר מראשיתו״. **אמר ליה: „ומה את אמרת ביה?״ אמר ליה: „יש לך אדם, שהוא קונה סחורה בנערותו, והוא מפסיד; ובזקנותו, והוא משתכר בה. ד״א:** טוב אחרית דבר מראשיתו, יש לך אדם, שעושה מעשים רעים בנערותו, ובזקנותו עושה מעשים טובים. **ד״א:** טוב אחרית דבר מראשיתו, **יש לך אדם, שהוא למד תורה בנערותו ומשכח, ובזקנותו הוא חוזר עליה; הוי:** טוב אחרית דבר מראשיתו״. **אמר ליה: „עקיבא רבך לא כך אמר, אלא** — טוב אחרית דבר **כשהוא טוב** מראשיתו. (וכי) [ובי] **הוה מעשה.**

**אבויה אבי היה מגדולי הדור, וכשבא למולני, קרא לכל גדולי ירושלים, וקרא לר׳ אליעזר ולר׳ יהושע עמהם. וכשאכלו ושתו, שרון אילין אמרין מזמורים ואילין אמרין אלפבתרין. א״ר אליעזר לר׳ יהושע: „אילין עסקין בדידהון, ואנן לית אנן עסקין בדידן?״ התחילו בתורה, ומן התורה לנביאים, ומן הנביאים לכתובים. והיו הדברים שמחים כנתינתן מסיני, והאש מלהטת סביבותיהן, — עיקר נתינתן לא מסיני נתנו באש? שנאמר:** וההר בוער באש עד לב השמים. **אמר: „הואיל וכן הוא גדול כחה של תורה, — הבן הזה, אם מתקיים לי, הריני נותנו לתורה״. ועל ידי שלא היתה כוונת מחשבתו לשם שמים, לא נתקימה בי תורתי״.**

**„ומה תובן אמרת?״** (איוב כ״ח) „לא יערכנה זהב וזכוכית״. **א״ל: „ומה אמרת ביה?״ א״ל: „אלו דברי תורה, שקשין לקנות ככלי זהב, ונוחין ליאבד כזכוכית״. א״ל: „עקיבא רבך לא אמר כן, אלא — מה כלי זהב וזכוכית אם נשברו, יש להם תקנה, אף תלמיד חכם שאיבד משנתו יכול לחזור עליה״. אמר ליה: „חזור לך״. א״ל: „למה?״ א״ל: „עד כאן תחום שבת״. א״ל:**

---

אָבער ס׳איז גרינג זיי צו פאַרלירן, ווי גלאָז״[13]. האָט ער געזאָגט צו אים: „עקיבא דיין רבי האָט ניט אַזוי געזאָגט, נייערט — אַזוי ווי גאָלדענע און גלעזערנע כלים, אויב זיי זיינען צעבראָכן געוואָרן, קאָן מען זיי פאַרריכטן; אַזוי אויך אַ תלמיד חכם וואָס האָט פאַרלאָרן זיין לערנען, קאָן זיך אומקערן צו דעם״. האָט ער[14] אים געזאָגט: „קער זיך אום״. האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „ביז אַהער איז אַ תחום שבת״[15].

---

וואָכעדיקע זאַכן. [12] אבויה. [13] אין אבות דר׳ נתן (כד, ה) ווערן די ווערטער גראָד געבראַכט אין נאָמען פון אלישע בן אבויה אַליין. [14] אלישע. [15] טאָרסטו ווייטער

האָט ער אים געזאָגט: „פון וואַנען ווייסטו?" האָט ער געזאָגט צו אים: „פון די קלויען פון מיין פערד [ווייס איך], אַז ס'איז שוין אַריבער צוויי טויזנט איילן". האָט ער אים געזאָגט: „אַזוי פיל חכמה האָסטו אין זיך, און דו קערסט זיך ניט אום[16]?" האָט ער געזאָגט צו אים: „איך האָב עס ניט בכוח". האָט ער אים געזאָגט: „פאַרוואָס?" האָט ער געזאָגט צו אים: „איך האָב אַמאָל געריטן אויף מיין פערד אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שול אום יום כיפור וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת; און איך האָב געהערט, ווי אַ בת־קול האָט זיך אַרויסגעריסן און געזאָגט (ירמיה ג, כב): שובו — קערט זיך אום, קינדער אָפּקערערס; (מלאכי ג, ז) שובו אלי — קערט זיך אום צו מיר, און איך וועל זיך אומקערן צו אייך, אויסער אלישע בן אבויה[17], וואָס האָט געוואוסט מיין כוח און האָט ווידערשפּעניקט אין מיר".

און פון וואַנען איז עס אים געקומען? מע דערציילט: איין מאָל איז ער געזעסן און געלערנט אינעם טאָל פון גינוסר[18], און ער האָט געזען, ווי איינער איז אַרויף אויפן שפּיץ פון אַ טייטלבוים און האָט גענומען די מוטער [־פויגל] מיט די קינדער, און איז אַראָפּ בשלום. מוצאי שבת האָט ער געזען אַן אַנדער מענטשן, וואָס איז אַרויף אויפן שפּיץ פונעם טייטלבוים און האָט גענומען די קינדער און אַוועקגעלאָזן די מוטער, און איז אַראָפּ, און אַ שלאַנג האָט אים אַ ביס געטאָן, און ער איז געשטאָרבן. האָט ער געזאָגט: „עס שטייט געשריבן (דברים כב, ז): שלח תשלח — אַוועקשיקן זאָלסטו אַוועקשיקן די מוטער, און די קינדער קאָנסטו נעמען פאַר זיך, כדי דיר זאָל גוט זיין, און דו זאָלסט מאריך ימים זיין, — וואו איז דאָס גוטס פון דעמדאָזיקן און וואו איז דאָס אריכת ימים פון דעמדאָזיקן?" און ער האָט ניט געוואוסט, אַז ר' עקיבא האָט וועגן דעם געדרשנט פאַרן עולם: „כדי דיר זאָל גוט זיין אויף דער וועלט וואָס איז לויטער גוטס, און דו זאָלסט מאריך ימים אויף דער וועלט וואָס איז לויטער אריכת ימים"[19].

און אַנדערע זאָגן: איבער דעם וואָס ער האָט געזען די צונג פון ר' יהודה הנחתום[20] ביי אַ הונט אין מויל. האָט ער געזאָגט: „מה־דאַך די צונג, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן זיך געמיט אין דער תורה, [האָט געענדיקט] אַזוי, הײַנט אַ צונג וואָס ווייס ניט און מיט זיך ניט אין דער תורה, — אוודאי און אוודאי!" און ער האָט געזאָגט: „אויב אַזוי, איז ניטאָ ניט קיין באַלוינונג פאַר די צדיקים און ניט קיין תחית המתים"[21].

און אַנדערע זאָגן: איבער דעם וואָס זיין מאַמע איז פאַרבייגעגאַנגען, ווען זי האָט געטראָגן מיט אים, פאַרביי די הייזער פון דער עבודה זרה, און זי

---

[16] טוסט קיין תשובה ניט. [17] אין בבלי, חגיגה טו, א, איז דער נוסח חוץ אחר (אַן אַנדערער), און דאָרט ווערט אויך אָנגעגעבן פון וואַנען זיין צונאָמען אחר שטאַמט. [18] פון ים כינרת. [19] ד"ה: דער שכר פון מצוות ווערט ניט געגעבן אויף דער וועלט, נייערט אויף יענער וועלט (אין ירושלמי חגיגה און אין בבלי, קידושין לט, ב, און חולין קמב, א, ווערט דערדאָזיקער מאמר געבראַכט אין נאָמען פון ר' יעקבן, און די גמרא גיט דאָרט צו, אַז ר' יעקב איז בייגעווען אַזאַ פּאַסירונג). [20] איינער פון די עשרה הרוגי מלכות (זע אונדזער אויסגאַבע פון איכה רבה, ב, ד, און דאָרט באַמערקונג 6). [21] ניטאָ ניט גיין.

„מנן את ידע?" אמר: „מטלפי סוסי, שכבר הלך אלפים אמה". אמר ליה: „וכל הדא חכמתא אית בך, ולית את חזר בך?" אמר ליה: „לית בחילי". אמר ליה: „למה?" אמר ליה: רוכב הייתי על הסוס ומטייל אחורי בית הכנסת ביום הכפורים שחל להיות בשבת, ושמעתי בת קול מפוצצת ואומרת (ירמיה ג׳): שובו בנים שובבים; (מלאכי ג׳) שובו אלי, ואשובה אליכם, חוץ מאלישע בן אבויה, שהיה יודע כחי ומרד בי".

ומהיכן היה לו המעשה הזה? אמרו: פעם אחת היה יושב ושונה בבקעת גינוסר. וראה אדם אחד שעלה לראש הדקל ונטל האם על הבנים וירד בשלום. במוצאי שבת ראה אדם אחר שעלה לראש הדקל ונטל הבנים ושלח את האם וירד, והכישו נחש ומת. אמר: „כתיב (דברים כ״ב): שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך, למען ייטב לך והארכת ימים, — היכן טובו של זה והיכן אריכות ימים של זה?" ולא ידע, שדרשה ר׳ עקיבא בצבורא: למען ייטב לך בעולם שכולו טוב, והארכת ימים לעולם שכולו ארוך.

ויש אומרים: על ידי שראה לשונו של ר׳ יהודה הנחתום נתון בפי כלב; אמר: „אם הלשון שיגע בתורה כל ימיו — כך, לשון שאינו יודע ואינו יגע בתורה — על אחת כמה וכמה!" אמר: „אם כן, לא מתן שכר לצדיקים ולא תחיית המתים".

ויש אומרים: על ידי שכשהיתה אמו מעוברת בו עברה על בתי עבודת הכוכבים והריחה, ונתנו לה מאותו המין ואכלה; והיה מפעפע בכריסה (כריסה) [כאירסה] של חכינה.

לאחר ימים חלה אלישע בן אבויה. אתון ואמרין לר׳ מאיר: „אלישע רבך חולה". אזל לגביה, אמר ליה: „חזור בך". אמר

---

האָט דערשמעקט [דעם ריח פון זייערע טריפהנע עסנס], און מע האָט איר געגעבן פון יענעם מין, און זי האָט געגעסן[22]; און עס האָט זיך איר צעוירן אין בויך, ווי דער גיפט[23] פון אַ שלאַנג.

אין אַ צייט אַרום איז אלישע בן אבויה קראַנק געוואָרן. איז מען געקומען און געזאָגט צו ר׳ מאירן: „אלישע דיין רבי איז קראַנק". איז ער אַוועק צו אים און אים געזאָגט: „קער זיך אום". האָט ער געזאָגט צו אים: „און אַזוי

---

קיין באַלוינונג ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט. [22] לויט דער גמרא (חולין פב, א) מעג מען געבן אַ טראָגעדיקע פרוי, אויב עס האָט איר שטאַרק פאַרשמעקט, חזיר פלייש צו עסן, צוליב פיקוח נפש. [23] כאירסה (פון ארס), אַזוי איז דער נוסח אין

וויט נעמט מען אָן [תשובה] ?״ האָט ער אים געזאָגט: „שטייט דען ניט געשריבן (תהלים צ, ג) תשב אנוש — דו דערפירסט דעם מענטשן ביז צו דערשלאָגנקייט, — ביז צו דער דערדריקטקייט פון דער נשמה?״ [24] דעמאָלט האָט אלישע בן אבויה זיך צעוויינט און איז געשטאָרבן. האָט זיך ר׳ מאיר געפרייט און געזאָגט: „מיר שיינט, אַז מיין רבי איז נפטר געוואָרן מתוך תשובה״.

און נאָכדעם ווי מע האָט אים באַגראָבן, איז געקומען אַ פייער צו פאַרברענען זיין קבר. איז מען געקומען צו ר׳ מאירן און אים געזאָגט: „דיין ר׳בינס קבר ווערט פאַרברענט״. איז ער אַרויס און פאַרשפּרייט זיין בגד איבער דעם, און ער האָט געזאָגט צו אים: „ליני — נעכטיק [דאָ] איבער די נאַכט, אויף דער וועלט, וואָס איז לויטער נאַכט; און עס וועט זיין אין פרימאָרגן, אויב טוב וועט דיך אויסלייזן, זאָל ער אויסלייזן, — און עס וועט זיין אין פרימאָרגן, אויף דער וועלט וואָס איז דורכאויס פרימאָרגן [25], אויב טוב וועט דיך אויסלייזן, זאָל ער אויסלייזן, דאָס מיינט מען הקדוש ברוך הוא, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים קמה, ט): טוב ה׳ — גוט איז גאָט צו אַלעמען; — אויב אָבער ער וועט דיך ניט וועלן אויסלייזן, וועל איך דיך אויסלייזן, ווי גאָט לעבט! ליג ביז אין דער פרי״. און ס׳איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

האָט מען אים געזאָגט: „רבי, אויף יענער וועלט אַז מע וועט דיר זאָגן: וועמען ווילסטו [מקרב זיין] [26], דיין טאַטן אָדער דיין רבין, — וואָס וועסטו זאָגן?״ האָט ער געזאָגט: „דעם טאַטן, און נאָכדעם דעם רבין״ [27]. האָט מען אים געזאָגט: „און זיי וועלן זיך צוהערן צו דיר?״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „איז עס ניט אַ משנה [28]? מע מעג ראַטעווען [אום שבת פון פייער] די שייד פון אַ ספר [תורה] צוזאַמען מיטן ספר, און די שייד פון תפילין צוזאַמען מיט די תפילין, — מע דאַרף ראַטעווען אלישען [29] אין זכות פון זיין תורה.

אין אַ צייט אַרום זיינען געקומען זיינע טעכטער און פאַרלאַנגט צדקה פון אונדזער רבין [30]. האָט ער געזאָגט (תהלים קט, ט): „אל יהי לו — זאָל קיינער אים ניט שענקען קיין גנאָד, און קיינער זאָל ניט לייטזעליקן זיינע יתומים״. האָבן זיי געזאָגט: „רבי, קוק ניט אויף זיינע מעשים, קוק אויף זיין תורה״. דעמאָלט האָט זיך רבי צעוויינט און באַפוילן וועגן זיי, מע זאָל זיי שפּייזן. ער האָט געזאָגט: „מה־דאָך דער, וואָס זיין תורה איז ניט געווען פון גאָטס וועגן, האָט אַזוינס אַרויסגעגעבן [31], אַ פשיטא שוין דער וואָס זיין תורה איז פון גאָטס וועגן!״.

---

ירושלמי. [24] און ווייטער שטייט דאָרט: און דו זאָגסט: טוט תשובה, מענטשנקינדער. [25] טעקסט געביטן לויטן ירושלמי (זע אויך מהרז״ו און עץ יוסף). [26] אַריינגעמען צו זיך אין גן עדן (לויטן ירושלמי). [27] אין ירושלמי איז דער ענטפער פאַרקערט: „צוערשט וועל איך מקרב זיין דעם רבין און נאָך דעם — דעם טאַטן״. [28] שבת טז, א (אין בבלי — קטז, ב). [29] פון די פייערן פון גיהנום. [30] ר׳ יהודה הנשיא, רבי. [31] אַזאַ תלמיד ווי ר׳ מאיר (יפה ענף), אָדער אַזעלכע פיינע און צניעותדיקע טעכטער (מתנות כהונה).

ליה: ועד כדון מקבלין?" אמר ליה: „ולא כתיב (תהלים צ׳): תשב אנוש עד דכא, עד דכדוכה של נפש?" באותה שעה בכה אלישע בן אבויה ומת. והיה ר׳ מאיר שמח ואומר: „דומה, שמתוך תשובה נסתלק רבי".

וכיון שקברוהו, באתה האור לשרוף את קברו. אתון ואמרון ליה לר׳ מאיר: „קבר רבך נשרף". יצא ופרש טליתו עליה; אמר ליה: „ליני הלילה", בעולם זה, שכולו לילה; והיה בבקר, אם יגאלך טוב, יגאל, — והיה בבקר, בעולם שכולו (טוב) [בקר], אם יגאלך טוב, יגאל, זה הקב"ה, שנאמר (שם קמ"ה): טוב ה׳ לכל; — ואם לא יחפוץ לגאלך, וגאלתיך אנכי, חי ה׳! שכבי עד הבקר". ודמכת לה.

אמרון ליה: „רבי, לעלמא דאתי, אין אמרין לך: מה את בעי, אבוך, או רבך, — מה תימא?" אמר: „אבא, ובתר כן רבי". אמרין ליה: „ושמעון לך אינון?" אמר להון: „ולאו מתניתא היא? מצילין תיק הספר עם הספר, ותיק התפילין עם התפילין, — מצילין אלישע בזכות תורתו".

לאחר ימים באו בנותיו ותובעות צדקה אצל רבינו. אמר (תהלים ק"ט): אל יהיה לו מושך חסד ואל יהי חונן ליתומיו. אמרין: „רבי, לא תסתכל בעובדוהי, תסתכל לאורייתיה". באותה שעה בכה רבי וגזר עליהון שיתפרנסו. אמר: „מי שלא היתה תורתו לשם שמים — כך העמיד, מי שתורתו לשם שמים — על אחת כמה וכמה?"

[ה]

[פתיחתא]

אמר ר׳ יוסי: שלשה הן, שבא יצרן לתקפן, ונזדרזו עליו כל אחד בשבועה, ואלו הן: יוסף ודוד ובועז.

---

[ה] [1]

(פתיחתא)

ר׳ יוסי האָט געזאָגט: דריי זיינען זיי, וואָס דער יצר הרע זייערער איז געקומען זיי אָנגרייפן, און איטלעכער פון זיי האָט זיך געלאָזט אויף אים מיט אַ שבועה, און דאָ זיינען זיי: יוסף און דוד און בועז.

---

[ה]. [1] אין דער ראָם אויסגאַבע (תרצ"ח) איז דאָס ווייטערדיקע איינס מיטן סימן ד. פונעם אינהאַלט איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז אַ פתיחתא צו פרשה ז, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער דרשה וועגן בועזס גובר זיין דעם יצר הרע, נים וועלנדיק אָבער בייטן די

יוסף, ווי אין פסוק שטייט (בראשית לט, ט): ואיך אעשה — טאָ ווי קען איך טאָן דאָסדאָזיקע גרויסע שלעכטס און זיך פאַרזינדיקן פאַר גאָט, — ר׳ חוניא אין נאָמען פון ר׳ אידין: קאָן דען אַ פסוק זיין פעליק[2]? און זיך פאַרזינדיקן פאַר גאָט, — עס שטייט דאָ ניט: „און זיך פאַרזינדיקן פאַר מיין האַר״, נייערט און זיך פאַרזינדיקן פאַר גאָט: ער האָט געשוואָרן צו זיין יצר הרע און געזאָגט: „ביי גאָט! איך וועל ניט זינדיקן און וועל ניט טאָן דאָסדאָזיקע גרויסע שלעכטס!״ [8]

וועגן דודן פון וואַנען איז געדרונגען? דען דער פסוק זאָגט (שמואל א, כו, י): ויאמר דוד — און דוד האָט געזאָגט: ווי גאָט לעבט, — נאָר גאָט זאָל אים [4] שלאָגן! צו וועמען האָט ער געשוואָרן? ר׳ אלעזר און ר׳ שמואל בר נחמן. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: ער האָט געשוואָרן צו זיין יצר הרע[5]. און ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: ער האָט געשוואָרן צו אבישי בן צרויה[6]; ער האָט אים געזאָגט: „ווי גאָט לעבט! אויב דו וועסט אים אָנרירן, וועל איך אויסמישן דיין בלוט מיט זיין בלוט״.

וועגן בועזן פון וואַנען איז געדרונגען? דען דער פסוק זאָגט: חי ה׳ — ווי גאָט לעבט! ליג ביז אין דער פרי. ר׳ יהודה און ר׳ חוניא. ר׳ יהודה זאָגט: יענע גאַנצע נאַכט האָט זיין יצר הרע אים געהאַלטן אין איין אויפרייצן און זאָגן: „דו ביסט פריילעדיק און זוכסט אַ ווייב, און זי איז פריילעדיק און זוכט אַ מאַן; נעם און באַמאַן זי, און זי וועט זיין דיין ווייב״. האָט ער געשוואָרן צו זיין יצר הרע און געזאָגט: „ווי גאָט לעבט, אַז איך וועל זי ניט אָנרירן״. און צו דער פרוי האָט ער געזאָגט „ליג ביז אין דער פרי; אויב טוב וועט דיך אויסליזן, זאָל ער אויסליזן״. און ר׳ חוניא האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (משלי כד, ה): גבר חכם בעוז — אַ קלוגער מאַן איז בועז[7]; ואיש דעת — און אַ מאַן פון וויסן שטאַרקט זיין כוח, דען ער האָט זיך געלאָזט אויף זיין יצר הרע מיט אַ שבועה.

---

איינגעשטעלטע אָרדנונג פון די פרשיות, האָבן מיר זיך נאָר דערלויבט אָפּצוטיילן דאָס ווייטערדיקע אין אַ באַזונדער סימן. [2] ניט ריכטיק. [3] לעולם וואָלט געדאַרפט שטיין אין פסוק „וחטאתי לאדוני״ (מיט אַ חירק אונטער דער יוד), און איך וועל זינדיקן צו

**יוסף, דכתיב** (בראשית ל״ט): ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת, וחטאתי לאלהים. — **ר׳ חוניא בשם ר׳ אידי: כלום קריא חסר?** וחטאתי לאלהים, — **„וחטאתי (לה׳) לאדוני״ אין כתיב כאן, אלא** וחטאתי לאלהים: **נשבע ליצרו ואמר: לאלהים! איני חוטא ואיני עושה הרעה הגדולה הזאת!**

**דוד מנין? שנאמר** (שמואל א׳ כ״ו): **ויאמר דוד**: חי ה׳, כי אם ה׳ יגפנו. **למי נשבע? ר׳ אלעזר ור׳ שמואל בר נחמן. ר׳ אלעזר אמר: ליצרו נשבע. ור׳ שמואל בר נחמן אמר: לאבישי בן צרויה נשבע; אמר לו: „חי ה׳, אם תגע בו, שאנכי מערבב דמך עם דמו״.**

**בועז מנין? שנאמר:** חי ה׳! שכבי עד הבקר. **ר׳ יהודה ור׳ חוניא. ר׳ יהודה אומר: כל אותו הלילה היה יצרו מקטרגו ואומר: „את פנוי ומבקש אשה, והיא פנויה ומבקשת איש; עמוד ובועלה, ותהיה לך לאשה״. ונשבע ליצרו ואמר: „חי ה׳, שאיני נוגע בה״. ולאשה אמר:** „שכבי עד הבקר; אם יגאלך טוב, יגאל״.

**ור׳ חוניא אמר: כתיב** (משלי כ״ד): גבר חכם בעוז, — **גבר חכם בועז;** ואיש דעת מאמץ כח, **שנזדרז על יצרו בשבועה.**

---

מיין האַר, אין איינקלאַנג מיטן פסוק אויבן (זע, מיין האַר ווייס ניט לעבן מיר וואָס אין הויז טוט זיך); אַז עס שטייט אָבער לאלהים, צו גאָט, ווערט עס ניט געלייענט צוזאַמען מיט וחטאתי, נייערט באַזונדער: „איך שווער ביי גאָט!״ (טעקסט עמענדירט לויט ידי משה, ויקרא רבה כג, יא; אַן איבערשרייבער האָט משמעות געלייענט לאדוני מיט אַ קמץ אונטער דער נון, צו גאָט, אָנשטאָט מיט אַחיריק, וואָס מיינט צו מיין האַר, און האָט עס געביטן, ווי דער שטייגער איז אין מדרש, אויף לה׳, און דערפון איז אַרויסגעקומען די שווערקייט אין טעקסט; זע אויך עץ יוסף, בראשית רבה פז, ו, און יוליוס פירסט, באַמערקונגען צו וואונטשעס דייטשער איבערזעצונג פון רות רבה). [4] שאולן. [5] וואָס האָט אים אָנגערעדט צו הרגענען שאולן. [6] וואָס איז געווען גרייט אַליין צו הרגענען שאולן. [7] געטייטשט לויטן וואָרטשפּיל בעוז — בועז. לויטן פשט: אַ קלוגער מאַן [באַזיצט] שטאַרקייט.

# פרשה ז

## א

(ג, יד) ותשכב — און זי איז געלעגן ביי זיין צופוסן ביז אין דער פרי. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: [וויטער שטייט:] בטרם — איידער איינער קען דערקענען דעם אַנדערן, — דער כתיב איז בטרום [1], לערנט אונדז דער פסוק, אַז זעקס שעה האָט זי זיך דאָרט געזאַמט, ווי דער באַטרעף פון דער [איבעריקער] וו. ויאמר — און ער האָט געזאָגט: זאָל מען זיך ניט דערוויסן, אַז די פרוי איז געקומען אין שייער. צו וועמען האָט ער עס געזאָגט? ר׳ מאיר האָט געזאָגט: צו דעם וואָס איבער זיין הויז האָט ער עס געזאָגט. ר׳ חוניא און ר׳ ירמיה [האָבן געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ שמואל דעם זון פון רב יצחקן: יענע גאַנצע נאַכט איז בועז געלעגן אויסגעשפרייט אויפן פנים און געזאָגט: „האַר פון די וועלטן! ס׳איז אַנטפּלעקט און באַוואוסט פאַר דיר, אַז איך האָב זי ניט אָנגערירט; טאָ זאָל אַזוי זיין דער ווילן פון פאַר דיר, — זאָל מען זיך ניט דערוויסן, אַז די פרוי איז געקומען אין שייער, און זאָל דורך מיר גאָטס נאָמען ניט פאַרשוועכט ווערן״.

## ב

(ג, טו) ויאמר — און ער האָט געזאָגט: הבי — דערלאַנג די טוך וואָס אויף דיר, — דער כתיב איז הבה [1] לערנט עס אונדז, אַז ער האָט גערעדט מיט איר אין לשון זכר, כדי קיין מענטש זאָל זי ניט באַמערקן. ואחזי בה — און האַלט עס צו, דאָס לערנט אונדז, אַז זי האָט אָנגעגורט אירע לענדן ווי אַ זכר [2].

וימד — און ער האָט אָפּגעמאָסטן זעקס [מאָס] גערשטן און אַרויפגעטאָן אויף איר. ר׳ סימון האָט געזאָגט: בר קפרא האָט געדרשנט אין צפורי [3]: איז דען דער שטייגער פון אַ מלך [4] צו געבן אַ מתנה זעקס גערשטן

א. [1] מיט אַן איבעריקער וו.

ב. [1] לשון זכר. — אין אונדזערע ספרים איז דער כתיב ווי דער קרי — הבי, לשון נקבה. משמעות, אַז דער בעל המדרש האָט געהאַט פאַר זיך אַזאַ כתיב. — מעגלעך, אַז דער בעל המדרש טייטשט דאָס וואָרט הבי — ברענג, פון הבא, ברענגען, און דער נוסח דאָ איז פאַרגרייזט געוואָרן און ס׳דאַרף זיין אַזוי: „הבי כתיב״, — אין פסוק שטייט הבי (פאַרקירצט פון הביא), ברענג, בלשון זכר, אַנשטאָט הביאי, ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין, בלשון נקבה, — „לערנט עס אונדז, אַז — — —״ (זע די הערות צו רות פון הרב ר׳ חיים מרדכי הכהן ברכר אין דער יהואש תנ״ך אויסגאַבע, ניו יאָרק, תש״א). [2] כדי מע זאָל זי ניט דערקענען. „ואחזי איז געפּינטלט מיט אַ חטף קמץ אונטער דער חית (ניט מיט אַ חטף סגול ווי עס פאָדערט זיך), איז עס אַ רמז אויף לשון זכר, ווי עס וואָלט געקומען פון ואחז, מיט אַ קמץ אונטער דער חית״ (באַמערקונג פונעם אַרויסגעבער פון ילקוט). [3] אין גליל, דאָס אָרט פון סנהדרין אין דער צייט פון ר׳ יהודה הנשיא, וועמעס תלמיד בר קפרא איז געווען. [4] פאַרשטאַנען ווי אַן עלטסטער, אַ פירער און אַ שופט, וואָס

# פרשה ז

א

(ג, יד) ותשכב מרגלותיו עד הבקר. **אמר ר׳ ברכיה:** בטרם יכיר איש, — בטרום **כתיב, מלמד, שנשתהתה שש שעות כמנין הוי״ו.** — ויאמר: אל יודע, כי באה האשה הגרן. **למי אמר? א״ר מאיר: לבן ביתו אמר.**

**ר׳ חוניא ור׳ ירמיה בשם ר׳ שמואל בר רב יצחק: כל אותו הלילה היה בועז שטוח על פניו ואומר: „רבון העולמים! גלוי וידוע לפניך, שלא נגעתי בה; כן יהי רצון מלפניך,** — אל יודע, כי באה האשה הגורן, **ולא יתחלל בי שם שמים״.**

ב

(ג, טו) ויאמר: הבי המטפחת אשר עליך, — הבה **כתיב, מלמד, שהיה מדבר עמה בלשון זכר, שלא ירגיש בו בריה.** — ואחזי בה, **מלמד, שחגרה מתניה כזכר.**

וימד שש שעורים וישת עליה. **א״ר סימון: דרש בר קפרא בצפורי: וכי יש דרכו של מלך (לישא לו אשה) [ליתן מתנה] (ב)שש שעורים: או דרכה של אשה (להנשא) [ליטול] (ב)שש סאין? [אלא רמז לה, שעתידין] ששה צדיקים [לצאת ממנה],**

---

**[קערנער] [5]? אָדער איז דען דער שטייגער פון אַ פרוי צו טראָגן אויף זיך זעקס סאה [6]? נייערט ער האָט איר אָנגעוואונקען [7], אַז זעקס צדיקים זיינען**

---

בועז איז געווען. דער נוסח אין גמרא (סנהדרין צג, א) איז בועז. [5] אַזוי שפּאַט־ווייניק. — אין אַלע געדרוקטע טעקסטן איז דער נוסח: וכי דרכו של מלך לישא לו אשה בשש שעורים? או דרכה של אשה להינשא בשש סאין? (איז עס דען דער שטייגער פון אַ מלך זיך צו נעמען אַ ווייב מיט זעקס גערשטן [קערנער]? אָדער איז דען דער שטייגער פון אַ פרוי גענומען צו ווערן מיט זעקס [סאה] גערשטן?) און ס׳קומט אויס לויט דעם, אַז מ׳ט דערדאָזיקער מתנה האָט ער רותן מקדש געווען. אָבער דאָס האָט ער דאָך ניט געקענט טאָן, איידער ער האָט איבערגענומען דאָס רעכט אויף דעם פונעם נעענטערן גואל. מאַטערן זיך מפרשים עס צו דערקלערן (זע מהרז״ו). מיר האָבן דאָ אָבער געגעבן דעם נוסח פון דער גמרא און פון ילקוט (שמואל א, טז) וואו עס רעדט זיך וועגן סתם אַ מתנה, און די קשיא פאַלט ממילא אַוועק. (אין פסוק שטייט שש שעורים. קאָן עס געטייטשט ווערן זעקס סאה גערשטן, אָדער ווערטערלעך: זעקס גערשטן קערנער). [6] אויב מיר לייענען דעם פסוק זעקס [סאה] גערשטן, ווי די מערסטע מפרשים ווילן האָבן, און דאָס איז אַ צו גרויסע משא פאַר אַ פרוי. [7] מיט די זעקס גערשטן קערנער וואָס ער האָט איר געגעבן. —

**אָנגעבּרייט אַרויסצוקומען פון איר, און איטלעכער פון זיי [וועט געבּענטשט ווערן מיט] [8] זעקס [גוטע] מידות: דוד, חזקיהו, יאשיהו, חנניה מישאל און עזריה [9], דניאל, און דער מלך המשיח.**

**דוד, ווי דער פּסוק זאָגט** (שמואל א, טז, יח): יודע נגן — ער קען שפּילן, און איז אַ העלדישער מאַן, און אַ מענטש פון מלחמה, און פאַרשטייט אַ זאַך, און איז אַ מענטש פון געשטאַלט, און גאָט איז מיט אים.

**חזקיהו, ווי דער פּסוק זאָגט** (ישעיה ט, ו): למרבה המשרה — צו מערן די הערשאַפט, און צו שלום אָן אַ סוף, אויף דעם טראָנשטול [פון דודן און אויף זיין מלוכה, זי צו פעסטיקן און אונטערצושפּאַרן מיט רעכט און מיט צידקות]. (פּסוק ה) ויקרא שמו — און מע רופט זיין נאָמען: וואונדער, ראַטגעבער, מאַכטיקער, העלד, פאָטער פון אייביקייט, האַר פון שלום [10]. **און אַנדערע זאָגן:** למרבה המשרה **איז געשריבן, מיט אַ** שלאָס־מם [11]. —

**יאשיהו, ווי דער פּסוק זאָגט** (ירמיה יז, ח) והיה — און ער וועט זיין ווי אַ בוים געפלאַנצט אויף וואַסער, און ביי אַ באַך שטרעקט ער זיינע וואָרצלען, [און ער מערקט ניט, ווען עס קומט אָן אַ היץ, און זיין בלאַט איז פריש, און אין אַ יאָר פון טריקעניש דאגהט ער ניט, און הערט ניט אויף צו טראָגן פרוכט] [12].

**חנניה, מישאל און עזריה, ווי דער פּסוק זאָגט** (דניאל א, ד): ילדים — יינגלעך וואָס אין זיי איז קיין פעלער ניטאָ, און שיין אויפן אויסזען, [און קלוג אין אַלע חכמות, און באַהאַוונט אין קענטשאַפט, און פאַרשטאַנדיק אין וויסן, און וואָס האָבן בכוח צו שטיין אין פּאַלאַץ פון מלך].

**דניאל, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט ה, יב): כל קבל — וואָרום אַן אויס־נאַמלעכער גייסט, [און וויסן, און קלוגשאַפט, פּותר צו זיין חלומות, און באַשיידן רעטענישן, און פרייבינדן קנופּן איז געפונען געוואָרן אין אים, אין דניאלן].

**דער מלך המשיח, ווי דער פּסוק זאָגט** (ישעיה יא, ב): ונחה עליו — און עס וועט רוען אויף אים דער גייסט פון גאָט, דער גייסט פון חכמה [און פאַרשטענדיקייט, דער גייסט פון עצה און גבורה, דער גייסט פון דערקענונג פון גאָט און פון פאָרכט פאַר אים] [13].

[**ר' יהודה דען זון פון ר' סימון האָט געזאָגט:** אין זכות פון דעם וואָס ער האָט אָפּגעמאָסטן זעקס סאה גערשטן און אַרויפגעטאָן אויף איר **האָט ער זוכה געווען, און עס זיינען אַרויסגעקומען פון איר זעקס צדיקים, אא"וו.**] [14].

---

אין אַלע מדרש אויסגאַבעס ווערט דאָ דער ענטפער געגעבן אין נאָמען פון ר' יהודה בר' סימון. מיר האָבן דעם נאָמען אַרויסגעלאָזט לויטן נוסח פון דער גמרא און פונעם ילקוט (שמואל, קכה), וואו דער ענטפער ווערט געגעבן פון בר קפּראן אַליין, און דאָס איז פיל לאָגישער, ווייל דאָס לשון „בר קפּרא האָט געדרשנט" לייגט זיך ניט אויף אַ בלויזער קשיא. מיר גיבן אָבער ר' יהודהס רייד צום סוף פונעם סימן, און אונדזער השערה איז, אַז דאָס איז אַן אַנדער פּשט אויפן זעלבן פּסוק, וואָס איז דורך אַ טעות אַריינגעפאַלן אין מיטן פון בר קפּראס ווערטער. [8] צוגעגעבן לויט דער גמרא. [9] זיי ווערן דאָ גערעכנט ווי איינער, ווייל זיי זיינען אַלע ביי געשטאַנען דיזעלבע נסיונות. די גמרא רעכנט זיי ווי דריי באַזונדערע, ווערן דאָרט דערפאַר ניט דערמאָנט חזקיהו און יאשיהו, און אַזוי איז

**וכל אחד ואחד בהן [מתברך ב]שש מדות: דוד, חזקיהו, יאשיהו, חנניה מישאל ועזריה, דניאל, ומלך המשיח.**

**דוד, שנאמר** (שמואל א׳ ט״ז): יודע נגן, וגבור חיל, ואיש מלחמה, ונבון דבר, ואיש תואר, וה׳ עמו.

**חזקיהו, שנאמר** (ישעיה ט׳): למרבה המשרה ולשלום אין קץ על כסא דוד, וגו׳, ויקרא שמו: פלא, יועץ, אל, גבור, אבי־עד, שר־שלום. **ואיכא דאמרי:** לםרבה המשרה **כתיב (חסר)**, מ״ם [סתומה].

**יאשיהו, שנאמר** (ירמיה י״ז): והיה כעץ שתול על מים, ועל יובל ישלח שרשיו, [ולא יראה כי יבא חם, והיה עלהו רענן, ובשנת בצרת לא ידאג, ולא ימיש מעשות פרי].

**חנניה, מישאל ועזריה, שנאמר** (דניאל א׳): ילדים אשר אין בהם כל מום, וטובי מראה, [ומשכילים בכל חכמה, ויודעי דעת, ומביני מדע, ואשר כח בהם לעמד בהיכל המלך].

**דניאל, שנאמר** (שם ה׳): כל קבל די רוח יתירא, [ומנדע, ושכלתנו, מפשר חלמין, ואחוית אחידן, ומשרא קטרין].

**מלך המשיח, שנאמר** (ישעיה י״א): ונחה עליו רוח ה׳, רוח חכמה [ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ה׳].

[אמר ר׳ יהודה בר ר׳ סימון: **בזכות** וימד שש שעורים וישת עליה **זכה ועמדו ממנה ששה צדיקים, וגו׳.**]

---

עס אויך אין תרגום. [10] **די אַלע האַפנונגען האָט ישעיה געלייגט אויף חזקיהון, וואָס האָט, לויט דער גמרא** (סנהדרין צד, א), **געזאָלט זיין משיח** (פאָטער פון אייביקייט, האַר פון שלום), **און איז עס ניט געוואָרן. —ביידע פסוקים רעדן וועגן זעקס מידות טובות פון חזקיהו המלך, און עס פאַלט אַוועק די קשיא פון די מפרשים, צו וואָס ווערט דאָ געבראַכט דער פסוק ו** (ניט קלאָר איז, פאַרוואָס ווערט פסוק ו ציטירט פאַר פסוק ה; הייסט טאַקע דער רש״ש בייטן די אָרדנונג פון די פסוקים). [11] **אַ רמז אויף בר קפראס דרשה** (סנהדרין, דאָרט): **פאַרוואָס איז יעדע** מם **אין מיטן וואָרט אָפן, און די איז געשלאָסן? הקדוש־ברוך־הוא האָט געוואָלט מאַכן חזקיהן פאַר משיח און סנחריבן — גוג און מגוג** (וואָס דאַרף אָנפירן מיט דער לעצטער מלחמה קעגן יידן). **האָט דער מידת הדין געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! מה־דאַך דוד מלך ישראל, וואָס האָט געזאָגט פאַר דיר אַזויפיל געזאַנגען און לויבן, האָסטו אים פאַר קיין משיח ניט געמאַכט; אַ פשיטא שוין חזקיהו, וואָס דו האָסט אים געטאָן אָט די אַלע ניסים, און ער האָט פאַר דיר קיין שירה ניט געזאָגט, — וועסטו אים מאַכן פאַר משיח?״ דעריבער איז עס געשלאָסן געוואָרן** (ס׳איז **אָפגעשלאָסן און אויפגעגעבן געוואָרן דער געדאַנק**), **און די געשלאָסענע** מם **איז אַ רמז אויף דעם. —טעקסט עמענדירט לויט דער גמרא.** פירסט, **אין זיינע באַמערקונגען צו וואונטשעס דייטשער איבערזעצונג פון** רות רבה, **שלאָגט פאַר אַן אַנדער ענדערונג אין טעקסט: — — — ל[ו] מרבה המשרה** (אַזוי לייענט זיך דער פסוק אין דער זיבעציק איבערזעצונג, **און די** ו **פון** לו **זאָל זיין אַ רמז אויף די זעקס גוטע מידות פון חזקיהו**) **— — —. און ווייטער: ואיכא דאמרי:** למרבה המשרה כתיב, **חסר** ו (**אַנשטאָט** חסר מם), **און ס׳זאָל הייסן, אַז דער בעל דרשן גייט מיטן נוסח פון אונדזער תנ״ך, וואו קיין איבעריקע** ו **איז ניטאָ, און לויט אים זיינען די זעקס מידות טובות אויסגערעכנט אין**

ג

(ג, טו) ויבא — און ער איז אַריין אין שטאָט, — האָט דער פּסוק ניט געזאָלט זאָגן: „ און זי איז אַריין אין שטאָט״, און דו זאָגסט: און ער איז אַריין אין שטאָט! נייערט עס לערנט אונדז, אַז ער איז מיטגעגאַנגען מיט איר, כדי עס זאָל זי ניט באַפאַלן עמיצער פון די בחורים.

ד

(ג, טז) ותבא — און זי איז געקומען צו איר שוויגער; האָט זי געזאָגט: ווער ביסטו, מיין טאָכטער? האָט זי זי דען ניט דערקענט? נייערט זי האָט געזאָגט צו איר: „וואָס ביסטו, פריילעדיק, אָדער אַן אשת איש?״ האָט זי איר געזאָגט: „פריילעדיק״, און זי האָט איר דערציילט אַלץ וואָס דער מאַן האָט צו איר געטאָן [1].

ה

(ג, יז) ותאמר — און זי האָט געזאָגט: דידאָזיקע זעקס [מאָס] גערשטן האָט ער מיר געגעבן. ר׳ אלכסנדרי האָט געזאָגט: אומעטום וואו יידן זיינען אַריין, זיינען זיי ניט אַרויס מיט ליידיקן: פון דעם רויב פון מצרים זיינען זיי ניט אַרויס מיט ליידיקן, פון דעם רויב פון סיחון און עוג זיינען זיי ניט אַרויס מיט ליידיקן [1], פון דעם רויב פון די איין און דרייסיק מלכים [2] זיינען זיי ניט אַרויס מיט ליידיקן. ביי מצרים שטייט ריקם, מיט ליידיקן, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות ג, כא): והיה — און עס וועט זיין, אַז איר וועט אַרויסגיין, וועט איר ניט אַרויסגיין מיט ליידיקן; און עס ווערט געזאָגט ביי די עולי רגל (דאָרט כג, טו): ולא יראו — און מע זאָל זיך ניט ווייזן פאַר מיר מיט ליידיקן [3]; און עס ווערט געזאָגט ריקם ביי צדיקים, ווי דער פּסוק זאָגט: כי אמר — וואָרום ער האָט געזאָגט צו מיר: דו זאָלסט ניט קומען מיט ליידיקן צו דיין שוויגער. אָבער דער ריקם וואָס ווערט געזאָגט ביי צדיקים איז ניט ווי דער ריקם וואָס ווערט געזאָגט ביי מצרים [4], נייערט ווי דער ריקם וואָס ווערט געזאָגט ביי די עולי רגל, ווי דאָס וואָס מיר האָבן דאָרטן [5] געלערנט: דער קרבן ראיה דאַרף באַטרעפן צוויי זילבער־שטיק און דער קרבן חגיגה — און זילבער־מעה [6].

---

פּסוק: פלא, יועץ — — —. [12] און ירמיה האָט געווירקט אויך אין יאשיהוס טעג, איז עס קלאָר, אַז ער מיינט אים מיט דעם, ווייל וועגן אים זאָגט דער פּסוק (מלכים ב, כג, כה): וכמוהו — און אַזאַ ווי ער איז ניט געווען נאָך אַ מלך פאַר אים, וואָס זאָל זיך אומקערן צו גאָט מיט זיין גאַנצן האַרצן. [13] דער טייטש פון סוף פּסוק איז לויטן רד״ק. [14] לויט ר׳ יהודהן האָט איר בועז געגעבן זעקס סאָה גערשטן („און גאָט האָט איר געגעבן כוח צו טראָגן״ — תרגום), און דער זכות פון דערדאָזיקער ברייטהאַרציקער צדקה איז אים בייגעשטאַנען. — אונדזער אויסטייטשונג איז געבויט אויף דעם, וואָס ר׳ יהודה ציטירט נאָכאַמאָל דעם פּסוק מיטן וואָרט וימד, און ער האָט אָפּגעמאָסטן, וואָס לייגט זיך אויף זעקס סאָה [וועגן דעם אָרט פון ר׳ יהודהס דרשה זע אויבן, באַמערקונג 7].

ד. [1] דעם בעל המדרש איז קשה, וואָס דער ענטפער פון רותן שטימט ניט מיט נעמיס פראַגע; דערפאַר דערקלערט ער, אַז די פראַגע איז ניט „ווער ביסטו״, נייערט „וואָס ביסטו״, און דאַן איז דער ענטפער צו דער זאַך (מהרז״ו).

ה. [1] במדבר כא, כא—לה. [2] יהושע יב, ט—כד. [3] אין מאַנכע אויסגאַבן (און אַזוי אויך אין ילקוט) ווערט דאָ אויך ציטירט אַ פּסוק מיטן וואָרט ריקם ביי אַן עבד עברי (דברים טו, יג). [4] אויך דאָ ווערט אין מאַנכע אויסגאַבן דערמאָנט דער ריקם פון אַן

ג

(ג, טו) ויבא העיר. — **ולא היה צריך למימר, אלא „ותבא העיר״, ואת אמרת:** ויבא העיר! **אלא מלמד, שהיה מהלך עמה, שלא יפגע בה אחד מן הבחורים.**

ד

(ג, טז) ותבא אל חמותה, ותאמר: מי את, בתי? **וכי לא היתה מכירה? אלא אמרה לה: „מה את, פנויה, או אשת איש?״ אמרה לה: „פנויה״,** ותגד לה את כל אשר עשה לה האיש.

ה

(ג, יז) ותאמר: שש השעורים האלה נתן לי, וגו׳. **א״ר אלכסנדרי: בכל מקום שנכנסו ישראל, לא יצאו ריקנין: בבזת מצרים לא יצאו ריקנין, בבזת סיחון ועוג לא יצאו ריקנין, בבזת שלשים ואחד מלכים לא יצאו ריקנין. נאמר** ריקם **במצרים, שנאמר** (שמות ג׳): והיה כי תלכון, לא תלכו ריקם; **ונאמר בעולי רגלים** (שם כ״ג): ולא יראו פני ריקם; **ונאמר** ריקם **בצדיקים, שנאמר:** כי אמר אלי: אל תבאי ריקם אל חמותך. **לא כריקם שנאמר במצרים** ריקם **שנאמר בצדיקים, אלא כריקם שנאמר בעולי רגלים, כי הא דתנינן תמן: הראיה שתי כסף והחגיגה מעה כסף.**

ו

(ג, יח) ותאמר: שבי, בתי. **ר׳ הונא בשם ר׳ שמואל בר רב יצחק: הצדיקים — הן שלהן הן, ולא שלהן לאו, שנאמר:** כי לא ישקט האיש, כי אם כלה הדבר היום.

ז

(ד, א) ובועז עלה השער וישב שם; והנה הגואל עובר, אשר

---

ו

(ג, יח) ותאמר — און זי האָט געזאָגט: זיץ מיין טאָכטער. **רב הונא אין נאָמען פון ר׳ שמואל דעם זון פון רב יצחקן: ביי די צדיקים איז זייער יאָ אַ יאָ, און זייער ניין אַ ניין, ווי דער פסוק זאָגט:** דען דער מאַן וועט ניט רוען, ביז ער וועט האָבן געענדיקט די זאַך היינט.

ז

(ד, א) ובועז עלה — און בועז איז אַרויפגעגאַנגען צום טויער און זיך דאָרט געזעצט; און אָט גייט פאַרביי דער אויסלייזער, וואָס בועז האָט גערעדט

---

**עבד עברי, אַנווייזנדיק, אַז דער ריקם וואָס ביי די צדיקים איז ניט גלייך מיט דעם.**

[5] משנה, חגיגה א, ב. [6] **נאָר אַ מינימום, און אַזוי איז אויך רות אַהיים געקומען מיט אַ קליינער מתנה.**

**וועגן אים, — וואָס, הינטערן טויער איז ער געשטאַנען[1]? ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: ווען ער וואָלט אפילו געוועזן עק וועלט, וואָלט אים הקדוש ברוך הוא געבראַכט צו פליען אַהין, כדי דערדאָזיקער צדיק זאָל ניט זיצן און האָבן צער פון זיין וואַרטן. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: אַזוי האָבן געדרשנט צוויי וועלט־גדולים, ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע. ר׳ אליעזר זאָגט: בועז האָט געטאָן זיינס, און רות האָט געטאָן אירס, און נעמי האָט געטאָן אירס. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: אויך איך וועל טאָן מיינס״[2]. [ר׳ יהושע זאָגט: ווען ער וואָלט אפילו געוועזן עק וועלט, וואָלט אים הקדוש ברוך הוא געבראַכט צופליען אַהין, כדי דערדאָזיקער צדיק זאָל ניט זיצן און זיך מצער זיין.] [3].**

ויאמר — און ער האָט געזאָגט: קום אַהער, זעץ זיך דאָ, פלוני אלמוני, (דער־און־דער). **ר׳ יהושע זאָגט: פלוני אלמוני איז געוועזן זיין נאָמען. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: [מע רופט אים אלמוני,] ווייל ער איז געוועזן שטום[4] פון דברי תורה[5]. ער האָט געזאָגט: „די ערשטע[6] זיינען ניט אַנדערש געשטאָרבן, נייערט איבער דעם וואָס זיי האָבן זיי גענומען, זאָל איך גיין זי נעמען? חלילה, איך זאָל זי נעמען! איך וועל ניט פאַרמישן מיין זאָמען; איך וועל ניט אַריינמישן קיין פסולת צווישן מיינע קינדער״. אָבער ער האָט ניט געוואוסט, אַז ס׳איז שוין אַרויסגעקומען דער נייער דין: אַן עמונישער, אָבער ניט קיין עמונישע; אַ מואבישער, אָבער ניט קיין מואבישע[7].**

ח

(ד, ב) ויקח — און ער האָט גענומען צען מענטשן פון די זקנים פון דער שטאָט [און האָט געזאָגט: זעצט אייך דאָ. און זיי האָבן זיך געזעצט]. **ר׳ אלכסנדרי האָט געזאָגט: פון דעם לערנען מיר, אַז אַ קלענערער טאָר זיך ניט זעצן, איידער דער גרעסערער גיט אים רשות. ר׳ פינחס האָט געזאָגט: פון דעם לערנען מיר, וואָס דאָסדאָזיקע הויז[1] באַשטימט זקנים איבער זייערע טרינקהייזער[2]. ר׳ אלעזר דער זון פון ר׳ יוסין האָט געזאָגט: פון דאַנען לערנען מיר, אַז צו די חתן ברכות[3] דאַרף מען האָבן צען מענטשן. ר׳ יודן בן פזי האָט געזאָגט: ניט נאָר איז עס אַ באַשטימטע זאַך, [אַז ביי דער חתונה פון] אַ בחור מיט אַ בתולה [דאַרף מען האָבן צען מענטשן], נייערט אפילו ביי אַן אלמן מיט אַן אלמנה[4] מוז עס אויך זיין מיט צען.**

---

ז. [1] דער בעל המדרש וואונדערט זיך אויפן מאָדנעם צופאַל, — ווי יענער וואָלט געוואוסט, אַז מע וועט אים דאַרפן. [2] און ער האָט געבראַכט דעם גואל פונקט אין צייט. [3] צוגעגעבן לויטן ילקוט, אַנדערש פעלן די רייד פון ר׳ יהושען (מעגלעך, אַז אַן איבער־שרייבער האָט עס מיט אַ טעות אַרויסגעלאָזט צוליב דעם ווייטערדיקן מאמר פון ר׳ יהושען). — אין ילקוט שטייט די רבנן אַנשטאָט ר׳ יהושע, ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז אַ גרייז. [4] אלם. [5] ער האָט ניט געקענט לערנען. [6] מחלון און כליון, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט רות און ערפה, די טעכטער פון מואב. [7] אין איינקלאַנג מיטן געזאָגטן, אַז ער איז געוועזן שטום פון דברי תורה (וועגן דעם דין זע אויבן, ב, ט, און ד, א).

ח. [1] דער סנהדרין (אַזוי שטייט אין ירושלמי, כתובות א, הלכה א: בית דין, כאָטש דער קרבן העדה האָט דאָרטן אונדזער נוסח, לבית הזה, און ער טייטשט עס אויפן הויז פון דוד, וואָס שטאַמט אָפּ פון בועזן, און אַזוי טייטשט עס אויך דער מהרז״ו). [2] אַכטונג צו געבן אויף דער מאָראַלישער אויפפירונג (אָנגעמענדיק, אַז די זקנים זיינען דאָ גערופן

דבר בעז, — מה, לאחורי תרעא הוה קאים? א״ר שמואל בר נחמן: אפילו היה בסוף העולם, הטיסו הקב״ה והביאו לשם, כדי שלא יהא אותו צדיק יושב ומצטער מתוך ישובו. אמר ר׳ ברכיה: כך דרשו שני גדולי עולם, ר׳ אליעזר ור׳ יהושע. ר׳ אליעזר אומר: בעז עשה את שלו, ורות עשתה את שלה, ונעמי עשתה את שלה. אמר הקב״ה: „אף אני אעשה את שלי״. [ר׳ יהושע אומר: אפילו היה בסוף העולם, הטיסו הקב״ה והביאו לשם, כדי שלא יהא אותו צדיק יושב ומצטער.]

ויאמר: סורה שבה פה, פלוני אלמוני. ר׳ יהושע אומר: פלוני אלמוני שמו. ר׳ שמואל בר נחמן אמר: אלם היה מדברי תורה. אמר: „הראשונים לא מתו, אלא על ידי שנטלו אותן, ואני הולך ליטלה? חס לי ליטלה! לית אנא מערבב זרעייתי; איני מערב פסולת בבני״. ולא היה יודע, שכבר נתחדשה הלכה: עמוני, ולא עמונית; מואבי, ולא מואבית.

ח

(ד, ב) ויקח עשרה אנשים מזקני העיר, וגו׳. אמר ר׳ אלכסנדרי: מיכן, שאין רשות לקטן לישב, עד שיתן לו הגדול רשות. א״ר פנחס: מיכן לבית זה, שהן ממנין זקנים בבית המשתאות שלהן. א״ר אלעזר בר׳ יוסי: מיכן לברכת חתנים בעשרה. א״ר יודן בן פזי: לא סוף דבר בחור לבתולה, אלא אפילו אלמן לאלמנה, עד שתהיה בעשרה.

ט

(ד, ג־ד) ויאמר לגואל: „חלקת השדה אשר לאחינו לאלימלך — — — ואני אמרתי: אגלה אזנך, לאמר: — — — אם תגאל, גאל, — לגואל אמר; ואם לא יגאל, — לבית דין אמר;

---

ט

(ד, ג־ד) ויאמר — און ער האָט געזאָגט צום אויסלייזער: „דאָס שטיק פעלד וואָס האָט געהערט צו אונדזער ברודער, צו אלימלכן, [האָט נעמי, די וואָס האָט זיך אומגעקערט פונעם פעלד פון מואב, פאַרקויפט]. האָב איך מיר געזאָגט: איך וועל אַנטפּלעקן דיין אויער, אַזוי צו זאָגן: — — — וועסטו אויסלייזן, לייז אויס, — דאָס האָט ער געזאָגט צום אויסלייזער; אויב אָבער ער[1] וועט ניט אויסלייזן, דאָס האָט ער געזאָגט צום בית־דין[2]; זאָג מיר, וועל

---

געוואָרן בייצוזיין ביי דער חתונה שמחה). [3] שבע ברכות. [4] ווי בועז און רות זיינען עס געווען.

ט. [1] לויטן ווערטערלעכן טייטש. [2] צו די צען זקנים, ווייל דאָ רעדט ער אין

איך וויסן, כדי דו זאָלסט נאָכדעם ניט זאָגן: איך האָב אַ ווייב און איך האָב קינדער; וועל איך זי אַריינגעמען אין מיין הויז בתנאי, אַז איך זאָל ניט לעבן מיט איר״[3]. ווי נאָר דער אויסלייזער האָט דאָס געהערט, אַזוי האָט ער געזאָגט: „ס'איז קלאָר, אַז רות איז אַוועק פון מיר״[4].

## י

ויאמר בועז — האָט בועז געזאָגט: אין דעם טאָג וואָס דו קויפסט דאָס פעלד פון נעמיס האַנט און פון רות דער מואבישער, אשת המת קנית, — האָסטו די ווייב פון דעם געשטאָרבענעם געקויפט, — דער כתיב איז קניתי, איך האָב געקויפט[1]. און דאָס איז אַ ראיה צו דעם וואָס ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט[2], אַז ער איז געווען שטום פון דברי תורה. ער האָט געזאָגט: „די ערשטע זיינען ניט אַנדערש געשטאָרבן, נייערט איבער דעם וואָס זיי האָבן זיי גענומען, זאָל איך גיין זי נעמען? חלילה, איך זאָל זי נעמען! איך וועל ניט פאַרמישן מיין זאָמען; איך וועל ניט אַריינמישן קיין פסולת צווישן מיינע קינדער״. אָבער ער האָט ניט געוואוסט, אַז ס'איז שוין אַרויסגעקומען דער נייער דין: אַן עמונישער, אָבער ניט קיין עמונישע; אַ מואבישער, אָבער ניט קיין מואבישע.

## יא

(ד, ז) וזאת — און אַזוי איז געווען פאַרצייטן אין ישראל: ביי אַן אויסלייז אָדער ביי אַן אויסבייט, צו באַפעסטיקן וועלכע ניט איז זאַך — — —. ר' חנינא האָט באַשיידט דעם פסוק וועגן ישראל. עס האָט זיך געביטן[1] דאָס פנים פון ישראל: פאַרצייטן פלעגן זיי לויבן פאַרן אויסלייז, ווי דער פסוק זאָגט (שמות טו, ב): זה אלי — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען, און איצט — פאַר דעם אויסבייט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קו, כ): וימירו — און זיי האָבן אויסגעביטן זייער כבוד[2] אויף דער געשטאַלט פון אַן אָקס[3] וואָס עסט גראָז, — ניטאָ נאָך אַזאַ עקלדיקע און נמאסע און משונה־דיקע [באַשעפעניש] ווי דער אָקס, ווען ער עסט גראָז.

צוערשט פלעגט מען קונה זיין[4] מיט אַ שוך, אָדער אַ סאַנדאַל, ווי דער פסוק זאָגט: שלף — האָט איינער אַראָפּגעצויגן זיין שוך [און געגעבן דעם אַנדערן]. שפּעטער [האָט מען איינגעפירט] קונה צו זיין דורך קצצה[5]. און וואָס איז דער שטייגער פון קצצה? ר' יוסי בר אבין האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס האָט פאַרקויפט זיין פעלד צו אַ גוי, פלעגן זיינע קרובים ברענגען פולע פעסלעך מיט געברענטע זאַנגען און ניס און זיי צעברעכן פאַר די קינדער, און די קינדער פלעגן עס קלייבן און זאָגן: „דער־און־דער איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיין נחלה״. האָט ער עס צוריקגעקראָגן, פלעגט מען זאָגן: „דער־און־דער האָט זיך אומגעקערט צו זיין נחלה״.

---

דריטער פערזאָן. [3] און דאָס איז ניט ווי עס פאָדערט דער דין פון מיבם זיין דעם געשטאָרבענעמס ווייב (פסוק ה): להקים — אויפצושטעלן דעם נאָמען פון דעם געשטאָר־בענעם אויף זיין נחלה, דורך דעם וואָס זי וועט אים געבוירן קינדער (ואדעה, און איך וועל וויסן, ווערט דאָ פאַרשטאַנען אין זין פון געשלעכטלעכן פאַרקער, און אויף דעם באַזיס לייגט דער בעל המדרש אַריין בועזן אין מויל די וואָרענונג צום אויסלייזער. —

הגידה לי, ואדעה, שלא תאמר: יש לי אשה ויש לי בנים; הריני כונסה לתוך ביתי על מנת שלא אזקק לה". כיון ששמע הגואל כן, אמר: „ודאי, דהא אזלת רות".

י

(ד, ה) ויאמר בעז: ביום קנותך השדה מיד נעמי ומאת רות המואביה, אשת המת קנית, — קניתי כתיב. והא מסייעא להיא דאמר ר' שמואל בר נחמן: אלם היה מדברי תורה. אמר: „הראשונים לא מתו, אלא על ידי שנטלו אותן, ואני הולך ליטלה? חס לי ליטלה! לית אנא מערבב זרעייתי; איני מערב פסולת בבני". ולא היה יודע, שכבר נתחדשה הלכה: עמוני, ולא עמונית; מואבי, ולא מואבית.

יא

(ד, ז) וזאת לפנים בישראל: על הגאולה ועל התמורה, לקיים כל דבר — — —. ר' חנינא פתר קרא בישראל. (בגו) [שינו] אפייא דישראל: לשעבר היו מקלסין על הגאולה, שנאמר (שמות ט"ו): זה אלי ואנוהו, ועכשיו — על התמורה, שנאמר (תהלים ק"ו): וימירו את כבודו בתבנית שור אוכל עשב, — אין לך מנוול ומשוקץ ומשונה כשור, בשעה שאוכל עשב.

בראשונה היו קונין במנעל ובסנדל, שנאמר: שלף איש נעלו; חזרו להיות קונין בקצצה. ומהו דין קצצה? א"ר יוסי בר אבין: כל מי שהוא מוכר שדהו לגוי, היו קרוביו מביאין חביות מלאות קליות ואגוזים ומשברין בפני התינוקות, והתינוקות מלקטין ואומרין: „נקצץ פלוני מאחוזתו". החזירה, היו אומרים: „חזר פלוני לאחוזתו".

כך כל מי שנושא אשה שאינה הוגנת לו, היו הקרובים

---

אַזוי אויך איטלעכער וואָס האָט גענומען אַ פרוי ניט ווי ס'פּאַסט פאַר אים, פלעגן די קרובים ברענגען פולע פעסלעך מיט געברענטע זאַנגען און

---

לויט מתנות כהונה). לויט אונדזער אויסטייטשונג ווערט דערדאָזיקער פסוק (להקים) דאָ פאַרשטאַנען, כאָטש ניט בפירוש ציטירט, און אויף דעם קומט דער ווייטערדיקער ענטפער פונעם אויסלייזער. ממילא זיינען ניט נויטיק די אַלע ענדערונגען וואָס דער רד"ל שלאָגט פאָר דאָ און אין סימן י, און וואָס אויף זיי איז באַזירט דער נוסח אין דער סאָנצינאָ אויסגאַבע. [4] ווי ער זאָגט ווייטער אין פסוק ו (און פסוק ה ווערט געבראַכט אין סימן י נאָר צוליב דער דרשה פון קנית־קניתי).

י. [1] בועז האָט געפילט, אַז סוף־כל־סוף וועט ער חתונה האָבן מיט רותן, האָט זיך אים דעריבער אַרויסגעכאַפּט קניתי, איך האָב געקויפט, אַנשטאָט קנית, דו האָסט געקויפט, און דאָס זאָל זיין די סיבה פונעם כתיב. [2] אויבן ז, ז.

ניס און זיי צעבּרעכן פאַר די קינדער, און די קינדער פלעגן עס קלייבן און זאָגן: „דער־און־דער איז פאַרלאָרן פאַר זיין משפחה״. האָט ער זי אָפּגעגט, פלעגט מען זאָגן: „דער־און־דער האָט זיך אומגעקערט צו זיין משפחה״[6].

שפּעטער האָט מען איינגעפירט, מע זאָל קונה זיין מיט געלט, מיט אַ שטר[7], אָדער מיט חזקה[8], און אַלע דריי זיינען פאַרשריבן אין איין פסוק (ירמיה לב, מד): שדות — מע וועט נאָך קויפן פעלדער פאַר געלט, — אַט איז געלט; וכתוב — און מע וועט פאַרשרייבן אין אַ מגילה און חתמענען, — דאָס זיינען די עדות וואָס אויפן שטר; והעד — און שטעלן עדות, — דאָס זיינען די עדות פון חזקה[8*].

ר׳ יוסי אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: געלט[9] קען מען ניט קונה זיין מיט עפּעס, וואָס איז ווערט ווייניקער פון אַ פּרוטה זילבער; אויך ערד קען מען ניט קונה זיין מיט עפּעס, וואָס איז ווערט ווייניקער פון אַ פּרוטה. — [פון אויבנאויף קומט אויס, אַז] ר׳ חנינא מיט זיין מימרא קריגט אויף דעם[10], דען ר׳ חנינא האָט געזאָגט: אין דער תורה וואו נאָר עס שטייט שקל, מיינט עס אַ סלע[11], אין נביאים — אַ ליטראַ[12], אין כתובים — אַ צענטנער[13]. ר׳ יודן בן פּזי האָט געזאָגט: אויסער די שקלים פון עפרון, וואָס זיינען געווען צענטנערס[14]. אָבער ס׳איז ניט גליך[15]: דאָ[16] שטייט [סתם] כסף, געלט, און וואָס ר׳ חנינאָ האָט געזאָגט איז שקלים.

[אָבער ר׳ יוחננס ווערטער] שטימען ניט מיט ר׳ אליעזרס, דען ר׳ אליעזר פלעגט זאָגן: דאָס דורכגיין [דורכן געקויפטן פעלד] איז קונה. ווי מיר האָבן געלערנט[17]: אויב ער איז דורכגעגאַנגען דאָס פעלד, צי אין דער לענג, צי אין דער ברייט, האָט ער קונה געווען ביזן אָרט וואו ער איז געגאַנגען, — דאָס זיינען די ווערטער פון ר׳ אליעזרן; און די חכמים זאָגן: ער האָט ניט קונה געווען, ביז ער האָט ניט געטאָן אין איר אַ חזקה[18]. אַלע אָבער זיינען מודה, אַז ווען איינער פאַרקויפט אַן אַנדערן אַ שטעג[19], איז ווי נאָר [דער קויפער] איז דורכגעגאַנגען, אַזוי האָט ער עס קונה געווען.

---

יא. [1] טעקסט עמענדירט לויטן יפה ענף (אויפן סמך פון אות אמת). [2] דעם גאָט פון ישראל. [3] דער עגל הזהב וואָס ישראל האָט געמאַכט ביים באַרג סיני. [4] באַקומען דאָס אָפיציעלע רעכט אויף אַ געקויפטער זאַך. [5] אָפּהאַקונג, אָפּשניידונג. [6] אין די טעקסטן געפינט זיך דאָ די פראַזע: חזרו להיות קונין במנעל ובסנדל: שלף איש נעלו ונתן לרעהו (האָט מען ווידער איינגעפירט קונה צו זיין מיט אַ שוך, אָדער מיט אַ סאַנדאַל: האָט איינער אַראָפּגעצויגן זיין שוך און געגעבן דעם אַנדערן); ס׳איז אָבער ניט מער ווי אַ טעותדיקע איבערחזרונג פון אויבן, און מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט אויפן סמך פון ירושלמי (קידושין א, הלכה ה), וואו די פראַזע איז ניטאָ. — אין מדרש רות זוטא (בובער, בערלין 1894) איז דאָ פאַראַן פאָלגנדער צוגאָב: לפיכך אמר טוב: איני נוטלה, פן אשחית את נחלתי (דעריבער האָט טוב געזאָגט: איך וועל זי ניט נעמען, וואָרום איך קען נאָך פאַרדאַרבן מיין נחלה), — ניט ווייסנדיק פונעם נייעם דין, האָט טוב מורא געהאַט פאַר דער קצצה וואָס מע וועט אים מאַכן, אויב ער וועט חתונה האָבן מיט אַ מואבישער פרוי. די איבערחזרונג וואָס מיר האָבן דאָ אַרויסגעלאָזט איז אין רות זוטא ניטאָ. [7] שריפט־לעכער דאָקומענט. [8] אייגנטום רעכט (פון החזק, האַלטן), וואָס קומט דורך אַן אַקט פון אַריינברענגען ענדערונגען אינעם באַזיץ, ווי אויסגלייכן דעם באָדן, ענדערונגען אין אַ בנין, אָדער דורך האַלטן אומבאַוועגלעכע גיטער דריי יאָר צייט אומגעשטערט (בבא בתרא פרק ג). [8*] אַזוי ווי דאָס וואָרט חתמענען ווערט געדרשנט אויף די עדות פון שטר,

מביאין חביות מלאות קליות ואגוזים ושוברין לפני התינוקות, והתינוקות מלקטין ואומרין: „אבוד פלוני ממשפחתו״. גרשה, היו אומרין: „חזר פלוני למשפחתו״.

חזרו להיות קונים בכסף ובשטר ובחזקה, ושלשתן כתובין בפסוק אחד (ירמיה ל״ב): שדות בכסף יקנו, הרי כסף; וכתוב בספר וחתום, הרי עדי השטר; והעד עדים, הרי עדי חזקה.

ר׳ יוסי בשם ר׳ יוחנן: אין כסף נקנית בפחות משוה פרוטה כסף, ואין קרקע נקנית בפחות משוה פרוטה. מלתיה דר׳ חנינא פליגא, דאמר ר׳ חנינא: כל שקלים שנאמרו בתורה — סלעים, ובנביאים —ליטרין, ובכתובין — קנטרין. א״ר יודן בן פזי: חוץ משקלי עפרון, שהיו קנטרין. ולא דמי: הכא כתיב כסף, ומה דאמר ר׳ חנינא — שקלים. ודלא כר׳ אליעזר, שהיה ר׳ אליעזר אומר: הילוך קנה. דתני: אם הלך בשדה, בין לארכה בין לרחבה, קנה עד מקום שהלך, — דברי ר׳ אליעזר; וחכמים אומרים: לא קנה עד שיחזיק. והכל מודים במוכר (שדהו) [שביל] לחברו, — כיון שהלך, קנה.

יב

(ד, ח) ויאמר הגואל לבעז: קנה לך. וישלף נעלו, — נעלו של מי? רב ולוי. חד אמר: נעלו של בועז; וחרינא אמר: נעלו של

---

יב

(ד, ח) ויאמר הגואל — האָט דער אויסלייזער געזאָגט צו בועזן: קויף עס דיר. און ער האָט אַראָפּגעצויגן זיין שוך, — וועמעס שוך? רב און לוי. [קריגן

---

זעט אויס דער אויסדרוק און שטעלן עדות צו זיין איבעריק, ווערט עס דעריבער געדרשנט אויף חזקה. [9] אויך געלט פלעגט זיין אַ קויף אָביעקט (זע משנה בבא מציעא, ד, א). [10] איז ניט איינשטימיק מיט ר׳ יוחננס איינשטעל. [11] דער זעלבער מאָנעטאַרער באַטרעף ווי אַ שקל הקודש (אַ שקל גענוצט פאַר דברים שבקדושה, די ווערט פון צוויי שקל פון טאָג־טעגלעכן פאַרקער). [12] פופציק סלע. [13] הונדערט שקל. — און אויב מיר ווען אָננעמען, אַז כסף, געלט, אין ירמיה מיינט אַ שקל, קומט אויס, אַז ס׳איז אַ מחלוקת צווישן ר׳ יוחנן און ר׳ חנינא: לויטן ערשטן איז גענוג אַ פּרוטה, די קלענסטע מטבע, קונה צו זיין אַ פעלד, און לויטן צווייטן מוז עס זיין ניט ווי ווייניקער ווי אַ שקל. [14] די פיר הונדערט שקל וואָס אברהם האָט באַצאָלט עפרונען פאַר דער מערת המכפלה (בראשית כג, טז) זיינען ניט געווען קיין שקלים, נייערט צענטנערס („צדיקים זאָגן צו ווייניק, און טוען אַ סך; רשעים זאָגן צו אַ סך, און אפילו ווייניק טוען זיי ניט. אָט ווי עפרון״ (ילקוט בראשית, וירא), — וואָס לכתחילה האָט ער געוואָלט געבן אברהמען די מערת המכפלה אומזיסט, און לסוף האָט ער גענומען פיר הונדערט צענטנערס, ווי דער פסוק זאָגט: שקל כסף — זילבער שקל, גאַנגבאַר פאַרן סוחר). — ר׳ יודנס ווערטער קומען דאָ נאָר דרך אגב, זיי האָבן אָבער ניט קיין שייכות צום עיקר ענין. [15] ר׳ יוחנן און ר׳ חנינא רעדן וועגן צוויי באַזונדערע זאַכן, איז ממילא צווישן זיי קיין מחלוקת ניטאָ. [16] אין ירמיה. [17] בבא בתרא ק, א. [18] זע אויבן באַמערקונג 8. [19] אַ דורכגאַנג דורך זיין פעלד. — אין אַלע טעקסטן שטייט דאָ „המוכר שדהו, אַז איינער

וועגן דעם]. איינער האָט געזאָגט: בועזעס שוך; און דער אַנדערער האָט געזאָגט: דעם אויסלייזערס שוך. די זאַך זעט אויס צו זיין ווי דער וואָס זאָגט בועזעס שוך, ווארום דער שטייגער איז, אַז דער קויפער גיט אַ פערזיכערונג.

און דעסטגלייכן (מלכים א, יא, ל): ויתפש אחיה — האָט אחיה אַ נעם געטאָן דעם נייעם בגד וואָס אויף אים [און האָט אים צעריסן אויף צוועלף שטיקער], — וועמעס בגד? רב און לוי. איינער האָט געזאָגט: ירבעמס בגד; און דער אַנדערער האָט געזאָגט: אחיהס בגד. האָט ר' שמואל בר רב נחמן געזאָגט: עס לייגט זיך אויפן שכל ווי דער וואָס זאָגט אחיהס בגד, ווארום דער שטייגער פון צדיקים איז, אַז זיי רייסן קריעה, ווען עס קומט פאַר אַ מחלוקת אין דעם מלכות פון דודס הויז.

און דעסטגלייכן (שמואל א, טו, כז): ויסב שאול — און אַז שמואל האָט זיך אומגעדרייט אַוועקצוגיין, אַזוי האָט ער אָנגענומען די פּאָלע פון זיין מאַנטל, און עס האָט זיך אָפּגעריסן, — וועמעס מאַנטל? רב און לוי. איינער האָט געזאָגט: שאולס מאַנטל; און דער אַנדערער האָט געזאָגט שמואלס מאַנטל. און עס לייגט זיך אויפן שכל ווי דער וואָס זאָגט די פּאָלע פון שמואלס מאַנטל, ווארום דער שטייגער פון צדיקים איז, אַז זיי רייסן קריעה, ווען זייער פּלאַנץ גיט זיך ניט איין [1].

און דעסטגלייכן (דברי הימים ב, יג, כ): ולא עצר — און ירבעם איז שוין מער צו די כוחות ניט געקומען [אין די טעג פון אביהן; און גאָט האָט אים געפּלאָגט, און ער איז געשטאָרבן], — האָט ר' שמואל [בר נחמן] [2] געזאָגט: דו מיינסט, אַז ירבעם איז געפּלאָגט געוואָרן [3]? ניט קיין אַנדערער איז געפּלאָגט געוואָרן, נייערט אביה. און איבער וואָס איז אביה געפּלאָגט געוואָרן? איבער דעם וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט די צורות פון די [געהרגעטע] יידן ניט צו דערקענען [4], ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה ג, ט): הכרת פניהם — דעם אָנבליק פון זייער פּנים זאָגט עדות אויף זיי, [אָבער זייער זינד האָבן זיי ווי סדום אויסגעזאָגט] [5]. ר' אחא האָט געזאָגט: איבער דעם וואָס ער האָט געשטעלט איבער זיי שומרים אויף דריי טעג [6], [ביז] [7] זייער צורה האָט זיך געביטן. דען מיר האָבן געלערנט [8]: מע זאָגט ניט קיין עדות [וועגן אַ געהרגעטן מענטשן], נייערט לויטן פּנים מיט דער נאָז. ר' יוחנן און ריש לקיש [גיבן אָן אַנדערע סיבות פאַר אביהס טויט]. ר' יוחנן האָט געזאָגט: איבער דעם וואָס ער האָט זיי צו שאַנד געשטעלט [9] פאַר מענטשן, ווי דער פּסוק זאָגט (דברי הימים ב, יג, ח): ועמכם — און מיט אייך זיינען די גאָלדענע קעלבער [וואָס ירבעם האָט אייך געמאַכט פאַר געטער]. ריש לקיש האָט געזאָגט: איבער דעם וואָס ער האָט מבזה געווען אחיה השילוניס כבוד, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, פּסוק ז): ויקבצו — און עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַרום אים נישטיקע לייט, נידערטרעכטיקע יונגען, — אחיה השילונין האָט ער אָנגערופן נידערטרעכטיקער יונג! [10] און די רבנן זאָגן: איבער דעם וואָס די עבודה זרה איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט, און ער האָט זי ניט אויסגעראָטן; דאָס איז ווי עס שטייט

גואל. נראין הדברים כמאן דאמר נעלו של בועז, שדרך הלוקח להיות נותן ערבון.

ודכוותה (מלכים א׳ י״א): ויתפש אחיה בשלמה החדשה, וגו׳, — שמלתו של מי? רב ולוי. חד אמר: שמלתו של ירבעם; וחרינא אמר: שמלתו של אחיה. א״ר שמואל בר רב נחמן: מסתברא כמאן דאמר שמלתו של אחיה, שדרך הצדיקים להיות קורעים בשעה שמחלוקות במלכות בית דוד.

ודכוותה (שמואל א׳ ט״ו): ויסב שמואל ללכת, ויחזק בכנף מעילו, ויקרע, — מעילו של מי? רב ולוי. חד אמר: מעילו של שאול; וחרינא אמר: מעילו של שמואל. ומסתברא כמאן דאמר כנף מעילו של שמואל, שדרך הצדיקים להיות קורעים, בשעה שאין נטיעתן משבחת.

ודכוותה (דברי הימים ב׳, י״ג): ולא עצר כח ירבעם [— — — ויגפהו ה׳ וימת], — א״ר שמואל [בר נחמן]: את סבור, שירבעם הוא שניגף? לא ניגף אלא אביה. ולמה ניגף אביה? על ידי שהעביר הכרת פניהם של ישראל, שנאמר (ישעיה ג׳): הכרת פניהם ענתה בם. ר׳ אחא אמר: על ידי שהעמיד עליהם שומרים ג׳ ימים, [עד] שנשתנתה צורתן, דתנינן: אין מעידין, אלא על פרצוף פנים עם החוטם. ר׳ יוחנן וריש לקיש. ר׳ יוחנן אמר: על ידי (שחשדן) [שחסדן] ברבים, שנאמר (דברי הימים ב׳, י״ג): ועמכם עגלי זהב. ריש לקיש אמר: על ידי שבזה כבוד אחיה השילוני, שנאמר (שם): ויקבצו עליו אנשים ריקים, בני בליעל, — קרא לאחיה השילוני בן בליעל. ורבנן אמרי: על ידי שבאת עבודת כוכבים על ידו, ולא בערה; הדא הוא דכתיב (שם): וירדף

---

פאַרקויפט זיין פעלד; אָבער דאָס איז ניט ריכטיק, ווייל דאָס איז דאָך די מחלוקת צווישן ר׳ אליעזרן און די חכמים. מיר האָבן עס עמענדירט לויטן ירושלמי (קידושין א, הלכה ה).

יב. [1] שמואל האָט געזאַלבט שאולן פאַר אַ מלך, און לסוף איז ער געווען אַ דורכפאַל. [2] צוגעגעבן לויט בראשית רבה סה, כ, און עג, ה. [3] אין פלוג קוקט עס אויס אַזוי, ווייל דער סוביעקט פון יענעם פסוק איז ירבעם. לויטן חשבון אָבער פון די יאָרן וואָס דידאָזיקע מלכים האָבן געקיניגט, איז אביה געשטאָרבן פריער (זע רד״ק אויף דעם פסוק). [4] כדי מע זאָל ניט וויסן, ווער עס איז געהרגעט געוואָרן (אין מלחמה), און די ווייבער וועלן מוזן בלייבן אייביקע עגונות. [5] ווערט עס געטייטשט אויף אביהן, וואָס האָט מבטל געווען דעמדאָזיקן באַווייז. [6] און ניט צוגעלאָזט קיין עדות זיי צו דערקענען (אין בראשית רבה סה, כ, ווערט דאָ צוגעגעבן: ואין מעידים אלא עד שלשה ימים — און מע זאָגט ניט קיין עדות [וועגן אַ געהרגעטן], נייערט ביז דריי טעג). [7] צוגעגעבן לויט בראשית רבה עג, ה. [8] משנה יבמות טז, ג. [9] פון חסד, שאַנדהאַפטיקייט (ויקרא כ, יז). עמענדירט לויט בראשית רבה סה, כ, און עג, ה, און לויט ויקרא רבה לג, ה. ענלעך צו דעם איז דער נוסח אין ילקוט (מלכים, כה) און אין סדר עולם רבה טז: מחסד, אין הוה.

געשריבן (דאָרט, פסוק יט): וירדף אביה — און אביה האָט נאָכגעיאָגט ירבעמען [און ער האָט איינגענומען פון אים שטעט, בית אל — — —], און עס שטייט געשריבן (מלכים א, יב, כט): וישם — האָט ער [11] אַוועקגעשטעלט איין [גאָלדענעם קאַלב] אין בית אל[12]. און דאָ האָבן מיר אַ קל־וחומר: מה־דאָך אַ מלך וואָס האָט מצער געווען אַ צווייטן מלך, האָט אים דער פסוק געפּלאָגט[13]; אַ פּשוטער מענטש וואָס איז מצער אַ פּשוטן מענטשן, — אוודאי און אוודאי![14]

## יג

(ד, יא) ויאמרו כל העם — האָט געזאָגט דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין טויער [און די עלטסטע: מיר זיינען עדות! זאָל גאָט געבן, אַז די פרוי וואָס קומט אַן אין דיין הויז זאָל זיין אַזוי ווי רחל און לאה]. ר׳ ברכיה[1] האָט געזאָגט: דאָס רוב פון די בייזיצנדיקע[2] זיינען געווען פון לאהס קינדער[3], דעריבער האָט ער געמאַכט רחלען פאַרן עיקר[4]. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: רחל איז געווען זיין עיקרדיקע [ווייב], ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כט, לא): ורחל עקרה — און רחל איז געווען אַן עקרה, [לייען ניט עקרה, נייערט] עיקרה, די עיקרדיקע. ר׳ שמעון בר יוחאי האָט געלערנט: ווייל מע האָט גערעדט [בייזע] רייד קעגן רחלען[5], דעריבער ווערן גערופן [אַלע יעקבס] קינדער אויף איר נאָמען, ווי אין פסוק שטייט (ירמיה לא, יד): רחל מבכה — רחל וויינט אויף אירע קינדער. און עס ענדיקט זיך ניט מיט איר נאָמען אַליין, נייערט אפילו אויף איר זונס נאָמען, ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ה, טו): אולי — אפשר וועט גאָט לייטזעליקן דאָס רעשטל פון יוספן. און עס ענדיקט זיך ניט מיט איר זונס נאָמען אַליין, נייערט אפילו אויפן נאָמען פון איר זונס זון, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה לא, יט): הבן יקיר — איז מיר אפרים אַ זון אַ טייערער? צי אַ קינד אַ ליבלינג?[6]

## יד

(ד, יב) ויהי ביתך — און זאָל דיין הויז זיין ווי דאָס הויז פון פרצן — — — [פון די קינדער וואָס גאָט וועט דיר געבן פון דערדאָזיקער יונגער פרוי]. זיי האָבן געזאָגט: „אַלע קינדער וואָס הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט דיר צו געבן זאָלן זיין פון דערדאָזיקער צדיקת״. און דעסטגלייכן (בראשית כה, כא): ויעתר יצחק — און יצחק האָט געבעטן צו גאָט קעגן איבער[1] זיין ווייב; וואָס מיינט קעגן איבער זיין ווייב? נייערט עס לערנט אונדז, אַז יצחק

---

[10] ווייל אחיה האָט דאָך אויך געשטיצט ירבעמען קעגן רחבעמען. [11] ירבעם. [12] האָט דאָך אביה געהאַט ביַד עס אויסצוראָטן, און ער האָט עס ניט געטאָן. [13] ד״ה: האָט אים גאָט געפּלאָגט, ווי דער פסוק זאָגט. [14] אויב אַ מלך, וואָס איז אויסן טובת הכלל, ווערט פונדעסטוועגן אַזוי באַשטראָפט, אַ פּשוטער מענטש, וואָס ווערט געפירט פון זיין עגאָאיזם — אוודאי און אוודאי (מהרז״ו, ויקרא רבה).

יג. [1] אין בראשית רבה עא, ב, און אין פסיקתא דרב כהנא כ איז דער נוסח: ר׳ אבא בר כהנא. [2] דאָס פאָלק און די זקנים. [3] ווייל בועז און אַלע איינוואוינער פון בית לחם זיינען געווען פון שבט יהודה. [4] דערמאָנענדיק איר נאָמען צוערשט, צו ווייזן, אַז צווישן די מוטערס פון ישראל איז זי די וויכטיקסטע. [5] מע האָט זיך גע[illegible]צט מיט

אביה אחר ירבעם [וילכד ממנו ערים, את בית אל — — —], וכתיב: וישם את האחד בבית אל. **והרי דברים קל וחומר: ומה אם המלך שמונה את המלך, נגפו הכתוב; הדיוט שהוא מונה את ההדיוט, על אחת כמה וכמה.**

**יג**

(ד, יא) **ויאמרו** כל העם אשר בשער [והזקנים: עדים! יתן ה׳ את האשה הבאה אל ביתך כרחל וכלאה]. **א״ר ברכיה: רוב** מסובין משל לאה, **לפיכך הוא עושה את רחל עיקר. א״ר אבא בר כהנא: רחל היתה עיקרו שלו, שנאמר** (בראשית כ״ט): ורחל עקרה — עיקרה. **תני** ר׳ **שמעון בן יוחאי: לפי שאמרו דברים כנגד רחל,** לפיכך **נקראו בנים לשמה, דכתיב** (ירמיה ל״א): רחל מבכה על בניה. **ולא סוף דבר לשמה, אלא אפילו לשם בנה, שנאמר** (עמוס ה׳): אולי יחנן ה׳ שארית יוסף. **ולא סוף דבר לשם בנה, אלא אפילו לשם בן בנה, שנאמר** (ירמיה שם): הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים.

**יד**

(ד, יב) **ויהי** ביתך כבית פרץ — — — [מן הזרע אשר יתן ה׳ לך מן הנערה הזאת]. **אמרו: „כל בנים שהקב״ה עתיד ליתן לך יהיו מן הצדקת הזו״. ודכוותה** (בראשית כ״ה): ויעתר יצחק לה׳ לנכח אשתו, כי עקרה היא. — **מהו** לנכח אשתו? **אלא מלמד, שהיה יצחק שטוח כאן ורבקה שטוחה כאן, ואומר: „רבונו של עולם! כל בנים שאתה עתיד ליתן לו יהיו מן הצדקת הזו״. ודכוותה** (שמואל א׳, ב׳): וברך עלי את אלקנה ואת אשתו; **אמר: „בנים שעתיד הקב״ה ליתן לך יהיו מן הצדקת הזו.**

---

**איז געפאַלן אויפן פנים אין איין ווינקל און רבקה איז געפאַלן אין צווייטן ווינקל, און ער האָט געזאָגט: „רבונו של עולם! אַלע קינדער וואָס דו ביסט אָנגעברייט מיר צו געבן זאָלן זיין פון דערדאָזיקער צדיקת״. און דעסט־גלייכן** (שמואל א, ב, כ): וברך עלי — **און עלי האָט געבענטשט אלקנהן און זיין ווייב; ער האָט געזאָגט: „די קינדער וואָס הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט דיר צו געבן זאָלן זיין פון דערדאָזיקער צדיקת״.**

---

**איר, וואָס זי איז אַן עקרה.** [6] **אין די אַלע פסוקים רעדט זיך וועגן כל ישראל.**

(ד, יג) ויקח בועז — און בועז האָט גענומען רותן, און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב. [און ער איז געקומען צו איר, און גאָט האָט איר געגעבן טראָגשאַפט]. ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: זי האָט דעם עיקר טייל פון מוטערלייב ניט געהאַט; האָט הקדוש ברוך הוא איר אויסגעפורעמט דעם עיקר טייל פון מוטערלייב[2].

## טו

(ד, יד) ותאמרנה הנשים — און די ווייבער האָבן געזאָגט צו נעמין: געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט דיך ניט געלאָזן אָן אַ גואל היינטיקן טאָג, — אַזוי ווי דער טאָג[1] געוועלטיקט אין הימל, אַזוי זאָלן שטענדיק זיין צווישן דיינע קינדער הערשער און געוועלטיקער איבער ישראל[2]. ר' חוניא האָט געזאָגט: אין זכות פון די ברכות פון די ווייבער איז דודס הויז ניט אויס־געריסן געוואָרן מיטן שורש אין די טעג פון עתליהו[3]. און ר' תנחומא אין נאָמען פון ר' שמואלן האָט געזאָגט: דאָרטן שטייט געשריבן (בראשית יט, לב): ונחיה — און מיר וועלן צום לעבן ברענגען זאָמען פון אונדזער פאָטער, — עס שטייט דאָ ניט „בן", אַ זון, נייערט זרע, זאָמען, יענער זאָמען וואָס וועט אַרויסקומען פון אַן אַנדער אָרט[4]; און ווער איז עס? דאָס איז דער מלך המשיח[5].

## טז

(ד, טו) והיה לך — און ער זאָל דיר זיין אַ דערקוויקער פאַר דער זעל און אויף אויסצוהאַלטן דיין עלטער. [דען דיין שנור — — — איז דיר בעסער פון זיבן זין], — ר' יהודה און ר' נחמיה. ר' יהודה זאָגט: פון [וועגן] די זיבן הויפּטן פון די פאָטער־הייזער, וואָס ווערן דערמאָנט ווייטער (דברי הימים א, ב, טו): — — — אוצם דער זעקסטער, דוד דער זיבעטער[1]. ר' נחמיה האָט געזאָגט: [זי איז דיר בעסער] פון די זיבן וואָס ווערן דאָ[2] אויסגערעכנט: פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, שלמון, בועז.

---

יד. [1] לויטן פשט: פון וועגן. [2] די דרשה שטיצט זיך אויפן אויסדרוק און גאָט האָט איר געגעבן טראָגשאַפט, וואָס קען מיינען די אייגנשאַפט צו קענען טראָגן. אָדער אויפן אויסדרוק און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב, משמעות אַז פאַר דעם איז זי ניט געווען ראוי צו זיין אַ ווייב (עץ יוסף).

טו. [1] ד"ה: די זון. [2] אין איינקלאַנג מיט יעקבס ברכה (בראשית מט, י): לא יסור — עס וועט ניט אָפּגעטאָן ווערן אַ צעפּטער פון יהודה. [3] וואָס האָט אויסגעהרגעט

(ד, יג) ויקח בעז את רות ותהי לו לאשה. **אמר ר׳ שמעון בן לקיש: עיקר מוטרין לא היה לה; וגלף לה הקב״ה עיקר מוטרין.**

## טו

(ד, יד) ותאמרנה הנשים אל נעמי: ברוך ה׳, אשר לא השבית לך גואל היום, — **מה היום הזה רודה ברקיע, כך יהא בזרעך רודה ושליט בישראל לעולם. אמר ר׳ חוניא: מברכותיהן של נשים לא נתקעקעה ביצתו של דוד בימי עתליהו. ור׳ תנחומא בשם ר׳ שמואל אמר: שמה כתיב** (בראשית י״ט): ונחיה מאבינו זרע, — **אין כתיב כאן „בן״ אלא זרע, אותו הזרע שהוא בא ממקום אחר; ואיזה זה? זה מלך המשיח.**

## טז

(ד, טו) והיה לך למשיב נפש ולכלכל את שיבתך, [כי כלתך — — —טובה לך משבעה בנים], — **ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. ר׳ יהודה אומר: משבעה ראשי האבות האמורין להלן** (דברי הימים א׳ ב׳): — — — אצם הששי, דוד השביעי. **ר׳ נחמיה אמר: משבעה המפורשין כאן:** פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, שלמון, בעז.

---

**אַלעמען פון דודס הויז, אָבער יהואש איז געבליבן לעבן** (מלכים ב, יא). [4] **ד״ה: טיילווייז ניט פון יידישן שטאַם** (זע מהרז״ו). [5] **לעולם האָט לוטס טאָכטער בּעדאַרפט נוצן דאָס וואָרט בן, ווייל איר גאַנצער פאַרלאַנג איז דאָך געווען צו האָבן אַ זון; וויבאַלד אָבער זי האָט געזאָגט** זרע, **זאַמען, וואָס דאָס ווערט אָפט גענוצט אין זין פון קומענדיקע דורות, הייסט עס, אַז ניט ווּיסנדיק האָט זיך פון איר מויל אַרויסגעכאַפּט אַ נבואה וועגן משיחן, וואָס וועט אַרויסקומען פון איר, דורך דער מואבישער, אין סוף פון די דורות. וואַרשיינלעך איז די דרשה אויך באַזירט אויף דעם, וואָס איןביידע פאַלן, סיי דאָ** (ד, יב) **און סיי ביי לוטס טעכטער, ווערט גענוצט דאָס וואָרט** זרע.

טז. [1] **לויט ר׳ יהודהן דאַרף מען די פראַזע** אשר היא טובה לך **ניט טייטשן: וואָס זי איז דיר בעסער, נייערט וואָס זי איז דיר גוט, און** משבעה בנים — **פון וועגן די זיבן זין פון ישי, וואָס דער ייִנגסטער פון זיי איז געווען דוד, ד״ה: זי איז דיר גוט מיט דעם וואָס פון איר וועלן אַרויסקומען ישיס זיבן זין** (יפה ענף). [2] **פסוקים יח—כא.**

# פרשה ח

## א

## [פתיחתא]

ר׳ אבא בר כהנא האָט אָנגעהייבן (תהלים ד, ה): רגזו — ציטערט און זינדיקט ניט. דוד האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ביז ווילאַנג וועלן זיי צערענען[1] אויף מיר און זאָגן: איז ער ניט פון אַ פסולער משפחה? שטאַמט ער ניט פון רות דער מואבישער? (דאָרט) אמרו — באַקלערט זיך אין אייער האַרצן וועגן אייער געלעגער[2], קומט איר ניט אַרויס פון צוויי שוועסטערס[3]? זעט אַקאָרשט, וואָס אייער אָפּשטאַם איז, ודומו סלה — און ווערט אַנטשוויגן אויף אייביק. און אויך תמר, וואָס אייער זיידע יהודה האָט זי גענומען, איז עס ניט קיין פסול אין דער משפחה[4]? און איז זי ניט געווען[5] די טאָכטער פון שם דעם זון פון נוח[6]? וואָס פאַר אַ יחוס האָט איר?"

ר׳ יעקב בר אביה האָט געזאָגט: [רגזו מיינט] זיי מצער דיין יצר הרע און זינדיק ניט. און די רבנן זאָגן: מאַך אין כעס דיין יצר הרע, און זאָלסט ניט זינדיקן.

## ב[1]

(ד, יח) ואלה — און דידאָזיקע זיינען די געבורטן פון פרצן, — ר׳ אבא האָט געזאָגט: אומעטום, וואו דער פסוק זאָגט אלה, דידאָזיקע, האָט ער געפּסלט די פריערדיקע[2]; ואלה, און דידאָזיקע, גיט ער צו צו די פריערדיקע[3], אא"וו (ווי עס געפינט זיך אין בראשית רבה פרשה יב [און דאָרט פרשה ל], ביז „בשרו — מע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ישמעאל האָט תשובה געטאָן", ביז אַהער)[4].

(ד, יט) וחצרון — און חצרון האָט געבאָרן רמען. אָבער איז ניט ירחמאל געווען דער ערשטער זון, [ווי אין פסוק שטייט (דברי הימים א, ב, ט): ובני חצרון — און די זין פון חצרונען וואָס זיינען אים געבאָרן געוואָרן: ירחמאל, און רם, און כלובי?[5] נייערט, ווייל ער האָט גענומען אַ כנענישע ווייב זיך צו קרוינען מיט איר, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק כו): ותהי — און ירחמאל האָט געהאַט נאָך אַן אַנדער ווייב, און איר נאָמען איז געווען עטרה[6].

ורם — און רם האָט געבאָרן עמינדבן, — — — [און נחשון האָט געבאָרן שלמהן], און שלמון — — — [פאַרוואָס הייסט ער צוערשט שלמה, און נאָכדעם — שלמון?] נייערט ביז אַהער האָבן זיי געפירעמט לייטערס[7] פאַר נשיאים[8], פון איצט און ווייטער האָבן זיי געפירעמט לייטערס פאַר מלכים[9].

## ג

ר׳ יצחק האָט אָנגעהייבן:[1] [אין פסוק שטייט] (תהלים מ, ח): אז אמרתי — דעמאָלט האָב איך געזאָגט, אָט בין איך געקומען: געדאַרפט האָב איך צו זאָגן שירה דערפאַר וואָס איך בין געקומען (און אַז מיינט ניט אַנדערש,

# פרשה ח

א

[פתיחתא]

ר׳ אבא בר כהנא פתח (תהלים ד׳): רגזו ואל תחטאו. אמר דוד לפני הקב״ה: „עד אימתי הם מתרגזים עלי ואומרים: לא פסול משפחה הוא? ולא מרות המואביה הוא? אמרו בלבבכם על משכבכם, — אף אתם לא באתם משתי אחיות? אתם ראו מה עיקרכם, ודומו סלה. ואף תמר, שלקחה יהודה זקנכם, לא (מ)פסול משפחה הוא? (אלא) [ולא] בתו של שם בן נח? מה אתם יש לכם יוחסים?״

ר׳ יעקב בר אביה אמר: ארגיז יצרך ואל תחטא. ורבנן אמרין: אכעיס יצרך ולא תחטא.

ב

(ד, יח) ואלה תולדות פרץ, — א״ר אבא: כל מקום שנאמר אלה פסל את הראשונים; ואלה — מוסיף על הראשונים, וגו׳ (כדאיתא בבראשית רבה פרשה י״ב [ושם פרשה ל׳], עד „בשרו שישמעאל עשה תשובה״, עד כאן).

(ד, יט) וחצרון הוליד את רם, — ולא ירחמאל היה בן קדמאי: ובני חצרון אשר נולד לו את ירחמאל ואת רם ואת כלובי? אלא שנשא אשה כנענית להתעטר בה, דכתיב (דברי הימים א׳ ב׳): ותהי אשה אחרת לירחמאל, ושמה עטרה.

ורם הוליד את עמינדב — — — [ונחשון הוליד את שלמה], ושלמון, וגו׳, — [למה שלמה — ושלמון?] אלא עד כאן סולמות לנשיאים, מכאן ואילך עשו סולמות למלכים.

ג

ר׳ יצחק פתח (תהלים מ׳): אז אמרתי, הנה באתי, — שירה הייתי צריך לומר שבאתי — ואין אז אלא שירה, שנאמר (שמות

---

א. [1] רגזו קאָן אויך מיינען צערנט. [2] פון וועלכן איר שטאַמט אָפּ (אַזוי לויטן דרש). [3] רחל און לאה, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט איין מאַן, וואָס שפּעטער איז עס פאַרבאָטן געוואָרן (ויקרא יח, יח). [4] דען זי איז געווען יהודהס שנור. [5] עמענדירט לויטן רד״ל און לויט משנת דר׳ אליעזר. [6] די טאָכטער פון א כוהן, און דער חטא איז געווען נאָך גרעסער (עץ יוסף. — זע אויך בראשית רבה פה, י).

ב. [1] אין דער ווילנער אויסגאַבע פון תרצ״ח איז די פרשה ניט צעטיילט אויף סימנים. צוליב דעם אָבער וואָס דאָ טיילן זיך אויס צוויי פּתיחתות, צום אָנהייב און צום סוף, האָבן מיר זי איינגעטיילט אין דריי סימנים, לויט דער אויסגאַבע פון תרג״ז (מיטן עץ יוסף).

נייערט שירה, ווי דער פסוק זאָגט (שמות טו, א): אָז — דעמאָלט האָט געזונגען משה), — געווען בין איך אין כלל פון לא יבא — עס זאָל ניט קומען [קיין עמונישער און קיין מואבישער אין דער עדה פון גאָט], אָבער איך בין געקומען. (תהלים דאָרט) במגילת ספר — אין אַ מגילה און אין אַ ספר [2] איז פאַרשריבן וועגן מיר, — אין אַ מגילה (איכה א, י): אשר צוית — די וואָס דו האָסט באַפוילן, זיי זאָלן ניט אַריינקומען אין דיין עדה; אין אַ ספר (דברים כג, ד): לא יבא — עס זאָל ניט אַריינקומען קיין עמונישער און קיין מואבישער. אָבער ניט גענוג וואָס איך בין אַריינגעקומען, נייערט אין אַ מגילה [3] און אין אַ ספר איז געשריבן וועגן מיר, — אין אַ מגילה: פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, [שלמה], בועז, עובד, ישי, דוד; אין אַ ספר (שמואל א, טז, יב): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט: שטיי אויף, זאַלב אים, וואָרום דאָס איז ער.

ר׳ הונא זאָגט: אין פסוק שטייט (בראשית ד, כה): כי שת לי — וואָרום גאָט האָט מיר באַשערט אַן אַנדער זאָמען, — אַ זאָמען וואָס קומט פון אַן אַנדער אָרט, און ווער איז דאָס? דאָס איז דער מלך המשיח [4].

ר׳ ברכיה און ר׳ סימון [האָבן געזאָגט]: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס איז געגאַנגען פון איין אָרט צו אַן אַנדערן, און ס׳איז אים אַראָפּגעפאַלן אַ פּערל פון [דער קרוין אויף] זיין קאָפּ. איז דער מלך דאָרט געבליבן שטיין מיט זיין גאַנצער סוויטע. האָבן די פאַרבייגייערס געזאָגט: „וואָס טוט דאָ דער מלך מיט זיין גאַנצער סוויטע?״ אַז זיי האָבן דערזען האָבן זיי געזאָגט: „ס׳איז אים אַראָפּגעפאַלן אַ פּערל פון קאָפּ״. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט צונויפגעזאַמלט דעם זאַמד [אין הויפנס] און האָט געבראַכט זיפּן, און האָט דורכגעזיפּט דעם ערשטן הויפן, און האָט אים ניט געפונען; דעם צווייטן, און האָט אים ניט געפונען; דעם דריטן, און האָט אים געפונען. האָבן זיי געזאָגט: „דער מלך האָט געפונען זיין פּערל״. אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אברהמען (בראשית יב, א): לך לך — גיי דיר, אויף דיר האָב איך אויסגעקוקט; וואָס איז מיר געווען נויטיק אויסצורעכענען דעם יחוס פון שם, ארפכשד, שלח, עבר, פלג, רעו, שרוג, נחור, תרח? נאָר צוליב דיר (דברי הימים א, א, כז): אברם הוא אברהם — אברם, דאָס איז אברהם; (נחמיה ט, ח) ומצאת — און דו האָסט געפונען זיין האַרץ געטריי פאַר דיר. אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו דודן: וואָס איז מיר געווען נויטיק אויסצורעכענען דעם יחוס פון פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, שלמון, בועז, עובד, ישי, — ניט צוליב דיר? (תהלים פט, כא) מצאתי — איך האָב געפונען דוד מיין קנעכט!

---

מיט אַ קליינער ענדערונג אין סימן ב. [2] ער הייבט אָן אַ נייעם חשבון, אָנדייטנדיק, אַז די פריערדיקע זיינען ניט פון דעם זעלבן ווערט. [3] ד״ה: די פריערדיקע און די איצטיקע זיינען פון איין הויכער מדרגה, און אַזוי איז פרץ און זיינע נאָכפאָלגער פון דערזעלבער הויכער מדרגה ווי זייערע אבות. [4] דער טעקסט אין די קלאַמערן איז משמעות אַ צושריפט פון אַן איבערשרייבער, וואָס האָט זיך געוואָלט פאַרשפּאָרן די אַרבעט פון קאָפּירן דעם גאַנצן טעקסט ווי ער איז אין בראשית רבה ל, ג—ד (מיר האָבן אין דעם

געענדיקט מדרש רות רבה בעזרת השם יתברך

ט״ו): אז ישיר משה — **מכלל לא יבא הייתי, ובאתי.** (תהלים מ׳) במגלת ספר כתוב עלי, — **במגלה** (איכה א׳): אשר צוית, לא יבאו בקהל לך; **בספר** (דברים כ״ג): לא יבא עמוני ומואבי. **ולא דיו שבאתי, אלא במגלה ובספר כתוב עלי, — במגלה:** פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, [שלמה], בועז, עובד, ישי, דוד; **בספר** (שמואל א׳, ט״ז): ויאמר ה׳: קום משחהו, כי זה הוא.

**רב הונא אומר: כתיב** (בראשית ד׳): כי שת לי אלהים זרע אחר, **זרע הבא ממקום אחר. ואיזה זה? זה מלך המשיח.**

**ר׳ ברכיה ור׳ סימון: משל למלך שהיה עובר ממקום למקום ונפלה מרגלית מעל ראשו; עמד המלך וכל פמליא שלו שם. והיו עוברים ושבים אומרים: „מה טיבו של מלך וכל פמליא שלו כאן?״ ראו, אמרו: „נפלה מרגלית מעל ראשו״. מה עשה? צבר את העפר והביא מכברות וכבר את הצבור האחד, ולא מצאה; והשני, ולא מצאה; והשלישי ומצאה. אמרו: „מצא המלך את מרגליתו״. כך הקב״ה אמר לאברהם:** לך לך, — **לך הייתי מצפה; מה צורך היה לי לייחס** שם, ארפכשד, שלח, עבר, פלג, [רעו, שרוג,] נחור, תרח? **אלא בשבילך** (דברי הימים א׳): אברם הוא אברהם; (נחמיה ט׳) ומצאת את לבבו נאמן לפניך. **כך אמר הקב״ה לדוד: מה צורך היה לי ליחס** פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, שלמון, בעז, עובד, ישי, — **לא בשבילך?** מצאתי דוד עבדי!

---

איבערשרייבערס באַמערקונג צוגעגעבן „ושם פרשה ל״, וואָס ער האָט מיט אַ טעות אַרויסגעלאָזט, און האָט דורכדעם זיין אייגענע באַמערקונג געמאַכט אומפאַרשטענדלעך, ווייל אין פרשה יב (סימן ג) געפינט זיך נאָר אַ טייל פון דער דרשה. זע מהרז״ו). [5] לויטן מהרז״ו איז די קשיא, פאַרוואָס האָט ירחמאל, דער בכור, ניט זוכה געווען, אַז פון אים זאָל אַרויסקומען דוד. [6] אַ קרויז, און דאָס וואָרט אחרת, אַן אַנדערע, ווערט פאַרשטאַנען ווי אַ פרעמדע, ניט קיין יידישע. [7] סולמות — שלמה, שלמון. [8] עלטסטע, שופטים. [9] ביז שלמהן זיינען פון דער משפחה אַרויסגעקומען נאָר נשיאים; בועזן איז אָבער אָנגעדייט געוואָרן, אַז פון אים וועלן אַרויסקומען מלכים. — דער דרש איז געבויט אויף דער ענדערונג וואָס איז אַריין אין שלמהס נאָמען, — די ענדונג — ון איז אַ פאַרגרעסערונגס פאָרם, צו ווייזן, אַז פון איצט און ווייטער איז די מדרגה אַ העכערע.

ג. [1] לעולם וואָלט די פתיחתא געדאַרפט קומען, ווי געוויינלעך, צום אָנהייב פון דער פרשה, פאַר אָדער נאָך דער פתיחתא פון ר׳ אבא בר כהנא. דער מסדר פונעם מדרש האָט אָבער, ווייזט אויס, געוואָלט פאַרענדיקן דעם ספר מיט דער פאַטעטישער נאָטע פונעם פסוק: מצאתי דוד עבדי. [2] אַזוי, לויטן דרש. [3] מגילת רות. [4] רב הונא דרשנט דאָס וואָרט ספר ניט אויף נביאים, נייערט אויף דער תורה: אַזוי ווי אין דער תורה געפינט זיך דער פאַרבאָט פון לא יבוא, אַזוי געפינט זיך אין איר אויך אַ רמז אויפן היתר אויף דודס אַריינקומען אין דער עדה פון גאָט, און ממקום אחר, פון אַן אַנדער אָרט, ווערט געדרשנט פון אַ ניט ריין אָרט, פון אַ פסול משפחה, און חוה האָט, זיך טרייסטנדיק מיט איר זון שת, בלא יודעים נביאות געזאָגט אויף משיחן, און ממילא אויף דודן (זע מהרז״ו, בראשית רבה כג, ה; זע אויך אויבן ז, טו, באַמערקונג 4 און 5). אין בראשית רבה ווערט די דרשה געבראַכט פון ר׳ תנחום אין נאָמען פון ר׳ שמואלן.

חסל מדרש רות רבה בעזרת השם יתברך.

# זוכצעטל

**נעמען פון די דרשנים און פון אַנדערע פערזאָנען פון דער תלמודישער עפּאָכע וואָס ווערן געבראַכט אין אסתר רבה (א"ר) און רות רבה (ר"ר).**


## א

ר' אבא: ר"ר — 36, 160.
אבא אוריין פון ציידן: א"ר — 28.
ר' אבא בר יודן: ר"ר — 12.
ר' אבא בר כהנא: א"ר — 92; ר"ר — 58, 113, 156, 160.
ר' אבהו: ר"ר — 90, 120.
אבויה: ר"ר — 134.
ר' אבון: א"ר — 54, 100; ר"ר — 108, 120.
ר' אבין: ר"ר — 26.
אבנימוס הגרדי: ר"ר — 64.
אַדאַרכיאַן: א"ר — 65.
אדריאנוס קיסר: א"ר — 216; ר"ר — 76.
ר' אחא: א"ר — 22, 32, 34, 51, 122; ר"ר — 12, 18, 24, 40, 53, 114, 154.
ר' אחא בר שילא פון כפר תימרתא: א"ר — 146.
ר' איבו: א"ר — 52, 60, 103, 128, 154, 188; ר"ר — 46, 49, 50.
ר' איבי (ר' איבו?): ר"ר — 62.
ר' אליעזר [הגדול, בן הורקנוס]: א"ר — 30; ר"ר — 23, 134, 148, 152.
ר' אליעזר בר' יוסי: א"ר — 74*.
ר' אליעזר בן יעקב: ר"ר — 120, 128.
ר' אליעזר בר מרים: ר"ר — 98.


*) מעגלעך, אַז סיי דאָ און סיי אויבן, ז' 60, ווערט געמיינט ר' אלעזר בר' יוסי בן חלפתא, ווייל אין ביידע פאַלן דערציילט זיך וועגן אים, אַז ער איז געווען אין רוים, און דאָס שטימט מיט דער גמרא (מעילה יז, ב).


אלישע בן אבויה: ר"ר — 132-138.
ר' אלכסנדרי: ר"ר — 146, 148.
ר' אלעזר בר' יוסי: א"ר — 60; ר"ר — 148.
ר' אלעזר המודעי: א"ר — 134.
ר' אלעזר [בן פדת]: א"ר — 34, 48, 66; ר"ר — 12, 140.
ר' אלעזר (בן ר' שמעון בן יוחאי): א"ר — 96.
ר' אמי: א"ר — 113, 122.
אנטונינוס: א"ר — 62.
ר' אסי: א"ר — 122.

## ב

ר' ביבי: א"ר — 56, 77; ר"ר — 57.
ר' ביבי בר אבונא: א"ר — 80.
ר' בניא: ר"ר — 36.
ר' בנימין בר' לוי: א"ר — 82, 83, 152.
ר' בצלאל: ר"ר — 34.
ברבוהין: א"ר — 70.
בר־יוחני: א"ר — 74.
ר' ברכיה: א"ר — 16, 30, 36, 44, 46, 50, 52, 68, 70, 100, 140, 142, 146, 218; ר"ר — 23, 28, 36, 40, 68, 92, 96, 115, 130, 142, 148, 156, 162.
בר לופייני: א"ר — 72.
בר קפרא: ר"ר — 67, 84, 96, 106, 120, 142.

## ג

רבן גמליאל: א"ר — 28.

## ד

ר' דוסא: ר"ר — 40.
ר' דרוסא: ר"ר — 15.

## ה

ר' הונא: א"ר — 22, 24, 25, 34,

51, 52, 58, 66, 80, 83, 94, 100, 104, 112, 118, 124, 130; ר״ר — 12, 34, 36, 40, 74, 110, 147, 162.
ר׳ הושעיא [זעירא]: א״ר — 112.
ר׳ הושעיא רבה: א״ר — 57, 58.

ז

ר׳ זבדא דער איידים פון ר׳ לוין, ר״ר — 58.

ח

ר׳ חוניא: א״ר — 90; ר״ר — 58, 106, 140, 142, 158.
חזקיה: א״ר — 68.
ר׳ חייא: א״ר — 22, 30, 70, 72, 78, 140, 220; ר״ר — 23, 36, 40, 82, 105, 124.
ר׳ חייא בר אבא: א״ר — 66, 68.
ר׳ חייא בר ינאי: א״ר — 156.
ר׳ חייא רבה — זע ר׳ חייא
ר׳ חיסדא: ר״ר — 74.
ר׳ חלבו: א״ר — 56, 68, 70, 144, 212; ר״ר — 40, 95.
ר׳ חלקיה: א״ר — 52, 114.
ר׳ חמא בר גוריא: א״ר — 104, 140.
ר׳ חמא בר גוריון — זע ר׳ חמא בר גוריא.
ר׳ חמא בר׳ חנינא: א״ר — 22, 24; ר״ר — 58.
ר׳ חמא דער פאָטער פון ר׳ הושעיא: ר״ר — 44.
ר׳ חנין: א״ר — 188.
ר׳ חנין בר אדא: א״ר — 120.
ר׳ חנין בר לוי: ר״ר — 122.
ר׳ חנינא דער זון פון ר׳ אבהו: א״ר — 116; ר״ר — 56, 66.
ר׳ חנינא בר אדא: א״ר — 27; ר״ר — 64.
ר׳ חנינא דער זון פון ר׳ אחא: א״ר — 96.
ר׳ חנינא: ר״ר — 11, 26, 58, 61, 96, 123, 150, 152.
ר׳ חנינא (בר חמא): א״ר — 48, 116, 138.
ר׳ חנינא בר יצחק: א״ר — 86.
ר׳ חנינא בר עטל: א״ר — 76.
ר׳ חנינא בר פפא: א״ר — 76; ר״ר — 124.
ר׳ חנינא בר שילקא: א״ר — 130.
ר׳ חנן: א״ר — 164.
ר׳ חננאל: א״ר — 62.
ר׳ חנניה: ר״ר — 94.

ט

טראכינוס: א״ר — 18, 20.
ר׳ טרפון: א״ר — 134.

י

ר׳ יהודה (בר׳ סימון? ר׳ יודן?): א״ר — 36, 44, 62, 76, 78, 150; ר״ר — 28, 46, 50, 62, 140, 158.
ר׳ יהודה בר׳ אלעאי: א״ר — 126.
ר׳ יהודה הנחתום: ר״ר — 136.
ר׳ יהודה [נשיאה]: א״ר — 112; ר״ר — 126.
ר׳ יהודה בר׳ סימון: א״ר — 20, 22, 28, 36, 44, 58, 66, 68, 90, 118, 120, 190; ר״ר — 10, 18, 28, 44, 46, 50, 52, 62, 84, 92, 93, 94, 144, 148, 152.
ר׳ יהודה בן (שמעון, בן) פזי — זע ר׳ יהודה בר׳ סימון.
ר׳ יהושע בר׳ אבין: ר״ר — 58, 84.
ר׳ יהושע בר אבירם: א״ר — 132.
ר׳ יהושע [בן חנניא]: א״ר — 216; ר״ר — 76, 119, 134, 148.
ר׳ יהושע בן יהוצדק: ר״ר — 56.
ר׳ יהושע בן לוי: א״ר — 100; ר״ר — 34, 44, 54, 89, 96, 132.
ר׳ יהושע פון סיכנין: א״ר — 130; ר״ר — 118.
ר׳ יהושע בן קרחה: א״ר — 44, 98; ר״ר — 54.
ר׳ יודא (בר׳ סימון? ר׳ יודן?); א״ר — 54, 143.
ר׳ יודא בר׳ סימון — זע ר׳ יהודה בר׳ סימון.
ר׳ יודה בר סימון — זע ר׳ יהודה בר סימון.
ר׳יודן: א״ר — 52, 100, 104; ר״ר — 12, 59, 68.
ר׳ יודן בר׳ חנינא: ר״ר — 66.
ר׳ יודן בר׳ סימון — זע ר׳ יהודה בר׳ סימון.
ר׳ יודן בן פזי — זע ר׳ יהודה בר׳ סימון.

ר' יוחאי בר חנינא: ר"ר — 112.
ר' יוחנן: א"ר — 20, 24, 28, 52, 70, 78, 100, 102, 104, 106, 116, 130, 138, 140, 152, 172; ר"ר — 10, 12, 22, 28, 34, 56, 62, 66, 74, 76, 78, 96, 104, 110, 118, 120, 131, 152, 154.
ר' יונה: ר"ר — 116.
ר' יונתן: א"ר — 36, 90, 105, 140; ר"ר — 48, 96, 116.
ר' יוסי: א"ר — 94; ר"ר — 64, 108, 120, 139, 152.
ר' יוסי בר אבין: ר"ר — 150.
ר' יוסי בן זמרא: א"ר — 128.
ר' יוסי בן חלפתא: ר"ר — 56.
ר' יוסי בר' חנינא: א"ר — 86, 92, 152; ר"ר — 48.
ר' יוסי בר קצרת: א"ר — 108.
ר' יוסף: ר"ר — 106.
ר' ינאי: א"ר — 68; ר"ר — 93.
ר' יעקב: ר"ר — 104.
ר' יעקב בר אבא: א"ר — 34.
ר' יעקב בר אבדימי: ר"ר — 34.
ר' יעקב בר אביה: ר"ר — 160.
ר' יעקב בר אבינא: א"ר — 88, 102.
ר' יעקב בר אחא: א"ר — 142.
ר' יצחק (נפחא): א"ר — 18, 22, 26, 48, 56, 66, 77, 80, 90, 100, 114, 118, 132, 178; ר"ר — 66, 68, 92, 116, 160.
ר' יצחק בר מריון: ר"ר — 48, 116, 118.
ר' יצחק בן קצרתא: ר"ר — 116.
ר' יצחק בר רדיפה: א"ר — 122.
ר' ירמיה: א"ר — 88, 140; ר"ר — 94, 142.
ר' ישמעאל: א"ר — 178.

כ

ר' כהן: א"ר — 56; ר"ר — 118.
ר' כהן דער ברודער פון ר' חייא בר אבא: א"ר — 48.
ר' כרוספדאי: א"ר — 172.

ל

ר' לוי: א"ר — 22, 24, 26, 44, 46, 47, 52, 54, 68, 78, 92, 100, 118, 130, 139, 142, 146, 148, 154, 184, 186; ר"ר — 36, 37, 40, 67, 104, 114, 115, 118, 128, 153, 154.
ר' לוי בר חיתא: ר"ר — 113.
ר' לוליאני: ר"ר — 22.

מ

ר' מאיר: א"ר — 100; ר"ר — 54, 56, 64, 132־138, 142.
ר' מיאשא, ר' יהושעס איניקל: ר"ר — 74.
ר' מנחם בר אבין: ר"ר — 50.
ר' מנחם, דער איידעם פון ר' אליעזר בן אבינה: א"ר — 88.
ר' מנחמא: ר"ר — 53, 84.
ר' מני: א"ר — 114.
ר' מתנה: א"ר — 78.

נ

ר' נהוראי: ר"ר — 88.
ר' נחמיה: א"ר — 44, 54, 62, 76, 78, 144; ר"ר — 20, 46, 50, 158.
ר' נחמן: ר"ר — 120.
ר' ניסא פון קיסריה: א"ר — 78.
ר' נחמן: א"ר — 78.
ר' נתן: א"ר — 64, 104.
ר' נתן פון בית גוברין: א"ר — 120.

ס

ר' סימון (ר' שמעון בן פזי): א"ר — 52, 76, 108, 114; ר"ר — 15, 44, 62, 68, 74, 124, 142, 162.

ע

ר' עזריה: א"ר — 56, 122; ר"ר — 48, 62, 84.
ר' עקיבא: א"ר — 54; ר"ר — 34, 128, 132, 134, 135, 136.
עקילס: א"ר — 77.

פ

ר' פינחס: א"ר — 24, 25, 52, 54, 62, 80, 104, 114, 118, 126, 140, 150, 152, 214, 216; ר"ר — 128, 148.
ר' פינחס בר חמא: ר"ר — 126.

ק

ר' קריצפה: ר"ר — 96.

ר

ר' ראובן: ר"ר — 57, 68.
רב: א"ר — 16, 20, 40, 76, 82, 86,

104, 112, 116, 118, 140; ר״ר — 34, 96, 153, 154.
רבי (ר׳ יהודה הנשיא): א״ר — 62; ר״ר — 82, 118, 138.
רבי... דער זון פון ר׳ נחמיה: ר״ר — 56.
ריש לקיש — זע ר׳ שמעון בן לקיש.

ש

ר׳ שילה פון נוה: ר״ר — 120.
שמואל: א״ר — 40, 76, 78, 90, 112, 116, 118.
ר׳ שמואל: א״ר — 40, 116; ר״ר — 24, 28, 40, 114, 158.
ר׳ שמואל בר אבא: ר״ר — 56.
ר׳ שמואל בר אימי: א״ר — 62.
ר׳ שמואל בר׳ יצחק: א״ר — 36, 88; ר״ר — 94, 132, 142, 147.
ר׳ שמואל בר נחמן: א״ר — 20, 30, 36, 42, 52, 66, 78, 80, 82, 102, 104, 105, 120, 139; ר״ר — 28, 48, 59, 62, 66, 89, 90, 95, 104, 122, 140, 148, 150, 154.
ר׳ שמואל בר נחמני — זע ר׳ שמואל בר נחמן.
ר׳ שמואל בר׳ סימון: ר״ר — 84.
ר׳ שמלאי: ר״ר — 123.
ר׳ שמעון: א״ר — 126.
ר׳ שמעון בר׳ אבא: א״ר — 36, 104; ר״ר — 28, 78, 96, 118.
ר׳ שמעון בן אלעזר: ר״ר — 40, 46.
ר׳ שמעון בר בא — זע ר׳ שמעון בר אבא.
ר׳ שמעון בן גמליאל: ר״ר — 40.
ר׳ שמעון בן חלפתא: א״ר — 78, 220; ר״ר — 82, 118, 124.
ר׳ שמעון בן יוחאי: א״ר — 18, 20, 74, 96; ר״ר — 12, 44, 46, 156.
ר׳ שמעון בן יוסי בן לקוניא: א״ר — 156.
ר׳ שמעון בר׳ ינאי: א״ר — 102.
ר׳ שמעון בן לקיש: א״ר — 28, 138, 168; ר״ר — 12, 22, 74, 82, 120, 131, 132, 154, 158.
ר׳ שמעון דער זון פון רבי (יהודה הנשיא): ר״ר — 106.

ת

ר׳ תחליפא בר בר חנה: א״ר — 44, 78, 80.
ר׳ תנחום: א״ר — 206.
ר׳ תנחומא: א״ר — 30, 68, 108, 164; ר״ר — 23, 68, 69, 84, 93, 116, 158.

---

## שליסל צו די געבליבענע ראשי תבות

או״ה — אומות העולם
א״י — ארץ ישראל
א״ל — אמר לו, אמרו לו, אמר להם
אע״פ — אף על פי
א״ר — אמר ר׳...
בה״מ — בית המקדש
ד״א — דבר אחר
הה״ד — הדא הוא דכתיב
הקב״ה — הקדוש ברוך הוא
וגו׳ — וגומר
ח״ו — חס ושלום
ט״ב — ט׳ באב
כהה״ד — כהדא הוא דכתיב
כמד״א — כמה דאת אמר
עאכ״ו — על אחת כמה וכמה
רבש״ע — רבונו של עולם
ר״ל — ריש לקיש
ר״ע — ר׳ עקיבא

## אַ האַרציקע דאַנקזאָגונג —

מיינע טייערע פריינט און חברים: י. בערמאַן, פּראָפ. א. לערמער, י. עלבערג, ל. ראָסקיס און דר׳ א. שטילמאַן, דער קאָמיטעט פונעם מדרש פאָנד, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל חברישער איבערגעבנקייט מעגלעך געמאַכט דאָס אַרויסגעבן דעמדאָזיקן ספר;

מיינע גוטע פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך אַזוי וואַרים און ברייטהאַרציק אָפּגערופן אויפן רוף פונעם מדרש־פאָנד קאָמיטעט;

מיין זון, מנחמען, פאַר צייכענען דאָס שער בלאַט צום ספר.